STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11042

GESHIKHTE

N. M. Nikolskii

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אקאד. נ. מ. ניקאָלסקי

געשיכטע

די פארקלאסנדיקע געזעלשאפט
דער אוראלטער מיזרעכ
די אנטיקע וועלט

לערנבוכ פאר דער מיטלשול

5-טער לערניאָר

פונעם רוסישנ לערנבוכ, וואָס איז דערלויבט
פונ דער קאָלעגיע פונ פאָלקאָמבילד רספּסר
איבערגעזעצט או. פינקעל

דער טעקסט פונ דער איבערזעצונג איז באשטעטיקט
פונעם נאציאָנאליטעטנ־קאָמיטעט לויטנ אופטראג
פונ דער קאָלעגיע פונ פאָלקאָמבילד רספּסר

פארלאג „עמעס“
מאָסקווע
1933

פונ פארלאג

1

(צו דער רוסישער אויסגאבע)

א לערנבוך פאר אוראלטער געשיכטע פאר דער מיטלשול ווערט ארויסגעגעבנ צומ ערשטנ מאָל. אינ צוזאמענהאנג מיט די שוועריקייטנ באמ צונויפשטעלנ אזא לערנבוך אונ מיט דער נייטיקייט דורכצוקאָנטראָלירנ אימ אפ דער פראקטישער ארבעט אינ שול, איז דער דאָזיקער לערנבוך אמנ נאָענטסטנ לערניאָר דערלויבט געוואָרנ פונ דער קאָלעגיע פונ פאָלקאָמבילד, קעדיי נאָכ דעמ, ווי אינ אימ וועלנ ארײַנגעטראָגנ ווערנ אלע נייטיקע צוגאָבנ אונ ענדערונגענ, זאָל ער פארוואנדלט ווערנ אינ א סטאבילנ.

.2

(צו דער ייִדישער אויסגאבע)

די פאראגראפנ 49 (ייִסראָעל אונ יעהודע), 50 (די פעאָדאלע אָרדענונג פונ ייִסראָעל אונ יעהודע), 51 (די פעאָדאלע רעליגיע), 52 (דער קלאסנקאמפ אינ ייִסראָעל אונ יעהודע), 53 (די רעליגיע אינ קאמפ קעגנ דער פויערישער רעוואָליוציע) אונ א טייל פונעמ פאראגראפ 54 האָט דער אקאדעמיקער נ. מ. ניקאָלסקי, לויטנ אופטראג פונעמ „עמעס"-פארלאג, אָנגעשריבנ ספּעציעל פאר דער ייִדישער אויסגאבע פונעמ לערנבוך.

די צוגאָבנ זײַנענ באשטעטיקט פונ פאָלקאָמבילד רכפסר.

* *
*

צוליב טעכנישע סיבות, ווערנ די אלע טיילנ פונעמ טעקסט, וואָס האָבנ געדארפט זײַנ געדרוקט מיט קליינעמ שריפט (פעטיט), געדרוקט מיטנ זעלביקנ שריפט, נאָר געדיכטער, אינ אָנהייב אונ צומ סאָפ פונ יעדנ טעקסט אזא איז—אפ אָפּצוטיילנ עס פונעמ איבעריקנ טעקסט—אװעקגעשטעלט א פעטער פונקט (●).

Редактор М. Литваков. Тех. ред. И. Тененбаум. Корректор М. Иткович
Сдано в производство 1/VII-33. Подписано к печати 14/VIII-33.
Формат бумаги 62×94 1/16, 16 1/2 п. л. 52.000 п. зн. в п. л.
„Эмес" 245. Тираж 16.000 экз. Уп. Главлита В-57827.

Типография Издательства „Эмес", Покровка, 9. Зак. № 606.

I. ארײַנפיר

1. וואָס איז אזוינס געשיכטע? די פעלקער פונ אונדזער פארבאנד לעבנ איצט ניט אזוי, ווי זיי האָבנ געלעבט ביז דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. ביז דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע איז קיינ ראטנמאכט ניט געווענ, עס איז געווענ צארישע מאכט. דעמאָלט האָבנ די ארבעטער אונ פויערימ געלעבט אינ אָרעמקײַט אונ נויט, זיי זײַנענ געווענ געצווונגענ צו ארבעטנ אפ די קאפיטאליסטנ אונ גוטבאזיצער, זיי האָבנ קיינ שום רעכט ניט געהאט אינ דער אָנפירונג מיט דער מעלוכע. אונ איצט זײַנענ אינ אונדזער פארבאנד קיינ גוטבאזיצער אונ קיינ קאפיטאליסטנ ניטאָ. די אָקטיאבער-רעוואָליוציע האָט אראָפגעוואָרפנ די הערשאפט פונ די גוטבאזיצער אונ די קאפיטאליסטנ אונ האָט בא זיי אָפגענומענ די אָנגערויבטע רײַכטימער. די אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט איבערגעגעבנ די גאנצע מאכט די ארבעטער אונ ארבעטנדיקע פויערימ, וואָס אונטער דער אָנפירונג פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי, לויט לענינס געבאָטנ, בויענ זיי די סאָציאליסטישע געזעלשאפט.

הייסט עס, אז זינט דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע איז בא אונדז פאָרגעקומענ א גוואלדיקע ענדערונג. ענדערונגענ אינ לעבנ פונ די מענטשלעכע געזעלשאפטנ פלעגנ פאָרקומענ אויכ פריער; זיי פלעגנ פאָרקומענ שטענדיק פונ דער צײַט אָנ, ווענ עס האָבנ זיכ אפ דער ערד באוויזנ די ערשטע מענטשלעכע געזעלשאפטנ. די דאָזיקע ערשטע געזעלשאפטנ זײַנענ ניט געווענ ענלעכ ניט אפ אונדזער סאָציאליסטישער געזעלשאפט, ניט אפ דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט. דעמאָלט איז נאָכ דאָס לעבנ פונ די מענטשנ געווענ פיל ענלעכ צומ לעבנ פונ די כײַעס. די מענטשנ האָבנ דעמאָלט ניט געהאט קיינ שום געצײַג, אויסער דרענגלעכ אונ גראָב־באארבעטע שטיינער. דעמאָלט פלעגנ די מענטשנ מיט דער גרעסטער מי אונ מיט שטענדיקער געפאר פארנ לעבנ קריגנ פאר זיכ שפײַז. זיי האָבנ געלעבט אינ ניט קיינ גרויסע גרופעס, פלעגנ אלצ ארויסקריגנ אונ מאכנ געמיינזאמ. דעמאָלט זײַנענ נאָכ ניט געווענ קיינ קלאסנ אונ קיינ קלאסנקאמפ.

געשיכטע — דאָס איז די וויסנשאפט, וועלכע דערלערנט, ווי אונ ווענ עס זײַנענ אופגעקומענ די ערשטע מענטשלעכע געזעלשאפטנ, ווי אונ ווענ עס האָט זיכ צווישנ מענטשנ באוויזנ אומגלײַכקײַט אונ עס זײַנענ אופגעקומענ קלאסנ, ווי עס האָט זיכ אינ די קלאסנ־געזעלשאפטנ אָנגעהויבנ דער קלאסנקאמפ אונ וויאזוי ער האָט זיכ געפירט אונ פירט זיכ ביז אונדזער צײַט. די דערלערנונג פונעמ קלאסנקאמפ — איז די סאמע הויפט־אופגאבע פונ געשיכטע. דער קלאסנקאמפ איז די טרײַב־קראפט

פונ דער געשיכטלעכער אנטוויקלונג, פונ אלע געשיכטלעכע ענדערונגענ, פונ אלע געשיכטלעכע געשעענישנ.

הייסט עס, די געשיכטע ניט נאָר וואָס זי דערציילט, וויאַזוי עס זײַנענ פאָרגעקומענ ענדערונגענ אינ לעבנ פונ די מענטשנ, נאָר זי דערקלערט אויכ, פארוואָס עס זײַנענ פאָרגעקומענ פארשיידענע ענדערונגענ. נאָכ מער — די געשיכטע לערנט, וואָס פאר אנ ענדערונגענ עס דארפנ פאָרקומענ אונ וועלנ פאָרקומענ אינ דער צוקונפט. אָט קומט פאָר אינ דער גאנצער קאפיטאליסטישער וועלט א קריזיס. דער דאָזיקער קריזיס איז פאָרויסגעזאָגט געוואָרנ פונ אונדזער מארקסיסטישער היסטאָרישער וויסנשאפט. די דאָזיקע וויסנשאפט זאָגט אויכ פאָרויס, אז די קאפיטאליסטישע אָרדענונג וועט סײַ אינ אייראָפּע, סײַ אינ אמעריקע, סײַ אינ אנדערע לענדער אינגיכנ פאלנ. אויכ דאָרטנ דארפ פאָרקומענ א פראָלעטארישע רעוואָליוציע אזא, ווי עס איז פאָרגעקומענ בא אונדז אינ אָקטיאבער 1917.

אזא פינקטלעכקײַט, אזא פולקומקײַט האָט די געשיכטלעכע וויסנשאפט דערגרייכט אדאנק די ווערק פונ די געניאלע געלערנטע — מארקס, ענגעלס אונ לענינ. מארקס, ענגעלס אונ לענינ זײַנענ ניט נאָר געניאלע געלערנטע, נאָר אויכ געניאלע רעוואָליוציאָנערנ. אונ טאקע דערפאר, וואָס זיי זײַנענ געווענ רעוואָליוציאָנערנ אונ האָבנ געשיכטע ניט אָפּגעשיידט פונ קלאסנקאמפ, האָבנ זיי פארשטאנענ, וויאַזוי, פארוואָס אונ וווהינ עס גייט די געשיכטע, אונ האָבנ געשאפנ די איינציק־ריכטיקע מארקסיסטישע געשיכטלעכע וויסנשאפט. די מארקסיסטישע געשיכטלעכע וויסנשאפט האָט דערפאר א קאָלאָסאלע פראקטישע באדײַטונג. זי העלפט אונדז בויענ דעמ סאָציאליזמ. זי העלפט די אויסלענדישע פראָלעטאריער קעמפנ קעגנ דער אונטערדריקערישער קאפיטאליסטישער אָרדענונג. זי וועט זיי העלפנ דורכמאכנ די זיגרײַכע פראָלעטארישע רעוואָליוציע אונ פארכאפּנ די מאכט, ווי דאָס האָבנ געטאָנ אונדזערע פראָלעטאריער אונטער דער אָנפירונג פונ מארקס אונ ענגעלסעס געניאלנ שילער — וולאדימיר איליטש לענינ.

2. קלאסנקאמפ אינ דער געשיכטע. די גאנצע געשיכטע פונ די מענטשלעכע געזעלשאפטנ, זינט עס האָבנ זיכ אויסגעבילדעט קלאסנ, איז אָנגעפילט מיט שטענדיקנ אונ אקשאָנעסדיקנ קלאסנקאמפ. די אונטערדריקער אונ אונטערדריקטע האָבנ זיכ געפונענ אינ שטענדיקער פײַנטשאפט איינער מיט דעמ אנדערנ, האָבנ געפירט אָט א פארבאָרגענעמ, אָט אנ אָפענעמ קאמפ. ווענ די קלאסנ־ווידערשפרוכנ פלעגנ באזונדערס פארשארפט ווערנ, פלעגט דער קלאסנקאמפ פארוואנדלט ווערנ אינ א באוואָפנטנ קאמפ צווישנ די אונטערדריקער אונ אונטערדריקטע. עס פלעגנ פאָרקומענ רעוואָליוציעס, וואָס פלעגנ ברענגענ צו א ראדיקאלער איבערבויונג פונ דער געזעלשאפט. אזוי איז די פעאָדאלע אָרדענונג, וואָס האָט עקזיסטירט אינ אייראָפּע ביז דער קאפיטאליסטישער אָרדענונג, אינ די אייראָפּעיִשע לענדער פארניכטעט געוואָרנ דורכ רעוואָליוציעס.

ווענ עס האָט זיכ אויסגעבילדעט די קאפיטאליסטישע אָרדענונג, האָט דער קלאסנקאמפ אָנגענומענ א באזונדערס פארביטערטנ כאראקטער. קעגנ דער בור-

זשואזיע האָט אָנגעהויבן פירן א קאמפ דער אינדוסטריעלער פראָלעטאריאט. דער פראָלעטאריאט אין די קאפּיטאליסטישע לענדער האָט קיין זאך ניט אויסער זײַנע ארבעט־הענט און די קייטן, אין וועלכע עס האָט אים אײַנגעשמידט די עקספּלואטאציע פון די קאפּיטאליסטן. דער פראָלעטאריאט קעמפט פאר דער פארניכטונג פון דעם קאפּיטאליזם—פאר דער פארניכטונג פון פריוואט־אייגנטום אפ ערד און אפ קאפּיטאלן, פאר דער פארניכטונג פון דער עקספּלואטאציע פון מענטש דורך מענטש, פאר דער פארניכטונג פון די קלאסן, פאר אויסבויען אן אָנקלאסנדיקע סאָציאליסטישע געזעלשאפט. ער וועט עס דערגרייכן דורך א פראָלעטארישער רעוואָליוציע און דורך אײַנשטעלן די דיקטאטור פונעם פראָלעטאריאט.

אין אונדזער פארבאנד האָט דער פראָלעטאריאט אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פארטיי געמאכט די גרעסטע אין דער וועלט אָקטיאבער־רעוואָליוציע. איצט בויט דער פראָלעטאריאט אין אונדזער פארבאנד אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פארטיי און איר פירער כ' סטאלין, דעם בעסטן שילער פון מארקס, ענגעלס און לענין, די אָנקלאסנדיקע קאָמוניסטישע געזעלשאפט. אויך אין די לענדער, וואָס געפינען זיך נאָך אונטערן יאָך פון קאפּיטאל, פירן די קאָמוניסטישע פארטייען אָן מיטן רעוואָליוציאָנערן קאמף פונעם פראָלעטאריאט און פון אלע ארבעטנדיקע. דער אָנפירנדיקער שלאכט־שטאב פונעם רעוואָליוציאָנערן קאמף פון אלע קאָמוניסטישע פארטייען איז דער קאָמוניסטישער אינטערנאציאָנאל.

דער קריזיס צעטרייסלט איצט די קאפּיטאליסטישע וועלט. אויך דאָרטן רוקט זיך אָן דער לעצטער אנטשיידענער שלאכט צווישן דער בורזשואזיע און דעם פראָלעטאריאט. ווען דער דאָזיקער שלאכט וועט אויסברעכן, ווען די פראָלעטאריער וועלן אומוואלגערן די מאכט פון די עקספּלואטאטארישע קלאסן, דאן וועט דער סאָציאליזם זיגן אין דער גאנצער וועלט.

3. פונוואנען ווייסן מיר וועגן דער פארגאנגענהייט. קעדיי צו פארשטיין, וויאזוי עס זײַנען אנטשטאנען די קלאסן, וויאזוי עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קלאסנקאמף, וויאזוי ער האָט זיך אנטוויקלט, וויאזוי ער ברענגט צו א פראָלעטארישער, סאָציאליסטישער רעוואָליוציע, דארף מען דערלערנען געשיכטע. מע דארף דערלערנען געשיכטע פון סאמע באגינען פון דעם אויפקום פון די ערשטע מענטשלעכע געזעלשאפטן, פון דער עפּאָכע פון דער פארקלאסנדיקער געזעלשאפט.

איז פונוואנען דערוויסן מיר זיך געשיכטע? מיר דערוויסן זיך געשיכטע פון פארשיידענע אלטערטום־דענקמעלער. אייניקע דענקמעלער זײַנען שריפטלעכע. פון די אמאָליקע צײַטן און אמאָליקע פעלקער זײַנען פארבליבן פיל שריפטלעכע דענקמעלער פון אלערליי מינים—דאָקומענטן, שריפטן וועגן געשעענישן (די אזויגערופענע כראָניקעס), נאָטיצן און ווערק פון פּאָליטישע טוער, שרײַבער, געלערנטע אאוו.

די דאָזיקע שריפטלעכע דענקמעלער ווערן אײַנגעהיט אין די ארכיוון און מוזייען.

אויסער די שריפטלעכע דענקמעלער פון אלטערטום זײַנען

גאָנצ פאראנ מאטעריעלע דענקמעלער פונ אלטערטומ. דאָס זײַנענ פארשײדענע מינימ פראָדוציר-געצײַג — אינסטרומענטנ, לאנדווירטשאפטלעכע געצײַג; שטוביקע כמיצימ; געווער, באפוצונגענ, קונסט-ווערק — בילדער, סטאטועס, רעשטלעכ פונ אורראלטע געבײַדעס, — אונ, ענדלעכ, געגנשטאנדנ פונ רעליגיעזנ קולטנ. די דאָזיקע מאטעריעלע דענקמעלער ווערנ פארהיט אינ די מוזייענ. פאר דער געשיכטע האָבנ א באזונדערס וויכטיקע באדײַטונג די מאטעריעלע דענקמעלער, וואָס זײַנענ פארבליבנ פונ די צײַטנ פונ דער פארקלאסנדיקער געזעלשאפט. אינ דער פארקלאסנדיקער געזעלשאפט איז קײנ שריפט ניט געווענ, אונ דעריבער זײַנענ פאר איר געשיכטע די הויפּט-קוועלנ די מאטעריעלע דענקמעלער.

מאטעריעלע דענקמעלער געפינט מענ געוויינלעכ אינ דער ערד פארשאָטענע מיט זאמד אונ לײמ. עס זײַנענ פאראנ ספּעציאליסטנ, ארכעאָלאָגנ, וועלכע קאָנענ אויסגעפינענ די ערטער פונ די אורראלטע מענטשלעכע יישוווימ, זײ גראָבנ זײ אופ אונ געפינענ דאָרטנ גאנצ אָפט אפילע רעשטנ פונ גאנצע אורראלטע שטעט.

בא אונדז אינ פארבאנד זײַנענ פאראנ גרויסע ארכיוונ, אינ וועלכע עס ווערנ אײַנגעהיט דאָקומענטנ אונ אנדערע שריפטלעכע דענקמעלער פונ דער געשיכטע פונ די פעלקער פונעמ פארבאנד ביז דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע אונ נאָכ דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע. עס זײַנענ אויכ פאראנ גרויסע מוזייענ, ווו אויסער דאָקומענטנ זײַנענ אויכ צונויפגעזאמלט מאטעריעלע דענקמעלער, וואָס די ארכעאָלאָגנ האָבנ אנטדעקט אפ דער גאנצער טעריטאָריע פונעמ פארבאנד אונ וואָס זײַנענ פארבליבנ ניט נאָר פונ די אורעלטערנ פונ די פעלקער פונעמ פארבאנד, נאָר אויכ פונ פיל אנדערע פעלקער, וואָס האָבנ פארצײַטנס באפעלקערט אונדזער לאנד.

● די סאמע גרעסטע מוזייענ: רעוואָליוציע-מוזיי אינ מאָסקווע, היסטאָרישער מוזיי אינ מאָסקווע, קונסט-מוזיי אינ מאָסקווע, ערמיטאזש — אינ לענינגראד, רוסישער מוזיי — אינ לענינגראד. ווענ מיר וועלנ האלטנ באמ באקענענ זיכ מיט דער געשיכטע פונ די אורראלטע פעלקער, וועלנ מיר אָנווײַזנ, אינ וואָס פאר א מוזיי מענ קאָנ זענ דענקמעלער, וואָס זײַנענ פארבליבנ פונ די אורראלטע פעלקער. ●

4. וויאזוי רעכנט מענ די צײַט אינ דער געשיכטע? קעדיי קלאָר פאָרצושטעלנ זיכ געשיכטע, דארפ מענ וויסנ, ווענ עס איז פאָרגעקומענ בא פארשײדענע פעלקער דער איבערגאנג פונ דער פארקלאסנדיקער געזעלשאפט צו דער קלאסנדיקער, ווענ זײַנענ פאָרגעקומענ די וויכטיקסטע מאָמענטנ פונ קלאסנקאמפ, רעוואָליוציעס אונ אנדערע וויכטיקע געשעענישנ. מיט אנדערע ווערטער, מע דארפ וויסנ די כראָנאָלאָגיע (די פאנאנדערשטעלונג אינ צײַט) פונ די היסטאָרישע געשעענישנ.

פאר דער געשיכטע פונ די פעלקער פונעמ פארבאנד אונ פאר די היינטצײַטיקע אײראָפּײִשע פעלקער איז עס ניט שווער צו מאכנ, ווײַל בא אלע אײראָפּײִשע פעלקער פלעגט באנוצט ווערנ אונ ווערט אויכ איצט באנוצט אײנ אונ די זעלביקע צײַט-רעכענונג אָדער ערע. די יאָרנ ווערנ גערעכנט פונ דעמ אזויגערופענעמ קרים-

טום-געבורט. די דאָזיקע ערע האָט עקזיסטירט אויכ אינ רוסלאנד ביז דער רעוואָליוציע, אונ דערווײַל ווערט זי, צוליב באקוועמלעכקײַט, באנוצט אויכ אינ פארבאנד.

אָבער פאר דער געשיכטע פונ די אוראלטע געזעלשאפטנ איז אײַנצושטעלנ א כראָנאָלאָגיע שווערער. אינ אוראלט האָט יעדע געזעלשאפט געהאט איר צײַט-רעכענונג — אָדער לויט די יאָרנ, וויפל עס האָט געקיניגט דער אָדער יענער קיניג, אָדער לויט אנדערע געשעענישנ. דעריבער רעכענענ די געלערנטע איבער אינ דער געשיכטלעכער וויסנשאפט אָט די אלע פארשיידענע כראָנאָלאָגיעס אונ פאסנ זיי צו צו דער קריסטלעכער ערע: זיי רעכענענ אויס פאר וויפל יאָר ביז אונדזער ערע, אָדער אינ וויפל יאָר ארום נאָכ אונדזער ערע איז פאָרגעקומענ די אָדער יענע געשעעניש. בײַ אָט דער אלגעמײנ-אָנגענומענער כראָנאָלאָגיע וועלנ אויכ מיר זיכ האלטנ.

II. די פארקלאסנדיקע געזעלשאפט

1. די אורעלטסטע יעגערישע קאָמונע

5. פונוואנען דערווייסן מיר זיך די געשיכטע פון דער פאר־קלאסנדיקער געזעלשאפט? וועגן דעם, וויאזוי מענטשן האָבן געלעבט אין די סאמע ערשטע צייטן, אין די פרימיטיווע צייטן פון דער געשיכטע, און אין די נאָכקומענדיקע צייטן, ביז דעם אופקום פון שריפט, דערוויסן מיר זיך פריער פאר אלץ פון אויסגראבונגען. די ארכעאָלאָגן האָבן אפ דער טעריטאָריע פונעם פארבאנד, אין מיירעוו־אייראָפע, אין פארשיידענע ערטער פון אזיע, אפ־ריקע און אמעריקע אויסגעגראָבן רעשטלעך פון אורעלטע לאגערונגען.

די לאגערונגען — דאָס זיינען אזוינע ערטער, ווו די אורעלטע מענטשלעכע גרופעס פלעגן זיך אָפּשטעלן און וווינען גלייך ווי אין לאגער אין פארלויף פון א געוויסער צייט. אפ די לאגערונגען האָבן די ארכעאָלאָגן געפונען פיל זאכן פון לעבנשטייגער פון די אורמענטשן — געווער און געציי, רעשטלעך פון פלעצער אפ מאכן א פייער, ביינער פון חייעס און פיש. אפ אייניקע לאגערונגען האָט מען אויך געפונען ביינער און אפילע גאנצע סקעלעטן פון דעם מענטשנס גופע. שפּעטער האָבן די ארכעאָלאָגן אזוינע געפינסן געמאכט אין די בארג־היילן פון דאָרעם־פראנקרייך און שפאניע, אזוי אויך אין אייניקע אנדערע ערטער. די דאָזיקע היילן האָבן א געוויסע צייט געדינט אלס דירעס פאר די אורעלטע מענטשן. ענדלעך, האָבן די ארכעאָלאָגן אופגעגראָבן אויך רעשטלעך פון איינגעזעסענע יישו־וים — פון הילצערנע און שטיינערנע געביידעס, פון גאנצע דערפער, און אפילע פון באפעסטיקטע יישווים, וואָס זיינען ארומגערינגלט מיט אן אָפּצוימונג און מיט א וואל. רעשטן באפעסטיקטע יישווים האָט מען געפונען אויך אין פארבאנד; בא אונדז רופט מען זיי גאָראָדישטשעס (באפעסטיקונגען). אין די היילן און אין די באפעסטי־קונגען האָט מען אויך געפונען פיל געווער און ארבעט־געציי, אזוי אויך פיל ווירטשאפט־געשיר און צירונגען. ענדלעך, האָבן די ארכעאָלאָגן אויסגעגראָבן פיל קוואָרים־בערגלעך (קורגאנען), אין וועלכע מע האָט געפונען ביינער און סקע־לעטן פון פארשטאָרבענע, אזוי אויך פיל געווער און געשיר און אנדערע געגנ־שטאנדן, וויל פארצייטן איז געווען א מינהעג צו באגראָבן מיט די טויטע „אפ יעדן פאל” אלץ, וואָס עס איז נייטיק פאר א לעבעדיקן.

● די ארכעאָלאָגישע געפינסן, וואָס זיינען געמאכט געוואָרן אין פארבאנד, קאָן מען זען אין מאָסקווער היסטאָרישן מו־

זיי. עס זײַנען אָבער אויך פאראן ארכעאָלאָגישע אָפטײלונגען אין די גרויסע אָרטיקע מוזייען — אין לענינגראד, קיִעוו, מינסק, טיפליס און אנדערע שטעט. ●

אָט די אלע געפינסן גיבן אונדז א באגריף וועגן דער פּראָדוציר־טעטיקײַט פון די מענטשלעכע געזעלשאפטן ביז דער קלאסנעפּאָכע. אָבער וועגן דער געזעלשאפטלעכער אָרגאניזאציע פון די מענטשן פון דער דאָזיקער עפּאָכע, וועגן דעם, וויִאזוי זיי האָבן געטראכט, אין וואָס זיי האָבן געגלייבט, וועגן זייערע זיטן, מינהאָגים און ריטואלן קאָנען אונדז די ארכעאָלאָגישע געפינסן קימאט גאָרנישט ניט זאָגן. דאָ קומט אויס צו זוכן יעדיִעס אף אן אנדער אויפן.

נאָך איצט עקזיסטירן אין אײניקע לענדער אזוינע פעלקער, וואָס לעבן קימאט אויסשליסלעך פון גייעג און פון זאמלען פרוכטן און ווייסן ניט פון קיין אײַנטײלונג אף קלאסן.

● אזוינע זײַנען, אשטייגער, די ווילדע קובו — א קליין יעגעריש פעלקעלע, וואָס וווינט אין די פארוואָרפנסטע אורוועלדער פון דעם אינדזל סומאטרע. ווען די רײַזנדע האָבן זיך באקענט מיט די דאָזיקע קובן, האָבן די קובן נאָך ניט געהאט קיין שום אנדער געווער, אויסער הילצערנע דראָנגען און שטעקנס. אויך די אווסטראלער און טאסמאנער, ווען עס האָבן זיך מיט זיי באקענט די רײַזנדע, האָבן געהאט נאָר שטיינערנע און הילצערנע געצײַג און האָבן נאָך געלעבט אויסשליסלעך פון געיעג און פון זאמלען פרוכטן. עס זײַנען נאָך פאראן אזוינע פעלקער אויך אין די פארוואָרפענע ערטער פון דאָרעם-אמעריקע און פון אפריקע ●

ווידער זײַנען פאראן פעלקער, וואָס ווייסן שוין פון ערד-ארבעט און פון פיצוכט, נאָר וואָס באארבעטן די ערד מיט די סאמע פרימיטיווע מיטלען און זײַנען נאָך ניט ארויס פון דער פארקלאסנדיקער געזעלשאפטלעכער אָרגאניזאציע. אזוינע פעלקער באגעגענען זיך אף די אינדזלען פון דעם אינדישן און דעם פאציפישן אָקעאן, אין אפריקע, אין אמעריקע. די געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציע, די מינהאָגים, די זיטן, די אָנשויונגען און גלויבונגען פון די דאָזיקע פעלקער זײַנען גוט באוווסט פון באשרײַבונגען פון רײַזנדע.

די דאָזיקע יעדיִעס דערגאנצן דעם ארכעאָלאָגישן מאטעריאל. די געלערנטע באנוצן זיך מיט זיי, קעדיי קלאָר מאכן די געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציע, מינהאָגים, זיטן, אָנשויונגען און גלויבונגען פון יענע מענטשלעכע גרופּעס, וואָס האָבן געוווינט אף די לאגערונגען, אין די הייל́ן און באפעסטיקונגען. די דאָזיקע יעדיִעס ווערן אָנגערופן עטנאָגראפישע, לויט דעם נאָמען פון דער וויסנשאפט עטנאָגראפיע, וועלכע זאמלט אויף און דערלערנט די מאטעריאלן וועגן דעם לעבן און וועגן די זיטן פון די הײַנטצײַטיקע פעלקער.

6. די אָפּשטאמונג פון דעם מענטשן. די גאלאָכים, ראבאָנים, מולעס און די גײַסטלעכע פון אלע אנדערע רעליגיעס לערנען, אז די גאנצע וועלט, אלע כײַעס, געוויקסן און דער מענטש זײַנען קלוימערשט באשאפן געוואָרן פון גאָט.

די וויסנשאפט האָט דורכקאָנטראָלירט די דאָזיקע באהויפּ־טונגען און האָט אויפגעדעקט, אז דאָס זיינען אלץ ניט מער, ווי באָבע־מעשיות, אז דאָ איז קיין איין וואָרט עמעס ניטאָ, אז קיינע שום געטער האָבן קיינמאָל אין דערווירקלעכקייט ניט עקזיסטירט און אז די וועלט, די ערד, די געוויקסן, די חיות און דער מענטש זיינען אנטשטאנען ניט דורך א נעס, נאָר אפּ א פולשטענדיק נאטירלעכן אויפן.

די ארכעאָלאָגן האָבן אנטדעקט אין די אורראלטע פלאסטן פון דער ערד־קאָרע ביינער און גאנצע סקעלעטן פון די אורראלטע מענטשן און אויך ביינער פון אורראלטע ראסעס פון חיות, וואָס זיינען שוין איצט אויסגעשטאָרבן. די דאָזיקע ביינער און סקעלעטן באווייזן, ערשטנס, ווען האָבן זיך באַוויזן די ערשטע מענטשן אפּ דער ערד; צווייטנס, פון וואנען און ווי זיינען אנטשטאנען די מענטשן; דריטנס, וויאזוי האָט זיך געענדערט די מענטשלעכע ראסע, וויאזוי זי איז פאר־וואנדלט געוואָרן פון א ראסע פון פרימיטיווע מענטשן אין דער ראסע פון מאָדערנע מענטשן.

דער סאמע אורעלטסטער איבערבלייב פונעם מענטשן איז די אונטערשטע קינבאק, וואָס איז געפונען געוואָרן בא דער דייטשישער שטאָט היידלבערג (זי רופט זיך טאקע אזוי אָן „די היידלבערגער קינבאק"). די דאָזיקע קינבאק האָט מען געפונען אין דער טיף פון 25 מעטער; די געלערנטע האָבן אויסגערעכנט, אז קעדיי עס זאָל זיך אָנשיכטן 25 מעטער ערד, האָט ביז אונדזער צייט געדארפט דורכגיין בא 200—300 טויזנט יאָר. דאָס הייסט, אז מענטשן עקזיסטירן אפּ דער ערד ניט ווייניקער פון 300 טויזנט יאָר.

נאָכדעם זיינען אין פארשיידענע ערטער פון אייראָפּע געפונען געוואָרן פאר־שיידענע ביינער און גאנצע סקעלעטן פון מענטשן, וואָס האָבן געלעבט שפּעטער, אין דעם פּעריאָד צווישן 150 — 50 טויזנט יאָר פאר אונדזער צייט. אָט די דאָזיקע מענטשלעכע ראסע רופן די געלערנטע אָן די נעאנדערטאלישע, לויטן נאָמען פון דעם טאָל נעאנדערטאל, וועלכער ליגט נאָענט פון דער דייטשישער שטאָט דיסעלדאָרף, ווו עס זיינען צום ערשט געפונען געוואָרן די ביינער פון דער דאָזיקער ראסע. די מענטשלעכע סקעלעטן, וואָס מע האָט געפונען אין די אויבערשטע שיכטן פון דער ערד (פאר 50 — 20 טויזנט יאָר פאר אונדזער צייט), זיינען שוין ענלעך צו דער מאָדערנער מענטשלעכער ראסע.

● די נעאנדערטאלער האָבן זיך שטארק אונטערגעשיידט פון דער מאָדערנער מענטשן־ראסע. גיט א קוק אפּ דעם געמעל 1, אפּ וועלכן עס זיינען אין מיטן אויסגעמאָלט סקעלעטן פון דעם נעאנדערטאלער און פון דעם אויסטראליער. איר וועט זען, אז דער נעאנדערטאלער איז פון א נידעריקערן וווּקס (160—165 סמ, דער אויסטראליער—175—190 סמ); די פינגער פון די הענט זיינען בא דעם נעאנדערטאלער לענגער ווי געוויינלעך, און דער הכערער ביין פונעם פוס (ביז דער קני) איז אויסגעבויגן אזוי, אז דער נעאנדערטאלער האָט אינגאנצן גלייך ניט געקאָנט גיין און פלעגט גיין, ווי צווענדיק זיך. פארגלייכט אויך די קעפּ פון דעם נעאנדערטאלער און

דעמ אווסטראליער. איר וועט זענ, אז דער שארבנ פונ דעמ נעאנ-דערטאלער איז קלענער, פלאטשיקער און לענגער, איידער דער שארבנ פונעמ אווסטראליער אָדער פונעמ מאָדערנעמ מענטשנ; דעריבער איז אויכ דער מארכ פונ דעמ נעאנדערטאלער געווענ קלענער לויטנ פארנעמ און לויטנ געוויכט. ווײַטער וועט איר זענ, אז דער אונטערשטער טייל פונ שארבנ, ווו עס געפינענ זיכ די קינבאקנ, זײַנענ בא דעמ נעאנדערטאלער פיל לענגער און שטארקער, איידער בא דעמ מאָדערנעמ מענטשנ, און די היידל-בערגער קינבאק איז נאָכ גרעסער און שטארקער, איידער די קינבאק בא דעמ



געמעל 1. די אנטוויקלונג פונעמ מענטשלעכנ סקעלעט און שארבנ.

לינקס: א שארבנ פונ א שימפאנזע, פונ א נעאנדערטאלער און פונ א הײַנטצײַטיקנ מענטשנ.
אינמיט: א סקעלעט פונ א שימפאנזע, פונ א נעאנדערטאלער און פונ אנ אווסטראליער.
רעכטס: שארבנ-דעקלעכ פונ א שימפאנזע, פונ א מענטשנ א מאלפע און פונ א נעאנדערטאלער.

נעאנדערטאלער. די היידלבערגער קינבאק האָט אינ דערברייט צווישנ די עקנ קימאט 6 סאנטימעטער; און די קינבאק פונ דעמ מאָדערנעמ מענטשנ האָט צומ גרעסטנ בלויז $3\frac{1}{2}$ סאנטימעטער אינ דער ברייט. הייסט עס, אז דער שארבנ האָט זיכ באמ מענטשנ אלצ פארגרעסערט, און די קינבאקנ און די פינגער אפ די הענט האָבנ זיכ אלצ פארקלענערט, דער מענטש אליינ אינגאנצנ האָט זיכ ביסלעכווײַז אלצ אויס-געגלײַכט.

וויאזוי זשע איז אנטשטאנענ דער מענטש? די געלערנטע דערווײַזנ, אז די מענטשלעכע ראסע האָט זיכ ביסלעכווײַז אנטוויקלט פונ מאלפעס-ראסעס, וואָס זײַנענ שוינ איצט אויסגעשטאָרבנ. די דאָזיקע מאלפעס די אורעלטערנ פונ די מענטשנ זײַנענ געווענ ענלעכ צו די איצטיקע מאלפעס שימפאנזע. די געלערנטע האָבנ אויסגערעכנט, אז זיי האָבנ געלעבט פאר א מיליאָנ יאָר פאר אונדזער צײַט. שפּעטער זײַנענ געפונענ געוואָרנ ביינער פונ דעמ מענטש דער מאלפע — אזעלכע באשעפענישנ, וואָס האָבנ שוינ אופגעהערט צו זײַנ עמעסע מאלפעס, וואָס זײַנענ אָבער נאָכ ניט געוואָרנ קיינ עמעסע מענטשנ.

● אפ די געמעלן 1 און 3 וועט איר זען, וואָס פאר אן אונטערשיידן עס עקזיסטירן צווישן דעם געבוי פון א מאלפע, פון א מענטש א מאלפע און פון א מענטשן. דער געמ. 1 באווייזט, אז די מאלפע שיידט זיך אונטער פון דעם מענטשן מיט דער פאָרם פונעם רוקנביין. בא א מענטשן איז דער רוקנביין א גלייכער און איז נאָר א ביסל אָנגעבויגן פאָרויס אין האלדז-געביט און אפן קרייץ, בא א שימפאנזע אָבער איז דער גאנצער רוקנביין אויסגעבויגן ווי א בויגן, און קיין האלדז-אויסבייג איז קימאט אינגאנצן ניטאָ. דער דאָזיקער אונטערשייד איז אָפהענגיק דערפון, וואָס דער מענטש גייט גלייך אפ צוויי פיס, און די מאלפע קאָן גלייך ניט גיין, אפ צוויי לאפעס גייט זי אומגעשיקט און איז שטענדיק אָנגעבויגן פאָרויס, זי



געמעל 2. א שימפאנזע.

גייט און קריכט געשיקט נאָר אפ אלע פיר לאפעס. א צווייטער אונטערשייד — די פאָדערשטע לאפעס (הענט) בא די מאלפעס זיינען זייער לאנגע און דערגייען קימאט ביז די פיאטעס פון די פיס.

דער דריטער אונטערשייד איז אין דעם געבוי פון דעם קאָפ. בא דער מאלפע שימפאנזע איז דער שארבן פיל קלענער, איידער בא דעם נעאנדערטאלער אָדער בא דעם מאָדערנעם מענטשן (געמ. 1, לינקס פונויבן). עס אונטערשיידן זיך אויך די פראָפאָרציעס און די הויפט-טיילן פון דעם קאָפ. דאָס זעט זיך גוט אָן פון דעם רעכטן טייל געמעל 1 און פונעם געמעל 3. פון אונטערשטן טייל געמעל 1 איז צו זען, וויאזוי עס איז פארגרעסערט געוואָרן דאָס אויבערשטע שארבן-דעקל בא דעם מענטשן ז'ער מאלפע אין פארגלייך מיט דער שימפאנזע און באם נעאנדערטאלער אין פארגלייך מיט דעם מענטשן דער מאלפע. און אמערסטן אינטערעסאנט איז דער געמעל 3. אפ אים זיינען אויסגעמאָלט פון דער זייט די שארבנס פון א שימפאנזע, פון א מענטש א מאלפע, און פון א מענטשן אזוי, אז עס זעען זיך גוט אָן דאָס אזוי-

גערופענע מארכ-שיידל אונ די קינבאקנ. בא דער שימפאנזע איז דאָס מאַרכ-שיידל א ביסל גרעסער ווי דער אונטערשטער טייל פונ קאָפּ מיט די קינבאקנ. דער דאָזיקער אונטערשטער טייל איז זייער אנטוויקלט אונ טרעט שטארק ארויס פאָרויס. בא דעם מענטשנ איז פארקערט: דאָס שארבנ-שיידל פארנעמט מער ווי דרייַ פערטל קאָפּ, אונ דער קינבאקישער אונטערשטער טייל פונ דעם קאָפּ איז שטארק פארקירצט אונ געפינט זיכ קימאט אפ איינ ליניע מיטנ שטערנ-ביינ. בא דעם מענטשנ דער מאלפּע האָט זיכ דער קינבאקישער טייל באדייַטנדיק פארקירצט, אָבער לויט דער פאָרמ דערמאָנט ער נאָכ דעם מאלפּישנ אויסזענ, דערפאר אָבער האָט זיכ דאָס שארבנ-שיידל א ביסל פארגרעסערט, אונ דער קאָפּ האָט לויט די פּראָפּאָרציעס שוינ גענומענ ענלעכ ווערנ אפ א מענטשלעכנ.

אפ אזא אויפנ איז דער מענטש אנטשטאנענ פונ אויסגעשטאָרבענע מאלפּעס-ראסעס, אָבער ניט מיטאמאָל, נאָר דורכ א לאנגזאמער פארענדערונג פונ דעם אָרגאניזמ. לעראטכילע איז אופגעקומענ די איבערגאנג-ראסע פונ מענטש-מאלפּע, אונ דערנאָכ האָט זיכ שוינ פונ איר אנטוויקלט די עכטע מענטשלעכע ראסע. די דאָזיקע אנטוויקלונג איז פאָרגעקומענ ניט גלייַכצייַטיק אינ פארשיידענע טיילנ פונעמ ערדקיילעכ, נאָר זי איז אומעטומ געגאנגענ אפ איינ אויפנ. ווענ די עכטע מענטשלעכע ראסע האָט זיכ אויסגעבילדעט, האָט זי זיכ אינ פיל אונטערשיידט פונ דער מאָדערנער; די מאָדערנע ראסע מענטשנ איז ארויסגעקומענ פונ דער אורשפּרינגלעכער אויכ דורכ לאנגזאמע ענדערונגענ פונעמ מענטשלעכנ אָרגאניזמ.

אָט די אלע אונטערשיידנ זייַנענ פאָרגעקומענ ניט פונ זיכ אליינ, נאָר אונטער דער ווירקונג פונ דעם מענטשנס ארבעט אונ געזעלשאפטלעכער פּראָדוציר-טעטיקייַט. די געזעלשאפטלעכע ארבעט האָט איבערגעמאכט די נאטור פונ די מענטשנ די מאלפּעס אונ האָט זיי פארוואנדלט אינ עמעסע מענטשנ.

7. מיט וואָס שיידט זיכ דער מענטש אונטער פונ א כייַע? דער אָרגאניזמ פונ דעם מענטשנ, וואָס האָט זיכ אויסגעבילדעט ביסלעכווייַז, שיידט זיכ שטארק אונטער פונ דעם אָרגאניזמ פונ יעדער מינ כייַע, דערינ אויכ פונ דעם אָרגאניזמ פונ זייַנע אורעלטערנ די מאלפּעס.

דער ערשטער אונטערשייד באשטייט אינ דעם, וואָס דער מענטש גייט גלייַכ, אפ צוויי פיס אונ נאָר מיט מי קאָנ ער קריכנ אפ אלע פיר. אונ די כייַעס שטעלנ זיכ, פארקערט, מיט מי אפ די הינטערשטע לאפּעס אונ ווייַט ניט אלע קאָנענ זיכ באוועגנ אפ די הינטערשטע לאפּעס, פרייַ גייענ זיי אונ לויפנ נאָר אפ אלע פיר לאפּעס. דערפונ איז אויכ אָפּהענגיק דער צווייטער אונטערשייד. דעם מענטשנס הענט דינענ אויסשליסלעכ פאר פארשיידענע טוונגענ, אונ די פיס אויסשליסלעכ פאר שטייַנ אונ גייַנ, אָבער בא כייַעס דינענ די פאָדערשטע לאפּעס גלייַכצייַטיק סייַ פאר גייַנ אונ סייַ פאר פארשיידענע טוונגענ. דעריבער זייַנענ דעם מענטשנס הענט ניט ענלעכ צו זייַנע פיס אונ שיידנ זיכ אויכ אונטער פונ די פאָדערשטע לאפּעס פונ כייַעס.

אזויווי די פאָדערשטע ענד-גלידער האָבנ אופגעהערט צו דינענ אפ גייַנ, האָבנ זיי גענומענ אלצ מער צופּאסנ זיכ צו אנדערע טוונגענ אונ האָבנ דערפונ גענומענ בייַטנ זייער פאָרמ. אונ אָט די אנדערע טוונגענ — דאָס איז ארבעט, אָט יענע ארבעט, וואָס ווערט געטאָנ מיט די הענט. וויבאלד די הענט האָבנ בא דעם מענטשנ זיכ ארויסגעוויזנ פאר פרייַע, האָט ער מיט

זייער הילפ געקאָנט ארבעטנ, פּראָדוצירנ די גייסטיקע געגנשטאנדנ צומ לעבנ. א כײַע, בא וועלכער די פאָדערשטע לאפּעס זײַנענ ניט פרײַ, קאָנ פּראָדוצירנ נאָר אייניקע, ווייניקע טוונגענ: כאפּנ די רויב, צעגראָבנ ערד, אָנשיטנ קופּעס בלעטער אָדער זאמד. אָבער זי קאָנ ניט מאכנ קיינ שומ געצײַג, קיינ שומ אינסטרומענט, קיינ שומ זאכ, ווײַל זי האָט ניט קיינ אָרגאנ, וואָס זאָל זײַנ צוגעפּאסט צו ארבעט.

בא דעמ מענטש דער מאלפּע אונ בא די ערשטע מענטשנ זײַנענ די הענט נאָכ אויכ ניט געווענ פולשטענדיק צוגעפּאסט צו ארבעט, ווי בא די שפּעטערדיקע מענטשנ. אָבער שטענדיקע ארבעט מיט דער הילפ פונ די הענט



געמעל 3. די שארבנס פונ א שימפּאנזע (B), פונ א מענטשנ א מאלפּע (A) אונ פונ א מענטשנ (C) (דער אויסזענ פונ א זײַט).

האָט ביסלעכווײַז אויסגעיִבט איר ווירקונג אפ דער אָרגאניזאציע פונ די הענט. די פינגער זײַנענ געוואָרנ אלצ מער אונ מער געשיקט, בייגזאמ אונ שטארק; די האנט איז געוואָרנ אלצ מער אונ מער באוועגלעכ, די גאנצע האנט האָט זיכ אלצ מער אונ מער פארוואנדלט אינ א לעבעדיקנ הייבער פאר קלעפּ, אופהייבנ מאסעס, פאר די סאמע פארשיידנארטיקע באוועגונגענ אינ פּראָצעס פונ ארבעט. צוזאמענ מיט דעמ זײַנענ די הענט קירצער געוואָרנ — בא דעמ מענטשנ דער מאלפּע זײַנענ זיי געוואָרנ קירצער איידער בא דער מאלפּע, בא דעמ נעאנדערטאלישנ מענטשנ — קירצער איידער בא דעמ מענטשנ דער מאלפּע.

אָבער די ווירקונג פונ דער ארבעט האָט זיכ דערמיט ניט באגרענעצט. די ארבעט האָט ביסלעכווײַז איבערגעאנדערשט אויכ אנדערע אָרגאנענ פונ דעמ מענטשנ. פונ שטענדיק גיינ נאָר אפ די פיס זײַנענ די אויבערשטע ביינער פונ די פיס געוואָרנ ביסלעכווײַז גלײַכער, עס האָט זיכ אויכ אויסגעגלײַכט דער רוקנביינ אונ האָט אָנגענומענ יענע פאָרמ, וואָס ער האָט איצט בא דעמ מענטשנ. ווענ דער מענטש האָט זיכ מיט דער הילפ פונ די הענט געמאכט שטעכנדיקע אונ שנײַדנדיקע געצײַג, האָט ער אופגעהערט צו רײַסנ די שפּײַז מיט די ציינ, אונ דערפונ האָבנ זיכ גענומענ פארקירצנ אונ האָבנ זיכ פארקירצט ביז דער איצטיקער גרייס זײַנע קינבאקנ.

די ארבעט האָט אלצ ענגער אונ ענגער צונויפגעבונדנ די מענטשנ איינעמ מיטנ אנדערנ, ווײַל זיי האָבנ געמיינזאמ געהאָרעוועט, העלפנדיק איינער דעמ אנדערנ. דערפונ האָט זיכ אָנגעהויבנ אנטוויקלענ די מענטשלעכע שפּראכ, עס האָט זיכ גענומענ אנטוויקלענ דעמ מענטשנס פײִקײַט אופצופּאסנ אונ טראכטנ. אונ אזוי ווי סײַ די שפּראכ אונ סײַ דאָס דענקענ זײַנענ פארבונדנ מיט דער טעטיקײַט פונעמ מארכ, האָט זיכ בא דעמ מענטשנ גענומענ שנעל אנטוויקלענ דער מארכ. דער מארכ האָט זיכ גענומענ פארגרעסערנ אינ זײַנ פארנעמ — בא דעמ מענטש דער מאלפּע איז ער געוואָרנ

אין 1½ מאָל גרעסער, איידער בא דער מאַלפּע, בא דעם מענטשן — אין צוויי גרעסער, איידער דער מאַרך פון דער מאַלפּע. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרפולקומען און אַנטוויקלען די ספּעציעלע טיילן פונעם מאַרך, וואָס פאַרוואַלטן מיט דער שפּראַך און מיטן דענקען.

דערפון האָט זיך געענדערט די פאָרם פון דעם קאָפּ. דער אונטערשטער, קינבאַקישער טייל האָט זיך פאַרקלענערט, דער אויבערשטער, דער שאַרבנטייל, וווּ עס געפינט זיך דער מאַרך, האָט זיך פאַרגרעסערט. דער נעאַנדערטאַלער מענטש איז, ווי עס באַווייזן די פּראָפּאָרציעס פון זיין קאָפּ (געמ. 1), געווען שוואַך אַנטוויקלט אין גייסטיקער הינזיכט. און נאָר אין 100 טויזנט יאָר אַרום האָט דער פאָרנעם פונעם מאַרך דערגרייכט די נאָרמאַלע גרייס. אָבער אויך דעמאָלט האָט נאָך דער מאַרך ניט באַזעסן אַזאַ פעיִקייט צו גייסטיקער טעטיקייט, וואָס עס באַזיצט דער מאַרך פון אַ מאָדערנעם מענטשן. **עס האָט זיך געפאָדערט נאָך ניט ווייניקער פון 20—25 טויזנט יאָר, קודם דער פאַנאַנדערגעוואַקסענער מאַרך זאָל ווערן פעיִק צו אָנגעשטרענגטער גייסטיקער אַרבעט.** די דאָזיקע ענדערונג איז פאָרגעקומען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַרבעטזאַמער, פּראָדוצירישער טעטיקייט פון דעם מענטשן. זי האָט שטענדיק געצוווּנגען דעם מענטשן צו טראַכטן, פאַרבעסערן די דערגרייכטע פּראָדוציר-אופנים, דערפינדן נייע געציַיג, אָרגאַניזירן נייע געווערבן. **און אַדאַנק אָט דער שטענדיקער באַוווּסטזיניקער אַרבעט און באַוווּסטזיניקער גייסטיקער טעטיקייט האָט זיך אַנטוויקלט אויך די טעטיקייט פונעם מאַרך.**

אַזוי האָט זיך די מענטשן-ענלעכע מאַלפּע אַדאַנק דער אַרבעט פאַרוואַנדלט אין דעם מענטשן. די באַוווּסטזיניקע אַרבעט האָט איבערגעמאַכט די נאַטור פון דעם אורעלטסטן מענטשן. די באַוווּסטזיניקע אַרבעט האָט איבערגעמאַכט און מאַכט אויך איבער די גאַנצע איבעריקע נאַטור, זי האָט געמאַכט דעם מענטשן פאַר דעם געוועלטיקער איבער דער נאַטור. ●

8. די נאַטור און דער קלימאַט פון אייראָפּע אין דער עפּאָכע ווען עס האָט זיך באַוויזן דער מענטש.

ווען אין אייראָפּע האָבן זיך באַוויזן די ערשטע מענטשן פון דער היידלבערגער ראַסע, זיינען די נאַטור און דער קלימאַט פון אייראָפּע געווען גאָר אַנדערע איידער איצטער. **אין יענער עפּאָכע פלעגן אין אייראָפּע פאָרקומען שאַרפע אָפּקילונגען פונעם קלימאַט.** דערפון האָבן זיך אינעם צאָפנדיקן אָקעאַן און אויף די בערג אָנגעזאַמלט גוואַלדיקע מאַסן אייז. דער דאָזיקער אייז האָט זיך אַראָפּגעלאָזן פון די בערג אין די טאָלן אַריין אין דער פאָרם פון גלעטשערס און האָט נאָך זיך נאָכגעשלעפּט אַ מאַסע שטיינער, גאַנץ אָפט זייער גרויסע. ווען דער קלימאַט פלעגט ווערן וואַרעמער, פלעגט דער אייז אין די טאָלן צעגיין, די גלעטשערס פלעגן ווידער אָפּטרעטן אין די בערג. און יענע ערטער, ווו עס זיינען געווען די קאַנטן פון די גלעטשערס, זיינען פאַרבליבן באַדעקט מיט וואַלונעס, וואָס זיינען פאַרטראָגן געוואָרן פון די בערג. אָט די הורבעס שטיינער ווערן אָנגערופן מאָרענעס. בא אונדז אין פאַרבאַנד קאָן מען נאָך איצטער זען מאָרענישע הורבעס שטיינער אין לענינגראַדער געגנט און אין צאָפן-טייל פון ווייסרוסלאַנד.

אַזעלכע פאַרפרירונגען ציילן די געלערנטע אָן פיר. די ערשטע איז געווען פאַר 500 אָדער 400 טויזנט יאָר ביז אונדזער צייט, ווען אויף דער ערד איז נאָך קיין מענטש ניט געווען, נאָר עס זיינען שוין געווען מענטשן-מאַלפּעס. יעדע פאַרפרירונג פלעגט דויערן לאַנג, ניט ווייניקער פון 30—50 טויזנט

יאָר, נאָכדעם פלעגט פאָרקומען א פארוואַרעמונג און ס'פלעגט אָנקומען א צווישנײַזיקער פעריאָד. דער מענטש פון דער הײדלבערגער ראַסע האָט זיך באַוויזן נאָך דער צווייטער פאַרפרירונג, אין דעם צווייטן צווישנײַזיקן פעריאָד. און דער מענטש פון דער נעאַנדערטאַלער ראַסע האָט זיך באַוויזן נאָך דער דריטער פאַרפרירונג, אין דעם דריטן צווישנײַזיקן פעריאָד.

די צווישנײַזיקע פעריאָדן זײַנען געווען זייער וואַרעמע, א סאך וואַרעמער, איידער דער איצטיקער קלימאַט פון אייראָפּע. דעריבער האָבן זיך דעמלט אין אייראָפּע און דעם צאָפנטייל פון אַזיע אויפגעהאַלטן אַזעלכע חיות, וואָס האַלטן זיך איצטער אויף נאָר אין די דאָרעם-לענדער: דער לייב, לעמפּערט, היפּאָפּאָטאַם, דער דאָרעם-העלפאַנד, נאָזהאָרן, אַנטילאָפּן, ווילדע פערד, ווילדע אייזלען.



געמעל 4. א מאַמאָנט

● אָט די אַלע חיות זײַנען אין דער צײַט פון די פאַרפרירונגען אַוועק אַף דאָרעם, אין אַפריקע און אַזיע, וועלכע זײַנען דעמלט געווען פאַרייניקט מיט אייראָפּע אין איין קאָלאָסאַלן קאָנטינענט. אויסער דעם, האָבן דעמלט אין אייראָפּע און צאָפן-אַזיע געלעבט ריזיקע חיות, וואָס זײַנען איצטער אויסגעשטאָרבן: דער מאַמאָנט, א ריזיקע חיה, וואָס איז ענלעך צו א העלפאַנד, אָבער וואָס איז אַף א גאַנצן מעטער העכער פון דעם העלפאַנד (געמ. 4), דער הייל-בער, וואָס איז אויך באַדײַטנדיק גרעסער פון דעם איצטיקן בער, דער ריזיקער זובער, וואָס איז אַן ערעך אַף א דריטל גרעסער פון דעם איצטיקן זובער (געמ. 5). אָט די און אַנדערע חיות זײַנען אויסגעשטאָרבן אין דער צײַט פון דער לעצטער פאַרפרירונג. אָבער ביים די אויסגראָבונגען האָבן די געלערנטע געפונען פון זיי גאַנצע סקעלעטן און פיל באַזונדערע ביינער. און אין צאָפן-סיביר, אין די טאָרף-זומפּן האָט מען געפונען פגאָרים פון מאַמאָנטן און פון נאָזהאָרנס, וואָס האָבן זיך גוט אײַנגעהיט. ווײַזט אויס, אַז די דאָזיקע ריזיקע חיות זײַנען צופעליק ארײַנגעפאַלן אין די טאָרף-זומפּן, און זייערע פגאָרים האָבן זיך פאַרהיט און זײַנען ניט קאַליע געוואָרן ביז אונדזער צײַט אַדאַנק דעם טאָרף, וואָס לאָזט ניט פוילן.



געמעל 5. א זובער (א בילד פון א הייל-געמעל).

אינ די צווישנײַזיקע פעריאָדנ האָבנ אויכ אינ אייראָפּע געקאָנט וואקסנ אייביק־גרינע ביימער, וועלכע וואקסנ איצטער נאָר אפ דאָרעמ. די טײַכנ זײַנענ געווענ וואסערפולער, עס זײַנענ געווענ א סאכ אָזוערס אונ זומפּנ.

9. די געצײַג פונ דעמ אורעלטסטנ מענטשנ. פונ די מענטשנ פונ דער היידלבערגער ראסע האָבנ די ארכעאָלאָגנ ניט געפונענ קיינ שומ מאטעריעלע דענקמעלער. דעריבער קאָנענ מיר זיכ ניט שאפנ קיינ פּינקטלעכע פאָרשטעלונג וועגנ דעמ, וויאזוי מענטשנ האָבנ געלעבט אינ דער עפּאָכע פונ דער צווייטער צווישנײַזיקער צײַט. מענ קאָנ נאָר זאָגנ, אז זיי האָבנ, גלײַכ ווי זייערע אורעלטערנ די מאלפּעס, געלעבט גרופּעסווײַז, ווי אינ סטאדעס, אונ האָבנ זיכ געשלעפּט פונ אָרט צו אָרט, זוכנדיק שפּײַז. שפּײַז האָבנ זיי געזאמלט: זיי פלעגנ אראָפּרײַסנ אָדער אראָפּקלאפּנ פרוכט פונ די ביימער, פלעגנ זאמלענ עסבארע וואָרצלענ אונ קרײַטעכצער, פלעגנ זאמלענ ווערעמ, שנעקעס, ארויסנעמענ אייער פונ פייגל־נעסטנ, בא די ברעגנ פונ די טײַכנ אונ יאמענ פלעגנ זיי צונויפקלײַבנ מאָליוסקעס, ראקעס, קראבעס, זיי פלעגנ כאפּנ קליינע כײַעס אונ קינדער פונ גרויסע כײַעס, וועלכע מע האָט געקאָנט כאפּנ מיט די הענט.

ארבעט־געצײַג זײַנענ בא די היידלבערגער מענטשנ, פונקט ווי בא די מענטשנ די מאלפּעס, ווארשײַנלעכ געווענ נאָר א שטעקנ אונ א שטיינ. מיטנ שטעקנ פלעגנ זיי אראָפּקלאפּנ פרוכטנ אונ אויסגראָבנ קרײַטעכצער, מיטנ שטיינ פלעגנ זיי אויכ אראָפּקלאפּנ הויכ־הענגענדיקע פרוכטנ. סײַ מיטנ שטעקנ אונ סײַ מיטנ שטיינ פלעגנ זיי זיכ שיצנ קעגנ אנ אָנפאל פונ גרויסע כײַעס. סײַ דעמ שטעקנ סײַ דעמ שטיינ פלעגנ זיי באנוצנ ניט קיינ באארבעטע. זיי פלעגנ אָפּברעכנ פונ א בוימ א סוק פונ דער נײַטיקער גרייס, שטיינער פלעגנ זיי פאָשעט נעמענ אפ דער ערד, אויסקלײַבנדיק אזוינע, וואָס זײַנענ געווענ פארשארפט אונ זײַנענ געווענ באקוועמ צו האלטנ אינ האנט. אָט אזוינע געצײַג באנוצנ נאָכ אויכ איצט, באגלײַכ מיט אנדערע געצײַג, אווסטראליער אונ בושמענער.

ניט האָבנדיק קיינ ספּעציעל געמאכטע געצײַג, האָבנ נאָכ די מענטשנ אינ דער עפּאָכע פונ דער צווייטער צווישנײַזיקער צײַט געפירט א ריינ כײַעסדיקנ ארט לעבנ. זיי זײַנענ געווענ אָנמעכטיק פאר די קויכעס פונ דער נאטור, אונ דעריבער זײַנענ זיי געווענ אזוי נעבעכדיק, ווי די כײַעס. די ענדערונג איז פאָרגעקומענ גלײַכ, ווי די מענטשנ האָבנ אָנגעהויבנ צו מאכנ געצײַג. דאָס ערשטע געצײַג, וואָס דער מענטש האָט געמאכט, איז געווענ פונ שטיינ אונ פונ האָלצ. דאָס איז פאָרגעקומענ שוינ נאָכ דער דריטער פארײַזיקונג, אינ אָנהייב פונעמ דריטנ צווישנײַזיקנ פעריאָד. אינ די ערד־שיכטנ פונ אָט דעמ פעריאָד האָבנ די ארכעאָלאָגנ געפונענ די ערשטע געצײַג, וואָס זײַנענ געמאכט געוואָרנ פונ דעמ מענטשנ.

לעכאטכילע האָט דער מענטש נאָר פארבעסערט, ער האָט פארבאקוועמערט פאר דער ארבעט דעמ אויסגעקליבענעמ שטיינ. מיט א שווערנ פעסטנ שטיינ האָט זיכ דער מענטש געסטארעט אָפּקלאפּנ די ברעגנ פונעמ אויסגעקליבענעמ שטיינ, קעדיי צו מאכנ זיי שארפער

און גלייַכער, קעדיי מע זאָל קאָנען מיט דער הילף פון אָט אַזוינע פאַרבעסערטע שטיינער ניט נאָר א קלאַפּ טאָן, נאָר אויך שאָבן און שנייַדן. קעדיי צו מאכן זייַנע ערשטע שטיינערנע געצייַג, האָט דער מענטש דאָסראָוו גענומען דעם קיזלשטיין. דאָס איז א שיכטן־שטיין, פון וועלכן מע קאָן אָן מי אָפּקלאַפּן שטיקלעך און וועלכן מע קאָן גרינג אָנשאַרפן. אָט די דאָזיקע פאַרבעסערטע קיזלשטיינער האָבן דעם מענטשן געגעבן א מעגלעכקייַט צו פאַרוואַנדלען די שטעקנס אין עמעסע דראָנגען, צו שנייַדן און



געמעל 6. האַנט־קלאַפּערס (1, 2 און 4) און שאָבערס (3).

שאָבן פּרוכטן און פלייש. אָבער די דאָזיקע פאַרבעסערטע שטיינער זייַנען געווען פון פאַרשיידענער גרייס און פון פאַרשיידענער פאָרם; דאָס זייַנען נאָך ניט געווען קיין געצייַג, וואָס זייַנען אינגאַנצן געמאַכט געוואָרן פון דעם מענטשן.

דאָס ערשטע געצייַג, וואָס איז אינגאַנצן געמאַכט געוואָרן פון דעם מענטשן, איז געווען דער קיזלשטיינערנער האַנט-קלאַפּער, אָדער דער קיזלשטיינערנער האַקער.

● די דאָזיקע קלאַפּערס, אָדער האַקערס, האָבן איין און די זעלבע באַקוועמע פאָרם פאַר דער אַרבעט, אַן ערעך איין און די זעלביקע גרייס — אַרום 20 סאַנטימעטער די לענג און אַרום 1 קילאָגראַם די וואָג (געמ. 1, 2, און 4). זייער פאָרם איז ענלעך צו א מאַנדל: פון דעם אויבערשטן עק, וועלכן מע פלעגט פאַרקוועטשן אין פויסט, איז דער קלאַפּער ברייטער און גרעבער, און פון דעם צווייטן עק, מיט וועלכן מע פלעגט אַרבעטן, איז ער שמעלער און פאַרשאַרפטער. אינ אויבערשטן טייל פלעגן אויך געמאַכט ווערן ספּעציעלע קאַרבן פאַר די פינגער, קעדיי עס זאָל זייַן באַקוועמער צוהאַלטן דעם קלאַפּער אין האַנט. ●

דאָס דאָזיקע געצייַג האָט געקאָנט באַנוצט ווערן פאַר די סאַמע פאַרשיידנאַרטיקע אַרבעטן. מיט אים האָט מען געקאָנט א קלאַפּ טאָן, פאַנאַנדערהאַקן, שנייַדן, מיט א שטאַרקן קלאַפּ האָט מען מיט זייַן הילף אויך געקאָנט צעקלאַפּן דעם קאָפּ א הירש. אינגיכן האָבן די מענטשן פאַרבעסערט דאָס דאָזיקע געצייַג

דערמיט, וואָס זיי האָבנ גענומענ צובינדנ צו אימ א הילצערנ הענטל. אפ אזא אויפנ פלעגט דער האנט־קלאפער באנוצט ווערנ אלס א האק אונ א האמער, ווי עס באנוצנ אימ איצט די וויילד־קולטורעלע יעגער. שפּעטער האָט מענ נאָכ גענומענ מאכנ קיזלשטיינערנע שאָבערס אפ שאָבנ פלייש אונ אפ באארבעטנ האָלצ. שאָבערס פלעגט מענ מאכנ אויכ פונ קיזלשטיינ. מע פלעגט נעמענ א פּאסיק שטיקל שטיינ אונ מיט די קלעפּ פונ א הארטנ שטיינ פלעגט מענ פארשארפנ איינעמ פונ זיינע שפּיצנ.

10. דאָס לעבנ פונ די ערשטע מענטשלעכע קאָמונעס.

דאָס דערשיינענ פונ די האנט־קלאפּערס אונ פונ די שאָבערס האָט ארייַנגעטראָגנ גרויסע ענדערונגענ אינ דעמ לעבנ פונ די פרימיטיווע מענטשנ. אויסער דעמ פּאָשעטנ זאמלענ שפּייז איז אויכ מעגלעכ געוואָרנ יעגערייַ. עס איז געוואָרנ א ביסל גרינגער צו לעבנ; עס האָט זיכ באוויזנ די מעגלעכקייַט צו באוועגנ זיכ פאָרויס, פארברייטערנ אונ פארבעסערנ די פּראָדוקציע.

די מענטשלעכע גרופּעס הערנ אוֹפּ פונ אָנהייב דריטנ צווישנטייַזיקנ פּעריאָד צו זייַנ א מינ טשערעדע אָדער טשאטע, ווי די כייַעס. אדאנק דער מעגלעכקייַט צו פארנעמענ זיכ מיט יעגערייַ, באקומענ די מענטשלעכע גרופּעס אזא אָרגאניזאציע, וואָס אזא האָבנ מיר ניט באגעגנט בא כייַעס. די מענטשלעכע גרופּעס ווערנ שוינ פּראָדוציר־קאָמונעס.

די ארכעאָלאָגנ האָבנ אפ די ערטער פונ די אורעלטסטע לאגערונגענ געפונענ ביינער פונ גרויסע כייַעס הייסט עס, אז אינ אָט דער עפּאָכע האָבנ שוינ מענטשנ געקאָנט הארגענענ אזוינע כייַעס. וויאזוי האָבנ עס די דעמלטיקע מענטשנ געמאכט, קאָנ מענ אורטיילנ לויט די רעשטנ פונ די ביינער פונ גרויסע כייַעס אינ די לאגערונגענ אונ לויט די יעגער־אויפנאנימ פונ די איצטיקע וויילד־קולטורעלע פעלקער. אינ די לאגערונגענ האָט מענ געפונענ ביינער הויפּטזאכלעכ אָדער פונ זייער יונגע אָדער פונ זייער אלטע כייַעס. הייסט עס, אז די מיטגלידער פונ דער פּרימיטיווער יעגערישער קאָמונע פלעגנ זיכ סטארענ מיט געמיינזאמענ טאט אָפּצוטרייַבנ פונ דער טשערעדע די מער שוואכע כייַעס. זיי פלעגנ אָפּטרייַבנ די יונגע אונ די סאמע אלטע כייַעס, וואָס האָבנ ניט געקאָנט בייסנ אנטלויפנ פונ די יעגער באווייַזנ נאָכצולויפנ נאָכ די איבעריקע שטארקע כייַעס. האָבנדיק אָפּגעטריבנ די שוואכע כייַעס, פלעגנ זיי די יעגער פארטרייַבנ צו אנ אָפּהאנג אָדער צו א זומפּ. פונעמ אָפּהאנג פלעגנ די כייַעס אראָפּפאלנ אונ צענעריגט ווערנ אונ אינ זומפּ פלעגנ זיי פאריזנעט ווערנ, אונ אפ אזא אויפנ פלעגנ זיי ווערנ רויב פונ די יעגער. אונ אויב עס איז נאָענט ניט געווענ קיינ אָפּהאנג אָדער קיינ זומפּ, פלעגט מענ זיכ סטארענ אייַנצוזאמערנ די אָפּגעשלאָגענע כייַעס מיט פארנאָלגונג אָדער ארומרינגלענ זיי, צונויפטרייַבנ זיי אינ איינ הויפנ אונ איבערשלאָגנ זיי די הינטערשטע פיס מיט קלעפּ פונ שטיינערנע העק אונ דערנאָכ פלעגט מענ זיי שוינ דערהארגענענ מיט קלעפּ אינ קאָפּ. אָט אזוי פירנ נאָכ איצט זייער יעגערייַ די אפריקאנישע בושמענער (אפילע נאָכ העלפאנדנ) אונ אייניקע אמעריקאנער אינדיאנער.

מיט יעגערייַ האָבנ זיכ באשעפטיקט נאָר דערוואקסענע

מענער. זיי האָבנ שוינ איצט אויפֿגעהערט צו באַטייליקנ זיכ אינ זאַמלענ שפײַז אונ האָבנ די דאָזיקע זאַכ איבערגעגעבנ אויסשליסלעכ די פֿרויענ. די פֿרויענ, ווידער, האָבנ זיכ איצט ספעציעל גענומענ באַשעפֿטיקנ מיט צוגרייטנ שפײַז פֿונ די צונויפֿגעזאַמלטע געוויקסנ אונ פֿונ פֿלייש אונ האָבנ געזאָרגט וועגנ די קינדער. א טייל פֿלייש פֿונ די דערהאַרגענע כײַעס פֿלעגט מענ אויפֿעסנ רויערהייט, אָבער א טייל פֿלעגט מענ איבערלאָזנ אונ טריקענענ, צעשניטענע אפֿ לאַנגע פאַסנ. אזוי האָט זיכ באַוויזנ די ערשטע אַרבעט־צעטיילונג, דערווײַל נאָכ בלויז צווישנ מענער אונ פֿרויענ.

אַלצ, וואָס מע פֿלעגט קריגנ אפֿ דער יעגערײַ, אַלצ, וואָס די פֿרויענ פֿלעגנ צונויפֿזאַמלענ, האָט זיכ גערעכנט פֿאַרנ אַלגעמיינעמ פֿאַרמעגנ פֿונ דער גאַנצער קאָמונע. אַפֿילע די צופֿעליקע רויב פֿונ אוואָסערנ־ניט־איז איינצלנעמ יעגער האָט ניט געהערט אימ: ער האָט זיכ געמוזט צעטיילנ מיט זײַנע כאַווײרימ. בלויז דאָס געצײַג איז געווענ אינעמ אויסשליסלעכנ באַנוצ פֿונ דעמ יעגער, וועלכער האָט עס געמאַכט. יעדער יעגער האָט געהאַט זײַנ אייגענעמ האַנט־קלאַפער, זײַנ דראָנג. אָבער יעדער איינער האָט געקאָנט נעמענ בא זײַנ כאַווער זײַנ געצײַג אפֿ צײַטווײַליקנ באַנוצ. הייסט עס, אז אינ דער פרימיטיווער יעגערישער גרופע האָט געהערשט קאָמוניזמ. געמיינזאַמ, קאָלעקטיוו פֿלעגט מענ דורכפֿירנ די יעגערײַ אונ דאָס זאַמלענ שפײַז, געמיינזאַמ פֿלעגט מענ עס צוגרייטנ, געמיינזאַמ פֿלעגט מענ עס פֿאַרטיילנ. אָבער דאָס איז, פֿאַרשטייט זיכ, געווענ פרימיטיווער קאָמוניזמ. דאָס איז געווענ א קאָמוניזמ פֿונ אָרעמקײַט, פֿונ שוואַכער טעכניק, פֿונ מאַכטלאָזיקײַט קעגנ דער נאַטור.

די פרימיטיווע יעגערישע קאָמונעס זײַנענ געווענ ניט קיינ גרויסע — פֿונ 20 ביז 30 מאַנ, זעלטנ גרעסער. אינ דער צײַט פֿונ די וואַנדערונגענ צוליב זוכנ געווילד אונ געוויקסנ־שפײַז, פֿלעגט זיכ אינ דער שפיצ פֿונ דער קאָמונע שטעלנ אוואָסער ניט איז באַיאָרנטער דערפֿאַרענער יעגער. אזא אָנפֿירער פֿלעגט זיכ אַרויסרוקנ אויכ אינ דער צײַט פֿונעמ פראָצעס פֿונ קאָלעקטיווער יעגערײַ גופֿע. קיינע וואַלנ פֿלעגנ דעמלט ניט פֿאָרקומענ; מע פֿלעגט זיכ אונטערוואַרפֿנ דעמ, ווער עס פֿלעגט אַליינ אָנהייבנ צו געבנ אָנווײַזונגענ. קיינ שטענדיקע פֿירער מיט קיינ שטענדיקער מאַכט איז ניט געווענ.

אזוינע קליינינקע קאָמונעס פֿלעגנ אינ די הונדערטער אַרומוואַנדערנ איבער די אָנענדלעכע וועלדער, זומפנ אונ באַרג־טאָלנ פֿונ דער דעמלטיקער אייראָפע אונ פֿונ אַנדערע טיילנ פֿונ דער וועלט. נאָר זעלטנ אונ צופֿעליק פֿלעגנ זיכ 2—3 קאָמונעס פֿאַראייניקנ אפֿ א געוויסער צײַט אינאיינעמ, ווענ זיי פֿלעגנ געפֿינענ א טויטנ קערפער פֿונ אוואָסער ניט איז ריזיקער כײַע, מיט וועלכנ איינ קאָמונע האָט ניט געקאָנט פֿאַרטיק ווערנ, אָדער ווענ עס איז פֿאָרגעשטאַנענ א שווערע יעגערײַ, וואָס האָט געפֿאָדערט א גרויסע צאָל אָנטיילנעמער. אָבער נאָכנ פֿאַרענדיקנ די אַלגעמיינע עקספעדיציע פֿלעגנ זיכ די קאָמונעס ווידער פֿאַנאַנדערגיינ, אונ יעדערע פֿלעגט אַוועקגיינ אינ איר זײַט.

שפײַז פֿלעגנ די דאָזיקע פרימיטיווע קאָמונעס קריגנ מיט

אומגעהייער גרויסער מי און מיט שטענדיקער געפאר פארנ לעבנ. קיינ שטענדיקע רעזערוונ זיינענ ניט געווענ. די קאָמו־נעס פלעגנ גאנצ אָפט הונגערנ. דעריבער פלעגנ זיי זיכ באציִענ אָנ ראכמאָנעס צו די קראנקע אונ אלטע. שוואכע קראנקע אונ שוואכע זקיינים פלעגנ זיי באם אריבערגיינ פונ איינ אָרט אפ א צווייטנ פארלאָזנ, איבערלאָזנדיק פאר זיי א ביסל שפייז, אונ די אינגאנצנ אָפגעשוואכטע זקיינים פלעגנ זיי פּאַשעט דערהארגענענ.

קיינ שטענדיקע דירעס האָבנ אָט די פרימיטיווע קאָמונעס ניט געהאט. בלויז אפ נאכטלעגער פלעגנ זיי זיכ פארקלייבנ אפ דיביימער, קעדיי צו זיינ זיכער פונ אנ אָנפאל פונ ווילדע כייעס. די היידלבערגער האָבנ נאָכ ווארשיינלעכ געקאָנט געשיקט זיכ דראפענ אפ ביימער, גלייכ ווי זייערע אורעלטערנ די מאלפעס.

11. נייע געצייג אונ פייער. פונ זינט דער אויסבילדונג פונ דער פרימיטיווער מענטשלעכער קאָמונע האָט זיכ אָנגעהויבנ,



געמעל 7. שטיינערנע געצייג פונעמ מיטנ דעמ דריטנ צווישנאייזיקנ פעריאָד.

עמעס, זייער לאנגזאמ, א שטענדיקע באוועגונג פאָרויס. עס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ צו ווייזנ נייע געצייג, די מענטשנ האָבנ זיכ אויסגעלערנט באנוצנ מיט פייער. די דערפאָלגנ פונ דער טעכניק אונ פונ דער פראָדוקציע האָבנ געענדערט דאָס לעבנ פונ די מענטשנ, געענדערט טאקע די מענטשנ אליינ. די מאלפעסענלעכע היידלבערגער זיינענ פארוואנדלט געוואָרנ אינ קרומפיסיקע נעאנדערטאלער, וואָס האָבנ שוינ געהאט א פולשטענדיקנ מענטשלעכנ אויסזענ.

אינ מיטנ פונעמ דריטנ צווישנאייזיקנ פעריאָד איז שוינ די טעכניק געשטא־נענ ניט אינ פארגלייכ העכער, איידער אינ אָנהייב פונ דעמ פעריאָד. אויב ניט רעכענענ דעמ שאָבער, איז דעמלט געווענ נאָר איינ אוניווערסאל געצייג, וואָס מע פלעגט באנוצנ אינ אלע ארבעטנ. איצט האָט זיכ שוינ באוויזנ ספּעציעלע געצייג פאר ספּעציעלע ארבעטנ—פונ א ספּע־ציעלער פאָרמ אונ גרייס. אויסער די פריִערדיקע קלאפערס אונ שאָ־בערס זיינענ אופגעקומענ שנייד־געצייג, עפּעס אזוינס ווי שטיינערנע מעסערס.

שפּעטער האָט זיך באַוויזן געציַיג, וואָס האָט געדינט פאַר שפּיצן צו שפּיזן: איין עק זייערער פלעגט געמאַכט ווערן דין און שאַרף, און דער צווייטער פלעגט געמאַכט ווערן מיט אַן אויסשניט, קעדיי מע זאָל אים קאָנען צובינדן צו אַ הילצערנעם פלאָקן. ענדלעך האָבן זיך באַוויזן דינע שאַרפע שטיינערנע נאָלן, מיט וועלכע מע האָט געקאָנט דורכשטעכן לעכער (געמ. 7).

אָט די געציַיג פלעגן אויך, אַזוי ווי פריִער, געמאַכט ווערן פון קיזלשטיין, אָבער אַף אַנדער אופן. מע פלעגט נעמען אַ גרויסן שטיק קיזלשטיין און מיט אַ צווייטן שטיין, אַן אָפּקלאַפּער, אָפּהאַקן פון אים שטיקלעך אַזוי, אַז ער זאָל באַקומען די נייטיקע פאָרם, גרייס און זאָל פאַרשאַרפט ווערן. מע האָט אויך גענומען מאַכן געציַיג פון ביינער פון חיַיעס און פיש — נאָדלען, שפּיצן צו שפּיזן און פיַילן, האַרפּונעס אַף כאַפּן גרויסע פיש, העקלעך אַף כאַפּן קליינע פיש.



געמעל 8. ביינערנע געציַיג.

מיט דער הילף פון די דאָזיקע שטיינערנע געציַיג האָט דער מענטש געקאָנט מאַכן אויך ניַיע הילצערנע געציַיג. באַזונדערס וויכטיק איז געווען צו מאַכן אַ בויגן און אַ פיַיל. וויאַזוי די מענטשן האָבן דערפונדן דעם בויגן און פיַיל קאָן מען פּינקטלעך ניט זאָגן. די ערשטע בויגנס זיַינען געווען זייער גרויסע און לעפּישע. דעם הילצ-נעם טייל פלעגט מען מאַכן פון צוויי שטיקער האָלץ, וואָס זיַינען געווען פעסט פאַרבונדן איינער מיט דעם צווייטן. דער בויגן-שנור פלעגט געמאַכט ווערן פון אָדערן, און די פיַילן פלעגן געמאַכט ווערן מיט שטיינערנע אָדער מיט ביינערנע שפּיצן (געמ. 8).

די יעגער האָבן שוין איצט גענוצט פיַיער. אַף זייערע לאַגערונגען געפינט מען איינעם מיט זייערע געציַיג און ביינער-רעשטן אויך שפּורן פון פיַיער-פלעצער מיט רעשטן אַש, קוילן און אָרומגעסמאַליעטע ביינער. די מענטשן גופא האָבן נאָך דעמלט אַרויסקריגן פיַיער ניט געקאָנט. נאָר זיי פלעגן קריגן פיַיער פון וואַלד-סרייפעס, וואָס פלעגן דעמלט זיַין גאַנץ אָפט, אָדער פון ביימער, וואָס פלעגן אָנגעצונדן ווערן פון אַ בליץ. דעם באַקומענעם פיַיער פלעגט מען איַינהיטן און ער פלעגט שטענדיק ברענען אַפן פיַיער-פּלאַץ אין דער ציַיט פון דעם לאַגערן, און באַם איבערגיין פון אָרט צו אָרט פלעגט מען אים פאָר־

זיכטיק איבערטראָגן אין דער פאָרם פון טליִענדיקע האָלעוועשקעס. אפ די לאַ־גערונגען פלעגט מען אונטערהאלטן דעם פײַער אפ א קײַלעכדיקן פײַער־פּלאַץ. לעכאטכילע איז עס געווען א פּאָשעטע גרוב; נאָכדעם האָט מען די גרוב גע־נומען ארומלייגן מיט שטיינער.

דאָס אָנווענדן נײַע געצײַג און פײַער האָט געענדערט און פארגרינגערט די פּראָדוציר־טעטיקײַט פון די יעגערישע קאָ־מונעס. מיט דער הילף פון די נײַע געצײַג זײַנען געוואָרן מעגלעך נײַע יעגערײַ־אויפּאנים. די שײַטערהויפנס פלעגן באנאכט פארטרײַבן די ווילדע כײַעס פון די לאגערונגען; אפן פײַער האָט מען גענומען צוגרייטן פלייש־שפּײַז אָנ־שטאָט רוי פלייש. מיט דער הילף פון די נײַע געצײַג האָט דער מענטש זיך גענומען בויען זײַנע ערשטע וווינונגען און מאכן זיך ערשטע קליידונג.

געמעל 9. קאָלעקטיווער געיעג; די יעגער דערהארגענען די כײַעס מיט א שפּיז (פון א הייל־געמעל).

12. נײַע יעגערײַ־אויפאנים אין סאָפ פונעם דריטן צווישנצײַזיקן פּעריאָד.

די יעגערײַ האָט זיך באדײַטנדיק פארגרינגערט דערפאר, וואָס דער יעגער האָט אין זײַן רעשוס געהאט א שפּיז. מיטן שפּיז האָט דער יעגער גע־קאָנט דערשלאָגן די כײַע אין לויף, אפ א מעהאלעך פון 10—15 מעטער. דע־ריבער איז פאר דעם מענטשן די יעגערײַ געוואָרן ווייניקער געפערלעך און גרינגער, איידער פריִער, ווען עס איז אויסגעקומען צו פארטרײַבן די גרויסע כײַעס אין א זומפּ אָדער צו אן אָפּהאנג און דערהארגענען זיי מיט א געפאר פארן אייגענעם לעבן. אין די הייל̈ן האָבן זיך פארהיט געמעלן, אפ וועלכע עס ווערן געשילדערט סצענעס פון יעגערײַ מיט שפּיזן (געמ. 9). אזוי פירן נאָך איצט יעגערײַ די בושמענער.

די יעגערײַ איז איצט פארגרינגערט געוואָרן אויך דורך דעם, וואָס די נײַע טעכניק האָט געגעבן דעם מענטשן די מעגלעכקײַט צו־צוגיין צו די כײַעס זייער נאָענט אָן יעדער געפאר און אָן

פאַרמאַטערנדיקן נאָכיאָגן זיך נאָך זיי. מיט דער הילף פון מעסערס האָבן זיך די מענטשן אויסגעלערנט אַראָפּצושינדן פעל פון די דערהאַרגעטע כײַעס און מיט די שאָבערס פלעגן זיי זי אָפּרייניקן. אין דער צײַט פון יעגערײַ אַפ דער אָדער יענער כײַע פלעגן די יעגער אָנטאָן אַפ זיך א פעל פון דער דאָזיקער כײַע, פלעגן זיך אוועקשטעלן אַפ אַלע פיר און, נאָכמאַכנדיק די באַוועגונגען און די געשרייען פון דער כײַע, פלעגן זיי צוגיין צו איר אַפ אַזא שטרעקע, אַז מע זאָל קאָנען אָן א דורכפאַל גלײַך אוועקלייגן זי מיטן שפּיז. עס זײַנען פאַרבליבן בילדער פון יעגער, איבערגעטאָנענע אין הירשן (געמ. 10). און אין אַפריקע יאָגן זיך די נעגערס נאָך איצט מיט די זעלביקע מעטאָדן נאָך שטרויס־פויגלען (געמ. 11).

געמעל 10. א יעגער איבערגעטאָן ווי א הירש (פון א הייל־געמעל).

די יעגערײַ איז איצט פאַרגרינגערט געוואָרן אויך דערמיט, וואָס מיט דער הילף פון די נײַע געצײַג האָט דער מענטש געקאָנט אויסטעסען א לאַנג און גראָב הענטל, און, צובינדנדיק עס צו א פאַרשאַרפטן פלאַטשיקן שטיין, מאַכן א פרימיטיווע שטיינערנע לאָפּעטע. מיט דער דאָזיקער לאָפּעטע האָבן די יעגער אָנגעהויבן אַפ די כײַעס־שטעגן מאַכן גריבער און צודעקן זיי מיט טרוקענע דינע צווײַגן און בלעטער. אויסער דעם, האָבן די יעגער אָנגעהויבן מאַכן מיט די שטיינערנע מעסערס און נאָלן פאַסטקעס, וואָס מע פלעגט זיי שטעלן אַפ די כײַעס־שטעגן, אָדער מע פלעגט אָנשנײַדן דינע שטאַנגען און מאַכן פון זיי אין א באַשטימטן אָרט אין וואַלד לאַנגע צאַמען. נאָך אָט אַזוינע צוגרייטונגען פלעגט זיך אָנהייבן די יעגערײַ. א טייל יעגער פלעגט נאָכשפּירן נאָך די כײַעס און יאָגן זיי צו די גריבער, פאַסטקעס און צאַמען. אַנדערע יעגער פלעגן צוהיטן די כײַעס בײַ דער נעץ. די כײַעס פלעגן אַרײַנפאַלן אין די גריבער, אָדער אין די פאַסטקעס, פלעגן זיך אָנשטויסן אַפ די צאַמען און פלעגן ניט קאָנען אַרויס, און די יעגער פלעגן זיי גרינג דערהאַרגענען.

אויסער יעגערײַ אפ כײַעס איז איצט געוואָרנ מעגלעכ יעגערײַ אפ פויגלענ אונ פישפאנגערײַ. פויגלענ פלעגט מענ דערהארגענענ מיט א פײַל פונ בויגנ. די גרויסע פיש פלעגט מענ צוהיטנ אפנ ברעג, ווענ זיי פלעגנ גיינ הורבעסווײַז לאָזנ רויג, אונ מע פלעגט זיי דערהארגענענ מיט הארפונעס. דער הארפונ איז א ספעציעלער שפיז מיט א ביינערנעמ פארשפיצטנ עק, וועלכער פלעגט זיכ ארײַנהאקנ אינ קערפער פונ דעמ פיש, ווי א העקל (געמ. 8). צומ הארפונ פלעגט מענ צובינדנ א לאנגע שטריק, וואָס פלעגט געמאכט ווערנ פונ פאסנ פונ בוימ־קאָרע; דער עק פונ שטריק פלעגט פארבלײַבנ אינ די הענט באמ יעגער, אונ, דערהארגעט דעמ פיש, פלעגט ער מיטנ שטריק ארויסציענ זײַנ רויב פונ וואסער אפנ ברעג. קליינע פיש פלעגט מענ כאפנ מיט העקלעכ.

עס איז אויכ גרינגער געוואָרנ דאָס זאמלענ געוויקסנשפײַז. מיט דער הילפ פונ די נײַע געצײַג האָבנ די פרויענ געקאָנט גרינגער אונ מערער אָנגראָבנ אינ וואלד קרײַטעכצער אונ וואָרצלפרוכטנ. עס איז געוואָרנ מער שפײַז פונ כײַעס אונ פונ געוויקסנ. די שפײַז איז געוואָרנ פארשיידנארטיקער, זעטיקער אונ געשמאקער.

13. ווינונגענ אונ קליידונג. דער וואראעמער קלימאט פונעמ דריטנ צווישנײַזיקנ פעריאָד האָט באפרײַט דעמ מענטשנ פונ זאָרגנ וועגנ ווינונגענ אונ קליידונג. פונקט אזוי ווי די נעגערס אינ אפריקע, זײַנענ די נעאנדערטאלער געגאנגענ נאקעט, אונ נאָר בא א גאָר קאלטנ וועטער פלעגנ זיי אפ זיכ ארופווארפנ א פעל פונ א כײַע. קיינ עמעסע ווינונגענ האָבנ זיי אויכ ניט געבויט. אפ די לאגערונגענ פלעגט מענ נאָר אפ דער זײַט, ווו ס'האָט געבלאָזנ דער ווינט, מאכנ פונ צווײַגנ אונ בלעטער א פארשטעל צו באשיצנ דעמ פײַער־פלאצ קעגנ קאָסע רעגנס אונ ווינט. אזעלכע פארשטעלנ מאכנ איצט די פרימיטיווע יעגער אפ די פיליפינער אינדזלענ.

אָבער ווענ עס האָט זיכ צומ סאָפ פונעמ דריטנ צווישנײַזיקנ פעריאָד אָנגעהויבנ די אָפקילונג פונ קלימאט, ווענ עס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ די קאלטע הארבסטנ אונ ווינטערס, האָבנ מענטשנ זיכ אָנגעהויבנ נייטיקנ אינ ווינונגענ אונ קליידער. פונ כײַעס־פעל האָט מענ אָנגעהויבנ נייענ מאנטלענ אָדער פעלערינעס, מיט וועלכע מע האָט זיכ געקאָנט צודעקנ פונ קעלט. ווענ אינ מיטל־אייראָפע האָבנ זיכ אָנגעהויבנ אָנצורוקנ פונ צאָפנ די גלעטשערס, האָבנ זיכ די מענטשנ אונ די כײַעס אוועקגעלאָזט פונ זיי אפ דאָרעמ. מע האָט זיכ גענומענ שטארק נייטיקנ אינ ווינונגענ. פאר ווינונגענ האָבנ די מענטשנ גענומענ זוכנ אונ צופאסנ היילנ. אזויווי אינ דער צײַט האָבנ זיכ אויכ די ווילדע כײַעס, באזונדערס דער בער אונ דער לייב, גענומענ באהאלטנ אינ היילנ, איז די מענטשנ גאנצ אָפט אויסגעקומענ צו האלטנ מיט זיי א געפערלעכנ קאמפ — ארויסטרײַבנ זיי פונ די היילנ אָדער באמ ארײַנגאנג מאכנ אזעלכע אָנוואלגערונ, אז די כײַעס זאָלנ ניט קאָנענ ארײַנדרינגענ אינ די היילנ.

ווענ עס איז אָנגעקומענ די 4־טע פארײַזיקונג, איז דער מענטש אפ אייניקע טויזנטער יאָר געוואָרנ אנ אײַנווינער

פון היילן. די אַרכעאָלאָגן האָבן געפונען אַ גאַנצע רײ אַזוינע הייל־װוינונגען פון דעם מענטשן, באַזונדערס אין פראַנקרײַך, שפּאַניע און שװייץ. און דאָרטן, װוּ עס זײַנען ניט געװען קיין בערג און קיין היילן, װי, צום בײַשפּיל, אויף דער טעריטאָריע פון אונדזער פאַרבאַנד, האָבן מענטשן גענומען מאַכן ערד־שטיבלעך פאַר װוינונגען, אַ מין טיפע נאָרעס אין דער ערד. דעם אַרײַנגאַנג אין די דאָזיקע װוינונגען פלעגט מען באַשיצן פון רעגנס און פון שניי

געמעל 11. אַן אַפריקאַנישער יעגער, איבערגעטאָן װי אַ שטרויס־פויגל (רעכטס) גאַנװעט זיך אונטער צו די שטרויס־פויגלען (אַן אַפריקאַניש געמעל).

מיט אַן אָפּדאַך, װי אַ מין קײַלעכדיקער געצעלט אָדער אַ צװייאָפּהאַנגיקן דאַך, װי מע מאַכט דאָס נאָך איצט אויך אין די דערפער אויף די קעלערס.

14. **טאָטעמישע געזעלשאַפטן.** פון די דאָזיקע ענדערונגען אין דער טעכניק און אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע האָט זיך אויך פאַרענדערט די אײַנאָרדענונג פון די פּרימיטיװע יעגערישע קאָמונעס. די נײַע געצײַג און די נײַע יעגערײַ־מיטלען האָבן איצט געגעבן די יעגער היפּש מער רויב. אָבער קיין גרויסע אָבלאַװעס לויטן נײַעם מעטאָד — מיט אײַנאָרדענען קאַפּקאַנעס, גריבער, פאַרצאַמונגען, זאַהאָנען — האָט אַ קליינינקע קאָמונע פון 20—30 מאַן מיט אירע אייגענע קויכעס ניט געקאָנט אָרגאַניזירן. דעריבער הייבן זיך אָן פאַרייניקן שכנישדיקע קאָמונעס. לעכאַטכילע זײַנען די פאַרייניקונגען געװען צײַטװײַליקע — צוליב אַװאָסער־ניט־איז יעגערישער אָפּעראַציע. אָבער שפּעטער װערן די צײַטװײַליקע פאַרייניקונגען פאַרװאַנדלט אין שטענדיקע בונדן. אַזוי באַװײַזן זיך אָנשטאָט די קליינע, צעבראָקלטע קאָמונעס גרויסע קאָמונעס, װעלכע װערן צונויפגעשטעלט פון 6-10 קליינע גרופּעס. דאָס זײַנען געװען די ערשטע נאָך ניט גרויסע און שװאַכע יעגערישע שװאָטים.

די רײַזנדע האָבן נאָך ענדע XVIII יאָרהונדערט געטראָפן אַזוינע יעגערישע שװאָטים צװישן די אינדיאַנער פון צאָפן־אַמעריקע. דאָרטן פלעגט יעדע קליינע קאָמונע, װאָס פלעגט אַרײַנגיין אין באַשטאַנד פון אַ שײװעט, אָנגערופן װערן טאָטעם. דעריבער האָבן די געלערנטע אָפּגעמאַכט אָנצורופן די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג פון די ערשטע יעגערישע שװאָטים מיטן נאָמען טאָטעמישע.

● אמבעסטנ איז אונדז באוווסט די טאָטעמישע אָרדענונג פונ די אווסטראלישע יעגערישע שוואָטימ. די דאָזיקע שוואָטימ האָבנ נאָכ אינמיטנ XIX יאָרהונדערט געהאט פונקט אזוינע שטיינערנע געצײַג, ווי די יעגער פונ אײראָפּע אינ דער עפּאָכע פונ דער 4-טער אָפּקילונג, זיי האָבנ נאָכ אויכ געהאט הילצערנע געצײַג. זיי האָבנ באנוצט אָט די אלע קאָלעקטיווע יעגערײַ-מיטלענ, וואָס זײַנענ באשריבנ אינ § 13. דעריבער דארפ מענ רעכענענ, אז די געזעלשאפטלעכע אָרדענונג פונ די ערשטע אײראָפּיישע יעגערישע שוואָטימ איז געווענ פונקט אזא ווי בא די אווסטראליער. ●

יעדער שיוועט האָט זיכ געסטארעט צו פארנעמענ פאר זײַנ יעגערײַ א באשטימטע טעריטאָריע און האָט אפ איר ניט געלאָזנ דורכפירנ קיינ געיעג-אָפּעראציעס די שכײנעסדיקע שוואָטימ. אמאָל פלעגט זיכ אײַנגעבנ אָפּצומאכנ מיט די שכײנימ וועגנ פאנאנדערגרענעצנ א טעריטאָריע אפ א פרידלעכנ אויפנ, אמאָל פלעגנ פאָרקומענ קריגערײַענ און בלוטיקע צוזאמענשטויסנ. די פארנומענע טעריטאָריע פלעגט צעטיילט ווערנ אפ באצירקנ לויט דער צאָל טאָטעמס; יעדער טאָטעמ האָט געפירט זײַנ יעגערײַ אפ זײַנ באצירק. אָבער ווענ אוואָסער-ניט-איז טאָטעמ פלעגט אפ זײַנ באצירק אויסשפירנ א גרויסע רויב, אשטייגער א גרויסע טשערעדע הירשנ אָדער זוברעס, פלעגט ער וועגנ דעמ אָנזאָגנ די איבעריקע, און דעמלט פלעגט אײַנגעאָרדנט ווערנ אנ אלגעמיינע יעגערײַ פונ דעמ גאנצנ שיוועט. די רויב פלעגט, פונקט ווי פריִער, צעטיילט ווערנ צווישנ אלע אָנטיילנעמער פונ דער יעגערײַ אינ גלײַכע כאלאָקימ, אויסער די טאָטעמ-פירער אפ דער יעגערײַ און די אלטע. די און יענע פלעגנ באקומענ מער פונ די איבעריקע.

יעדער טאָטעמ, וואָס פלעגט ארײַנגיינ אינ באשטאנד פונ א שיוועט, האָט געהאט זײַנ באָמענ לויטנ נאָמענ פונ אוואָסער-ניט-איז כײַע, און אפ דער יעגערײַ פלעגט ער ארויסרוקנ זײַנ פירער. ער פלעגט טראָגנ א ספעציעלנ שטאָק. מערסטנטייל א ביינערנעמ, באפוצט מיט בילדער פונ כײַעס (געמ. 8). די טאָטעמ-פירער פלעגנ ארויסגערוקט ווערנ פונ צווישנ די מער דערפארענע און כיטרע יעגער נאָר אפ דער צײַט פונ די יעגערײַ-עקספּעדיציעס און אָבלאוועס, ווי פריִער. אָבער אויסער אָט די צײַטווײַליקע פירער זײַנענ בא די יעגערישע שוואָטימ אופגעקומענ שטענדיקע אָנפירער. דאָס זײַנענ געווענ די אלטע.

איצט פלעגט מענ שוינ די אלטע ניט אוועקוואַרפנ און ניט דערהארגענענ, ווי פריִער. פארקערט, מע האָט זיי געאכטעט און געגעבנ זיי דאָס ערשטע אָרט אינ דער קאָמונע. דאָס איז פאָרגעקומענ, ערשטנס, דערפאר, וואָס אויסארבעטנ נײַע פארשיידנארטיקע געצײַג איז ביסלעכווײַז געוואָרנ די ספעציעלע ארבעט פונ די אלטע. די יינגערע און שטארקערע יעגער זײַנענ שטענדיק געווענ פארנומענ אפ יעגערײַ, זיי האָבנ קיינ צײַט ניט געהאט צו פארנעמענ זיכ מיט אויסארבעטנ געצײַג. די דאָזיקע זאכ האָט מענ גענומענ איבערגעבנ די אלטע; און אזוי זײַנענ זיי געוואָרנ ספעציאליסטנ אינ אָט דער סאמע וויכטיקסטער פראָדוקציע. אויסער דעמ, האָבנ די אלטע בעסער פונ אלעמענ געוווסט און געדענקט די גאנצע דערפארונג פונ דער יעגער-ארבעט, אלע גענג, כיטרעקײַטנ און מעטאָדנ פונ יעגערײַ, אלע מערקווירדיקע צופאלנ פונ די פריִערדי-

קע יעגערײַען. זיי האָבן גענומען לערנען די יונגע יעגער, וויאַזוי צו באַנוצן זיך מיט געווער, וויאַזוי צו פֿאַרקליידן זיך אין אַ חיה, וויאַזוי נאָכצומאַכן פֿאַרשיידענע טנועס פֿון די חיות, דעם געשריי פֿון חיות און פֿייגלען. אַט אַזוי זײַנען די עלטע געוואָרן ספּעציאַליסטן אין דער זאַך פֿון לערנען. דערפֿאַר האָט מען די עלטע געהיט, מע האָט זיי געגעבן דעם בעסטן טייל פֿון רויב, מע האָט פֿאַר זיי געבויט ספּעציעלע געצעלטן.

דעריבער האָבן זיך די עלטע ביסלעכווײַז אָפּגעזונדערט פֿון די איבעריקע מיטגלידער פֿונעם שייוועט, האָבן גענומען לעבן אין אַ באַזונדער גרופּע. אין די טאָטעמישע קאָמונעס האָט זיך באַקומען אַ צעטיילונג אויף דרײַ גרופּעס לויטן עלטער: קינדער און מינדעריאָריקע, וועלכע האָבן נאָך ניט אָנטיילגענומען אין יעגערײַ, דערוואַקסענע, אַן ערך פֿון 18 — 20 יאָר און פֿון 45 — 50, און אַלטע. די גרופּע אַלטע האָט פֿאַרנומען די אָנפֿירנדיקע לאַגע. אין יעדן שווערן פֿאַל פֿלעגט מען זיך ווענדן צו די אַלטע נאָך אַן אייצע, אין אַלץ האָט מען זיך צוגעהערט צו זייערע אָנווײַזונגען. די אַלטע האָבן גענומען קוקן אויף זיך, ווי אויף שטענדיקע אָנפֿירער און ראַטגעבער, זיי האָבן אָנגעהויבן האַלטן, אַז זיי האָבן דאָס רעכט אויף אָנפֿירונג. אַט אַזוי האָט אין רעזולטאַט פֿון דער פֿאַרברייטערונג און צעטיילונג פֿון דער אַרבעט זיך באַוויזן אין די יעגערישע שוואָטים אַ שטענדיקער אָנפֿירנדיקער אויבערשיכט.

אין יעדן שייוועט האָבן די אַלטע צונויפֿגעשטעלט אַ ראַט, וועלכער פֿלעגט באַטראַכטן אַלע הויפּט־פֿראַגן — וועגן דער אָרגאַניזאַציע פֿון דער יעגערײַ, וועגן פֿאַרטיילן די טעריטאָריע פֿונעם שייוועט אויף באַצירקן צווישן די טאָטעמס, וועגן מלחמה און שאָלעם מיט די שכנישע שוואָטים, וועגן איבערגיין אויף נײַע ערטער ווען געווילד פֿלעגט ווערן ווייניק.

זייערע באַשלוסן פֿלעגן די אַלטע מעלדן די דערוואַקסענע יעגער אויף דער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג פֿונעם שייוועט.

● אויסער אַזוינע פּראָדוציר־פֿאַרזאַמלונגען פֿלעגן איין מאָל אין יאָר אײַנגעאָרדנט ווערן ספּעציעלע יאָנטעוודיקע פֿאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע מע פֿלעגט די אונטערגעוואַקסענע יוגנטלעכע אַריבערפֿירן אין דער גרופּע דערוואַקסענע יעגער. די יונגע פֿלעגט מען אויספּרוּוון, קעדיי דורכצוקאָנטראָלירן, צי זײַנען זיי מוטיק, שטאַרק און פֿייִק אַלץ איבערצוטראָגן. מע פֿלעגט זיי צווינגען לויפֿן, איבערטראָגן אַ ווייטעק פֿון אַ קלאַפּ, פֿון אַ וווּנד, פֿון אַ ברי; מע פֿלעגט זיי צווינגען אומבאַוועגלעך שטיין אָדער ליגן ביז וואַנען עס וועט ניט זײַן אַ באַפֿעל צו באַוועגן זיך א. א. וו. מע פֿלעגט דורכקאָנטראָלירן, צי קאָנען זיי זיך באַגיין מיט געווער, צי ווייסן זיי די קלאָלים פֿון יעגערײַ, צי ווייסן זיי די געבאָטן פֿון דעם שייוועט. די דאָזיקע געבאָטן זײַנען בײַ די אויסטראַליער אַזוינע: 1) אַכטן און פֿאָלגן די עלטערע, 2) מיט אַלץ טיילן זיך מיט די מיטגלידער פֿון טאָטעם, 3) לעבן אין שאָלעם מיט די מיטגלידער פֿון טאָטעם, 4) אָפּהיטן אַלע קלאָלים וועגן שפּײַז — ניט עסן דאָס, וואָס מע דאַרף אָפּגעבן די אַלטע, אַשטייגער באַשטימטע טיילן פֿון געווילד אָדער פֿון די סאַמע געשמאַקסטע חיות און פֿייגלען. ●

די דאָזיקע עלטער־גרופּעס זײַנען נאָך ניט געווען קיין קלאַסן. די אַלטע האָבן קיין שום אייגנטום־רעכט ניט געהאַט אויף די אַרבעט־געצײַג, וואָס

זיי האָבן געמאַכט, אָדער אַפּ וואָסער-ניט-איז טייל פון דער יעגערײַ-טעריטאָריע. בּיסלעכווײַז האָט זיך פאַר זיי אויסגעבילדעט נאָר דאָס רעכט אַפּ אָנפירן און דאָס רעכט אַפּ א בּעסערן כיילעק רויב — אַפּ א גרעסערן פּאַיאָק. דאָס איז געווען אומגלײַכקײַט, אָבער אומגלײַכקײַט, וואָס גרינדעט זיך נאָר אַפּ דער אַרבעט-צעטיילונג. פאַרשיידענע אַרבעט-צווײַגן האָט מען שוין אין דער יעגערישער קאָמונע גענומען אָפּשאַצן פאַרשיידן; דעריבער האָט מען אויך די פּראָדוקטן-פאַרטיילונג אָנגעהויבּן דורכפירן ניט גלײַך, נאָר אָפּהענגיק פון א גרעסערער אָדער קלענערער וויכטיקײַט פאַר דער פּראָדוקציע פון דער אָדער יענער ספּעציעלער אַרבעט, וואָס עס האָט אויסגעפילט יעדע גרופּע לויט איר עלטער.

● אין דער טאָטעמישער געזעלשאַפט האָט מען צוערשט אײַנגעפירט קלאָלים וועגן שליסן הייראַטן. אין דער פּרימיטיווער יעגערישער קאָמונע האָט יעדער מאַן געקאָנט הייראַטן יעדע פרוי. די הייראַטן זײַנען געווען פרײַע: אין יעדער צײַט האָט זיך דאָס פּאָרל געקאָנט פאַנאַנדערגיין. אַזוי אויך האָט יעדער מאַן, אויב ער האָט געוואָלט, געקאָנט האָבּן עטלעכע פרויען, און א פרוי, אויב זי האָט געוואָלט, — עטלעכע מענער. אין די טאָטעמישע קאָמונעס האָבן די אַלטע אײַנגעפירט א קלאַל, אַז הייראַטן ווערן דערלויבּט נאָר צווישן מענער און פרויען פון פאַרשיידענע טאָטעמס. צוליב דעם פלעגן די טאָטעמס שליסן צווישן זיך אַן אָפּמאַך: די מענער פון איין טאָטעם הייראַטן מיט די פרויען פון אַן אַנדער טאָטעם, די קינדער פון דער מוטערס טאָטעם פלעגט מען אין איניקע שוואָטים איבּערגעבּן אין א צווייטן טאָטעם. אַדאַנק די דאָזיקע קלאָלים איז צווישן די טאָטעמס, וואָס האָבּן צונויפגעשטעלט א שייווט, אײַנגעשטעלט געוואָרן קרויווישע באַציִונגען. די דאָזיקע באַציִונגען האָבּן פאַרפעסטיקט דעם בּונד פון די טאָטעמס און האָבּן געמאַכט דעם שייווט פאַר א מער שטאַנדהאַפטיקע אָרגאַניזאַציע. ●

2. די שטאַם־קאָמונע

15. דער אָנהייב פון אײַנגעזעסענעם לעבּן. נאָכדער פּערטער פאַרײַזיקונג האָט זיך אין אייראָפּע אײַנגעשטעלט אָט דער מעסיקער קלימאַט, וואָס עקזיסטירט אויך איצט. דערפון האָט זיך געענדערט די געוויקסן- און כײַעס-וועלט. די פריִערדיקע ריזיקע כײַעס — דער מאַמאָנט, נאָזהאָרן, דער ריזיקער הירש, דער הייל-בּער זײַנען אויסגעשטאָרבּן אין דער צײַט פון דער פאַרײַזיקונג. אַנדערע כײַעס, ווי דער לייבּ, דער לעמפּערט, די היענע און אַנדערע זײַנען אוועק אַפּ דאָרעם, זײַנען אוועק פון אייראָפּע קיין אַזיע און אַפריקע דורך די ערד-פּאַסן, וואָס האָבן דעמאָלט כּאַרייניקט אייראָפּע, אַזיע און אַפריקע און האָבּן זיך צוריק ניט אומגעקערט, ווײַל די דאָזיקע ערד-פּאַסן זײַנען פאַרשווּנדן געוואָרן אונטערן וואַסער נאָך דער פאַרײַזיקונג. עס זײַנען פאַרשווּנדן אויך די אייבּיק-גרינע בּיימער אין מיטל-אייראָפּע. אַפּ זייער אָרט זײַנען געקומען די איצטיקע בּלעטער- און נאָדל-בּיימער.

אין אָט די נײַע באַדינגונגען האָט זיך די פּראָדוקציע נאַטירלעך געמוזט פאַרענ-

דערנ. גרויס געווילד איז געוואָרנ אפּ א סאַכ ווייניקער, דערפאַר איז אָבער געוואָרנ פיל מער פיש. נאָכ די צעגאַנגענע גלעטשערס זייַנענ פאַרבליבנ פיל אָזערעס, וואָס זייַנענ פאַרייניקט איינע מיט דער צווייטער דורכ טייַכ־פלוסנ.

אזוינע אָזערעס, וואָס זייַנענ אנטשטאַנענ פונ די גלעטשערס, איז נאָכ איצט אויכ פאַראַנ פיל אינ לענינגראַדער אונ צאָפנ־געגנטנ. אונ אויסער די גרענעצנ פונעם פאַרבאַנד איז איצט פיל אזוינע אָזערעס פאַראַנ אינ מיזרעכ־פרייַסנ אונ אינ מיטל־דייַטשלאַנד. אָבער אינ די ערשטע יאָרטויזנטער נאָכ דער פערטער פאַרייַזיקונג זייַנענ זיי געווענ פיל מער. פיל פונ די דאָזיקע אָזערעס זייַנענ איצט פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ זומפּנ, פאַרוואַקסנ געוואָרנ מיט קוסט־געוויקסנ אונ זומפּ־וועלדער, פיל אָזערעס זייַנענ אינגאַנצנ אויסגעטריקנט געוואָרנ.

דער דאָזיקער איבערפלוס פונ וואַסער האָט געשטערט דאָס פריִערדיקע וואַנדער־לעבנ איבער די וועלדער. אָבער אָט דער איבערפלוס האָט אינ דער זעלביקער צייַט געשטויסנ דעמ מענטשנ איבערצוגייענ צו פיש־פאַנגערייַ. איז אָט ווערנ פיל פריִ־ערדיקע יעגערישע קאָמונעס אינ דעמ ערשטנ יאָרטויזנט נאָכ דער פערטער פאַרייַזיקונג פאַרוואַנדלט אינ פיש־פאַנגערישע קאָמונעס. אפּ די יאַמ־ברעגנ פונ דענעמאַרק, סקאַנדינאַוויע, דייַטשלאַנד, פראַנקרייַכ, אירלאַנד, פּאָרטוגאַליע אונ סאַרדיניע האָבנ די אַרכעאָלאָגנ געפונענ רעשטנ פונ וווינונגענ פונ די דאָזיקע קאָמונעס. די וווינונגענ גופא זייַנענ, פאַרשטייט זיכ, ניט פאַרבליבנ, עס זייַנענ אָבער פאַרבליבנ גרויסע קופּעס שפּייַז־אָפּפאַלנ, אזויגערופענע קיכ־רעשטנ. עס טרעפנ זיכ קופּעס פונ 300 מעטער אינ דער לענג, 50 מעטער אינ דער ברייט אונ 5 מעטער אינ דער הייכ; עס טרעפנ זיכ אויכ קופּעס פונ א קלענערער מאָס. די דאָזיקע קופּעס באַשטייענ פונ צעבראָכענע מויער־קעפּלעכ פונ עסבאַרע יאַמ־מאָליוסקעס, פיש־ביינער, רעשטנ פונ קראַבנ. ביינער פונ געווילד איז פאַראַנ א סאַכ ווייניקער; צווישנ זיי פאַרנעמענ דאָס ערשטע אָרט וואַסער־פויגלענ — שוואַנענ, ענטלעכ, קיבעצנ אונ אנדערע.

אויסער רעשטנ פונ ייִשוווימ אפּ די ברעגנ פונ יאַמ האָט מענ אויכ אנטדעקט פיל רעשטנ פונ ייִשוווימ אפּ די אָזערעס. די דאָזיקע ייִשוווימ זייַנענ געווענ געבויט אפּ פּאַליעס (געמעל 12). רעשטנ פונ אזעלכע ייִשוווימ גראָבט מענ דאָס־ראָוו אויס אינ זומפּנ, וואָס האָבנ זיכ אויסגעבילדעט אפּנ אָרט פונ פריִערדיקע אָזערעס. מער ווי אומעטומ האָט מענ אנטדעקט פּאַליעס־ייִשוווימ אינ דער שווייץ אונ אינ לאָמבאַרדיע, אָבער זיי טרעפנ זיכ אויכ אינ אנדערע ערטער פונ מייַרעוו־אייראָפּע. פאַרשטענדלעכ, אַז אַרומ די פּאַליעס־ייִשוווימ האָבנ ניט געקאָנט זייַנ קיינ גרויסע קופּעס קיכ־אָפּפאַלנ — מע פלעגט זיי וואַרפנ אינ וואַסער. אָבער די הויפּט־באַשעפטיקונג פונ די אייַנוווינער אינ די פּאַליעס־ייִשוווימ איז נאַטירלעכ געווענ פיש־פאַנגערייַ. פיש איז אינ די אָזערעס געווענ א סאַכ, אונ די אייַנוווינער פונ די דערמאָנטע פּאַליעס־געבייַדעס פלעגנ זיי פאַנגענ מיט דעמ זעלבנ מיטל, וואָס עס באַנוצנ אויכ איצט די מאַלייִשע שוואַטימ אינ נייַ־גווינייע אונ סומאַטרע. א טייל פונ די דאָזיקע שוואַטימ לעבט אויכ אינ פּאַליעס־דערפער אפּנ וואַסער. דורכ א לאָכ אינ דער פּאָדלאָגע לאָזנ זיי אפּ א שטריק אראָפּ

אינ דער אָזערע אָדער אינ טײַכ א קאָרב, אונ די קאָרב ווערט שנעל אָנגעפילט מיט פיש.

אפ דער טעריטאָריע פונ אונדזער פארבאנד האָט מענ געפונ-נענ רעשטנ פונ פישפאנגער-יִישוּווים, דעריקער אפ די ברעגנ פונ אָזערעס אונ טײַכנ. דאָרטנ פלעגנ זיכ די פיש־פאנגער אָפט באזעצנ אפ טײַכ־זאמדבענק (דיונעס). זיי פלעגנ מאכנ קינסטלעכע בערגלעכ, ארומלייגנ זיי מיט שטיינער אונ אפ די דאָזיקע העכערונגענ בויענ זייערע ערד-שטיבלעכ.

דער איבערגאנג צו פיש־פאנגערײַ, ווי צו א הויפט־בא-שעפטיקונג, האָט די אורמענטשנ אינ אייראָפע געצוווּנגענ



געמעל 12. פאליעס-געבײַדעס (זייער אויסזענ, אופגעשטעלט לויט אויסגראָבונגענ).

איבערצוגיינ צו אנ אײַנגעזעסענעם ארט לעבנ. פיש כאפט זיכ שטענדיק אפ באשטימטע ערטער, מע דארפ זיכ נאָכ זיי ניט נאָכיאָגנ, ווי נאָכ געווילד. אונ דער איבערגאנג צומ אײַנגעזעסענעם ארט לעבנ האָט געצוווּנגענ איבערצוגיינ צו שפראָצלינגענ פונ ערדאר-בעט אונ פיצוכט. ווײַבאלד עס האָט אופגעהערט דאָס וואנדער־לעבנ, איז אויסגעקומענ א טראכט צו טאָנ וועגנ דעמ, מיט וואָס פאר א מיטלענ קאָנ מענ באאנ אײַנגעזעסענעמ לעבנ ארויסבאקומענ געוויקסנ־שפײַז אונ וויאזוי קאָנ מענ שטענדיק האָבנ פלייש, ניט אָנקומענדיק צו די פריִערדיקע קאָלעקטיווע אָבלאָוועס.

אָט אזוי קומענ אינ אייראָפע אופ גלײַכצײַטיק מיטנ איבערגאנג צו פיש־פאנגערײַ אונ צומ אײַנגעזעסענעמ לעבנ שפראָצלינגענ פונ ערד־ארבעט אונ פי־צוכט, אונ צוזאמענ דערמיט ענדערט זיכ אויכ די טעכניק. די נײַע געווערבנ אונ דער נײַער ארט לעבנ האָבנ געפאָדערט נײַע ארבעט־געצײַג.

16. נײַע געצײַג, ערד-אַרבעט און פּיצוכט. די בײַ־יאַמישע פיש־פאַנ־גער האָבן, וואָרשײַנלעך, געוווינט אין אַזוינע ווײַנונגען, אין וועלכע עס וווינען איצט די קאַמטשאַדאַלער: זומער אין הײַזקעס אַף סלופּעס, קעדיי צו זײַן זיכער פון יאַם־צופלוסן און פון כוואַליעס־שלאָג אין יאַם בעשאַס אַ שטורעם; און ווינ־טער — אין ערד־שטיבלעך.

קעדיי צו בויען אַ הײַזקע אַף סלופּעס אָדער אַף פּאַליעס דאַרף מען האָבן אינסטרומענטן, מיט וועלכע מע זאָל קאָנען אויסהאַקן ביימער, אַרומטעסען זיי, צעזעגן זיי און לויט דער מאָס צופּאַסן איינעם צום צווייטן. און אַף אַרויספּאָרן



געמעל 13. געשליפענע געצײַג פון האַרטן שטיין.

אין יאַם און אין אַזוירע פּאַנגען פיש האָט מען געדאַרפט שיפלעך, וועלכע פלעגן פון די דעמאָלטיקע פיש־פאַנגער אויך אויסדעליבעט ווערן פון אַ בוים. אַזאַ שיפל, אויסדעליבעט פון אַ גאַנצן דעמב, האָבן די אַרכעאָלאָגן גע־פונען אין די רעשטן פון יִשוּווים אַף דער לאַדאָזשער אָזערע. מיט די אַלטע קיזלשטיינערנע געצײַגן האָט מען שוין באַאַרבעטן ביי־מער פאַר געבײַדעס ניט געקאָנט. קיזלשטיינערנע העק טויגן ניט אַף האַקן ביי־מער—פון אַ קלאַפּ אָן אַ בוים פלעגן זיי זיך שנעל ברעקלען און אויפהערן טויגן. פון קיזלשטיין האָט מען געקאָנט מאַכן גאָר איין נײַ געצײַג צו באַאַרבעטן האָלצ— אַ קיזלשטיינערנע זעג. מע פלעגט זי מאַכן אַ קרומע מיט קליינע ציינער. מיט אַזאַ זעג האָט מען געקאָנט זעגן זייער לאַנגזאַם און נאָר ווייכע רויִען האָלץ.

די נויט האָט געצוווּנגען איבערצוגיין צום אויסאַרבעטן העק און מעסערס פון האַרטן שטיין—פון גראַניט, דיאָריט און אַנדערע האַרטע און גלאַטע געשטיין. פון אַ שטיק שטיין פלעגט מען מיט אַ קיזלשטיינערנער זעג אָפּזעגן אַ שטיק פון דער נייטיקער גרייס און פאַרנעמ און דערנאָך פלעגט מען פון דעם דאָזיקן שטיק אַרומשאַרפן און אַרומ־שלייפן אַ געצײַג: מע פלעגט דעם שטיק לייגן אַף אַ גרויסע הליבע גראַניט און אים רײַבן מיט אַ צווייטן שטיין, באַשיטנדיק דערבײַ מיט זאַמד. די אַרבעט איז געווען זייער אַ לאַנגזאַמע און אַ שווערע, אָבער דערפאַר פלעגט מען באַקומען

 606—3

זיכערע, גלאַטע און שאַרפע העק און מעסערס, מיט וועלכע מע האָט געקאָנט האַקנ, ארומטעסענ און שנײַדנ יעדנ בוימ. קעדיי צו פארבעסערנ די ארבעט פונ די נײַע העק, האָט מענ גענומענ דורכ־בויערנ אינ זיי לעכער פאַר הענטלעכ (געמעל 13). מע פלעגט בויערנ מיט א ביינ, די גאַנצע צײַט צושיטנדיק זאַמד און צוגיסנדיק וואַסער. מע האָט אָבער פאָרגע־זעצט מאַכנ אייניקע אַלטע געצײַגנ — די קיזלשטיינערנע שפּיצנ פאַר פײַלנ און שפּיזנ, פאַרשיידענע ביינערנע געצײַגנ, אָבער מע האָט זיי שוינ איצט געמאַכט גיכער און בעסער.

ווױנענדיק אפ א שטענדיקנ אָרט, האָבנ שוינ די פרויענ פונ די פאַליעס־געבײַדעס און פונ די ביי־יאַמיקע און טײַכיקע ישובֿימ ניט געהאַט קיינ מעג־



געמעל 14. אורעלטסטע מאָטיקעס.

לעכקײַט אזוי אָפט און אזא לענגערע צײַט, ווי פריִער, אוועקצוגייִנ אינ די וועל־דער און פעלדער צו זאַמלענ געוויקסנ־שפּײַז. איצט האָבנ די פרויענ אָנגעהויבנ אויסגראָבנ ווילד־וואַקסנדיקע קרײַטעכצער און ציבעלע־געוויקסנ און האָבנ זיי איבערפאַרזעצט נאָענט פונ זייערע וווינונגענ. אזוי האָט זיכ אינ אייראָפּע אָנגעהויבנ די ערד־אַרבעט. די ערשטע קולטורעלע געוויקסנ אינ אייראָפּע זײַנענ געווענ: ציבעלע, קנאָבל און ברוטשקע, שפּעטער באָב. און דאָס ערשטע ערד־אַרבעטעריש געצײַג איז געווענ די מאָטיקע.

די מאָטיקע האָט פאַרביטנ א פריִערדיק הילצערנ געצײַג, מיט וועלכנ די פרויענ פלעגנ אויסגראָבנ די קרײַטעכצער און וואָרצל־געוויקסנ פונ דער ערד. זיי פלעגנ דאָס מאַכנ מיט א הילצערנעמ סוק מיט א פאַרבייגענעמ שפּיצ; דעמ שפּיצ פונעמ סוק פלעגנ זיי פאַרשאַרפנ מיט א קיזלשטיינערנעמ מעסער. איצט האָט דאָס דאָזיקע געצײַג שוינ ניט געטויגט, ווײַל מיט אימ האָט מענ ניט געקאָנט צע־גראָבנ די ערד אפ פאַרזעצנ געוויקסנ אפ א נײַעמ אָרט. מע האָט געדאַרפט א מער האַרטנ און שאַרפנ אינסטרומענט. דעריבער האָט מענ אָנגעהויבנ צומ היל־צערנעמ סוק צובינדנ א פאַרשאַרפטנ קיזלשטיינערנעמ שפּיצ, וועלכער האָט געהאַט א פאָרמ פונ א קליינער לאָפּעטקע (געמ. 14, אויבנ). דאָס איז געווענ די מאָטי־קע. שפּעטער האָט מענ די מאָטיקע אָנגעהויבנ מאַכנ פונ פּאָלירטנ שטיינ, מע פלעגט זי

פארשארפנ פונביידע עקנ און דאָס הילצערנע הענטל פלעגט מענ ארײַנשטעלנ אינ מיטנ, אינ א ספּעציעלער עפענונג (געמעל 14, אונטנ). מיט דער דאָזיקער מאָטיקע האָט מענ שוינ געקאָנט מאכנ עמעסע בייטנ. אזוינע מאָטיקעס דינענ נאָכ ביז איצט בא איינ̇יקע ווייניק קולטורעלע פעלקער אלס דאָס איינציקע ערד־ארבעטערישע געצײַג.

די פארפולקומונג פונ דער מאָטיקע האָט געגעבנ א מעגלעכקײַט איבערצוגיינ צו קולטיווירנ טוווּע. די נעאנדערטאלער נאָכ פלעגנ קלײַבנ אינ וואלד קערנער פונ ווילדנ ווייצ, פונ ווילדנ גערשטנ און ווילדע פּראָסע. די קערנער פלעגט מענ עסנ רויערהייט, נאָכ דעמ ווי מע פלעגט זיי א ביסל צערײַבנ אָדער צעמאָלנ מיט א שטיינערנעמ געצײַג. איצט האָבנ די פרויענ מיט דער הילפ פונ דער מאָטיקע אָנגעהויבנ מאכנ ספּעציעלע בייטנ און פארזעצנ אינ זיי קערנער פונ ווייצ, גערשטנ און פּראָסע (געמעל 15). דאָס זײַנענ געווענ דריבנע סאָרטנ, מיט קליינע קערנער, אָבער אויכ די סאָרטנ האָבנ בא א גוטנ אכטונג געבנ אפ זיי געגעבנ אומפארגלײַכלעכ מער קערנער איידער באמ פריערדיקנ זאמלענ געוויקסנ.

געמעל 15. א נעגערנ מיט א מאָטיקע בא דער ארבעט.

אינ יענער צײַט האָט זיכ אויכ אָנגעהויבנ די פארהיימישונג פונ חײַעס. די נעאנדערטאלער האָבנ געהאט נאָר דעמ הונט פונ דעמ שאקאלנ־מינ. ס'איז צו גלייבנ, אז די נעאנדערטאלער האָבנ אפילע דעמ הונט ניט פארהיימישט, נאָר ער איז אליינ צוגעשטאנענ צו די מענטשנ און האָט זיכ צוגעווינט צו זיי. אָבער בא די אײַנוווינער פונ די פאליעס־געבײַעס זײַנענ שוינ פארהיימישט געוואָרנ חײַעס פארווירטשאפטלעכנ געברויכ. די ארכעאָלאָגנ האָבנ אינ די טאָרפ־זומפּנ צוזאמענ מיט די פאליעס־געבײַעס געפונענ אויכ ביינער פונ באזיירימ, ציגנ און שעפּסנ. די דאָזיקע חײַעס, וואָס זײַנענ פארהיימישט געוואָרנ, זײַנענ געווענ פונ די דעמלטיקע קליינע מינימ.

● די פארהיימישונג האָט זיכ אָנגעהויבנ גאנצ פּאַשעט. נאָכ איצט טוענ די יעגער אינ דאָרעמ־אמעריקע אָפט אזוי: זיי פארטרײַבנ א טשערעדע

ווילדע באראנעס, א טייל דערהארגענענ זיי, א טייל שערנ זיי אָפ אונ לאָזנ זיי אָפ אפ דער פרײַ, א טייל בינדנ זיי צו אונ לאָזנ איבער אפ הארגענענ שפעטער. אזוי פלעגנ, פארשטייט זיכ, אויכ טאָנ אָפט די אייראָפּייִשע יעגער פונ דער שטיינ-עפּאָכע. אונ ווענ דער איבערגאנג צו פיש-פאנגערײַ אונ צו אנ אײַנגעזעסענעמ לעבנ האָט פארשווערט די יעגערײַ, האָבנ די אײַנוווינער פונ די פאליעס-געבײַען אָנגעהויבנ טאָנ אזוי, ווי עס טוענ נאָכ אויכ איצט אייניקע אפריקאנישע פעלקער: האָבנדיק פארטריבנ די טשערעדע כײַעס, דערהארגענענ זיי די דערוואקסענע אונ סאמע ווילדסטע, אונ די יונגע לאָזנ זיי איבער אפ פארהיימישנ. פונקט אזוי האָבנ אויכ די אײַנוווינער פונ די פאליעס-געבײַענ געקראָגנ די ערשטע כײַעס פאר פארהיימישנ.

דאָס, וואָס מע האָט אויסגעקליבנ כאזיירימ, שעפסנ אונ ציגנ אפ פארהיימישנ זיי, דערקלערט זיכ גאנצ פּאָשעט. א כאזער גיט דאָס סאמע געשמאקע אונ זעטיקע פלייש, אונ שעפסנ אונ ציגנ גיבנ נאָכ אויסער פלייש אויכ קליידונג. שעפסענע אונ ציגענע פעל ווערנ נאָכ איצט אויכ געשעצט אינ די דערפער, ווי דער סאמע וואַרעמסטער מאטעריאל אפ ווינטערדיקער קליידונג. די בעהיימע איז פארהיימישט געוואָרנ פיל שפעטער. א בעהיימע איז א גרויסע כײַע, וואָס האלטנ זי אינ א פאליעס-דאָרפ איז געווענ אומעגלעכ.

17. דער אָנהייב פונ דער שטוביקער האנטווערקערײַ.

די ערד-ארבעט אונ די פיצוכט האָבנ פארגרעסערט די רעזערוונ רויוואַרג פאר דער פּראָדוקציע. קעדײַ איבערצוארבעטנ אָט דאָס דאָזיקע רויוואַרג זײַנענ נייטיק געווענ נײַע קיילימ אונ נײַע געצײַגנ. פריִער פאר אלצ באווײַזט זיכ איצט אינ יענער צײַט דאָס ערשטע ליימענע געפעס. דער נעאנדערטאלער האָט זיכ אינ געפעס ניט גענייטיקט. קיינ רעזערוונ האָט ער קימאט ווי ניט געהאט, פלייש פלעגט ער פּאָשעט בראָטנ אפ הייסע קוילנ, אָדער אײַנגראָבנ עס אינ הייסנ אש. די אײַנוווינער פונ די פאליעסדיקע, בײַ-יאמישע אונ טײַכישע יישוווימ האָבנ שוינ געהאט געוויסע זאפאסנ. דאָס ביסעלע, וואָס זיי פלעגנ פארזעצנ, פלעגט זיכ באורעכטיקנ אונ געבנ פיל מער פּראָדוקטנ, איידער די צופעליק אָנגעקליבענע פּראָדוקטנ אינ וואלד, אונ די אראָפּגענומענע גערעטעניש האָט מענ אינ עפעס געדארפט היטנ. אָט צוליב דעמ האָט מענ אָנגעהויבנ מאכנ ליימענע געפעס. שפעטער האָט מענ אינ ליימענעמ געפעס אָנגעהויבנ קאָכנ שפײַז, לעכאטכילע געוויקסנ-שפײַז אונ שפעטער האָט מענ שוינ אויכ געקאָכט פלייש.

די ערשטע קיילימ זײַנענ געווענ ניט שיינ אונ לעפיש. אָבער שפעטער האָט מענ פאר פורעמענ טעפ אײַנגעאָרדנט א שטיינערנעמ קרײַז, מע האָט אָנגעהויבנ באקומענ געפעס שוינ פונ א ריכטיקער פאָרמ אונ באפוצנ עס מיט געמעלנ.

אויסארבעטנ ליימענע געפעס האָבנ זיכ אויסגעלערנט די פרויענ; אונ ביז איצט איז די טעפערײַ-מעלאָכע בא א סאכ ווייניק-קולטורעלע פעלקער אינ אפריקע אונ אינ אמעריקע א פרויענ-ארבעט. די פרויענ האָבנ אויכ אָנגעהויבנ צו שפינענ אונ וועבנ שטאָפנ. די ערשטע שטאָפנ זײַנענ געמאכט געוואָרנ פונ לײַנ-פיבערס. ווילדנ לײַנ פלעגט מענ אויכ פריִער זאמלענ, מע פלעגט קלײַבנ זײַנע קערנער, וואָס זײַנענ פעט אונ זעטיק. איצט האָבנ די פרויענ אָנגעהויבנ צו-

גלײַכ מיט גערשטנ, װײץ און פּראָסע זײענ אויכ לײַנ. װיאַזוי האָבנ זיי זיכ געכאַפּט, אַז פונ לײַנ־שטענגלעכ קאָנ מענ באַקומענ פיברעס צום שפּינענ, און אַז פונ געשפּינס קאָנ מענ באַקומענ אַ לײַנענעם געװעב, קאָנענ מיר ניט זאָגנ. אָבער שױנ די פרױענ פונ די פּאַליעס־געבײַענ האָבנ געהאַט אַ שפּינדל, — דאָס דאָזיקע געצײַג האָבנ געפונענ די אַרכעאָלאָגנ. עס זײַנענ אױכ געפונענ געװאָרנ רעשטנ פונ די ערשטע װעב־שטולנ, פונ דעם ערשטנ גראָבנ לײַװנט און פונ די ערשטע לײַװנטענע קלײדער.

ענדלעכ, האָבנ זיכ די מענטשנ צו דער דאָזיקער צײַט אױסגעלערנט אױכ זעלבשטענדיק אַרױסבאַקומענ פײַער.

● דאָס סאַמע ערשטע מיטל דערצו — איז בױערנ. דאָס דאָזיקע מיטל װערט ביז איצט באַנוצט בײַ אַ סאַכ װײניק־קולטורעלע פעלקער. מע טוט אַזױ: מע נעמט אַ שטיקל גוט־טרוקענע האָלץ און מע מאַכט אינ אים ניט קײנ גרױסע פאַרטי־פערונג. אינ דער דאָזיקער פאַרטיפערונג שטעלט מענ אַרײַנ אַ שטעקעלע און מע דרײט עס זײער גיכ; דאָס שטעקעלע בױערט דאָס האָלץ און גיט אַ גאָר קלײ־נינקנ האָלץ־שטױב. דער שטױב װערט גיכ אָנגעװאַרעמט, הײבט פריִער אָנ זיכ רױכערנ און נאָכדעם װײַזנ זיכ פונקענ; די פונקענ צעבלאָזט מענ און מע באַ־קומט פײַער. ●

אָט אַזױ האָט זיכ געענדערט די פּראָדוקציע פונ די מענטשלעכע קאָמונעס, זינט דעם איבערגאַנג צו פישפאַנגערײַ, ערד־אַרבעט און אײַנגעזעסנקײַט. עס איז אױפגעקומענ אַ נײַע טעכניק, נײַע געװערבנ און עס איז פאַר־קאָמפּליצירט געװאָרנ די אַרבעט־צעטײלונג. עס האָט זיכ אױכ געענדערט די געזעלשאַפטלעכע אײַנאָרדענונג פונ די קאָמונעס. זי האָט זיכ צוגעפּאַסט צו די נײַע געװערבנ, צו דער נײַער אַר־בעט־צעטײלונג און איז געװאָרנ ניט ענלעכ אַפ דער פריִערדיקער טאָטעמישער אָרדענונג פונ די יעגערישע קאָמונעס.

18. מוטערלעכע שטאַמענ. דער אײַנגעזעסענער אַרט לעבנ האָט אָנגעהױבנ פאַרפעסטיקנ די קרױװישע פאַרבינדונגענ. אינ די טאָטעמס פלעגנ די קינדער, װאָס האָבנ דערגרײכט אַ באַשטימטנ עלטער, איבערגײנ פונ דער מאַמעס טאָטעם אינ אַנ אַנדער טאָטעם. פאַרקערט, איצט האָבנ די קינדער אָנגעהױבנ אַפּ שטענדיק פאַרבלײַבנ און װאַקסנ לעבנ דער מוטער, נאָר עס איז פאַרבליבנ דער פריִערדיקער קלאַל, אַז אַ מאַנ און אַ פרױ פונ אײנ און דעם זעלביקנ טאָטעמ טאָרנ ניט הײראַטנ. באַם הײראַטנ האָט שױנ איצט דער מאַנ אָנגעהױבנ אַװעקצוגײנ פונ זײַנ גרופּע אינ זײַנ פרױס גרופּע. אױב ער איז זיכ פאַנאַנדערגעגאַנגענ מיט דער פרױ, פלעגט ער זיכ אומקערנ צוריק און די פרױ פלעגט נעמענ אַנ אַנדער מאַנ. אָט אַזױ האָבנ זיכ די טאָטעמס פאַרװאַנדלט אינ גרופּעס מענטשנ, װאָס זײַנענ קרױװים אײנער מיטנ אַנדערנ לױט דער מוטער, װאָס זײַנענ אַרױס פונ אײנ און די זעלבע מוטערס, נאָר פונ פאַרשײדענע פאָ־טערס. די מיטגלידער פונ אײנ און דער זעלבער גרופּע האָבנ אָנגעהױבנ רופנ אײנער דעם אַנדערנ ברידער און שװעסטער. עס איז אױפגעקומענ דער נאָמענ מוטער, אָבער עס איז נאָכ ניט געװענ דער נאָמענ פאָטער. די

טאָטעמס זײַנענ פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ מוטערלעכע שטאַמענ.

● מוטערלעכע שטאַמענ עקזיסטירנ אויכ איצט בא אײַני-
קע פישפאַנגערישע שוואָטימ. אינ צאָפנ-מײַרעוו-אַמעריקע לעבנ איי-
ניקע שוואָטימ אינ מוטערלעכע שטאַמענ. די הויפּט-באַשעפטיקונג בא די דאָזיקע
שוואָטימ איז פישפאַנגערײַ אונ וווינענ זיי אינ פאַליעס-דערפער. עס בא-
געגענענ זיכ מוטערלעכע שטאַמענ אויכ בא אײַניקע מאַלײַישע שוואָטימ, וואָס
לעבנ פונ פישפאַנגערײַ. ●

אָט די מוטערלעכע שטאַמענ זײַנענ באַזונדערס פאַרפעסטיקט געוואָרנ פונ זינט די פרויענ האָבנ מיט זייער מי אָרגאַניזירט די ערדאַרבעט אונ דאָס וועב-האַנט-ווערקערײַ. פונ אַנ אונטערטעניקנ געהילפ בא דעמ מאַנ, ווי דאָס איז געווענ אינ דער יעגערישער געזעלשאַפט, איז די פרוי געוואָרנ אַ זעלבשטענדיקע אַרבעטערנ. זי האָט שוינ איצט געאַרבעט אינ זייער אַ וויכטיקנ טייל פונ דער פּראָדוקציע, אונ ניט נאָר געאַרבעט האָט זי, נאָר אויכ פאַרשאַפט. דעריבער האָט זי איצט באַקומענ שטימרעכט אינ געזעלשאַפטלעכע אינייאָנימ. עמעס, פירער אונ עלטסטע פלעגנ, ווי פריִער, אַרויס-גערוקט ווערנ פונ די מענער. אָבער אָנ דער אײַנשטימונג פונ די פרויענ איז שוינ איצט אומעגלעכ געווענ אויסצוקלײַבנ אַ פירער אָדער אַנ עלטסטנ. אונ אינ דער שטוב-ווירטשאַפט האָט די פרוי די מוטער געפירט אַנ אָנפירנדיקע ראָליע. זי האָט פאַרשאַפט איבער דער שטוב-אַרבעט פונ די מינדעריאָריקע, וועלכע האָבנ ניט געקאָנט אַדויספאָרנ אינ יאַמ אָדער אינ אָזערע נאָכ פיש אָדער גיינ מיט די דערוואַקסענע מענער אָפ יעגערײַ. זי האָט פאַרוואַלטעט מיט גרייטנ שפּײַז צו די אַלגעמיינע מיטיקנ אונ וועטשערעס, וואָס עס פלעגנ מאַכנ די יונגע מיידלעכ אונטער איר אָנפירונג. זי האָט אויכ פאַרוואַלטעט מיט אַלע שפּײַכלערס אונ רעזערוונ פונעמ שטאַמ.

אָט אַזוינע מוטערלעכע שטאַמענ האָט אינמיטנ XIX יאָר-הונדערט דערלערנט דער באַרימטער אַמעריקאַנער מאָרגאַנ בא דעמ צאָפנ-אַמעריקאַנישנ אינדיאַנישנ שײַוועט איראָקעזנ. די איראָקעזנ האָבנ זיכ שוינ פאַרנומענ מיט מאָטיקישער ערדאַרבעט, אָבער נאָכ גאָר אַ וויכטיק אָרט האָט בא זיי אויכ פאַרנומענ די יעגערײַ. מיט ערדאַרבעט פלעגנ זיכ פאַרנעמענ די פרויענ, מיט יעגערײַ — די מענער. די איראָקעזנ זײַנענ אײַנגעטיילט געווענ אינ אַכט מוטערלעכע שטאַמענ, אָבער אָט די שטאַמענ האָבנ נאָכ געטראָגנ די אַלטע טאָטעמישע נעמענ: וואָלפ, בער, טשערעפּאַכע, בובער, אינד, סנאַפּער, צאַפּליע, פאַלק. יעדער שטאַמ האָט געוווינט אינ צווײ הײַזער. אינ דעמ „לאַנגנ הויז" האָבנ זיכ געפונענ די פרויענ אונ זייערע קינדער, אונ אינ דעמ „מענער-הויז" — די מענער. אורטײלנדיק נאָכ די רעשטנ פונ די פאַליעס-געבײַענ, זײַנענ פונקט אַזוינע גרויסע „לאַנגע" הײַזער געווענ אויכ אינ די פאַליעס-דערפער. מיט דער ווירטשאַפט פונ ביידע הײַזער האָט בא די איראָקעזנ פאַרוואַלטעט אַ „באָבע" — די סאַמע עלטסטע פרוי אינ שטאַמ. אונ אָפ אָנפירנ מיט דער יעגערײַ, אָפ זײַנ אָנפירער אָפ אַ מילכאָמע, אָפ פירנ אונטערהאַנדלונגענ מיט אַנדערע שטאַמענ אונ

שוואָטים פלעגט אויסגעווײלט ווערן פון די מענער א פירער — א סאכעם. פונקט אזא אָרדענונג איז אין מאָרגאנס צײַטן געווען אויך בא אנדערע אינדיאַנישע שוואָטים. אזא אָרדענונג עקזיסטירט נאָך אויך איצט בא אײניקע מאלײַישע שוואָטים אין דעם אפריקאנישן סודאן.

די מוטערלעכע שטאמען פון דער עפּאָכע פון די פּאַליעס־געבײַען זײַנען געווען פישפאנגעריש־ערדארבעטערישע קאָמונעס, פונקט אזוי ווי די יעגעריש־ערדארבעטערישע מוטערלעכע שטאמען פון די איראָקעזן און נעגערס, אָדער די פישפאנגעריש־ערדארבעטערישע שטאמען פון די מאלײַער. די גאנצע פּראָדוצירונג פלעגט געפירט ווערן קאָלעקטיוו. צום יאם אפּ כאפּן פיש פלעגן ארויספאָרן אלע מענער פונעם שטאם און אָפט אויך פון די שכײנעסדיקע שטאמען. די פישפאנגער־נעצן און אנדערע מאכשירים זײַנען געווען דאָס אלגעמײנע אײגנטום פונעם שטאם. אפּ די טײַכן פלעגט מען צוליב פישפאנגערײַ מיט געמײנזאמע קויכעס בויען פארצאמונגען פון שטײנער און פון צווײַגן מיט קלײנע עפענונגען פאר די פיש. הינטער די עפענונגען פלעגט מען שטעלן די נעצן, דערנאָך פלעגט מען מיט געמײנזאמע קויכעס טרײַבן די פיש אין דער ריכטונג צו די נעצן. גרויסע פיש פלעגט מען פון שיפלעך הארגענען מיט הארפונעס און שפּיזן. פונקט אזוי יאָגן זיך נאָך אויך איצט קאָלעקטיוו די עסקימאָסן און אנדערע פעלקער פונעם פארבאנד און פון אמעריקע נאָך יאמהינט און וואלפישן. דער גאנצער רויב פלעגט איבערגעגעבן ווערן דער „באָבע" פונעם שטאם פארן אלגעמײנעם קעסל.

אזוי פלעגט אויך דורכגעפירט ווערן די ערדארבעט דורך דער געמײנזאמער ארבעט פון אלע פרויען פון שטאם. געמײנזאם פלעגן זײ גראָבן בײטן, זײען, שנײַדן און אויסקלאפּן מיט האנט־קלאַפּערלעך די קערנער פון די זאנגען. אלע פּראָדוקטן זײַנען אויך געגאנגען אין דעם אלגעמײנעם קעסל פונעם שטאם. די פּראָדוקציע איז געוואָרן קאָמפּליצירטער, די ארבעט־צעטײלונג איז אויך געוואָרן קאָמפּליצירטער; דערפאר זײַנען אָבער פארגרעסערט און פארשײדנארטיקער געוואָרן די עקזיסטענץ־מיטלען.

19. אקערישע ערדארבעט. די מאָטיקישע ערדארבעט האָט צוערשט געגעבן די מענטשן די מעגלעכקײַט צו פּראָדוצירן אזא וויכטיקן שפּײַז־פּראָדוקט ווי ברויט, זי האָט געגעבן א מעגלעכקײַט צו פּראָדוצירן געוועבן פאר אונטערשטער און זומערדיקער קלײדונג. דאָס איז געווען אזא מין וויכטיקע דערגרײכונג, אז שפּעטער האָט זיך קימאט בא אלע פעלקער געשאפן א מײנונג, אז, קלוימערשט, גאָט אלײן האָט אויסגעלערנט די מענטשן צו פארנעמען זיך מיט ערדארבעט.

אָבער די מאָטיקישע ערדארבעט האָט קײן סאך פּראָדוקטן ניט געקאָנט געבן. זי איז ניט געווען קײן מאסנדיקע, ווײַל מיט א האנט־מאָטיקע קאָן מען ניט פאנאנדעראקערן קײן גרויסן אקערפעלד. ערדארבעט האָט נאָר דעמלט פארנומען דאָס ערשטע אָרט אין דער פּראָדוקציע און איז געוואָרן א קוואל פאר רײַכטום, ווען מענטשן האָבן געמאכט די סאָכע אָדער דעם פלוג און האָבן גענומען באארבעטן די ערד מיט אָט די נײַע געצײַגן.

די ערשטע סאָכעס אָדער פלוגן זײַנען געווען מיט שטײנערנע לעמעכן. דאָס זײַנען אייגנטלעך געווען די זעלביקע מאָטיקעס, אָבער באַדײַטנדיק גרעסערע און מיט א לאַנג הענטל. דעם אַקער (פלוג) פלעגן שלעפּן 5—6 מענטשן, און איין מענטש פון הינטן פלעגט מיט אים קערעווען. שפּעטער, נאָך דעם, ווי מע האָט גענומען פאַרהיימישן האָרן־פי, האָבן דעם אַקער גענומען ציִען אָקסן. מיט א סאָכע אָדער מיט א פלוג האָט מען געקאָנט צעאַקערן גרויסע אַקערפעלדער, אַף וועלכע מע האָט געקאָנט זייען א גרויסע צאָל קערנער. אָט פון דער צײַט אָן האָט די קולטור פון ברויט־טוועס—ווייץ, גערשטן און שפּעטער אויך קאָרן—אָנגעהויבן פאַרנעמען דאָס ערשטע אָרט אין דער ערדאַרבעט. פון דער צײַט אָן איז אויך געוואָרן מעגלעך צו פאַרזייען גרויסע אַקערפעלדער מיט לײַן און אויסצואַרבעטן א גרויסן סכום לײַוונט.

זינט עס האָט זיך באַוויזן די אַקערישע ערדאַרבעט גייט אַריבער דאָס ערשטע אָרט אין דער ערדאַרבעטערישער פּראָדוקציע צום מאַנצביל. שלעפּן דעם אַקער אין דער צײַט פון אַקערן האָבן געקאָנט נאָר די מענער, ווי שטאַרקערע און סאָוולאָנישע, וואָס קאָנען גרינגער אַריבערטראָגן שווערקייטן. זײַענדיק א יעגער און א פיצִיכטלער, האָט טאַקע דער מאַן פאַרהיימישט דעם אָקס און די בהמה און האָט אָנגעהויבן אײַנשפּאַנען אָקסן אין דער סאָכע און געאַקערט מיט זיי. פאַר גרויסע אַקערפעלדער האָט מען געדאַרפט די ערד אָפּרייניקן פון וואַלד — אויסהאַקן און אויסברענען די ביימער, אויסקאָרטשעווען די בוים־שטאַמען. די דאָזיקע אַרבעט איז אויך געווען דער פרוי ניט לויט אירע קויכעס, דאָס איז געווען א מענערישע אַרבעט. ווען מע פלעגט אַראָפּנעמען די גערעטעניש פון די וועלדער, פלעגט זיך אויפקלײַבן אַזויפיל סנאָפּעס, אַז מע האָט שוין ניט געקאָנט אַרויסקלאַפּן פון זיי די קערנער מיט די געוויינלעכע פרויען־מעטאָדן דורך א קלייניקן האַנט־קלאַפּערל. דאָ האָט מען ווידער געדאַרפט האָבן די אַרבעט פון דעם מאַן. ער האָט צוגעטראַכט דעם דרעש־שטעקן, א געצײַג צו דרעשן, וואָס ווערט נאָך איצט אויך באַנוצט בא די אָפּגעשטאַנענע אינדיווידואַלן אין אונדזער פאַרבאַנד. אָדער די מענער פלעגן פאַנאַנדערלייגן די סנאָפּעס אַף דער ערד און טרײַבן איבער זיי שעפּסן, ציגן און אָקסן, קעדיי זיי זאָלן אויסקלאַפּן די קערנער פון די זאַנגען מיט זייערע קאָפּיטעס.

פאַר דער פרוי איז פאַרבליבן נאָר די אַרבעט אין גאָרטן און זי האָט ווי פריִער געאַרבעט מיט דער מאָטיקע און פאַרזעצט גרינסן. די פרוי האָט אויך געדאַרפט אָפּשנײַדן די טווע־זאַנגען מיט א הילצערנער קאָסע, וואָס האָט געהאַט קיזלשטיינערנע ציינער, און צעמאָלן אָדער, ריכטיקער, נאָר צערײַבן די קערנער אַף מעל אין א שטיינערנעם מילכל, א קערנער־רײַבער. די דאָזיקע מיל איז באַשטאַנען פון א שטיינערנער ברעט, אָבער ניט קיין פלאַטשיקע, נאָר אַזאַ, וואָס פלעגט פאַרטיפערט ווערן פון די ברעגן צו דער מיט, און פון א שטיינערנער קאַטשלקע. די קערנער פלעגן געלייגט ווערן אַף דער ברעט, און די פרויען פלעגן זיי צערײַבן מיט דער קאַטשלקע אַף מעל. אַזוינע מילן קערנרײַבער ווערן ביז איצט

באנוצט בא די נעגערס אין אפריקע, בא די מאלײַער און אנדערע ווייניק־קולטורעלע פעלקער.

20. פּאָטערלעכע שטאַמען. זינט עס האָט זיך באַוויזן די פלוגישע ערדארבעט, הייבן אָן די מוטערלעכע שטאַמען צו פאַרוואַנדלט ווערן אין פּאָטערלעכע שטאַמען. דאָס איז פאָרגעקומען דערפאר, וואָס די ארבעט־צעטיילונג בא דער פלוגישער (אקערישער) ערד־ארבעט האָט זיך נאָך מער פארקאָמפליצירט און האָט זיך געענדערט אזוי, אז די ארבעט פון די מענער איז געוואָרן די סאמע וויכטיקע, אָנפירנדיקע ארבעט אין דער ערדארבעטערישער פּראָדוקציע.

מיט וואָס האָבן זיך אונטערשיידט די פּאָטערלעכע שטאַמען פון די מוטערלעכע שטאַמען? ערשטנס, האָבן זיי זיך אונטערגעשיידט דערמיט, וואָס די הייראַט־בונדן און דאָס פאמיליע־לעבן זײַנען איצט געוואָרן פעסטע און שטאנדהאפטיקע. דער מאַן איז געוואָרן דער באַלעבאָס אין דער ערדארבעטערישער פּראָדוקציע; דעריבער איז ער אויך געוואָרן דער אָנפירער פון דער ארבעט סײַ פון דער פרוי סײַ פון די קינדער. ער האָט אופגעהערט צו וואַנדערן פון איין „גרויסן הויז״ אין א צווייטן און בײַטן אָפט די ווײַבער. פארקערט, איצט איז דעם מאַן געווען וויכטיק צו האָבן א שטענדיקע פרוי אָדער אפילע עטלעכע פרויען. די שטענדיקע פאמיליע איז געוואָרן דאָס גרונט־קערעל פון דעם פּאָטערלעכן שטאַם. צווייטנס, האָבן זיך די פּאָטערלעכע שטאַמען אונטערגעשיידט פון די מוטערלעכע שטאַמען מיט זייער באַשטאַנד און מיט זייער אָרגאַניזאַציע. שטענדיקע מיטגלידער פון די מוטערלעכע שטאַמען זײַנען געווען די פרויען און זייער יונגער דאָר. און דער פּאָטערלעכער שטאַם איז געווען א גרויסע צעוואַקסענע מישפּאָכע. די זין פלעגן זיך ניט אָפּטיילן פונעם פאָטער, ווען זיי פלעגן כאַסענע האָבן. ווײַבער פלעגן זיי נעמען אלציינס ווי פריער פון אנדערע קאָמונעס, נאָר איצט האָט שוין די פרוי געדאַרפט אריבערקלײַבן זיך אפ שטענדיק צום מאַן. דאָס איז געווען דער צווייטער דאָר. בא באַווײַבטע זין פלעגן געבאָרן ווערן קינדער, וואָס האָבן אויך געלעבט אינאיינעם מיט אים. דאָס איז שוין געווען דער דריטער דאָר, אייניקלעך. אזא שטאַם פון דרײַ דוירעס איז באַשטאַנען פון 30—40 מאַן און איז געווען א שטענדיקע, שטאַרק צוזאַמענגעהעפטע קאָמונע. פון אים פלעגן אוועקגיין אין אן אנדער שטאַם נאָר אונטערגעוואַקסענע מיידלעך, ווען זיי פלעגן כאַסענע האָבן. אזוינע שטאַמען — גרויסע פאמיליעס טרעפן זיך נאָך איצט אויך בא אייניקע אראַבישע שוואָטים, וואָס זײַנען נאָך ניט ארויס פון דעם שטאַם־שטייגער. אזוינע שטאַמען האָבן נאָך ניט לאַנג עקזיסטירט אפ קאַווקאַז בא די דאָרטיקע בארג־שוואָטים.

א פּאָטערלעכער שטאַם פון 3 דוירעס איז דער סאַמע קלענסטער. עס פלעגן זיך טרעפן פּאָטערלעכע שטאַמען פון 4, 5, 6 און אפילע 7 דוירעס. די צאָל מיטגלידער פון אזוינע שטאַמען איז געווען א באַדײַטנדיקע, זי איז דערגאַנגען ביז 100—150 מאַן. אָבער בא ערדארבעטער פלעגן זיך זייער גרויסע שטאַמען טרעפן זעלטן. פאַר א שטאַם פון 100—150 מאַן איז געווען שווער צו בויען אן אלגעמיין הויז, שווער אײַנצואָרדענען אן אלגעמיינע שטוב־ווירטשאַפט. דעריבער פלעגן שטאַרק פאַנאַנדערגעוואָקסענע

פאָטערלעכע שטאמען זיך צעטיילן. קרויווים, וואָס פלעגן זיך אָפּטיילן, פלעגן אָרגאניזירן זייערע אייגענע ערדארבעטערישע קאָמונעס, אָבער זיי פלעגן אייַנהיטן די קרויווישע פארבינדונגען מיטן פריערדיקן שטאם. אָט אזוי האָבן זיך באוויזן שטאם-פארבאנדן.

די קרויוועשאפט האָט מען אין די פאָטערלעכע שטאמען די ערשטע צייַט גערעכנט, ווי פריער, נאָך דער מוטער. אָבער ביסלעכווייַז איז דער זאָזיקער מינהעג פארשוווּנדן: קרויוועשאפט האָט מען גענומען רעכענען אויסשליסלעך נאָכן פאָטער. ביסלעכווייַז האָבן זיך אויסגעארבעט אפילע פעסטע מינהאָגים, לויט וועלכע עס פלעגט געפירט ווערן די פראָדוקציע און עס פלעגט אָנגעפירט ווערן דער שטאם.

יעדער שטאמען־פארבאנד האָט פאר זייַן ערדארבעטערישערווירטשאפט פארנומען א באשטימטע טעריטאָריע צווישן די דעמלטיקע וואלד־שעטעכן. דורך דער קאָלעקטיווער ארבעט פון אלע מענער פונעם שטאמען־פארבאנד פלעגט די דאָזיקע פארנומענע טעריטאָריע אָפּגערייניקט ווערן: מע פלעגט אויסהאקן דעם וואלד, אויסבולענען די קאָרטשעס, אויסקאָרטשעווען די פניאָקעס. דער אש האָט געדינט פאר באמיסטיקונג. נאָך דעם פלעגט מען אפ דער אלגעמיינער פארזאמלונג פונעם שטאמען־פארבאנד טיילן דעם פלאץ אפ באצירקן לויט דער צאָל שטאמען. יעדער שטאם פלעגט באקומען זייַן פלאץ און אים באארבעטן דורך דער קאָלעקטיווער ארבעט פון אלע זייַנע מיטגלידער, סייַ די מענער סייַ די פרויען. די ארויפגענומענע געטעניש פלעגט איבערגעגעבן ווערן אין דעם אלגעמיינעם קעסל פונעם שטאם. דער ארבעט־אינווענטאר, דאָס ארבעט־ און ווירטשאפט־פי און די אויפעט זייַנען געווען דאָס געמיינזאמע אייגנטום פונעם שטאם.

יעדער שטאם האָט געוווינט אין א גרויסן הויז, ארומגעדינגלט מיט ווירטשאפטלעכע געבייַדעס. דאָס הויז און די געבייַדעס זייַנען געווען ארומגערינגלט מיט א פארקאן און האָבן געבילדעט איין הויף. די שפייַז פלעגט געקאָכט ווערן אפ אן אלגעמיינעם פייַערפלאץ. דעריבער האָבן די אורעלטערן פון דעם רוסישן פאָלק, וואָס האָבן אמאָל געלעבט אפן צאָפן פונעם פאָבאנד און האָבן געפירט א שטאמיקן לעבנשטייגער, אָנגערופן די שטאם־קאָמונע מיטן נאָמען פעטשישטשע (אויוון). אין אנדערע ערטער האָט מען זי גערופן דוואָרישטשע (הויף).

די גאנצע מאכט אין שטאם האָט געהערט דעם שטאם־עלטסטן, אָדער דעם פאטריארך. דאָס איז געווען דער ראָש פונעם שטאם — א זיידע אָדער אן עלטערזיידע, געווענדט לויט דער צאָל דורות אין שטאם. און ווען דער זיידע אָדער דער עלטערזיידע פלעגט שטארבן, פלעגט אלס עלטסטער ווערן דער טאמע עלטסטער פון די זין פונעם פארשטאָרבענעם שטאם־עלטסטן. אין דעם שטאמען־פארבאנד פלעגן די אלגעמיינע איניאָנים באטראכט ווערן אפן ראט פון די שטאמען־עלטסטע און פלעגן ענדגילטיק באשלאָסן ווערן אפ דער אלגעמיינער פארזאמלונג פון אלע דערוואקסענע מענער, וואָס פלעגן אריינגיין אין די שטאמען. קיין שטענדיקער עלטסטער איז אינעם שטאמען־פארבאנד ניט געווען.

אנ אלגעמײנער עלטסטער אָדער פריִער פלעגט אויסגעקליבנ ווערנ נאָר דעמאלט, ווענ עס פלעגט דורכגעפירט ווערנ עפעס אנ אלגעמײנע זאכ פאר דעמ גאנצנ שטאמענ־פארבאנד. דאָס פלעגט טרעפנ, ווענ עס פלעגט אויסקומענ אוועקצוגײנ פונ דעמ פריִערדיקנ אָרט צוליב דעמ, וואָס עס פלעגט פארמאָגערט ווערנ די ערד, ווענ מע פלעגט דארפנ פארנעמענ א נײַ שטיקל ערד אונ אָפּרײניקנ עס, אָדער ווענ עס פלעגט אויסקומענ צו באשיצנ זיכ פונ אנ אָנפאל מיצאד די פײַנט. אָפטמאָל פלעגנ די קריג־באדערפענישנ צווינגענ צו פארײניקנ זיכ אינאײנעמ עטלעכע שטאמענ־פארבאנדנ. דעמאלט פלעגט זיכ בילדנ א שײוועט.

בא הײראטנ פלעגט אויסקומענ צו צאָלנ פאר דער קאלע אויסקויפ־געלט, ווײַל דער קאלעס שטאמ פלעגט פארלירנ אנ ארבעטערנ. דערפאר אָבער פלעגט די קאלע דארפנ קומענ אינ דעמ כאָסנ־שטאמ מיט נאדנ — מיט קלײדונג אונ מיט אנדערע זאכנ, וואָס זײַנענ נײטיק פאר ווײַבערשער האנטארבעט. אויב עמעצנ פונ די שטאמ־מיטגלידער האָט מענ דערהארגעט, פארוואונדעט אָדער באלײדיקט, זײַנענ אלע מיטגלידער פונ שטאמ געווענ מעכוייעוו צו נעמענ נעקאָמע פאר דעמ געליטענעמ קאָרעוו — פאר דעמ געהארגעטנ האָט מענ געדארפט הארגענענ, פאר דעמ פארוואונדעטנ — פארוואונדנ, פאר א באלײדיקונג — נעמענ שטראָפ. דערפונ זײַנענ אָפט אויפגעקומענ דויערנדיקע בלוטיקע צוזאמענשטויסנ.

21. פיצוכט־ווירטשאפט אונ דער אָנהײב פונ אויסטויש. ניט אלע פרימיטיווע יעגערישע קאָמונעס זײַנענ איבערגעגאנגענ צו מאָטיקישער אונ נאָכדעמ צו אקערישער ערד־ארבעט אונ זײַנענ פארוואנדלט געוואָרנ אינ פאָטערלעכע ערדארבעטערישע שטאמענ. אינ אײניקע קאָמונעס איז אָנשטאָט ערדארבעט די גרונט־באשעפטיקונג געוואָרנ פיצוכט. דאָס איז פאָרגעקומענ דאָרטנ, ווו די נאטור־באדינגונגענ זײַנענ ניט געווענ גינסטיק פאר ערדארבעט, נאָר האָבנ מיטגעווירקט דער אנטוויקלונג פונ פיצוכט אינ א גרויסנ פארנעמ.

פאר פי דארפ מענ פיטער־פעלדער; וואָס מער פי, אלצ מער פיטער־פעלדער דארפ מענ. אינ די וואלד־ערטער זײַנענ אזוינע פיטערפעלדער ניטאָ. אויסער דעמ, זײַנענ אינ די וועלדער שטענדיק געווענ גרויסע כײַעס, וואָס פלעגנ אָנפאלנ אפנ פי. פארקערט, אינ סטעפ־ערטער, ווו דאָס גראָז ציט זיכ אפ הונדערטער אונ טויזנטער קילאָמעטער, אָדער אפ בארג־שיפוימ, וואָס זײַנענ באדעקט מיט גראָז, קאָנ מענ מענ אויסהאָדעווענ גרויסע טשערעדעס פי.

אינ באקוועמע ערטער איז די פיצוכט געוואָרנ דער גרונט־געווערב פונ די פרימיטיווע קאָמונעס נאָכנ פארהײמישנ די כײַעס. די פיציכטלער פלעגנ אופצײַענ גרויסע טשערעדעס פי — צו עטלעכע הונדערט אונ אפילע צו עטלעכע טויזנט קעפ. די מינימ פי פלעגנ אויסגעקליבנ ווערנ פארשײדענע, אָפהענגיק פונ דער פאשע אפ די פיטער־פעלדער. אינ גראָז־סטעפעס פלעגט מענ אופצײַענ האָרנ־פי אָדער פערד. אינ מידבער־סטעפעס פלעגט מענ האָדעווענ קעמלענ. אפ בארג־שיפוימ האָט מענ געהאָדעוועט ציגנ אונ

שעפּסנ — באַרג־כײַעס. עס פּלעגט זיכ אויכ טרעפֿנ, אַז אויסער דעם גרונט־מינ פּי פּלעגט מענ אויכ האָדעווענ געהילפּ־פֿי. צום בײַשפּיל, די קאָזאַקנ (אָדער קירגיזנ), וואָס פֿאַרנעמענ זיכ ביז איצט מיט פֿיצוכט אינ די ברייטע גראָז־סטעפּעס צווישנ וואָלגע אונ דאָרעם־אוראַל אונ אינ די מײַרעוו־סיבירער סטעפּעס, ציִענ אויפֿ פֿערד אונ שעפּסנ, נאָר זיי האָבנ אויכ טשערעדעס פֿונ קעמלענ אַלס לאַסט־כײַעס.

מיט זייערע טשערעדעס גייענ די פֿיצוכטלער דאָסראָוו איבער פֿונ איינ אָרט אָפּנ צווייטנ. ווענ דאָס פֿי עסט אויפֿ דאָס גאַנצע גראָז אינ איינ אָרט, ווערט דער גאַנצער לאַגער פֿונ די פֿיצוכטלער איבערגעפּאַקט, אונ די מענטשנ גייענ נאָכ נאָכ די סטאַדעס אינ נאָכ ניט געריִרטע פּיטער־פֿעלדער. דאָרטנ ווערנ פֿאַנאַנדערגעלייגט די לאַגערנ פֿונדאַסנײַ. דעריבער בויענ די פֿיצוכטלער ניט קיינ שטענדיקע וווינונגענ. אינ זייערע לאַגערונגענ צעשטעלנ זיי בײַדלעכ אָדער יורטעס־געצעלטנ פֿונ פֿעל, אָדער פֿונ וואָלענע טעפּעכער. אַפֿ איינ אונ דעם זעלביקנ אָרט פֿאַרבלײַבנ זיי אַמאָל עטלעכע וואָכנ אונ אַמאָל איינציקע באַדאָשים, אָפּהענגיק פֿונ דעם סכום פּיטער. דאָרטנ, וווּ עס זײַנענ קאַלטע אונ שנייִקע ווינטערנ, ווי אינ דער בײַ־אוראַלער געגנט אָדער אינ סיביר, פֿאַרגרייט מענ זיכ אָפּ ווינטער היי אונ די גאַנצע ווינטער־צײַט וווינט מענ אַפּ איינ אָרט, אינ וואַרעמע יורטעס אָדער אינ ערד־שטיבלעכ.

די טשערעדעס פּלעגנ באַוואָרענענ די פֿיצוכטלער מיט א סאַכ פֿליישיקער אונ מילכיקער שפּײַז, ווײַלעק אונ קליידונג פֿונ וואָל אונ אַלערליי אַנדערע רויוואַרג פֿונ כײַעס־פֿעל, ביינער אונ אַפֿילע הייצוואַרג פֿונ געטריקנטנ מיסט. אָבער די פֿיצוכט האָט ניט געקאָנט זיכערנ מיט געוויקסנ־שפּײַז. דעריבער איז זייער ווייניק געווענ אונ עס איז ווייניק פֿאַראַנ אַזוינע פֿיצוכטלער, וואָס פֿאַרנעמענ זיכ גאָרניט מיט ערדאַרבעט. אַזוינע זײַנענ, אַשטייגער, די לאַפּאַרעס אינ צאָפֿנ־אייראָפּע, וועלכע האָדעווענ הירשנ; אינ דער טונדרע, ווו זיי וווינענ, איז גאָר אומעגלעכ ערדאַרבעט. אַזוינע זײַנענ אויכ די אַראַבישע פֿיצוכטלער פֿונעם צענטראַלנ טייל אַראַביע, וווּ עס איז אויכ אומעגלעכ צו פֿירנ אַנ ערדאַרבעט צוליב דעם, וואָס דאָרטנ זײַנענ ווייניק רעגנס. אָבער אַפֿילע יענע פֿיצוכטלער, וועלכע פֿאַראַקערנ שוינ יאָ קליינע באַצירקנ ערד זומער־צײַט לעבנ זייערע לאַגערונגענ, קאָנענ פֿונ זיי ניט אַרויסבאַקומענ קיינ גענוגנדיקנ סכום געוויקסנ־שפּײַז. אונ די פֿיצוכטלער קומט אויס צו באַקומענ ברויט בא זייערע שכנים ערדאַרבעטער.

אָט די אומשטענדנ האָבנ געדינט פֿאַר אַנ אָנהייב פֿונ א האַנדל־אויסטויש צווישנ די ערדאַרבעטערישע אונ פֿיצוכטלערישע קאָמונעס. די פֿיצוכטלערישע שטאַמענ פּלעגנ אויסטוישנ אַפֿ ברויט זייערע פּראָדוקטנ, וואָס בא די ערדאַרבעטער איז אינ זיי געווענ א מאַנגל — וואָל, טעפּעכער אונ וואָל־געוועבנ, אויסאַרבעטונגענ פֿונ הערנער אונ ביינער א. א. וו. דער אויסטויש האָט געטראָגנ פֿונקט אַזאַ קאָלעקטיוונ כאַראַקטער, ווי די פּראָדוקציע. עס זײַנענ ניט געווענ קיינ ספּעציעלע קויפֿער אונ פֿאַרקויפֿער — עס האָט געקויפֿט אונ פֿאַרקויפֿט דער גאַנצער שטאַם. אונ די פֿאַרקויפֿטע אונ געקויפֿטע סכוירעס זײַנענ אויכ געווענ א

געמיינזאם אייגנטום פונעם שטאם. אָבער די אויסטויש-איניציאַטיוו פלעגט געווייג־לעכ קומענ פונ די פיציכטלער. דעריבער פלעגנ די פיציכטלער, באזונדערס די, וואָס האָבנ געלעבט אונ לעבנ אינ די מידבאָריעס, ווערנ הענדלערישע שוואָטים. דער אָנהייב פונ אויסטויש איז געווענ זייער א וויכטיקע געשעעניש. דער אויסטויש האָט אייניקע שטאמענ באריַיכערט, האָט באריַי־כערט די פירער אונ די עלטסטע, פאנאנדערגעבונדנ די זשעדנעקייט אונ די קי־נע אונ פלעגט ניט זעלטנ ברענגענ צו באוואָפנטע צוזאמענשטויסנ אונ צו רוי־בערישע אָנפאלנ פונ איינע שטאמענ־גרופעס אפ די אנדערע.

22. פיציכטלערישע פאָטערלעכע שטאמענ.

די פיציכטלערישע פראָדוקציע האָט אויכ פארוואנדלט די פריִערדיקע מוטער־לעכע שטאמענ אינ פאָטערלעכע שטאמענ. אינעם לעבנשטיי־



געמעל 16. בושמענער האָבנ פארכאפט א סטאדע בופלאקסנ בא קאפריער פיציכטלער; די קאפריער פארפאָלגנ זיי.

גער פונ די פיציכטלער איז די גאנצע גרונט־ארבעט, אָנגע־הויבנ פונ פארהיימישנ דאָס פי אונ פונ ארומגיינ ארום דעמ אונ געענדיקט מיט האנדל אָדער רויבעריַי, געלעגנ אפ די מענער. די מענער פאשענ די טשערעדעס, היטנ זיי אָפ פונ ווילדע חיַיעס אונ פונ שכיינים, קוילענ פי, באארבעטנ פעל, וואלקנ דעמ ווילעק, האנדלענ, פירנ מילכאָמעס אונ רויבנ. אונ אפ דעמ גוירל פונ דער פרוי פאלט אויס נאָר די מער גרינגערע באהילפיקע ארבעט: מעלקנ די פי, שערנ די שעפסנ, שפי־נענ אונ וועבנ פונ דער וואָל געוועבנ, נייענ קליידער, גריַיטנ עסנ, אכטונג געבנ אפ די קינדער. דער מאנ דער פיציכטלער קוקט דעריבער אפ דער פרוי פריִער פונ אלצ, ווי אפ אנ ארבעטערנ, וואָס איז אימ אונטערטעניקט. ער וויל, אז אזוינע ארבעטערנס זאָל בא

אימ זײַנ וואָס מער אונ אז זיי זאָלנ זײַנ שטענדיקע. דעריבער זײַנענ בא די פיציכטלער די הייראטנ אויכ געוואָרנ שטענדיקע אונ עס האָט זיכ אײַנגעשטעלט דער מינהעג פּאָליגאמיע.

דער שטאמ פלעגט בא די פיציכטלער אָפט זײַנ א פיל גרעסערער, איידער בא די ערדארבעטער. אינ דער שפיצ פלעגט זיכ דאָ אויכ שטעלנ דער פּאטריארכ. אלע טשערעדעס האָבנ געבילדעט דאָס געמײַנזאמע אייגנטומ פונעמ שטאמ; די פּראָדוקטנ פלעגנ אײַנגעטיילט ווערנ צווישנ די פאמיליעס, וואָס פלעגנ ארײַנגײַנ אינ שטאמ. אָבער אפ די לאגערונגענ פלעגט יעדער פאמיליע שטעלנ פאר זיכ א באזונדער בײַדל אָדער יורטע; יעדע פאמיליע האָט געפירט איר אייגענע שטוב־ווירטשאפט.

די פיציכטלערישע שטאמענ פלעגנ זיכ אויכ פאראייניקנ אינ שטאמענ־פארבאנדנ, אונ די שטאמענ־פארבאנדנ פלעגנ זיכ ניט זעלטנ פאראייניקנ אינ שוואָטימ. די מאכט פונעמ פּאטריארכ אונ פונעמ פירער פונעמ שטאמענ־פארבאנד אונ שוואָטימ איז בא די פיציכטלער געווענ פיל שטארקער, איידער בא די ערדארבעטער. די פרויענ האָבנ קיינ שומ שטימ־רעכט ניט געהאט. דער פּאטריארכ אונ דער פאָטער האָבנ געהאט די מאכט אפילע אפנ לעבנ אונ טויט פונ די פרויענ אונ קינדער. אונ די פירער זײַנענ געווענ שטענדיקע. זיי האָבנ אָנגעפירט מיט די איבערוואנדערונגענ פונעמ פארבאנד אָדער שוואָטימ בא די אָפטע איבערגאנגענ פונ איינ אָרט אפנ צווייטנ, האָבנ געפירט אונטערהאנדלונגענ מיט אנדערע שטאמענ־פארבאנדנ אונ שוואָטימ, האָבנ אָנגעפירט בײַ מילכאָמעס מיט שכיינימ אָדער באמ אויספילנ דעמ מינהעג פונ בלוט־נעקאָמע.

● מילכאָמעס פלעגנ אָפט פאָרקומענ צווישנ שכייניש פיציכטלערישע שטאמ־פארבאנדנ אונ שוואָטימ צוליב פיטער־פעלדער. דאָסראָוו פלעגנ די שכייניש פיציכטלערישע קאָמונעס סטארענ זיכ צונויפריידנ איינע מיט דער צווייטער וועגנ די גרענעצנ פונ זייערע איבערוואנדערונגענ, זיי פלעגנ אזוי צו זאָגנ טיילנ צווישנ זיכ די פאשע־טעריטאָריע. אָבער די דאָזיקע אָפּמאכנ פלעגנ ניט זעלטנ געבראָכנ ווערנ אונ דעמלט פלעגנ זיכ אָנהייבנ בלוטיקע מילכאָמעס. מילכאָמעס פלעגנ אויכ פאָרקומענ צווישנ די פיציכטלערישע אונ ערדארבעטערישע שטאמענ־פארבאנדנ ווענ די פיציכטלער פלעגנ אָנפאלנ אפ די ערד־ארבעטער, קעדיי אָפצונעמענ דאָס ברויט מיט גוואלד. עס פלעגנ פאָרקומענ מילכאָמעס אויכ דעמלט, ווענ אפ די פיציכטלער פלעגנ אָנפאלנ די שכיינעסדיקע יעגערישע טאָטעמישע קאָמונעס, קעדיי אָפצונעמענ א טייל פונ דעמ פי אונ אפ אזא אופנ באקומענ גרינג א רעזערוו פונ פלייש־שפּײַז. אזוינע מילכאָמעס קומענ נאָכ אויכ איצט פאָר אינ אפריקע צווישנ די יעגער די בושמענער, וואָס לעבנ נאָכ אינ טאָטעמישע קאָמונעס, אונ די פיציכטלער די קאפריער (געמ. 16). ●

23. קופּערנע אונ בראָנזענע געצײַג. אינ די פּאָטערלעכע ערד־ארבעטערישע אונ פיציכטלערישע שטאמענ האָט שוינ די פּראָדוקציע אָנגעהויבנ געבנ א מערפּראָדוקט. עס האָבנ זיכ באוויזנ איבערפלוסנ, וועלכע מע האָט געקאָנט פארהיטנ אפ זאפּאס אָדער אויסטוישנ בא די שכיינימ אפ פּראָדוקטנ, וואָס

האָבנ געפּעלט. דער סכום מערפּראָדוקט האָט זיכ באַזונדערס שנעל גענומענ פּארגרעסערנ, זינט עס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ ווײַזנ מעטאל־געצײַג.

שטיינערנע געשליפענע געצײַג איז געווענ שווער אונ צו לאנג צו מאכנ. עס איז שווער געווענ צוצוגעבנ זיי א ספּעציעלע פאָרמ פאר פארשיידענע ארבעטנ. ס׳איז געווענ שווער אונ צו לאנג ארומצושארפנ זיי, ווענ זיי פלעגנ טעמפּ ווערנ. קיינ עמעסנ סערפּ, קיינ עמעסע קאָסע האָט מענ פונ שטיינ ניט געקאָנט מאכנ. די שטיינערנע סערפּנ אונ קאָסעס זײַנענ געווענ מיט קיזלשטיינערנע פארקארבטע שארפנ; זיי פלעגנ ניט שנײַדנ אונ גיכער פונ אלץ פלעגנ זיי רײַסנ די זאנגענ אונ דאָס גראָז. מע האָט ניט געקאָנט מאכנ פונ שטיינ קיינ עמעסע שערנ; דעריבער פלעגנ די פיציכטלער, וואָס האָבנ געהאט נאָר שטיינערנע געצײַג, ניט שערנ די וואָל, נאָר אויסצופּנ זי, אונ דאָס איז געווענ א שווערע, דויערנ־דיקע אונ פײַנפולע אָפּעראציע פאר די בהמות. פונ שטיינ האָט מענ אויכ ניט געקאָנט מאכנ קיינ עמעס קאלט געווער — ניט קיינ שווערד, ניט קיינ סאבלע, ניט קיינ עמעסנ קינזשאל. פארקערט, פונ מעטאל קאָנ מענ דורכ אויסגיסנ אָדער דורכ שמידנ מאכנ גרינג אונ גיכ געצײַג אונ געווער פונ פארשיידנערליי פאָרמעס אונ צוליב פארשיידענע צילנ. מעטאל־געצײַג איז גרינג צו שאפנ, זיי זײַנענ פיל גרינגער איידער שטיינערנע, פיל באקוועמער אינ באנוצ אונ מיט זייער הילפ קאָנ מענ טאָנ יעדער ארבעט גיכער אונ בעסער.

דעריבער איז ווענ מענטשנ האָט זיכ אײַנגעגעבנ צו מאכנ מעטאל־געצײַג, האָט זיכ די פּראָדוקטיוויקײַט פונ דער ארבעט באדײַטנדיק געהעכערט אונ עס האָט זיכ באוויזנ די מעגלעכקײַט צו באקומענ א סאכ מער איבעריקע פּראָדוקטנ.

די ערשטע מעטאל־געצײַג זײַנענ געווענ פונ קופּער אונ ניט פונ אײַזנ. דאָס איז, ערשטנס, דערפאר, וואָס קופּער באגעגנט זיכ אָפּט אפ דער אויבערפלאכ פונ דער ערד אינ נאטירלעכע שטיקער, אונ אײַזנ באגעגנט זיכ דאָסראָוו נאָר אינ דער פאָרמ פונ ארצ, פונ וועלכנ מע דארפ ערשט אויסשמעלצנ מעטאל; צווייטנס, איז עס דערפאר, וואָס קופּער איז גרינגער צו שמידנ קאלטערהייט אונ עס שמעלצט זיכ א סאכ גיכער אונ בא א פיל נידעריקערער טעמפּעראטור איידער אײַזנ. קופּער קאָנ מענ פאנאנדערשמעלצנ אפ א געוויינלעכנ פײַער אינ א ליימענער קיילע (אָדער טיגל) אונ קעדיי צו פאנאנדערשמעלצנ אײַזנ, דארפ מענ בויענ ספּעציעלע אויוונס.

דאָכ זײַנענ דאָס געצײַג אונ דאָס געווער פונ ריינעמ קופּער געווענ פונ שלעכטער קוואליטעט, ווײַל ריינער קופּער, אָנ א צומיש פונ אנדערע מעטאלנ, איז זייער א ווייכער מאטעריאל. דעריבער האָט מענ אָנגעהויבנ צו־געבנ צומ קופּער באַמ צעשמעלצנ עס פונ 10 ביז 20 פּראָצ. צינ אָדער בלײַ. דעמ מעטאל־פארשמעלצ, וואָס מע האָט באקומענ פונ א צונויפמיש פונ קופּער אונ צינ, האָט מענ אָנגערופנ בראָנזע. אינ אזיע האָט מענ אָנגעהויבנ צו מאכנ בראָנזענע געצײַג פריִער איידער אינ אייראָפּע, 4000—5000 יאָר פאר אונדזער ערע. אינ אייראָפּע האָבנ זיכ די בראָנזענע געצײַגנ באוויזנ אנ ערעכ א 2000—2500 יאָר ביז אונדזער ערע.

די באארבעטונג פון קופער איז דורכגעפירט געווארן מיט די סאמע פּאשעטסטע מיטלען, מיט די זעלביקע, וואס עס באנוצן זיך איצט די וויניק-קולטורעלע פעלקער. קעדיי צו שמידן דעם קופער באנוצן זיי שטיינערנע פּליטעס אלס קאוואדלעס און אנשטאט א האמער נעמען זיי גאנץ אפט א פּאשעטן שטיין. מע צעלאזט דעם מעטאל אין ליימענע קיילים, אונטער וועלכע מע לייגט פאנאנדער א פייער גלייך אפ דער ערד, אין פּארטיפעררונגען; דעם פייער בלאזט מען פאנאנדער, בלאזנדיק מיט א טרייבל פון טשערעט (געמעל 17). קעדיי אויסצוגיסן דעם קופער פּלעגט מען מאכן ליימענע פורעמס.

דער אופקום פון דער בראנזע-טעכניק האט געהאט א גוואלדיקע ווירקונג אפן גוירל פון די שטאם-קאמונעס. די פּארקלאסנדיקע געזעלשאפט הייבט זיך אן פאנאנדערצולייגן און עס קומט פאר דער איבערגאנג צו דער קלאסן-געזעלשאפט.

24. דער אופקום פון אומגלייכקייט. שוין פון סאמע באגינען פון די ערדארבעטערישע און פיציכטלערישע שטאם-קאמונעס איז אופגעקומען א גרויסע



נעמעל 17. סודאנער שמידן בא דער ארבעט.

אומגלייכקייט צווישן באזונדערע שטאמען. ניט אלע שטאמען זיינען געווען גלייך לויט דער צאל מיטגלידער; בא איינע איז געווען מער ארבעט-קראפט, בא אנדערע ווייניקער. דאס איז נאך ניט אזא וויכטיקער אונטערשייד, ווייל א קלענערער שטאם האט געפּאדערט אויך ווייניקער לעבנס-מיטלען. אבער דער דאזיקער אונטערשייד האט זיך באלד געלאזט פילן ווי נאר עס האבן זיך געוויזן אנדערע אונטערשיידן.

ווען די טעריטאריעס, וואס זיינען פון די שטאמען-פארבאנדן אפגעוויינט געווארן פאר אקער-פעלדער, זיינען איינגעטיילט געווארן צום באארבעטן צווישן

פארשיידענע שטאמען, האָט מען זיי קיינמאָל ניט געקאָנט צעטיילן אזוי, אז יעדער שטאם זאָל באקומען א באצירק, וואָס איז לויט זײַן קוואַליטעט גלײַך מיטן צווייטן. און דער אונטערשייד אין דער קוואַליטעט פון דעם באָדן האָט זיך באלד געלאָזט פילן אף דער קוואַנטיטעט און קוואַליטעט פון דער גערעטעניש, אף דער קוואַנטיטעט פון דעם באקומענעם איבערפלוס. ווען דער שטאם פלעגט זיך צע־וואקסן און פון אים פלעגט זיך אָפּטיילן א ייִנגערער שטאם, האָט מען אים דאַסראָוו אָפּגעגעבן א באצירק פונעם ניט־צעטיילטן רעזערוו, און אין רעזערוו זײַנען דאַסראָוו פארבליבן די ערדן פון ערגערער קוואַליטעט. דער נײַער שטאם פלעגט שטענדיק זײַן שוואכער פון די אלטע לויט זײַן צאָל און פלעגט נאָך דערצו באקומען ערגערע ערדן. דערפון האָבן זיך די ערדארבעטערישע שטאם־קאָמונעס ביסלעכווײַז צעטיילט אף מער רײַכע און שטארקע און אף מער אָרעמע און שוואכע. און ווען די שוואכע קאָמונע פלעגט טרעפן אן אומגערעטעניש אָדער אן אנדער אומגליק, א שטייגער, א קרענק, א פאלן פון פי אָדער פון פיציכטלער, האָט זי גאָר געקאָנט זיך פאנאנדערפאלן. די מיטגלידער אירע פלעגן זיך צעגיין אין אנדערע קאָמונעס, ווו מע פלעגט זיי אופנעמען אף דער לאגע פון פרעמדע, אן שטימרעכט, אָן רעכט אָנטיילצונעמען אין דעם אלגעמיינעם פאר־מעגן, נאָר מיט דער פליכט צו ארבעטן פארן שטיקל ברויט.

אזוינע אונטערשיידן פלעגן אויך אופקומען צווישן די פיציכטלערישע שטאמען. די פיטער־פעלדער, וואָס פלעגן אויסגעטיילט ווערן באזונדערע שטאמען, זײַנען אויך קיינמאָל ניט געווען פון איין קוואַליטעט. איינע באצירקן זײַנען געווען נעענטער צו א טײַך אָדער צו אן אָזערע, אנדערע—ווײַטער; הייסט עס, אז אף איינע פיטער־פעלדער זײַנען די גראָזן געווען זאפ־טיקער און העכער, אף אנדערע — ערגער. בא איינע האָט זיך דאָס פי דערנערט און געפרוכפערט בעסער, איז געווען געזינטער און גרעסער און בא אנדערע — קלע־נער און ערגער. ווען פון דעם שטאם, וואָס איז זיך צעוואקסן, פלעגט זיך אָפּטיילן א נײַער שטאם, פלעגט מען אים אויסטיילן פון דעם ייִנגערן און ערגערן פי, און פיטער־פעלד פלעגט מען אים אויסטיילן ערגעץ אפן גרענעץ, ווו עס איז געווען א ברעסערע געפאר פון אן אָנפאל מיצאד שכיינים. אָט אזוי האָבן זיך אויך צווישן די פיציכטלערישע שטאמען געשאפן שטארקע און רײַכע שטאמען, און שוואכע און אָרעמע שטאמען.

דער אופקום פון אויסטויש האָט פארשטארקט די אומ־גלײַכקײַט צווישן די שטאמען. אויסטוישן פראָדוקטן האָבן געקאָנט נאָר יענע שטאמען, בא וועלכע עס איז געווען א פראָדוקטן־איבערפלוס. די שוואכע, די אָרעמע פיציכטלערישע שטאמען האָבן ניט געקאָנט פאר זיך קריגן קיין נגענוגנדיקן סכום ברויט; די שוואכע, די אָרעמע ערדארבעטערישע שטאמען האָבן ניט געקאָנט פאר זיך קריגן אין א גענוגנדיקן סכום קיין וואָל און קיין וואָל־אויסארבעטונגען.

מיטן דערשײַנען פון די בראָנזענע געצײַג האָט זיך די דאָזיקע אומגלײַכקײַט אָנגעהויבן שנעל אנטוויקלען: די זאך באשטייט אין דעם, וואָס שטיינער זײַנען פאראן אומעטום און שטיינערנע געצײַג

פלעגט מען מאכנ אומעטום, אָבער קופער אונ ציִנ טרעפט מענ ניט אומעטום. הייסט עס, אז בראָנזענע געציַיג האָט מענ ניט אומעטום געקאָנט גליַיכ אויסארבעטנ. דאָרטנ, ווו עס איז געווענ קופער אונ ציִנ, זיַינענ די שטאמ-קאָמונעס באלד געוואָרנ ריַיכער אונ שטארקער פונ די שכיינים. ריַיכער זיַינענ זיי געוואָרנ דערפאר, וואָס דאָס אָנווענדנ בראָנזענע געציַיג אינ דער פראָדוקציע האָט פארגרעסערט אונ פארבעסערט די פראָדוקציע, אונ שטארקער זיַינענ זיי געוואָרנ דערפאר, וואָס דאָס בראָנזענע געווער—פיַילנ אונ שפיזנ מיט בראָנזענע שפיצנ אינ די עמעסע שווערדנ אונ קינזשאלנ—האָט זיי געגעבנ א גוואלדיקנ איבערגעוויכט אפ מילכאָמע. זאָס איז נאָכ ניט גאָר. קופער, ציִנ אונ בראָנזענע אויסארבעטונגענ זיַינענ באלד געוואָרנ זייער א טיַיערע סכוירע. דער האנדל דערמיט האָט ריַיכ געמאכט די שטאמ-קאָמונעס, וועלכע האָבנ פארמאָגט רעזערווּנ פונ קופער אונ ציִנ.

נאָכמער, דער אופקומ פונ דער בראָנזע-טעכניק האָט אָנגעהויבנ מיטווירקנ דער אנטוויקלונג פונ דער אומגליַיכ-קיַיט צווישנ די מיטגלידער פונ באזונדערע שטאט-געמיינ-דעס. א געוויסע אומגליַיכקיַיט איז אויכ פריִער געווענ. זי איז געווענ אָפ-הענגיק דערפונ, וואָס די שטאמ-עלטסטע אונ די פירער האָבנ באקומענ א בע-סערנ אונ א גרעסערנ טייל פראָדוקטנ אינ פארגליַיכ מיט די פאָשעטע קרויווּים. איצט האָט די דאָזיקע אומגליַיכקיַיט גענומענ וואקסנ. אינ יענע קאָמונעס, וועל-כע ס'איז אויסגעקומענ צו קויפנ קופער, ציִנ אָדער בראָנזע-אויסארבעטונגענ, האָבנ עס געקאָנט איַינקויפנ נאָר יענע מיטגלידער פונ קאָמונע, וואָס האָבנ גע-האט מויסרעס. אונ מויסרעס זיַינענ פריִער פאר אלצ געווענ בא די שטאמ-על-טסטע אונ פירער. דעריבער האָבנ זיי געקאָנט דערווערבנ אונ פלעגנ טאקע דער-ווערבנ אייגענע ארבעט-געציַיג אונ געווער. אונ האָבנדיק אינ זייער רעשוס בראָנזענע העק, סערפנ, קאָסעס, אקערס מיט בראָנזענע לעמעכנ, האָבנ די על-טסטע אונ די פירער גענומענ פאָדערנ נאָכ א גרעסערנ כיילעק באמ טיילנ די אלגעמיינע פראָדוקציע. באוואָפנט מיט בראָנזענע שווערדנ, שפיזנ אונ פיַילנ, האָבנ זיי געקאָנט שטיצנ זייערע פאָדערונגענ מיט קויעכ.

אזוי האָבנ אויסער ריַיכע אונ אָרעמע שטאמענ זיכ אויכ באוויזנ ריַיכע אונ אָרעמע מיטגלידער אינ די באזונדערע שטאמענ גופע. ריַיכע זיַינענ געוואָרנ די עלטסטע, אָרעמע—די פאָשעטע שטאמ-מיטגלידער אונ די פרעמדע.

25. **פאטריארכאלע קנעכטשאפט.** באקומענ אינ זייער רעשוס אייגענע ארבעט-געציַיג אונ געווער, האָבנ די ריַיכערע שטאמ-מיטגלידער באקומענ די מעגלעכקיַיט צו עקספּלואטירנ אינ דער פראָדוקציע אויכ איבעריקע ארבעט-קראפט. דאָס זיַינענ געווענ די קנעכט.

קנעכט פלעגנ ווערנ פיַינט, גענומענע אינ געפענקעניש אפ מילכאָמע. די באזיגטע האָבנ זיכ גערעכנט פאר רויב פונ די זיגער; די זיגער האָבנ געקאָנט די באזיגטע אויסהארגענענ, זיי האָבנ זיי אויכ געקאָנט לאָזנ לעבנ אונ צווינגענ ארבעטנ פאר זיי. קנעכט פלעגנ ווערנ באנוצט אפ שטובּיקער ארבעט, אונ קאָלזמאנ די שטאמ-מיטגלידער האָבנ ניט געהאט קיינ

אייגנ ארבעט־געצײַג, האָט קיינער פאר זיך ניט געקאָנט באקומענ פונ קנעכטישער ארבעט קיינ מער־פראָדוקט. אָבער ווענ בא אייניקע שטאמ־מיטגלידער האָבנ זיך באוויזנ אייגענע בראָנזענע געצײַג אונ געווער, האָבנ זיי די קנעכט אָנגעהויבנ שעצנ. ווענ א שטאמ־מיטגליד פלעגט נעמענ אינ געפענקעניש א פײַנט, פלעגט ער דערקלערנ: דאָס איז מײַנ קנעכט, אונ פלעגט אימ נעמענ צו זיך; ווענ עס זײַנענ גענומענ געוואָרנ פיל קנעכט, האָבנ די פירער אונ די עלטסטע געפאָדערט פאר זיך די בעסטע צווישנ זיי.

מיט דער הילפ פונ די קנעכט אונ פונ אייגענעמ ארבעט־געצײַג האָבנ די רײַכע מיטגלידער פונעמ שטאמ געקאָנט זעלבשטענדיק אָפרייניקנ אונ פאראקערנ נײַע באצירקנ ערד אונ די גאנצע גערעטעניש פלעגנ זיי נעמענ זיך, דערבײַ ווײַטער באטייליקנדיק זיך אויך אינ דער צעטיילונג פונ דער אלגעמיינער גערעטעניש. אונ אינ די פיצוכטלערישע שטאמענ האָבנ די פירער אונ די עלטסטע פארפירט אייגענע טשערעדעס, פאָדערנדיק פאר זיך א טייל פי פונעמ מילכאָמע־רויב אָדער פונעמ יונגפי פונ די אלגעמיינע טשערעדעס. אָט אזוי איז אינ די שטאמ־קאָמונעס אופגעקומענ די פריוואטע ווירטשאפט צוגלײַך מיט דער פריערדיקער אלגעמיינער ווירטשאפט. זי האָט געקאָנט אופקומענ נאָר דערפאר, וואָס עס איז אופגעקומענ פריוואט־אייגנטומ אפ ארבעט־געצײַג אונ אפ פי. אונ שפעטער האָט די פריוואטע ווירטשאפט געבראכט אויך צומ אופקומ פונ פריוואט־אייגנטומ אפ ערד, צומ אופקומענ פונ קלאסנ אונ פונ קלאסנקאמפ.

דער ערשטער שפראָצלינג פונ קלאסנ־צעטיילונג איז געווענ דאָס דערשײַנענ פונ קנעכט, אזוי אויך פונ פרעמדע, וואָס זײַנענ ארויסגעקומענ פונ די רויִנירטע אונ צעפאלענע שטאמענ. די ארבעט־קראפט פונ די פרעמדע האָבנ אויך געקאָנט אויסנוצנ נאָר די רײַכע, וואָס האָבנ געהאט ארבעט־געצײַג, ערד־באצירקנ אונ פי. אזוי זײַנענ זיך די פרעמדע, גלײַך מיט די קנעכט, ארײַנגעפאלנ אינ דער לאגע פונ די עקספלואטירטע.

26. דאָרפישע געמיינדעס. אונטער דער ווירקונג פונ אָט די אלע ענדערונגענ האָבנ זיך די ערד־ארבעטערישע שטאמ־געמיינדעס גענומענ פארוואנדלענ אינ דאָרפישע געמיינדעס. מע הייבט אָנ צעטיילנ די שטאמישע ערד אפ ערדכאלאָקימ צווישנ באזונדערע פאמיליעס, וואָס גייענ ארײַנ אינעמ באשטאנד פונעמ שטאמ. יעדער פאמיליע גיט מענ אנ ערד־כיילעק לויט דער צאָל עסער, די ערד אונ די גערעטעניש פונ איר ווערט אָפגעגעבנ איר אויסשליסלעכנ באנוץ. אָבער די שטאמ־ערד רעכנט זיך נאָך אלצ פאר אלגעמיינעמ אייגנטומ, אונ צײַטנווײַז ווערנ געמאכט נײַע איבערפארטיילנ, ווענ די צאָל מיטגלידער אינ באזונדערע פאמיליעס ענדערנ זיך, אָדער ווענ פונ די אלטע פאמיליעס טיילנ זיך אָפ נײַע פאמיליעס. יעדע פאמיליע בויט זיך איר אייגנ הויז, פארפירט זיך אייגענע פי אונ אויפעס. אזוי פארוואנדלט זיך די שטאמ־געמיינדע אינ א דאָרפישע געמיינדע. די ערד געפינט זיך אינ דער

דאָרפישער געמיינדע אינ אלגעמיינעמ באזיצ. אָבער די ווירטשאפט ווערט געפירט אינדיווידועל. נאָר דאָס פי ווערט זומער פארייניקט אינ אנ אלגעמיינער טשערעדע אונ פאשעט זיכ אפנ אלגעמיינעמ פיטערפעלד אונ דאָס טווע-דרעשנ קומט פאָר מיט אלגעמיינע קיכעס אינ אלגעמיינעמ שייער.

אינ דער דאָרפישער געמיינדע איז די אנטוויקלונג פונ אומגלייכקייט אונ פונ עקספלואטאציע אוועק נאָכ מיט גיכערע שריט פאָרויס. באמ צעטיילנ פלעגנ די פירער אונ עלטסטע פאָדערנ פאר זיכ בעסטע אונ גרעסערע באצירקנ, איידער די איבעריקע מיטגלידער פונ שטאמ. נאָכ די פירער אונ עלטסטע האָבנ זיכ גענומענ דורכשלאָגנ אפנ ערשטנ אָרט אנדערע געמיינדע-מיטגלידער, וואָס האָבנ באקומענ אלט ערד-כאלאָקימ בעסערע ערד אָדער וואָס האָבנ געהאט קנעכט. צוגלייכ מיט די אָרעמע הייזקעס פונ די שטאמ-מיטגלידער פונ איינ געמיינדע פלעגנ אויסגעבויט ווערנ גרויסע הייזער פונ די פירער אונ נעגידימ. די מער אָרעמע געמיינדע-מיטגלידער פלעגנ מיט דער גרעסטער מי ווי עס איז דורכלעבנ, אונ אינ פאל פונ אנ אומגערעטעניש אָדער פונ אנ אנדער צאָרע זיינענ זיי געווענ געצווונגענ ווענדנ זיכ נאָכ הילפ צו די מער רייכע מיטגלידער פונ דער געמיינדע אָדער פארדינגענ זיכ בא זיי אפ ארבעט. אזוי האָט זיכ אָנגעהויבנ די קלאסנ-צעשיכטונג אינעווייניק אינ די דאָרפישע געמיינדעס. פיל דאָרפישע געמיינדעס האָבנ איבער דעמ אויכ גענומענ פאנאנדערפאלנ אונ דעמלט זיינענ פארשווונדנ די לעצטע רעשטלעכ פונעמ פריִעדיקנ קאָמוניסטישנ פראָדוציר-אויפנ. אפנ אָרט פונ דער קאָמוניסטישער שטאמ-געזעלשאפט איז געקומענ די קלאסנ-געזעלשאפט, די פעאָדאלע אָדער די קנעכטבאזיצערישע.

אויכ די פיציכטלערישע שטאמ-געמיינדעס האָבנ זיכ אינ פארלויפ פונ דער צייט פאנאנדערגעלייגט. די פירער אונ עלטסטע האָבנ די ערשטע פארפירט בא זיכ אייגענע טשערעדעס אונ שפעטער זיינענ די אלגעמיינע טשערעדעס ענדגילטיק צעטיילט געוואָרנ צווישנ באזונדערע פאמיליעס. נאָר די פיטער-פעלדער זיינענ פארבליבנ אלגעמיינע, אונ די איבערוואנדערונגענ פלעגנ געמאכט ווערנ געמיינזאמ פונ דער גאנצער פיציכטלערישער גרופע. צווישנ די פיציכטלער האָט זיכ אויכ אָנגעהויבנ א קלאסנ-צעשיכטונג, אונ עס איז אופגעקומענ די עקספלואטאציע פונ די אָרעמע דורכ די רייכע. אונ ווענ די פיציכטלער זיינענ געווענ געצווונגענ איבערצוגיינ צו ערדארבעט, פלעגנ זיי גלייכ אָרגאניזירנ דאָרפישע געמיינדעס פאר די פאָשעטע שטאמ-מיטגלידער, אונ פאר די פירער אונ עלטסטע פלעגנ זיי באלד אויסטיילנ גרויסע באצירקנ אלס אייגנטומ.

3. די אנטשטייונג פונ שפראכ, קונסט, מאגיע, רעליגיע אונ שריפט

27. די אנטשטייונג פונ שפראכ. אונדזער פײִקײַט צו ריידנ, אונדזער אויפנ איבערצוגעבנ אײנער דעמ אנדערנ געדאנקענ, דער אויפנ פונ אויסדריקנ געפילנ אונ ווונטשנ, דער אויפנ פונ געבנ באפעלנ דורכ ווערטער דוכט זיכ אונדז, ווי עפעס נאטירלעכעס, אפילע דעמ מענטשנ אײַנגעבוירנס. אונדז דוכט זיכ, אז מענטשנ האָבנ שטענדיק גערעדט אונ אז מיט זייער פײִקײַט צו ריידנ האָבנ זיי זיכ פונ סאמע אָנהייב אונטערגעשיידט פונ כײַעס.

אינדערעמעסנ איז עס ניט אזוי. פונקט ווי דער מענטשלעכער ארגאניזמ האָט זיכ אנטוויקלט פונעמ אָרגאניזמ פונ מענטשמאלפע אינ פראָצעס פונ ארבעט, פונקט אזוי האָט זיכ די פײִקײַט צו ריידנ — די שפראכ — באוויזנ בא די מענטשנ ניט מיטאמאָל, נאָר זי האָט זיכ אויסגעארבעט אינ פארלויפ פונ זייער א לאנגער צײַט אונ אויכ אינעמ פראָצעס פונ פראָדוצירישער קאָלעקטיווער טעטיקײַט.

לעכאטכילע האָט דער מענטש, גלײַכ ווי די כײַעס, געקאָנט נאָר ארויסגעבנ באזונדערע ניט-ארטיקולירטע קלאנגענ אָדער אויסגעשרייענ. די הײדלבערגער מענטשנ פלעגנ פונקט ווי א טשערעדע מאלפעס אָדער כײַעס זיכ איבערופנ אײנער מיטנ צווייטנ אינ דער צײַט פונ זייערע בלאָנדזשענישנ אינ די וועלדער אונ זוכענישנ נאָכ שפײַז אונ פלעגנ דערגאנצנ זייערע אויסגעשרייענ מיט קערפער-באוועגונגענ, באזונדערס מיט האנט-זשעסטנ. אָט די דאָזיקע שפראכ קאָנ מענ אָנרופנ סיגנאלנ-שפראכ.

זי האָט עקזיסטירט אזוי לאנג, ביזוואנענ דער מענטש האָט זיכ ניט געמאכט א געצײַג אונ ביזוואנענ די מענטשלעכע גרופעס האָבנ זיכ ניט פארוואנדלט פונ טשערעדעס אינ פרימיטיווע יעגערישע קאָמונעס.

ווענ עס האָבנ זיכ אויסגעבילדעט די פרימיטיווע יעגערישע קאָמונעס, ווענ עס האָבנ זיכ באוויזנ די ערשטע מאסע פרימיטיווע מיטלענ פונ קאָלעקטיווער יעגערײַ, איז די סיגנאלנ-פאָרמ פונ רייד געוואָרנ ניט גענוגנדיק. די ערשטע פרווונ צו מאכנ געצײַג, די געמײנזאמע טעטיקײַט אונ די קעגנזײַטיקע שטיצע אפ יעגערײַ, די ערשטע שפראָצלינגענ פונ דער ארבעט-צעטײלונג האָבנ געצווונגענ די מענטשנ צו פארבעסערנ אויכ זייער שפראכ — אָט דאָס סאמע וויכטיקסטע מיטל פונ פארקער צווישנ מענטשנ. אָבער לעכאטכילע האָט זיכ גענומענ אנטוויקלענ די זשעסטנ-שפראכ. דאָס איז פאָרגעקומענ דערפאר, וואָס דעמ מענטשנס האנט האָט זיכ אינ פראָצעס פונ ארבעט אונ פראָדוקציע אנטוויקלט גיכער, אײדער דעמ מענטשנס גאָרגל אונ צונג-מוסקולנ, וואָס מיט זייער הילפ רעדט דער מענטש. די נעאנדערטאלער האָבנ צווישנ זיכ גערעדט מיט זשעסטנ, מיט מימיק. אזא זשעסטנ-שפראכ פלעגנ נאָכ ענדע XIX יאָרהונדערט אינ אײניקע פאלנ באנוצנ פיל ווייניק-קולטורעלע פעלקער אינ אווסטראליע, אפריקע אונ אמעריקע.

די דאָזיקע זשעסטנ-שפראכ דריקט זיכ אויס ניט נאָר אינ באוועגונגענ פונ די הענט אונ פינגער, נאָר אויכ אינ די באוועגונגענ פונ דעמ קאָפ אונ דעמ גאנצנ

איבעריקן קערפּער. זי באַשטייט אין דעם, וואָס דער מענטש סטאַרעט זיך מיט דער הילף פֿון קערפּער־באַוועגונגען אָפּצושילדערן דעם געגנשטאַנד אָדער האַנדלונג, וועגן וועלכן ער וויל זאָגן.

● לעמאָשל, קעדיי אָנצורופֿן „בומעראַנג" (א הילצערן שלײַדער־געצײַג) שילדערט דער אויסטראַליער מיט האַנט־באַוועגונג אין דער לופֿט די צייכענונג פֿון בומעראַנג; אויב ער מאַכט נאָכדעם אַזאַ מין באַוועגונג, ווי ער וואָלט, קלוימערשט, וואַרפֿן אַ בומעראַנג, באַפֿעלט ער דערמיט צו וואַרפֿן דעם בומעראַנג. קעדיי אָנצורופֿן וואַסער ניט איז כײַע, שילדערט דער יעגער פֿון אויסטראַליע, אַפֿריקע און אַמעריקע מיט זשעסטן די טנועס פֿון דער דאָזיקער כײַע. אַשטייגער, קעדיי אָנצורופֿן אַ שטעכל־כאַזער, שילדערט דער יעגער, וויאַזוי דער שטעכל־כאַזער גראָבט די ערד און הייבט דערבײַ אויף זײַנע אויערן. אָט די אַלע זשעסטן זײַנען זייער פֿאַרשיידנאַרטיקע, דאָך מאַכן זיי די יעגער דורך אומגעהייער גיך און זיי פֿאַרשטייען איינער דעם צווייטן. קעדיי צו באַצייכענען אַלע מענטשן, כײַעס, געגנשטאַנדן און האַנדלונגען, צו וועלכע דער יעגער איז געוווינט, עקזיסטירן שטרענג־אײַנגעשטעלטע זשעסטן אַזוי, אַז אַ „ווערטער־בוך" פֿון דער זשעסטן־שפּראַך וואָלט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ גאַנץ היפּשן בוך. ●

מיט דער צײַט איז אָבער אויך די זשעסטן־שפּראַך געוואָרן ניט־גענוגנדיק. ווען עס זײַנען געמאַכט געוואָרן ספּעציאַליזירטע געצײַג ווען עס האָבן זיך באַוויזן נײַע קאָמפּליצירטע אויפֿאַנים פֿון קאָלעקטיווער יעגערײַ, ווען די קליינע יעגערישע האָרדעס האָבן זיך אָנגעהויבן פֿאַראייניקן אין טאָטעמישע פֿאַרבאַנדן, האָט שוין די זשעסטן־שפּראַך מער ניט געקאָנט באַפֿרידיקן די מענטשן. זייער באַדערפֿעניש איבערצוגעבן איינער דעם אַנדערן זייערע ווינטשן, באַפֿעלן, געפֿילן און געדאַנקען האָבן זיך אַפּ אַזויפֿיל פֿאַרגרעסערט און זײַנען אַזוי קאָמפּליצירט געוואָרן, אַז די זשעסטן־שפּראַך איז שוין געוואָרן זייער אַ לאַנגזאַם און ניט אַלעמאָל אַ באַקוועמער מיטל פֿון פֿאַרקער. דעריבער האָבן די מענטשן אַלץ אָפֿטער גענומען אָפּקומען צו קלאַנג־אויסדריקן פֿון זייערע ווינטשן, באַפֿעלן, געדאַנקען און געפֿילן.

לעכאַטכילע זײַנען אויפֿגעקומען ספּעציעלע קלאַנגען, וועלכע האָבן געדאַרפֿט דערקלערן אָדער פֿאַרבעסערן דעם זשעסט. צום בײַשפּיל, פּריִער, אַז מע האָט געדאַרפֿט אָנרופֿן אַוועלכן ניט איז מיטגליד פֿון דער קאָמונע, האָט מען נאָר אָנגעוויזן אַפּ אים מיט דער האַנט. אָבער דער זשעסט מיט דער האַנט האָט געקאָנט האָבן אַ פֿאַרשיידענעם באַטײַט. ער האָט געקאָנט באַטײַטן סײַ אַ באַפֿעל און סײַ אַ דראָונג א. א. וו. דעריבער איז ווען מע האָט געדאַרפֿט אָנרופֿן אַ באַשטימטן יעגער, האָט מען, אָנווײַזנדיק אַפּ אים מיט דער האַנט, אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ באַשטימטן קלאַנג, וואָס האָט באַטײַט „דו" אָדער „ער". און אויב מע האָט מיטן זשעסט פֿון דער האַנט געוואָלט געבן אַ באַפֿעל אָדער אויסדריקן אַ דראָונג, האָט מען אים אויך באַגלייט מיט ספּעציעלע קלאַנגען. אָט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען די קלאַנג־שפּראַך. די באַדערפֿעניש אין דער שפּראַך האָט אײַנגעגעבט דעם גאָרגל און די צונג־מוסקולן; זיי האָבן זיך אויך

אָנגעהויבן אנטוויקלען און האָבן זיך ביסלעכווײַז פארוואנדלט אין די הײַנטיקע אָרגאנען פון דער מענטשלעכער שפראך.

די קלאנג־שפראך האָט שוין עקזיסטירט אין די טאָטעמישע געזעלשאפטן, זי איז אָבער געווען פארײניקט מיט דער זשעסטן־שפראך. יעדע טאָטעמישע קאָמונע האָט געהאט איר שפראך; ווען די טאָטעמישע קאָמונעס פלעגן זיך פארײניקן אין פארבאנדן, פלעגן זיך זייערע שפראכן צונויפגיסן אין איין אלגעמיינער שפראך. אזא פראָצעס פון שטענדיקער צונויפגיסונג פון די שפראכן איז אויך פאָרגעזעצט געוואָרן שפעטער, ווען די שטאם־קאָמונעס פלעגן זיך פארײניקן אין שטאמען־פארבאנדן און די שטאמען־פארבאנדן פלעגן זיך פארײניקן אין שוואָטים. אלע הײַנטצײַטיקע שפראכן זײַנען אנטשטאנען ווי א רעזולטאט פון אזוינע צונויפגיסונגען, אָדער איבערקרייצונגען.

די ערשטע שפראכן זײַנען געווען זייער אָרעם אין ווערטער און פאָרמעס. איינס און דאָס זעלביקע וואָרט האָט געהאט פארשיידענע באטײַטן. אשטייגער, מיט איין און דעם זעלביקן וואָרט פלעגט באצייכנט ווערן „וואסער" און „הימל", דערפאר, וואָס וואסער פאלט פון הימל אין דער פאָרם פון א רעגן. עס זײַנען נאָך ניט געווען קיין עמעסע קאָניוגאציעס און דעקלינאציעס. עס איז ניט געווען קיין גענוגנדיקע צאָל ווערטער צום רעכענען — מע האָט געזאָגט „איינס", „צוויי", נאָכדעם „פיל". בלויז ביסלעכווײַז, מיט דער אנטוויקלונג פון דער טעכניק און פון דער פראָדוקציע, מיטן איבערגאנג צו אײַנגעזעסנקײַט, ערדארבעט און פיצוכט, מיטן שאפן שטאם־קאָמונעס האָט זיך פארגרעסערט דער זאפאס ווערטער, האָט זיך פארפינקטלעכט זייער באטײַט און עס האָבן זיך אויסגעבילדעט גראמאטישע פאָרמעס.

די זשעסטן־שפראך איז ענדגילטיק ארויס פון באנוץ נאָר אין דער שטאם־געזעלשאפט. אָבער גאָר אינגאנצן איז זי נאָך ניט פארשוווּנדן געוואָרן ביז איצט. אדאיאָם זשעסטיקולירן מיר, דאָס הייסט, מיר באגלייטן אונדזער ריידן מיט באוועגונגען פון די הענט, פונעם קאָפּ און אָפטמאָל אויך פונעם גאנצן קערפער, באם ריידן, באם לייענען לעקציעס, פאָרטראָגן, באם האלטן רעדעס. מיט די דאָזיקע זשעסטן פארשטארקן מיר אומבאוווּסטזיניק אונדזער שפראך, לויט דער אלטער געוווינהײַט, וואָס מיר האָבן באקומען בעיערושע נאָך פון די צײַטן פון דעם היידלבערגער מענטשן. אָבער איצטער האָבן די זשעסטן נאָר א הילף־באדײַטונג. און די גרונט־ראָליע אין פארקער פון מענטשן איינער מיטן צווייטן געהערט דעם ריידן.

28. די אנטשטייונג פון רעליגיע. רעליגיע — דאָס איז דער גלויבן, אז עס עקזיסטירן קלוימערשט איבערנאטירלעכע קויכעס, גײַסטער און געטער, פון וועלכע עס איז קלוימערשט אָפּהענגיק דאָס גאנצע לעבן — סײַ דאָס לעבן פון דער נאטור און סײַ דאָס לעבן פונעם מענטשן. די געטער און גײַסטער שיקן קלוימערשט לויט זייער ווונטש אָדער קאפריז גליק אָדער אומגליק דעם מענטשן, — א גערעטעניש אָדער אן אומגערעטעניש, רײַכקײַט אָדער אָרעמקײַט, געזונט אָדער קרענק, א לאנג לעבן אָדער א פריִיקן טויט. די גאלאָכים, ראבאָנים, קסיאָנדזן,

מולעס אונ דינער פונ אלע אנדערע רעליגיעס פארזיכערנ, אז די רעליגיע איז ארײַנגעגעבנ אינ דעם מענטשנ פונ גאָט אלײנ. זײ זאָגנ, אז דער מענטש האָט פונ סאמע אָנהײב פונ זײַנ דערשײַנענ אפ דער ערד געהאט א רעליגיע—ער האָט געגלײבט אינ געטער אונ אינ גײַסטער אונ האָט צו זײ מיספּאלעל געווענ.

די דאָזיקע באהויפּטונגענ פונ די דינער פונ רעליגיע איז ליגנ אונ אָפּנארערײַ. אינדערעמעסנ איז די רעליגיע ניט גלײַכ אופגעקומענ. הונדערטער, טויזנטער יאָרנ האָט דער מענטש עקזיסטירט אפ דער ערד, ניט האָבנדיק קײנ שום רעליגיע. אויכ איצט זײַנענ נאָכ פאראנ ווילדע, ווײניק-קולטורעלע פעלקער, וואָס האָבנ ניט קײנ רעליגיע.

● ווענ אינ אָנהײב XIX י. ה. האָבנ זיכ די רײַזנדע צום ערשטנ מאָל באקענט מיט די טאסמאניער, האָבנ זײ מיט באוווּנדערונג זיכ דערוווּסט, אז די טאסמאניער האָבנ ניט קײנ שום פאָרשטעלונג וועגנ איבערנאטירלעכע קיכעס אונ פראווענ ניט קײנע רעליגיעזע ריטואלנ. אונ די הײַנטצײַטיקע רײַזנדע האָבנ אנטדעקט נאָכ צוויי פעלקער, וואָס האָבנ ניט קײנ רעליגיעס. דאָס זײַנענ די ווילדע קובנ אפ סומאטרע, וועגנ וועלכע מיר האָבנ שוינ דערמאָנט, אונ די גואיאקנ, וואָס וווינענ אינ די קאָרדילערישע בערג פונ דאָרעמ-אמעריקע אונ דראפּענ זיכ אפ בײמער, פּונקט ווי מאלפּעס. די דאָזיקע דרײַ פעלקער, וואָס ווײסנ ניט פונ רעליגיע, זײַנענ נאָכ ניט דערגאנגענ צו דער טאָטעמישער אָרדענונג, אינ וועלכער עס לעבנ די אווסטראליער, בושמענער אונ עס האָבנ אָנהײב XIX י. ה. געלעבט אײניקע אמעריקאנער אינדיאנישע שוואָטימ. בא די דאָזיקע טאָטעמישע שוואָטימ איז שוינ פאראנ א רעליגיע. הײסט עס, אז רעליגיע קומט אופ נאָר אינ דער טאָטעמישער געזעלשאפט. אונ ביז דער צײַט איז נאָכ קײנ רעליגיע ניט געווענ, ווי עס איז נאָכ ניט געווענ קײנ עמעסע שפּראכ. ●

די געלערנטע האָבנ אופגעקלערט, אפ וואָס פאר אנ אויפנ עס איז אופגעקומענ די רעליגיע אונ וויאזוי זי האָט זיכ געענדערט אײנײנעמ מיט די ענדערונגענ פונעמ געזעלשאפטלעכנ לעבנ פונ די מענטשנ. ענדלעכ, האָבנ די געלערנטע אופגעקלערט, אז ניט נאָר וואָס די רעליגיע האָט קײנמאָל ניט געהאָלפנ דעמ מענטשנ, נאָר פארקערט, זי האָט שטענדיק געבראכט שאָדנ די ארבעטנדיקע אונ איז שטענדיק געווענ א טרײַע פארבינדעטע פונ די עקספּלואטאטערט.

29. **מאגיע אונ קונסט.** די נעאנדערטאלער מיט זײערע שטײנערנע קלאפּערס אונ שאָבערס אונ ארומגערינגלטע פונ אלע זײַטנ מיט ווילדע כײַעס אונ מיטנ אומפארשטענדלעכע פאר זײ נאטור-דערשײַנונגענ האָבנ געהאט אינגאנצנ ניט קײנ ריכטיקע אונ לויט אונדזער פארשטײנ פּאָשעטע קינדערשע פאָרשטעלונגענ. זײ האָבנ, אשטײגער, געהאלטנ, אז די בילדער פונ מענטשנ אונ כײַעס זײַנענ פּונקט אזוינע לעבעדיקע, ווי די דאָזיקע מענטשנ אונ כײַעס גופע. זײ האָבנ אלצ, אזוי צו זאָגנ, געמאָסטנ לויט זײער ארשינ אונ האָבנ געמײנט, אז אי די כײַעס אי די געוויקסנ

אי די שטיינער און אלערליי אנדערע געגנשטאנדנ און דערשײַנונגענ פונ דער נאטור זײַנענ אויכ אזוינע לעבעדיקע, ווי דער מענטש, און זײַנענ אינגאנצנ ענלעכ אפ א מענטשנ. פונקט אזוי מיינענ קליינינקע קינדער, ווענ זיי שפילנ זיכ מיט זייערע ליאלקעס, מיט זייערע שפיל-כײַעס און פויגלענ. אזוינע אָנשויונגענ האלטנ זיכ ביז איצט בא פיל פעלקער אפ דעמ גאנצנ ערד-קײַלעכ. אשטייגער, וועגנ כײַעס טראכטנ נאָכ איצט אזוי די בושמענער, אווסטראליער און פיל אינדישע שוואָטימ, אזוי אויכ פיל פעלקער אינ דעמ אזיאטישנ טייל פונ אונדזער פארבאנד.

אָט די מעשונעדיקע ניט-ריכטיקע באגריפנ האָבנ די נעאנדערטאלער אָנגעווענדט אינ דער פראקטיק, קעדיי צו פארגרינגערנ זיכ די יעגערײַ, קעדיי אָפּצוהיטנ זיכ פונ א געפאר. ווענ מע פלעגט גיינ אפ יעגערײַ, האָט מענ דעמ פריער געגעבנ א בולעווע, אפ וועלכער עס זײַנענ געווענ אויסגעשניצט בילדער פונ כײַעס. די דאָזיקע בילדער האָבנ עס געדארפט ארײַנארנ די כײַעס, ווײַל די נעאנדערטאלער האָבנ געמיינט, אז די כײַעס וועלנ אופנעמענ די בילדער ווי עמעסע כײַעס און וועלנ צוגיינ צו זיי. און שפעטער, ווענ פונ דער צײַט, זינט דער פארקעלטערונג האָבנ די מענטשנ זיכ באזעצט אינ היילנ, האָבנ זיי אָנגעהויבנ צייכענענ בילדער פונ כײַעס און בילדער פונ יעגערײַ אפ די ווענט פונ די היילנ. דערבײַ האָבנ זיי זיכ געסטארעט צו שילדערנ די כײַעס ווי געטראָפענע פונ שפיזנ און פײַלנ (געמעל 9). פונקט אזוינע געמעלנ מאכנ אויכ איצט אינ די היילנ די בושמענער. די בושמענער דערקלערנ, צוליב וואָס דאָס ווערט געמאכט: „צוליב דעמ, אז די כײַעס זאָלנ ארונטערפאלנ אונטער אונדזער מאכט”. הייסט עס, אז לויט דער מיינונג פונ די בושמענער און פונ די נעאנדערטאלער איז די שילדערונג פונ אנ אײַנגעגעבענער יעגערײַ אלציינס, ווי אנ עמעסע אײַנגעגעבענע יעגערײַ. אויב מע זאָל נאָכ דעמ גיינ אפ יעגערײַ וועט אלצ זײַנ פונקט אזוי, ווי עס איז אָנגעמאָלט.

קעדיי אָנצושרעקנ די ווילדע כײַעס און פארהיטנ זיכ פונ זייערע אָנפאלנ, האָבנ די נעאנדערטאלער געטאָנ אויכ אזוי, ווי עס טוענ איצט די ווייניק-קולטורעלע יעגער: זיי פלעגנ אופהענגענ אפ זייערע העלדזער גאנצע האלדזבאנדנ פונ ציינער און נעגל פונ לייבנ און בערנ, אָדער זיי פלעגנ אויסשניצנ אפ זייערע פלאָקנס געשטאלטנ פונ ווילדע כײַעס. זיי האָבנ געמיינט, אז די כײַע דערשרעקט זיכ פאר די דאָזיקע געשטאלטנ, וואָס זײַנענ שרעקלעכ פאר דעמ מענטשנ, זי וועט זיי אופנעמענ ווי עמעסע ציינער און נעגל אָדער ווי עמעסע לייבנ און בערנ און וועט ניט וואגנ אָנצופאלנ אפנ מענטשנ. אזוינע קאמייעס פונ א געפאר אָדער אמולעטנ, ווי עס רופנ זיי די געלערנטע, האָבנ ביז דער לעצטער צײַט באנוצט ניט נאָר די יעגערישע פעלקער פונעמ פארבאנד, וואָס לעבנ אפנ צאָפנ פונ אזיע און אפ די אלטײַישע בערג, נאָר אויכ פויערימ פונ אייניקע געגנטנ. אינ ווײַסרוסלאנד, אינ פאָלעסיע, האָבנ נאָכ פאר דער אימפעריאליסטישער מילכאָמע די פויערימ אלס אמולעטנ געטראָגנ אפ פעדעמלעכ וועלפישע ציינער, און אפ די

מוירן פון זייערע הויפן פלעגן זיי אופהענגען ביק־הערנער, אויסגעשניצט פון האָלץ.

פונקט מיט אזעלכע פאר אונדז מאָדנע מיטלען פלעגן זיך די נעאנדערטאלער פארטיידיקן פון עמעסע אָדער געדאכטע סטיכיישע אומגליקן. פונקט ווי די הײַנטיקע גוואיאקן, פלעגן זיי פרוּוון אָפּהאלטן א שטורעם אָדער א רעגן מיט דראָענדיקע געשרייען און מיט קלעפּ פון זייערע שטיינערנע העק, מיינענדיק, אז דער שטורעם און דער רעגן וועט זיך, גלײַך ווי א מענטש, דערשרעקן און אוועקגיין. א רעגן־בויגן האָבן זיי געהאלטן פאר א פײַערדיקן שלאנג און האָבן זיך געסטארעט צו פארטרײַבן אים מיט די זעלביקע מיטלען.

ווען אָט די דאָזיקע גלויבונגען האָבן אין דער שטאם־עפּאָכע אָנגעהויבן פארשווינדן אָדער פארענדערן זיך, זײַנען אָבער אייניקע מינהאָגים פארבליבן. אָבער דאן האָט מען זיך אָנגעהויבן סטארען צו דערקלערן זיי אף א נײַעם אויפן. מע האָט אָנגעהויבן זאָגן, אז די אמולעטן האָבן א באזונדער מויפעסדיקע, מאגישע קראפט, אז אזא מויפעס־קראפט האָבן אויך פארשיידענע אוראלטע ריטואלן. מע האָט געזאָגט, אז די מאגישע קראפט איז ניט נאָר א מויפעסדיקע, נאָר אויך אן אומבאזיגלעכע קראפט. אויב מע זאָל דעם מאגישן ריטואל אויספילן אזוי, ווי מע דארף, ווי עס לערנען די אלטע, וועט זיך אומבאדינגט באקומען דער געווּנטשענער רעזולטאט.

אָט אזוי האָט זיך אָנגעהויבן די מאגיע. אָבער גלײַכצײַטיק מיט דער מאגיע, מיט די מאגישע שילדערונגען האָט זיך אויך אָנגעהויבן די קונסט. די נעאנדערטאלער האָבן אָנגעהויבן צו מאכן די ערשטע צייכענונגען — געשניצטע אף ביינערנע און אף הילצערנע געגנשטאנדן. און די הייל־אײַנוווינער האָבן אף די ווענט פון די היילן געצייכנט — מיט קויל און מיט פארבן — כײַעס און אפילע גאנצע סצענעס. אין די צייכענונגען פון כײַעס האָבן זיי דערגרייכט גרויסע מײַסטערשאפט (געמעל 5 און 9); מענטשן פלעגן בא זיי ארויסקומען ערגער (געם 9).

30. די טאָטעמישע רעליגיע. מאגיע איז נאָך ניט קיין עמעסע רעליגיע, ווײַל בא מאגיע איז נאָך ניטאָ קיין גלויבן אין איבערנאטירלעכע קויכעס, אין געטער און אין גײַסטער. אָבער רעליגיע איז געווען ענג פארבונדן מיט מאגיע.

די רעליגיע איז אויך אופגעקומען איבער די ניט־ריכטיקע פאָרשטעלונגען פון די פרימיטיווע יעגער וועגן זיך גופע און וועגן דער ארומיקער נאטור. זי האָט זיך אָנגעהויבן דערפון, וואָס די יעגער האָבן געפרוּווט אײַנלאדן כײַעס זיך צו הילף בעשאס יעגערײַ. די יעגער־דערפארונג האָט די מענטשן באוויזן, אז די כײַעס זײַנען אין פיל הינזיכטן געשיקטער און שטארקער פון זיי. די כײַעס לויפן געשווינדער איידער מענטש, זיי קאָנען דורכקריכן דאָרטן, ווו דער מענטש וועט ניט דורכגיין, זיי זעען בעסער, זיי הערן בעסער, פונדערווײַטנס שמעקן זיי פארשיידענע רייכעס, באזונדערס דעם רייעך פון דעם מענטשן. די ווילדע כײַעס נייטיקן זיך ניט אין געווער, ווײַל זיי האָבן שארפע און שטארקע ציינער און נעגל. אנדערע האָבן שארפע הערנער, און א שלאנג קאָן מיט איין ביס זײַנעם גלײַך דערהארגענען א מענטשן. און די פויגלען פליען, די פרעש און פיש לעבן אין וואסער — דאָס קאָן

דער מענטש אוואדע ניט. אָט די אלע כײַישע אײַנגעשאפטנ האָבנ זיכ געדוכט די פרימיטיווע יעגער, ווי עפעס מויפעסדיקע, הייליקע. דעריבער האָבנ זיכ די פרימיטיווע יעגער אָנגעהויבנ ווענדנ צו די כײַעס מיט בעטנ וועגנ הילפ אונ שוצ.

דאָס פארערנ כײַעס, אָדער דער כײַעס-קולט, איז געווענ די ערשטע פאָרמ פונ רעליגיע. דער כײַעס-קולט האָט זיכ אויסגעבילדעט אונ האָט אָנגענומענ א שטענדיקע פאָרמ אינ דער טאָטעמישער געזעלשאפט. די טאָטעמס האָבנ זיכ אָפטער פונ אלצ אָנגערופנ נאָכ נעמענ פונ כײַעס, זעלטענער — נאָכ נעמענ פונ געוויקסנ. די כײַע, וואָס אפ איר נאָמענ האָט זיכ גערופנ דער טאָטעמ, איז פארעכנט געוואָרנ פאר דעמ גאָט באשיצער פונעמ טאָטעמ. מע האָט זי ניט געטאָרט הארגענענ, צו איר פלעגט מענ זיכ ווענדנ מיט טפילעס וועגנ הילפ. די אווסטראליער, בא וועלכע דער טאָטעמישער קולט פונ כײַעס איז געווענ אינ פולנ אופבלי, ווענ די רײַזנדע האָבנ זיכ מיט זיי באקענט, האָבנ געגלייבט, אז דער גאָט די כײַע הערט די טפילעס פונ מענטשנ אונ דערפילט זייער בעבעט. אשטייגער, די מיטגלידער פונעמ טאָטעמ קענגורו זײַנענ געווענ איבערצײַגט, אז ווענ זיי גייענ אפ געיעג, שפרינגט ערגעצ אינ דער זעלבער ריכטונג ניט ווײַט פונ זיי א קענגורו אונ שרײַט, אויב עס דראָעט א געפאר. דאָס זעלבע האָבנ אויכ וועגנ זייערע טאָטעמישע געטער-כײַעס דערציילט די מיטגלידער פונ אנדערע טאָטעמס.

נאָכ מער, די מיטגלידער פונ די טאָטעמס האָבנ געגלייבט, אז זייערע אורעלטערנ, פונ וועלכע זיי קומענ ארויס, זײַנענ געווענ זייערע טאָמעטישע כײַעס אָדער מענטשנ, וואָס זײַנענ ענלעכ אפ די טאָמעטישע כײַעס. אייניקע אווסטראלישע שוואָטימ מיינענ, אז סײַ די מיטגלידער פונעמ טאָטעמ אונ סײַ די טאָטעמישע כײַעס זײַנענ ארויסגעקומענ פונ האלב-מענטשנ — האלב-כײַעס. אזוינע גלויבונגענ האָבנ שוינ פריִער עקזיסטירט אומעטומ אונ עקזיסטירנ נאָכ איצט אויכ בא אייניקע פעלקער פונעמ פארבאנד.

● אשטייגער, די טונגוסנ (צאָפנ-מיזרעכ-סיביר) רופנ אָנ דעמ בער זיידע אונ דערציילנ, אז די בערנ זײַנענ ארויסגעקומענ פונ איינעמ א מיידל, וואָס איז אוועקגעגאנגענ אינ וואלד, האָט זיכ גענערט מיט אלצ, מיט וואָס די כײַעס נערנ זיכ, אונ איז געווענ ענלעכ אפ א בער. אויכ אייניקע אנדערע פעלקער פונעמ פארבאנד, אינ אייראָפע אונ אזיע האלטנ, אז דער בער איז א פארוואנדלונג פונ א מענטשנ. זיי האלטנ אימ פאר דעמ מענטשנס א קאָרעוו אונ פאר זײַנ אורפאָטער. אָט די אלע גלויבונגענ פונ די פעלקער פונעמ פארבאנד האלטנ זיכ נאָכ פונ די צײַטנ, ווענ זיי האָבנ געלעבט אינ טאָטעמישע קאָמונעס. בייט די אויסגראָבונגענ אפנ טײַכ קאמא, פערמער קאנט, האָט מענ געפונענ צוויי פיגורלעכ, וואָס שילדערנ אורפאָטערס — איינס א געשטאלט פונ א בער מיט א מענטשלעכנ קאָפ, דאָס צווייטע — א געשטאלט פונ א בער.

יעדער טאָטעמ פלעגט יערלעכ אײַנאָרדענענ א פײַערלעכנ יאָנטעוו לעקאָוועד זײַנ טאָטעמישער כײַע. דער יאָנטעוו איז באשטאנענ אינ דעמ, וואָס א טייל יעגער פלעגנ זיכ איבערטאָנ אינ טאָטע-

מישע כײַעס און פלעגנ שפרינגענ, נאָכמאַכנדיק די טנועס און אויסגעשרייענ פונ די כײַעס (געמעל 18). דאָס זײַנענ געווענ די ערשטע טענצ. און די איבעריקע יעגער האָבנ געזונגענ לידער, אינ וועלכע זיי פלעגנ דערציילנ וועגנ זייערע טאָטעמישע כײַעס, וועגנ צופאַלנ אַפ יעגערײַ, וועגנ הילפ און פראָטעקציע, וואָס די כײַעס ווײַזנ ארויס זייער טאָטעמ. דאָס זײַנענ געווענ די ערשטע לידער און מײַסעלעכ. דער יאָנטעוו פלעגט זיכ פארענדיקנ מיט ברענגענ פאר א קאָרבנ א טאָטעמישע כײַע. נאָר איינ מאָל אינ יאָר האָט מענ צוליב דעמ יאָנטעוו דערלויבט דערהארגענענ א טאָטעמישע כײַע. די מיטגלידער פונעמ טאָטעמ פלעגנ זי אופעסנ באַמ אלגעמיינעמ מאָלצײַט און פלעגנ מיינענ, אז מיטנ פלייש און מיטנ בלוט אירנ האָבנ זיי אײַנגעזאפט אינ זיכ אלע אייגנשאפטנ פונ דער דאָזיקער כײַע — איר קויעכ, געשיקטקײַט, כיטרעקײַט א. א. וו.

די טאָטעמישע פארבאנדנ און שוואָטימ האָבנ זיכ געמאכט געשטאלטנ פונ זייערע טאָטעמישע אורעלטערנ. אזוינע געשטאלטנ אינ דער פאָרמ פונ סלופעס עקזיסטירנ נאָכ איצט אויכ בא די צאָפנ-מײַרעוודיקע אמעריקאנישע אינדיאנער. אפ זעמ געמעל 19 ווערט געשילדערט א טאָטעמישער סלופ פונ דעמ אינדיאנישנ שייוועט כײַדא. אפנ סלופ זײַנענ איינער איבערנ אנדערנ אויסגעמאָלט די אורעלטערנ פונ די טאָטעמס, וואָס גייענ ארײַנ אינ דעמ שייוועט: אפנ סאמע שפיצ א קאָפ פונ א ראָב, וועלכע איז געווענ גערעכנט פאר דעמ גאָט דעמ באשיצער פונעמ גאנצנ שייוועט, און נידעריקער — א קאָפ פונ א בושל, פונ א שפארבער, פונ א פראָש, א בער, א סאָווע א. אנד. כײַעס און צווישנ זיי אויכ מענטשלעכע קעפ.


געמעל 18. א צאָפנ-אמעריקאנישער אינדיאנער איבערגעטאָנ ווי א פראָש צומ טאָטעמישנ טאנצ.

31. דער קולט פונ גײַסטער און פאָטערס. אינ די טאָטעמישע קאָמונעס איז אויכ אופגעקומענ דער גלויבנ אינ גײַסטער. די מיטגלידער פונ די דאָזיקע קאָמונעס האָבנ געגלייבט, אז אינ יעדנ מענטשנ לעבט א גײַסט אָדער א נעשאָמע. דעמ דאָזיקנ גײַסט קאָנ מענ קלוימערשט זענ, ווענ ער גייט ארויס אינײינעמ מיט דעמ מענטשנס אָטעמ און פליט זיכ פאנאנדער אינ דער לופט. דעמ כאָלעמ פלעגנ זיי דערקלערנ דערמיט, וואָס בעשאס דעמ מענטשנס שלאָפ פליט פונ אימ זײַנ גײַסט אוועק, פליט ארומ אינ פארשיידענע ערטער, זעט פארשיידענע ווײַטע ערטער, די מענטשנ און כײַעס, וואָס געפינענ זיכ דאָרטנ. ווענ דער גײַסט קערט זיכ ווידער אומ צומ שלאָפנדיקנ, כאפט זיכ דער מענטש אופ פונ שלאָפ. און דעמ טויט פלעגנ זיי דערקלערנ דערמיט, וואָס דער

גײַסט איז אינגאנצנ אוועקגעפלויגנ פונ דעמ מענטשנ אונ האָט זיכ צוריק ניט אומגעקערט. עמעס, דער גײַסט קאָנ זיכ קלוימערשט אומקערנ צומ טויטנ, ווענ ער וועט וועלנ, אונ דעמלט וועט דער טויטער אפ א געוויסער צײַט ווידער לעבעדיק ווערנ.

די גײַסטער האָט מענ געהאלטנ פאר שטארקע אונ געפערלעכע וועזנס. די גײַסטער פליִענ קלוימערשט אינדערלופטנ הונגעריקע אונ דעריבער באפאלנ זיי אָפט דעמ מענטשנ. עס באפאלט דעמ מענטשנ א הונגעריקער, דערצאָרנטער גײַסט, ער דרינגט ארײַנ אינ זײַנ קערפער דורכנ מויל אָדער דורכ דער נאָז אונ הייבט אָנ צו מאטערנ דעמ מענטשנ. בא מענטשנ הייבט זיכ אָנ א קרענק. קעדיי אויסהיילנ דעמ מענטשנ, דארפ מענ פונ אימ ארויסטרײַבנ דעמ שלעכטנ גײַסט. צוליב דעמ פלעגט מענ קלאפנ דעמ קראנקנ איבערנ בויכ, מע פלעגט שרעקנ דעט גײַסט מיט רויכ, מע פלעגט ארומרויכערנ דעמ קראנקנ אונ אָנווענדנ אנדערע אזוינע מיטלענ. אונ פאר באזונ־ערס שרעקלעכ אונ געפערלעכ האָט זיכ גערעכנט א מעס. א סאכ וויִניק־קולטורעלע פעלקער דערטרינקענ נאָכ אדאיאָמ אויס מוירע די פארשטאָרבענע אָדער צעהאקנ זייערע בארמינענס. דער מינהעג צו באגראָבנ געשטאָרבענע איז ארויסגעקומענ אויכ פונ אָט דער שרעק פאר ד׳עמ מעס.

די פרימיטיווע יעגער האָבנ אויכ געמיינט, אז אויב מע זאָרגט זיכ וועגנ א מעס, אויב מע גיט אימ עסנ אונ טרינקענ, וועט ער העלפנ די לעבעדיקע. דעריבער האָבנ זיי אָנגעהויבנ באגראָבנ די מייסימ מיט זאפאסנ עסנ אונ טרינקענ. די ארכעאָלאָגנ האָבנ געפונענ אינ די היילנ אזוינע קוואָרימ. אינ די דאָזיקע קוואָרימ האָט מענ לעבנ די סקעלעטנ פונ די פארשטאָרבענע געפונענ ביינער פונ דערהארגעטע כײַעס מיט שפורנ פונ קלעפ אפ די ביינער אונ קיזלשטיינערנעמ געצייג. דער מינהעג מיטצוגעבנ דעמ מעס אלצ, וואָס עס איז נייטיק דעמ לעבעדיקנ, איז געווענ פארשפרייט אומעטומ אינ אורזאלט אונ איז נאָכ איצט פארבליבנ בא די וויִניק־קולטורעלע פעלקער.

געמעל 19. א טאָטעמישער סלופ פונעמ אינדיאַנישנ שייוועט כײַדא.

אינ די שטאמ־קאָמונעס איז אופגעקומענ א סיסטעמאטישע פארגעטערונג פונ די אורפאָטערס אונ זייערע גײַסטער. אינ די מוטערלעכע שטאמענ פלעגט מענ מאכנ פונ שטיינ בילדער פונ געשטאָרבענע באָבעס פונ א העסלעכנ אויסזענ, מע פלעגט זיי שטעלנ אינ גרויסע

הײַזער, מיספּאַלעל זײַנען צו זיי װעגן הילף און בױענגען צו זיי קאָרבאָנעס. די דאָזיקע געטנס־באָבעס האָבן זיך געוויכנט פאַר די, וואָס שיקן גערעטעניש. נאָכן טויט זענען זיי קלוימערשט פֿאָר צו זאָרגן זיך װעגן דעם פּאַרזיי, און אַזױיװי זיי ליגן באַהאַלטן אין דער ערד, איז זיי פֿון דאָרטן באַקװעם דאָס צו טאָן — געװיקסן װאַקסן דאָך פֿון דער ערד. בא אַלע ערד־אַרבעטערישע פֿעלקער האָבן עקזיסטירט און עס עקזיסטירן קולטן פֿון אַזױנע „ברױט־מוטערס". צום בײַשפּיל, בא די אינדוסן — דער קולט פֿון דער רײַז־מוטער, בא די אוראַלטע גריכן — דער קולט פֿון דער גערשטן־מוטער, און בא אונדזערע װײַסרוסן — דער קולט פֿון „קאָרנבאָבע" (געמעל 20).

געמעל 20. א װײַסרוסישע „קאָרנבאָבע".

אין דער פּאַטריאַרכאַלער שטאַם־געזעלשאַפֿט האָט זיך דער אורפֿאָטער־קולט נאָך מער פֿאַרפֿעסטיקט און צו אים האָט זיך פֿאַרייניקט אויך דער פֿירער־קולט. צום פֿאַרשטאָרבענעם פֿירער פֿלעגט מען מיספּאַלעל זײַן װעגן דעם, אַז ער זאָל אויך נאָכן טויט העלפֿן זײַנע קרוֹיװים, אַז ער זאָל העלפֿן אַף מילכאָמע, אַף געיעג, ער זאָל צושיקן אַ גוטע גערעטעניש. עס פֿלעגן אײַנגעאָרדנט װערן באַזונדערע הײליקטימער — אַרומגעצאַמטע ערטער, װוּ מע פֿלעגט אױפֿשטעלן הילצערנע אָדער שטײנערנע בילדער פֿון געטער אורעלטערן און פֿון געטער פֿירער. צו די דאָזיקע סטאַטועס פֿלעגן די פּאַטריאַרכן און די פֿירער ברענגען קאָרבאָנעס און דערבײַ זאָגן טפֿילעס.

װען די שטאַם־קאָמונעס זײַנען זיך צעפֿאַלן אַף באַזונדערע פֿאַמיליעס און הויפֿן, איז אַפֿן ערשטן פּלאַץ אַרױסגעטראָטן דער קולט פֿונעם „הױז־זײדן", װאָס אין אונדזער פֿאַרבאַנד רופֿן אים די פֿױערים פֿאָשעט „דאָמאָװױ" (הױז־גײַסט).

אין די ערדאַרבעטערישע און פֿיצכטלערישע שטאַם־

קאָמונעס איז אויכ ניט פארשווונדנ דער קולט פונ כײַעס. נאָר די פריִערדיקע טאָטעמישע כײַעס האָט מענ גענומענ רעכענענ פאר געטער פונ ערדארבעט און פונ פיצוכט. אזוי רעכנט זיכ נאָכ ביז איצט בא די ווײַס־רוסנ דער באָק פאר דעמ גערעטעניש־געבער און די אַלגעמײנע אורעלטערנ פונ די ווײַסרוסנ און פונ די רוסנ האָבנ טאקע אזוי גערופנ דעמ באָק „ציגנ־גאָט“.

32. קישעפמאכערס, שאמאנענ, פריסטערס און זייער עקספלאָטאטאָרישע ראָליע. אָט די אלע מאגישע און רעליגיעזע פאָרשטעלונגענ און קולטנ, אָט דער גאנצער גלויבנ אינ געטער, אינ גוטע און אינ בייזע רוכעס, אינ מויפסימ זײַנענ אויפגעקומענ, ווי עס זאָגט לענינ, צוליב דער מאכטלאָזיקײַט פונ די ווילדע אינ קאמפ מיט דער נאטור. צו אָט די אלע מאגישע און רעליגיעזע מיטלענ פלעגנ די פרימיטיווע יעגער, ערדארבעטער און פיציכטלער זיכ ווענדנ דערפאר, וואָס עס איז בא זיי געווענ א שוואכע טעכניק, וואָס זיי האָבנ ניט פאר־מאָגט קיינע שומ פינקטלעכע יעדיִעס וועגנ די געזעצנ פונ דער נאטור און זיי פלעגנ שטענדיק בלײַבנ געפלעפט און געדריקט אינ זייער קאמפ פאר עקזיסטענצ. אָבער מיט די דאָזיקע גלויבונגענ און ריטואלנ האָבנ זיכ די מענטשנ ניט געקאָנט העלפנ. די געדאכטע געטער און גײַסטער האָבנ, פארשטייט זיכ, ניט געקאָנט געבנ קיינ שומ הילפ, און דער גלויבנ אינ זיי האָט זיכ געהאלטנ נאָר דערפאר, וואָס צופעליק פלעגט אמאָל נאָכ די טפילעס און קאָרבאָנעס עפעס זיכ אײַנגעבנ, ס'פלעגט פאסירנ א גליק. די דאָזיקע צופאלנ פלעגט מענ צושרײַבנ די געטער און גײַסטער. זיי פלעגט מענ צושרײַבנ אויכ קאָלערליי צאָרעס: די געטער שיקנ קלוימערשט אָנ אומגליקנ, ווענ זיי צעקאסנ זיכ איבער עפעט אפ די מענטשנ. מע דארפ פארגיטיקנ די געטער מיט א קאָרבנ און דערנאָכדעמ וועט ווידער זײַנ גוט.

פארשטייט זיכ, אז אינדערעמעסנ פלעגט פונ מאגיע און רעליגיע ארויסקומענ נאָר שאָדנ. אפ קאָרבאָנעס די געטער איז אויס־געקומענ אָפצוגעבנ א באשטימטנ טייל פראָדוקטנ פונ די קליינע רעזערווונ פונ די קאָמונעס. אָפטמאָל פלעגט מענ ברענגענ פאר א קאָרבנ גאנצע כײַעס און אפילע מענטשנ. אָבער נאָכ מער שאָדנ פונ רעליגיע האָט זיכ אָנגעהויבנ באקומענ דאנ, ווענ אינ די טאָטעמישע און שטאמישע קאָמונעס האָבנ זיכ באוויזנ „ספעציִאַליסטנ“ אפ מאגיע און רעליגיע. דאָס זײַנענ די קישעפמאכער אָדער די שאמאנענ, ווי עס רופנ זיי די פעלקער פונ אוראלער געגנט און פונ סיביר. זיי רעכענענ זיכ פאר „ספעציִאַליסטנ“ אינ קאמפ מיט בייזע גײַסטער, און אויב זיי ווילנ, קאָנענ זיי קלוימערשט אָנשיקנ בייזע גײַסטער אפ די מענטשנ. נאָכדעמ זײַנענ עס די פריסטער — „ספעציִאַליסטנ“ אפ דינענ די געטער; זיי ברענגענ קאָרבאָנעס און זיי קאָנענ קלוימערשט אײַנבעטנ די געטער, אז זיי זאָלנ בא די מענטשנ אָנעמענ די קאָרבאָנעס און העלפנ די מענטשנ.

אינ אָנהייב, ווענ אינ די טאָטעמישע קאָמונעס האָבנ זיכ צוערשט באוויזנ שפראָצלינגענ פונ מאגיע און רעליגיע, פלעגנ די מאגישע צערעמאָניעס און די רעליגיעזע ריטואלנ אויסגעפילט ווערנ פונ די זקיינימ. ווענ אפ דער טאָטעמישער טערי־

טאָריע האָט אָנגעהויבנ ווערנ ווייניק געוויילד, פלעגט מענ לויט די אָנווײַזונגענ פונ די אלטע אויסמאָלנ אפ שטיינער געשטאלטנ פונ כײַעס, די געמעלנ פלעגט מענ באשפריצנ מיט בלוט, קעדיי צו פארוואנדלענ אָט די דאָזיקע געמעלנ אינ עמעסע כײַעס. אונטער דער אָנפירונג פונ די אלטע פלעגנ פאָרקומענ די טאָטעמישע יאָנטויווימ. די אלטע פלעגנ קוילענ דעמ קאָרבנ אונ צעטיילנ די פלייש צווישנ די מיטגלידער פונ דער קאָמונע.

ווענ עס איז אופגעקומענ דער גלויבנ אינ גוטע אונ שלעכטע גײַסטער, האָט מענ זיכ אָנגעהויבנ ווידער ווענדנ טאקע צו די אלטע נאָכ הילפ אינ פאל פונ א קרענק אָדער א צאָרע. אָט דעמלט האָבנ זיכ פונ צווישנ די זקיינימ אָנגעהויבנ אויסטיילנ „ספעציאליסטנ״, וואָס פלעגנ זיכ נעמענ פאר דער דאָזיקער זאכ. זייערע מיטלענ האָבנ זיי געהאלטנ בעסאָד אונ פלעגנ וועגנ דעמ איבערגעבנ ניט אלעמענ, נאָר וועמענ זיי האָבנ געוואָלט, דאָסראָוו פלעגנ זיי עס איבערגעבנ זייערע זינ. אזויארומ זײַנענ צוגלײַכ מיט די אלטע אופגעקומענ קישעפמאכער אָדער שאמאנענ.

אונ ווענ מע האָט אינ די שטאמ-קאָמונעס אָנגעהויבנ אײַנאָרדענענ הייליקטימער מיט בילדער פונ געטער-אורעלטערנ, האָט מענ אָנגעהויבנ צו זיי צושטעלנ ספעציעלע מענטשנ פונ די אלטע אפ אכטונג געבנ. זיי האָבנ זיכ ספעציאליזירט אפ ברענגענ קאָרבאָנעס אונ אײַנבעטנ די געטער. אָט אזוי זײַנענ דערשינענ די פריסטערס.

זייערע טויוועס פלעגנ די קישעפמאכערס, שאמאנענ אונ פריסטערס טאָנ ניט אומזיסט. זיי פלעגנ דערפאר פאָדערנ א באזונדער געצאָלט, זיי פלעגנ דאָס פאָדערנ אלס כויוו, זיי פלעגנ זאָגנ, אז דאָס באשטימענ ניט זיי דעמ געצאָלט, נאָר טאקע די גײַסטער אונ די געטער אליינ. אונ א געצאָלט פלעגנ זיי פאָדערנ א גרויסנ.

● פארשטייט זיכ, אז אזא גוטע אונ גרינגע מעלאָכע האָבנ די קישעפמאכערס, שאמאנענ אונ פריסטערס זיכ געסטארעט אונטערהאלטנ אונ פארברייטערנ. צוליב דעמ פלעגנ זיי מיט אלערליי אויפאנימ אונטערהאלטנ דעמ גלויבנ אינ געטער, גײַסטער, אינ מאגישע מופסימ. זיי פלעגנ שטענדיק צוטראכטנ נײַע צערעמאָניעס אונ ריטואלנ, שרעקנדיק די מענטשנ מיטנ צאָרנ פונ די געטער אונ גײַסטער. זיי פלעגנ דערציילנ, אז די געטער אונ גײַסטער באווײַזנ זיכ, קלוימערשט, פאר זיי אונ שטעלנ ווי ארויס פארשיידענע פאָדערונגענ, באזונדערס וועגנ פארגרעסערנ די קאָרבאָנעס אונ די געשאנקענ. אויכ איצטער ווענדנ אָנ די קישעפמאכער אונ שאמאנענ אזוינע אויסטראכטענישנ אָדער מיטוסנ, ווי מע רופט זיי באָבע-מײַסעס פונ די קישעפמאכערס אונ פריסטערס אינ דער וויסנשאפט. אפ דעמ האלב-אינדזל מאלאק פארזיכערנ די קישעפמאכער, אז דורכ די בערג דערקלײַבנ זיי זיכ ביזנ הימל אונ דאָרטנ באקומענ זיי באפעלנ פונ די געטער. אויכ אינ ווײַסרוסלאנד האָט זיכ אינ דער צײַט פונ דער קאָלעקטיוויזאציע געפונענ אזא קישעפמאכער, וועלכער האָט דערקלערט, אז ער האָט זיכ קלוימערשט דורכ די ביימער דערקליבנ צומ הימל אונ האָט באקומענ פונ גאָט א באפעל איבערצוגעבנ, אז אויב די פויערימ וועלנ גיינ אינ די קאָלווירטנ, וועט אפ זיי גאָט אָנשיקנ אומגערעטעניש, קרענק אונ א מאגייפע. ●

אָט אזוי האָבן די קישעפמאכערס, די שאמאנען און די
פריסטערס אָנגעהויבן עקספלואטירן און עקספלואטירן אויך
איצט מיט דער הילפ פון רעליגיע די ארבעטנדיקע. פונקט אזוי-
נע עקספלואטאטערס זײַנען געווען און זײַנען פארבליבן די
דינער פון אלע שפעטערדיקע און איצטיקע רעליגיעס און
קולטן. שטיצנדיק די רעליגיע און פארדולנדיק מיט איר די ארבעטנדיקע, האָבן
די קישעפמאכערס, פריסטערס, גאלאָכים, ראבאָנים, קסיאָנדזן, מולעס און אלע אי-
בעריקע קלייקוידעש שטענדיק געקעמפט און קעמפן קעגן דער וויסנשאפט, וואָס
דעקט אופ זייער אָפנארערײַ. די אמעראצעס און דער דאלעס פון די ארבעטנדיקע —
דאָס איז רעוועכ פאר די קלייקוידעש, א באדינג פאר זייער עקזיסטענץ.
די קישעפמאכערס, שאמאנען און פריסטערס האָבן פון סא-
מע אָנהייב געפונען אונטערשטיצונג בא די פירער און גווירים.
פאר דעם פלעגן זיי צאָלן די פירער און נעגידים מיט זייער שטיצע. די רײַכע
עקספלואטאטערס און די רעליגיעזע עקספלואטאטערס האָבן
געשלאָסן אן ענגן בונד צו עקספלואטירן די ארבעטנדיקע. דער
דאָזיקער בונד און די דאָזיקע צוזאמענדיקע עקספלואטאציע האָבן אָנגעהויבן בא-
זונדערס דריקן די ארבעטנדיקע זינט עס איז אופגעקומען די קלאסנ-
געזעלשאפט.

● די סאָציִאַליסטישע רעוואָלוציע פארניכטעט די קלאסן. זי
פארניכטעט די עקספלואטאציע פון מענטש דורכ מענטש, זי
שטיצט זיכ אפ די העכסטע דערגרייכונגען פון דער וויסנשאפט
און טעכניק. דעריבער פארניכטעט די סאָציִאַליסטישע רע-
וואָלוציע אויכ די רעליגיע. אָבער פון זיכ אליין קאָן די רעליגיע ניט
פארשווינדן גיכ און ביזן גרונט. פאר דער רעליגיע און קעגן דער רעוואָלוציע
קעמפן און האָבן געקעמפט אלע קלייקוידעש, באזונדערס סטארען זיי זיכ אָנצו-
שרעקן מיט געטלעכע שטראָפן דאָס אָפגעשטאנענע פויערטום, זיי פלעגן אופהייבן
און הייבן אופ בונטן קעגן דער ראטנמאכט. דעריבער דארפ מען מיט
דער רעליגיע און מיט די קלייקוידעש פירן דעם סאמע אק-
שאָנעסדיקן קאמפ. דעם דאָזיקן קאמפ פירן די פּיאָנערן און די קאָמיוגיסטן,
אים פירט די פארטיי און דער אפיקאָרסים-פארבאנד. אָבער אין דעם דאָזיקן
קאמפ דארפן אויכ נעמען אן אנטייל אלע באוווסטזיניקע סאָוועטישע בירגער,
דערין אויכ אלע שילער. נידער מיט דער רעליגיע! זאָל
לעבן די וויסנשאפט און דער סאָציִאַליזם!

33. די אנטשטייונג פון שריפט. צוערשט איז דער שריפט דער-
שינען אין די שטאם-קאָמונעס. דער שריפט איז אופגעקומען ניט מיט-
אמאָל, און ווען ער איז אופגעקומען, איז ער ניט געווען ענלעכ אפ דעם הײַנט-
צײַטיקן שריפט.
שוין אין די יעגערישע קאָמונעס האָט זיכ געפילט א באדערפעניש צו געבן
אפ אוואָסער ניט איז אויפן יעדיִעס די אָפּוועזנדיקע כאוויירים. די יעגער פלעגן
צוליב דעם ציל באנוצן באדינגלעכע צייכנס דורכ געגנ-
שטאנדן. בײַשפילן פון אזא געגנשטענדלעכן „שריפט” אָדער „מעלדונגען”
באגעגענען זיכ אויכ בא די איצטיקע יעגערישע פעלקער. צום בײַשפיל, דער
אמעריקאנער אינדיִאנער, ווען ער גייט ערגעצ-ווו פון זײַן לאגערונג, אין דער
אָפּוועזנקײַט פון זײַנע כאוויירים, שטעקט ער ארײַן אין דער ערד אזויפיל צווײַג-
לעכ, אפ וויפל טעג ער גייט אוועק. אזוינע געגנשטענדלעכע „בריוו” ווערן אויכ

איבערגעשיקט. אפ סומאטרע, ווען מע דערקלערט א מילכאָמע, שיקט מען צום סוינע א „בריוו" אין דער פאָרם פון א בינטל הילצערנע שווערדן, פײַלן, א בויגן און א קרעסווע; דער דאָזיקער „בריוו" באַטײַט: „איך וועל דיך אונטערצינדן און וועל דערהארגענען דיך און דײַניקע". איינער א נעגער פון אפריקע, וואָס איז בעשאס מיל־אָמע ארײַנגעפאלן אין געפענקעניש, האָט געשיקט זײַן פרוי א „בריוו", וואָס איז באשטאנען פון א שטיין, קויל, א טרוקענעם זאנג און א שמאטקע. דער „בריוו" האָט באַטײַט: „איך בין פעסט אין קערפער, די האָפענונגען זײַנען פינצטערע, איך וועל ווערן אויסגעטריקנט, איך וועל ווערן א שמאטע".

דער עמעסער שריפט, דאָס הייסט א שריפט מיט צייכנס אפ אוואָסער ניט איז מאטעריאל צו שרײַבן, איז דערשינען אויך בא די יעגער. דער דאָזיקער שריפט איז געווען א בילדלעכער. דער, וואָס פלעגט שרײַבן, פלעגט צייכענען אפ א פעל אָדער א בערעזווע קאָרע צייכענונגען, וואָס האָבן געדארפט שילדערן זײַן געדאנק. אזוי, צום בײַשפּיל, האָט איינער אן אינדיאַנער פונעם צאָפן-אמעריקאנישן שייוועט דאַקאָטע אין פארלויף פון 70 יאָר (פונעם 1800 ביז 1870) פארשריבן ער יעדעס יאָר די געשעענישן פונעם יאָר, שילדערנדיק זיי אין צייכענונגען, אָבער אזא מין שריפט האָט געקאָנט לייענען נאָר דער אווטער אליין.

אין דער שטאם-געזעלשאפט האָבן דעם בילדלעכן שריפט צוליב זייערע אייגענע באדערפענישן פארפולקומט די קישעפמאכערס און די פריסטער. זיי האָבן אָנגעהויבן נוצן א באַשטימט בילד צו באצייכענען א באשטימט וואָרט. צום בײַשפּיל, קעדיי אָנצושרײַבן „מענטש" האָבן זיי געצייכנט א מענטשן, „שטערן" — א שטערן, „פוס" — א פוס אאַוו. אייניקע ווערטער פלעגן זיי באצייכענען מיט באדינגלעכע צייכענונגען: אשטייגער, א מענטש אָן א קאָפ האָט געהייסן טויט, א רויטער פוס — א וווּנד א. ד. גל. מיט דעם מעטאָד פלעגן די פריסטערס און די קישעפמאכער פארשרײַבן צו פארגעדענקען זייערע מאגישע פאָרמולעס און טפילעס, אזוי אויך די פארזאָגן, ווי אזוי דורכצופירן מאגישע און רעליגיעזע ריטואלן. מיט דעם דאָזיקן שריפט האָבן זיך אָנגעהויבן באנוצן די פירער און די רײַכע באלעבאטים און האָבן מיט אים געפירט זייערע ווירטשאפטלעכע פארנאָטירונגען, קאָרעספאָנדענצ און באפעלן.

אין אָט דעם שריפט באטײַט דער צייכן א גאנץ וואָרט אָדער באגריף. דעריבער רופט מען אזא בילדלעכן צייכן אידעאָגראמע (פונעם גריכישן וואָרט „אידעא" — באגריף און גראמא — בוכשטאב). מיט אזא אידעאָגראפישן שריפט האָט זיך אָנגעהויבן די שריפטלעכקײַט פון אלע קלאסנגעזעלשאפטן.

III. אוראלטער מיזרעכ

1. די אורעלטסטע מעלוכעס אין די טײַכ-טאָלן

34. די טײַכ-טאָלן פון מעסאָפּאָטאמיע, נילוס און כואנ-כע. די ערשטע קלאסנ-געזעלשאפטן האָבן זיכ אויסגעבילדעט אין די טײַכ-טאָלן פון אַזיע און צאָפן-אפריקע. די דאָזיקע טאָלן זײַנען: מעסאָפּאָטאמיע (צווישן טײַכן) בא די טײַכן טיגער און עופראט, וועלכע פליסן פון די ארמענישע בארג-טיילן אין פערסישן אויסגוס, נאָכדעם עגיפּעט, אפן טײַכ נילוס, וואָס פליסט פון די אָזערעס פון צענטראל-אפריקע אין מיטללענדישן יאם, און, ענדלעכ, דער טאָל באם טײַכ כואנ-כע, אין דער איצטיקער כינע.

די דאָזיקע טײַכ-טאָלן זײַנען לויט זייערע באדינגונגען זייער גינסטיק פאר ערד-ארבעטערישער פּראָדוקציע. די פארפלייצונגען פון די טײַכן באוואסערן דאָרט גוט די פעלדער, דער קלימאט איז א ווארעמער, דער באָדן איז דאָרטן א פרוכטבארער און לאָזט זיכ גרינג באארבעטן. דעריבער האָט זיכ דאָרטן אײַנגעזעסענע ערדארבעט אָנגעהויבן פריער איידער אין אנדערע לענדער און האָט זיכ שנעלער אנטוויקלט. דאָרטן איז מען פריער, ווי אין אנדערע ערטער איבערגעגאנגען צו אקערישער (פלוגישער) ערדארבעט און צו זייען ברויט-טוווע, אין די דאָרטיקע שטאם-קאָמונעס איז פריער, ווי אין אנדערע לענדער, אופגעקומען אומגלײַכקײַט, ס'האָט זיכ אָנגעהויבן די צעטיילונג אפ רײַכע און אָרעמע. ס'איז אופגעקומען די עקספּלואטאציע און ס'האָבן זיכ אויסגעבילדעט קלאסן. אין די דאָזיקע טאָלן האָבן זיכ געבילדעט די אורעלטסטע קלאסנ-מעלוכעס.

אין דער געשיכטע האָבן א באזונדערס וויכטיקע באדײַטונג געהאט די מעלוכעס און די קולטור פון מעסאָפּאָטאמיע און פון עגיפּעט. די דאָזיקע לענדער ליגן ניט אָפּגעזונדערט, ווי דער טאָל כואנ-כע, נאָר זיי גרענעצן מיטן מיטללענדישן יאם און זײַנען געווען אין שטענדיקע האנדל-באציִונגען מיט אנדערע לענדער באם מיטללענדישן יאם. אדאנק דעם האָבן די קולטור-דערגרייכונגען פון עגיפּעט און באזונדערס פון מעסאָפּאָטאמיע באקומען א פארשפרייטונג אין אנדערע לענדער באם מיטללענדישן יאם, און פון דאָרטן זײַנען זיי איבערגעגאנגען צו די מאָדערנע אייראָפּײַשע פעלקער. אייניקע פון די קולטורעלע דערגרייכונגען פון מיזרעכ האָבן אפילע דערלעבט ביז אונדזער צײַט.

● 35. פונוואנען וויסן מיר די געשיכטע פונעם אוראלטן מיזרעכ. די אורעלטסטע געשיכטע פון כינע וויסן מיר פון די ווערק פון די שפּעטערדיקע כינעזישע היסטאָריקער. די דאָזיקע היסטאָריקער האָבן זיכ באנוצט מיט די קאר-

גע, אָפּגעריסענע רעשטנ פונ די אוראלטע כראָניקעס אונ מיט די רעליגיעזע מיטוסנ. דעריבער איז איצט זייער שווער אופצושטעלנ א דעטאלע אונ פינקטלעכע געשיכטע פונ דער אוראלטער כינע.

די געשיכטע פונ די אוראלטע מעלוכעס פונ מעסאָפּאָטאמיע אונ עגיפּעט ווייסנ מיר א סאך בעסער. די געלערנטע האָבנ אינ עגיפּעט אונ מעסאָפּאָטאמיע געמאכט אויסגראָבונגענ פונ בערגלעכ אונ קורגאנעס, וואָס האָבנ זיכ אויסגעבילדעט אפ די ערטער פונ די פארצײַטיקע שטעט, פּאלאצנ אונ טעמפּלענ. בא די אויסגראָבונגענ האָט מענ געפונענ ניט נאָר פיל פארשיידנערליי מאטעריעלע דענקמעלער, נאָר אויכ א גרויסע צאָל שריפטלעכע דענקמעלער. לעכאטכילע האָבנ די געלערנטע זיי ניט געקאָנט דורכלייענענ, ווײַל זיי האָבנ ניט פארשטאנענ דעמ זינ פונ די צייכנס אונ האָבנ ניט געוווּסט, אפ וואָס פאר א שפּראכ די דאָזיקע דענקמעלער זײַנענ געשריבנ. אָבער נאָכ פיל גרויסער אונ שווערער מי האָבנ די געלערנטע פארנאנדערגעשיפרירט דעמ עגיפּטישנ שריפט אונ די עגיפּטישע שפּראכ, אזוי אויכ דעמ שריפט, וואָס עס פלעגט באנוצט ווערנ אינ מעסאָפּאָטאמיע, אונ די דאָרטיקע שפּראכנ. פונ דער צײַט אָנ האָבנ די היסטאָריקער באקומענ די מעגלעכקײַט צו דערלערנענ די געשיכטע פונ מעסאָפּאָטאמיע אונ עגיפּעט לויט די דאָקומענטנ, כראָניקעס אונ אנדערע שריפטלעכע דענקמעלער, וואָס זײַנענ נאָכ פארבליבנ.

2. מעסאָפּאָטאמיע

36. שינאר, איר באפעלקערונג אונ נאטור. די ערשטע קלאסנ־געזעלשאפטנ אינ מעסאָפּאָטאמיע האָבנ זיכ אויסגעבילדעט אפנ נידער־פלוס פונ דעמ טיגער אונ דעמ עופראט. דעמ דאָזיקנ דאָרעמדיקנ טייל פונ מעסאָפּאָטאמיע, אומגעפער פונ דעמ אָרט, ווו די טײַכנ טייגער אונ עופראט קומענ זיכ צומ נאָענטסטנ צונויפ איינער מיטנ צווייטנ, האָט מענ אינ אוראלט גערופנ שינאר (סעננאר).

פאר 4000־5000 יאָר ביז אונדזער ערע האָבנ אינ דעמ ביי־יאמיקנ טייל פונ שינאר געלעבט די שומערנ. דעמ צאָפנדיקנ טייל פונ שינאר האָט פאר 3500־4000 יאָר ביז אונדזער ערע פארנומענ א וואנדערישער פיכטלערישער שיוועט, וואָס איז געקומענ קיינ שינאר פונ אראביע. די געלערנטע רופנ אָנ דעמ דאָזיקנ שיוועט אקאדיער, לויט דעמ נאָמענ פונ זייער הויפּט־שטאָט אקאדא.

דער באָדנ פונ שינאר האָט זיכ אויסגעבילדעט אדאנק יאמ־אָנטראָגנ. דער אָנגעטראָגענער באָדנ פונ דאָרעמ־מעסאָפּאָטאמיע איז זייער א ווייכער אונ ערטערווײַז א זומפּיקער, אָבער דערפאר איז ער זייער א פרוכטבארער, ווײַל פונ די רעשטנ יאמ־געוויקסנ אונ כײַעס האָט זיכ אויסגעבילדעט א פעטער ליימ. אָבער קעדיי צו באקומענ פונ דעמ דאָזיקנ באָדנ א גוטע גערעטעניש, איז נייטיק א שווערע, אקשאָנעסדיקע אונ שטענדיקע ארבעט פונ דער באפעלקערונג.

פריער פאר אלצ דארפ מענ קעמפנ מיטנ אומגעהייערנ איבערפלוס פונ וואסער. גיסנ אינ דאָרעמ־מעסאָפּאָטאמיע אינ נאָיאבער אונ דעקאבער שטענדיקע רעגנס, וואָס פארוואנדלענ ערטערווײַז דעמ באָדנ אינ א

זומפ. עס באווײַזט נאָך דער באָדן ניט אויסצוטריקענען נאָך די רעגנס, ווי אין מארט הייבט זיך אָן די פארפלייצונג פון דעם טיגער און דעם עופראט. די טײַכן צעגיסן זיך זייער ברייט; די פארפלייצונגען דויערן ביז יוּל אָדער אווגוסט. אין דער צײַט פון געוויסער און נאָך אים, ביז נאָיאבער, שטייט א טרוקענער וועטער. דעריבער טריקנט דער באָדן אויס זייער ניט גלײַכמעסיק. אפ די הויכע ערטער טריקנט דער באָדן אויס שנעלער, ווערט פארטריקנט, ווי שטיין און ווערט צעטרישטשעט. און אפ די נידעריקע ערטער ווערט דאָס וואסער אײַנגעשטאנען און עס ווערט א זומפ, וועלכער פארשפרייט זומפ־פיבער. דעריבער איז איצט דאָרעם־מעסאָפּאָטאמיע אן אָרעם לאנד מיט ניט קיין געזונטן קלימאט, מיט שלעכטע גערעטעניש, מיט א שיטערער, אָרעמער און הונגערנדיקער באפעלקערונג.

אָבער דער אוראלטער שינאר איז געווען א רײַך לאנד, וואָס האָט געשפײַזט א געדיכטע באפעלקערונג. דאָס איז געווען אזוי דערפאר, וואָס די שומערן און די אקאדיער האָבן באזיגט די וואסער־טעכ־כיי, האָבן זי געצווונגען צו דינען דעם מענטשן. זיי האָבן אויסגעבויט א קאָמפליצירטע סיסטעם פון וואסער־אײַנריכטונגען, וואָס האָבן באדינט פארקלענערט דעם פארזומפיקטן שעטעך און האָבן געזיכערט א רעזערוו וואסער אפ דער טרוקענער צײַט פון יאָר נאָך די פארפלייצונגען, ווען אין מעסאָפּאָטאמיע קומען פאָר די ערדארבעטן.

37. וואסער־אײַנריכטונגען. די שומערן און די אקאדיער האָבן געבויט זייערע שטעט און יישובים, פאלאצן און טעמפלען אפ קינסטלעכע ערד־אָנשיטן, כדי דאָס וואסער זאָל ניט פארטרינקען אין דער צײַט פון א פארפלייצונג. די פעלדער, גערטנער און סעדער האָבן זיי ארומגערינגלט מיט הרעבלעס, וואָס האָבן ניט דורכגעלאָזן קיין וואסער. אויסער דעם, האָבן זיי אויסגעגראָבן א גאנצע נעץ קאנאלן. די קאנאלן האָבן פארייניקט די פעלדער, גערטנער און סעדער מיט די טײַכן און מיט די קינסטלעכע אָזערעס, וואָס פלעגן ווערן אָנגעפילט מיט וואסער אין דער צײַט פון געוויסער. מיט דער הילף פון די דאָזיקע קאנאלן פלעגט אין דער טרוקענער צײַט פון יאָר דורכגעפירט ווערן די באוואסערונג פון די פעלדער, גערטנער און סעדער. אויסער דעם, פלעגט מען בויען קאנאלן אויך אפ נידעריקע ערטער, כדי עס זאָל ארויסרינען דאָס וואסער און עס זאָל אויסגעטריקנט ווערן די זומפן, זיי זאָלן ווערן טויגבאר צו באארבעטן. און אפ די אקערפעלדער, סעדער און גערטנער זײַנען געמאכט געוואָרן קליינינקע, שמאָלינקע גראָבנדלעך, וואָס פלעגן לויט דער נייטיקײַט אָנגעפילט ווערן מיט וואסער פון די קאנאלן. דאָס וואסער פלעגט מען ברענגען פון די קאנאלן אין די נאָענטע גראָבנדלעך דורך א באזונדערן וואסער־שעפער, ווי דער, וואָס עקזיסטירט אויך איצט בא די אראבישע פויערים און ווערט אָנגערופן שאדופ (געמ. 21).

⊛ דער שאדופ איז לויט זײַן קאָנסטרוקציע ענלעך אפ אונדזער ברונעם־„אצעפ": צו א לאנגער שווערער בערווענע איז צוגעפעסטיקט א קורצער און גרינגער שטאנג מיט אן עמער, וועלכער לאָזט זיך אראָפּ אין וואסער און הייבט זיך דערנאָך גרינג אופ אין דער הייך איבער דער שווערקײַט פון דער גרויסער בערווע-

נע. אינ די ווײַטע גראָבנדלעכ פלעגט מענ דאָס וואסער ברענגענ אפ אײַולעב אינ לעדערנע לאָגלענ.

אדאנק אָט די דאָזיקע אײַנריכטונגענ פלעגט אינ דעמ אוראלטנ שינאר דאָס געוויסער זיכ ענדיקנ פריִער אײדער איצטער אונ מע האָט געקאָנט אראָפנעמענ ניט אײנ גערעטעניש א יאָר, ווי איצטער, נאָר צוויי. אינ יול פלעגט מענ דאנ פארענדיקנ דעמ ערשטנ שניט אונ דורכפירנ דעמ צווײטנ פארזײ, אונ אינ אָקטיאבער פלעגט מענ אראָפנעמענ די צווײטע גערעטעניש. אזא גרויסע באדײַטונג האָבנ עס ארבעט אונ טעכניק.



געמעל 21. אנ אוראלטער שאדופ פונ מעסאָפאָטאמיע.

אָבער א גוואלדיקע באדײַטונג האָט אויכ די געזעלשאפטלעכע אָרגאניזאציע. די איצטיקע ארבעטנדיקע באפעלקערונג אינ מעסאָפאָטאמיע געפינט זיכ אונטערנ דרוק פונ דער סאמע אומראכמאָנעסדיקער עקספלואטאציע. דעמ גרעסטנ טײל פונ אירע דאלעסדיקע האכנאָסעס דארפ זי געבנ אירע הארנ אונ הערשער — די ערדבאזיצער, די מולעס, גוּבערנאטערס אונ די ענגלישע קאפיטאליסטנ. דעריבער ארבעט דער איצטיקער פויער אינ מעסאָפאָטאמיע, ווי פריִער, בײַס דער הערשאפט פונ די טערקישע פעאָדאלנ, פונ אונטערנ שטעקנ, ער קריכט ניט ארויס פונ דאלעס אונ האָט ניט קײנ מיטלענ אונ קײנ ווילנ אונטערצוהאלטנ די אלטע קאנאלנ, וואָס זײַנענ מיט דער צײַט צעוואלגערט געוואָרנ, האָבנ זיכ פארצויגנ מיט לײמ אונ שלײמ, אונ צו בויענ נײַע.

פארקערט, ווענ אינעמ אוראלטנ שינאר (סעננאר) זײַנענ געבויט געוואָרנ די וואסער־אײַנריכטונגענ, זײַנענ דאנ נאָכ דאָרטנ געווענ פרײַע דאָרפישע געמײנדעס. „עס זײַנענ דעמלט ניט געווענ ניט קײנ הארנ, ניט קײנ אונטערדריקער”, ווי עס ווערט געזאָגט אינ אנ אוראלטער שומערישער ליד וועגנ דער בויונג פונ די קאנאלנ. די מיטגלידער פונ די דאָזיקע געמײנדעס האָבנ געארבעט אפ זיכ אונ דעריבער האָבנ זײ געקאָנט פארוואנדלענ דעמ זומפיקנ אונ ניט-געזונטנ באָדנ פונ שינאר אינ פעלדער, גערטנער אונ סעדער.

38. די אויסבילדונג פונ די אורעלטסטע פעאָדאלע פירשטנטומס.

די וואסער־אײַנריכטונגענ פלעגנ געבויט ווערנ דורכ דער געמײנזאמער ארבעט פונ

אלע דאָרפישע געמיינדעס, פונ וועלכע עס האָט זיכ צוערשט געשאפנ דאָס שומערישע פאָלק. די אויסגעבויטע דאמבעס, קאנאלנ אונ אָזערעס זיינענ אויכ געווענ פאר דעם אלגעמיינעם באנוצ. אָבער אינ דער עפאָכע פונ בויענ די וואסער־איינריכטונגענ האָט זיכ שוינ געפירט אנ אינדיווידועלע ווירטשאפט. די ערד איז צעטיילט געווענ אפ ערדכאלאָקימ צווישנ די מיטגלידער פונ די דאָרפישע געמיינדעס; ווענ עס איז געווענ נייטיק, פלעגט מענ ווידער איבערפארטיילנ.

באם פארטיילנ די געמיינדישע ערד אפ ערדכאלאָקימ פלעגט מענ די פירער אונ עלטסטע אויסטיילנ גרעסערע אונ בעסערע באצירקנ אונ דערביי אינ א שטענדיקנ בעיערושעדיקנ באנוצ. די דאָזיקע באצירקנ פלעגנ ניט ארייננגיינ אינ דער איבערפארטיילונג אונ זיינענ געוואָרנ דאָס אייגנטומ פונ די פירער אונ עלטסטע. אזוינע שטענדיקע אונ גוטע באצירקנ זיינענ אויכ אויסגעטיילט געוואָרנ פאר די פריסטערס פונ די שוואָטימ־געטער. זייערע באזיצנ פלעגנ די פירער, די עלטסטע אונ פריסטערס פארגרעסערנ דורכ אויסטריקענענ די פארזומפיקטע ערטער, וואָס זיינענ איבערגעבליבנ אויסער די גרענעצנ פונ דער ערשטער געמיינדישער קאנאלנ־נעצ. די פירער, די עלטסטע אונ פריסטערס האָבנ דערופ געהאט מיטלענ — סיי געצייג, סיי ארבעט־קראפט פונ די קנעכט אונ פונ די פאראָרעמטע מיטגלידער פונ דער געמיינדע, וועלכע זיינענ געווענ געצוווּנגענ צו נעמענ בא די רייכע האלוואָעס אונ האָבנ זיי געדארפט אָפּארבעטנ, אויב זיי האָבנ די האלוואָעס ניט געקאָנט צוריקערנ. די פירער, עלטסטע אונ פריסטערס האָבנ דערביי געפאָדערט, אז דער באצירק פונ א שלעכטנ צאָלער זאָל איבערגיינ אינ רעשוס פונ קרעדיטער אונ די ארבעט פונעמ באלכויוו זאָל פארוואנדלט ווערנ אינ אנ אָנטערמיניקע, — אינ אנ אונטעריאָכטע, אינ אנ אייביקע פארשקלאפונג. אָט אזוי זיינענ אופגעקומענ די אונטעריאָכטע לייביגענע פויערימ, וואָס האָבנ ניט געהאט קיינ אייגענע ערד.

די אָנפאלנ פונ די סטעפישע אונ בארגישע איינוווינער האָבנ אָפט געצוווּנגענ די ערדארבעטער ווארפנ זייער ארבעט אונ נעמענ זיכ פאר געווער. די אָרגאניזאטערס פונ דער שוצ זיינענ געווענ די פירער אונ די עלטסטע. אויסער דעמ, האָבנ נאָר זיי, זייערע זינ אונ קרויווימ געהאט די מעגלעכקייט צו באוואָפענענ זיכ גוט מיט בראָנזענע שווערדנ, שפיזנ אונ פאנצערס. קעגנ די פיינט, וואָס פלעגנ אָנפאלנ מאכנעסווייז אפ פעוד אָדער קעמלענ, האָבנ נאָר די פירער אונ עלטסטע געקאָנט ארויספאָרנ אפ רייטוואָגנס, איינגעשפאנט מיט אייזלענ. אונ א פּאָשעטער פויער האָט געקאָנט ארויסטרעטנ נאָר ווי א פוסגייער מיט פייל אונ בויגנ. מיט אזוינע באוואָפענונגענ איז געווענ אוממעגלעכ מילכאָמע צו האלטנ קעגנ די סטעפישע אונ בארגישע איינוווינער. דעריבער האָבנ די פירער אונ עלטסטע אופגעהערט צו רופנ אפ מילכאָמע דעמ פויערשנ לאנדווער אונ האָבנ גע־

מאכט דעם קריגוועזנ פאר זײער אויטשליסלעכער פּראָפּע־ סיע. זײ האָבנ אָנגענומענ דעם טיטול איסאקנ, דאָס הײסט פירשטנ.

אָבער דערפאר האָבנ די איסאקנ געפאָדערט פונ אַלע פויערים אָבליגאטערישע צאָלונגענ—לײַבשטײַערנ—אונ אָב־ ליגאטערישע ארבעט—פאנשטשינע. אונ װער עס איז אפ דערופ ניט אײַנגעגאנגענ, דעם האָט מענ געצװוּנגענ מיט גוואלד. אזוי זײַנענ אויכ די פרײַע פויערים ארונטערגעפאלנ אונטערנ יאָכ פונ די ערדבאזיצער. אונ שפּעטער האָבנ די איסאקנ פארכאפּט אינ זײער רעשוס אויכ די גאנצע געמײנדישע ערד.

אזוי זײַנענ אינ מעשעכ פונ א יאָרטויזנט די דאָרפישע געמײנדעס ענדגילטיק פאנאנדערגעלײגט געװאָרנ אונ עס האָט זיכ אויסגעבילדעט א נײַע געזעלשאפטלעכע אָרדענונג. פונ ױבנ האָט זיכ אויסגעבילדעט א קלאס ערדבאזיצער, הערשער אונ עקספּלואַ־ טאטערס. אינ דער נידער האָט זיכ אויסגעבילדעט א קלאס ארבעטנדיקע פוי־ ערים אונ האנטווערקער, א טײל וואָס האָבנ זיכ אלײנ פארשקלאפט, א טײל געצווונ־ גענע מיט גוואלד צו צאָלנ אָבליגאטערישע לײַב־שטײַערנ אונ אָפּצוקומענ אָבלי־ גאטערישע פאנשטשינע. די געמײנדישע ערד איז דערקלערט געװאָרנ פאר „גאָטס ערד", אונ אינדערעמעסנ איז זי ארײַנגעפאלנ אינ פולנ רעשוס פונ די עקספּלו־ אטאטערס די ערדבאזיצער. אזא געזעלשאפטלעכע אָרדענונג האָט זיכ גערופנ פעאָדאלע.

39. די אָרגאניזאציע פונ דער פּראָדוקציע אונ די עקספּלואטאציע פונ פויערטום.

פעאָדאלע פירשטנטומס זײַנענ אינ שינאר אונ אינ אקאד געװענ עטלעכע צענדליק. די פּראָדוקציע איז אומעטום געװענ אָרגאניזירט אפנ זעלביקנ אויפנ אונ אויכ אפ אײנ אויפנ איז פּאָרגעקומענ די עקספּלואטאציע פונעם פויערטום.

די בעסטע ערדנ פלעגנ פארשריבנ װערנ אפנ פירשט פאר זײַנ פּערזענלעכער װירטשאפט. דעם אנדערנ טײל פלעגט דער פירשט אוועקשענקענ זײַנע מיליטערלײַט, זײַנע הויפישע דינער אונ די טעמפּלענ. די רעשטנ, די סאמע ערגסטע ערדנ לויט דער קוואליטעט, פלעגנ גײנ אפ ערד־ כאלאָקימ פאר די פויערים.

פויערים מיט ערדכאלאָקימ זײַנענ געװענ ניט פיל, אונ זײערע באצירקנ זײַנענ געװענ זײער קלײנע: פונ א $^1/_2$ ביז 4 הא אפ אונדזער מאָס. בא וועמענ עס זײַנענ געװענ באצירקנ פונ 2 ביז 4 הא, יענע זײַנענ געװענ אקע־ דער; די איבעריקע האָבנ אפ זײערע באצירקנ געקאָנט פארפירנ בלויז גערטנער. די ערד־כײלעקדיקע פויערים זײַנענ געװענ מעכויעװ צו צאָלנ דעם האר לײַבשטײַערנ—אײנ צענטל פונ דער גערעטעניש מיט קערנער, מיט מעל אָדער מיט גרינסנ. אָבער די הארנ פלעגנ אָפט פאָדערנ פאר זיכ דעם בעסטנ שטיק פי, די בעסטע װאָל, דעם בעסטנ פיש. אויסער דעם לײַבשטײַער זײַנענ די פויערים מיט ערד־כאלאָקימ געגאנגענ אפ פאנשטשינע—רעמאָנטירנ די קאנאלנ, בויענ נײַע קאנאלנ, בויענ פאלאצנ אונ טעמפּלענ, האקנ טשערעט אפ באהײצונג. דערופ, אז דער לײַבשטײַער זאָל רעגולער אָפּגעצאָלט

ווערנ, פלעגט אכטונג געבנ אנ עלטסטער, וואָס פלעגט באשטימט ווערנ פונעמ האר. ער פלעגט גיינ איבער די הויפנ מיט א לאנגנ רעכענונג-ברעטל, אפ וועלכנ ער פלעגט מיט קארבנ פארצייכענענ, וויפל יעדער הויפ האָט אריינגעטראָגנ לייבשטייער.

דער גרעסטער טייל פויערימ איז באשטאנענ פונ פארשקלאפטע מענטשנ, וואָס זייערע פארמאשקנטע ערדכאלאָקימ האָבנ שוינ לאנג צוגענומענ די פעאָדאלנ. זיי פלעגנ גיינ אפ פאנשטשינע אונ באקומענ קעסט בא די הארנ. זיי האָבנ געבילדעט די הויפטלעכע ארבעט־קראפט אינ דער ווירטשאפט פונ די פעאָדאלנ אונ פונ די טעמפלענ. אינ דער ארבעט פלעגט מענ זיי איינטיילנ אינ גרופעס, לויטנ כאראקטער פונ דער ארבעט, פונ 15 ביז 125 מענטשנ. יעדער גרופע האָט געהאט איר אופזעער, וועלכער האָט נאָכגעשפירט, אז די ארבעטער זאָלנ ארבעטנ ווי געהעריק, פלעגט זיי טרייבנ מיט שמיצ פונ א בייטש, פלעגט באקומענ אונ פאנאנדערטיילנ רעמ פאיאָק פאר דעמ ארטעל.



געמעל 22. דאָס אקערנ אונ זייענ אינ שינאר.

די ארבעט אפ פאנשטשינע איז געווענ א פארשיידענע. די סאמע שווערע איז געווענ באמ דורכפירנ נייע קאנאלנ, אפ די ציגעלניעס אונ אפ די בויונגענ. די פירשטנ האָבנ זיכ געסטארעט צו פארברייטערנ זייער ערד־פאָנד אונ דעריבער פלעגנ זיי פונ צייט צו צייט טריקענענ פארזומפיקטע ערד. אפ דער דאָזיקער ארבעט פלעגט מענ צונויפטרייבנ סיי די לייבייגענע אונ סיי לייבשטייערדיקע פויערימ. עס פלעגט אָפט אויסקומענ צו ארבעטנ איבער די קני אינ וואסער אונ גאנצ אָפט האָט מענ געקאָנט אומקומענ אינ זומפ. אונ נייע בויונגענ פונ פאלאצנ אונ טעמפלענ פלעגנ פאָרקומענ קעסיידער.

אויסער אָט דער דאָזיקער בויונג־פאנשטשינע, איז נאָכ אויכ געווענ א פאנשטשינע אפ די אקער־פעלדער: אקערנ, זייענ, שניידנ אונ דרעשנ, פאשענ דאָס פי. מע פלעגט אקערנ אפ אָקסנ; דער אקער איז געווענ פונ דער סאמע פרימיטיווסטער פאָרמ (געמעל 22). נאָכנ אקערנ פלעגט מענ די שטיקער ערד צעקלאפנ אונ צעברעקלענ מיט מאָטי־

קעס אונ דערנאָכ פלעגט מענ זייענ. געזייט האָט מענ פאלבנ (א ספּעציעלער סאָרט ווייצ), גערשטנ אונ סעזאמ אָדער קונזשוט, אזא גראָזיקער געוויקס, וואָס פונ זײַנע קערנער פלעגט מענ אויסקוועטשנ בוימל. נאָכנ זייענ פלעגט מענ איבער די פעלדער טרײַבנ אָקסנ אונ אייזלענ, קעדיי זיי זאָלנ אײַנטאָפּטשענ די קערנער אינ דער ערד. דרעשנ פלעגט מענ אזוי ווי אינ שטאמ־געמיינדעס, אויכ מיט דער הילפ פונ אָקסנ, מע פלעגט זיי טרײַבנ איבער די כנאָפּעס. די טשערעדעס זײַנענ דעריקער באשטאנענ פונ שעפּסנ אונ ציגנ.

אויסער די פויערימ, האָבנ אפ די פעאָדאלע הארנ געמוזט אויכ ארבעטנ די האנטווערקער. בא די גרויסע טעמפּלענ אונ בא די פאלאצנ פונ די פירשטנ זײַנענ געווענ גאנצע שטעטלעכ, באזעצט מיט האנטווערקער.

● דאָ האָבנ געוווינט שמידנ, טעסלער, שיפלער; בא די טעמפּלענ זײַנענ געווענ לעדערניקעס, וואָס פלעגנ איבערארבעטנ אינ לעדער די פעל פונ די קאָרבאָנעס-כײַעס, סקולפּטערס אונ שטיינהאקער, וואָס פלעגנ מאכנ סטאטועס פונ די געטער אונ פארשיידענע שטיינ-ארבעטנ. אונ אינ די פאלאצנ אונ טעמפּלענ גופע האָבנ געוווינט אייניקע ספּעציעלע קאטעגאָריעס האנטווערקער: פויערטעס, וואָס האָבנ געשפּינט אונ געוועבט לײַנענע אונ וואָלענע געוועבנ, פארפיומערס, וואָס פלעגנ גרייטנ שמעקעוודיקע שמירעכצנ אונ אײַנרײַבעכצנ, פאריקמאכערס. א וויכטיק אָרט האָבנ פארנומענ גערטנער אינ סעדער, וואָס האָבנ געוויינלעכ געהאט א גאנצנ שטאט געהילפנ פונ שקלאפנ אונ שקלאפנס אונ האָבנ אכטונג געגעבנ אפ די פרוכט-סעדער. ●

יעדער פירשט אונ יעדער טעמפּל האָבנ אויכ געהאט פיל שקלאפנ אונ שקלאפנס פונ קריגס־געפאנגענע. די קנעכט פלעגט מענ דעריקער נוצנ אפ שטוב־ארבעט; נאָר אָפטמאָל, ווענ עס איז געווענ נייטיק, האָט מענ זיי אויכ געטריבנ אפ בוי־ארבעט.

אינ די גערטנער פלעגט מענ דאָסראָוו זעצנ אוגערקעס אונ א ספּעציעלע שמעקעדיקע ציבעלע פונ גאנצ היפשער גרייס. אינ די סעדער פלעגט מענ פלאנצנ פרוכט־ביימער אונ ווײַנשטאָקנ; אָבער אפנ ערשטנ אָרט איז אינ די סעדער געווענ דער טייטלבוימ. וועגנ דעמ דאָזיקנ טייטלבוימ ווערט געזאָגט אינ א ליד, אז מע האָט אימ געקאָנט באנוצנ „אפ 360 אויפאנימ“.

● די ליד האָט, פארשטייט זיכ, איבערגעטריבנ, נאָר ווירקלעכ פלעגט קיינ איינ טייל פונ דעמ טייטלבוימ ניט בלײַבנ אָנ נוצנ. די פרוכטנ פונ דעמ בוימ, די טייטלענ, זײַנענ זייער זעטיקע אונ זײַנענ געווענ פונ די וויכטיקסטע נערפּראָדוקטנ; פונ די טייטלענ האָט מענ אויסגעקוועטשט דעמ זאפט אונ געמאכט האָניק אונ עסיק. די ביינדלעכ פונ די טייטלענ פלעגט מענ באנוצנ אינ די קוזניעס אָנשטאָט קוילנ, ווײַל זיי ברענענ זייער לאנגזאמ אונ גיבנ פיל היצ. פונ די בלעטער פלעגט מענ מאכנ פארשיידענע געפלעכטנ, פונ דער קאָרע — שטריק אונ קערב. די האָלצ-פיברעס פלעגנ גייענ אפ פארשיידענע סטאָליערישע ארבעטנ, אונ דאָס ווייכע, מעליקע הארצ פלעגט באנוצט ווערנ פאר שפּײַז. ●

אינ דער ווירטשאפט פונ די פעאָדאלנ האָט זיכ געפירט א שטרענגע באריכטלעכקייט. בא יעדנ פעאָדאל אונ בא יעדנ

טעמפּל איז געווען א גרויסער שטאט פון רעכנפּירער־פאַרשרײַבער, וואָס פלעגן דיסקאָנטירן די האכנאָסעס און הויצאָעס פון די פּראָדוקטן און געבן אָרדערס (נאריאדן) די ארבעטלײַט. צענדליקער טויזנטער אזוינע רעכענונג־דאָקומענטן, געשריבן אף ליימענע טאבעלן, זײַנען אנטדעקט געוואָרן פון ארכעאָלאָגן און היטן זיך איצט אין די מוזייען פונעם פארבאנד און פון די אייראָפּייִשע לענדער.

40. די שומעריש־אקאדישע פּעאָדאלן. צווישן די פּעאָדאלן זײַנען איינע געווען גרויסע ערד־באזיצער. זיי האָבן געהאט לויט אונדזערע מאָסן צו עטלעכע הונדערט העקטאר ערד. די אנדערע זײַנען געווען קלענערע — האָבן געהאט ארום 100 הא; עס זײַנען געווען גאָר קליינע באלעבאטים מיט 20—30 הא ערד. די רעכט און די לאגע פון די דאָזיקע דרײַ גרופּעס זײַנען אויך געווען פארשיידן.

גרויסע ערדבאזיצער זײַנען געווען די איסאקן, אף אונדזער לאָשן די פירשטן. זיי זײַנען געווען די הערשער אין זייערע פירשטנטומס. צווישן די איסאקן זײַנען אויך געווען די הויפּט־פּריסטערס פון איי ניקע גרויסע טעמפּלען. אין שומער איז אזא הויפּט־פּריסטער אַן איסאק געווען דער אויבער־פּריסטער פון ענליל, דעם הויפּט־גאָט פון די שומערן אין ניפּור. און אין אקאַד איז אַן איסאק געווען דער אויבערפּריסטער פון שאמאש, דער שייוועט-גאָט פון די אקאדער אין סיפּאר. אָט



געמעל 23. אַן איסאק גיט א שווע דעם שינארישן קיניג.

די ביידע געטער פלעגן די פּריסטערס שילדערן אין זייערע מיטוסן ווי די באשיצער פון ערדארבעט.

צווישן די איסאקן פלעגן אָפט אויפפלאקערן מילכאָמעס פאר די שטרײַטבארע גרענעץ־ערדן און פאר דעם ערשטן אָרט אין שינאר. ווען איינעם פון די איסאקן פלעגט זיך אײַנגעבן בײַצוקומען זײַנע שכיינים, פלעגט ער ווערן איבער זיי א קיניג. 3000—4000 יאָר ביז אונדזער ערע פלעגט אמאָל פאסירן, אז גאנץ שינאר פלעגט זיך פאראייניקן אונטער דער מאכט פון איין קיניג; אָבער אָפטער פלעגן גלײַכצײַטיק זײַן צוויי און דרײַ קיניגן.

די קיניגן פלעגן בא די אונטערטעניקע איסאקן פאָדערן צו שווערן זיי טרײַהײַט, צו געבן זיי מיליטערישע און מאטעריעלע הילף און זיי פלעגן באשטעטיקן די יאָרשים פון די פארשטאָרבענע איסאקן אין זייערע רעכט און אין זייערע אמטן. נאָכ דער שווע פלעגט דער יורעש באקומען פון דעם קיניג א פירשטלעכן רוט און פלעגט ווערן א געזעצלעכער איסאק (געמעל 23). נאָר דער פּריסטער דער איסאק פון ניפור פלעגט זיך ניט אונטערווארפן דעם קיניג, האָט זיך געהאלטן ווי אַן אומאָפּהענגיקער האר

און פלעגט אפילע פאָדערן „אין נאָמען פון ענליל", אז אלע איסאקן פון שומער זאָלן ברענגען ענלילן יערלעכע געשאנקען.

די איסאקן פלעגן ניט שטענדיק אָבער האלטן טויַהיַט צום קיניג. אויב דער קיניג פלעגט זיי מיט עפעס ניט געפעלן, פלעגן זיי קעגן אים אופשטיין, אראָפּוואַרפן אים פון טראָן און אוועקזעצן אן אנדערן. אין דער ציַט פון מילכאָמעס פלעגן די זיגער כאָרעוו מאכן און פארברענען די שטעט, פאלאצן און די טעמפלען פון די באזיגטע, אלע ווערטפולע כפייצים פלעגן זיי אוועקפירן מיט זיך, דאָס פי פארטריַבן מיט זיך ז א טייל פון דער באפעלקערונג פארוואנדלען אין קנעכט. די טעמפלען פ‌ן גן זיי ניט שאנעווען דערפאר, וואָס אין יעדן פירשטנטום עגט מען דינען נאָר צו אייגענע געטער; די געטער פון די פיַנטלעכע פירשטנטומס האָבן זיך אויך גערעכנט פאר סאָנים, און דעריבער פלעגט מען נאָכן זיג אויך מיט זיי אָפּרעכענען זיך, ווי מיט סאָנים.

די ארבעטנדיקע באפעלקערונג פלעגט שווער ליַדן פון די דאָזיקע מילכאָמעס. די פויערשע היַזקעס פלעגן כאָרעוו ווערן, די פעלדער פארוויסט ווערן, דאָס פי פארטריבן ווערן און די פויערים גופע פלעגן אָדער פארוואנדלט ווערן אין קנעכט, אָדער אומקומען פון הונגער. אויב די פריערדיקע הארן פלעגן אומקומען, פלעגט מען אף זייער אָרט באלד אוועקזעצן ניַע פון די זיגער, וועלכע זיַנען ביז זעלטן געווען נאָך ערגער פון די פריערדיקע. און נאָך ערגער פלעגט ווערן דאן, ווען, אויסנוצנדיק די פירשטלעכע געשלעגן, פלעגן זיך אריַנריַסן אין שינאר די נאָמאדן פון אראביע אָדער די בארג־איַנוווינער פון זאגראָס. זיי פלעגן אָן ראכמאָנעס ראבעווען די באפעלקערונג און ארופלייגן אף זיי גרויסע צינזן, פריער פאר אלץ מיט ברויט.

די דאָזיקע מילכאָמעס און אומרוען פלעגן זיך ניט אָפּשפיגלען בלויז אפן ווילשטאנד פון די פריסטערס פון אייניקע גרויסע טעמפלען. אזוי, האָבן ניפור און סיפאר און זייערע קאָלאָסאלע ערדן קיינמאָל ניט געליטן פון אָנפאלן און פארוויסטונגען. דעריבער פלעגן די ניפורישע און סיפארישע פריסטערס רויק זיך באריַכערן און האָבן באקומען א גרויסע מאכט. באזונדערס האָט זיך פארשטארקט דער אויבערפריסטער פון ניפור. די שומערער איסאקן פלעגן זיך אָפט צו אים ווענדן נאָך מאטעריעלער הילף און פלעגן אפילע צו אים זיך ווענדן ער זאָל לייזן זייערע שטריַטן.

41. די פעאָדאלע אידעאָלאָגיע. די קיניגן און די איסאקן פלעגן זאָגן, אז זיי זיַנען העכער פון אלע אונטערטאנער און אז זיי פירן זייער שטאם פון געטער. זיי פלעגן זאָגן: „דער פריַער מענטש איז א שאָטן פון גאָט, דער קנעכט איז א שאָטן פון דעם מענטשן, אָבער דער קיניג איז ענלעך צו גאָט". די פריסטערס האָבן די קיניגן און איסאקן געשטיצט און האָבן צונויפגעשטעלט מיטוסן, אז די אורעלטערן פון די איסאקן זיַנען קלוימערשט ווירקלעכע געווען געטער, אָדער זיַנען גענומען געוואָרן אין הימל אריַן און דאָרטן זיַנען זיי געוואָרן געטער. און די פירשטן

און די קיניגן גופא האָבן צוגעגעבן, אַז די געטער ווײַזן זיך שטענדיק צו זיי און גיבן זיי זייערע באפעלן. דעריבער, — פלעגן די קיניגן און איסאקן זאָגן, — איז די עמעסע הארן, די עמעסע באזיצער פון דער ערד און באפעלער פון די מענטשן — דאָס זײַנען די געטער, און די קיניגן און איסאקן זײַנען נאָר זייערע באפולמעכטיקטע פארטרעטער. און דעריבער דארף מען טאקע די קיניגן און איסאקן פאָלגן ווי די געטער אליין. אויב די ארבעטנדיקע און די קנעכט וועלן ניט פאָלגן די קיניגן און איסאקן — האָבן געלערנט די פעאָדאלן — איז דאָס א שווערע זינד.

די פריסטערס האָבן מיט אלע קויכעס געשטיצט די דאָזיקע טעאָריע, וואָס מיט איר הילף האָבן די פעאָדאלן פארדולט די מויכעס פון זייערע אונטערטאנער. די פריסטערס האָבן אליין ניט ווייניקער פון די איסאקן און קיניגן מוירע געהאט פאר אופשטאנדן פון די אונטערדריקטע פויערים. די פויערים, וואָס זײַנען געווען צוגעפעסטיקט צו די טעמפלען, האָבן באזונדערס שווער געלעבט: זייערע לײַבשטײַערן און זייער פאנשטשינע זײַנען געווען א סאך שווערער, איידער די לײַבשטײַערן און די פאנשטשינע פון די פירשטלעכע פויערים. דעריבער פלעגן די פריסטערס שטענדיק שרעקן די פויערים מיט באָבעמײַסעס וועגן דער געטלעכער אָפשטאמונג פון די קיניגן און פון די איסאקן און דראָען „אין נאָמען פון די געטער" מיט גרויסע אומגליקן פאר ניט-פאָלגן און א בונט.

שטענדיק מילכאָמע האלטנדיק איינער מיטן צווייטן, שטענדיק מוירע האָבנדיק פאר ארײַנמארשירן פון נאָמאדן און בארג-אײַנוווינער, שטענדיק מוירע האָבנדיק פאר פויערשע אופשטאנדן, האָבן די קיניגן, איסאקן און די פריסטערס פארוואנדלט זייערע רעזידענציעס אין עמעסע פעסטונגען. יענע טיילן פון די שומערישע און אקאדישע שטעט, ווו עס האָבן זיך געפונען די פאלאצן, טעמפלען, סקלאדן און שפײַכלערס, זײַנען ארומגערינגלט געוואָרן מיט גראָבע ווענט פון געברענטע ציגל, מיט שפיצן, הינטער וועלכע עס האָבן זיך געקאָנט באהאלטן די קריגערס, און מיט וואכ-טורעמס. רעשטן פון אזעלכע ווענט און טורעמס האָבן די ארכעאָלאָגן געפונען אין די רויִנען פון אלע שטעט אין שינאר. די פעאָדאלן פלעגן אומעטום, אין אלע לענדער און אין אלע צײַטן אזוי פארפעסטיקן זייערע רעזידענציעס. די ווענט און די טורעמס פונעם מאָסקווער קרעמל זײַנען אויך פון אזא פעאָדאלער אָפשטאמונג.

דאָך האָבן ניט די אָפשרעקונגען מיצאד די פריסטערס, ניט די פעסטונג-ווענט און די טורעמס ניט געקאָנט ראטעווען די עקספלואטאטערס פון פויערישער נעקאָמע. ווען איבערטראָגן דעם דאלעס און די פארשקלאפונג פלעגט שוין ווערן איבער די קויכעס, פלעגן די פויערים אופשטיין סײַ קעגן די קיניגן און די איסאקן, סײַ קעגן די פריסטערס. אזוינע אופשטאנדן זײַנען געווען באזונדערס אָפט, אָנהייבנדיק פון דעם יאָר 2700 ביז אונדזער ערע. די פויערים פלעגן אָפטמאָל אָפהאלטן צײַטווײַליקע ניצכוינעס און זיך דערשלאָגן א פארבעסערונג אין זייער לאגע. פון דעם יאָר 2700 ביז 2600 זײַנען אין שינאר פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען.

42. דער האַנדל פונ די פעאָדאַלנ אונ דער אויפקומ פונעמ סאָכרימ-קלאַס. די קיניגנ, איסאַקנ אונ פּריסטערס האָבנ געפירט א האַנדל מיט די שכיינישע סטעפּישע אונ באַרגישע שוואָטימ. אַפּ ברויט, טייטלענ אונ קונזשוטנ-בוימל פלעגנ זיי אויסבייטנ מעטאַלנ אונ העלצ, וואָס איז אינ זעמ וואַלדלאָזנ אונ פלאַכנ שינאַר ניט געווענ. די האַנדל-אָפּעראַציעס פלעגנ זיי איבערגעבנ ספּעציעלע מענטשנ, די אַזויגערופענע דאַמקאַרנ. די דאַמקאַרנ זיינענ געווענ אָדער פונ די קנעכט, אָדער פונ די האַנטווערקישע אַרבעטלייט; דאָס זיינענ געווענ ניט קיינ זעלבשטענדיקע אונ פרייע סאָכרימ, נאָר מענטשנ, אָפּהענגיקע פונ די פעאָדאַלנ.

די דאַמקאַרנ פלעגנ זיכ אַוועקלאָזנ אינ האַנדל-ספּעקוליאַציעס מיט גאַנצע קאַראַוואַנענ אייזלענ אָדער קעמלענ, אָנגעלאָדענע מיט סכוירעס אונ מיט מיליטערישע אָטריאַדנ צו שיצנ זיכ פונ אַנפאַל. אָבער די שעפנ פונ די האַנדל-עקספּעדיציעס פלעגנ בא א געלעגנהייט אויכ אַליינ אָנפאַלנ אַפּ די באַרג-איינוווינער אָדער סטעפּ-איינוווינער אונ אָנשטאָט אויסטויש פלעגנ זיי אָפּנעמענ בא זיי די נייטיקע פּראָדוקטנ מיט גוואַלד אונ שוינ פאַרניינווענס פאַרכאַפּנ קנעכט. אונ אמאָל פלעגנ די קיניגנ אונ די איסאַקנ זיכ גלאַט צוטשעפּענ צו עפּעס א קלייניקייט אונ אויעקשיקנ אינ זאַגראָס אָדער טאַוור עמעצע מיליטערישע עקספּעדיציעס, כדיי אָנצורויבנ מעטאַל, געהילצ, שטיינער אונ אָנצוטרייבנ קנעכט.

שוינ פאַר 3000 יאָר ביז אונדזער עֶרע זיינענ די קיניגנ, איסאַקנ אונ פּריסטערס שטאַרק רייכ געוואָרנ פונ דעמ דאָזיקנ האַנדל אונ פונ אַזעלכע רויבערישע עקספּעדיציעס. באַזונדערס זיינענ רייכ געוואָרנ די פּריסטערס פונ ניפּור אונ סיפּאַר. פאַר האַנדל-עקספּעדיציעס זיינענ בא זיי געווענ רעזערוונ פונ פאַרשיידענע איבעריקע פּראָדוקטנ אונ גרויסע געלט-מיטלענ. אינ די סקלאַדנ פונ די דאָזיקע טעמפּלענ האָט זיכ אָנגעזאַמלט פיל גאָלד, זילבער אונ ווערטפולע שטיינער, וואָס די איסאַקנ אונ אַנדערע פעאָדאַלנ פלעגנ אַהינ אָפּגעבנ אַפּ היטנ זיי, מוירע האָבנדיק צו פאַרלירנ זייערע רייכטימער אינ א צייט פונ מילכאָמע. אונ אויב דער דעפּאָזיטער פלעגט אומקומענ אַפּ א מילכאָמע, פלעגט זיינ דעפּאָזיט ווערנ דאָס אייגנטומ פונעמ טעמפּל. זייער געלט האָבנ די פּריסטערס אָנגעהויבנ אנטלייענ אַפּ הויכע פּראָצענטנ די קיניגנ אינ דאַמקאַרנ.

פונ די דאָזיקע האַנדל-עקספּעדיציעס האָבנ זיכ אויכ אָנגעלעבט די דאַמקאַרנ. אַלס באַלוינונג פאַר זייערע דינסטנ אונ באַמיונגענ פלעגנ זיי באַקומענ פונ די האַרנ א געוויסנ כיילעק פונ די אָנגערויבטע סכוירעס אינ פלעגנ זיי פאַרקויפנ די פויערימ אַפּ די מערק אונ פאַר דעמ קויפנ ברויט, קונזשוט טייטלבוימ-פּראָדוקטנ. אינ דער צייט פונ די האַנדל-עקספּעדיציעס האָבנ זיי דאַמקאַרנ פאַר זיכ אַליינ אָנגעהויבנ אויסצוטוישנ פּראָדוקטנ אַפּ קופּער, זילבער, בליי, גאָלד א. אנד. געגנשטאַנדנ.

אָנהייבנדיק פונעמ 2700-טנ יאָר האָט זיכ אינ שינאַר אויסער דעמ אויסערלעכנ האַנדל אָנגעהויבנ אויכ אַנטוויקלענ דער אינערלעכער האַנדל. אינ אַקאַדע, וו די געגנט איז א העכערע אונ א טריקענערע, איידער

אינ שומער, האָבנ די פעאָדאלנ אָנגעהויבנ אינ אָט דער צײַט פארברײטערנ די אקערפעלדער אונ די טײטלבײמער-סעדער אונ האָבנ צוליב דעמ אויסגענוצט אלע פארזומפּיקטע שטעטנ, וואָס מע האָט נאָר געקאָנט אויסטריקענענ. פארקערט, אינ שומער האָט מענ אָנגעהויבנ פארקירצנ אקערפעלדער אונ סעדער אונ מע איז איבערגעגאנגענ דעריקער צו פיצוכט. ביסלעכווײַז האָט זיכ אקאד ספּעציאליזירט אינ ערדארבעט אונ שומער—אינ פיצוכט. איבערנ טיגער אונ עופראט פלעגנ שווימענ פונ אקאד אפ דאָרעמ ברויט אונ פראָדוקטנ פונ טײטל-בײמער. פונ דאָרעמ פלעגנ זיכ די שיפנ צוריקערנ אָנגעלאָדענע מיט וואָל, פעל אונ יאמ-פיש, אפ די יאבאָשע-וועגנ פלעגט מענ טרײַבנ פונ דאָרעמ אפ צאָפנ הורטעס שעפסנ אונ אָקסנ.

דעמ דאָזיקנ אינערלעכנ האנדל האָבנ די פעאָדאלנ געפירט אויכ דורכ די דאמקארנ. די דאמקארנ זײַנענ רײַכ געוואָרנ אונ האָבנ אָנגעהויבנ אויסקויפנ זיכ אפ דער פרײַ. אונ אויסגעקויפט זיכ, פלעגנ זײ פאָרזעצנ זײערע האנדל-געשעפטנ זעלבשטענדיק. אפ אזא אויפנ איז צוגלײַכ מיט די פעאָדאלנ דערשינענ א נײַע גרופּע פרײַע מענטשנ—סאָכרימ.

אָבער די ענדערונגענ האָבנ זיכ דערמיט ניט געענדיקט. די אנטוויקלונג פונעמ האנדל האָט מיטגעהאָלפנ דער אנטוויקלונג פונעמ האנטווערק. דער נאָכפרעג אפ האנטווערקישע אויסארבעטונגענ האָט זיכ פארגרעסערט. די האנטווערקער האָבנ אויכ אָנגעהויבנ רײַכ צו ווערנ אונ האָבנ אָנגעהויבנ דערשלאָגנ זיכ פרײַהײַט. די פארמעגלעכע פויערימ, וואָס האָבנ געהאט געוויסע איבעריקע פראָדוקטנ צו פארקויפנ אפנ מארק, האָבנ זיכ אויכ אוועקגעלאָזנ נאָכ די סאָכרימ אונ האנטווערקער. אונ דאָס לעבנ פונעמ אָרעמשאפטלעכנ טײל פויערטומ איז געוואָרנ נאָכ שווערער, ווי פריִער. עס האָט זיכ פאנאנדערגעוויקלט א פארביסנסטער קלאסנקאמפ, וועלכער פלעגט באגלײט ווערנ מיט אָפטע אופשטאנדנ פונ די פויערימ אונ האנטווערקער קעגנ די פעאָדאלע הארנ.

43. די פויערימ-אופשטאנדנ אונ די רעפאָרמעס. די איניציאטערס אינ קאמפ קעגנ די פעאָדאלנ פאר דער פרײַהײַט פונ די פויערימ זײַנענ געווענ די אָרעמסטע פויערימ. זײער לעבנ איז איצט געוואָרנ ניט איבערצוטראָגנ דערפאר, וואָס די הארנ האָבנ באדײַטנדיק פארגרעסערט די לײַבשטײַערנ אינ פארגלײַכ מיט די פריִערדיקע נאָרמעס, שטרעבנדיק צו באקומענ וואָס מער סכוירע-איבערפלוסנ. אויסער דעמ, האָבנ די פריסטערס געפאָדערט, אז מע זאָל אײַנצאָלנ די לײַבשטײַערנ ניט מיט פראָדוקטנ, נאָר מיט זילבער.

פארשטײט זיכ, אז צאָלנ די נײַע הויכע לײַבשטײַערנ אונ נאָכ אויסזוכנ דערצו זילבער אפ אײַנצאָלנ לײַבשטײַערנ האָבנ געקאָנט נאָר די פארמעגלעכע פויערימ, בא וועלכע עס זײַנענ געווענ איבעריקע פראָדוקטנ צומ פארקויפנ אפנ מארק. די מערהײַט פויערימ האָט די נײַע לײַבשטײַערנ ניט געקאָנט אײַנצאָלנ. שלעכטע צאָלער פלעגנ די הארנ פארטרײַבנ פונ דער ערד אונ

פארוואנדלענ אינ פארשקלאפטע מענטשנ. די צאָל לײַבײגענע איז באדײַטנדיק פארגרעסערט געוואָרנ. די הארנ פלעגנ זײ עקספלואטירנ, ווי זײ וואָלטנ זײַנ זײערע קנעכט.

און די פארמעגלעכע דאָרפלײַט האָבנ ניט נאָר געצאָלט די נײַע לײַבשטײַערנ, נאָר זײַנענ אויכ רײַכער געוואָרנ. זײ פלעגנ אנטלײַענ די אָרעמע פויערימ געלט אפ גרויסע פראָצענטנ. אזוי האָט זיכ אָנגעהויבנ א דיפערענציאציע (פאנאנדערשיכטונג) צווישנ די פויערימ. עס האָבנ זיכ אויסגעבילדעט צוויי גרופעס פויערימ: א גרופע פויערימ, וואָס האָבנ פארלאָרנ די ערד און זײַנענ קימאט פארוואנדלט געוואָרנ אינ קנעכט, און א גרופע פארמעגלעכע פויערימ, וואָס האָט זיכ אָנגעלעבט אפ די צאָרעס פונ זײערע אָרעמע שכײנימ.

ווענ די ערדלאָזע פארלײַבײגנטע פויערימ האָבנ אָנגעהויבנ מאכנ אופשטאנדנ, האָבנ זיכ צו זײ פאראײניקט אויכ די פארמעגלעכע פויערימ, אויכ די האנטווערקער און אפילע די סאָכרימ. די פארמעגלעכע פויערימ און האנטווערקער זײַנענ נאָכ געווענ לײַבײגענע און האָבנ זיכ געוואָלט באפרײַענ. און די סאָכרימ זײַנענ געווענ פארינטערעסירט אינ זיג איבער די פעאָדאלנ דערפאר, וואָס די קעסיידערדיקע פעאָדאלע מילכאָמעס און רויבערײַענ האָבנ זײ געשטערט רויק צו האנדלענ און בארײַכערנ זיכ. די אופשטאנדנ האָבנ געדויערט הונדערט יאָר, פונעמ 2700 ביז 2600 יאָר און האָבנ געבראכט צו גרויסע ענדערונגענ.

דעמ זיג פונ די אופגעשטאנענע האָט מיטגעווירקט די אָפשוואכונג פונ די פעאָדאלנ אינ דער דאָזיקער עפאָכע. די פעאָדאלנ האָבנ אינ דער צײַט אָנגעהויבנ באזונדערס פארביטערט זיכ רײַסנ אײנער מיטנ אנדערנ, ווײַל יעדערער האָט געוואָלט פארכאפנ די ערדנ פונ זײַנ שאָכנ, קעדײ צו האָבנ איבעריקע האכנאָסעס. די דאָזיקע אומרוענ האָבנ אויסגענוצט די עלאמיטנ. זײ האָבנ ניט דורכגעלאָזט קײנ אײנ געלעגנהײַט, קעדײ צו נעמענ נעקאָמע פונ די שומעריש־אקאדישע פעאָדאלנ פאר זײערע אָנפאלנ און רויבערײַענ. די עלאמיטנ האָבנ זיכ אראָפגעלאָזנ פונ די בערג אינ שינאר ארײַנ און האָבנ אָנגעהויבנ מאכנ פארוויסטנדיקע אָנפאלנ אפ די פירשטנטומס און טעמפלענ פונ שינאר. די פעאָדאלנ זײַנענ ארײַנגעפאלנ צווישנ צוויי פײַערנ, און דער דאָזיקער אומשטאנד האָט אינ אײניקע געגנטנ געהאָלפנ די פויערימ צו זיגנ און אראָפצווארפנ זײערע אונטערדריקער.

אָבער יעדעס מאָל נאָכ א זיג פלעגנ די פארמעגלעכע פויערימ און די סאָכרימ פאראטנ די אינטערעסנ פונ די אָרעמסטע פויערימ. זײ פלעגנ דורכקרײַכנ פאָרויס און פארלײגנ זײער קאנדידאט אפנ טראָנ. אזוי האָבנ די פארמעגלעכע פויערימ און די סאָכרימ נאָכ א זיג אוועקגעזעצט אפנ טראָנ אײנער אנ אײגנטימערנ פונ א שענק, אינ אקאדע האָבנ זײ דורכגעפירט אפנ טראָנ א קיניגלעכנ סעדער שארוקינ. אינ לאגאש — א קלײנעמ פעאָדאל

אורוקאהינא, וועלכער איז צוגעשטאנען צו די אופשטענדלער, קעדיי דורכצוקריכן אפן טראָן.

די דאָזיקע אַלע נײַע קיניגן און איסאקן פון שענקערס, קיניגלעכע סעדער און קליינע פעאָדאלן זײַנען, פארשטייט זיך, געווען נעענטער צו די באַלעגופים און סאָכרים איידער צום אָרעמסטן פויערטום. דעריבער איז ווען די נײַע קיניגן און איסאקן האָבן געקראָגן מאכט, זײַנען זיי געוואָרן פארבינדעטע פון די עקספּלואטאטערס און די ארבעטנדיקע פּלעגן זיי נאָך צווארפן עפּעס א נעדאָווע ווי אָרעמעלײַט.

אונדז זײַנען גוט באוווּסט אורוקאהינאס רעפאָרמעס אין לאהאש. אין לאהאש איז דער אופשטאנד ארויסגערופן געוואָרן דורך די אומגעהייערע רויבערײַען פון די פריסטערס פונעם הויפט־טעמפל, וועלכע האָבן אוועקגעזעצט אפן לאהאשער טראָן איינעם פון די פריסטערס, און האָבן ארופגעלייגט קאָלאָסאלע לײַבשטײַערס אף די פויערים, האנטווערקער און סאָכרים. געוואָרן דער איסאק נאָכן זיג פון דעם אופשטאנד, האָט אורוקאהינא דערקלערט „פרײַהײַט“. אָבער די דאָזיקע „פרײַהײַט“ איז באשטאנען נאָר אין דעם, וואָס ער האָט ווידערופגעשטעלט די פריִערדיקע גרייס פון די לײַבשטײַערן און האָט באפרײַט די פויערים פון פאנשטשינע אפן וואסער־טראנספּאָרט אלס רודערער און טרעגער. אָבער דאָס לײַבייגנטום־רעכט האָט ער ניט פארניכטעט. די פארגרינגערונג פון די שטײַערן און פון דער פאנשטשינע איז געווען נאָר צום גונסטן פון די פארמעגלעכע פויערים. און פאר די סאָכרים האָט אורוקאהינא אָפּגעשאפט די רויבערישע טאמאָזשנע־אָפּצאָלן, וואָס ס'האָבן אײַנגעשטעלט די פריסטערס אף די מערק, און פון אומעטום צוגענומען די פריסטערשע קאָנטראָליאָרן. אזוי איז געווען די פּאָליטיק אויך פון די אנדערע נײַע קיניגן און איסאקן.

אָבער ניט געקוקט אף די פאראטן, איז די באפרײַונג פון די פויערים נאָך אָט די אופשטאנדן און איבערקערענישן דאָך אוועק שנעלער. די פארגרינגערונג פון די לײַבשטײַערן האָט געגעבן א מעגלעכקײַט א גרעסערע צאָל פויערים איידער פריִער אָנצוקלײַבן געלט אף אויסקויפן זיך. אין 500 יאָר ארום נאָך שארוקינען דעם קיניג פון אקאד, זײַנען לײַבייגענע פויערים אין שינאר פארשוווּנדן. אָבער די עקספּלואטאציע פון די פויערים דורך די ערדבאזיצער האָט, פארשטייט זיך, ניט אופגעהערט.

44. די פאררײַניקונג פון שינאר.

די אנטוויקלונג פונעם האנדל האָט מיטגעווירקט, אז עס זאָל זיך פארשטארקן דער צאָפנטייל פון שינאר, דער סעמיטישער אקאד. דאָרטן איז געווען דער הויפּט־קנופּ פון די האנדל־וועגן.

דעריבער זײַנען אַלע קיניגן, איסאקן און פריסטערס, וואָס האָבן געהאט ערדן אין דעם דאָזיקן קנופּ, רײַך און פארשטארקט געוואָרן. ארום זייערע שטעט און טעמפּלען זײַנען זיך צעוואקסן גרויסע האנדל־האנטווערקערישע שטעטלעך מיט מארק־פּלעצער, ווו עס איז געגאנגען א לעבהאפטער האנדל. און אפן ערשטן אָרט צווישן די פעאָדאלע הערשער פון דער דאָזיקער

געגנט האָט זיך ארויסגערוקט דער קיניג פון אקאד, שארו־קין. ער האָט זיך אונטערטעניק געמאכט אלע קיניגן און איסאקן פון שינאר און, צונויפגעקליבן מיליטער פון גאנצ שינאר, האָט ער נאָכדעם באזיגט די פעלקער, וואָס האָבן געוווינט אפן טאַ־וער, לעוואָנען (אין סיריע) און זאגראָס, און האָט אפ זיי ארופגעלייגט צינז.

בא אלע איסאקן, וואָס האָבן זיך אים ניט געוואָלט אונ־טערוואַרפן, האָט שארוקין אָפגענומען זייערע באזיצן, א טייל פון זיי האָט ער געקעפט און אוועקגעזעצט אפ זייער אָרט זײַנע פארטרעטער.

פון דער צײַט אָן (ארום דעם 2600־טן יאָר) איז שינאר גע־וואָרן א פארייניקטע קיניגרײַך פון שומער און אקאד. די פּאָליטיק פון אלע קיניגן פון שומער און אקאד איז געווען אן אלצייגע. סײַ די און סײַ יענע האָבן גלאָט געוועלטיקן נאָר יענע איסאקן, וואָס פלעגן זיך זיי אונטערוואַרפן, בא די ווידערשפעניקע פלעגן זיי אָפנעמען די ערד און אוועקזעצן אין זייערע פירשטנטומס אייגענע פארטרעטער. מיליטער־באאמטע פלעגן זיי ווערבירן פון די פאַרמעגלעכע פויערים און פון די קליינע פעאָדאלן און פאר זייער דינסט געבן זיי ערדבאַציִרקן. די קיניגן פון שומער און אקאד זײַנען געשטיצט געוואָרן מיצאַד די פּריסטערס און דאמקארן, וואָס זײַנען געווען פאַרינטערע־סירט אין אײַנשטעלן א פעסטע מאכט און אָרדענונג, קעדיי רויִק עקספּלואטירן די ארבעטנדיקע און קעדיי זיך בארײַ־כערן.

די פּריסטערס און די דאמקארן פלעגן געבן די קיניגן געלט אפ אָר־גאניזירן עקספּעדיציעס קעגן די ווידערשפעניקע איסאקן און אפ דעראָבערן די רײַכע בארגיקע געגנטן.

● דערפאר האָבן די קיניגן פון אקאד און פון אורא זיך געזאָרגט וועגן דער אנטוויקלונג פון האנדל. אין וועלכן זיי האָבן אליין אויך גענומען א גרויסן אָנטייל. זיי האָבן צע־שטערט די טאמאָזשנע־גרענעצן, וואָס זײַנען פריִער געווען צווישן באזונדערע פירשטנטומס. זיי האָבן דורכגעפירט עטלעכע נײַע גרויסע קאנאלן צווישן דעם טיגער און דעם עופראט ספּעציעל פאר שיפנאנג, אופטרײַבנדיק אפ די דאָזיקע ארבעטן ווי אפ פאנשטשינע פויערים פון גאנצ שינאר. זיי האָבן אײַנגעפירט אינעם גאנצן קיניגרײַך אן אלגעמיינע סיסטעם פון מאָס און וואָג אָנשטאָט די פריִערדיקע פארשיידענע סיסטעמען, וואָס האָבן עק־זיסטירט אין פארשיידענע פירשטנטומס. די זעלבע קיניגן האָבן ארויסגעלאָזן שטיקלעך אָדער רינגען זילבער פון א באשטימטער וואָג מיט א קיניגלעכן שטעמפּל, קעדיי צו פארגרינגערן די כעזשבוינעס בא די האנדל-אָפּע־ראציעס; אזוינע שטיקלעך און רינגען האָבן געשפּילט אזא ראָליע, ווי איצט געלט (געמעל 24).

●

45. דאָס קיניגרײַך באָוועל.

אָט די אלע ענדערונגען האָבן זיך שטארק אָפּגעשפּיגלט אפ דער לאגע פון דעם קלאס פעאָ־דאלן. פיל אלטע פאמיליעס זײַנען אומגעקומען אין דער צײַט פון מילכאָמעס

און אומרוען, אנדערע זײַנען רויִנירט געוואָרן. זייערע ערדן זײַנען זיך פאנאנ־
דערגעגאנגען אין פארשיידענע הענט — צו די קיניגן, צו די נײַע קיניגלעכע
הויכע באאמטע, צו די טעמפּלען, אפילע צו די סאָכרים, וואָס האָבן אָפּט גע־
קויפט ערד פאר זייער ביליקע פרײַזן בא די רויִנירטע פעאָדאלן.

אָבער דער גרויסער ערדבאזיץ איז ניט פארשוונדן אינ־
גאנצן. ער האָט נאָר געביטן זײַן כאראקטער. די גרויסע פעאָ־
דאלן האָבן אופגעהערט צו זײַן די הערשער אין זייערע באזיצן, זיי זײַנען
אָבער פארבליבן דער זעלביקער עקספּלואטאטאָרישער קלאס, ווי פריִער. זיי
האָבן פארנומען די הויפּט־אמטן
אין דער קיניגלעכער אדמי־
ניסטראציע, בא זיי זײַנען געווען
פילצאָליקע קנעכט אפ ארבעט און דינסט,
זיי האָבן עקספּלואטירט די „פרײַע" פוי־
ערים אין זייערע גיטער. און האגאמ עס
איז צוגלײַך מיט די פעאָדאלן אויך אופ־
געקומען דער סאָכרים־קלאס, און דאָס
פויערטום איז פאָרמעל געוואָרן פרײַ,
האָט דאָך די פעאָדאלע אָרדע־
נונג פאָרגעזעצט צו עקזיס־
טירן. זי האָט נאָר אָנגענומען
א פאָרם פון א צענטראליזיר־
טער פעאָדאלער מעלוכע.



געמעל 24. דאָס אָפּוועגן געלט אין דער פאָרמ
פון זילבערנע רינגען.

אָט די נײַע מעלוכע האָט
זיך ענדגילטיק אויסגעבילדעט ארום דעם יאָר 2000 אונ־
טער דער העגעמאָניע פון די באָבילישע קיניגן. באָוועל,
די הויפּטשטאָט פון דער נײַער מעלוכע, האָט זיך געפונען
אפן עופראט, ניט ווײַט פון סיפּאר. אין שאַרוקינס צײַטן איז עס
געווען א קליינע שטאָט, וואָס האָט געהערט א קליינעם איסאק. און שפּע־
טער האָט באָוועל פארכאפּט א פּיצינקעלערישער שייוועט אמוירי, וואָס איז
געקומען פון אראביע. די אמוירים האָבן זיך באזעצט אפן צאָפן־מײַרעוודיקן
ראנד פון שינאר אלס דאָרפישע געמיינדעס און זײַנען איבערגעגאנגען צו ערד־
ארבעט. דער פירער פון די אמוירים איז געוואָרן דער באָוו־
לישער איסאק.

אין דער דאָזיקער צײַט איז אקאד צעשטערט געוואָרן דורך די אָנפאלן פון
די עלאמיטן. אויסנוצנדיק די אָפּשוואַכונג פון די אקאדער איסאקן און שטעט,
האָבן די אמוירישע איסאקן פון באָוועל בישלעכווײַז אונטערגעוואָרפן אונטער זיך
גאנץ אקאד און האָבן אָנגענומען דעם קיניגן־טיטעל. און דער זעקסטער קיניג,
האמוראבי (ארום דעם 1950 יאָר ביז אונדזער ערע), האָט פארטריבן פון שי־
נאר די עלאמיטן און האָט אונטערגעוואָרפן אונטער זיך אויך שומער. אָט אזוי
האָט זיך אויסגעבילדעט דאָס קיניגרײַך באָוועל.

באָוועל האָט שנעל אָנגעהויבן צו וואקסן, און אין פארלויף פון הונדערט יאָר

איז זי געוואָרנ די סאמע רייַכסטע, די סאמע גרעסטע אינ סאמע קולטורעלסטע שטאָט פונ דאָרעמ־מעסאָפּאָטאמיע.

פונ האמוראביס צייַטנ הייבט שינאר אָנ זיכ אָנצורופנ באָוועל, אונ די באפעלקערונג אירע — באָוולער. אָט די ענדערונג פונ דעמ פאָלקס נאָמענ האָט אנטשפּראָכנ דערווירקלעכער ענדערונג. פאר די 700 יאָר, וואָס זייַנענ דורכגעגאנגענ פונ שארוקינ ביז האמוראבי, זייַנענ אָפּגעמעקט געוואָרנ די נאציאָנאַלע אונטערשיידנ צווישנ שומער אונ אקאד, די שומערישע שפּראַכ איז פארשוווּנדנ אַלס רייד־שפּראַכ אונ איז פארביטנ געוואָרנ אפ דער אקאדישער; נאָר טפילעס אונ אָפּשפּרעכענישנ קעגנ בייזע גייַסטער האָבנ די פּריסטערס געלייענט ווי פריִער אפ שומעריש. דעריבער רופנ אָנ די געלערנטע אויכ די קולטור, וואָס האָט זיכ געשאפנ אינ דאָרעמ־מעסאָפּאָטאמיע, מיטנ נאָמענ באָווּלישע.

46. דער קלאסנ-כאראקטער פונעמ קיניגרייַכ באָוועל. די קיניגנ פונ באָוועל זייַנענ געווענ קיניגנ פונ גרויסע ערד־באזיצער, אָבער זיי האָבנ זיכ צוגעהערט אויכ צו די ווונטשנ פונ די רייַכע פּריסטערס פּראָצענטניקעס אונ הורט־הענדלער. ווי טרייַע דינער פונ די דאָזיקע עקספּלואטאטערישע קלאסנ, האָבנ זיי ארויסגעגעבנ אזוינע געזעצנ, וואָס האָבנ די דאָזיקע קלאסנ געהאָלפנ צו עקספּלואטירנ די ארבעטנדיקע פּויערימ אונ האנטווערקער. די זאמלונג פונ די באָווּלישע געזעצנ איז ארויסגעגעבנ געוואָרנ פונעמ קיניג האמוראבי. דעמ נאָמענ ראָוועכ — די רייַכע, אלע העזייקעס — די אָרעמע, — ט דאָס איז דער פּרינציפּ פונ האמוראביס געזעצנ.

גרויסע ערד-באזיצער זייַנענ געווענ דער קיניג, זייַנע הויכע באאמטע אונ פּריסטערס. דער קיניג האָט געהאט אינ פארשיידענע ערטער פונ באָוועל גרויסע גיטער פאר זייַנ אייגענער ווירטשאפט. זייַנע הויכע באאמטע אונ הויכע מיליטער־קאָמאנדירנ פלעגט ער פאנאנדערגעבנ ערד, וואָס ער פלעגט אָפּנעמענ בא די ווידערשפּעניקע איסאקנ אָדער בא די עלאמיטישע דאָרפישע געמיינדעס. צווישנ די הויכע באאמטע זייַנענ אויכ געווענ אייניקע אלטע איסאקנ, וואָס האָבנ פרייַוויליק אנערקענט די מאכט פונעמ באָווּלישנ קיניג, אָבער דעריקער — אמוירישע פירשטנ אונ עלטסטע. אויכ די פּריסטערס האָבנ באקומענ פונ די קיניגנ פיל נייַע ערדנ.

קליינע ערדבאזיצער זייַנענ געווענ די קליינע מיליטער־לייַט. זיי זייַנענ טיילווייַז געווענ פונ די אמוירימ, טיילווייַז פונ די אקאדיער. דער קיניג פלעגט זיי געבנ קליינע ערד־באצירקנ מיטנ באדינג פונ מיליטער־דינסט. אויב אזא מיליטער-מאנ האָט געוואָרפנ די דינסט אָדער איז אומגעקומענ אפ דער מילכאָמע, פלעגט זייַנ באצירק איבערגעגעבנ ווערנ א צווייטנ. דער באצירק פלעגט איבערגעגעבנ ווערנ זייַנ זונ אויכ מיטנ באדינג פונ מיליטער־דינסט. די ווירטשאפט פונ די דאָזיקע קליינע ערד-באזיצער האָט זיכ געפונענ אינ א שלעכטנ צושטאנד, ווייַל די מילכאָמעס פלעגנ זיי אָפּט אָפּרייַסנ פונ זייער ערד אונ זיי רויִנירנ.

די גרויסע ערדבאזיצער אונ די טעמפּלענ פלעגנ דאָסראָוו

טײלן זײערע ערדן אפ קלײנע באצירקן און זײ צעגעבן די פויערים אפ באארבעטן. די פויערים פלעגט מען אויך אָפּגעבן אפ באַ־ארבעטן קלײנע סעדער, און בלויז גרויסע פלאנטאציעס פון טײטל־בײמער, צו 500—1000 בײמער, פלעגט מען די פויערים ניט אָפּגעבן און באארבעטן זײ מיט קנעכט אָדער באטראקעס.

באדינגונגען פלעגט מען די פויערים שטעלן זײער שווערע. לויט האמוראביס געזעצן פלעגט א פויער, וואָס האָט גענומען א פעלד אפ באארבעטן, צאָלן דעם באזיצער א דריטכײלעך פון דער גערעטעניש, און פון א סאָד פלעגט דער פויער צאָלן צװײ דריטל פון דער גערעטעניש. אין פאל פון אן אומגערעטעניש איז קײן ראבאט ניט געװען; דער געזעץ האָט געזאָגט פּאָשעט, „אז דער העזעק פאלט אפן ערדארבעטער“. פּראָלאָנ־גירונגען פונעם אויסצאָלן פלעגן געגעבן װערן, אָבער מע פלעגט אָנרעכענען פּראָ־צענטן אפן כויװ. און אויב דער כויװ און די פּראָצענטן פלעגן ניט אײַנגעצאָלט װערן צום נײַעם טערמין, פלעגט דער פויער פאר־שקלאפט װערן, עמעס, ניט אפן גאנצן לעבן, נאָר אפ 3 יאָר. אויסער דעם, פלעגט אויס־קומען צו צאָלן קיניגלעכע טשינשן פון 10 ביז 20 פּראָצענט פון דער גערעטעניש. אָט װאָס פאר א פויערשע „פרײַהײַט“ עס איז געװען.



געמעל 25. באָווליִשע קנעכט בא דער ארבעט.

די ערדלאָזע פויערים, װאָס פלעגן זיך פארדינגען אפ ארבעט, האָט זיך אויך גע־לעבט זײער שווער. אן ארבעטלוין איז פונעם געזעץ געװען אײַנגעשטעלט זײער א נידעריקער. א פעלד־ארבעטער און א פּאַס־טעך פלעגן אפ אונדזער מאָס באקומען 17 קילאָגראם ברויט א כוידעש, ד.ה. $1^1/_2$ מאָל װײניקער פון דער נאָרמע, װאָס עס קומט אן ארבעטנדיקן מענטשן. קריגן ארבעט איז געװען ניט גרינג, װײַל בא יעדן טעמפּל און בא יעדן גרויסן ערדבאזיצער זײַנען געװען קנעכט (געמעל 25). לוינ־ארבעטער פלעגט מען נעמען דעריקער אפ דרינגענדיקער סע־זאָן־ארבעט.

אפ אזא אויפן האָט אין דער לאנדווירטשאפטלעכער פּראָ־דוקציע געהערשט די סאמע אכזאָריעסדיקע עקספּלואטאציע פון די ארבעטנדיקע, װעלכע איז געװען באשטעטיקט פונעם געזעץ. אזא לאגע איז אויך געװען אינעם האנדל און אין דער האנטװערקערישער אינדוסטריע.

די פּריסטערס האָבן עקספּלואטירט די ארענדארן און די סאָכרים, װאָס האָבן זיך געגײטיקט אין געלט, מיט האלװאָעס אפ גרויסע פּראָצענטן. דער,

וואָס פלעגט נעמען געלט, פלעגט צאָלנ 30 פראָצ. און אויב ער פלעגט זיכ ארויסוויַיזנ פאר א שלעכטנ צאָלער, פלעגט ער ווערנ אפ 3 יאָר א פארשקלאפטער.

די סאָכרימ האָבנ זיכ געטיילט אפ צוויי גרופעס. עס זיַינענ געווענ גרויסע הורט־הענדלער, וואָס האָבנ זיכ ווי פריער אָנגערופנ דאמקארנ. זיי האָבנ זיכ געסטארעט צו פירנ זייערע געשעפטנ אפ אזא אויפנ, אז אליינ זאָלנ זיי באקומענ נאָר רעוועכ און די גאַנצע ריזיקע און דער גאנצער היזיק זאָל ארופגעלייגט ווערנ אפ זייערע אגענטנ און אָנגעשטעלטע. דער געזעצ פלעגט זיי אינ דעמ שטענדיק העלפנ.

● איַינקויפנ און פארקויפנ סכוירעס האָבנ די דאמקארנ איבערגעגעבנ זייערע אָנגעשטעלטע, וועלכע פלעגנ זיכ פארפליכטנ איַינצוצאָלנ אינ א באשטימטנ טערמינ א באשטימטע סומע, כאָטש אפילע ווענ עס זאָל זיכ פאר דער ד זיקער צײַט ניט איַינגעבנ די סכוירע צו רעאליזירנ. די צערעכנ־סומע פלעגנ די דאמקארנ אויסרעכענענ אזוי, אז זיי זאָלנ האָבנ הונדערט פראָצענט רעווער, ד. ה. צוריק באקומענ די אריַינגעלייגטע קאָ־פיטאלנ אינ א דאָפלטער גרייס. ראבאט פלעגנ זיי געבנ נאָר אינ דעמ פאל, ווענ אינ דער צײַט פונ דער האנדל־רײַזע זיַינענ אפנ אָנגעשטעלטנ אָנגעפאלנ רויבער און האָבנ אָפגענומענ די סכוירעס. אויב די אָנגעשטעלטע פלעגנ באוויַיזנ דורכצופירנ צום טערמינ זייערע אָנגעמערקטע אָפעראציעס, פלעגנ זיי לויט אנ אָפמאכ באקומענ בא די דאמקארנ א קליינעמ טייל פונעמ רעווער. ●

די האנטווערקער זיַינענ געווענ פריַי. אָבער זיי האָבנ ניט געהאט קיינ רעכט צו נעמענ בא די באשטעלער געצאָלט לויט אנ אָפמאכ. האמוראַביס געזעצנ האָבנ איַינגעפירט פאר די האנטווערקער פונ אלע פראָפעסיעס א פעסטנ טאריפ פונ טאָג־לוינ. די טאקסעס זיַינענ געווענ זייער נידעריקע. לעמאָשל, פאר טעפער און שטיינהעקער איז איַינגעשטעלט געוואָרנ א לוינ פונ 5 שע זילבער א טאָג, ד. ה. $2-2^1/_2$ קאָפ; און פאר טעסלער — סאכאקל 4 שע.

די פיר גרעסטע שטעט, דערונטער באָוועל, סיפאר און ניפור האָבנ די קיניגנ געגעבנ גרויסע פריַיהײַטנ: רעכט אפ זעלבסטפארוואלטונג, אייגענע שטאָטישע געריכטנ, פריַיהײַט פונ מיליטער־פליכט און פונ אנדערע נאטורעלע פליכטנ לעסויועס דעמ קיניג.

אינ זיַינ מאניפעסט, וואָס צוזאמענ מיט אימ זיַינענ פארעפנטלעכט געוואָרנ זיַינע געזעצנ, זאָגט דער קיניג האמוראבי, אז ער האָט „פארפעסטיקט אינ רײַכטום די ווינונגענ פונ די קויהאָנימ און דאמקארנ". מע קאָנ צוגעבנ, אז אויכ די ווינונגענ פונ די הויכע באאמטע.

די דאָזיקע ווערטער — דאָס איז די סאמע פינקטלעכע כאראקטעריסטיק פונעמ קלאסנ־אינהאלט פונעמ קיניגרײַכ באָוועל.

47. די קיניגלעכע פאנשטשינע. דער קיניגלעכער „רוט פונעמ עמעס" איז זייער שווער געווענ פאר דער ארבעטנדיקער באפעלקערונג. זי איז געווענ געצוווּנגענ ניט נאָר צו צאָלנ גרויסע שטײַערנ אינ דער מעלוכע־קאסע, נאָר אויכ אָפקומענ קיניגלעכע פאנשטשינע.

די פאנשטשינע איז געווענ א פארשיידענע. אייניקע ארבעטנ האָבנ געהאט אנ אלגעמיינ־נוציקנ כאראקטער. אזוי, זיַינענ

די פויערים און די דאָרפישע געמיינדעס געווען מעכויעוו צו רייניקן און צו רעמאָנטירן די קאנאלן, ארום וועלכע עס זײַנען געלעגן זייערע פעלדער. אָבער אנדערע ארבעטן פלעגן געמאכט ווערן אויסשליסלעך פארן קיניג און פאר די פריסטערס.

דער קיניג האָט געפירט א גרויסן האנדל און האָט געהאט זײַן אייגענעם טײַך-פלאָט; פרײַע שיפן פלעגט ער געבן פאר געצאָלט די דאמקארן. בויען און רעמאָנטירן אָט די דאָזיקע שיפן פלעגן די קיניגן פון באָוועל דורך קיניגלעכער פאנשטשינע, אף וועלכער מע פלעגט אָנטרײַבן טעסלער. אף אריבערטראָגן און אָנלאָדן סכוירעס אף די קיניגלעכע שיפן פלעגט מען אויך אָנטרײַבן מענטשן אין אָרדענונג פון קיניגלעכער פאנשטשינע. אפן זעלבן אופן זײַנען אויך געמאכט געוואָרן די קיניגלעכע געבײַדעס.

● באָוועל איז געווען ארומגערינגלט מיט הויכע גראָבע ווענט; אין צענטער זײַנען דאָרטן געווען אויסגעבויט גראנדיעזע טעמפלען מארדוקן—דעם הויפט-גאָט פון באָוועל—און אויך טעמפלען פאר אנדערע געטער; ס'איז געווען אויסגעבויט א ריזיקער קיניגלעכער פאלאץ. אָט די אלע ארבעטן פלעגן דורכגעפירט ווערן אין אָרדענונג פון קיניגלעכער פאנשטשינע, אף וועלכער מע פלעגט אָנטרײַבן מענטשן פון גאנץ אקאד. און האמוראבי זאָגט פּאָשעט, אז צו בויען גײַע ווענט אין סיפאר, האָט ער געפאָדערט ארבעטער „פונעם גאנצן לאנד". ●

די פארטיילונג און דעם אופקלײַב פון די פויערים אף פאנשטשינע פלעגן לויט די קיניגלעכע באפעלן פירן די וויצע-קיניגן פון די געגנטן. דער קיניג פלעגט פינקטלעך אָנמערקן די נייטיקע צאָל ארבעטער, דעם טערמין פאר אופזאמלען זיך און דעם טערמין פאר דורכפירן די ארבעט. דערבײַ פלעגן די וויצע-קיניגן געוואָרנט ווערן, אז בא א נאכלעסיקן אויספירן דעם קיניגלעכן באפעל וועגן צונויפזאמלען מענטשן אף פאנשטשינע, ענטפערן זיי מיט זייער קאָפּ. די מענטשן, וואָס פלעגן ארבעטן אף פאנשטשינע, פלעגן איינגעטיילט ווערן אין ארטעלן; איבער יעדן ארטעל איז געשטאנען א שרײַבערל, וועלכער פלעגט אכטונג געבן אף דער ארבעט און אפן אויסגעבן דערנערונג. אויסער דערנערונג פלעגן די מענטשן קיין שום געצאָלט פאר זייער ארבעט אף דער קיניגלעכער פאנשטשינע ניט באקומען.

די קיניגן פלעגן צוויִעסדיק דערקלערן, אז זייער הויפט-זאָרג באשטייט קלורמערשט אין דעם, אז „דער שטארקער זאָל ניט אונטערדריקן דעם שוואכן". אָבער זיי אליין זײַנען געווען די ערשטע שטארקע, וואָס פלעגן אונטערדריקן די שוואכע. „צאָרעס און וויגעשרייען האָבן צעברעקלט די שוואכע און די אָרעמע", — ווערט געזאָגט אין איינעם א ווערק פון יענער צײַט. די קיניגן „הערן זיך צו צו די רייד פון די הארן, וועלכע האָבן זיך ספעציאליזירט אף הארגענען, און גלייבן ניט דעם פּאָשעטן מענטשן, וואָס איז אין קיין זאך ניט שולדיק; די גוואלדטוער ליידיקן אויס די טאש פון דעם מענטשן, וועלכער האָט ניט אף דורכצולעבן זיך, די רײַכע פארניכטן און פארפאָלגן די שוואכע".

48. די אסירישע מיליטער-פעאָדאלע דעספאָטיע. די אָרדענונג, וואָס האָט זיך געשאפן אין באָוועל זינט האמוראבין, האָט אין

אירע הויפט־שטריכנ עקזיסטירט ביז עס איז געפאלנ דאָס קיניגרײַכ באָוועל. עס פלעגנ זיכ בײַטנ די קיניגלעכע דינאסטיעס, אָבער באָוועל איז ווי פריער ווײַטער פארבליבנ א ווירטשאפטלעכער אונ קולטורעלער צענטער, די פריסטערס פונ באָוועל אונ די גרויסע ערדבאזיצער האָבנ ווי פריִער עקספלואטירט די ארבעטנדיקע.

די ווירקונג פונעמ באָווּלישנ האנדל, וווּכער־קאפיטאל אונ פונ דער באָווּלישער קולטור האָט זיכ באזונדערס אָנגעהויבנ פארשטארקנ אונ פארשפרייטנ, זינט עס האָט זיכ אויסגעבילדעט די ערשטע גרויסע מיזרעכישע מעלוכע — די אסירישע מעלוכע.

געמעל 26. אנ אסירישער פריסטער טראָגט א ציגנבאָק פאר א קאָרבנ.

די אסירער האָבנ געוווינט אינ צאָפנ פונ מעסאָפּאָטאמיע, באמ אויבערפלוס פונ טיגער אונ אפ די מײַרעוו־זײַטנ פונ די בערג, וואָס האָבנ אָפגעטיילט מעסאָפּאָטאמיע פונ איראנ. אינ האמוראביס צײַטנ איז אסיריע געווענ א פעאָדאל פירשטנטומ, אונ דער אסירישער איסאק איז געווענ אונטערטעניק דעמ באָווּלישנ קיניג. די הויפט־באשעפטיקונגענ איז אינ דעמ טאָל פונ טיגער געווענ ערדארבעט אונ אפ די בארג־נידערונגענ — פיצוכט אונ יעגערײַ. אָבער אויסער דעמ, זײַנענ די אסירישע בערג געווענ רײַכ מיט נוציקע מינעראלנ — קופער, בלײַ, זילבער אונ דעריקער — מיט אײַזנארצ. די אײַזערנע געצײַגנ אונ דאָס אײַזערנע געווער האָבנ געגעבנ די אסירער א קאָלאָסאלנ פאָרצוג אינ טעכניק, אונ באזונדערס — אינעמ מיליטער־וועזנ אפ מילכאָמע.

אדאנק אָט דער שעפע פונ פראָדוקציע־רויווארג האָט זיכ אינ אסיריע (אשור) זייער פרי אָנגעהויבנ א האנדל מיט די שכײנעסדיקע פעלקער. די אסירישע סאָכרימ זײַנענ פריִער ווי אומעטומ ארײַנגעדרונגענ אינ די לענדער פונ קליינ־אזיע, אונ האָבנ נאָכדעמ פארבונדנ האנדל־באציִונגענ מיט באָוועל, סיריע אונ פאלעסטינע. עס זײַנענ אויסגעוואָקסנ גרויסע האנדל־שטעט, וואָס די סאמע גרעסטע פונ זיי איז געווענ נינווע.

אינעמ האנדל האָבנ גענומענ אנ אקטיוונ אָנטייל אויכ די קיניגנ אונ פריסטערס. דעריבער האָבנ זיי אָנגעהויבנ שטרעבנ צו דעראָבערנ די שכײנעסדיקע לענדער. אָנהייב IX יאָרהונדערט האָבנ די קיניגנ אפ די מיטלענ, וואָס די פריסטערס האָבנ געגעבנ, אָרגאניזירט א גרויסע געדונגענע ארמיי פונ קנאפערדיקע פעאָדאלנ אונ פויערימ.

דער איבערגאנג צו דער סיסטעם פון א געדונגענעם מיליטער איז פּאָרגעקומען ארום די יאָרן 900 — 880 פאר אונדזער ערע. די באפעלקערונג פון אסיריע האָט זיך צו יענער צײַט באדײַטנדיק פארגרעסערט, און ערד איז געווען ווייניק. עס האָבן זיך באוויזן פיל קליינע קנאפּערדיקע פּויערים מיט אן ערד־כיילעך אינגאנצן פון 3/4 ביז 2 הא. פון די דאָזיקע קאדרען האָבן די אסירישע קיניגן אָנגענומען די ערשטע געדונגענע ארמייען, און נאָכדעם האָבן זיי אָנגעהויבן צו נעמען געדונגענע מיליטער אויך פון די באצווונגענע לענדער. מיטלען אפּ אָרגאניזירן די געדונגענע ארמייען האָבן געגעבן די פּריסטערס.

באוואָפנט מיט אײַזערנעם געווער, האָט די אסירישע ארמיי אין פארלויף פון ארום 200 יאָר (פונעם יאָר 880 ביזן יאָר 668) פארייניקט אונטער דער מאכט פון די אסירישע קיניגן גאנץ סיריע, פּאלעסטינע, די איצטיקע ארמעניע, דעם אינדזל קיפּער און צײַטווײַליק אפילע עגיפּעט. די באַוואָלער האָבן פרײַוויליק אנערקענט איבער זיך די מאכט פונעם אסירישן קיניג. אין דער צײַט פון די מארשן פלעגן די אסירישע קיניגן צעשטערן די אײַנגענומענע שטעט, פארניכטן זייער באפעלקערונג אָדער אוועקפירן טויזנטער פון די באזיגטע אײַנוווינער פאר קנעכט, פלעגן נעמען גרויס רויב: גאָלד, זילבער און אנדערע מעטאלן, פי, ברויט א. א. וו. (געמ. 27). דער רויב פלעגט צעטיילט ווערן צווישן דעם קיניג, זײַנע הויכע באאמטע, פּריסטערס פון די הויפּט־טעמפּלען און מיליטער.

שטיצנדיק זיך אפּ זייער געדונגענעם מיליטער, האָבן די אסירישע קיניגן געשטרעבט צו פארוואלטן מיט זייער מעלוכע לויט זייער אייגענעם אײַנזען, ניט ארומקוקנדיק זיך שטענדיק אפּ די פּריסטערס און אפּ די גרויסע ערדבאזיצער, ווי עס איז אויסגעקומען צו רעגירן די קיניגן פון באָוועל. די אסירישע קיניגן פלעגן זאָגן, אז זיי האָט קלוימערשט איבערגעגעבן די מאכט דער הויפּט-גאָט פון די אסיריער אסור און דער הויפּט־גאָט פון באָוועל מארדוק, און דעריבער האָבן זיי דאָס רעכט צו פאָדערן פון אלעמען, אז מע זאָל זיך זיי אונטערווארפן אָן קיין שום טײַנעס און מע זאָל זיי פארערן ווי די געטער. יעדעס וואָרט פון קיניג איז א געזעץ. און ווער עס וועט ניט פאָלגן, — יענעם דעם קאָפּ אראָפּ. אזוינע אומבאגרענעצטע קיניגן, וואָס אנערקענען ניט קיין שום אנדערע געזעצן, אויסער זייער אייגענעם ווילן, רופט מען געווײנלעך אָן דעספּאָטן. הייסט עס, אז די אסירישע מעלוכע איז געווען א דעספּאָטיע.

אָבער אין דער ווירקלעכקײַט פלעגן די פּריסטערס, הויכע באאמטע און גרויסע ערדבאזיצער שטענדיק געפינען מיטלען צו צווינגען דעם קיניג צו רעגירן אין הסכּם מיט זייערע פארלאנגען. די פּריסטערס (געמ. 26) פלעגן עס טאָן דורך טרעפעניש.

● פאר יעדן וויכטיקן באשלוס פלעגט זיך דער קיניג ווענדן צו ספּעציעלע פּריסטערס טרעפערס, אז זיי זאָלן זיך „דערוויסן דעם ווילן פון די געטער" — צי עס



געמעל 27. די אשורער נעמענ אײַנ א שטאט; אונטנ גייענ דורכ די געפאנגענע, וואס זײַנענ
פארוואנדלט געווארנ אינ קנעכט.

װעט זיך אײַנגעבן די פֿאַרטראַכטע אונטערנעמונג, אָדער װאָס זאָל מען טאָן אין אַ שװערן פֿאַל א. א. װ. די פּריסטערס טרעפֿערס פֿלעגן שטענדיק, װען עס האָט זיי עפּעס אַ קיניגלעכער באַשלוס ניט געלוינט, געבן אַן אַנטשפּרעכנדיקן „ענטפֿער פֿון די געטער“, און דער קיניג פֿלעגט זיך אָפּזאָגן פֿון זײַן אונטערנעמונג. עס פֿלעגט אויך פּאַסירן אַזוי, אַז די פּריסטערס די טרעפֿערס פֿלעגן קומען אַליין צום קיניג און מעלדן, אַז די געטער פֿאָדערן דאָס אָדער יענץ, און אויב דער קיניג װעט דאָס ניט טאָן, דראָען זיי אים מיט שטראָפֿן. דעם קיניג איז אויסגעקומען צו פֿאָלגן. די פּריסטערס די טרעפֿערס פֿלעגן אונטערקויפֿן די קעגנפּנדיקע פּאַרטייען פֿון די פֿעאָדאַלן און סאָכרים און דורך זיי װירקן אויפֿן קיניג. ●

אָבער מער װי אַלץ זײַנען די אַסירישע קיניגן געװען אָפּהענגיק פֿון זייער מיליטער. קיין איין נײַער קיניג האָט ניט געקאָנט אַרויפֿגיין אויפֿן טראָן אָן דער אײַנשטימונג פֿונעם מיליטער. קאָלומאַן דער קיניג פֿלעגט אָפּהאַלטן ניצחונות און פֿלעגט פֿאַרבאַנדערגעבן די סאָלדאַטן אַ סאַך רויב, האָט ער געקאָנט זײַן זיכער אין דער אונטערשטיצונג פֿונעם מיליטער. אָבער אויב דער קיניג האָט געליטן אויף דער מילכאָמע אומדערפֿאָלגן, פֿלעגט דאָס מיליטער װערן אומצופֿרידן און פֿלעגט ניט זעלטן אַראָפּװאַרפֿן אַזאַ קיניג.

אויף אַזאַ אופֿן איז, ניט געקוקט אויף דער אַזױ־װי אומבאַגרע־נעצטער מאַכט פֿון די אַסירישע קיניגן דעספּאָטן, איז זייער מאַכט דאָך געװען אַזאַ קלאַסן־מאַכט, װי די מאַכט פֿון אַלע אַנדערע פֿעאָדאַלע מעלאָכים.

די פֿאַרװאַלטונג מיט די פֿאַרנומענע געגנטן פֿלעגן די קיניגן איבערגעבן זייערע מיליטער־שעפֿן. אַ טייל באַפֿעלקערונג פֿלעגן זיי דאָסראָװ אַריבערזעצן פֿון די אײַנגענומענע געגנטן קיין אַסיריע און באָװעל, און אויפֿן אָרט פֿון די אַריבערגעזעצטע פֿלעגן זיי באַזעצן אַסירישע מיליטערישע קאָלאָניסטן. די דאָזיקע מיליטערישע קאָלאָניעס זײַנען געװען פֿאַרײניקט מיט אַסיריע דורך גוטע װעגן און זײַנען געװאָרן שטיצפּונקטן פֿאַר אַסירישע און באָװלישע סאָכרים.

די באַפֿעלקערונג פֿון די אײַנגענומענע געגנטן, װאָס איז רויִנירט געװאָרן פֿון די מילכאָמעס און פֿון די שװערע צינזן, האָט געהאַסט די אַסירישע מאַכט. שטענדיק פֿלעגן אין פֿאַרשיידענע ערטער פֿון דער אַסירישער מעלוכע אויפֿלאַקערן אויפֿשטאַנדן, װאָס פֿלעגן דערשטיקט װערן דורך די קיניגן אויפֿן סאַמע אַכזאָריעסדיקן אופֿן. אויך אין אַסיריע גופֿא פֿלעגן אויפֿלאַקערן אויפֿשטאַנדן. עס פֿלעגן אויפֿשטיין די קנעכט, װאָס זײַנען איצט געװען זייער פֿיל. די קיניגן פֿלעגן פֿאַרמוטשען די קנעכט מיט שװערער אַרבעט אין די שטיינבערכערײַען און אין די אײַזן־שאַכטעס. צו די קנעכט פֿלעגן זיך ניט זעלטן, אין אַ צײַט פֿון אַן אויפֿשטאַנד, פֿאַרײניקן אויך די פּויערים, װעלכע זײַנען ניט געװען צופֿרידן פֿון דער שװערער קיניגלעכער פּאַנשטשינע אויף די בויונגען פֿון די קיניגלעכע לוסט־פּאַלאַצן. דער דאָזיקער קלאַסן־קאַמף האָט אומגעהייער אָפּגעשװאַכט די אַסירישע קיניגן, און

סאָפּקאָלסאָפּ געבראַכט צום פאַלן פון דער אַסירישער מעלוכע.
די אַסירישע מעלוכע איז אומגעקומען אין יאָר 606. באַוועל האָט זיך צוריק אומגע-קערט זײַן זעלבשטענדיקײַט, און דאָרט האָט זיך אויסגעבילדעט דאָס אַזוי-גערופענע כאַלדייִשע קיניגרײַך, לויטן נאָמען פון די קיניגן פון דעם שייוועט כאַלדייער.

49. יִיסראָעל און יעהודע. צווישן די קיניגרײַכן, וואָס די אַסיריער האָבן צעראַ-בעוועט, זײַנען אויך געווען צוויי ניט קיין גרויסע פּעאָדאַלע קיניגרײַכן אין פּאַלעס-טינע, דאָס קיניגרײַך עפראַיִם, אָדער יִיסראָעל, און דאָס קיניג-רײַך יעהודע. דאָס פאָלק, וואָס האָט באַוווינט די דאָזיקע קיניגרײַכן האָט זיך גערופן יִיסראָעל אָדער בעניי-יִיסראָעל (קינדער פון יִיסראָעל).

די בעניי-יִיסראָעל האָבן ביזן יאָר 1300 פאַר אונדזער ערע געלעבט אין שטאַ-מישע פּיציכטלערישע קאָמונעס. וואַנדערנדיק מיט זייערע טשערעדעס איבער די מידבער-געגנטן אַפּ דאָרעם און צו מיזרעך-זײַט פון פּאַלעסטינע. אין פּאַלעסטינע זײַנען דעמלט געווען צוויי פעאָדאַלע פירשטנטומס פון די קנאַאַנער, און דעריבער האָבן די עגיפּטער און די בעניי-יִיסראָעל גערופן פּאַלעסטינע קנאַאַן. פון יאָר 1300 ביז 1200 פאַר אונדזער ערע האָבן די בעניי-יִיסראָעל אָנגעהויבן אַרײַנדרינ-גען פונעם מידבער קיין קנאַאַן. ניט אַ דורכויסיקע מאַסע האָט זיך אַהין אַ לאָז געטאָן, נאָר זיי זײַנען אַהין אַרײַנגעדרונגען קליינע שוואָטימווײַז, אָדער ווי שטאַמען-פאַרבאַנדן; אַזוינע שוואָטים אָדער שטאַמען-פאַרבאַנדן זײַנען געווען אַרום 15. יע-דער שטאַמען-פאַרבאַנד פלעגט בלויז פאַר זיך דעראָבערן אַן אָרט צו באַזעצן זיך. די באַפעלקערונג פון קנאַאַן פלעגט אָדער אויסגעהאַרגעט ווערן אָדער פאַרוואַנדלט ווערן אין קנעכטשאַפט. אַרײַנגעדרונגען קיין קנאַאַן, זײַנען די יִיסרעיילישע שוואָטים מערסטנס איבערגעגאַנגען צו ערדאַר-בעט; די ערדאַרבעטערישע טעכניק האָבן זיי איבערגענומען בא די קנאַאַנער. נאָר אין די דאָרעם-טיילן פון פּאַלעסטינע, ווו דער קלימאַט און דער באָדן זײַנען גע-ווען ניט צוגעפּאַסט פאַר ערד-אַרבעט, איז אַלס הויפּט-באַשעפטיקונג פאַרבליבן פּי-ציכטלערײַ, אָבער אויך דאָרטן פלעגן ווי ווײַט מעגלעך אופגעאַקערט און פאַרזייט ווערן די פעלדער.

באַם איבערגיין צו ערדאַרבעט פלעגט זיך יעדער שטאַם באַזעצן צוזאַמען ווי איין געמיינדע; אָבער די יִיסרעיילישע דאָרפישע געמיינדעס זײַנען שוין ניט געווען קיין קאָמונעס. אין די יִיסרעיילישע שטאַמען האָט שוין אין דער צײַט פון דער איבערוואַנדערונג עקזיסטירט אַ באַדײַטנדיקע אומגלײַכקײַט. די פירער, עלטסטע און די קויהאַנים (לעוויִים, ווי עס האָבן זיי גערופן די יִיסרעיילים) האָבן באַזעסן גרויסע טשערעדעס פי און אַ גרויסע צאָל קנעכט, און באַם צעטיילן די ערד פלעגן זיי פאַר זיך פאָדערן די בעסטע באַצירקן. מיטן צעטיילן די ערד פלעגן אָנפירן די פירער, די עלטסטע (זקיינים) און די קויהאַנים (פּריסטערס). פאַר די קוי-האַנים זײַנען אויסגעטיילט געוואָרן עטלעכע צענדליק „שטעט“, ד. ה. פעאָדאַלע שלעסער מיט די ערדן, וואָס האָבן זיך געפונען אַרום די דאָזיקע שלעסער, אַזוי אויך די פוירים, וואָס זײַנען געזעסן אַפּ דער דאָזיקער ערד. און פאַר זיך פלעגן די פירער און די עלטסטע נעמען די בעסטע סעדער און ווײַנגערטנער. אין פאַר-לויפּ פון 200 יאָר נאָך דער איבערוואַנדערונג האָבן זיך די יִיסרעיילישע דאָרפישע געמיינדעס פאַרוואַנדלט אין פעאָדאַלע באַזיצן פון די פירער און עלטסטע און אין 1000-טן יאָר פאַר

אונדזער ערע זײַנענ די ייִסרעײלישע פירשטנטומס פארײניקט געװאָרנ אינ אײנ פעאָדאלנ קיניגרײַכ. פונ די ערשטע קיניגנ זײַנענ געװענ די מער שטארקערע דאָװיד אונ זײַנ זונ שלוימע.

דאָװיד האָט זיכ ארױסגערוקט אינ קאמפ קעגנ די פלישטימ, א האנדל-פאָלק, װאָס האָט געלעבט אינ די בײַיאמיקע שטעט, אפ דאָרעמ פונ די פיניקײער; די פלישטימ האָבנ געװאָלט אונטערטעניקנ אונטער זיכ די שכײנעסדיקע ייִסרעײלישע שװאָטימ, אָבער נאָכ א 100 יאָריקנ קאמפ זײ זײַנענ אָפּגעשטױסנ געװאָרנ פונ דאָװידנ. דאָװיד איז געװענ אײנער פונ די פירשטנ פונעמ שײװעט יעהודע. געװאָרנ א קיניג, האָט ער אײַנגענומענ די קנאאנישע שטאָט יערושאָלאימ, װאָס די זינ פונעמ שײװעט יעהודע האָבנ זי נאָכ ניט אונטערטעניקט, אונ האָט זי געמאכט פאר זײַנ באפעסטיקטער רעזידענצ. יערושאָלאימ האָט פארנומענ זײער א באקװעמ אָרט אפ דער קרײצונג פונ די קאראװאנענ-װעגנ פונ סיריע אונ צוריק קײנ עגיפּעט אונ פונעמ פלישטימ-ברעג אינ די טראנסיארדאנישע געגנטנ פונ פאלעסטינע. דאָס אופמאָנענ די טאמאָזשנע-אָפּצאָלונגענ פונ די קאראװאנענ, װאָס פלעגנ דורכגײנ יערושאָלאימ, פלעגט ארײַנטראָגנ גרױסע האכנאָסעס די קיניגנ, אונ די שטאָט איז זיכ גיכ פאנאנדערגעװאקסנ, פארבױט געװאָרנ.

אָבער דאָס אײנהײַטלעכע ייִסרעײליש-יעהודישע קיניגרײַכ האָט ניט לאנג עקזיסטירט. װי נאָר עס האָט אופגעהערט די פלישטימ-געפאר, האָבנ די צאָפנדיקע ייִסרעײלישע פירשטנ אָנגעהױבנ שטרעבנ אָפּצוטײלנ זיכ פונ יעהודע. נאָכנ טױט פונעמ קיניג שלוימע („שלוימע האמעלעכ") האָבנ זיכ די צאָפנדיקע פירשטנ צעקריגט מיט שלוימעס זונ אונ האָבנ אױסגעקליבנ אנ אײגענעמ קיניג. פאר דאָװידס דינאסטיע איז פארבליבנ נאָר די דאָרעמ-נעגנט יעהודע, די איבעריקע שװאָטימ האָבנ געבילדעט די צאָפנדיקע ייִסרעײלישע קיניגרײַכ. דאָס דאָזיקע קיניגרײַכ האָט זיכ גערופנ אױכ קיניגרײַכ פונ עפראימ, לױטנ נאָמענ פונעמ סאמע שטארקסטנ ייִסרעײלישנ שײװעט, צו װעלכנ עס האָבנ געהערט אױכ די ייִסרעײלישע קיניגנ.

50. די פעאָדאלע אָרדענונג פונ ייִסראָעל אונ יעהודע. דער קאָמאנדירנדיקער קלאס פונ די ייִסרעײליש-יעהודישע עקספּלואטאטערס — די פעאָדאלנ — איז באשטאנענ פונ די גרעסערע פירשטנ, פונ די קױהאנימ אונ קלײנע פעאָדאלנ, װאָס זײַנענ געװענ אונטערטעניק די גרױסע פירשטנ. די פעאָדאלנ פלעגנ זיכ אָנרופנ „מילכאָמע-לײַט, דינער פונעמ קיניג". זײ פלעגנ װױנענ אינ די באפעסטיקטע שלעסער אונ טורעמס. דאָס גאנצע לאנד איז געװענ באדעקט מיט אזעלכע באפעסטיקטע רעזידענציעס פונ די פעאָדאלנ; די ארכעאָלאָגנ האָבנ אױסגעגראָבנ רעשטנ פונ עטלעכע צענדליק אזױנע רעזידענצנ. די קױהאנימ פלעגנ װױנענ בא די טעמפּלענ, אָדער בא די ערטער, װו מע פלעגט ברענגענ קאָרבאָנעס, אפ בערגלעכ, אפ אָפּענע ערטער (אזױנע קאָרבאָנעס-ערטער פלעגט מענ אָנרופנ הײכנ). די פריסטערישע רעזידענצנ פלעגנ אױכ זײַנ באפעסטיקטע, װי די רעזידענצנ פונ די װעלטלעכע פירשטנ. אזא מיליטערישער כאראקטער פונ דעמ ייִסרעײליש-יעהודישנ פעאָדאליזמ האָט זיכ דערקלערט מיט די שטענדיקע מילכאָמעס, װאָס פלעגנ קימאט ניט אופהערנ אינ פאלעסטינע. עס איז קימאט אָנ אופהער געגאנגענ דער

קאמפ צווישנ די קיניגנ פונ יעהודע אונ עפראִימ פאר דער פאריײניקונג פונ ייִסראָעל. אונ אינ דער זעלביקער צײַט פלעגט שטענדיק אויסקומענ זיכ אָפשלאָגנ פונ פרעמדע פײַנט. פונ מיזרעכ הינטער דעמ טײַכ יארדנ פלעגנ אָנפאלנ די מידבער-שוגאָימ פונ פיציכטלער, פונ צאָפנ האָבנ געוואָלט אײַנעמענ פאלעסטינע די סיריער, אונ שפּעטער האָבנ זיכ פונ דאָרטנ א רוק געטאָנ אפ פאלעסטינע די אסיריער.

די פעאָדאלנ פלעגנ זיכ אָנרופנ „דינער פונעמ קיניג“, אָבער אינדערעמעסנ זײַנענ די קיניגנ געווענ זײערע דינער. יעדער קיניג פלעגט באמ פארנעמענ דעמ טראָנ מוזנ שליסנ מיט די פעאָדאלנ אנ אָפמאכ, אינ וועלכנ עס פלעגנ פינקטלעכ אָנגעוויזנ ווערנ די פליכטנ פונעמ קיניג אונ פונ די פעאָדאלנ. אויב דער קיניג פלעגט ניט אָפהיטנ דעמ אָפמאכ, פלעגנ די פעאָדאלנ אופשטײנ קעגנ אימ אונ אוועקזעצנ אפ זײַנ אָרט אנ אנדערנ. אזוינע הויפ-איבערקערענישנ פלעגנ באזונדערס אָפט פאָרקומענ אינ קיניגרײַכ עפראִימ. די פעאָדאלנ זײַענ געווענ מעכויעוו אופקלײַבנ אונ צושטעלנ דעמ קיניג די קיניגלעכע לײַב-שטײַערנ אונ די קיניגלעכע טאמאָזשנע-אָפצאָלנ אונ אפנ קיניגס רופ גײנ אפ מילכאָמע מיט זײערע באוואָפנטע לײַט. אָבער אינ זײערע פירשטנטומס זײַנענ די גרויסע פירשטנ אונ קויהאנימ געווענ עמעסע קיניגנ, זײ פלעגנ מישפעטנ אונ באשטראָפנ די ארבעטנדיקע אונ אפנ סאמע אכזאָריעסדיקנ אויפנ זײ עקספלואטירנ.

אָט וויאזוי עס ווערט באשריבנ „די רעכט פונעמ קיניג אונ פונ די פירשטנ“ איבער דער ארבעטנדיקער באפעלקערונג פונ ייִסראָעל אונ יעהודע: „אָט איז דאָס רעכט פונעמ קיניג, וואָס וועט טאָנ קיניגנ איבער אײַכ: די זינ אײַערע וועט ער נעמענ אונ אוועקזעצנ צו זיכ אפנ רײַטוואָגנ אונ אפ די פערד זײַנע, אונ זײ וועלנ לויפנ פארנ רײַטוואָגנ זײַנעמ; ער וועט זײ נעמענ, אז זײ זאָלנ אקערנ די פעלדער זײַנע אונ שנײַדנ דעמ שניט זײַנעמ אונ זאָלנ מאכנ געווער פאר זײַנע מילכאָמעס אונ די רײַטוואָגנס; אונ די טעכטער אײַערע וועט ער נעמענ, אז זײ זאָלנ מאכנ שמעקעוודיקע שמירעכצנ, קאָכנ אונ בראָטנ; די בעסטע פעלדער אײַערע אונ ווײַנגערטנער אונ אײלבערט-סעדער אײַערע וועט ער נעמענ אונ וועט אָפגעבנ די דינער זײַנע; פונ אײַערע פארזײענ אונ פונ אײַערע ווײַנגערטנער וועט ער נעמענ א צענטכײלעק אונ וועט געבנ דאָס רעכט אופצוזאמלענ א צענטכײלעק די הויפ-לײַט זײַנע אונ די דינער זײַנע; די שקלאפנ אײַערע אונ די שקלאפנס אײַערע, די בעסטע אָקסנ אײַערע אונ די אײזלענ אײַערע וועט ער נעמענ אפ דער ארבעט אפ זײַנער; יעדנ צענטנ שטיק פונ די שאָפ פונ אײַערע וועט ער נעמענ; אונ איר אלײנ וועט ווערנ גלײַכ ווי די קנעכט זײַנע“. הײסט עס, אז די פויערימ האָבנ געדארפט צאָלנ אײנ צענטל פונ זײערע האכנאָסעס ווי לײַב-שטײַערנ דעמ קיניג אונ אזויפיל אויכ דעמ פירשט, אז זײ האָבנ געדארפט אָפטאָנ ערדארבעטערישע אונ האנט-ווערקערישע פאנשטשינע אפנ קיניג אונ אפ די פירשטנ, אונ אז אויסער דעמ האָט אויכ דער קיניג געהאט דאָס רעכט אָפצונעמענ בא די פויערישע געמײנדעס די ערד אונ דאָס פי אונ צעטײלנ עס צווישנ די פעאָדאלנ, אָדער צונעמענ עס פאר זײַנ פאמיליענ-גוט.

די פויערימ, וואָס האָבנ געוווינט אפ די ערדנ פונ די טעמפלענ, איז נאָכ געווענ שווערער, אײדער די פויערימ, וואָס זײַנענ געזעסנ אינ די פירשטלעכע

און קיניגלעכע גיטער. די קויהאנימ האָבנ נאָכ אויסער די פעאָדאלע היסכייוועסנ געפאָדערט ספעציעלע „קאָרבאָנעס" און „געשאנקענ" פאר גאָט, קלוימערשט אלס א דאנק פאר דער ערד און פאר דער גערעטעניש. פונ יעדנ פעלד האָבנ זיי געפאָדערט דעמ ערשטנ גארב, פונ יעדער סאָד און וויינגאָרטנ — די ערשטע פרוכטנ, פונעמ פי — דעמ ערשטנ צופרוכפער. און אויסער דעמ פלעגנ זיי אָפנ סאמע שטרענגסטנ אויפנ אכטונג געבנ, אז זייערע פויערימ זאָלנ פינקטלעכ אָפהיטנ אלע געבאָטנ פונ די קויהאנימ וועגנ יאָנטעוו־קאָרבאָנעס, וועגנ „לייטערונג־קאָרבאָנעס" און אלערליי אנדערע „קאָרבאָנעס". די קאָרבאָנעס האָבנ זיכ קלוימערשט געפאָדערט פאר גאָט, אָבער אויפעסנ פלעגנ זיי די קויהאנימ. און ווענ עס פלעגט זיכ טרעפנ, אז א פויער פלעגט ברענגענ דעמ געפאָדערטנ קאָרבנ נימ צו דער צייט, פלעגט עס פאררעכנט ווערנ פאר „א זינד", און פאר אזא „זינד" פלעגט אויסקומענ צו ברענגענ נאָכ א שטראָפ־קאָרבנ אויסער דעמ אָבלי־גאטערישנ קאָרבנ. „די קויהאנימ שפייזנ זיכ מיטנ פאָלקס „זינד" — פלעגט מענ זאָגנ אינ יִסראָעל.

51. די פעאָדאלע רעליגיע. די איצטיקע דינער פונ דער יִדישער־רעליגיע, די ראבאָנימ, זאָגנ, אז די יִדישע רעליגיע איז קלוימערשט גאָר א באזונדע־רע, וואָס איז נימ ענלעכ אפ די אנדערע רעליגיעס. בא אלע פעלקער — זאָגנ זיי — איז געווענ פיעלגעטעריי (אָדער פאָליטעיִזמ), ד. ה. א גלויבנ אינ דער עקזיסטענצ פונ פיל געטער. און בא יִדנ האָט קלוימערשט פונ סאמע אָנ־הייב אָנ עקזיסטירט אייִנגעטעריי (מאָנאָטעיִזמ), ד. ה. א גלויבנ נאָר אינ איינ גאָט. דעריבער איז די יִדישע רעליגיע קלוימערשט די סאמע פולקומ־סטע, די סאמע עמעסע רעליגיע אפ דער וועלט.

אָט די אלע רייד פונ די ראבאָנימ און קלייקוידעש — איז ליגנ און אָפנאַ־רעריי. אלע רעליגיעס זיינענ אלציינע, אלע זיינענ זיי אפ דורכ און דורכ־געדרונגענ מיט ליגנ און אָפנארעריי. און קיינ געטער, וויבאלד עס זאָלנ זיי נימ אָנצייִלנ די מענטשנ, וואָס גלייבנ אינ זיי, — איינער אָדער פיל, — עקזיסטירנ נימ, און זיי זיינענ א פראָדוקט פונ דער מענטשלעכער פאנטאזיע. דאָס זיינענ אויס־געטראכטע, און נימ קיינווירקלעכע וועזנס. אָבער די ראבאָנימ זאָגנ ליגנ און נארנ אָפ די יִדנ, ווענ זיי זאָגנ, אז די יִדישע רעליגיע איז נימ געווענ ענלעכ אפ אנדערע, ווייל די יִדנ זיינענ, קלוימערשט, פונ סאמע אָנהייב אָנ געווענ מאָנאָטעיִסטנ. דאָס איז נימ עמעס. די יִדישע רעליגיע איז געווענ פונקט אזא רעליגיע, ווי די רעליגיעס פונ אנדערע פעלקער. זי האָט דורכגעמאכט דעמ זעל־ביקנ וועג ווי אנדערע.

ווענ די יִסרעיילישע שוואָטימ האָבנ דעראָבערט קנאאנ האָט יעדער שייוועט געהאט זיינעמ א גאָט א באשיצער, פונ די פריִערדיקע טאָטעמישע געטער אָדער פונ די פריִערדיקע שטאמ־געטער — אורפאָטערס. אזוי, אשמייגער, האָט דער שייוועט יויסעפ געהאלטנ פאר זיינ גאָט דעמ באשיצער דעמ „אָקס יויסעפ". דער שייוועט יעהודע — דעמ „לייב יעהודע", דער שייוועט לייווי האָט זיכ אָנגערופנ נאָכ דעמ נאָמענ פונ זיינ גאָט לייווי, ד. ה. א שלאנג (לייווי — הייסט א שלאנג), און ווענ די יִסרעיילישע שוואָטימ האָבנ זיכ באזעצט אינ קנאאנ, און עס האָט זיכ דאָרטנ אויסגעבילדעט די פעאָדאלע אָרדענונג, איז אינ יעדנ פירשטנ־

טום געוועז זײַנ אייגענער גאָט א באשיצער. אזוינע פעאָדאלע געטער קען מען אָנצייכנ בא 15.

פון צווישן די דאָזיקע פעאָדאלע געטער האָבן די קויהאנים פון עפראַים און יעהודע געשטרעבט אפן ערשטן אָרט ארויסרוקן די הויפּט־געטער פון זייערע רעזידענצן. די קיניגן פון עפראַים פלעגן ארויסרוקן דעם גאָט שומרוינ, וועלכער פלעגט זיך רופן אָדער יויסעפ אָדער שאַדײַ, און פלעגט ווי פריִער געצייכנט ווערן ווי אן אָקס; ער האָט קלוימערשט אויך געהאט א פרוי, די געטין אשיירא. און די קיניגן פון יעהודע פלעגן ארויסרוקן דעם גאָט פון יערושאָלאַיִם יאהווע אָדער יאהו (יהוה), וועלכער פלעגט אָפטמאָל, ווי פריִער, געמאָלט ווערן מיט א קאָפּ פון א לייב און וועלכער האָט קלוימערשט אויך געהאט א פרוי, די געטין אנאר. קעמפנדיק פאר דער פאראייניקונג פון פאלעסטינע, פלעגן די קיניגן פון עפראַים און יעהודע זיך סטארען צו ווירקן אויך מיט רעליגיעזע מיטלען. די קיניגן פון עפראַים פלעגן דערווײַזן, אז זייער גאָט האָט געהאָלפן די יִסרעיילים אײַנצונעמען קנאאן, און דעריבער דארף ער זיך רעכענען פאר דעם הויפּט־גאָט פון יִסראָעל, און די קיניגן פון עפראַים דארפן זײַן די קיניגן פון גאנצ יִסראָעל. און די קיניגן פון יעהודע פלעגן זאָגן דאָס זעלבע וועגן זייער גאָט יאהווע און פלעגן דערווײַזן, אז זיי דארפן זײַן די קיניגן פון גאנצ יִסראָעל. די קיניגן פלעגן העלפן די קויהאנים און די „נעוויִים“, וואָס האָבן געוואָלט צעשטערן די קולטן פון די געטער די קאָנקורענטן און פארגרעסערן זייערע אייגענע האכנאָסעס. אָבער די דאָזיקע גאנצע אגיטאציע פלעגט ״גיין פארלאָרן. בא דער פעאָדאלער אָרדענונג פלעגט שטענדיק עקזיסטירן און עס עקזיסטירט פאָליטעיִזם, ווײַל מענטשן שטעלן זיך שטענדיק פאָר זייערע געטער לויטן מוסטער פון זייערע פאָליטישע הארן: א סאך הערשער — א סאך געטער, איין קיניג — איין גאָט. פונדאנען איז צו זען, אז די יידישע רעליגיע איז, גלײַך ווי אנדערע רעליגיעס, לעכאטכילע געוועזן א טאָטעמישע רעליגיע, שפּעטער א שטאמישע און א שייוועט־רעליגיע פון פירער, אורפאָטער, און דערנאָך א פעאָדאלע רעליגיע.

52. דער קלאסנקאמפּ אין יִסראָעל און יעהודע. אונטערן דרוק פון דער פעאָדאלער עקספּלואטאציע האָט דאָס פויערטום ביסלעכווײַז אָנגעהויבן פארלירן די פרײַהײַט און פארשקלאַפט ווערן. די מילכאָמעס פלעגן רוינירן די פויערשע ווירטשאפט, די פויערים פלעגן ארײַנקריכן אין כויוועס און זײַן געצוווּנגען צו „פארקויפן“ זיך פאר קנעכט איבער זייערע כויוועס. עמעס, עס איז געוועזן אן אַלטער מינהעג, אז פארשקלאפנדיקע ארבעט פאר כויוועס קאָן זיין נאָר אפ 6 יאָר, און אפן זיבעטן יאָר דארפ באקומען דער באַלכויוו זײַן פרײַהײַט, אָבער די פעאָדאלן פלעגן דעם דאָזיקן מינהעג ניט היטן, און אין IX יאָרהונדערט איז שוין די פארשקלאפונג פאר כויוועס געוואָרן אן אייביקע און א יערושעדיקע. און פונעם IX יאָרהונדערט האָט זיך אפ די פויערים אָנגערוקט א נײַע צאָרע. צו דער צײַט זײַנען יערושאָלאַיִם און שומרוינ, די הויפּט־שטאָט פון עפראַים, און אנדערע גרעסערע פירשטלעכע און פריסטערשע רעזידענצן ארומגעוואקסן געוואָרן מיט סאָכרישע און האנטווערקערישע פאָרשטעטלעך און זײַנען פארוואנדלט געוואָרן אין האנדל־צענטרען. עס האָבן זיך באוויזן מערק אפ אָפּזעצן ברויט,

און די פעאָדאלנ האָבנ אָנגעהויבנ שטרעבנ צו פארברייטערנ זייערע באזיצנ, קע־ דיי צו האָבנ מערער ברויט אפ פארקויפנ. זיי האָבנ אָנגעהויבנ פארכאפנ די פוי־ ערשע פעלדער. „עס פארווילט זיכ זיי די פעלדער און זיי פארכאפנ זיי". די פויערימ פלעגנ פרובירנ אָנקלאָגנ אינ געריכט. אָבער די ריכטער זײַנען געווענ פונ די זעלביקע פעאָדאלנ. זיי פלעגנ מישפּעטנ „קרומ דעמ גלײַכנ איניענ" פונ פויערימ און אָרעמע און פלעגנ העלפנ די פעאָדאלע רויבער „צו בארויבעווענ דאָס פאָלק". קרעכצנ האָבנ זיכ געגומענ הערנ אינ יִסראָעל און יעהודע. די פויערימ פלעגנ שילטנ דעמ קיניג, די פעאָדאלנ און די קויהאנימ, וואָס האָבנ פארגעסנ „אפ רעכט און עמעס", וואָס באשטימענ אינ זייערע געזעצנ און אור־ טיילנ „שווערנ צאר אָנ א סאָפ"—און וואָס „פארגיסנ בלוט ווי וואסער".

די פארערדלאָזיקטע און פארשקלאפטע פויערימ האָבנ אינ IX יאָרהונדערט אָנגעהויבנ אנ אײַנגעשפּארטנ און פארביטערטנ קאמפ קעגנ זייערע אונטערדריקער. די מער אומקאָמפּראָמיסלעכע און דרייסטע פלעגנ אנטלויפנ אינ די בערג און געדיכטע וועלדער און פלעגנ דאָרטנ ווארטנ אפ א געלעגנהײַט אראָפּצונידערנ אינ די טאָלנ און אופהייבנ אנ אופשטאנד קעגנ די אונטערדריקער. די פויערשע לאָזונגענ זײַנענ געווענ פּאָשעטע: כאָרעוו מאכנ די פאלאצנ, טעמפלענ און טורעמס. פארברענענדי „פארבלוטיקטע שטיוול" פונ די פעאָדאלנ און זיי אלײנ, זייערע פרויענ און קינדער פארניכטנ. פארניכטנ די קיניגלעכע מאכט און אײַנשטעלנ א פויערשע מעלוכע, ווו עס וועט זײַנ עמעס, שאָלעמ און גע־ פארלאָזיקײַט. די פירער פונ רעוואָליוציאָנערנ פויערטומ, די „ווידערשפעניקע" אינ יִסראָעל, פלעגנ זיכ אָפט צונויפריידנ מיט די שכײנישע פיציכטלערישע שוואָ־ טימ און מיט זייער הילפ פלעגנ זיי אפילע אָפּטמאָל אָפּהאלטנ א ניצאָכנ—פלעגנ אראָפּוואַרפנ די קיניגנ און אוועקזעצנ נײַע. אָבער די נײַע קיניגנ פלעגנ, פאר־ שטייט זיכ, באלד פאראטנ די פויערשע זאכ און די פויערשע פארשקלאפונג פלעגט זיכ ווידער באנײַענ.

53. די רעליגיע אינ קאמפ קעגנ דער פויערישער רעוואָליוציע.

די פירשטנ און קויהאנימ פלעגנ זיכ פרווונ אָפּצוהאלטנ די פויערימ פונ אופשטאנדנ, לאָזנדיק אינ גאנג די רעליגיעזע פארדולעניש. זיי פלעגנ שיקנ אינ דער סוויווע פונ די פויערימ די אזויגערופענע „נעוויִימ", אזוינע פריידיקער, וואָס פלעגנ פארזי־ כערנ, אז צײַטנווײַז קומט אפ זיי קלוימערשט אָנ דער „גײַסט" פונ גאָט אלײנ (דער „רועכ האקוידעש") און דערציילנ זיי וועגנ גאָטס ווילנ. די „נעוויִימ" פלעגנ די קי־ ניגנ האלטנ בא זיכ אינ זייערע פאלאצנ און פלעגנ פונ זיי פאָדערנ, אז אינ שווע־ רע מאָמענטנ זאָלנ זיי געבנ זיי אייצעס פונ „גאָטס גײַסט". און ווענ עס פלעגנ זיכ אָנהייבנ פויערשע אומרוענ פלעגט מענ דאנ די „נעוויִימ" שיקנ אינ די דערפער, אז זיי זאָלנ פונ גאָטס נאָמענ בארויִקנ די פויערימ.

די נעוויִימ פלעגנ געוויינלעכ זאָגנ די פויערימ, אז די אָנקלאגעס און קרעכצנ פונ די פויערימ זײַנענ צו גאָט דערגאנגענ און אז איניגיכנ וועט גאָט שיקנ אנ אויס־ לייזער, מע דארפ נאָר אפ אימ ווארטנ רויִק און אויספילנ אלע געבאָטנ פונ די קויהאנימ, קעדיי די גאָטער זאָלנ ניט דערצאָרנט ווערנ און זאָלנ ניט נעמענ צוריק זיי־ ער באשלוס צו שיקנ אנ אויסלייזער. דעמ דאָזיקנ אויסלייזער פלעגנ די נעוויִימ געוויינלעכ שילדערנ ווי א קיניג, וואָס איז בא־

ליבט בא די געטער. אינ דער צווייטער העלפט פונעם VIII יאָר-הונדערט האָט מיט אזעלכע האפטאָכעס געפרואווט אָפּווענדנ די פויערימ פונ קלאסנקאמפ דער דעמלטיקער באַרימטער יע-הודישער נאָווי יעשײַע. ער פלעגט פארזיכערנ, אז דער קיניג דער אויס-לייזער איז שוינ געבוירנ געוואָרנ; און ווענ דער דאָזיקער קיניג וועט אויסוואקסנ און וועט זיכ אוועקזעצנ אפ דאָווידס האמײלעכס טראָנ, וועט ער אפ אייביק אײַנ-שטעלנ שאָלעמ, רעכט און עמעס, ער וועט פארניכטנ די פארהאסטע פאנשטשינע. ער וועט געבנ דעמ גאנצנ פאָלק פארנאָסע. דאנ וועלנ אויכ אלע פירשטנ ווערנ גע-רעכטיקע און גנעדיקע, זיי וועלנ זײַנ ווי פאָטערס פאר זייערע פויערימ. יעשײַע פלעגט צוגעבנ, אז איצט דארפ מענ ניט מאכנ קיינ אומרוענ, מע דארפ ניט מאכנ קיינ אופשטאנדנ, נאָר פרייענ זיכ דארפ מענ, מע דארפ פײַערנ די געבורט פונעם קינפטיקנ קיניג מיט אזא פרייד, ווי מע פײַערט דעמ אראָפנעמ פונ א גוטער גערע-טעניש.

די קויהאנימ פלעגנ העלפנ די נעוויִימ, זיי פלעגנ אָנשרעקנ די פויערימ מיט גאָטס שטראָפנ. זיי פלעגנ שטענדיק טײַנענ, אז די ערד איז פונ גאָט. דער גאָט יא-הווע האָט קלוימערשט געהאָלפנ אײַנצונעמענ די דאָזיקע ערד, אז ער האָט געוואָרפנ שטיינער פונ הימל אפ די קנאאנימ, ווענ עס האָבנ מיט זיי מילכאָמע געהאלטנ די בעניי-ייִסראָעל, אז ער האָט אפילע געשיקט זײַנ הימליש מיליטער צו העלפנ דעמ פאָלק ייִסראָעל. אָבער דערפאר פאָדערט גאָט פונ פאָלק, אז דאָס פאָלק זאָל היטנ די רעליגיעזע געבאָטנ, אז עס זאָל הערנ, וואָס די קויהאנימ זאָגנ און זאָל פאָלגנ די קיניגנ, וואָס זײַנענ קלוימערשט אוועקגעזעצט געוואָרנ אפנ טראָנ פונ גאָט אליינ. און אויב דאָס פאָלק וועט ניט פאָלגנ די קיניגנ און די קוי-האנימ און וועט ניט אָפּהיטנ די געבאָטנ, וועט יאהווע אָפּנע-מענ באמ פאָלק די ערד און וועט אָנשיקנ אפנ פאָלק ייִסראָעל דעמ אסירישנ קיניג, וועלכער וועט מאכנ דאָס פאָלק ייִסראָעל פאר קנעכט.

די דאָזיקע צוזאָגענישנ פונ די נעוויִימ און דראָונגענ פונ די קויהאנימ האָבנ ניט געקאָנט אָפּשטעלנ די פויערשע באוועגונג און זי האָט זיכ מיט דער צײַט אלצ מער און מער צעפלאקערט. די פויערשע אופשטאנדנ האָבנ אומגעהייער אָפּגעשוואכט די קיניגנ פונ עפראיִמ און יעהודע, און ענדע VIII יאָרהונדערט ביז אונדזער ערע האָבנ די אסירער אָנ קיינ שום מי דעראָבערט ביידע קיניגרײַכנ. דאָס קיניגרײַכ פונ עפראיִמ איז אינגאנצנ פארניכטעט געוואָרנ; דער גרעסטער טייל פונ זײַנ באפעלקע-רונג איז אָדער פארוואנדלט געוואָרנ אינ קנעכט, אָדער פארטריבנ געוואָרנ, און אפ איר אָרט זײַנענ באזעצט געוואָרנ אסירישע קאָלאָניסטנ. דער קיניג פונ יעהודע איז פארבליבנ, אָבער ער האָט זיכ אנערקענט פאר אנ אונטערטאנ פונעם אסירישנ קיניג און האָט זיכ פארפליכטעט צו צאָלנ אימ צינז. דאָס יעהודישע קיניגרײַכ איז ליקווי-דירט געוואָרנ פונעם באָווילישנ קיניג נעווווכאדנעצאר. נעווווכאדנעצאר האָט כאָרעוו געמאכט יערושאָלאיִמ און האָט גענומענ אינ געפענקעניש דעמ גאנצנ יעהודישנ פעאָ-דאלנ, פריסטערשנ און סאָכרישנ אויבערשיכט. די פויערימ זײַנענ פארבליבנ אפ זיי-ערע ערדנ, נאָר האָבנ באקומענ נײַע הארנ אינ געשטאלט פונ די כאלדייִשע מילי-טער-לײַט, וואָס נעווווכאדנעצאר האָט זיי צעטיילט די ערד אינ יעהודע.

54. די כאלדייִשע און די פערסישע קיניגרײַכנ. דאָס כאלדייִשע

קיניגרײַך האָט עקזיסטירט אינגאנצן ארום 90 יאָר, ארום 540-טן יאָר האָט זיך פון איראַן א לאַנד געטאָן אין מעסאָפּאָטאמיע אן אנדער דאָרטיקער שײַוועט, די פּערסן. אין יאָר 537 האָט דער פּערסישער קיניג קירוס (קוירעש) אײַנגענומען גאנץ מעסאָפּאָטאמיע, קליין-אזיע, סיריע און פּאלעסטינע. שפּעטער האָט ער אויך אײַנגענומען עגיפּטן. אַף אזא אויפן האָבן זיך אלע לענדער פון דעם אוראלטן מיזרעך פאראייניקט אין איין גרויסער מעלוכע.

דאָס כאלדייִשע און דאָס פּערסישע קיניגרײַכן זײַנען אויך געווען פּונקט אַזוינע מיליטעריש-פעאָדאלע דעספּאָטיעס ווי אסיריע. אָבער די קיניגן האָבן זיך געשטיצט ניט אַף געדונגענעם מיליטער, נאָר אַף זייערע מיליטערישע קאָלאָניעס, וואָס זיי האָבן אָרגאניזירט אין אלע געגנטן פון זייערע קיניגרײַכן, אַף די ערדן, וואָס זײַנען אָפּגענומען געוואָרן בא די באַזיגטע פעלקער. אָבער גלײַכצײַטיק פלעגן די כאלדייִשע און פּערסישע קיניגן צעשענקען די ערד פון די באַזיגטע אויך זייערע אייגענע הויכע באַאמטע, פּירשטן און טעמפּלען. די פּויערים, וואָס זײַנען געזעסן אַף די צעשענקטע ערדן, זײַנען פארוואנדלט געוואָרן אין לײַבייגענע פון די נײַע ערדבאַזיצער.

פון די הויכע באַאמטע און פּירשטן פלעגן די פּערסישע קיניגן באַשטימען גובערנאַטאָרן (סאַטראַפּן) פון די געגנטן. די סאַטראַפּן פלעגן זאַמלען טשינשן פון דער באַפעלקערונג ניט נאָר אין דער מעלוכישער קאַסע, נאָר אויך אַף אונטערהאלטן דאָס מיליטער און פאַר זיך גופע. אַף אזא אויפן זײַנען די באַזיגטע געגנטן געוואָרן פאַר די כאלדייִשע און פּערסישע פעאָדאלן אן אָביעקט פון סאַמער אכזאָריעסדיקער עקספּלואַטאַציע.

די פּערסישע קיניגן האָבן געשטרעבט צו געפינען שטיצע אויך באַם פּריסטערטום פון אלע לענדער און פעלקער פון זייער קיניגרײַך. זיי פלעגן פאַרמערן די ערד פון די טעמפּלען און געבן די פּריסטערס גרויסע להאָטעס. דערפאַר האָבן די פּריסטערס פון אלע געטער אינעם גאַנצן פּערסישן קיניגרײַך דערקלערט דעם פּערסישן קיניג קירוס און זײַן דינאַסטיע אלס אויסדערוויילטע און פאָרטרעטער פון די געטער, זיי האָבן געבראַכט קאָרבאָנעס פאַר די קיניגן און האָבן געפּריידיקט יעדערער צווישן זײַן פאָלק געהאָרכזאַמקייט צום קיניג ווי צו די געטער אליין.

די פּערסישע קיניגן האָבן דערלויבט די פּירשטן און קויהאַנים פון יעהודע צוריקקערן זיך קיין יעהודע און האָבן זיי דאָרטן געגעבן ערד. רעגירן יעהודע האָבן זיי איבערגעגעבן דעם הויפּט-פּריסטער (קויהען גאָדל פון דעם טעמפּל (בייסאַמיקדעש) אין יערושאָלאַיִם, וועלכער איז פונדאָסנײַ אויפגעבויט געוואָרן. לויט דער ביטע פון די קויהאַנים אין יערושאָלאַיִם האָט דער פּערסישער קיניג באַשטעטיקט אלס זאַמלונג פון די געזעצן פאַר יעהודע „מוישעס טוירע". דעם דאָזיקן בוך האָבן צונויפגעשטעלט די קויהאַנים און געלערנטע, זיי האָבן אים צוגעשריבן א לעגענדאַרישן אוראַלטן „נאָווי" מוישען („מוישע ראַביינו"), וועלכער האָט קלוימערשט געלעבט נאָך פאַר דער איבערוואַנדערונג קיין קנאַאַן און איז געווען דער פּירער פונעם פאָלק ייִסראָעל אין דער צײַט, ווען עס האָט געוואַנדערט אינעם מידבער. אין „מוישעס טוירע" האָבן די קויהאַנים

אײַנגעשלאָסן אלע געבאָטן, מינהאָגים און באשטימונגען, וואָס האָבן באוואָרנט פאר זיי די מאכט איבער דער ארבעטנדיקער באפעלקערונג אין יעהודע און דאָס רעכט אויסצופאָמפען פון איר קאָלערליי האכנאָסעס. די ארבעטנדיקע אין יעהודע פלעגן זאָגן, אז די קויהאנים האָבן אפ זיי ארופגעוואָרפן „דעם יאָך פון געזעץ". ווען די פויערים האָבן געפרוווט קעמפן קעגן דעם דאָזיקן רויבערישן געזעץ, פלעגן די קויהאנים צוהילף קומען די פערסישע גארניזאָנען, וואָס זײַנען געשטאנען אין יעהודע. אָט אזוי איז מיט דער הילף פונעם פערסישן קיניג און פונעם פערסישן געווער געגרינדעט געוואָרן „די יעהודישע געמיינדע פון דעם צווייטן בייסאמיקדעש", ווו די קויהאנים האָבן אונטער דער רעליגיעזער פאָן אפן סאמע מיִעסטן און אכזאָריעסדיקן אויפן עקספלואטירט די ארבעטנדיקע. און פארן קיניג פלעגן זיי מיספאלעל זײַן און ברענגען קאָרבאָנעס, ווײַל ער איז געווען זייער באשיצער און זשאנדארם.

פון באָוועל האָבן זיך צוריקגעקערט ווײַט ניט אלע געפאנגענע יעהודיער. פיל יעהודישע סאָכרים און האנטווערקער זײַנען פארבליבן אין באָוועל, פיל פון זיי האָבן דאָרטן איבערגעוואנדערט אין אנדערע גרעסערע שטעט פונעם פערסישן קיניגרײַך. אזוי האָט זיך אָנגעהויבן די יעהודישע „צעזייטקייט און צעשפרייטקייט" („גאָלעס"). די יעהודער, וואָס זײַנען ארײַנגעפאלן אין „גאָלעס", פלעגן רעכענען פאר זייער רעליגיעזן צענטער יערושאָלאיִם. פלעגן אהין שיקן רעגולערע אָפצאָלן, פלעגן שיקן דעלעגאציעס קיין יערושאָלאיִם אפ די גרויסע יאָנטויווים. די דאָזיקע דעלעגאציעס, וואָס פלעגן זיך צונויפזאמלען אין יערושאָלאיִם, פלעגן זיך דאָרטן בעראטן וועגן זייערע האנדל-געשעפטן, פלעגן דאָרטן שליסן האנדל-אָפמאכן, באקומען האלוואָעס פון דער בייסאמיקדעש-קאסע און אײַנשטעלן פרײַזן אפ סכוירעס. אפ אזא אופן איז די יערושאָלאיִמער רעליגיעזע אָרגאניזאציע געוואָרן א געצײַג צו בארײַכערן די גרויסע יעהודישע סאָכרים. די יעהודישע רעליגיע איז געווען פונקט אזא עקספלואטאטערישע רעליגיע, ווי אלע אנדערע.

די פערסישע קיניגן האָבן אין זייערע שאץ-קאמערן אָנגעקליבן קאָלאָסאלע פאר יענער צײַט רעזערוון גאָלד, וואָס פלעגן אָנקומען צו זיי אלס טאמאָזשנע-אָפצאָל און טשינש. זיי האָבן אליין געפירט א האנדל און האָבן געשטיצט דעם האנדל. פאר די באָווילישע שטעט האָבן זיי אײַנגעהיט די פריִערדיקע פריווילעגיעס, אָפגערעמאָנטירט און פארבעסערט די אלטע אסירישע וועגן און דורכגעפירט נײַע, זיי האָבן אפילע געפרוווט אויסגראָבן א קאנאל צווישן דעם מויל פונעם נילוס און דעם רויטן יאם (יאמסוף).

פאר די כאלדיישע און פערסישע קיניגן איז באָוועל געוואָרן דער האנדל- און קולטור-צענטער פון דער גאנצער מיזרעכישער וועלט. די שטאָט איז רײַך געוואָרן און איז זיך צעוואקסן. די באפעלקערונג אירע האָט דערגרייכט ביז 500.000 אײַנוווינער. דער סאמע שטארקסטער פון די כאלדיישע קיניגן, נעוווכאדנעצאר, האָט אפדאָסנײַ איבערגעבויט דעם גאנצן צענטראלן טייל פון דער שטאָט, אלע פאלאצן און טעמפלען. די גאסן אין צענטער שטאָט זײַנען געווען אויסגעברוקירט און די ברעגן פונעם טײַך זײַנען געווען אויסגעלייגט מיט גראניט. פאר זײַן פרוי, דער מידיישער פרינצעסן, וואָס האָט אין דעם אָנוואלדיקן באָוועל געבענקט נאָך די בארג-וועל-

דער פון איר היימלאנד, האָט נעווּוכאדנעצאר אין דער אומגעגנט פון באָוועל אָנגעשאָטן קינסטלעכע בערג און האָט זיי פארזעצט מיט ביימער. אָט די בערג האָט מען אָנגערופן הענגענדיקע סעדער. אָט די אלע גראנדיעזע אײַנריכטונגען זײַנען דורכגעפירט געוואָרן דורך די פויערים אין אָרדענונג פון קיניגלעכער פאנשטשינע. באָוועל האָט זיך גערעכנט פאר דעם „וואונדער פון דער וועלט" און פלעגט צוציִען פיל רײַזנדע.

● דער פינאנץ-צענטער פון באָוועל און נאָכדעם פון פערסיע איז פאר דער צײַט פון די כאלדייִשע קיניגן געוואָרן דאָס באָווּלישע באנק-הויז עגיבי. אויסער וווּכער-אָפּעראציעס פלעגט זיך עגיבי לאָזן אפ די סאמע פארשיידנארטיקסטע ספעקוליאציעס. ער האָט גענומען אפ פאכט די קיניגלעכע שטײַערן, האָט ארענדירט בא די קיניגן די גרעסטע קאנאלן און האָט געבויט נײַע, האָט געהאט גרויסע האכנאָסעס פון באנוצן וואסער פון די קאנאלן. עגיבי האָט אויך אָרגאניזירט גרויסע ווארשטאטן, אין וועלכע עס פלעגן ארבעטן קנעכט. זיי פלעגן אויך ארבעטן לײַנענע און וואָלענע געוועבן, וואָס פלעגן פארקויפט ווערן אינעם גאנצן קיניגרײַך. א צווייט גרויס באנק-הויז, מוראשו, האָט זיך געגרינדעט פאר די פערסן אין ניפור. עגיבי און מוראשו האָבן אָפּגערוקט אפן צווייטן פלאן די אלטע לײַקאסעס פון די טעמפּלען.

אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פלעגן עפענען ניט נאָר די באנקירן, נאָר אויך די פּריסטערס און די גרויסע סאָכרים. די לעצטע האָבן דאָסראָוו ניט געבויט קיין אייגענע ווארשטאטן, נאָר זיי פלעגן פאנאנדערגעבן רויוואַרג די האנטווערקער אהיים. אפ אזא אויפן זײַנען אויך די האנטווערקער אין באָוועל ארײַנגעפאלן אין קנעכטשאפט בא דעם גרויסן קאפּיטאל. ●

די באדײַטונג פון א פינאנציעלן, האנדלשן און קולטורעלן צענטער האָט באָוועל פארהיט ביזן פאלן פון דער פערסישער מעלוכע. ארום 330־טן יאָר ביז אונדזער ערע איז די פערסישע מעלוכע אײַנגענומען געוואָרן פון די גריכן, און דעמלט איז דער האנדל־קאפּיטאל פון באָוועל געווען געצוווּנגען אָפּצוטרעטן דאָס ערשטע אָרט דעם גריכישן.

● 55. די קולטור פון באָוועל און איר ווירקונג. זײַענדיק א האנדל-און פינאנץ-צענטער פון דער מיזרעכ-וועלט, האָט באָוועל אומעטום פארשפרייט אויך זײַן קולטורעלע ווירקונג.

ברייט איז פארשפרייט געוואָרן די שריפט-סיסטעם פון באָוועל. אויסער די אסירער האָבן זי אויך אָנגענומען אייניקע פעלקער פון קליינאזיע און פון דער הײַנטיקער ארמעניע, אזוי אויך די פערסן. די שריפט-סיסטעם איז נאָך צונויפגעשטעלט געוואָרן פון די שומערן. מאטעריאל פאר שריפט האָבן געדינט ליימענע טאָוולען. אפ א רויען טאָוול פלעגן אויסגעקוועטשט ווערן מיט א ספּעציעלן שטעקעלע קלינארטיקע צייכנס, נאָכדעם פלעגט מען דעם אָנגעשריבענעם טאָוול ארומברענען און ער פלעגט ווערן הארט ווי א שטיין. צענדליקער טויזנטער אזוינע ליימענע דאָקומענטן האָבן די ארכעאָלאָגן געפונען בא די אויסגראָבונגען. מוסטערן פון זיי קאָנט איר זען אין מאָסקווער קונסט-מוזיי און אין לענינגראדער ערמיטאזש.

די צייכנס פונעם שומערישן שריפט האָבן לעכאטכילע געהאט א פאָרם פון געמעלן און זײַנען געווען אידעאָגראמעס, ד. ה. יעדער צייכן האָט באטײַט

א באַשטימט וואָרט — „מענטש", „וואַסער", „זאַנג", „שטערנ" א. א. וו. מיט דער צײַט האָבנ די שומערישע צייכנס פאַרלאָרנ די געמעל-פאָרם און זײַנען געוואָרנ קלינאַרטיק (געמעל 28). עס האָט זיכ אויכ געענדערט זייער באַטײַט. א טייל צייכנס האָט פאַרהיט דעם באַטײַט פונ אידעאָגראַמעס, אייניקע צייכנס האָבנ געקראָגנ דעם באַטײַט פונ בוכשטאַבנ, אָבער דער גרעסטער טייל האָט באַקומענ א טראַפּ-באַטײַט. אַזא אויפבּ איז די סיסטעמ פונ דעמ באַוועל-שריפט געווענ זייער א קאָמפּליצירטע און צייכנס האָט זי געהאַט איבער א הונדערט. אויסלערנענ זיכ דעמ דאָזיקנ שריפט איז געווענ א שווערע זאַכ. מע האָט געלערנט לויט ספּעציעלע טאַבעלנ, ווו אינ איינ שפּאַלט זײַנען געווענ אידעאָגראַפישע צייכנס און אינעם צווייטנ — זייער דערקלערונג מיט ווערטער און מיט בוכשטאַב-צייכנס. די דאָזיקע טאַבעלעס האָבנ טאַקע געהאָלפנ די געלערנטע פאַנאַנדערשיפרירנ דעמ קלינאַרטיקנ שריפט.



געמעל 28. וויאַזוי דער קלינאַרטיקער שריפט האָט זיכ אנטוויקלט פונ אנ אידעאָגראַמע

אינאיינעמ מיט די סכוירעס און מיט די האַנדל-זיטנ האָט זיכ פונ באַוועל פאַרשפּרייט איבער דעמ גאַנצנ פּערסישנ קיניגרײַכ די באַווילישע וואָג-סיסטעמ: שעקעל ($8^1/_2$ גראַם), מינא — באַטרעפט 60 שקאָלים, און טאַלאַנט — 60 מינעס. בײַ די פּערסנ האָבנ די דאָזיקע סיסטעמ איבערגענומענ די גריכנ, זי פלעגט באַנוצט ווערנ אויכ בײַ געלט-כעזשבּוינעס.

אייניקע קולטור-דערגרייכונגענ פונ די באַווילער האָבנ געהאַט נאָכ א ברייטערע און דויערהאַפטערע ווירקונג און אינ א פאַרענדערטער פאָרמ עקזיסטירנ זיי נאָכ ביז אונדזער צײַט. אַהער געהער קודעמקאָל די צײַט-רעכענונג. דער הײַנטיקער קאַלענדאַר פונ 12 כאָדאָשימ, מיט וועלכנ מע באַנוצט זיכ אינ דער גאַנצער וועלט, פירט זײַנ אָפּשטאַמונג פונעמ באַווילישנ קאַלענדאַר. אימ האָבנ איבערגענומענ פונ מיזרעכ די רוימער, און פונ די רוימער איז ער איבערגעגאַנגענ צו די איבעריקע אייראָפּייִשע פעלקער. די רוימער האָבנ איבערגענומענ בײַ די באַווילער אויכ די 7-טאָגיקע וואָכ אינאיינעמ מיט די נעמענ פונ די טעג אינ וואָכ, און פונ די רוימער איז די 7-טאָגיקע וואָכ איבערגעגאַנגענ צו די איבעריקע אייראָפּייִשע פעלקער. די הײַנטצײַטיקע דײַטשישע, פראַנצויזישע און ענגלישע נעמענ פונ די טעג אינ וואָכ זײַנענ אַנ איבערזעצונג פונ די באַוויליש-רוימישע נעמענ. ענדלעכ, האָבנ אויכ די צעטיילונג פונעמ מעסלעט אפ 12 דאָפּל-שאָענ (12 שאָ טאָג און 12 שאָ נאַכט) די אייראָפּייער איבערגענומענ בײַ די באַווילער, דורכ די רוימער און גריכנ.

די באַווילישע פּריסטערס האָבנ אונטערגעלייגט דעמ יעסאָד

פון דער אסטראָנאָמיע, די וויסנשאַפט וועגן דער באַוועגונג פון די הימלישע קערפּערס. זיי האָבן געהאַלטן, אַז אַף די פּלאַנעטעס און אַף די שטערן לעבן געטער, און אויב מע קוקט נאָך נאָך דער באַוועגונג פון די פּלאַנעטעס און פון די שטערן, קאָן מען זיך דערוויסן דעם ווילן פון די געטער און פאָרויסזאָגן דעם גורל פון מענטשן, פעלקער און לענדער און קיניגרײַכן. פאַר זייערע באַאָבאַכטונגען האָבן די פּריסטערס געבויט טעמפּלען פון אַ ספּעציעלער פאָרם, די אויגערופענע זיקוראַטן. די דאָזיקע טעמפּלען זײַנען געווען זיבנשטאָקיקע, אין דער הייך האָבן זיי זיך פאַרשמעלערט, און אַף זייער



געמעל 29. זיקוראַט (ענלילס טעמפּל אין ניפּור).

דאַך פלעגן אײַנגעאָרדנט ווערן אָבסערוואַטאָריעס (געמעל 29). פאַרשטייט זיך, אַז דאָס טרעפן דעם גורל לויט די שטערן איז געווען אַ נאַרישקײַט, ווײַל קיינע געטער זײַנען ניטאָ, און די באַוועגונג פון די שטערן קאָן קיין שום ווירקונג אַפן גורל פון מענטשן ניט האָבן. אָבער גלײַכצײַטיק מיט אָט די אומגעלומפּערטע באַאָבאַכטונגען און אויספירן האָבן די פּריסטערס אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן געמאַכט אויך די ערשטע ריכטיקע אסטראָנאָמישע באַאָבאַכטונגען און אויספירן.

די באַבילישע פּריסטערס האָבן פון דער צאָל שטערן אויסגעטיילט פינף פּלאַנעטעס, וועלכע מע קאָן זען מיטן פּאָשעטן אויג (מערקור, ווענערע, מאַרס, יופּיטער און סאַטורן) און האָבן אומגעפער אויסגערעכנט דעם דויער פון זייערע קרײַז-באַוועגונגען (אָרביטעס) איבערן הימל. די איבעריקע אַזוי-גערופענע אומבאַוועגלעכע שטערן האָבן זיי אײַנגעטיילט אין גרופּעס פון די אַזוי-גערופענע געשטערנס און האָבן זיי געגעבן נעמען. די פּריסטערס האָבן אויך באַמערקט, אַז ליקעכאמע און ליקעלעוואָנע קומען פאָר פּעריאָדיש און האָבן זיך אויסגעלערנט זיי פאָרויסזאָגן מיט אַ פּינקטלעכקײַט ביז 4-5 טעג. דעם דויער פונעם יאָר האָבן זיי אויסגערעכנט אין 365 טעג, אין עסקעם מיטן דויער פון דער זעבאַרער יאָריקער באַוועגונג פון דער זון איבערן הימל. אָט די אַלע און אײַניקע אַנדערע דערגרייכונגען האָבן באַ די באַוו-

לער איבערגענומענ די גריכישע אסטראָנאָמענ, בא די גריכנ האָבנ זיי איבערגענומענ די אראבישע אסטראָנאָמענ, און בא די אראבער — די מײַרעוו-אײראָפּײִשע געלערנטע.

נאָר צוגלײַכ מיט די דאָזיקע ריכטיקע אכטגעבונגענ און אויספירנ האָבנ די באָווילישע פּריסטערס געהאט פיל לאכלוטנ ניט ריכטיקע פאָרשטעלונגענ. זיי זײַנענ געווענ איבערצײַגט, אז די זונ באוועגט זיכ יעדנ טאָג איבערנ הימל און די ערד איז אומבאוועגלעכ; דעם בלויענ הימל-קאָליר האָבנ זיי דערקלערט דערמיט, וואָס אפנ הימל איז קלוימערשט פאראנ אנ אייגענער יאם, וועלכער גיסט זיכ קלוימערשט צונויפ אפנ האָריזאָנט מיטנ ערדישנ יאם. די ערד האָבנ זיי זיכ פאָרגעשטעלט אינ דער פאָרמ פונ א הויכנ בארגיקנ אינדזל אינ מיטנ וועלט-אָקעאנ. די דאָזיקע ניט-ריכטיקע פאָרשטעלונגענ האָבנ געשטאמט דערפונ, וואָס די באָווילער האָבנ ניט געוווּסט פונ קיינ אנדערע לענדער, אויסער די שכײנעסדיקע, און האָבנ געהאלטנ, אז דערמיט ענדיקט זיכ די וועלט. און אפ אסטראָנאָמישע באָבאכטונגענ זײַנענ בא זיי ניט געווענ אזעלכע פּינקטלעכע אינסטרומענטנ, ווי די, וואָס עקזיסטירנ איצטער.

אפ אזא אויפנ איז, האגאם דאָס באָווילישע און פּערסישע קיניגרײַכנ זײַנענ צעשטערט געוואָרנ, איז אָבער די קולטור פונ באָווּעל ניט אומגעקומענ אינגאנצנ און אָנ א שומ נוצנ פאר אנדערע פעלקער. עס זײַנענ פאראנ אײניקע קולטור-פעדעמ, וואָס פארבינדנ אונדזערע הײַנטצײַטיקע פּראקטיק און קולטור מיט די ווײַטע צײַטנ פונ דער געשיכטע פונ מעסאָפּאָטאמיע.

●

3. עגיפּעט

56. דינאטור פונ עגיפּעט. עגיפּעט שטעלט מיט זיכ פאָר א שמאָלנ טאָל פונעמ טײַכ נילוס, אינגאנצנ פונ 15 ביז 25 קילאָמעטער די ברייט. אפ דער מיזרעכדיקער און מײַרעווודיקער זײַט פונ דעמ דאָזיקנ טאָל הייבנ זיכ בערג. די מײַרעוודיקע בערג טיילנ עגיפּעט אָפּ פונ דעמ מידבער סאהארע, וועלכער האָט זיכ אינ אוראלט גערופנ ליוויע. און הינטער די מיזרעכדיקע בערג ציִענ זיכ די ברעגנ פונעמ רויטנ יאמ.

עגיפּעט איז ווי אנ אָאזיס אפנ ראנד פונ א מידבער. קיינ רעגנס איז דאָרט קיינמאָל ניטאָ, און אויב עס פאלט אומגעריכט א רעגנ, איז, פּונקט ווי פארצײַטנ, רעכנט עס זיכ אויכ איצט פאר א שלעכטנ סימענ.

דעריבער וואָלט עגיפּעט געווענ א פּרוכטלאָז לאנד, ווענ דער באָדנ זײַנער וואָלט ניט אָנגעטרונקענ און באמיסטיקט ווערנ דורכ די פארפלייצונגענ פונעמ נילוס. דאָס געוויסער הייבט זיכ דאָסראָוו אָנ אינ מיטנ יול און פארטרינקט דעמ גאנצנ טאָל פונ עגיפּעט. די שטעט און דערפער ווערנ פּונקט ווי אינדזלענ און דער פארקער צווישנ זיי קומט פאָר אָדער דורכ שמאָלע הרעבליעס (דאמבעס), אָדער אפ שיפלעכ. דאָס וואסער שטייט קימאט ביז נאָיאבער, נאָכדעמ הייבט עס אָנ אָפּפאלנ. אפנ באָדנ פארבלײַבט נאָכ דעמ, ווי עס פאלט אָפּ דאָס וואסער, דער אזויגערופענער שליימ-רעשט פונ די איבערגעפוילטע וואסער-געוויקסנ און חײַעס. דער דאָזיקער שליימ באמיסטיקט גוט דעמ באָדנ פונ עגיפּעט און מאכט אים אומגעווײנלעכ פּרוכטבאר.

אינ יאנוואר, ווענ דער נילוס גייט ענדגילטיק אריינ אינ זײַנע ברעגנ, הייבט מענ אָנ צו אקערנ אונ זייענ. די דאָזיקע ארבעטנ האלט מענ אינ עגיפּעט פאר גרינגע, ווײַל נאָכנ געוויסער איז דער באָדנ זייער א ווייכער, ווערט גרינג אופגעאקערט אונ איז שוינ באמיכטיקט פונ דעמ שליימ. די גערעטעניש אינ עגיפּעט זײַנענ סײַ אינ אוראלט געווענ אונ זײַנענ סײַ איצט דאָסראָוו גוטע. די אוראלטע עגיפּטער האָבנ פארשטאנענ די ווילטוענדיקע באדײַטונג פונ די פארפלייצונגענ פונעמ נילוס אונ האָבנ עגיפּעט גערופנ „געשאנק פונעמ נילוס", אונ דעמ נילוס גופע האָבנ זיי געהאלטנ פאר א גאָט, וועלכער גיט ברויט אונ לעבנ. עס איז פארשטענדלעכ, אז אינ עגיפּעט איז די הויפּט-באשעפ-



געמעל 30. ערדארבעט אינעמ אוראלטנ עגיפּעט.

טיקונג פונ דער באפעלקערונג שטענדיק געווענ אונ פארבלײַבט ערדארבעט. אינעמ אוראלטנ עגיפּעט האָט מענ געזייט ווייצ, גערשטנ אונ לײַנ (געמ. 30).

57. וואסער-אײַנריכטונגענ אונ די פארייניקונג פונ עגיפּעט.

פונקט ווי אינ מעסאָפּאָטאמיע, האָבנ די שטורמישע אונ דויערנדיקע פארפלייצונגענ פונעמ נילוס פאר זיכ גענומענ געקאָנט ברענגענ מער שאָדנ איידער נוצנ. דעריבער זײַנענ אינ עגיפּעט, פונקט ווי אינ מעסאָפּאָטאמיע, נאָכ פאר דעמ אויסבילדנ זיכ פונ דער פעאָדאלער אָרדענונג אופגעבויט געוואָרנ וואסער-אײַנריכטונגענ, קעדיי צו באשיצנ די הײַזער אונ אנדערע געבײַדעס פונ דער צעשטערנדיקער קראפט פונעמ וואסער אונ קעדיי צו פארהיטנ די רעזערוו וואסער אפ דער טרוקענער צײַט פונ יאָר.

עס זײַנענ אויסגעגראָבנ געוואָרנ גרויסע קינסטלעכע אָזערעס, וואָס פלעגנ אָנגעפילט ווערנ אינ דער צײַט פונ די פארפלייצונגענ מיט וואסער. פונעמ נילוס אונ פונ די אָזערעס זײַנענ דורכגעפירט געוואָרנ קאנאלנ צו די פעלדער אונ סעדער. אונ די הײַזער, פאלאצנ, טעמפּלענ אונ ווירטשאפטלעכע געבײַדעס פלעגט מענ אָדער בויענ אפ הויכע ערטער אָדער מע פלעגט זיי ארומרינגלענ מיט הרעבליעס, וואָס פלעגנ ניט דורכלאָזנ צו זיי קיינ וואסער.

די וואסער-אײַנריכטונגענ אינ עגיפּעט זײַנענ אויסגעבויט געוואָרנ פריִער, ווי פאר 5000 יאָר ביז אונדזער ערע. אינ יענע צײַטנ איז עגיפּעט צעטיילט געווענ אפ 30—40 באזונדערע ניט קיינ גרויסע געגנטנ. יעדע געגנט איז געווענ לויט איר

גרייס ניט גרעסער פונ אנ איצטיקנ גרויסנ ראטווירט אונ האָט זיכ אָנגערופנ אפנ נאָמענ פונ א באשטימטער כיה, וועלכע האָט זיכ גערעכנט פאר איר גאָט דעמ באשיצער. עס זײַנענ, צומ בײַשפּיל, געווענ געגנטנ פונ דעמ סאָקאָל, קראָקאָדיל, לייב, שואקאל, באראנ, קאַצ, פאוויאנ, סקאָרפּיאָנ א. א. וו. הייסט עס, די דאָזיקע געגנטנ האָבנ זיכ געבילדעט פונ די פריערדיקע טאָטעמישע קאָמונעס. די טאָטעמס זײַנענ איבערגעגאנגענ פונ יעגערײַ צו ערדארבעט, האָבנ זיכ פארוואנדלט אינ שטאמ-קאָמונעס אונ אינ דאָרפישע געמיינדעס, אונ דער אלטער נאָמענ איז פארבליבנ.

די וואסער-אײַנריכטונגענ זײַנענ אויסגעבויט געוואָרנ פונ אָט די דאָזיקע אוראלטע דאָרפישע געמיינדעס. מיר ווייסנ ניט גענוי, וויאזוי דאָס איז פאָרגעקומענ. גיכער פונ אלצ איז עס פאָרגעקומענ אזוי ווי אינ מעסאָפּאָטאמיע. פונקט אפ אזא אופנ, ווי אינ מעסאָפּאָטאמיע, זײַנענ אָט די אורעלטסטע דאָרפישע געמיינדעס פארוואנדלט געוואָרנ אינ פעאָדאלע פירשטנטומס. פאר 5000 יאָר ביז אונדזער ערע זײַנענ שוינ אינ די אלע 30—40 געגנטנ געווענ פירשטנ. צווישנ זיי האָט זיכ אָנגעהויבנ א קאמפ פאר דער פאראייניקונג פונ עגיפּעט. לעכאטכילע האָבנ זיכ אינ עגיפּעט געבילדעט צוויי מעלוכעס — נידער-עגיפּעט, אינ דער נילוס-דעלטע, אונ אויבער-עגיפּעט, אפנ מיטלסטנ פלוס פונעמ נילוס (ארומ 4000 יאָר פאר אונדזער ערע). אונ נאָכדעמ האָט נאָכ א לאנגנ קאמפ צווישנ די צוויי קיניגרײַכנ דער קיניג פונ אויבער-עגיפּעט באזיגט דעמ צווייטנ קיניג, אונ פונ דעמלט אָנ (ארומ דעמ 3300 יאָר ביז אונדזער ערע) איז עגיפּעט געוואָרנ אנ איינהייטלעכ פעאָדאל קיניגרײַכ.

58. די אָרגאניזאציע פונ דעמ קלאס פעאָדאלנ. דער קלאס פעאָדאלנ איז אינ עגיפּעט באשטאנענ פונ דעמ קיניג, פונ די פירשטנ אונ די פּריסטערס. דער קיניג האָט זיכ אינ עגיפּעט גערופנ פארע (פאראָאָנ). פונקט ווי אינ שינאר, האָט זיכ דער קיניג גערעכנט פאר א זונ אונ יורעש פונ די געטער, וועלכע האָבנ קלומערשט אליינ רעגירט אינ עגיפּעט אינ די אוראלטע צײַטנ אונ האָבנ דערנאָכ אָפּגעגעבנ די פארעס די גאנצע עגיפּטישע ערדנ אונ די מאכט איבער איר. אָבער די דאָזיקע טעאָריע האָט מענ, פונקט ווי אינ שינאר, געפּרעדיקט נאָר כדי צו טעראָריזירנ די אונטערדריקטע ארבעטנדיקע.

אינדערעמעסנ איז, פונקט ווי אינ שינאר, פארע ניט געווענ דער באזיצער פונ דער גאנצער ערד. אפ אנ עמעס האָט ער באזעסנ נאָר זײַנע אייגענע ערד אונ די ערדנ, וואָס זײַנענ געלעגנ אפנ גרענעצ פונ עגיפּעט מיט עפּיאָפּיע (אפ דאָרעמ) אונ אראביע (אפ צאָפנ-מיזרעכ). די גאנצע איבעריקע ערד איז נאָכ אינ דער עפּאָכע פונ בײדע קיניגרײַכנ צעטיילט געוואָרנ צווישנ די קיניגלעכע מעקוראָווימ, די פירשטנ אונ די טעמפּלענ אונ איז געוואָרנ זייער יערושע-אייגנטומ.

די פירשטנ האָבנ זיכ אָנגערופנ „מעיוכאָסימ פונעמ ערשטנ טאָג", דאָס הייסט פונ גאָר אוראלטע צײַטנ, אונ פלעגנ זאָגנ, אז זיי „לעבנ דאָרטנ, ווו עס האָבנ געלעבט זייערע פאָטערס", דאָס הייסט אינ די יערושע-באזיצנ. צו די „פאָטערלעכע" באזיצנ זײַנענ נאָכ בא אייניקע פירשטנ

צוגעקומענ נײַע, וואָס זיי האָבנ באַקומענ פֿונ די פּאַרעס אַלס געשאַנק פֿאַר זייער דינסט. אייניקע פֿירשטנ האָבנ באַזעסנ אַזױנע קאָלאָסאַלע טעריטאָריעס, אַז זיי האָבנ געקאָנט קאָנקורירנ מיט די פּאַרעס. צומ בײַשפּיל, איינ פֿירשט נעכורע האָט באַזעסנ 26 שטעט מיט דער ערד אַרומ זיי; פֿונ זיי האָט ער 14 אָפּגעזאָגט זײַנ טאָכטער, אונ 12 — „אָפּנ אָנדענק פֿונ דער נעשאָמע".

די טעמפּלענ האָבנ אויכ באַזעסנ קאָלאָסאַלע ערדנ. זיי פֿלעגנ שטענדיק באַקומענ ערד אָפּנ „נעשאָמע־אָנדענק" פֿונ די פּאַרעס אונ פֿונ די פֿירשטנ. צומ בײַשפּיל, דער פּאַרע סאַכורע האָט געגעבנ דעמ טעמפּל פֿונ דעמ גאָט רע, דעמ גאָט פֿונ דער זונ, מיט איינ מאָל אַרומ 1000 הא לויט אונדזערע מאָסנ. די דאָזיקע געשאַנקענ די טעמפּלענ זײַנענ געווענ פֿאַרבונדנ מיטנ גלויבנ פֿונ די עגיפּטער אינ יענער וועלט. בא די עגיפּטער האָט זיכ אײַנגעהיט אַנ אַלטער גלויבנ וועגנ דעמ, אַז די נעשאָמע נייטיקט זיכ אינ עסנ אונ טרינקענ נאָכנ טויט. קעדיי די נעשאָמע זאָל ניט הונגערנ, אַז איר זאָל ניט אויסקומענ צו „עסנ איר טינעפּ אונ טרינקענ איר האַשטאָנע", דאַרפֿ מענ די נעשאָמע שפּײַזנ, מע דאַרפֿ איר ברענגענ קאָרבאָנעס „ברויט, גענדז, אָקסנ, ביר אונ אַלערלײ גוטע זאַכנ". פֿאַר די דאָזיקע קאָרבאָנעס האָט מענ געדאַרפֿט פּראָדוקטנ אונ פּריסטערס; דעריבער פֿלעגנ די פּאַרעס אונ די פֿירשטנ געבנ די טעמפּלענ ערד אונ אָפּטמאָל אַפֿילע בױענ ספּעציעלע טעמפּלענ, אײַנטײלנדיק זיי מיט ערד. ערד פֿלעגט מענ געבנ די טעמפּלענ מיט אַקערפֿעלדער, מיט סעדער, מיט סטאַדעס אונ מיט פּויערימ. אַ טייל פֿונ די האַכנאָסעס איז געגאַנגענ אָפּ אָנדענק־קאָרבאָנעס, אונ דאָס איבעריקע פֿלעגנ די פּריסטערס צונעמענ פֿאַר זיכ.

די פּריסטערס אונ פֿירשטנ האָבנ געבילדעט איינ איינהײטלעכע גרופּע עקספּלואַטאַטערס. אָפֿט פֿלעגט טרעפֿנ, אַז אַ פֿירשט אָדער אַ קיניגלעכער הויכער באַאַמטער פֿלעגט פֿאַרנעמענ די שטעלע פֿונ אַ פּריסטער. אונ איבערהויפּט זײַנענ אַלע פּריסטערס געווענ פֿונ קיניגלעכער אָפּשטאַמונג.

● דאָס פּריסטערטומ אינ עגיפּטע איז געווענ זייער אַ צאָלרײַכס, אַ סאַכ צאָלרײַכער איידער אינ באָוועל. אינ יעדער געגנט איז געווענ אַנ אָרטיקער גאָט אַ באַשיצער אָדער אַ געטנ אַ באַשיצערנ, וועלכע פֿלעגנ געצייכנט ווערנ דאָסראָוו מיטנ קאָפּ פֿונ דער פֿריערדיקער טאָטעמישער כײַע, אונ אָפּטמאָל פּאָשעט אינ דער פֿאָרמ פֿונ אַ כײַע (צומ בײַשפּיל, דער גאָט פֿונ עדפֿו גאָר פֿלעגט געשילדערט ווערנ אינ דער פֿאָרמ פֿונ אַ סאָקאָל, די געטנ פֿונ דענדערי כאַטאָר—אינ דער פֿאָרמ פֿונ אַ בעהיימע, די געטנ פֿונ בובאַסטאַ באַסטעט — אינ דער פֿאָרמ פֿונ אַ קאַצ). יעדנ גאָט אונ געטנ האָט געדינט אַ צאָלרײַכע פּריסטערטומ. אויסער דעמ, זײַנענ פֿיל טעמפּלענ געווענ בא די קיניגלעכע אונ פֿירשטלעכע קוואָרימ. פֿונ צווישנ די פֿיל פּריסטערס האָבנ זיכ אויסגעטיילט די פּריסטערס פֿונ די גרעסערע טעמפּלענ — פֿונ דעמ גאָט רע אינ אָנע, דעמ גאָט פּטאַ אינ מענפֿיס אונ פֿונ אַמאָנ אינ פֿיווע, וואָס האָבנ באַזעסנ קאָלאָסאַלע ערדנ מיט טויזנטער פּויערימ אונ קנעכט. זיי האָבנ געהאַט זייערע הויפֿלײַט אונ מיליטער־לײַט אונ האָבנ געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אָפּ דער קיניגלעכער פּאָליטיק. ●

כאָטש די פּאַרעס האָבנ זיכ גערעכנט פֿאַר „זינ אונ יאָרשימ פֿונ די געטער", האָבנ זיי אָבער אינדערעמעסנ געמוזט רעגירנ אַזוי, ווי עס האָבנ געוואָלט די

פירשטנ און די פריסטערס. וויצע־קיניגס אָדער גובערנאטערס פונ פארענ זײַנענ געווענ נאָר אינ די גרענעצ־געביטנ: אינעמ איבעריקנ עגיפּעט זײַנענ די פירשטנ און די פריסטערס געווענ בעיערושעדיקע רעגירער און ריכטער אינ זײערע באזיצנ. די פירשטנ און די פריסטערס זײַנענ געווענ מעכויעוו נאָר אופצוזאמלענ פונ די פויערימ די קיניגלעכע טשינשנ, שיקנ לויט פארעס פאָדערונגענ פויערימ אפ דער קיניגלעכער פאנשטשינע און לויט פארעס באפעל קומענ אינ פאל פונ א מילכאָמע באוואָפנטע אינ דער שפיצ פונ די באוואָפנטע קויכעס פונ זײערע באזיצנ.

אויב דער פאַרע איז מיט עפּעס ניט געפעלנ געוואָרנ די



געמעל 31. פויערטעס טראָגנ לײַבשטײַער צו די הארנ אינ הויפ.

פירשטנ און די פריסטערס, פלעגנ זײ אימ אראָפּוואַרפנ און אוועקזעצנ אנ אנדערנ. דעריבער פלעגנ זיכ אינ עגיפּעט בײַטנ די דינאסטיעס (קיניגלעכע מישפּאָכעס) זײער אָפט. פאר דער צײַט, וואָס עס האָט עקזיסטירט דאָס עגיפּטישע פעאָדאלע קיניגרײַכ, האָבנ זיכ דאָרטנ געביטנ 27 דינאסטיעס.

59. די פעאָדאלע עקספּלואטאציע פונ די פויערימ. די פויערימ זײַנענ געווענ לײַבײגענע. ווענ פארע פלעגט שענקענ זײַנע הויכע באאמטע אָדער די טעמפּלענ ערד, פלעגט ער אינ דער גראמעטע שטענדיק זאָגנ, אז עס ווערט געשענקט „די ערד און אירע קינדער", דאָס הייסט, די מענטשנ און דאָס פי". אפ אזא אויפנ זײַנענ די פויערימ פארלײַבײגנט געוואָרנ דורכ קיניגלעכע באפעלנ. און זײ ערדבאזיצער האָבנ געהאלטנ די מענטשנ און דאָס פי פאר „זאכנ", ד. ה. פאר ארבעט־אינווענטאר פונ זײערע גיטער.

אויסער דעמ, פלעגנ די פויערימ פארלירנ די פרײַהײַט איבער פארשולדיקטקײַט. אויב אינ פאל פונ א שוואכער פארפלײצונג פונעמ נילוס פלעגט טרעפנ אנ אומגערעטעניש, האָט דעמ פויער ניט געקלעקט קײנ ברויט צומ עסנ אָדער אפ זײענ. אָבער בא די פריצימ זײַנענ די שפּײַכלערס שטענדיק געווענ פול. פלעגנ די פריצימ געבנ די פויערימ האלוואָעס מיט

ברויט, נאָר אויב דער פּויער פֿלעגט ניט אָפּגעבנ צום טערמינ דעם כויוו, פֿלעגט אים דער האר „פֿאַרהאַלטנ“, דאָס הייסט, ער פֿלעגט אים פֿאַרוואַנדלענ אינ זײַנעם א פֿאַרשקלאַפֿטנ אַרבעט־מאַנ.

א באַדײַטנדיקנ טײל פונ זײערע האכנאָסעס האָבנ די פּויערימ געדאַרפֿט אָפּגעבנ די הארנ. דעמ פּירשט אָדער דעמ טעמפּל האָט מענ געצאָלט לײַב־שטײַער, דעמ פֿאַרע־טשינש, דעמ אָרטיקנ גאָט—אָבלי־גאַטערישע קאָרבאָנעס. פֿיל הארנ אונ טעמפּלענ האָבנ ניט געהאַט קײנ אײגענע אופֿאַקערונגענ, זײ פֿלעגנ די גאַנצע ערד צעטײלנ אַפֿ קלײנע באַצירקנ צווישנ די פּויערימ אונ לעבנ אַפֿנ כעזשבנ פונ פּויערישנ לײַבשטײַער. בלויז טשערע־



געמעל 32. מע שיט צונויפ טווע אינ די פּירשטלעכע שפּײַכלערס.

דעס פּי אונ גענדז פֿלעגנ די הארנ אונ די טעמפּלענ האָדעווענ פֿאַר זײערע באַדערפֿענישנ אלײנ.

די לײַבשטײַערנ אונ די טשינשנ פֿלעגנ אײַנגעצאָלט ווערנ מיט נאַטור: מיט טווע, גרינסנ, שטוב־אויפֿעס, מיט אײער אונ מיט אנדערע פּראָדוקטנ (געמעל 31). די קערנער פֿלעגנ צונויפֿגעשאָטנ ווערנ אינ די גרויסע פּירשטלעכע אונ קיניגלעכע סקלאַדנ (געמ. 32) ; פֿאַרע, די פּירשטנ אונ די פּריסטערס האָבנ געהאַלטנ א גרויסנ שטאַט שרײַבערלעכ, וואָס פֿלעגנ פֿאַרשרײַבנ די האכנאָסעס אונ הויצאָעס פונ די פּראָדוקטנ. דער גוירל פונעמ פּויער איז געווענ א טרויעריקער. די לײַבשטײַערנ זײַנענ געווענ שווערע, אונ פֿאַר דעמ ערדאַרבעטער גופֿע פֿלעגט בלײַבנ זײער וויניק אַפֿ דורכצולעבנ זיכ. נאָר אדאנק דעמ, וואָס אויסער ברויט פֿלעגנ די פּויערימ באַנוצנ אַפֿ שפּײַז אויכ דעמ אונטערשטנ טײל פונ די פּאַפּירוס־שטענגלעכ (נילוס־טשערעט) אונ שטענגלעכ פונ אנדערע נילוס־געוויקסנ האָבנ זײ געקאָנט עקזיסטירנ.

אויסער די פּויערימ האָבנ אַפֿ די הארנ אונ פּריסטערס אויכ געאַרבעט קנעכט פונ קריגס־געפֿאַנגענע: נעגרענ, ליוויער אונ אַראַבישע נאָמאַדנ. די קנעכט האָבנ געאַרבעט אַלס שטוב־באַדינער, סעדערער אונ פּאַסטעכער.

60. די קיניגלעכע און פירשטלעכע פאנשטשינע. אויסער דעם,
וואָס די פויערים האָבנ געדארפט צאָלנ לײַבשטײַער און
און טשינשנ, זײַנען זיי נאָכ געווען מעכויעוו אָפצוקומען קי־
ניגלעכע און פירשטלעכע פאנשטשינע. באזונדערס אָפט זײַנען גע־
ווען די ארבעטנ אפ גרויסע בויונגען — פאלאצנ, טעמפלען און קוואָרים־סקלעפנ.
די דאָזיקע בויונגען פלעגנ פאר זיכ שטענדיק מאכנ די פארעס, פירשטן און
פריסטערס. שווערער פון אלצ זײַנען געווען די ארבעטנ אפ די
פיראמידעס־בויונגען, קיניגלעכע קוואָרים־סקלעפנ, וואָס די
פארעס פון די ערשטע דינאסטיעס האָבנ געבויט.

פיראמידעס — דאָס זײַנען ריזיקע געמויערטע געבײַדעס מיט א פירווינקלדיקנ
פונדאמענט, וואָס פארשמעלערנ זיכ צו דער הייכ (געמ. 33).

● די פארעס האָבנ געוואָלט, אז די פיראמידעס זאָלנ זײַנ
אייביקע הײַזער פאר זייערע מומיעס, ד. ה. פאר זייערע טויטע
קערפערס, וועלכע מע פלעגט פארהיטנ פון פוילנ דורכ
באלזאמירונג. די באלזאמירונג איז באשטאנענ אינ דעם, וואָס מע פלעגט
ארויסנעמענ פון די בארמינענס דאָס אינגעווייד און דעם בויכ פלעגט מענ אָנ-
פילנ מיט ספּעציעלע באלזאם-געווירצנ, וואָס פארהיטנ פון פוילנ. נאָכ-
דעם פלעגט מענ דעם טויטנ קערפער אויסווייקנ אינ א זאלצ-צעלאָז, וויקלענ
אינ א דינעם לײַוונט און אויסטריקענענ. די מומיעס פון אייניקע פארעס האָבנ
זיכ פארהיט ביז איצט; עטלעכע מומיעס געפינענ זיכ אינעם מאָסקווער קונסט-
מוזיי און אינעם לענינגראדער ערמיטאזש. און די פיראמידעס שטייענ נאָכ ביז
הײַנטיקנ טאָג אינ עגיפּטנ און רופנ ארויס נײַגער בא רײַזנדע. ●

פון די פיראמידעס איז די סאמע ריזיקסטע די פיראמידע
פון דעם פארע כופו (בא 2800 יאָר ביז אונדזער ערע). די הייכ
אירע איז מער פון 150 מעטער, און ביזנ יאָר 1889, ווענ עס איז פאר דער אל-
וועלטלעכער אויסשטעלונג אויסגעבויט געוואָרנ דער שטאָלענער אייפל-טורעם (לויטנ
נאָמענ פונעם בויער) 300 מעטער די הייכ, איז די פיראמידע פון כופו געווענ די
סאמע העכסטע געבײַדע אפ דער וועלט. יעדע זײַט פון כופוס פיראמידע האלט
ארום 240 מעטער די לענג; דאָס הייסט, אז קעדיי מע זאָל ארומגייַנ ארום איר,
דארפ מענ מאכנ א קארגנ קילאָמעטער.

קעדיי אויסצובויענ זײַנ פיראמידע, האָט כופו אופגעטריבנ
די פויערים און קנעכט פון גאנצ עגיפּטנ. די בויונג האָט געדויערט
30 יאָר. פאר פירנ שטיינער האָט מענ דורכגעלייגט 2 וועגנ — פון די בערג צומ נילוס
און פונעם נילוס צו דעם אָרט פון דער בויונג. די שטיינער האָבנ געפירט אפ זיכ
מענטשנ, וואָס אופזעער פלעגנ זיי טרײַבנ מיט בײַטשנ. אפ דער בויונג פלעגט מענ
אויכ שטענדיק לאָזנ אינ גאנג די בײַטש. וועגנ כופו איז אפ אלע צײַטנ אינ
עגיפּטנ פארבליבנ זייער א שלעכטער אָנדענק, ווי וועגנ דעם
סאמע צעיושעטנ אונטערדריקער פון די ארבעטנדיקע; דערפאר
פלעגנ די פריסטערס לויבנ דעם פארע כופו אינ טאָג ארײַנ פאר זײַנ פרומקײַט,
און נאָכנ טויט האָבנ זיי אימ דערקלערט פאר א גאָט. פונקט אפ אזא קאטעוואָשנעם
אופנ זײַנען געבויט געוואָרנ אויכ די איבעריקע פיראמידעס (געמעל 33).

מוירע האָבנדיק פאר פויערשע אופשטאנדנ, האָבנ זיכ די עגיפּטישע פעאָדאלנ

געסטארעט אָפּציִען בא די פּויערים זייער אופמערקזאמקײַט פונעם קלאסנקאמפּ אפּ דעמ זעלבנ אויפנ, ווי די פּעאָדאלנ פונ שינאר. די פּריסטערס פּלעגנ פּארדולנ די קעפּ פונ די פּויערים מיט מיטוסנ ווענג דער געטלעכקײַט פונ די פּארעס אונ ווענג דער הייליקײַט צו פּאָלגנ די פּארעס, ווי די געטער אליינ. די פּריסטערס האָבנ אויכ אונ-טערגעהאלטנ דעמ אלטנ גלויבנ אינ בייזע גײַסטער, זיי פּלעגנ אלע אומגליקנ אונ צאָרעס דערקלערנ, ווי נעקאָמע פונ די בייזע גײַסטער אונ אליינ פּלעגנ זיי ארויס-

געמעל 33. פּיראמידעס (לינקס—כופוס פּיראמידע).

טרעטנ אלס קישעפּמאכער, וואָס ראטעווענ פונ שיידימ. אפּ אזא מינ אויפנ איז אויכ אינ עגיפּעט די רעליגיע געווענ א מיטל צו עקס-פּלואטירנ די אונטערדריקטע.

61. דער האנדל פונ די פּארעס. אויסער שטיינער האָט מענ פּאר די געבײַדעס אויכ געדארפט האָבנ האָלצ, אונ קיינ געהילצ איז אינ דעמ אָנוואלדיקנ עגיפּעט ניט געווענ. נאָכ געהילצ האָבנ די ערשטע פּארעס גענומענ אוועקשיקנ האנדל-עקספּעדיציעס אינ די נעגער-געגנטנ אפּ דעמ אויבערפלוס פונ נילוס. ווענ די פּארעס האָבנ זיכ דערוווּסט, אז אינ די דאָזיקע געגנטנ זײַנענ פאראנ גרויסע רײַכטימער פונ גאָלד, האָבנ זיי געשיקט אהינ מיליטער אונ פארנומענ די דאָזיקע געגנטנ. זינט דאנ איז דאָס גאנצע גאָלד, וואָס מע פּלעגט באקומענ אינ די באזיגטע נעגער-געגנטנ, געגאנגענ אינ דער מעלוכי-שער קאסע פונ די פּארעס. אונ די אונטערטעניקטע געגנטנ האָט מענ געגעבנ דעמ נאָמענ נוביע, דאָס הייסט „דאָס לאנד פונ גאָלד".

געהילצ פּלעגט מענ ארײַנפירנ אינ עגיפּעט אויכ פונ די לעוואָנענ-בערג אינ סיריע. דאָס לעוואָנענ-געהילצ פּלעגט מענ באקומענ פונ דעמ קיניג אינ דער שטאָט געבאל, וועלכער האָט באזעסנ אפּנ לעוואָנענ גרויסע צעדערבוימ-וועלדער.


45
50
55
40
35
30
25
פערסישער איינגוס
כאלדייע
אסיריע
עלאם
פערסיע
מז. אורמיע
בעגיסטון
כאלאכ
אשור
סיפאר
קיש
באבעל
בארסיפא
ניפור
לאגאש
אור
סוזא
פערסעפאל
דילמון



שווארצער ים
מיטללענדישער ים
ליווישער מידבער
(סאהארע)
רויטער ים
יערושאלאים
טויטער ים
דאמעסעק
פיוום
עדפו
סיענע
מעמפיס
קארטע
פון
אוראלטן מיזרעך
מאסשטאב
1:14.000.000
ק.מ.
קאראוואנ וועגן
קאנאל
25
30
35
40

געבאל האָט זיכ געפונענ אפנ ברעג יאם, אונ איר קיניג האָט געפירט א יאם-האנדל (זע די קארטע פונעם אוראלטנ מיזרעכ, זז. 112—113).

דער באָדנ אינ דער געגנט פונ געבאל אונ פונ אנדערע שטעט אפנ סירישנ ברעג פונ מיטללענדישנ יאם (צויר, ציד־אנ א. אנד.) איז געווענ א שטיינערנער אונ אנ אומפרוכטבארער. די פיניקייער, וואָס האָבנ געווױנט אינ די דאָזיקע שטעט, זײַנענ געווענ געצווונגענ צו קויפנ ברויט אינ עגיפּעט בא פארענ פאר זייערע סכוירעס—צעדער-ביימער (דער בעסטער בוי-מאטעריאל), פורפור-פארב, וואָס פלעגט אויסגעארבעט ווערנ אינ צויר פונ א ספּעציעל מויער-קעפל, קופּער-ארצ, וואָס די פיניקייער פלעגנ באקומענ באמ קיניג אפנ אינדזל קיפער, אונ אפ



געמעל 34. לײַבײַגענע טעסלער בויענ א שיפ. לינקס—אנ אופזעער מיט א שטעקנ.

אויסארבעטונגענ פונ די פיניקיישע האנטווערקער. אויסער ברויט פלעגנ די פיניקייער באקומענ בא די פארעס פאר זייערע סכוירעס אויכ גאָלד אונ פאפירוס—פאפיר, וואָס פלעגט אויסגעארבעט ווערנ פונ די פיברעס פונ נילוס-טשערעט.

די פיניקייער האָבנ געהאנדלט ניט נאָר מיט עגיפּעט. זייערע שיפנ פלעגנ שווימענ איבערנ גאנצנ מיטללענדישנ יאם. פיניקיישע קאָנטאָרנ אונ האנדל-יִשווים האָבנ זיכ אויסגעבילדעט אפ די אינדזלענ פונעם עגייִשנ יאם אפנ צאָפנ-ברעג פונ אפריקע, אפ די ברעגנ פונ דער איצטיקער איטאליע. זייערע סאָכרים פלעגנ פארפאָרנ אויכ אינ נינווע אונ אינ באָוועל.

קעדיי צו האנדלענ מיט געבאל אונ מיט אנדערע פיניקיישע שטעט, האָבנ די פארעס געשיקט זייערע עקספּעדיציעס אפ יאם-שיפנ. די שיפנ פלעגנ געבויט ווערנ פונ לײַבײַגענע טעסלער אונטער דער אופזיכט פונ אופזעער מיט שטעקנס אינ די הענט (געמעל 34). דער סאמע גרעסטער האנדל האָט זיכ געפירט מיט געבאל. דאָרטנ האָט זיכ אפילע אויסגעבילדעט א באזונדערער עגיפּטישער קווארטל, ווו עס האָבנ געווױנט פארעס האנדל-געזאנדטע אונ עס איז אויסגעבויט געוואָרנ אנ עגיפּטישער טעמפּל.

אינ עגיפּעט גופע איז דער האנדל געווענ גאָר א קלײנער, א מארק-האנדל. די מערק האָבנ זיכ געפונענ בא די גרויסע טעמפּלענ אונ בא די גרויסע שטעט — די באפעסטיקטע רעזידענציעס פונ די אָרטיקע פירשטנ. אפ די מערק פלעגנ פארקויפנ זייערע איבערפליסיקע פראָדוקטנ די פארמעגלעכע

פויערים, און די האנטווערקער האָבן דאָרטן געהאט זייערע ביידלעך. קיין געלט איז ניט געווען. אָנשטאָט געלט פלעגט מען נוצן שטיקלעך קופער, וואָס האָבן געוויגן ארום 90 גראם אפּ אונדזער וואָג.

62. פויערשע אופשטאנדן. די פויערים האָבן געהאסט זייערע אונטערדריקער, און ווען עס האָט זיך נאָר געמאכט א גוטע געלעגנהייט, פלעגן זיי קעגן זיי אופשטיין. צוויי מאָל האָבן זיך די פויערשע אופשטאנדן פארוואנדלט אין אן עמעסער פויערשער מילכאָמע, וואָס האָט ארומגעכאפּט קימאט גאנץ עגיפּעט.

די ערשטע פויערים־מילכאָמע איז פאָרגעקומען אן ערעך פאר 2400־2500 יאָר ביז אונדזער ערע. אין יענער צייט האָבן זיך אין עגיפּעט אָנגעהויבן צווישן־פירשטלעכע אומרוען. לעכאטכילע זיינען די פירשטן אופגעשטאנען קעגן דער דינאסטיע פון די פארעס, וואָס האָבן געבויט פיראמידן. די פירשטן זיינען געווען אומצופרידן דערמיט, וואָס די פארעס האָבן צופיל מיסברויכט מיט זייער רעכט אופצוטרייבן פויערים אפּ קיניגלעכער פאנשטשינע. זיי האָבן, פארשטייט זיך, געזשאלעוועט ניט די פויערים, נאָר זייערע אייגענע האכנאָסעס, וואָס זיינען געוואָרן קלענער איבער דער קיניגלעכער פאנשטשינע. און ארויפגעוואָרפן די פאראהאסטע דינאסטיע, האָבן די צאָפנדיקע פירשטן געריסן זיך צווישן זיך פאר דעם טראָן. דעם קאמף צווישן די פעאָדאלן האָבן ארויסגענוצט די פויערים און זיינען אופגעשטאנען קעגן זייערע הארן. „מענטשן האָבן זיך גענומען פארן קאמף־געווער, און דאָס גאנצע לאנד האָט ארומגעכאפּט אן אופשטאנד“, — האָט מען שפּעטער דערציילט וועגן אָט דער דאָזיקער צייט.

אין נידער־עגיפּעט האָבן די פויערים אָפּגעהאלטן א ניצאָכן איבער זייערע אונטערדריקער. די פויערים פונעם טעמפּל רע אין אָן האָבן פארנומען דעם „גאָטס“ ערד און האָבן זיך געשפּייזט מיט קאָרבאָנישן ברויט“. אנדערע פויערים האָבן פארכאפּט די „שטעט פון די טויטע“, דאָס הייסט די שטעט פון די פּריסטערס בא די קוואָרים־סקלעפּן בא די פארעס און פירשטן, האָבן ארויסגעטריבן די פּריסטערס און באזעצט זיך אין זייערע פאלאצן. די פּריסטערס האָבן גערופן צוהילפּ די דאָרעם־פירשטן. איינער פון אָט די דאָזיקע פירשטן, אמענעמהעט, דער פירשט פון פיווע, האָט דערשטיקט דעם פויערישן אופשטאנד און האָט אונטערטעניק געמאכט גאנץ עגיפּעט אונטער זיך. פון דער צייט אָן זיינען די פיווער פירשטן געוואָרן די פארעס און פיווע איז געוואָרן די הויפּט־שטאָט פון עגיפּעט. די פיוועך פארעס האָבן שוין געבויט ניט קיין גרויסע פיראמידן, זיי האָבן שוין געבויט נאָר מיט די קויכעס פון זייערע אייגענע פויערים און קנעכט און שפּעטער האָבן זיי פאר זיך גענומען מאכן קוואָרים־סקלעפּן אין די בארג־הייל.

א צווייטע פויערשע מילכאָמע האָט אופגעפלאקערט פאר 1800 יאָר ביז אונדזער ערע. דאָס מאָל האָט זי זיך געענדיקט ניט אזוי גוט פאר די פירשטן, ווי דאָס ערשטע מאָל. די פויערים האָבן זיך אויך איצט באנוצט מיט די ריי־סערייען צווישן די פירשטן און זיינען אופגעשטאנען. צו די פויערים האָבן זיך פאררייניקט די האנטווערקער און קנעכט. די אופשטענדלער האָבן גיך אָפּגעהאלטן א ניצאָכן, האָבן פאר־

כאפט די מאכט און דורכגעפירט א ריי רעפאָרמעס. דער אַלטער אריסטאָקראַטיע האָט זיך געדוכט, אַז, קלוימערשט, „די ערד האָט זיך איבערגע־קערט מיטן דעק ארופ". איינער א „כאַכעם" באַשרײַבט אזוי די דאָזיקע צײַט: „די פירשטן הונגערן און לײַדן, די בעקאָוועדיקע זײַנען אין גרויס צאר, די פראַסטאַקעס—אין פרייד, דער האמוין גייט איבער די פאלאצן און זאלן, און די קינדער פון די פירשטן זײַנען ארויסגעוואָרפן אפן גאס; ווער עס איז געגאנ־גען אין קליידער, גייט איצטער אין שמאטעס, און ווער עס האָט קיינמאָל ניט געוועבט פאר זיך, איז אָנגעטאָן אין לײַוונט; אָרעמע זײַנען געוואָרן רײַך, קאפ־צאָנים זײַנען געוואָרן ווי געטער!". עס זײַנען אָפּגעשאפט געוואָרן אלע געזעצן, וואָס האָבן אונטערדריקט די פויערים, עס זײַנען אָפּ־געשאפט געוואָרן אלע פארשקלאפנדיקע דאָקומענטן. אלע מי־ניסטאָרן און הויכע באאַמטע פונעם פאַרע זײַנען פארטריבן געוואָרן, די ערד בא די פירשטן האָבן די פויערים אָפּגענומען און צעטיילט צווישן זיך. פיל פירשטן זײַנען אומגעקומען, פיל זײַנען אנטלאָפן פון עגיפּעט קיין אראביע. נאָר דער סאמע דאָרעמדיקער טייל פון עגי־פּעט איז ניט ארומגעכאַפּט געוואָרן מיטן אופשטאַנד.

אָבער די פויערשע מאכט האָט זיך ניט געקאָנט אײַנהאלטן, פון אראביע איז אפ עגיפּעט אָנגעפאלן א פיציכטלערישער דרויבערישער שייוועט, וועלכע עס האָבן פארשײַלעכ אָנגעריצט די אנטרונענע פירשטן. מיט דער הילף פון די דאָזיקע פרעמד־לענדער איז דער פויערים־אופשטאנד דערשטיקט געוואָרן.

אָבער די אראבישע דעראָבערער זײַנען ניט אוועקגעגאנגען צוריק, נאָר זיי האָבן אונטערגעוואָרפן אונטער זיך גאנץ עגיפּעט. זייערע פירער האָבן זיך דע־קלערט פאר קיניגן פון עגיפּעט און האָבן ארופגעלייגט צינז אפן גאנצן לאנד. די עגיפּ־טער האָבן זיי אָנגערופן היקסן, ד.ה. קיניגן „פון א פרעמדן לאנד". די צאָפּנדי־קע פירשטן האָבן זיך געפרוווט אופשטיין קעגן די היקסן, אָבער זיי זײַנען בא־זיגט געוואָרן און פיל פון זיי זײַנען אומגעקומען. אָט אזוי זײַנען אומגע־קומען קימאט אלע צאָפּנדיקע פירשטן, דערכאַטשילע אין קאמף מיט די פויערים און נאָכדעם אין קאמף מיט די היקסן.

די הערשאפט פון די היקסן האָט געדויערט ארום 150 יאָר. ארום דעם 1600־טן יאָר ביז אונדזער ערע האָבן קעגן די היקסן אָנגעהויבן צו פירן א קאמף די דאָרעמדיקע פירשטן אונטער דער אָנפירונג פון דעם פיוער פירשט יאכמאָס. יאכמאָס האָט אונטערטעניקט אלע פירשטן פון דאָרעם, וואָס זײַנען נאָך דאָרטן געווען, און בא די, וואָס האָבן זיך אים ניט אונטערגעוואָרפן, האָט ער אָפּגענומען די באזיצן און פארטריבן זיי פון עגיפּעט. סאָפּקאָלסאָפּ האָט זיך יאכמאָסן אײַנגעגעבן ארויסצוטרײַבן די היקסן צוריק קיין אראביע. ער האָט ווידערופגעשטעלט דאָס אומאָפּהענגיקע קיניגרײַך פון עגיפּעט. פון יאכמאָסעס צײַט האָט די פעאָדאַלע אָרדענונג אין עגיפּעט באקומען א נײַע פאָרם.

63. די מיליטער־פעאָדאלע דעספּאָטיע אין עגיפּעט. פון יאכמאָ־סעס צײַטן זײַנען קימאט אַלע ערדן אין עגיפּעט געוואָרן דאָס אייגנטום פון די פאַרעס און פון די טעמפּלען. פאַרע האָט פארשריבן

אפ זיך אלע ערדן, וואָס האָבן פריִער געהערט די אנטרונענע, געקעפטע און אומגעקומענע פירשטן. אלטע פירשטן זײַנען פארבליבן זייער ווייניק. אָבער די טעמפּלען האָבן פארהיט פאר זיך זייערע פריִערדיקע באזיצנ און אין דער צײַט פון די אומרוען האָבן זיי נאָך אויסגעבעריעט זיך ארײַנצונעמען אין זייערע הענט פיל נײַע ערדן.

דאָס פריסטערטום איז איצט געוואָרן דער רײַכסטער און סאמע ווירקנדיקער קלאס אין עגיפּעט. דאָס ערשטע אָרט צווישנ פריסטערטום האָבן פארנומען די פריסטערס פונעם פיווישן גאָט אמאָנ. דער הויפּט-פריסטער פון אמאָן האָט געהאט א ריזיקע ווירקונג. ער איז ניט זעלטן געווען גלײַכצײַטיק אויך דער ערשטער מיניסטער. עס זײַנען געווען פאלן, ווען דער פיווער הויפּט־פריסטער פלעגט ארויפוארפן די פארעס און זעצן אפן טראָן זײַנע מענטשן.

פארע האָט זיך איצט ארומגערינגלט מיט דינסט-לײַט פון א ניט־ייִכעסדיקער אָפּשטאמונג און אפילע פון אויסלענדער. עס זײַנען געווען אפילע נײַע הויכע באאמטע פון פארעס נאָענטע קנעכט, וואָס זײַנען אָפּגעלאָזן געוואָרן אפ דער פרײַ פאר וויכטיקע דינסטן. די נײַע דינסט־לײַט פלעגן פאר זייער דינסט באקומען ניט קיין גרויסע ערד־באצירקן, אָבער ניט אלס אייגנטום, נאָר אין באנוץ, אונטערן באדינג פון דינסט. אויסער ערדן פלעגן זיי באקומען דערנערונג מיט נאטור און פארשיידענע געשאנקען פון פארען.

עס איז אויך געענדערט געוואָרן די מיליטער־סיסטעם. פריִער איז פארעס מיליטער באשטאנען פון פעאָדאלן און זייערע אָטריאדן. איצט זײַנען קיין אלטע פעאָדאלן ניט געבליבן, און די טעמפּלען זײַנען באפרײַט געווען פון מיליטער־דינסט. די פארעס האָבן געפּרווט אָנזאמלען מיליטער פון די פויערים, אָבער דאָס מיליטער פון די פויערים האָט זיך ארויסגעוויזן פאר ניט זיכער, וואָרעם די פויערים האָבן נאָך אָט די אלע ענדערונגען גאָרנישט ניט געווונען, זייער לאגע איז ווידער געוואָרן א שווערע, און זיי זײַנען געווען אומצופרידן. דעמלט האָבן די פארעס אָנגעהויבן דינגען אפ מיליטער-דינסט ליווישע און נעגרישע פירשטן מיט זייערע אָטריאדן. דאָס דאָזיקע געדונגענע מיליטער האָט זיך באזעצט אין ספּעציעל־אויסגעבויטע קאזארמעס, האָט באקומען די פולע אמוניציע און דערנערונג. די קאָמאנדירן פלעגן אפ דער צײַט פון דינסט באקומען אויך ערד-באצירקן אין באנוץ, אונטערן באדינג פון דינסט. אויסער דעם פלעגן די קאָמאנדירן און די סאָלדאטן באקומען זייער כײלעק פונעם מילכאָמע־רויב.

די מאכט פון דעם פארע האָט איצט באקומען דעם זעלבן אומבאגרענעצטן, דעספּאָטישן כאראקטער, ווי די מאכט פון די אסירישע, כאלדייִשע און פערסישע קיניגן. די אומבאגרענעצטקײַט פון זייער מאכט האָבן די פארעס דערקלערט דערמיט, וואָס די פארעס זײַנען קלוימערשט געטער, נאָר אין דעם געשטאלט פון מענטשן. יעדער קיניג איז קלוימערשט א זון פון אוואָסער ניט איז געטן; אינעם קיניגלעכן טיטל האָט זיך דער קיניג אָנגערופן „גוטער גאָט“, ווען עס איז „געשענקט אייביק לעבן“. יעדער באפעל פון פארען האָט זיך גערעכנט פאר א געזעץ. די

פריסטערס און די הויכע באאמטע האָבנ אונטערגעשטיצט דעמ דעספאָטישנ כאראקטער פונ דער מאכט פונ די נײַע פארעס, וואָרעמ פארע האָט מיט זײַנ געדונגענעמ מיליטער זיי אָפגעהיט פונ אופשטאנדנ פונ די אפדאָסנײַ פארקנעכטעטע פויערימ און האָט זיי צוגעשטעלט דורכ זײַנע רויבערישע מילכאָמעס ריזיקע רײַכטימער. אָבער די פריסטערס און די הארנ האָבנ שטארק נאָכגעקוקט, אז די פארעס זאָלנ ניט אָנרירנ זייערע אינטערעסנ און זאָלנ ניט ארויס פונ שפאנ. פאר די ארבעטנדיקע איז פארע געווענ א גאָט און א דעספאָט, אָבער פאר די עקספלואטאטערס איז ער געווענ דער ערשטער דינער.

64. די נײַע פארקנעכטונג פונ די פויערימ. די פויערימ האָבנ פארלאָרנ אלע פרײַהײַטנ, וואָס זיי האָט זיכ אײַנגעגעבנ אויס-



געמעל 35. אָט אזוי פלעגט מענ ארויספרעסנ בא די פויערימ טשינש.

צוקעמפנ אינ דער צײַט פונעמ אופשטאנד. די פויערימ פונ די טעמפלענ זײַנענ פארבליבנ, ווי פריער, לײַבייגענע. אפ פארעס ערדנ האָבנ די פויערימ זיכ גערעכנט פאר פרײַע, אָבער די דאָזיקע פרײַהײַט איז געווענ ניט מער ווי אנ איליוזאָרישע פרײַהײַט. די קיניגלעכע פויערימ האָבנ אויסער די פריערדיקע טשינשנ געדארפט איצט צאָלנ נאָכ א פינפטכיילעק פונ דער גערעטעניש, אלס אָפצאָל פארנ ערד-באנוצ, און אָפקומענ די קיניגלעכע פאנשטשינע. די קיניגלעכע טשינשנ פלעגנ, פונקט ווי די לײַבשטײַערנ לעטויוועס די פריסטערס און די נײַע הויכע באאמטע, אופגעמאָנט ווערנ אָנ קיינ שום ראכמאָנעס, אָנ קיינ שום דיסקאָנט פונ דער גערעטעניש, פלעגנ ארויסגעקלאפט ווערנ מיט שטעקנס. דער פויער פלעגט נאָכ ניט באווײַזנ אופצוזאמלענ זײַנ ברויט און אָפצודרעשנ דאָס, ווי עס פלעגט זיכ שוינ באווײַזנ דער קיניגלעכער טשינשנ-זאמלער, באגלייט מיט דעמ דאָרפישנ עלטסטנ און מיט קנעכט — נעגערנ מיט שטעקנס און מיט בײַטשנ אינ די הענט. גלײַכ פונעמ שײַער פלעגט מענ אָפנעמענ אלצ, וואָס ס'איז באפוילנ — אלע לײַבשטײַערנ, אלע טשינשנ, אלע ניט-דערגעבענע טשינשנ און שטײַערנ. און ווער עס האָט ניט געקאָנט אײַנצאָלנ אלצ, וואָס עס האָט זיכ געפאָדערט, דעמ האָט מענ אונטער קלעפ פונ בײַטשנ און שטעקנס געשלעפט אינ דער שטײַערנ-קאָנטאָר, ווו מע פלעגט פארשרײַבנ אפ אימ שטראָף

אפֿנ קומענדיקנ יאָר (געמעל 35). אפֿנ זעלבנ אויפֿנ פֿלעגנ ארויסרײַסנ לײַב־
שטײַערנ אויכ די פּריסטערס אונ קיניגלעכע באאמטע. אונ ווענ פּארע פֿלעגט
געבנ ערד זײַנעמ א דינער, פֿלעגנ די פּויערימ, וואָס האָבנ
געווינט אפֿ דער געשענקטער ערד, ווערנ לײַבייגענע.

עס איז פּארשטענדלעכ, אז די פּויערימ זײַנענ געווענ אומ־
צופֿרידנ אונ גאנצ אָפֿט פֿלעגנ זיי דאָ אָדער דאָרטנ מאכנ אופֿ־
שטאנדנ. אייניקע פֿונ די קיניגלעכע פּויערימ פֿלעגנ ווארפֿנ די ערד אונ זיכ
פּרווונ לעבנ פֿונ טאָג־ארבעט. אונ ווענ דאָס פֿלעגט זיכ ניט אײַנגעבנ, די
פֿלעגנ זיכ פּארייניקנ אינ באנדעס אונ פֿלעגנ לעבנ פֿונ רויבערײַ. פּארע, די
פּריסטערס אונ די וועלטלעכע ערדבאזיצער האָבנ מוירע געהאט, עס זאָל זיכ ניט
איבערכאזערנ די גרויסע פּויערשע מילכאָמע. קעדיי צו האלטנ די פּויערימ
אינ שרעק אונ אינ אונטערטעניקײַט האָט פּארע אויסגעטיילט
א טייל פֿונ זײַנ געדונגענעמ מיליטער אלס מיליטעריש־פּאָליצײ־
יִשע וואכ. די אָטריאדנ פֿונ דער דאָזיקער וואכ זײַנענ צעשטעלט געוואָרנ
איבערנ נאנצנ לאנד אונ פֿלעגנ זיכ אכזאָריש אָפּרעכענענ מיט די פּויערימ בא
יעדער אנטפּלעקונג פֿונ אומצופֿרידנקײַט. די מיליטער־פּאָליציייִשע דינסט איז אי־
בערגעגעבנ געוואָרנ די געדונגענע נעגער־אָטריאדנ. אונ ווענ פּארע פֿלעגט
ארויסגיינ אָדער ארויספֿאָרנ פֿונ זײַנ פּאלאצ, פֿלעגט אימ
שטענדיק ארומרינגלענ א באוואָפֿנטע וואכ. אזא וואכ פֿלעגט אויכ
אָפּהיטנ די פּריסטערס אונ די הויכע באאמטע.

65. רויבעריִשע מארשנ פֿונ די פּיווישע פּארעס. מיט זיי־
ערע געדונגענע ארמייענ האָבנ די פּיווישע פּארעס אָנגעהויבנ
מארשנ צו דעראָבערנ סיריע. פּארכאפּנ פּאלעסטינע אונ סיריע איז געווענ
אנ אלטער טרוימ פֿונ די פּארעס אונ פֿונ די פּריסטערס. די פּריסטערס אונ די פּא־
רעס האָבנ געוואָלט, אז די סירישע פּראָדוקטנ זאָלנ זיי באקומענ ניט דורכ
אויסטויש, נאָר אומזיסט אלס מילכאָמע־ארויסבאקומ אונ צינז. די פּריס־
טערס אונ פּארעס האָבנ אויכ געוואָלט אָנטרײַבנ קיינ עגיפּעט
טויזנטער קנעכט, קעדיי אוועקצושטעלנ זיי אפֿ ארבעט אָנשטאָט
די אומצופֿרידענע אונ אומרויִקע פּויערימ. אינ די מארשנ האָט
אויכ געשטרעבט צו גיינ די געדונגענע ארמיי, וועלכע האָט געטרוימט צו באקו־
מענ איר כיילעק אינעמ מילכאָמע־רויב.

צוליב דער דעראָבערונג פֿונ סיריע אונ פּאלעסטינע האָבנ די פּארעס דורכ־
געפֿירט אהינ א ריי מארשנ. ענדגילטיק האָט אונטערטעניקט די לענ־
דער טוטמאָס III, דעמ גאָט אמאָנס פּריסטער (ארומ דעמ 1500־טנ
יאָר ביז אונדזער ערע). אונטערטעניקט סיריע, האָט טוטמאָס דעראָבערט
אויכ דעמ שכיינעסדיקנ מיט עגיפּעט טייל פֿונ ליוויע אונ די דאָרעמדיקע נעג־
רישע געגנטנ, וואָס זײַנענ נאָכ ניט געווענ אונטערטעניקט. פֿונ דער צײַט אָנ
האָט זיכ עגיפּעט גענומענ אָנפֿילנ מיט רויב אונ קנעכט.

● צומ בײַשפּיל, טוטמאָס האָט נאָר פֿאר איינ מארש קיינ סיריע גענומענ
עטלעכע טויזנט קנעכט, ארומ 200 קילאָגראמ גאָלד אונ זילבער, 2238
פּערד, 2000 שטיק גרויספּי, 22.500 שטיק קליינע פּי, איבער 113.000 מעסטלעכ

טוווע. פיל קנעכט פלעגט מענ אָנטרייבנ פונ די דעראָבערטע נעגער-לענדער (געמעל 36).

אויסער דעמ, האָבנ די אונטערטעניקע לענדער געמוזט יערלעכ צאָלנ צינז. איצט פלעגנ שוינ ניט עגיפטישע שיפנ שווימענ קיינ פיניקיע נאָכ סכוירעס, נאָר די פיניקיישע שיפנ פלעגנ יערלעכ אָנקומענ קיינ עגיפּעט, ביז אויבנ אָנגעלאָדענע מיט צינז.

א טייל רויב פלעט אָפּגעגעבנ ווערנ דער ארמיי, אָבער דעמ גרעסטנ טייל פלעגנ זיכ נעמענ די פּארעס אונ די פּריסטערס.



געמעל 36. א קיניגלעכער שרייבער רעגיסטרירט קנעכט-נעגערס.

מער פונ אלצ האָט פונ דעמ אָנגערויבטנ גוטס באקומענ דער פּיווער טעמפּל פונ אמאָנ. נאָכ יעדער עקספּעדיציע פלעגט ער באקומענ פונ פּארעס רויב 1000—1500 קנעכט, „אָנ א צאָל“ פי, גאָלד, זילבער אונ ווערטפולע שטיינער. די פּארעס האָבנ געשאָנקענ דעמ טעמפּל פונ אמאָנ א טייל פונ דער לעוואָנענ-געגנט מיט דריי שטעט.

די באקומענע רויב פלעגנ די סאָלדאטנ, די פּארעס אונ די פּריסטערס לאָזנ אינ פּארקויפ. קיינ עגיפּעט האָבנ איצט אָנגעהויבנ קומענ האנדל-געזאנדטע פונ פּארשיידענע לענדער — פונעמ באָווילישנ קיניג, פונ דעמ קיניג פונ דעמ אינדזל קיפּער, פונ די קיניגנ פונ קעפּטיו (אפנ אינדזל קריט).

די האנדל-געזאנדטע אונ סאָכרימ, וואָס פלעגנ אָנפאָרנ קיינ עגיפּעט, האָבנ פריער פאר אלצ געדארפט פאָרלייגנ זייערע סכוירעס פּארענ אונ די אמאָנס פּריסטערס. נאָר דאָס, וואָס די דאָזיקע קויפער האָבנ ניט גענומענ, פלעגנ די אויסלענדישע סאָכרימ קאָנענ פארקויפנ וועמענ זיי האָבנ געוואָלט. אפ אזא אויפנ איז דער האנדל אינ עגיפּעט געווענ קימאט אינגאנצנ קאָנצענטרירט אינ די הענט בא די פּארעס אונ בא די פּריסטערס. די עגיפּטישע סאָכרימ זיינענ ווי פריער געווענ קליינע קרעמערלעכ אונ האָבנ קיינ גרויסע קאפּיטאלנ ניט געהאט.

דעם פארעס האנדל-געזאנדטע פלעגן איצט פאָרן נאָר קיין פונט, ווי עס האָט זיך דעמלט אָנגערופן דער ברעג פון סאָמאליישן האלב-אינדזל, אין דאָרעם-טייל פונעם רויטן יאם. בא דעם דאָרטיקן נעגרישן קיניג פלעגן די געזאנדטע פארשיידענע ביליקע מעטאל-און גלאָז-אויסארבעטונגען און שלעכטע שטאָפן אויסבייטן אף שווארצן האָלץ, העלפאנדביין, פאנטערעס-פעל, וווילשמעקעוודיקן פעך אף רויכערן פאר די געטער, אף קנעכט, מאלפעס אף לוסטיק מאכן דעם קיניג און מירטעס פאר די קיניגלעכע סעדער.

66. דער קאמף פון די פארעס קעגן פריסטערטום און דער זיג פונעם פריסטערטום.

די נייע מיליטערישע אריסטאָקראטיע איז געווען זייער אומצופרידן דערמיט, וואָס דאָס פריסטערטום, וואָס פלעגט זיך ניט באטייליקן אין די מארשן, באקומט א ריזיקן טייל פונעם רויב און באזיצט ריזיקע ערדן. די מיליטער־לייט האָבן אָנגעהויבן צורייצן די פארעס צו קעמפן קעגן פריסטערטום, קעדיי אָפּצונעמען בא די טעמפלען די ערדן און צעטיילן זיי צווישן דעם קאָמאנדע־באשטאנד. די פארעס האָבן אָנגעהויבן צוהערן זיך צו די דאָזיקע אייצעס, ווייל אין פארלויף פון די 200 יאָר נאָכ יאכמאָסן איז דער ערד־פאָנד פון די פארעס שטארק פארקירצט געוואָרן איבער די שטענדיקע געשאנקען.

א פרווו אָפּצונעמען די ערד בא די פריסטערס האָט געמאכט ארום 125 יאָר נאָכ טוטמאָסעס טויט דער פארע אמענהאָטעפּ V (די יאָרן 1375 — 1360 פאר אונדזער ערע). קעדיי ביַיצוקומען דעם ווידערשטאנד פון די פריסטערס האָט אמענהאָטעפּ דורכגעפירט א גאַנצע רעליגיעזע רעפאָרמע. ער האָט אויסגענוצט די קאָנקורענצ צווישן די פריסטערס פון די גרעסטע טעמפלען. ווען די פריסטערס פון פיווער גאָט אמאָן האָבן נאָכ די דעראָבערונגען דערקלערט אמאָנען פאר דעם „גאָט פון דער גאנצער וועלט“, האָבן די פריסטערס פון אנדערע גרויסע געטער דאָס אָנגעהויבן באשטרייטן, פארטיידיקנדיק דאָס רעכט אפן ערשטן פלאץ פאר זייערע געטער.

אמענהאָטעפּ האָט זיך באנוצט מיט די דאָזיקע קאָנפליקטן צו פארניכטן די אלטע קולטן און דאָס אלטע פריסטערטום און איינצופירן א נייעם קולט, אן איינהייטלעכן פאר גאנצ עגיפּעט, וואָס איז דירעקט אונטערגעוואָרפן פארען. ער האָט דערקלערט, אז דער אייגנציקער, עמעסער גאָט פון דער זון און פון דער גאנצער וועלט איז נאָר די זון גופע. דאָס איז אטאָן, דער זון־דיסק. אטאָן האָט זיך, קלוימערשט, אליינ אנטפלעקט פאר אמענהאָטעפּן, האָט אים איסגעווײלט פאר זיין נאָווי און פריסטער און האָט אים געגעבן א נייעם נאָמען, עכנאטאָן, ד. ה. דער ליבלינג פון אטאָן.

עכנאטאָן האָט באפוילן דינען אין אלע טעמפלען צום גאָט אטאָן. און ווען די פריסטערס האָבן זיך אָפּגעזאָגט אויסצופילן דעם באפעל, האָט פארע געשיקט סאָלדאטן צו פארמאכן אלע טעמפלען. אָנשטאָט די אלטע טעמפלען זיינען אויסגעבויט געוואָרן 10 נייע טעמפלען פאר גאָט אטאָן; אלס פריסטערס זיינען באשטימט געוואָרן פארעס הויפלייט און אפילע מיליטער-קאָמאנדירן. די ערדן פון די פאר-

מאכטע טעמפּלענ זײַנענ אָפּגענומענ געוואָרנ אונ טײלווײַז אָפּגעגעבנ געוואָרנ די מיליטער-לײַט, טײלווײַז די נײַע טעמפּלענ, עכנאטאָנ אלײנ איז ארויסגעפאָרנ פונ פּיווע אונ האָט זיכ אויסגעבויט א נײַע הויפּטשטאָט, די „שטאָט אטאָנ", ווו עס איז אויסגעבויט געוואָרנ דער הויפּט-טעמפּעל פונ אטאָנ.

אָבער דאָס אלטע פּריסטערטומ האָט זיכ ניט אונטערגעגעבנ. עס האָט אופגעהויבנ קעגנ עכנאטאָנענ א פויערשנ אופשטאנד. די פּריסטערס האָבנ גענומענ פּריידיקנ, אז עכנאטאָנ איז שולדיק אינ דעמ דאלעס פונ די פויערימ, אינ אלע פויערשע צאָרעס. עכנאטאָנ, — האָבנ זײ געזאָגט — איז דער סאמע זינדיקער אטעיִסט אינ דער וועלט. ער האָט פארניכטעט דעמ טעמפּעל אונ דעמ קולט פונ אָזיריס אונ פונ זײַנ פרוי איזידא, די באשיצערס פונ ערדארבעט אונ געבערס פונ גערעטעניש; ער האָט פארניכטעט דעמ טעמפּעל אונ דעמ קולט פונ כאטאָר, די געטנ פונ פרייד, וואָס גיט טרייסט אלע לײַדנדיקע; ער פארווערט די אלטע מאגישע ריטואלנ, וואָס העלפנ דעמ מענטשנ אינ קרענק אונ אינ צאָרע. דערפאר, — האָבנ נעוויִעס געזאָגט די פּריסטערס, — זײַנענ די געטער ארײַנ אינ גרימצאָרנ אפ עגיפּעט אונ וועלנ אָנשיקנ אנ אומגערעטעניש אונ פארשיידענע צאָרעס. מע דארפ אראָפּווארפנ עכנאטאָנענ, פארבײַטנ אימ אפ א גאָטספאָרכטיקנ קיניג, אונ דעמלט וועט אלצ זײַנ גוט.

אונ גלײבנדיק אינ דער דאָזיקער אגיטאציע, זײַנענ די פויערימ אופגעשטאנענ קעגנ עכנאטאָנענ. מיט דער הילפ פונ זײַנע געדונגענע סאָלדאטנ האָט ער דערשטיקט דעמ פויערשנ אופשטאנד, ער איז אָבער אינגיכנ געשטאָרבנ. די פּריסטערס האָבנ אופגעהויבנ אנ אופשטאנד אויכ קעגנ זײַנע יאָרשימ אונ סאָפּקאָלסאָפּ האָבנ זײ ארופגעזעצט אפנ טראָנ כארעמכעבנ, אמאָנס א פּריסטער. כארעמכעב האָט ווידעראופגעשטעלט די אלטע רעליגיע אונ האָט צוריקגעקערט די טעמפּלענ זײערע ערדנ. אונ די פויערימ, וואָס זײַנענ אָפּגענארט געוואָרנ פונ די פּריסטערס אונ האָבנ פארגאָסנ פאר זײ אזויפיל בלוט אינ קאמפ קעגנ עכנאטאָנענ, האָט מענ באלײגט מיט פארגרעסערטע טשינשנ אונ לײַבשטײַערנ, ווײַל די פּריסטערס האָבנ געוואָלט אומקערנ זיכ זײערע אלע העזײקעס פאר דער צײַט פונ קאמפ מיט עכנאטאָנענ.

פונ דער צײַט אָנ איז דעמ גאָט אמאָנס הויפּט-פּריסטער ענדגילטיק געוואָרנ דער עמעסער רעגירער פונ עגיפּעט, אונ דער פּארע איז געוואָרנ נאָר דער אויספילער פונ זײַנ ווילנ. אמאָנס פּריסטערס האָבנ באקומענ פונ כארעמכעבנ אונ פונ זײַנע יאָרשימ נאָכ נײַע ערדנ. סאָפּקאָלסאָפּ איז דער טעמפּל פונ אמאָנ געוואָרנ דער באזיצער קימאט פונ א העלפט פונ דער גאנצער עגיפּטישער ערד.

אינגיכנ נאָכ עכנאטאָנענ האָט עגיפּעט פארלאָרנ פּאלעסטינע אונ סיריע. נאָכ דער דאָזיקער מאפּאָלע האָבנ די פּארעס שוינ ניט געהאט קײנ מיטלענ אפ אויסהאלטנ א גרויס מיליטער. דעמלט האָבנ די פּריסטערס פונ אמאָנ אײַנגאנצנ באזײַטיקט דעמ פּארע (אינ 1090 יאָר פאר אונדזער ערע), אונ די געגנט פונ פּיווע איז

געוואָרנ א זעלבשטענדיק פירשטנטום אונטער דער אָנפירונג פונ דעמ הויפּט־פּריסטער פונ גאָט אמאָנ. די צאָפנדיקע פּריסטערס אונ פירשטנ האָבנ ניט געוואָלט זיכ אונטערוואַרפנ דעמ הויפּט־פּריסטער פונ אמאָנ, אונ דאָרטנ האָט זיכ געבילדעט א זעלבשטענדיק קיניגרײַכ מיט אנ אײַ־גענעמ פּארע. עגיפּעט איז זיכ צעפאלנ, האָט פארלאָרנ זײַנ מעכטיקײַט אונ איז סאָפּקאָלסאָפּ אײַנגענומענ געוואָרנ פרי־ער פונ די אסירער אונ שפּעטער פונ די פּערסנ.

● 67. די עגיפּטישע קולטור. אינ עגיפּעט האָט עקזיסטירט א ליטעראטור אונ קונסט. די פּארעס אונ די גרויסע פירשטנ האָבנ ליב גע־האט צו הערנ דערציילער, צו הערנ געזאנג אונ מוזיק. די דער־ציילער זײַנענ אליינ געווענ די אווטאָרנ פונ זייערע דערציילונגענ. די דערציילונ־



געמעל 37. אנ עגיפּטישע אָפּשפּרעכעניש, אָנגעשריבנ מיט היעראָגליפנ (אונטנ) מיט א שנעלשריפט־קאָפּיע (אויבנ).

איבערזעצונג פונ דער אָפּשפּרעכעניש: „א מיטל צו פארניכטנ אלערליי קישעפנ. נעמ א גרויסנ זשוק, שנײַד אימ אָפּ דעמ קאָפּ אונ בײדע פליגלענ, קאָכ אימ אויס אינ פעטס אונ לייג אימ ארומ אפנ פארקישעפטנ. אויב עס וועט ניט העלפנ, דאנ קאָכ אויס דעמ קאָפּ אונ די פליגלענ אי שלאנגענ־פעטס אונ גיב דעמ פארקישעפטנ מענטשנ טרינקענ דאָס געקעכצ".

גענ זייערע זײַנענ דאָסראָוו געווענ מיט אנ אוואַנטיורישנ אונ מויפעסדיקנ אינהאלט אלס העלדנ פונ די דערציילונגענ טרעטנ ארויס דאָ קיניגלעכע האנדל־געזאנדטע וואָס פילנ אויס די קיניגלעכע אופטראָגנ דורכ פארשיידנארטיקע אוואַנטיורעס דאָ די פירשטנ, וואָס זײַנענ ארײַנגעפאלנ צו די אראבישע נאָמאדנ אונ האָבנ דאָרטנ געוווינט, דאָ זײַנענ עס פּריסטערס אונ מאגיקער, וואָס ווײַזנ פאר פּארענ אויסערגעוויינלעכע מויפּסימ. די פּארעס האָבנ בא זיכ אויכ געהאלטנ הויפ־פּאָעטנ. די דאָזיקע פּאָעטנ זײַנענ געווענ מעכויעוו פארפאסנ גאנצע פּאָע־מעס, וואָס לויבנ די גוטע מײַלעס, די מילכאָמע־ניצכוינעס אונ דעמ רומ פונ די פּארעס. זיי האָבנ אויכ געשריבנ לידער מיט א ליבע־אינהאלט אונ א סאטירישנ אינהאלט.

די קיניגלעכע פּאלאצנ, טעמפּלענ אונ קוואָרימ־סקלעפּנ פונ די פירשטנ אונ פונ די פּארעס פלעגנ באפוצט ווערנ מיט

וואַנט-מאָלערײַ, מיט וואַנט-רעליעפנ אונ מיט סטאַטועס פונ געטער, פונ די פאַרעס אונ די פּירשטנ. די עגיפּטישע קינסטלער האָבנ געווינט בא די פּאַלאַצנ אונ טעמפּלענ אונ האָבנ געהאַט גרויסע װאַרשטאַטנ מיט א גרויסנ שטאַט געהילפנ. אינ סקולפּטור האָבנ זיי דערגרייכט גרויסע גענײַטקײַט. די סטאַטועס פונ די געטער, מענטשנ אונ כײַעס, וואָס זיי האָבנ געמאַכט, זײַנענ עמעסע קונסט-ווערק. באַזונדערס געלונגענע האָבנ זיי געקאַנט שילדערנ א פּאָנעמ, מאָלערײַ האָט זיכ זייער אײַנגעגעבנ ווייניקער. זיי האָבנ ניט געקאָנט אָפּהיטנ די פּערספּעקטיוו, אונ דערפאַר דערמאָנענ זייערע געמעלנ קינדערשע בילדלעכ. איר וועט עס באַמערקנ קימאַט אפ אַלע געמעלנ, וואָס איליוסטרירנ דאָ די געשיכטע פונ עגיפּעט, קימאַט אַלע געמעלנ זײַנענ גענומענ פונ עגיפּטישער מאָלערײַ.

די ווערק פונ דער עגיפּטישער ליטעראַטור זײַנענ אָנגעשריבנ אפ פּאַפּירוס, אונ די אויפשריפטנ אינ די קיניגלעכע פּאַלאַצנ, אינ טעמפּלענ אונ אינ קוואָרים-סקלעפּנ—אפ שטיינ. די אויפשריפטנ אפ שטיינ זײַנענ אָנגעשריבנ מיט די אַזויגערופענע היעראָגליפנ, צייכנס, וואָס האָבנ אַנ אויסזעענ פונ געמעלנ. אונ דער גרעסטער טייל פונ די פּאַפּירוסנ איז אָנגעשריבנ מיט שנעלשריפט-צייכנס, וואָס האָבנ שוינ פאַרלאָרנ די פאָרמ פונ געמעלנ (געמ. 37). ווענ די געלערנטע האָבנ פאַנאַנדערגעשיפרירט דעמ עגיפּטישנ שריפט, האָט זיכ אַרויסגעוויזנ, אַז די היעראָגליפנ אונ די צייכנס פונ דעמ שנעלשריפט שיידנ זיכ אונטער נאָר מיט דער פאָרמ, די באַדײַטונג זייערע איז איינע אונ די זעלביקע.

דער עגיפּטישער שריפט איז פאַנאַנדערגעשיפרירט געוואָרנ אינ 1822 י. פונ א פראַנצויזישנ געלערנטנ שאַמפּאָליאָנ. ביז אימ האָט מענ געמיינט, אַז די היעראָגליפנ זײַנענ אידעאָגראַמעס, אַז זיי באַטײַטנ גאַנצע ווערטער, וואָס אַנטשפּרעכנ זייער געמעלאַרטיקער פאָרמ. אָבער שאַמפּאָליאָנ האָט דערוויזנ, אַז דער גרעסטער טייל היעראָגליפנ זײַנענ פונקט אַזויינע בוכשטאַב-צייכנס, ווי אונדזערע. נאָכ שאַמפּאָליאָנענ האָבנ די געלערנטע קלאָר געמאַכט, אַז די היעראָגליפנ זײַנענ לעכאַטכילע טאַקע געווענ אידעאָגראַמעס, אָבער זייער פרי, נאָכ פאַר 300 יאָר ביז אונדזער ערע, האָט דער גרעסטער טייל היעראָגליפנ באַקומענ א בוכשטאַבישנ באַטײַט.

דעמלט זײַנענ אויסגעקליבנ געוואָרנ 24 היעראָגליפנ צו באַצייכענענ די קאָנסאָנאַנטנ. דאָס פלעגט געטאָנ ווערנ אפ אַזא אויפנ: מע פלעגט נעמענ אַנ אידעאָגראַפישנ צייכנ אונ אָפּמאַכנ צו באַנוצנ אימ אפ באַצייכענענ דעמ ערשטנ בוכשטאַב פונ אַנ אַנטשפּרעכנדיקנ וואָרט. לעמאָשל, דאָס פיגורל פונ א האַנט, אפ עגיפּטיש דאָט, האָט אָנגעהויבנ באַטײַטנ דעמ קלאַנג ד, דאָס געמעל פונ א מויל—ראָ—האָט אָנגעהויבנ באַטײַטנ ר, דאָס בילד פונ וואַסער—נו—נ א. א. וו. קיינ היעראָגליפנ-וואָקאַלנ זײַנענ אינ עגיפּטישנ שריפט ניט געווענ, אָבער אייניקע ווערטער (זונ, פּיראַמידע, גאָט א. אַנד.) פלעגנ אָפּטמאָל ווײַטער באַצייכנט ווערנ מיט איינ אַנטשפּרעכנדיקנ היעראָגליפ. אַזוי אַרומ איז דער עגיפּטישער שריפט געווענ א געמישטער, אָבער ניט אַזא קאָמפּליצירטער, ווי דער באַבילישער. אינגאַנצנ זײַנענ אינ אימ געווענ 70 צייכנס.

בא די עגיפּטער האָבנ איבערגענומענ דעמ שריפט די פיניקייער. זיי האָבנ גענומענ די צייכנס פונעמ עגיפּטישנ שנעלשריפט, פאַרײַנפאַכט זייער פאָרמ אונ צונויפגעשטעלט פונ זיי אַנ אַלעפבייז פונ 22 קאָנסאָנאַנטישע בוכשטאַבנ. דער דאָזיקער אַלעפבייז האָט פאַרבײַטנ אינ סיריע אונ פּאַלעסטינע דעמ קלינאַרטיקנ שריפט, וואָס איז איבערגענומענ געוואָרנ פונ באָוועל, אונ איז דאָרטנ באַנוצט געוואָרנ ביזנ 1000-טנ יאָר פאַר אונדזער ערע. פונ דעמ פיניקיישנ אָדער פּאַלעסטינישנ שריפט קומט אַרויס דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער שריפט, אַזוי אויכ דער הײַנטצײַטיקער רוסישער אונ לאַטײַנישער אַלעפבייז (געמ. 38). די פיניקייער האָבנ געפירט א האַנדל

מיטנ אוראלטנ גריכנלאנד אונ מיט דער אוראלטער איטאליע, אונ די דערמאנטע באפעלקערונג פונ די דאָזיקע לענדער האָט איבערגענומענ דעמ שריפט בא די פיניקייער. דער אלעפבייז, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרנ אפנ גרונט פונ דעמ פיניקייִשנ שריפט אינ איטאליע—דאָס איז דער לאטיינישער אלעפבייז. ער ווערט ביז איצט באנוצט אינ מיירעוו-אייראָפע, אינ אמעריקע אונ אינ די אייראָפּייִשע קאָלאָניעס אינ אלע טיילנ פונ דער וועלט. דער דאָזיקער אלעפבייז איז איצט אויכ איינגעפירט געוואָרנ אינ אונדזער פארבאנד, אינ אזערביידזשאנ, אינ דער טאָטערישער רעפובליק אונ אינ די רעפובליקנ פונ מיטל-אזיע אָנשטאָט דעמ פריִערדיקנ, זייער שווערנ טערקיש-טאָטערישנ שריפט, אונ אויכ בא יענע פעלקער פונעמ פארבאנד, וואָס האָבנ ביז דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע קיינ שומ שריפט ניט געהאט. אונ פונ דעמ אלעפבייז, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרנ אפנ גרונט פונ דעמ פיניקייִשנ שריפט אינ גריכנלאנד פירנ איצטער זייער אָפשטאמונג די סלאווישע אונ רוסישע אלעפבייזנ. אפ אזא אויפנ איז לויט דער שריכט-ליניע די איצטיקע קולטור אויכ פארבונדנ מיט דער אוראלט-מיזרעכדיקער קולטור.



געמעל 38. די אָפשטאמונג פונ די פיניקייִשע אונ לאטיינישע שריפט-צייכנס.

לינקס, ערשטע קאָלאָנקע — עגיפטישע שנעל-שריפטצייכנס; צווייטע — פיניקייִשע צייכנס; דריטע — אוראלט-גריכישע צייכנס. פערטע — לאטיינישע צייכנס.

4. כינע

68. דער טאָל כואנ-כע. די געשיכטע פונ כינע האָט זיכ אויכ אָנגעהויבנ לאנג פאר דעמ אָנהייב פונ אונדזער ערע, אומגעפער אינ דער צייט, ווענ עס האָט זיכ אינ מעסאָפּאָטאמיע געבילדעט דאָס קיניגרייכ באָוועל.

די אוראלטסטע כינעזישע מעלוכע האָט זיכ געבילדעט אינעמ טאָל פונעמ טייכ כואנ-כע אָדער געלער טייכ. אזוי רופט זיכ אָנ דער דאָזיקער טייכ דערפאר, וואָס דאָס וואסער אינ אימ איז געל. דער טייכ פליסט אינ געלע ברעגנ, אונ די גאנצע ערד אינעמ טאָל פונעמ טייכ איז אויכ פונ א געלנ קאָליר, כואנ-טו — „געלע ערד" — אזוי רופנ זי די כינעזער. דער געלער קאָליר סיי פונעמ טייכ אונ סיי פונעמ באָדנ איז אָפּהענגיק דערפונ, וואָס דער באָדנ פונ דעמ טאָל כואנ-כע האָט זיכ אויסגעבילדעט פונ א ספעציעלנ געלנ מינ ליימ, ליאָס.

● ליאָס — איז א פאָרעסדיקע, צעשאָטיקע ליימ, וואָס איז פאַרייניקט מיט מינעראלע טײלכעלעכ אונ איז אינגאנצנ דורכגעזאפט מיט רעשטנ פונ געוויקסנ אונ פונ מויערקעפלעכ. די דאָזיקע ליאָס-ליימ ברענגט מיט זיכ דער טײַכ פונ די בערג, פונוואנענ ער פליסט; עס ברענגענ ליאָס-ליימ אינ דער פאָרמ פונ געלנ שטויב אויכ די ווינטנ, וואָס ווייענ אינ כינע כאדאָשימווײַז פונ צאָפנ-מײַרעוו. ●

די ליאָס-ליימ איז פרוכטבאר, ווײַל זי אנטהאלט אינ זיכ פיל אָרגאנישע רעשטנ. זי איז זייער ווייכ אונ פוכיק, דעריבער לאָזט זי זיכ גרינג באארבעטנ, אונ אָנ מי קאָנ מענ אינ איר אויסגראָבנ קינסטלעכע היילנ צומ וווינענ. אָבער די דאָזיקע ווייכקײַט אונ פוכקײַט פונ דעמ ליאָס-באָדנ ווערט אָפטמאָל א סיבע פונ גרויסע אומגליקנ.

ערשטנס, פארטיפערט שטענדיק דער טײַכ כואנ-כע אינעמ לויזנ ליאָס-באָדנ זײַנ פלוס-בעט. דער טײַכ צעשווענקט זײַנ בעט אונ לאָזט זיכ ביסלעכווײַז אראָפ אלצ נידעריקער אונ נידעריקער. דערפונ איז דער ליאָס-באָדנ אפ די ברעגנ פונעמ טײַכ ניט גלײַכ, נאָר צעשניטנ אונ ליגט טעראסעסווײַז. אפ די דאָזיקע טעראסעס פלעגנ אמאָל גרינענ, אונ ס'גרינענ נאָכ איצט פעלדער. אָבער א שטארקער גוסרעגנ צעשווענקט די פעלדער אפ די טעראסעס אונ מאכט דאָרט אײַנוואלגערנ. די פארזייענ קומענ אומ.

צווייטנס, קאָנ דער טײַכ בעשאס א שטארקער פארפלייצונג צעשווענקענ די ברעגנ, דאָס וואסער קאָנ דורכדרינגענ אינ די אײַנוואלגערנ אונ אינ די לעכער פונ די ברעגיקע טעראסעס אונ קאָנ פלוצלינג דורכשלאָגנ זיכ א נײַ פלוס-בעט. ווענ אזוינס פאסירט, קומט דאנ אנ עמעסע קאטאסטראָפע. די געגנט, ווו דער טײַכ שלאָגט דורכ א נײַ פלוס-בעט, ווערט פארגאָסנ מיט וואסער, עס קומענ אומ די אקער-פעלדער, עס קומט אומ דאָס פי, עס קומענ אומ די מענטשנ, וואָס וווינענ אינ די ליאָס-היילנ. אונ די געגנט, ווו עס איז פריער געווענ דאָס פלוס-בעט, פארלירט דאָס וואסער, ווײַל אינ כינע גייענ דעריקער די רעגנס אינ מײַ, יונ, יול, פאר דער פארפלייצונג אונ בייס דער פארפלייצונג, אונ אינ די איבעריקע צײַטנ פונ יאָר זײַנענ די רעגנס זעלטנ. פאר די דאָזיקע קאטאסטראָפעס רופט מענ דעמ טײַכ כואנ-כע אויכ „דער אומגליק פונ כינע“.

דעריבער האָט אינ דעמ טאָל כואנ-כע, ווי אינ דעמ טאָל פונ מעסאָפאָטאמיע אונ פונ נילוס די באפעלקערונג געמוזט בויענ גרויסע וואסער-אײַנריכטונגענ, קעדיי צו אנטשעדיקנ די פארפלייצונגענ אונ אויסנוצנ דעמ פרוכטבארנ באָדנ אונ די טײַכיקע וואסערנ. מער פונ אלצ איז אויסגעקומענ אוועקלייגנ מי אפ באפעסטיקנ די ברעגנ פונ כואנ-כע דורכ הרעבליעס, קעדיי ניט דערלאָזנ, אז די ברעגנ זאָלנ צעשווענקט ווערנ, אונ קיינ פאלנ, ווענ עס בײַט זיכ דאָס פלוס-בעט. אָנ די דאָזיקע הרעבליעס וואָלט כואנ-כע אנגעמאכט שטענדיקע קאטאסטראָפעס. נאָכדעמ איז אויסגעקומענ דורכצופירנ פונעמ טײַכ

קאנאלן, קעדיי צו פארזיכערן די פעלדער מיט קינסטלעכער באוואסערונג אפ דער טרוקענער צײַט פון יאָר. ענדלעך, פלעגן דאָ אויך, ווי אין מעסאָפּאָטאמיע, די דאָ-זיקע אײַנריכטונגען אין א לויזן באָדן גיך אופהערן טויגן, און דעריבער האָבן זיי זיך יעדעס יאָר געניייטיקט אין א גרויסן רעמאָנט.

69. די פעאָדאלע מעלוכע אין טאָל כואַנ-כע. די וואסער-אײַנריכ-טונגען זײַנען אויסגעבויט געוואָרן אין דעם טאָל כואַנ-כע שוין זייער לאנג. נאָך פאר 2000 יאָר ביז אונדזער ערע האָבן זיי שוין עקזיסטירט און האָבן געזיכערט די ערדארבעט-פּראָדוקציע אין די פעאָ-דאלע פירשטנטומס פון דעם טאָל כואַנ-כע. נאָר פינקטלעכע יע-דיעס וועגן דער אורזלטער געשיכטע פון כינע האָבן מיר נאָר פון 1122-טן יאָר ביז אונדזער ערע, ווען אין דער שפיץ פון דער פעאָדאלער מעלוכע איז געשטאנען די דינאסטיע פון די קיניגן טשזשאָו.

אין קיניגרײַך פון טשזשאָו איז געווען מער ווי 100 גרויסע פעאָדאלע פיר-שטנטומס און מער ווי 1500 קליינע פעאָדאלע באזיצן. די גרויסע פעאָדאלן האָבן זיך גערעכנט פאר אונטערגעוואָרפן דעם קיניג, אָבער אינדערעמעסן זײַנען זיי געווען זעלבשטענדיקע רעגירער אין זייערע באזיצן. די קליינע פעאָדאלן זײַנען געווען אין דינסט בא די גרויסע פעאָדאלן. און אפ אלע פעאָדאלן האָבן געארבעט די פויערים, האָבן זיי געשפײַזט און באקליידט מיט זייער מי.

די פויערים פלעגן צאָלן לײַבשטײַער די פעאָדאלן און טשינש דעם קיניג, סײַ דאָס און סײַ יענץ פלעגט אופגעמאָנט ווערן מיט ערדאר-בעט-פּראָדוקטן—מיט פּראָסע און רײַז און אויך מיט זײַד. אין דעם טאָל כואַנ-כע האָט מען שוין דעמלט קולטיווירט מוילבער-ביימער, וואָס מיט זייערע בלעטער שפײַזן זיך די זײַד-ווערעם. די זײַד-ווערעם וועבן זײַד-פעדעם און מאכן פון זיי קאָקאָנעס (куколки); פון די פעדעם פון די דאָזיקע קאָקאָנעס ווערט געשפינס זײַד-געשפינס, און פון געשפינס ווערן געמאכט זײַדענע געוועבן. די כינעזער ציִען און האָדעווען אויס זײַד-ווערעם אפ א קינסטלעכן אופן, קעדיי צו באקומען וואָס גרעסערע קאָקאָנעס און אין א גרעסערער צאָל. די פויערים פון די אורעלטסטע פעאָדאלע פירשטנטומס פלעגן שוין אופ-ציִען מוילבער-ביימער און זײַד-ווערעם, זיי זײַנען אָבער גע-ווען מעכויעוו דעם גאנצן זײַד אוועקגעבן די הארן, און אליין פלעגן זיי אָנטאָן זיך אין שטרויענע מאנטלען, וואָס אזוינע טראָגן אויך איצט אין כינע די אָרעמע פויערים און די קוליס, ד. ה. די טאָגלוינער און טרעגער (געמ. 39).

אויסער לײַבשטײַער האָבן די פויערים נאָך אויך גע-דארפט גיין אפ פאנשטשינע. זיי האָבן געאקערט, געזייט, געשניטן, גע-דראָשן פאר די פריצים, און ווען זיי זײַנען געווען פרײַ פון דער פעלד-ארבעט, זײַנען זיי געווען מעכויעוו דרײַ טעג אין א דעקאדע טאָן אנדערע ארבעטן—גראָבן און פאריכטן די קאנאלן, אָנשיטן און פאריכטן די הרעבליעס, דורכפירן און פא-ריכטן די וועגן, בויען פעסטונגען ארום די פריצישע הויפן. אפ די פריצים פלעגן אויך ארבעטן פארשקלאפטע מענטשן, וואָס האָבן פארלאָרן זייער פרײַהײַט און ערדכאלאָקים איבער כויועס, און קנעכט, וואָס פלעגן אָפּ-

געגעבנ ווערנ אינ קנעכטשאפט פאר א פארברעכנ, אָדער קריגס-געפאנגענע. מיט קנעכט האָט מענ געהאנדלט, ווי מיט פי.

די פעאָדאלנ פלעגנ זיכ אָנרופנ „שיכערם פונ בויגנ". זיי זײַנענ געווענ קריגערס אונ יעגערס אונ זייער הויפט-געווער איז געווענ פײַל אונ בויגנ. אָבער זיי האָבנ זיכ אויכ פארנומענ מיט האנדל. זיי פלעגנ צושטעלנ די בארג-אײַנוווינער אונ סטעפ-אײַנוווינער ברויט אונ זײַד אונ אָנשטאָט דעמ פלעגנ זיי קויפנ בא די בארג-אײַנוווינער מאלאכיט, אנדערע ווערטפולע שטיינער אונ העלפאנד-ביינ, וואָס די בארג-אײַנוווינער פלעגנ קריגנ אינ אינדיע, אונ בא די סטעפ-אײַנוווינער פלעגנ זיי קויפנ פי. די סאָכרים, דורכ וועלכע עס פלעגט



געמעל 39. קוליס אונ א באלעבאָס.

זיכ פירנ דער האנדל, זײַנענ געווענ פונ די פארשקלאפטע אָדער פונ די קנעכט, אונ די פעאָדאלנ פלעגנ זיכ באציִענ צו זיי מיט דער זעלביקער אכזאָריעס אונ מיט דער זעלביקער פאראכטונג, ווי צו די איבעריקע אונטעריאָכטע מענטשנ.

70. די אויסבילדונג פונ דער פעאָדאלער דעספאָטיע (אימפעריע).

אָנהייבנדיק פונ VI—VII-טנ יאָרה. ביז אונדזער ערע גייענ אינעמ קיניגרײַכ פונ טשזשאָו קעסיידערדיקע, קימאט ניט אויפהערנדיקע מילכאָמעס צווישנ די פעאָדאלנ. די פעאָדאלנ האָבנ מילכאָמע געהאלטנ צוליב ערד; אינ דעמ קאמפ פלעגנ די פעאָדאלנ אָפט אויכ ארײַנציִענ די סטעפ-אײַנוווינער, אײַנלאדנדיק זיי זיכ צוהילפ. דעמ קאמפ האָבנ געפירט די גרויסע פעאָדאלנ איינער מיטנ אנדערנ אונ די קליינע פעאָדאלנ קעגנ די גרויסע. די קליינע פעאָדאלנ פלעגנ באוואָפענענ זייערע פויערים; נאָכ די קליינע פעאָדאלנ האָבנ אײַנגעפירט קריג-פאנשטשינע אויכ די גרויסע. אזוי איז געצוווּנגענערהייט אויסגעקומענ צו נעמענ אָנטייל אינ דער דאָזיקער פירשטלעכער רײַסערײַ אויכ די פויערים. באזיגנדיק די גרויסע פעאָדאלנ, פלעגנ די קליינע פעאָדאלנ צעטיילנ צווישנ זיכ די ערד פונ די באזיגטע. די פירער פונ די זיגער פלעגנ ווערנ

די פירשטן אין די נײַע, גרויסע פירשטנטומס. אזעלכע פירשטנטומס האָבן זיך אויסגעבילדעט זיבן.

די פויערים זײַנען ביזן גרונט רויִנירט געוואָרן דורך די דאָזיקע מילכאָמעס. ניט איין מאָל זײַנען זיי בעשאס די מילכאָמעס אופגעשטאנען קעגן די פעאָדאלן. די פויערים פון די מילכאָמע-האלטנדיקע פעאָדאלן פלעגן זיך צונויפריידן צווישן זיך און גלײַכצײַטיק אָנהייבן אן אופשטאנד. אָפטמאָל זײַנען אזוינע אופשטאנדן געווען זיגרײַכע. אָבער דעמלט פלעגן די מילכאָמע-האלטנדיקע פעאָדאלן אפ א צײַט שאָלעם מאכן און שליסן א בונד קעגן די פויערים, אונטערדריקן זייער אופשטאנד און דערנאָך ווידער נעמען זיך פארן געשלעג צווישן זיך. די פויערישע ווירטשאפט פלעגט רויִנירט ווערן; די פויערים גופע פלעגן אָדער אומקומען אָדער אנטלויפן אפ די מײַרעוודיקע בארגראנדן פון דעם טאָל כואנ=כע, ווו עס איז געווען רויִק. די פוסט-געוואָרענע פויערשע ערדן פלעגן פארכאפן די פירשטלעכע און קיניגלעכע שרײַבערלעך און סאָכרים. זיי פלעגן זיך געבן דעם טיטל „ציווילע ריטערס". די ערד פלעגן זיי באארבעטן מיט דער מי פון פארשקלאפטע און פון קנעכט.

אינעם מײַרעוודיקן ראנד-געביט פון דער דעמלטיקער כינע, דאָרטן, ווו דער כואנ-כע פארקערעוועט זיך שארף אין דער ריכטונג פון צאָפן אפ דאָרעם, איז אפן רעכטן ברעג טײַך אין VI י. ה. פאר אונדזער ערע געווען א קליין פירשטנטום צין (די הײַנטיקע פראָווינץ שאנסי). דער פירשט פון צין האָט ניט גענומען קיין אָנטייל אין די אומרוען, און פון אָנפאלן פון אנדערע פעאָדאלן האָבן אים באשיצט די בערג אפ דער לינקער זײַט טײַך. קיין צין האָבן זיך אָנגעהויבן אופקומען אנטרונענע פון די צערויִנירטע געגנטן. אינעם פירשטנטום צין איז געווען פיל פרײַע ערדן. די פירשטן פון צין האָבן אויסגענוצט דעם צופלוס פון פלייטים, קעדיי צו פארשטארקן און צו פארפעסטיקן זייער פירשטנטום. אויסער דעם, האָבן זיי אָנגעהויבן געבן פריווילעגיעס די סאָכרים, וואָס פלעגן דורכפאָרן דורך זייער פירשטנטום. אזוינע סאָכרים זײַנען געפאָרן א סאך, ווײַל דורך צין איז געגאנגען דער קאראוואנען-וועג קיין טיבעט, מיזרעכ-טורקעסטאן און אין דעם איצטיקן פערגאנ. אדאנק דעם האָט זיך אין צין אָנגעהויבן שנעל אנטוויקלען דער האנדל, וואָס האָט רײַך געמאכט די פירשטן.

אין III יאָרהונדערט ביז אונדזער ערע האָט זיך אינעם איבעריקן טייל פונעם קיניגרײַך טשזשאָו אויסגעבילדעט א גרויסע פארטיי — אָנהענגער פון די פירשטן פון צין. די פארטיי איז באשטאנען פון נײַע ניט-אדעליקע ערדבאזיצער, קליינע פעאָדאלן און סאָכרים, וועלכע האָבן געוואָלט שאָלעם. אין 246-טן יאָר ביז אונדזער ערע האָט דער פירשט טשזענ א לאָז געטאָן זיך פון צין אפ מיזרעכ און נאָך א 25-יאָריקן קאמף האָט ער באזיגט דעם קיניג פון טשזשאָו און די גרעסטע פירשטן און האָט אונטער זיך אונטערגעוואָרפן דעם גאנצן טאָל פון כואנ-כע. ער האָט זיך דערקלערט פאר אן אימפעראטער, ד. ה. פאר א הערשער, פאר א דעספאָט.

אויך די פויערים האָבן זיך געפרייט, וואָס עס איז געקומען א שטארקער

הערשער, און האָבן געהאָפט, אז איצט וועט זײַן שאָלעם און עס וועט זיי אויך ווערן בעסער צו לעבן. אָבער זייערע האָפענונגען זײַנען געווען ניט קיין דויערנדיקע. דער אימפעראטער האָט גענומען בויען די גרויסע כינעזישע וואנט אפ צאָפן און אפ צאָפן־מײַרעוו פון כינע, דאָרטן, ווו כינע איז ניט געווען אָפגעצאמט מיט בערג פון די שכײַנעסדיקע לענדער, קעדיי צו באשיצן זיך פון די סטעפ־אײַנוווינער. אפ דער דאָזיקער בויונג איז צונויפגעטריבן געוואָרן 400.000 מאן. די דאָרעם־גרענעצ, לענגויס דעם טײַך יאנצזי, איז אויך באפעסטיקט און באזעצט געוואָרן מיט מיליטער־קאָלאָניסטן. אהין זײַנען צונויפגעטריבן געוואָרן 500.000 מאן. די פויערים זײַנען אויסער דעם באלייגט געוואָרן מיט שווערע טשינשן פאר דער קייסערלעכער קאסע און אפ אויסהאלטן די קייסערלעכע „אופזעער“, ד. ה. די גובערנאטאָרן און זייערע פילצאָליקע קאנצעליאריעס און פאָליציאנטן. די פויערים האָבן אָנגעהויבן לײַדן און „זייערע טויטע קערפערס זײַנען רייענווײַז געלעגן אפ די וועגן“.

דער אימפעראטער האָט געפאָדערט, אז אפ זײַער ארבעט זאָלן קומען ניט נאָר די פויערים, נאָר אויך אלע זײַנע אונטערטאנער — אי ערדבאזיצערס, אי סאָכרים, אי באאמטע. זיי האָבן זיך געקאָנט אויסקויפן, אָבער דאָס האָט געקאָסט זייער טײַער. איבער דעם האָט זיך קעגן דער נײַער דינאסטיע אופגעהויבן אן אלגעמיינער אופשטאנד. אין 206־טן יאָר ביז אונדזער ערע האָבן זי אראָפגעוואָרפן די פירשטן פון כאן, וועלכע זײַנען געוואָרן די אימפעראטערס פון כינע. אָבער די פעאָדאלע אָרדענונג איז אין איר אלטער פאָרם ניט אופגעלעבט געוואָרן. אין כינע האָט זיך אפ לאנגן פארפעסטיקט א פעאָדאלע דעספאָטיע, אָדער אימפעריע, ווי מע האָט זי גערופן אין כינע.

71. דער קלאסן-כאראקטער פון דער כינעזישער אימפעריע.

דער כינעזישער אימפעראטער האָט זיך דערקלערט פארן „זון פון הימל“. ער האָט באהויפטעט, אז ער האָט, קלוימערשט, באקומען א מאנדאט פון „הימל“ אפ רעגירן איבער כינע, אז ער מאכט באריכטן וועגן זײַן רעגירן דעם „הימל“ און אז ער באקומט פון „הימל“ דירעקטיוון און באפעלן. דעריבער זײַנען דער אימפעראטער, זײַנע הויכע באאמטע און די גובערנאטאָרס קלוימערשט די „וועג־ווײַזערס“ אפ דעם וועג, וואָס איז אָנגעוויזן פון „הימל“. די דאָזיקע „וועגווײַזערס“ האָבן געפירט די כינעזישע פויערים און די אנדערע ארבעטנדיקע צו רוינירונג און אויסשטארבונג, און זיי אליין, די ערדבאזיצער און סאָכרים — צו רײַכקײַט און צו א לוקסוס-לעבן אפן כעזשבן פון דער סאמע אכזאָריעסדיקער עקספלואטאציע פון די ארבעטנדיקע.

די פרײַע פויערים, וואָס האָבן זיך באוויזן אינעם פירשטנטום צין און שפעטער אויך אין אנדערע ערטער פון דער אימפעריע, זײַנען זייער גיך רוינירט געוואָרן פון די אומגעהייערע שטײַערן און פארפליכטונגען. אייניקע זײַנען ארײַנגעפאלן אין פארשקלאפונג

פאר כיוועס, די אנדערע האָבן פארקויפט פאר גאָרניט זייערע ערדן און האָבן זיך פארוואנדלט אָדער אין ארענדאטערס פון זייערע פריִערדיקע באַצירקן אָדער אין טאָגלוינער — קוליס, אָדער זיי זײַנען געוואָרן בעטלערס. די ארענדאטערס האָבן געדארפט אָפּגעבן פאר ארענדע־אָפּצאָל א העלפט פון דער גערעטעניש, די פארשקלאפטע האָבן זיך פאקטיש פארוואנדלט אין קנעכט. עמעס, לויטן געזעץ האָט מען זיי ניט געטאָרט פארקויפן, אָבער דעם דאָזיקן געזעץ פלעגט מען ניט אָפּהיטן. די פויערים פון די מעלוכישע ערדן האָבן געדארפט צאָלן קאָפּ־שטײַער און גיין אפ קייסערלעכער פאנשטשינע. פון פאנשטשינע האָט מען זיך געקאָנט אויסקויפן; אָבער דאָס האָבן געקאָנט טאָן נאָר די ווייניקע פארמעגלעכע פויערים. אזויארום זײַנען די פויערים, וואָס האָבן געארבעט אפ ערד, געוואָרן אָפּהענגיק פון די ערד־אייגנטימער און פונעם קייסער, און די „פרײַע" פויערים זײַנען געבליבן אָן ערד און אָן ארבעט, האָבן געלעבט אין דאלעס און פלעגן אויסגיין פון הונגער.

מיט דער ארבעט פון די פויערים האָבן זיך געשפײַזט ניט נאָר די ערדבאזיצער, נאָר אויך די פילצאָליקע אימפעראטעריש באאמטע. די אימפעריע איז געווען צעטיילט אפ 13 פראָווינצן — און די פראָווינצן אפ קליינע אויעזדן. מיט די פראָווינצן האָבן פארוואלטעט גובערנאטאָרן, וואָס דער אימפעראטער פלעגט באשטימען פון צווישן זײַנע הויכע באאמטע, אָדער מאנדארינען. דער מאנדארין פלעגט קומען אין דער פראָווינץ מיט א קאָלאָסאלן שטאט באאמטע און מיט מיליטער־אָטריאדן און פלעגט באשטימען אין די אויעזדן שעפן. ער איז געווען אין דער פראָווינץ דער הויפּט־ריכטער: די אָרטיקע ריכטער פלעגט ער באשטימען און אראָפּנעמען. קיינער פון אָט דער גאנצער פילצאָליקער ארמיי באאמטע פלעגט קיין געהאלט פון דער מעלוכישער קאסע ניט באקומען. אלע האָבן זיי זיך „געשפײַזט" מיט זאמלונגען פאר געריכט־עיניָנים און פון ספעציִעלע שטײַערן, וואָס פלעגן אופגעמאָנט ווערן בא דער באפעלקערונג אפ זייער אויסהאלט. קיין קאָנטראָל איז ניט געווען, און עס איז געגאנגען א שטענדיקע רויבערײַ פון דער באפעלקערונג. פון געריכט פלעגט ארויסגיין ריין ניט דער אומשולדיקער, נאָר דער רײַכער. הילף פלעגט מען געבן ניט די אָרעמע, נאָר די רײַכע. „שלאנגען און טיגערן זײַנען בעסער פון די ריכטער און פון זייערע באאמטע", „געלט פאָדערט דער ריכטער, און געלט פאָדערט אויך דער שרײַבער" — פלעגט מען ווענג דער דאָזיקער אדמיניסטראציע זאָגן אין פאָלק.

דאָס גוטס, וואָס די עקספּלואטאטערס פלעגן אָנראבעווען פון די פויערים, פלעגן זיי אוועקלאָזן אפן מארק. די סאָחרים זײַנען פאר דער צײַט רײַך געוואָרן. די סאָחרים פלעגן זיך, דעריקער, אָנלעבן אפ ספעקוליאציע מיט ברויט און מיט רײַז בעשאס די הונגערן און אפ אָפּגעבן געלט אפ גרויסע פראָצענטן. דער הויפּט־סויחער איז געווען דער „זון פון הימל" אליין. ער האָט דערהאַבערט דעם מיורעשדיקן טורקעסטאַן און האָט אָנגעקניפּט דירעקטע האנדל־פארבינדונגען מיטן הײַנטיקן פערגאַנ און מיט פערסיע. אהין פלעגט מען פארקויפן זײַדענע געוועבן, און דורך די פערסי־

שע סאָכרימ פלעגנ די דאָזיקע געוועבנ דערגייג אפילע איב
עגיפּעט. עס איז באצווּנגענ געוואָרנ אוב באלייגט מיט צינז קאָרייע. אוב איב
111-טנ יאָר ביז אונדזער-ערע האָט דער אימפּעראַטער באצוווּנגענ אפילע טאָקיב
אוב האָט פארפירט מיט אימ א יאַמ-פארקער.

72. די פויערישע אופשטאנדנ אוב דאָס פאלנ פוב דער ערשטער אימפעריע.

איב דעמ II יאָרהונדערט פאר אונדזער ערע איז
די לאגע פוב די פויערימ געוואָרנ פולקומ אומדערטרעגלעכ.
די נויט איז דערגאנגענ דערצו, אז די פויערימ פלעגנ פארקויפנ די קינדער איב
קנעכטשאפט אָדער הארגענענ די ניי-געבוירענע קינדער, ווייל זיי האָבנ ניט גע-
האט מיט וואָס זיי צו שפּייזנ, אוב איב דער צייט פוב אומגערעטעניש איבער פארטרי-
קענישנ אוב פארפלייצונגענ פלעגנ זיי אָדער עסנ מענטשנ-פלייש אָדער שטארבנ
טויזנטערווייז פוב הונגער. איבערנ גאנצנ לאנד פלעגנ גייב האמוי-
נימ אָרעמעלייט אוב בעטנ נעדאָוועס. אוב די מער דרייסטע אוב
אקשאָנעסדיקע פלעגנ אָרגאניזירנ רויבער-באנדעס אוב לעבנ
פוב ראבעווענ סאָכרימ אוב רייכע מענטשנ. פוב צייט צו צייט
פלעגנ אופלאקערנ פויערשע אופשטאנדנ, דאָסראָוו אונטער
דער אָנפירונג פוב די רויבער-פירער.

איב די ערשטע יאָרנ פוב אונדזער ערע איז די שטימונג
פוב די פויערימ געוואָרנ אזוי דראָענדיק, אז די ערדבאזיצער
אוב די מאנדארינענ האָבנ אָנגעהויבנ מוירע האָבנ פאר אנ
אלגעמיינעמ פויערשנ אופשטאנד. צווישנ די אָנגעשראָקענע עקספּלוא-
טאטערס האָט זיכ געבילדעט א פארטיי פוב „רעפאָרמעס". זי האָט אראָפּגעוואָרפנ
דעמ דעמלטיקנ האלב-מעשוגענעמ, אייביק שיקערנ אימפעראַטער אוב האָט אוועק-
געזעצט אפנ טראָנ זייבעמ אנ איידעמ, וואנ-מאנ. קעדיי צו בארויקנ די פויערימ,
האָט וואנ-מאנ דערקלערט אנ „ערד-רעפאָרמע". ער האָט דערקלערט, אז
די גאנצע ערד ווערט איצט דאָס אייגנטומ פוב עמ אימפעראַ-
טער, אז אלע ערד-באזיצער באנוצנ זיכ נאָר מיט דער ערד
אוב אז קיינער טאָר ניט האָבנ איב זייב באנוצ מער ערד פוב א
באשטימטער נאָרמע. די מויסרעס ערד האָט ער באפוילנ אָפּ-
שניידנ אוב פאנאנדערגעבנ די ערדלאָזע. אָבער די דאָזיקע
„רעפאָרמע" איז פארבליבנ אפנ פאפיר. די מאנדארינענ האָבנ זיכ
געסטארעט אָפּציענ די רעפאָרמע: עס האָט זיכ אָנגעהויבנ אנ אָנענדלעכע דורכקאָנטראָ-
לירונג אוב איבערשרייבונג פוב די ערדנ. אוב אנדערע קליינע „אָפּשניטנ" זייבענ
באלד ארייבגעפאלנ איב די הענט צו די „ערדלאָזיקע" באאמטע אוב סאָכרימ.
וואנ-מאנ האָט נאָר באשטראָפט אוב געקעפּט אייניקע פוב די
סאמע פרעכע כאבארניקעס, אָבער דאָס האָט אימ צעקריגט
מיט די מאנדארינענ.

די פויערימ האָבנ מער ניט געקאָנט פארטראָגנ, אוב איב
18-טנ יאָר פוב אונדזער ערע האָט זיכ אָנגעהויבנ אנ אלגע-
מיינער פויערישער אופשטאנד, דער אָנפירער איז געווענ א וויבער-
אטאמאנ פאנ-טשונ. די אופשטענדלער האָבנ אלס אנ אויסטייל-צייכנ זיכ אָפּגע-
פארבט די ברעמענ מיט א רויטער פארב; דעריבער האָט מענ דעמ דאָזיקנ אופ-

שטאנד אָנגערופנ דער אופשטאנד פונ די רויט־ברעמיקע. אינ 23־טנ יאָר פונ אונדזער ערע איז דאָס מיליטער פונ וואנ־מאנ צעקלאפּט געוואָרנ, אונ ער אליינ איז געקעפּט געוואָרנ. די אופשטענדלער האָבנ אויסגעקליבנ זייערנ א רעגירער, ער האָט אָבער פאראטנ די פויערים־זאכ אונ איז זיכ צונויפגעגאנגענ מיט די מאנדארינענ אונ פריצים. אינגיכנ האָט זיכ אָרגאניזירט א קאָנטררעוואָליוציע, אונ די „רויטע ברעמענ" זײַנענ באזיגט אונ פארניכטעט געוואָרנ.

אפ א צייט זײַנענ די פויערים אנטשוויגנ געוואָרנ. אָבער אינ 150 יאָר ארום, אינעם 184־טנ יאָר פונ אונדזער ערע, האָט זיכ אופגעהויבנ דער צווייטער אלגעמיינער אופשטאנד פונ די פויערים, דער אזויגערופענער אופשטאנד פונ „די געלע טיורבאנענ", לויט די געלע בענדלעכ, וואָס מיט זיי פלעגנ די אופשטענדלער ארומבינדנ זיכ דעם קאָפּ. די פירער פונ דעם דאָזיקנ אופשטאנד זײַנענ געוועזנ די דרײַ ברידער טשזשאנ. איינער פונ זיי, דער הויפּט־פירער, האָט זיכ ארויסגעגעבנ פאר א „נאָווי", וואָס האָט קלוימערשט געהאט פארבינדונגענ מיט גײַסטער. די דאָזיקע גײַסטער, האָט ער געזאָגט, ווײַזנ אָנ „דעם וועג צום אלגעמיינעם גליק". די פויערים האָבנ געגלייבט דעם דאָזיקנ „נאָווי", אָבער ער האָט זיכ, פארשטייט זיכ, ארויסגעוויזנ פאר א שווינדלער אונ פארעטער. ווענ דער פויערים־אופשטאנד האָט גענומענ זיגנ, ווענ די פויערים האָבנ אינ א ריי אויעזדנ אונ שטעט פארכאפּט די מאכט אונ האָבנ גענומענ קעפּנ זייערע עקספּלואטאטערס אונ אָפּנעמענ בא זיי די ערד, דעמלט איז דער „נאָווי" איבערגעגאנגענ אפ דער זײַט פונ די סאָנים פונ פאָלק אונ האָט אָנגעהויבנ פארווערנ די פויערים דעם רעוואָליוציאָנערנ טעראָר אונ אָפּנעמענ ערד. דעמלט האָבנ זיכ אָנגעהויבנ רײַסערײַענ צווישנ די „געלע טיורבאנענ": עס האָבנ זיכ אויסגעבילדעט צוויי פארטייענ — פאר דעם „נאָווי" אונ קעגנ דעם „נאָווי". די דאָזיקע קאָנפליקטנ האָט אויסגענוצט די רעגירונג אונ האָט דערשטיקט דעם אופשטאנד (186 י.). אזוי האָט די רעליגיע, ווי שטענדיק אונ אומעטום, אָפּגעדינט א דינסט די עקספּלואטאטערס אונ האָט פאראטנ די עקספּלואטירטע.

נאָכ דער מאפּאָלע פונ די „געלע טיורבאנענ" זײַנענ די פויערים אופגעשטאנענ נאָכ אייניקע מאָל, אָבער די דאָזיקע באוועגונגענ זײַנענ געוועזנ צעשפּליטערטע אונ האָבנ קיינ דערפאָלג ניט געהאט. דאָכ איז די אימפּעריע שטארק אָפּגעשוואכט געוואָרנ נאָכ דעם דאָזיקנ קאמפּ. ענדע III יאָרהונדערט פונ אונדזער ערע איז זיכ די ערשטע אימפּעריע פאנאנדערגעפאלנ אפ א גאנצער ריי באזונדערע פעאָדאלע פירשטנטומס אונ דערנאָכ איז זי דעראָבערט געוואָרנ פונעם מאָנגאָלישנ שייוועט קידאני, וואָס פונ זייער נאָמענ איז עס אוועק דער רוסישער נאָמענ פונ כינע — קיטײַ.

די פויערשע פארשקלאפּונג אונ דאלעס זײַנענ פארבליבנ אינ כינע ביז אונדזערע טעג. די גרעסטע מערהײַט כינעזישע פויערים האָבנ צו ערד־באצירקנ אינ־

גאנצן פון א $^1/_2$ ביז $^3/_4$ הא, הונגערן און לעבן אין דאלעס. און אויב א כינע־
זישער פויער האָט 2—3 הא ערד, רעכנט מען אים שוין פאר א „גווירֿ". אָבער
דאָס פויערטום אליין, א צעשפליטערט און ווייניק באוווסטזיניק, האָט ניט אין
כינע און ניט אין קיין אנדער לאנד זיך געקאָנט באפרייען מיט זיינע קויכעס.
בלויז איצט, ווען אין כינע איז פאראן א כינעזישער אינ־
דוסטריעלער פראָלעטאריאט, וואָס האָט זיך געשטעלט אין
דער שפיץ פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג פון די כי־
נעזישע ארבעטנדיקע מאסן, האָט די רעוואָלוציע אין כינע
אָפגעהאלטן אירע ערשטע פעסטע ניצחוינעס.
אין 1927 יאָר האָט זיך אין כינע אָנגעהויבן א גרויסע רעוואָלוציע. עס זיינען
אופגעשטאנען די ארבעטער פון קאנטאָן, באלד נאָך ווי האָט זיך אופגעהויבן דאָס
ארבעטנדיקע פויערטום פון קאנטאָנער געגנט גוואנדונ. אין פרילינג 1928 יאָר
האָט זיך אין דאָרעם-מיזרעכדיקן טייל פון כינע אויסגעביל-
דעט א פעסטע ראטנמאכט, וועלכע האָט זיך נאָכדעם פארש-
פרייט אפ א $^1/_4$ טעריטאָריע פון כינע. עטלעכע מארשן האָבן פירגע-
נומען קעגן דער ראטן-כינע די כינעזישע גענעראלן, אָבער, ניט געקוקט אפ דער
שטיצע מיצאד די אויסלענדישע אימפעריאליסטן מיט געלט און געווער, האָבן זיי
יעדעס מאָל געליטן א מאפּאָלע. אין די סאָוועטישע ראיאָנען האָבן די ארבעטער
און פויערים טיילווייז פארניכטעט, טיילווייז פארטריבן די גוטבאזיצער און קאפּיטא-
ליסטן, און די פריצישע ערד איז צעטיילט געוואָרן צווישן די ארבעטנדיקע פויערים.
איינגיכן וועט גאנץ כינע זיך פארייניקן אונטער דער סאָוועטנ-
מאכט, וואָס וועט אָנגעפירט פון דער כינעזישער קאָמוניס-
טישער פארטיי. דעמלט וועט זיך ענדיקן די דוירעסדיקע קנעכטשאפט און דא-
לעס פון כינעזישן ארבעטנדיקן פאָלק און דאָס פאָלק וועט ווידער אופלעבן אין זיין
באנייטן לאנד פון פרייער סאָציאַליסטישער מי.

1. די אויסבילדונג פונ די שקלאפנבאזיצערישע געזעלשאפטנ

73. דאס לאנד אונ די באפעלקערונג. בא די אוראלטע גריכנ אונ אוראלטע רוימער (אינ איטאליע) האט די צעלייגונג פונ דער שטאמ-ארדענונג געבראכט ניט צו א פעאדאלער, נאר צו א שקלאפנבאזיצערישער ארדענונג.

די שקלאפנבאזיצערישע ארדענונג האט זיכ פריער ווי אומעטומ אויסגעבילדעט בא די אוראלטע גריכנ. די געשיכטע פונ די גריכישע שקלאפנבאזיצערישע מעלוכעס האט זיכ פאנאנדערגעוויקלט אפנ דארעמ-מײַרעוודיקנ ראנד פונעמ באלקאנישנ האלב-אינדזל, אפ די אינדזלענ פונעמ עגייִשנ יאמ, אפנ מײַרעוו-ברעג פונ קליינ-אזיע (ז. די קארטע אפ ז. 136). דאס איז געווענ די גרונט-טעריטאריע פונ די גריכנ, אבער גריכישע קאלאניעס זײַנענ אויכ געווענ אינ דארעמ-איטאליע אונ אינ סיציליע.

● דער דארעמ-מײַרעוודיקער ראנד פונעמ באלקאנישנ האלב-אינדזל איז אינ אלע ריכטונגענ דורכגעשניטנ מיט בערג, וואס צעטיילנ אימ אפ עטלעכע צענדליק ניט קיינ גרויסע בארג-געביטנ. די אינדזלענ פונ עגייִשנ יאמ זײַנענ אלע, אויסער צוויי, קליינע. אונ דער מײַרעוו-ברעג פונ קליינ-אזיע איז זייער דורכגעשניטנ אונ רײַכ מיט בוכטעס. די דאזיקע באדינגונגענ האבנ מיטגעהאלפנ, אז עס זאל זיכ אויסבילדנ א גאנצע ריי קליינע גריכישע מעלוכעס—אינ יעדער בארג-געגנט, אפ יעדנ אינדזל, בא יעדער קליינ-אזיאטישער בוכטע. דער באדנ איז אפנ באלקאנישנ טייל גריכנלאנד אונ אפ די אינדזלענ דאס-רוב א שטיינערנער אונ ווייניק פרוכטבארער, רעגנס פאלנ דארטנ אויס ווייניק. גינסטיק פאר ערדארבעט זײַנענ דארטנ נאר אייניקע טאלנ פונ קליינע טײַכנ, וואס האבנ זיכ אויסגעבילדעט פונ די טײַכנ-אנטרײַבעניש. דערפאר אבער טרעפנ זיכ אינ די בערג נוציקע מינעראלנ—קופער, אײַזנ, זילבער, גאלד, ערטערווײַז אויכ זייער גוטע טעפער-ליימ אונ אזא ווערטפולער בוי-שטיינ, ווי מירמל. דעריבער האט די ערדארבעט אינעמ אוראלטנ גריכנלאנד ניט געקאנט זײַנ אזא גרונטיקע אונ האכנאסעדיקע באשעפטיקונג, ווי אינ די טײַכ-טאלנ פונ מיזרעכ. דערפאר אבער האט זיכ אינ גריכנלאנד פרי אנגעהויבנ האנטווערקערײַ אפ אפזאצ, אונ עס האט זיכ אנטוויקלט דער האנדל. ●

די גריכנ זײַנענ ניט געווענ די ערשטע אײַנוווינער פונ גריכנלאנד. די אוראלטסטע באפעלקערונג פונ גריכנלאנד האט


פאַרצײַטיק
גריכנלאנד
מיט די געגנטן
ראָדאָס
קנאָסאָס
גאָרטינע

געהערט צו אנ אנדער שייוועט. נאָכ איידער די גריכנ זײַנען געקומען אהינ, האָבנ שוינ דאָרטנ, ווי מיר ווייסנ, עקזיסטירט צוויי פעאָדאלע קיניגרײַכנ אפנ אינדזל קריט (קעפטיו). די ארכעאָלאָגנ האָבנ אופגעגראָבנ רעשטנ פונ פאלאצנ פונ פעאָדאלע קיניגנ אויכ אינ מיטל-גריכנלאנד אונ אפ פעלאָפאָנעס (דאָרעמ-טייל פונ גריכנלאנד).

פאר 1500 יאָר ביז אונדזער ערע האָט זיכ אָנגעהויבנ די איבערוואנדערונג פונ די גריכישע שוואָטימ. די גריכנ האָבנ אינ פארלויפ פונ 200 יאָר צעשטערט די אלטע פעאָדאלע קיניגרײַכנ אונ אינ פארלויפ פונ 500—600 יאָר האָבנ זיי פארנומענ דאָס גאנצע באלקאנישע גריכנלאנד, א טייל פונ די אינדזלענ פונעמ עגייִשנ יאמ אונ אייניקע וויכטיקסטע פונקטנ אפנ ברעג פונ קליינ-אזיע. די גריכישע שוואָטימ האָבנ ביז זייער איבערוואנדערונג געלעבט אינ צאָפנ-טייל פונעמ באלקאנישנ גריכנלאנד, דערהויפט אינ עפיר אונ אינ פעסאליע. די גריכישע איבערוואנדערער פונ עפיר אונ פעסאליע פלעגנ זיכ מערסטנס באזעצנ אפ א פרידלעכנ אופנ אינ שכיינעס מיט דער פריִערדיקער באפעלקערונג. אָבער אינ יענע געגנטנ, וווּ עס זײַנענ ניט געוועננ קיינ פרײַע ערטער, פלעגנ זיי פארכאפנ ערד מיט גוואלד, אונ די פריִערדיקע באפעלקערונג פלעגנ זיי אָדער אונטערטעניקנ אָדער פארניכטנ.

74. די געזעלשאפטלעכע אָרדענונג פונ די גריכנ אינ דער צײַט פונ דער איבערוואנדערונג.

אינ עפיר אונ פעסאליע האָבנ די גריכנ געלעבט אינ א שטאמ-אָרדענונג. אינ אייניקע ערטער האָבנ נאָכ דאָרטנ עקזיסטירט אזוינע שטאמענ, אינ וועלכע עס האָבנ, לויטנ אויסדריק פונ די גריכישע היסטאָריקער, די מענער געפיטערט פי, אונ די פרויענ געאקערט, דאָס הייסט, עס האָבנ עקזיסטירט מוטערלעכע שטאמענ. אָבער די גרעסטע מערהײַט פונ די גריכישע שטאמענ זײַנענ שוינ אינ דער עפאָכע פונ דער איבערוואנדערונג געוועננ פאָטערלעכע; עס זײַנענ שוינ אויכ דערשינענ שטאמענ-פארבאנדנ, אפ גריכיש פראטריעס. די גרונט-באשעפטיקונג איז געוועננ האָדעווענ קלײנעמ פי אפ די בארגישע פיטער-פעלדער אונ יעגערײַ; ערד-ארבעט איז געוועננ א געהילפ-באשעפטיקונג.

איבערוואנדערנ האָט געצוווּנגענ די גריכנ די נויט. די שטאמענ זײַנענ זיכ צעוואקסנ, פונ אלטע פלעגנ זיכ אָפּטיילנ נײַע, אונ גוטע פיטער-פעלדער איז אפ די בערג געוועננ ווייניק. דעריבער פלעגנ זיכ די שטאמענ-פארבאנדנ, ווענענ עס איז געוואָרנ ענג אונ שווער צו לעבנ, אופהייבנ, פארייניקנ זיכ אינ א שייוועט, אפ גריכיש פילע, פלעגנ אויסקלײַבנ א פירער, באסילעווס, אונ אוועקלאָזנ זיכ איבער די בארג-דורכגאנגענ אפ דאָרעמ זוכנ נײַע ערטער. אָפט פלעגנ זיכ עטלעכע פילעס פארייניקנ צוליב דעמ מארש; דעמלט פלעגט מענ אויסער דעמ באסילעווס פונ דער פילע אויסקלײַבנ א הויפט-באסילעווס. דער באסילעווס פלעגט קאָמאנדעווענ בעשאס דער איבערוואנדערונג אונ אינ פאל פונ מילכאָמע-צוזאמענשטויסנ. אָבער אלע גרונט-פראגנ פלעגט לייזנ די פארזאמלונג פונ אלע זעלנער. די פארזאמלונג פונ די זעלנער פלעגט לייזנ פראגנ וועגנ מילכאָמע אָדער שאָלעמ, וועגנ מארשנ, וועגנ טיילנ די רויב אונ וועגנ טיילנ די ערד. די באסילעווסנ האָבנ נאָר גע-

דארפט אויספילנ דעמ אָנגענומענעמ באשלוס; אינ וויכטיקע פאלנ פלעגט דער הויפט-באסילעווס צונויפזאמלענ א ראט פונ די פילע-באסילעווסנ. אינ מארש אונ בעשאס שלאכט איז יעדער שטאמ-פארבאנד געגאנגענ אונטער דער קאָמאנדע פונ זײַנ עלטסטנ; אינ דער צײַט פונ שלאכט פלעגנ זיכ אלע שטאמענ-פארבאנדנ פונ דער אָדער יענער פילע שלאָגנ האנט-בא-האנט אונטער דער קאָמאנדע פונ זייער פילע-באסילעווס. דאָס איז — שטאמ-אָרדענונג אינ מארש.

75. דאָס באזעצנ זיכ אונ די צעלייגונג פונ דעמ שטאמ-שטייגער.

ווענ א גריכישער שייוועט פלעגט פארכאפנ רויב אָדער פארנעמענ א טעריטאָריע אפ באזעצנ זיכ, פלעגט די צעטיילונג פונ דעמ רויב אונ פונ דער ערד פאָרקומענ ניט לויט גלײַכע באלאָקימ, נאָר „לויט ייִכעס אונ רײַכטומ“.

די באסילעווסנ פלעגנ אויסער זייער כיילעק אינעמ רויב שטענדיק באקומענ אנ ערנ-געשאנק אויסער דער נאָרמע: די בעסטע קנעכט אונ קנעכטנס, די בעסטע פערד, די בעסטע שטיק פי, די בעסטע זאכנ פונ גאָלד אונ זילבער. די באסילעווסנ האָבנ געהאט דאָס רעכט אליינ אָפּצוקלײַבנ די דאָזיקע ערנ-געשאנקענ, אונ אָפטמאָל פלעגנ זיי פארנ אויסוואל זיכ רײַסנ איינער מיטנ צווייטנ. ערנ-געשאנקענ, אָבער ערגערע אונ קלענערע, פלעגנ אויכ באקומענ די עלטסטע פונ די שטאמענ-פארבאנדנ אונ פונ די שטאמענ. דער איבעריקער רויב פלעגט ערשט נאָכ דעמ אוועק אינ דער אלגעמיינער פארטיילונג.

ווענ דער שייוועט פלעגט פארנעמענ א נײַע טעריטאָריע אפ באזעצנ זיכ, פלעגט מענ פריִער פונ אלצ „אָפּהאקנ“ געביטנ פאר די באסילעווסנ אונ פאר די עלטסטע פונ די שטאמענ-פארבאנדנ, אזוי אויכ פאר דעמ „שייוועט-גאָט“. די דאָזיקע געביטנ פלעגנ אָפּקלײַבנ די באסילעווסנ אונ די עלטסטע פונ די פראטריעט אפנ ראט פונ די פילע-באסילעווסנ אונ עלטסטע. פארשטייט זיכ, אז זיי פלעגנ זיכ אויסקלײַבנ די בעסטע ערטער — אינ די טאָלנ, אונ ניט אפ די בארג-זײַטנ, נעענטער צו די טײַכנ, דאָרטנ, ווו די ערד איז פרוכטבארער אונ איז בעסער באוואסערט. פאר דעמ גאָט פלעגט מענ אויכ אָפּגעבנ א געביט אפ דער בעסטער ערד, די האכנאָסעס פונ דעמ דאָזיקנ געביט זײַנענ געגאנגענ פאר די פריסטערס. אונ דעמ רעשט פלעגט מענ טיילנ צווישנ די איבעריקע מיטגלידער פונעמ שייוועט דורכ א גורל אפ גלײַכע ערד-כאלאָקימ; נאָר די שטאמ-עלטסטע פלעגט מענ געבנ צו עטלעכע ערד-כאלאָקימ. אויב עס פלעגט בלײַבנ ניט קיינ צעטיילטע ערד, פלעגט מענ זי איבערלאָזנ פאר אלגעמיינער פאשע אונ אינ רעזערוו.

אזוי האָט זיכ באמ באזעצנ אויסגעבילדעט אנ אומגלײַכקײַט פונ פארמעגנ. די באסילעווסנ אונ די עלטסטע זײַנענ, לויטנ דעמלטיקנ אויסדריק, געוואָרנ פילערדכאלאָקימדיקע אונ פעטע; די פאָשעטע מיטגלידער פונ די שטאמענ — מאָגערע, אָרעמע. די באסילעווסנ אונ די עלטסטע פלעגנ זאָגנ, אז זיי האָבנ דאָס רעכט אפ בעסערע ערדנ דערפאר, וואָס זיי זײַנענ, הייסט עס, די „בעסטע“ מענטשנ אינ די שטאמענ אונ אינ שייוועט, אפ גריכיש — אריסטאָקראטנ. אָט די

דאָזיקע אומגלײַכקײַט האָט זיך מיט דער צײַט נאָך מער פֿאַרגרעסערט, ווײַל די ניט-צעטיילטע ערד האָבן ביסלעכווײַז אַרײַנגעכאַפּט אין זייערע הענט די אַריסטאָקראַטן.

באַ די אַריסטאָקראַטן זײַנען אויך געווען גרויסע טשערעדעס פֿי און קנעכט, וואָס פֿלעגן באַנוצט ווערן אַף אַלעווירטשאַפֿטלעכע אַרבעטן. די קנעכט פֿלעגן פּאַשען די טשערעדעס פֿון די אַריסטאָקראַטן, אַקערן צו דרײַ מאָל זייערע פֿעלדער, צוערשט אַף אָקסן, דערנאָך אַף מולן (געמ. 40), פֿלעגן אַראָפּנעמען דעם שניט, באַאַרבעטן די סעדער און די ווײַנגערטנער. שקלאַפֿנס פֿלעגן אַף האַנט-מילן מאָלן די קערנער, וועבן, נייען, אָנטאָן די פּריצים און באַדינען זיי. באַ די גרויסע באַסילעווסן זײַנען געווען צו 30—50 קנעכט. די לאַגע פֿון די קנעכט איז געווען אַ בישקאָשעדיקע. די האַרן פֿלעגן זיי טײַער האַלטן, ווײַל ניט אַלע מאָל האָט מען געקאָנט קריגן נײַע קנעכט. מילכאָמעס פֿלעגן פֿאָרקומען ניט שטענדיק, און קויפֿן אַ נײַעם קנעכט האָט מען געקאָנט נאָר אין אַ זעלטענעם פֿאַל באַ דורכפֿאָרנדיקע פֿיניקיישע סאָכרים, וועלכע פֿלעגן נעמען פֿאַר דער דאָזיקער „סכוירע“ זייער אַ טײַערן פּרײַז. דעריבער פֿלעגן אייניקע קנעכט אַפֿילע באַקומען באַ די האַרן ערד-באַצירקן און פֿירן אַ ווירטשאַפֿט. דאָס איז געווען פּאַטריאַרכאַלע קנעכטשאַפֿט.



געמעל 40. פֿעלד-אַרבעט באַ אַריסטאָקראַטן.
אויבן—צווייטע דורכאַקערונג—מיט מולן, פֿונהינטן אַ פֿור מיט קיילים צו באַגיסן נאָכן פֿאַרזייען.
אונטן—דאָס אַקערן מיט אָקסן (ערשטע דורכאַקערונג); רעכטס—דער זייער מיט אַ קאָרב, לינקס—אַ קנעכט צעברעקלט מיט אַ מאָטיקע די שטיקער ערד.

די פּאָשעטע מיטגלידער פֿון די שטאַמען האָבן זיך, דערייקער, פֿאַרנומען אַף זייערע ערד-באַצירקן מיט ערדאַרבעט. מע האָט זיי טאַקע אַזוי גערופֿן—אַקערער. אַן אַקערער האָט געדאַרפֿט האָבן אַ פּאָר אָקסן, קעדיי אופֿצואַקערן מיט דעם דעמלטיקן שלעכטן בראָנזענעם פֿלוג דעם האַרטן באָדן פֿון גריכנלאַנד; נאָכן אַקערן פֿלעגט אויסקומען צו צעברעקלען די ערד מיט אַ מאָטיקע (געמ. 40, אונטן). און ווען עס איז אויסגעפֿאַלן אַ ביסלעך ערד אַף אַ באַרג-זײַט, דער האָט געמוזט פֿריער דאָרט אָנשיטן ערד אַף אַקערן, שלעפּנדיק זי

אפ די פלייצעס אינ קערב פונ טאָל. מע פלעגט זייענ הויפּט־זאכלעכ גערשטנ; די געטנ פונ ערד־פרוכטבארקייט האָט טאקע אזוי געהייסנ דעמעטרא, ד. ה. מוטער (מעטער) פונ גערשטנ (דעאַי). די ארבעט פונ די אקערער איז געווענ זייער א שווערע אונ ניט קיינ דאנקבארע. די גערעטענישנ זיינענ געווענ שלעכטע, אונ דאנ, ווענ די אריסטאָקראטנ פלעגנ אלצ רייכער ווערנ, פלעגנ די פויערימ אלצ אָרעמער ווערנ.

ביסלעכווייז האָט זיכ אויכ איינגעשטעלט פּריוואט־אייגנ־טומ אפ ערד. נאָכנ טויט פונ אנ אריסטאָקראט האָט מענ זיינ ערד אונ דאָס גאנצע פארמעגנ זיינס געטיילט צווישנ זיינע זינ; דער באקומענער כיילעק איז געווענ דאָס אייגנטומ פונעמ יורעש. אויכ בא די פּאָשעטע שטאמ־מיטגלידער האָט מענ איינגעפירט דעמ דאָזיקנ מינהעג. קיינ איבערפארטיילנ פלעגנ ניט זיינ. יעדער אקערער פלעגט פונ דאָר צו דאָר באארבעטנ זיינ ערד־כיילעק, איבערגעבנדיק אימ זיינע זינ. אפ די מעזשעס צווישנ די ערד־כאלאָקימ זיינענ געווענ צעשטעלט מעזשעס־שטיינער. די ערד־כאלאָקימ האָבנ אָנגעהויבנ איבערגיינ אינ יערושע. ביסלעכווייז זיינענ אינ די פּראָדוציר־באציונגענ פארשוונדנ אלע רעשטנ פונ די קאָמוניסטישע שטאמ־מינהאָגימ. אפ זייער אָרט זיינענ ארויס־געטראָטנ פּריוואט־אייגנטומ, קלאסנ־אונטערשיידנ אונ קלאסנ־ווידערשפּרוכנ.

76. די גריכישע פּאָליסנ פונ VIII—X יאָרהונדערטנ. פארנעמענדיק נייע טעריטאָריעס, פלעגנ זיכ די גריכישע שוואָטימ אומעטומ באזעצנ אפ דעמ זעלביקנ אויפנ. מע פלעגט אויסקלייבנ א בערגל אָדער א בארג, א באקוועמענ פאר בויענ א באפעסטיקונג, נעענטער צומ יאמ־ברעג אונ מע פלעגט דאָרטנ בויענ א פּאָליס, ד. ה. א שטאָט אָדער אנ אקראָפּאָל, ד. ה. „א שטאָט אפ א בארג“. אינ דער דאָזיקער שטאָט פלעגנ זיכ אינ ריזיקע פּאלאצנ באזעצנ די באסילעווסנ אונ די עלטסטע. לעבנ די פּאלאצנ פלעגט מענ אויסבויענ א טעמפּל פאר דעמ שיירעט־גאָט.

אינ פּאָליס פלעגט איינגעאָרדנט ווערנ א פּלאצ פאר פאָלק־פארזאמלונגענ. א באזונדער פּלאצ פלעגט אויסגעטיילט ווערנ פאר א מארק. לעבנ די מארק־פּלעצער פלעגנ זיכ פּריטוליענ שמידנ אונ שיפּ־בויער אינ קליינע אָרעמע הייזקעס. די גאנצע שטאָט פלעגט ארומגע־רינגלט ווערנ מיט א געמויערטער וואנט. בעשאס אנ אָנפּאל פונ א פיינט פלעגט די פויערישע באפעלקערונג אוועקגיינ אינ שטאָט אונ באהאלטנ זיכ הינטער די וועגט. דער פּאָליס איז געווענ א רעגירונג־צענ־טער; דעריבער פלעגנ אלע נייע קליינע גריכישע מעלוכעס, וואָס האָבנ זיכ געגרינדעט נאָכ דער איבערוואנדערונג הייסנ פּאָליסנ.

מיט דער צייט איז אינ די גריכישע פּאָליסנ דער גרעסטער טייל פונ דער ערדארבעטערישער באפעלקערונג ארייננגעפאלנ אינ עקאָנאָמישער אָפּהענגיקייט צו די אריסטאָקראטנ. די פויערשע באפעלקערונג האָט זיכ פארגרעסערט מיט יעדנ דאָר, אונ קיינ ערד פלעגט בא די פויערימ ניט צוקומענ. דעריבער האָט א טייל פּויערימ אָנגעהויבנ פארלאָזנ די ערד. עס איז דערשינענ א גרופּע פּוי־

ערים אָן „ערדכאַלאָקים״, וועלכע פלעגן זיך אָדער פאַרדינגען אַפּ אַרבעט צו די אַריסטאָקראַטן אָדער אויסוואַנדערן. די פּויערים, וואָס זײַנען פאַרבליבן אַפּ דער ערד, האָבן אָפט געליטן פון אומגערעטענישן איבער פאַרטריקענישן; דער הונגער איז געווען דער שטענדיקער „באַגלייטער פונעם ערדאַרבעטער״. און נאָך דעם הונגער זײַנען געגאַנגען כויוועס: עס פלעגט אויסקומען צו ווענדן זיך נאָך זריִע־האַלוואָעס און דערנערונג־האַלוואָעס צו די זעלביקע אַריסטאָקראַטן. האַלוואָעס פלעגן זיי געבן, אָבער אַפּ פּראָצענט און פלעגן נעמען אַלס מאַשקן דעם ערד־כיילעק. צעצאָלן זיך איז געווען ניט גרינג; באַא שלעכטן צאָלער פלעגט דער „פּעטער״ קרעדיטער אָפּנעמען די ערד, און דער רויִנירטער באַלכויוו פלעגט פאַרוואַנדלט ווערן אין א פאַרשקלאַפטן אַרבעט־מאַן, א צוגעפעסטיקטער צו זײַן פריִערדיקן ערדכיילעק.

ווען דער גרעסטער טייל פּויערים פון א פּאָליס פלעגט אַרײַנפאַלן אין אַזא אָפּהענגיקײַט פון די אַריסטאָקראַטן, פלעגן די אַריסטאָקראַטן אָן קיין שום ווידערשטאַנד פאַרכאַפּן די גאַנצע מאַכט אין זייערע הענט. אַזויאַרום איז אין די פּאָליסן דער אָנפירנדיקער אָרגאַן פון דער מעלוכישער פאַרוואַלטונג און פון געריכט געוואָרן דער ראַט פון די באַסילעווסן און עלטסטע. דער הויפּט־באַסילעוס פלעגט אין ראַט זײַן נאָר דער פּאָרזיצער און אויספילן זײַנע באַשלוסן. און אין VIII יאָרהונדערט איז דער אַמט גופע פון א הויפּט־באַסילעווס אָפּגעשאַפט געוואָרן. אָנשטאָט אים פלעגט דער ראַט אויסקלײַבן פון צווישן זיך עטלעכע רעגירער אַפּ א יאָר. די פאָלק־פאַרזאַמלונג פלעגט מען אופרופן נאָר קעדיי צו מעלדן די פּויערים א באַפעל אָדער א באַשטימונג פונעם ראַט וועגן אויספירן וואָסער ניט איז מעלוכישע היסכײַוועס, וועגן געבן זעלנער, וועגן אַרויסטרעטן אין א מאַרש א.א.וו. אַפּ אַזא אויפן זײַנען די גריכישע פּאָליסן געוואָרן אַריסטאָקראַטישע רעפּובליקן.

● 77. די זינגער און האָמערס פּאָעמעס. יעדער באַסילעווס פלעגט צווישן זײַנע הויפלײַט האַלטן אײנעם אָדער עטלעכע זינגער. די דאָזיקע זינגער זײַנען געווען הויף־פּאָעטן און מוזיקאַנטן. זיי פלעגן פאַרפאַסן לידער, אין וועלכע זיי פלעגן באַשרײַבן די מיליטערישע און רויבערישע מאַרשן פון זייערע האַרן און די האַרנס אורעלטערן. און אַזויווי יעדער באַסילעווס האָט געהאַלטן, אַז זײַן שטאַם קומט אַרויס פון וואָסערן ניט איז גאָט, פלעגן אַלס פּערסאָנאַזשן אין די לידער שטענדיק פיגורירן אויך געטער. זייערע האַרן און די האַרנס אורעלטערן פלעגן די זינגער שילדערן אַלס העֶרויען, ד. ה. העלדן, וואָס פאַרמאָגן אויסערגעוויינלעכע קראַפט און מוט, און שיידן זיך אונטער פון די געטער נאָר דערמיט, וואָס זיי זײַנען שטערבלעך, און די געטער — אומשטערבלעך.

ווען אין VIII יאָרהונדערט פאַר אונדזער ערע האָבן די גריכן איבערגענומען בא די פיניקייער סאָכרים דעם אַלעפבייז, און אין גריכנלאַנד האָט זיך באַוויזן שריפט, האָבן די זינגער אָנגעהויבן פאַרשרײַבן זייערע לידער. שפּעטער האָט אַן אומבאַוווסטער פּאָעט צונויפגעשטעלט פון די דאָזיקע פאַרשריבענע לידער צוויי גרויסע קינסטלערישע פּאָעמעס „איליאַדאַ“ און „אָדיסייע“. די גריכן האָבן געזאָגט, אַז אין די דאָזיקע פּאָעמעס זײַנען קלוימערשט אַרײַן די לידער פון אַן אורעלטן בלינדן

זינגער האָמער: דעריבער רופט מען „איליאדא" און „אָדיסייע" אויך אָן האָמערישע פּאָעמעס.

פון „איליאדא" און „אָדיסייע" דערוויסן מיר זיך דעם לעבנשטייגער און די זיטן פון דער גריכישער אַריסטאָקראַטיע אין די IX—XI יאָרהונדערטן ביז אונדזער ערע. די איליאדא באַשרייבט דעם מיליטערישן לעבנשטייגער. דער סיוזשעט אירער איז גענומען פון דער אַזויגערופענער טראָיאַנישער מילכאָמע. טראָיע אָדער איליאָן—דאָס איז די הויפּט-שטאָט פון א קליינינקן מלוכהלע, וואָס איז געווען אין צאָפן-מיזרעכדיקן ווינקל פון קליין-אַזיע, ניט ווייט פון יאַם. קעגן דעם טראָיאַנישן קיניג איז קלוימערשט געווען א מילכאָמע פון א גאַנצן פאַרבאַנד גריכישע באַסילעווסן. זיי האָבן באַלאַגערט טראָיע 10 יאָר, האָבן זי סאָפּקאָלסאָפ גענומען מיט א שפּיצל און האָבן זי פאַרבּרענט, און דעם קיניג און אַלע זיינע אונטערטאַנער



געמעל 41. אָדיסייס שיף. אָדיסיי איז צוגעבונדן צום מאַסטבוים, כדי ער זאָל זיך ניט וואַרפן צו די סירענעס אויף זייער געזאַנג. אַזעלכע שיפן פלעגט מען בויען אין VII—IX יאָרהונדערטן.

האָבן זיי געמאַכט פאַר קנעכט און פאַרטריבן דאָס גאַנצע פי פון די טראָיאַנער. אין „איליאדא" איז אויך באַשריבן א גאַנצע ריי דראַמאַטישע מאָמענטן פון קאַמף אונטער טראָיע: דער צווייקאַמף פון די גריכישע און טראָיאַנישע העלדן, זייערע קריגערייען, זייער קאַמף קעגן די פּאָשעטע זעלנער, וועלכע האָבן ניט געוואָלט אַזוי לאַנג פאַרבלייבן ווייט פון זייערע פעלדער און האָבן געפאָדערט, מע זאָל אָפּנעמען די באַלאַגערונג פון טראָיע און צוריקקערן זיך. עס זיינען באַשריבן די רויב-פאַרטיילונגען, לעבנס-מינהאָגים, די גלויבונגען פון די אַריסטאָקראַטן. די געטער האָבן זיך קלוימערשט אויך צעטיילט אין צוויי פאַרטייען, איינע זיינען געווען פאַר די גריכן, די אַנדערע—פאַר די טראָיאַנער, און די גאַנצע צייט פון שלאַכט פלעגן זיי העלפן די זעלנער פון דער אייגענער פּאַרטיי.

די „אָדיסייע" באַשרייבט, וויאַזוי איינער פון די קיניגן, וואָס האָבן געקעמפט אונטער טראָיע, דער קיניג אָדיסיי, האָט זיך, נאָך דעם ווי עס איז איינגענומען געוואָרן טראָיע, צוריקגעקערט אַהיים אויף זיין אינדזל איטאַקע, באַם מיירעוו-ברעג פון דעם באַלקאַנישן גריכנלאַנד, און וואָס עס איז זיך מיטן קיניג פּאַסירט. אָדיסייען האָט פאַרטראָגן א שטורעם אויף מיירעוו, ער איז שיער ניט אומגעקומען

אינ א קעסלגרוב לעבנ דער איצטיקער סיציליע, ווו די יאם-מאָנסטרענ, סיצילע אונ כאַריבדע, פלעגנ קלומערשט אומברענגענ יאם-לײַט, ער איז שיר ניט אומגעקומענ פונ דעם מאגישנ געזאנג פונ שלעכטע גײַסטער אינ געשטאלט פונ פויגלענ-פרויענ סירענעס (געמעל 41), ער איז שיר ניט אומגעקומענ בא די אײַנאויגיקע גיגאנטנ ציקלאָפּנ. ראטעווענ אָדיסייענ פלעגט שטענדיק די געטנ אטענ, זײַנ באשיצערנ. „אָדיסייע“ באשרײַבט אויכ, ווי אזוי עס האָבנ געלעבט, געפירט זייער ווירטשאפט אונ רעגירט מיט די פּאָליסנ אָדיסיי אלײנ אונ אנדערע באסילעוסנ, צו וועלכע ער איז פארפאָרנ אפנ וועג.

„איליאדא“ אונ „אָדיסייע“ געהערנ צו דער צאָל מוסטערהאפטע פּאָעטישע ווערק אונ זײַנענ וועלט-בארימט. אונ טראָיע האָט ווירקלעכ עקזיסטירט. אפנ אָרט פונ טראָיע זײַנענ געמאכט געוואָרנ אויסגראָבונגענ, אונ עס זײַנענ געפונענ געוואָרנ רעשטנ פונ עטלעכע אוראלטע שטעט, וואָס יעדערע פונ זײ האָט זיכ געבויט אפ די רויִנעס פונ דער צווייטער. אײנע פונ די דאָזיקע שטעט איז ווירקלעכ אומגעקומענ פונ א סרייפע, אירע רעשטנ רעכנט מענ פאר די רעשטנ פונ דער האָמערישער טראָיע.

78. האנדלשע אונ רויבערישע עקספּעדיציעס אונ נײַע איבערוואנדערונגענ.

די פויערים אָנ ערדכאלאָקים, וואָס האָבנ פאר זיכ ניט געהאט קײנ ארבעט, האָבנ געשטרעבט אויסצוואנדערנ אינ אנדערע ערטער. אויסער אזוינע פויערים האָבנ זיכ אינ VIII יאָרהונדערט ביז אונדזער ערע אינ אלע פּאָליסנ באוויזנ אויכ פיל אריסטאָקראטישע יוגנט, ווײניקערדיקע אָדער אָנערדיקע. דאָס איז פאָרגעקומענ דערפאר, וואָס דער עלטער מינהעג צו צעטײלנ די פאָטערלעכע ערד אפ גלײַכ צווישנ די זינ האָט זיכ איצט אָנגעהויבנ ענדערנ, אונ דעם הויפּט-כײלעק פונ דער ירושע האָט אָנגעהויבנ באקומענ דער עלטסטער זונ.

די ווײניקערדיקע אריסטאָקראטישע יוגנט פלעגט אָנעמענ א פּארטיע פונ ערדלאָזע פויערים אונ מיט זייער הילפ מאכנ ניט-גרויסע זעגל-שיפנ, פלעגט באוואָפענענ די פויערים מיט פײַל אונ בויגנ אונ אוועקזעצנ זײ אפ די שיפנ (ז. געמ. 41) אלס רודערער. די עקספּעדיציע פלעגט ארויספאָרנ אינ יאם זוכנ רויב. אָפטמאָל פלעגנ די דאָזיקע עקספּעדיציעס פארפאָרנ ווײַט. אזוי זײַנענ די „רויב-ארויס-באקומער“ פונ קריט פארפאָרנ קײנ עגיפּעט, דאָרטנ פלעגנ זײ אָדער אויסטוישנ אָדער מיט גוואלד אָפּנעמענ ברויט אונ קנעכט אונ קערנ זיכ צוריק מיט דעם דאָזיקנ רויב. אָפטמאָל פלעגנ זיכ די דאָזיקע עקספּעדיציעס ניט אײַנגעבנ, אונ די אָנטײלנעמער זייערע פלעגנ אלײנ ארײַנפאלנ אינ געפענקעניש אונ אינ קנעכטשאפט צו די עגיפּטער אָדער צו די פיניקייער.

אינ דער צײַט פונ אזוינע רויבעריש-האנדלשע עקספּעדיציעס פלעגנ זיכ די אָנטײלנעמער זייערע סטארענ אויסצוקוקנ באקוועמע ערטער פאר איבערוואנדערונג. זײ פלעגנ אויסקוקנ אזוינע ערטער, ווו עס זאָל זײַנ בעסער, ווי אינעם היימלאנד: מיט א פרוכטבארנ אונ גוטבאוואסערטנ באָדנ בא די ברעגנ פונ יאם, מיט א גוטער בוכטע אונ ווי ווײַט מעגלעכ ניט קײנ באזעצטע, מע זאָל זי קאָנענ פארנעמענ אָנ א

שלאכט. אויסגעקוקט אזא אָרט, פלעגט מענ זיכ אומקערנ אהיימ אונ אָרגאניזירנ א פארטיע מענטשנ, וואָס ווילנ איבערוואנדערנ. אינ דער שפּיצ פונ די איבערוואנדערער פלעגט זיכ שטעלנ א פירער, דאָסראָוו פונ די אריסטאָקראטנ; מע פלעגט אויסריכטנ שיפנ אונ פאָרנ אפ די נײַע ערטער. דאָרטנ פלעגט מענ צעטיילנ די ערד לויט „ייִכעס אונ רײַכטומ”, מע פלעגט אויסקלײַבנ רעגירער, געוויינלעכ פונ די איבערוואנדערטע אריסטאָקראטנ, בויענ א שטאָט אונ א טעמפּל. אָבער מיטנ היימלאנד פלעגט מענ אונטערהאלטנ א שטענדיקע פארבינדונג. דאָס היימלאנד פלעגט מענ רופנ מעטראָפּאָליע — מוטערלעכער פּאָליס, דעמ נײַעמ ייִשעוו — איר קאָלאָניע.

לעכאטכילע זײַנענ אזוינע קאָלאָניעס געגרינדעט געוואָרנ אפנ צאָפ-ברעג פונעמ עגייִשנ יאמ, אפ די ברעגנ פונ דער פרוכטבארער פראקיע, אפ דעמ צאָפנדיקנ אונ דאָרעמדיקנ ברעגנ פונעמ שווארצנ יאמ, דעריבער אויכ אינעמ איצטיקנ קרימ, אונ שפּעטער, אינ VII אונ VI יאָרהונדערטנ, האָבנ זיכ די קאָלאָניסטנ אוועקגעלאָזנ אינ מער ווײַטערע ערטער — אפ די פרוכטבארע ברעגנ פונ דאָרעמ-איטאליע, אינ דער פרוכטבארער סיציליע, אפילע אפנ עגיפּטישנ ברעג. יעדער גרויסער פּאָליס פונ גריכנלאנד האָט ארויסגעשיקט צו עטלעכע קאָלאָניעס.

79. די אנטוויקלונג פונ האנדל אונ האנטווערקערײַ אפ אָפּזאצ.

צווישנ די מעטראָפּאָליעס אונ די קאָלאָניעס האָט זיכ פארבונדנ א האנדל. דער האנדל האָט זיכ אָנגעהויבנ דערפונ, וואָס פונ די ברויט-רײַכע קאָלאָניעס האָט מענ אָנגעהויבנ ברענגענ אינ דער מעטראָפּאָליע דאָס פעלנדיקע ברויט. אונ אינ דעמ ערעכ, וואָס עס האָט זיכ פארגרעסערט די צאָל קאָלאָניעס אונ עס האָט זיכ פארגרעסערט דער סכומ ארײַנגעפירטנ וואָלוועלנ ברויט, האָט זיכ דער טוווע־פארזיי אינ די מעטראָפּאָליעס אָנגעהויבנ פארקלענערנ, אונ עס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ אנטוויקלענ נײַע באשעפטיקונגענ. באזונדערס וויכטיק איז געווענ די אנטוויקלונג פונ דער האנטווערקערײַ פאר אָפּזאצ — ניט לויט באשטעלונגענ, נאָר פארנ פארקויפ אפ די מערק, די אָרטיקע קויפער אונ אפ ארויספירנ.

צוערשט האָט זיכ אָנגעהויבנ אנטוויקלענ די טעפּער־מעלאָכע, דאָרטנ, ווו עס איז געווענ גוטע טעפּער־ליימ.

● ליימענע קיילימ זײַנענ דעמלט אינ גריכנלאנד געווענ די הויפּט-טארע, ד. ה. קיילימ אפ ארײַנלייגנ זאכנ אונ פּראָדוקטנ. אינ ליימענע קיילימ פלעגט מענ האלטנ אונ אריבערפירנ בוימל, ווײַנ, טוווע, זאלצ, געזאלצענע פיש, פרוכטנ אונ פארשיידענע אנדערע פּראָדוקטנ. ליימענע קיילימ פלעגנ מענ מאכנ לויט דעמ, אפ וואָס מע האָט דאָס געדארפט, פונ פארשיידענע פאָרמעס אונ פונ פארשיידענער גרייס, פונ א קיילע ווי א מענטש די גרייס ביז ניט קיינ גרויסע קריגלענ אונ בעכערס, וועלכע מע פלעגט באנוצנ אפ טרינקענ. ●

מיט דער אנטוויקלונג פונעמ האנדל האָבנ די טעפּער גענומענ אָפּזעצנ ליימענע געפעס ניט נאָר אינ זייערע פּאָליסנ, נאָר אויכ אָנגעפאָרענע סאָכרימ אפ פארפאקנ סכוירע אונ אפ איבערפארקויפנ אינ די קאָלאָניעס. די טעפּערײַ איז

געוואָרנ א לוינבארע באשעפטיקונג. די בעסטע טעפּערשע ליימ איז געווענ אינ די געגנטנ פונ דעמ פּאָליס קאָרינט אונ אפנ אינדזל עגינע. דעמ אינדזל עגינע האָט מענ אפילע אָנגערופנ די „טעפּ־הענדלערנ". דאָרטנ האָט זיכ אָנגעהויבנ די טעפּער־אינדוסטריע אפ אָפּזאצ.

אויסער דער טעפּער־אינדוסטריע האָט אינ קאָרינט אונ אינ כאלקידע (די „קופּער־שטאָט") אפנ אינדזל עובייע אָנגעהויבנ ארבעטנ פארנ אָפּזאצ אויכ די קופּער־אינדוסטריע. אינ דער דאָזיקער עפּאָכע האָט מענ שוינ אינ גריכנלאנד אָנגעהויבנ אויסארבעטנ אייזערנע געצייגנ, אָבער נאָכ ווייניק אונ טייער; דעריבער איז די קופּער־באַשעפטיקונג אויכ געווענ א לוינבארע.

אָבער אפנ ערשטנ אָרט צווישנ די האנדל־אינדוסטריעלע פּאָליסנ זיינענ אינ די VIII אונ VII יאָרהונדערטנ ביז אונדזער ערע געשטאנענ די קליינ־אזיאטישע שטעט. זיי זיינענ געווענ פארבונדנ דורכ יאמ־וועגנ מיט די אינדזלענ אונ מיטנ באלקאנישנ גריכנלאנד, אונ דורכ יאבאָשע־וועגנ — מיט קליינ־אזיע, סיריע אונ מעסאָפּאָטאמיע אונ האָבנ גענומענ אָנטייל אינעמ האנדל מיט די שוינ אונדז באוווסטע לענדער פונעמ אוראלטנ מיזרעכ. אונ צווישנ די דאָזיקע שטעט האָט דאָס ערשטע אָרט אינ קליינ־אזיע אונ אינ גאנצנ גריכנלאנד פארנומענ מילעט, ווו עס זיינענ געווענ גרויסעווירטשאפטנ אפ אויסארבעטנ וואָל־געוועבנ.

אונ אינעמ באלקאנישנ גריכנלאנד האָט דאָס ערשטע אָרט אינ האנדל אונ אינ אינדוסטריע פארנומענ קאָרינט. ליגנדיק אפ א שמאָלנ ערד־פּאס, וואָס פארייניקט מיטל־גריכנלאנד מיט פּעלאָפּאָנעס, האָט קאָרינט געקאָנט מיט די זעלביקע באקוועמלעכקייטנ שיקנ שיפנ מיט זיינע סכוירעס סיי אפ מיזרעכ איבער דעמ עגייִשנ יאמ אונ סיי אפ מייַרעוו, אינ דאָרעמ־איטאליע אונ אינ סיציליע. דאָס איז געווענ די גרעסטע מייַלע פונ קאָרינט אינ פארגלייַכ מיט די איבעריקע פּאָליסנ. האנטווערקערייַ פאַר אָפּזאצ האָט זיכ באוויזנ אויכ אינ פיל אנדערע פּאָליסנ פונ דעמ באלקאנישנ גריכנלאנד.

● די אינדוסטריעלע פּאָליסנ האָבנ געשטרעבט צו אנטוויקלענ דעמ האנדל אונ האָבנ אָנגעהויבנ גרינדנ נייַע קאָלאָניעס שוינ ניט נאָר צוליב באקומענ פונ דאָרטנ דערנערונג, נאָר אויכ צוליב באקומענ פונ זיי אינדוסטריעל רויוואַרג אונ צו פארקויפנ זיי אויסארבעטונגענ. גריכישע קאָלאָניעס האָבנ זיכ באוויזנ אפילע אפנ צאָפנ־ברעג פונ אפריקע — נאוקראטיס, באמ מויל פונ נילוס, געגרינדעט פונ מילעט, אונ קירענא — צו מייַרעוו פונעמ נילוס־מויל. אונ אפנ שווארצנ יאמ האָט מענ געקאָנט אָנרעכענענ צענדליקער מילעטישע קאָלאָניעס. ●

אזוי האָט זיכ געענדערט די פּראָדוקציע אינ גריכנלאנד. אינ די VI — VII יאָרהונדערטנ איז די אלטע ערדארבעטעריש — פּיציכטלערישע האלב שטאמישע ווירטשאפט פארבליבנ נאָר אינ עפּיר, פעסאליע, מיטלגריכנלאנד אונ אינ דעמ דאָרעמ־מייַרעוודיקנ טייל פונ פּעלאָפּאָנעס.

80. דער קלאסנקאמפ אינ VI—VII יאָרהונדערטנ. אינ די האנדל-

606 — 10

אינדוסטריעלע פאליסנ זיינענ די דאזיקע ענדערונגענ אינעם פראדוקציע־אופנ באגלייט געווארנ מיט א גרויזאמענ קלאסנ־קאמפ. די אלטע געזעלשאפטלעכע ארדענונג האט אנגעהויבנ שנעל צעפאלנ ווערנ. „די שטאט איז אלצ די זעלביקע, אבער די מענטשנ זיינענ אנדערע, — האט געזאגט וועגנ דער דאזיקער ענדערונג איינער אנ אריסטאקראטישער דיכטער, — געלט מאכט איצט דעם מענטשנ". פיל אריסטאקראטנ פונ די פאראריעמטע האבנ אנגעהויבנ פארנעמענ זיכ מיט האנדל, האבנ זיכ דערנעענטערט אונ אפילע מיטכאטנ געווענ מיט די מעיוכעסדיקע סאכרימ. די גרעטערע ערדבאזיצער, אריסטאקראטנ, וואס האבנ זיכ נאכ געהאלטנ אפ דער ערד, האבנ דערופ געקוקט מיט דער גרעסטער אומצופרידנקייט. „דער שטאמ ווערט צעפאטערט, דאס איידעלע ווערט צונויפגעמישט מיט נידערטרעכטיקנ" — פלעגנ זיי טײַנענ, זיי האבנ אבער גארניט געקאנט מאכנ.

צוגלייכ מיט די אריסטאקראטנ האט געהאלטנ אינ שנעלנ אופהייבנ זיכ אונ האט אפילע געדראט זיי צו פארײַבנ א נייער קלאס אינדוסטריעלער פונ די גרעסערע האנטווערקער אונ הענדלער. אויסער ארויסגעקומענע פונ אריסטאקראטנ, זיינענ צווישנ דעם דאזיקנ קלאס געווענ אויכ א סאכ ארויסגעקומענע פונ פויערימ, וואס האבנ געווארפנ זייער ערד אונ זיינענ איבערגעגאנגענ צומ האנדל אונ מעלאכע אפ אפזאצ. צווישנ די סאכרימ אונ אינדוסטריעלער זיינענ אינ יעדנ פאליס געווענ פיל פרעמדע, וואס האבנ געשטאמט פונ אנדערע פאליסנ, זיינענ אוועקגעפארנ פונ דער היימ אונ האבנ זיכ באזעצט אפ א נייעמ ארט, דארטנ, וו זיי האט זיכ איינגעגעבנ צו ארגאניזירנ מיט דערפאלג זייער געשעפט. אזוינע פרעמדע האבנ ניט געהאט קיינ שומ בירגערלעכע אונ פאליטישע רעכט, אבער זיי האבנ געהאט א סאכ געלט אונ האנדל־פארבינדונגענ, אונ זיי האבנ געוואלט דערשלאגנ זיכ רעכט אונ אנטייל נעמענ אינ דער מאכט. איינ האנט מיט זיי האבנ געהאלטנ אויכ די ארטיקע סאכרימ אונ האנטווערקער, וועלכע האבנ אויכ געוואלט באקומענ פאליטישע רעכט.

קעגנ דער אריסטאקראטישער ארדענונג האבנ זיכ מיט אנ איינהייטלעכנ פראנט אופגעהויבנ אויכ די פויערימ. די פארערדלאזיקטע אונ פארלייבאייגנטע פאר כויוועס האבנ געוואלט אומקערנ זיכ די פרייהייט אונ די ערד. אונ די פויערימ, וואס האבנ געהאט גרעסערע אונ בעסערע ערד־באצירקנ אונ האבנ ווייטער געפירט זייער ערדארבעטערישע ווירטשאפט, פלעגנ מיט מי ווי עס איז דורכלעבנ, ניט געקוקט אפ זייער עמעס קאטערושנער הארעוואניע. די פויערימ פלעגנ זאגנ: „פונ דער שווערער הארעוואניע אונ מאטערניש זענענ מיר ניט קיינ שיינ ניט באטאג, ניט באנאכט". זיי האבנ געוואלט פארברייטערנ זייערע באצירקנ אונ אריבערגייענ פונ ערדארבעט, וועלכע האט ניט געלוינט אינעם באלקאנישנ גריכנלאנד אונ אינ קליינ־אזיע, צו סעדער־קולטורנ. ערד האט מענ געקאנט קריגנ נאר דורכ צעטיילנ די ערד פונ די אריסטאקראטנ, אונ אפ איבערגייענ צו סעדער־קולטורנ האט מענ געדארפט האבנ מיטלענ. קאלזמאנ בא דער מאכט זיינענ געשטאנענ די אריסטאקראטנ האבנ די פויערימ ניט געקאנט באקומענ ניט דאס אונ ניט יענצ.

אינ VI—VII יארהונדערטנ האט זיכ אינ א גאנצער ריי גריכישע פאליסנ

אויסגעבילדעט אן איינהייטלעכער פראָנט פון סאָכרים, אינדוסטריִעלער און פויערים צו קעמפן קעגן דעם אריסטאָקראטישן רעזשים. די דאָזיקע גאנצע גרופע קעגנער האָבן די אריסטאָקראטן אָנגערופן מיט אן אלגעמיינעם נאָמען, „דעמאָס“, ד.ה. דער פראָסטער, ניט־ייִכעסדיקער פאָלק־המוין. די אריסטאָקראטן האָבן געוואָלט דערשטיקן די באוועגונג פונעם דעמאָס מיט קויעך, האָפנדיק אפ זייער מיליטער-אָרגאניזאציע. „שלאָג דעם נידעריקן המוין, שטעך אים מיט א שארפן פלאָקן, ווארפט אפ אים נאָך שווערער דעם יאָך“, — האָט גערופן אן אריסטאָקראטישער פאָעט אָפצורעכענען זיך מיטן דעמאָס. אפ קויעך האָט דער דעמאָס געענטפערט מיט קויעך. אין VI—VII יאָרהונדערטן איז אין פיל גריכישע פאָליסן פאָרגעקומען א בלוטיקער קאמף צווישן דעמאָס און די אריסטאָקראטן, דער קאמף איז באגלייט געוואָרן מיט פאָליטישע און סאָציִאלע איבערקערענישן. סאָפקאָלסאָף האָט זיך דער קאמף קימאט אין אלע אינדוסטריִעלע פאָליסן געענדיקט מיטן זיג פונעם דעמאָס, ווייל די אריסטאָקראטיע האָט זיך צעשפאָלטן, — א טייל אירער, וואָס האָט זיך פארנומען מיט האנדל, איז דאָסראָוו איבערגעגאנגען אפ דער זייט פונעם דעמאָס. אָבער דעם זיג האָבן אומעטום אויסגענוצט אין זייערע אינטערעסן די סאָכרים און אינדוסטריִעלער און ווי־ניט־ווי אויך די פארמעגלעכע פויערים.

81. דער קלאסנקאמף אין VI יאָרהונדערט אין אטען. דער קלאסנקאמף איז אומעטום פאָרגעקומען מער אָדער ווייניקער אלציינס, פונקט ווי לויט אן איינהייטלעכן פלאן. בעסער פון אלץ איז אונדז באוווסט דער גאנג און די רעזולטאטן פונעם קאמף אין אטען. דער דאָזיקער פאָליס איז אין VI יאָרהונדערט אָפגעשטאנען פון מילעט און קאָרינט אין האנדל און אינדוסטריע, אָבער אין V יאָרהונדערט איז ער געוואָרן דער עקאָנאָמישער און קולטורעלער צענטער פון גריכנלאנד. אין אטען האָבן געלעבט די סאמע באריִמטסטע גריכישע געלערנטע און היסטאָריקער, וועלכע האָבן, נאטירלעך, אין דער ערשטער ריי אויספירלעך באשריבן די פארגאנגענהייט פון זייער אייגענעם פאָליס. לויט דעם גאנג פונעם קאמף און פון זיינע רעזולטאטן אין אטען קאָנען מיר אויך אורטיילן וועגן דעם גאנג פונעם קאמף און פון זיינע רעזולטאטן אין אנדערע פאָליסן.

די שטאָט אטען ליגט אפן דאָרעם־מיזרעכדיקן ארויסוווקס פון מיטל־גריכנלאנד, וואָס שטארטשעט ארויס ווי א האלבאינדזל אין יאם. די גאנצע טעריטאָריע פון דעם דאָזיקן ארויסוווקס האָט געהערט די אטענער און האָט זיך אָנגערופן אטיקע. דער באָדן פון אטיקע האָט, ווי אומעטום אין גריכנלאנד, געטויגט פאר ערד־ארבעט נאָר אין טאָל. אָט די גאנצע גוטע ערד איז געווען אין די הענט בא די אריסטאָקראטן; מע האָט זיי טאקע אזוי גערופן: „איינוווינער פון טאָל“. און די פויערים האָט מען גערופן „בארג-איינוווינער“. — זייערע באצירקן זיינען געווען אפ די בארג־זייטן. זעלבשטענדיקע באלעבאטים זיינען צווישן די פויערים געווען ווייניק. דער גרעסטער טייל פויערים איז געווען אָפהענגיק פון די אריסט־

טאָקראַטן. אײנע זײַנען געװען אונטערדריקטע און פֿאַרשקלאַפֿטע אַרבעטלײַט. אַנדערע האָבן איבער כויוועס פֿאַרלאָרן דאָס רעכט פֿרײַ צו באַלעבאַטעווען אויף זייער ערד און האָבן געדאַרפֿט אָפּגעבן פֿינף זעקסטל פֿון זייער גערעטעניש דעם קרעדיטער; מע האָט זיי טאַקע אַזוי גערופֿן די זעקסטלטײלעקער. אויף די פּויערשע באַצירקן פֿלעגט מען שטענדיק זען מאַשקאָנעס־שטיינער — אַ סימען, אַז דער באַזיצער פֿונעם באַצירק איז אַרײַנגעפֿאַלן אין כויוועס. די גאַנצע מאַכט האָט זיך אין אַטען געפֿונען אין די הענט פֿונעם אַריסטאָקראַטישן ראַט און פֿון די רעגירער, וואָס ער פֿלעגט יערלעך באַשטימען פֿון צווישן די אַריסטאָקראַטן.

די פּויערים, וואָס האָבן געוואָלט ערד און פֿרײַהײַט, די סאָכרים און אינדוסטריעלער, וואָס האָבן געוואָלט בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט, זײַנען אַרויסגעטראָטן קעגן די אַריסטאָקראַטן מיט אַן אײנהײַטלעכן פֿראָנט.

נאָך אַ לאַנגן בלוטיקן קאַמף האָט זיך דעם דעמאָס אײַנגעגעבן צו דערשלאָגן זיך, אַז עס זאָל באַשטימט ווערן אַ צײַטווײַליקער דיקטאַטער, סאָלאָן, וועמען מע האָט איבערגעגעבן דורכצופֿירן געזעצשאַפֿטלעכע און פּאָליטישע רעפֿאָרמעס (594־טער יאָר ביז אונדזער ערע). סאָלאָן איז אַלײן געווען פֿון אַן אַריסטאָקראַטישן שטאַם, אָבער ער האָט זיך פֿאַרנומען מיט האַנדל, דעריבער האָבן אויף זײַן קאַנדידאַטור אײַנגעשטימט בײדע קעמפֿנדיקע קלאַסן פֿון די עקספּלואַטאַטערס.

עס איז פֿאַרשטענדלעך, אַז סאָלאָנס רעפֿאָרמעס זײַנען געווען האַלביקע. ער האָט געוואָלט צופֿרידנשטעלן בײדע קעמפֿנדיקע צדדים און האָט קײנעם ניט צופֿרידנגעשטעלט. די פֿאַרשולדיקטע פּויערים האָט ער באַפֿרײַט פֿון כויוועס און האָט זיי צוריקגעקערט די באַצירקן, ער האָט אָבער ניט אָפּגעשאַפֿט דעם פֿריערדיקן געזעץ וועגן פֿאַרשקלאַפֿן פֿאַר כויוועס. מיט דער אַנולירונג פֿון די כויוועס זײַנען געווען אומצופֿרידן סײַ די אַריסטאָקראַטן סײַ די פּויערים, וואָס זײַנען באַלד צוריק אַרײַנגעקראָכן אין כויוועס און אַרײַנגעפֿאַלן אין פֿאַרשקלאַפֿונג. סאָלאָנס פּאָליטישע רעפֿאָרמע איז אויך געווען נאָר אַ קלײנע האַנאָכע מיצאַד די אַריסטאָקראַטן. סאָלאָן האָט, עמעס, ווידערופֿגעשטעלט די פֿאָלק־פֿאַרזאַמלונג און האָט איר געגעבן דאָס רעכט אויסצוקלײַבן רעגירער. ער האָט אָבער אײַנגעשטעלט אַ געזעץ, לויט וועלכן עס האָבן געקאָנט אויסגעקליבן ווערן אַלס רעגירער נאָר גרויסע ערד־באַזיצער, וואָס פֿלעגן אויפֿקלײַבן 300—500 מעסטלעך (20—25 טויזנט ל.) גערשטן פֿון זייערע ערד. דעריבער האָבן סײַ די פּויערים, סײַ די סאָכרים די פֿרעמדע, סײַ די אינדוסטריעלער קײן רעכט אָנצוטײלנעמען אין דער מעלוכע־פֿאַרוואַלטונג ניט באַקומען. סאָלאָן האָט געזאָגט, אַז ער האָט אײַנגעהיט „דעם צוים פֿאַרן פֿאָלק" און האָט געמאַכט אַזוי, אַז דאָס פֿאָלק זאָל „ניט זײַן אונטערדריקט איבער די קויכעס". עס איז אָבער בלויז אויסגעקומען דאָס, אַז נאָך זײַן רעפֿאָרמע האָט זיך דער קאַמף צווישן דעם דעמאָס און דער אַריסטאָקראַטיע צעפֿלאַקערט מיט אַ נײַער קראַפֿט.

די סאָכרים און אינדוסטריעלער האָבן אָרגאַניזירט אַ

גרויסע פּאַרטיי פון „ביַי־יאַמיקע מענטשן“, מענטשן, וואָס זיַינען געווען פאַרינטערעסירט אין יאַם־האַנדל און אין יאַם־שיפֿגאַנג. צו דער דאָזיקער פּאַרטיי זיַינען צוגעשטאַנען פּיִלצאָליקע שיפֿ־מיַיסטערס־מאַטראָסן, פֿישער און אַלערליי אַנדערע מענטשן־דרויב, וואָס זיַינען פאַרבונדן מיטן יאַם. די דאָזיקע פּאַרטיי האָט באַשלאָסן צו פאַרכאַפּן די מאַכט מיט גוואַלד און האָט דערופֿ אַרויסגערוקט פּיסיסטראַטן, אַ רײַכן באַזיצער פון זילבער־שאַכטעס אין פּראַקיִע, איינער פון די אָנגעזעענסטע אַטענער מיליטער־קאָמאַנדירן.

פּיסיסטראַט איז געווען אַ גוטער רעדנער און אַגיטאַטער, ער האָט צוגעזאָגט די פּויערים ענדגילטיק צו צעגראָמירן די אַריסטאָקראַטן און האָט זיי צוגעצויגן אַפֿ זיַין זיַיט. ער האָט צונויפֿגעקליבן באַוואָפנטע אָטריאַדן פון פּויערים און פון ביַיאַמיקע מענטשן און מיט זייער הילף האָט ער פאַרכאַפּט אַטען (אַרום דעם 550־טן יאָר) און איז דערקלערט געוואָרן פאַר דעם איינציקן רעגירער — דעם „טיראַן“, ווי מע פֿלעגט אין גריכנלאַנד רופֿן אַזעלכע רעגירער, וואָס האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט מיט גוואַלד.

פּיסיסטראַט איז געווען דער דיקטאַטער פונעם סאָכרימטום און פונעם פאַרמעגלעכן פּויערטום. דער גרעסטער טייל אַריסטאָקראַטן איז נאָך דער איבערקערעניש זיך צעלאָפֿן פון אַטיקע; די ערד פון די אַנטלאָפֿענע האָט פּיסיסטראַט צעטיילט צווישן די פּויערים. אָבער באַנוצן זיך מיט דער באַקומענער ערד האָבן געקאָנט נאָר די פּויערים, וואָס האָבן געהאַט אַ שפּאַנ פון אַ פּאָר אָקסן צום אַקערן. און בא די באַפריַיטע פאַרשקלאַפֿטע און זעקסטכייעקניקעס זיַינען אַזוינע שפּאַנען ניט געווען. דעריבער איז דאָס באַטיילן מיט ערד געווען נאָר לעטויוועס די פאַרמעגלעכע פּויערים. זיי האָט פּיסיסטראַט געגעבן האַלוואָעס, זריִע און געלט אַפֿ איַינאָרדענען און פאַרבעסערן די ווירטשאַפֿט און האָט געגרינדעט אין די דאָרפֿישע יִשוּווים דעמעס, ד. ה. וואָלאָסטן, מיט אויסגעוויילטע עלטסטע און ריכטער.

די פריִערדיקע פאַרשקלאַפֿטע און זעקסטכייעקניקעס האָבן געקראָגן אַרבעט טיילוויַיז אַלס באַטראַקעס בא די פאַרמעגלעכע פּויערים, טיילוויַיז אַפֿ די גרויסע בויונגען, וואָס פּיסיסטראַט האָט אונטערגענומען אין אַטען און אין דעם אַטענישן האַפֿן פּיריִיע, טיילוויַיז אַלס האַפֿן־טרעגער און שיפֿ־רודערער. אויסער דעם, האָט אַ באַדיַיטנדיקער טייל ערדלאָזע איבערגעוואַנדערט אין די ערשטע אַטענישע קאָלאָניעס, וואָס פּיסיסטראַט האָט געגרינדעט אין די סאַמע וויכטיקסטע פּונקטן פאַרן האַנדל.

● די אַטענער האָבן פאַרנומען דעם האַלב־אינדזל כערסאָנעס באַם אַריַינגאַנג אין דעם איצטיקן מירמל־יאַם (דעמלט פּראָפּאָנטידע), און קעגן דעם דאָרעמדיקן עק פון כערסאָנעס, אַפֿן קליין־אַזיאַטישן ברעג, איז געגרינדעט געוואָרן אַן אַנדער קאָלאָניע נאָענט צו די רויִנעס פון טראָיִע. אָט דיביידע קאָלאָניעס זיַינען געווען זייער פּרוּבטבאַרע. און אויסער דעם האָבן זיי פאַרשפּאַרט דעם אַריַינגאַנג אין פּראָפּאָנטידע און וויַיטער אין שוואַרצן יאַם אַריַין; דעריבער האָבן די אַטענער געקאָנט, ווען ס'איז געווען נייטיק, דערשלאָגן זיך גרויסע האַנאָכעס און אַפּילע דיקטירן זייער ווילן

אנדערע פּאָליסנ, וואָס זײַנענ פאַרבונדנ דורכ האנדל-באַציִונגענ מיט פּראָפּאָנטידע און מיטנ שווארצנ יאם. די דריטע קאָלאָניע איז געגרינדעט געוואָרנ אינ פראקיע, ווו עס זײַנענ געווענ זילבער-שאכטעס און זייער א פרוכטבארער באָדנ. אזוי ארום האָבנ די אטענער איצט געקאָנט פארזיכערנ זיכ מיט ברויט פונ זייערע אייגענע קאָלאָניעס, זיי האָבנ באהערשט דעם שליסל צום האנדל-וועג אינ שווארצנ יאם און האָבנ פארפעסטיקט פאר זיכ זילבערנע און אנדערע שאכטעס אינ פראקיע.

82. קליספענס דעמאָקראטישע קאָנסטיטוציע.

נאָכ פּיסיסטראטס טויט האָבנ די אריסטאָקראטנ געפּרווט ווידערופשטעלנ זייער מאכט, זיי האָבנ אָבער געליטנ אנ ענדגילטיקע מאפּאָלע. ווענ אָט די אלטע אומרוען האָבנ זיכ געענדיקט, האָט דער פירער פונ די „בײַ־יאמיקע מענטשנ" קליספענ לויטנ אופטראג פונ דער פאָלק־פארזאמלונג צונויפגעשטעלט און ארויסגעגעבנ א נײַע קאָנסטיטוציע, וואָס האָט אָפּגעגעבנ די גאנצע מאכט אינ אטענ די „בײַ־יאמיקע מענטשנ".

אפנ ערשטנ קוק האָט קליספענס קאָנסטיטוציע ווי אָפּגעגעבנ די גאנצע מאכט דעמ פאָלק, ווײַל קליספענ האָט איבערגעגעבנ די העכסטע מאכט דער פאָלק־פארזאמלונג. אָבער אינדערעמעסנ איז געווענ ניט אזוי.

לויט קליספענס קאָנסטיטוציע איז פארניכטעט געוואָרנ די אלטע צעטיילונג פונ דער באפעלקערונג אינ אטיקע אינ פיר שטאמ-פילעס. אָנשטאָט דעמ זײַנענ געשאפנ געוואָרנ 10 נײַע פילעס, צו דרײַ וואָלאָסטנ אָדער דעמענ אינ יעדער פילע. יעדע נײַע פילע איז באשטאנענ פונ איינ דעמ אינ אטענ, פונ איינ דאָרפישנ דעמ און פונ איינ בײַ-יאמישנ דעמ. אינ דער פאָלק-פארזאמלונג האָט יעדער דעמ געשטימט באזונדער „פאר" אָדער „קעגנ". אינגאנצנ, הייסט עס, האָט זיכ באקומענ 30 שטימענ, אָבער 20 פונ זיי, נעמליכ, די שטימענ פונ די אטענער און פונ די בײַ־יאמישע דעמענ האָבנ געהערט צו דער „בײַ־יאמישער" פארטיי. הייסט עס, אז די פויערימ האָבנ שטענדיק געמוזט בלײַבנ אינ דער מינדערהײַט. און קימאט אלע פּאָשעטע מיטגלידער פונ די אטענישע און בײַ־יאמישע דעמענ זײַנענ אזוי אָדער אנדערש געווענ אָפּהענגיק פונ די סאָכרימ און אינדוסטריעלער — אָדער זיי האָבנ געדינט בא זיי אלס אָנגעשטעלטע און קאָנטאָריסטנ, אָדער זיי האָבנ געארבעט לויט זייערע באשטעלונגענ און אינ זייערע אונטערנעמונגענ, אָדער זיי זײַנענ געווענ מאטראָסנ און רודערער אפ זייערע טריערעס — גרויסע יאמ־שיפנ מיט דרײַ יארוסנ רודערער, וואָס זײַנענ געזעסנ אייגע איבער די אנדערע. די באלעבאטימ האָבנ איינגערעדט אָט דאָס „יאמ-פאָלק", אז די אנטוויקלונג פונ האנדל און אינדוסטריע איז אינ זייערע אינטערעסנ; ווענ עס ווערנ רײַכ די באלעבאטימ, ווערנ קלומערשט אויכ רײַכ זייערע אָנגעשטעלטע און ארבעטער. דעריבער פלעגט די ארבעטנדיקע מאסע פונ די אטענישע און בײַ־יאמישע דעמענ מערסטנס שטימענ פאר די אָנפירער פונ דער „בײַ־יאמישער" פארטיי — פלעגט זיי אויסקלײַבנ אפ די הויפט־אמטנ, פלעגט אָננעמענ אלע זייערע פאָרשלאגנ.

הײסט עס, אז לויט דער פאָרם האָט קליספען אײַנגעשטעלט א דעמאָקראטיע, ד. ה. „די מאכט (קראטאָס) פון פאָלק", און אין דער ווירקלעכקײַט האָט זײַן קאָנסטיטוציע געזיכערט די מאכט פאר די אטענישע אינדוסטריעלער און סאָחרים,

אויסער דעם, האָט קליספען פארשטארקט די רייען פון דער בײַ-יאמישער פארטיי — ער האָט צוגענומען אין דער צאָל פולבארעכטיקטע אטענישע בירגער סאָחרים און אינדוסטריעלער פון די פרעמדע, וואָס האָבן שטענדיק געוווינט אין אטען, און האָט אפ ווײַטער אײַנגעשטעלט אן אָרדענונג פון א רעגולערן אויפנעמען פרעמדע אין דער צאָל בירגער. ענדלעך, האָט קליספען אָנגענומען מיטלען צו באשיצן די נײַע קאָנסטיטוציע פון קאָלעדלײַ פרוּוון צו ענדערן זי. ער האָט ארויסגעגעבן א געזעץ, לויט וועלכן יעדער בירגער האָט געהאט דאָס רעכט פאָרצולייגן דער פאָלק-פארזאמלונג ארויסצוטרײַבן פון אטיקע יעדן בירגער, וועלכער באציט זיך לויט דער מיינונג פונעם פאָרלייגער, פײַנטלעך צו דער „דעמאָקראטיע" און שטרעבט צו דער „טיראניע". אזא פארטרײַבן האָט זיך אָנגערופן אָסטראקיזם, ד.ה. שטימען מיט שערבלעך (שערבל „אָסטראקאָן"). געוויינלעך פלעגט מען שטימען מיט אופהייבן די הענט; אָבער ווען עס האָט זיך געהאנדלט וועגן פארטרײַבן, איז די אָפּשטימונג געווען א געהיימע. יעדערער האָט באקומען א ליימענע שערבל; ווער עס איז געווען פאר פארטרײַבן, דער האָט געשריבן אפ אים דעם נאָמען פון דעם, וואָס מע האָט פאָרגעלייגט צו פארטרײַבן, און ווער עס איז געווען קעגן, דער האָט אראָפּגעלאָזן דאָס שערבל אין אורנע אָן אן אונשריפט. דער אָסטראקיזם פלעגט אין אטען אָנגעווענדט ווערן נאָך קליספענען גאנץ אָפט.

83. דער אָנהײב פון דער שקלאפנבאזיצערישער ווירטשאפט. אזא קאמף איז אין VI—VII יאָרהונדערטן פאָרגעקומען אויך אין אנדערע גרויסע האנדל-אינדוסטריעלע פאָליסן. אומעטום האָבן זיך די סאָחרים און אינדוסטריעלער אין קאמף מיט דער אריסטאָקראטיע געשטיצט אפן פויערטום און האָבן ארויסגערוקט טיראנען. אומעטום האָבן די טיראנען פריִער פון אלץ פארווירקלעכט די דיקטאטור פונעם סאָחרימטום. גלײַך ווי דער אטענישער פיסיסטראט, האָבן די טיראנען פון אָט די שטעט אויך געגרינדעט אפ די וויכטיקסטע האנדל-וועגן נײַע קאָלאָניעס, געגעבן רעכט סאָחרים און אינדוסטריעלער פון פרעמדע, געבויט שיפן. באזונדער איז פאר די טיראנען זיך צעוואקסן די האנדלשע און קאָלאָניאלע מאכט פון קאָרינט. זײַנע קאָלאָניעס האָבן זיך אין דער צײַט באוויזן איבער דעם גאנצן קאָרינטישן אויסגוס, אפן מײַרעוודיקן ברעג פון גריכנלאנד און אין סיציליע.

אָבער ניט אומעטום האָט זיך נאָך די טיראנען געבילדעט א דעמאָקראטיע. אין קאָרינט און אין אייניקע אנדערע פאָליסן האָבן נאָכן פאלן פון די טיראנען די סאָחרים און אינדוסטריעלער זיך פארשטענדיקט מיט דער אריסטאָקראטיע. אין די דאָזיקע פאָליסן האָט זיך אויסגעבילדעט א פאָליטישע אָרדענונג, וואָס האָט דערמאָנט די סאָלאָנישע אָרדענונג אין אטען: די רעגירונג פלעגט אויסגעקליבן ווערן פון דער פאָלק-פארזאמלונג, אָבער מיטגלידער פון דער רעגירונג האָבן געהאט רעכט צו זײַן נאָר רײַכע מענטשן.

אָבער דער סאמע הויפּט־רעזולטאט פונ אָט די אלע איבערקערענישנ איז באשטאנענ אינ דעם, וואָס פונ דער צײַט אָנ הייבט זיכ אָנ אינ די אָנפירנדיקע גריכישע פּאָליסנ אײַנשטעלנ א שקלאפנבאזיצערישע ווירטשאפט. דער איבערגאנג פונ דער מאכט צו די סאָכרים אונ אינדוסטריעלער אינ די הענט האָט מיטגעווירקט דער אומגעוויינלעכ שנעלער אנטוויקלונג פונ האנדל אפ עקספּאָרט. די אלטע פרײַע האנטווערקערײַ האָט איצט ניט געקאָנט אָניאָגנ דעם נאָכפרעג מיצאד דעם יאמהאנדל. דעריבער קומט אום אינ דער אינדוסטריע שקלאפנ־ארבעט. די אינדוסטריעלער קויפנ אײַנ שקלאפנ אונ עפענענ אינדוסטריע־ווארשטאטנ מיט שקלאפנ־ארבעט. דער נאָכפרעג אפ שקלאפנ האָט גלײַכ געבוירנ א יעגערײַ אפ שקלאפנ אונ שקלאפנ־האנדל. אינ דעם דאָזיקנ פּאסקודנעם געשעפט האָבנ זיכ אָנגעהויבנ ספּעציאליזירנ די סאָכרים פונ דעם אינדזל כיאָס. זיי פלעגנ ארויסשיקנ יאמ־עקספּעדיציעס צו די צאָפנ־ברעגנ פונ קליינ־אזיע אונ פלעגנ דאָרטנ אָדער פארכאפּנ מיט גוואלד מענטשנ אינ קנעכטשאפט, אָדער קויפנ קנעכט בא די דאָרטיקע אריסטאָקראטנ אונ פירשטנ, וואָס פלעגנ גערנ פארקויפנ אינ קנעכטשאפט די מענטשנ, וואָס זײַנענ פונ זיי געווענ אָפּהענגיק. אפנ אינדזל כיאָס האָט זיכ אינ VI יאָרהונדערט אויסגעבילדעט א קנעכט־מארק. אהינ פלעגנ קומענ נאָכ קנעכט סאָכרים אונ אינדוסטריעלער פונ גאנצ גריכנלאנד.

אינ קאָרינט האָבנ שוינ פאר די טיראנענ די אינדוסטריעלע ווארשטאטנ מיט קנעכטישע ארבעט אָנגעהויבנ רויִנירנ די פרײַע האנטווערקער. די האנטווערקער האָבנ געמאכט אנ אופשטאנד אונ דער דעמאָלטיקער טיראנ איז געווענ געצוווּנגענ צו פארווערנ אפ א געוויסע צײַט דעם ארײַנפיר פונ קנעכט. אינ אטענ פלעגט מענ פאר פּיסיסטראטנ שוינ נוצנ קנעכט אפ ארבעט אינ די שאכטעס אונ פאר קליסטענעסנ זײַנענ שוינ געווענ ווארשטאטנ פונ קופּערנע פאבריקאטנ מיט קנעכטישער ארבעט. ענדגילטיק האָט דער שקלאפנבאזיצערישער פּראָדוציר־אופנ זיכ אויסגעבילדעט אינ V יאָרהונדערט.

84. ספּארטע אונ דער פּעלאָפּאָנעסער פארבאנד. אינ דער צײַט פונעם קלאסנקאמפ אינ VI—VII יאָרהונדערטנ האָבנ די אריסטאָקראטנ פונ אטענ, קאָרינט אונ פונ אנדערע פּאָליסנ שטענדיק געפונענ א היים אונ הילפ אינ ספּארטע, א פּאָליס אינ דאָרעמ־טייל פונ פּעלאָפּאָנעס. די ספּארטאנער זײַנענ געווענ די סאמע פארביסנסטע סאָנים פונ דעמאָקראטיע, ווײַל בא זיי האָט געהערשט א מיליטער־אריסטאָקראטישע אָרדענונג, וואָס האָט עקספּלואטירט דאָס לײַבאייגענע פויערטום.

די ספּארטאנער זײַנענ באשטאנענ פונ 2 פילעס פונעם גריכישנ דאָריִשנ שייווט. ווענ אונטער דער אָנפירונג פונ זייערע קיניגנ זײַנענ די דאָזיקע פילעס אינ IX—X יאָרהונדערטנ געקומענ פונ צאָפנ אינ דעמ דאָרעמ־טייל פונ פּעלאָפּאָנעס, האָבנ זיי אונטערטעניקט די דאָרטיקע באפעלקערונג אונ פארוואנדלט זי אינ לײַבאייגענע—העלאָטנ. די ערד איז צעטיילט געוואָרנ צווישנ די ספּארטאנער, אָבער די לײַבאייגענע זײַנענ דערקלערט געוואָרנ פארנ אייגנטומ פונעם גאנצנ ספּארטאנישנ פאָלק. די באפעסטיקטע צענטראלע שטאָט איז

אָנגערופנ געוואָרנ ספּארטע. באַם צעטיילנ די ערד האָבנ די פּאָשעטע זעלנער באַקומענ, לויט דעמ מינהעג, ערגערע אונ קלענערע באַצירקנ איידער די קיניגנ אונ עלטסטע. ווענ אינ VIII יאָרהונדערט איז די צאָל פּאָשעטע ספּארטאנער באַדײַטנדיק פארגרעסערט געוואָרנ, האָבנ די ספּארטאנער דעראָבערט די שכיינעסדיקע ברויטרײַכע מעסעניע, אַפנ מײַרעוו פונ ספּארטע, האָבנ דאָרטנ אויסגעשניטנ ערד-באַצירקנ פאר די ווייניק-ערדיקע אונ ערדלאָזע ספּארטאנער, אונ די מעסענער האָבנ זיי פארוואנדלט אינ העלאָטנ.

די העלאָטנ האָבנ געהאסט זייערע פארשקלאפער אונ זײַנענ פונ צײַט צו צײַט אויפגעשטאנענ קעגנ זיי. לעבנדיק אינ שטענדיקער שרעק פאר אויפשטאנדנ, האָבנ די ספּארטאנער אײַנגעהיט יענע מיליטערישע אָרדענונג, וואָס איז בא זיי געווענ אינ דער צײַט פונ דער איבערוואנדערונג. עס זײַנענ פארבליבנ צוויי באַסילעווסנ, דער ראט פונ די שטאמ-עלטסטע, די אַלגעמיינע פארזאמלונג פונ די זעלנער.



געמעל 42. א ספּארטאנער זעלנער.

די ספּארטאנער. וואָס האָבנ געהערט צו איינ אונ דעמ זעלביקנ שטאמ, האָבנ געווינט אינאיינעמ, געלערנט אינאיינעמ די מיליטער-זאַכ, מילכאָמע געהאלטנ אינאיינעמ. עס איז אַפילע אײַנגעהיט געוואָרנ דער מינהעג פונ אַלגעמיינע מיטיקנ פונ די זעלנער אינ די אַלגעמיינע קיכנ; די ווירטשאַפט פונ די דאָזיקע קיכנ איז געפירט געוואָרנ אַפנ כעזשבנ פונעמ לײַב-שטײַער, וואָס פלעגט אַרײַנקומענ פונ די העלאָטנ, וואָס זײַנענ געזעסנ אַפ דער ערד פונ די זעלנער פונעמ געגעבענעמ קאָטריאַד. אַפ אַזאַ אויפנ זײַנענ אינ ספּארטע פארבליבנ אייניקע שטריכנ פונ שטאמ-קאָמוניזמ.

אַלע זאָרגנ פונ דער ספּארטאנישער רעגירונג זײַנענ געווענ געווענדט אַפ אונטערצוהאלטנ די מיליטערישע קרעפטנ פונ ספּארטע אונ אַפ דערשטיקנ פארשיידענע פרוווּנ פונ אויפשטאנדנ מיצאַד די העלאָטנ. שוואַכע קינדער פלעגט מענ אָנ ראַכמאָנעס פארווארפנ אינ די בערג. יינגלעכ אונ מיידלעכ פלעגט מענ פונעמ

סאמע פריסטנ עלטער פארהארטעוועג אונ קרעפטיקנ דורכ גימנאסטישע איבונגענ. אויסער דעמ, פלעגט מענ נאָכ די ייִנגלעכ פונ סאמע פריסטנ עלטער לערנענ זיכ באגיינ מיט געווער אונ באהערשנ דאָס מיליטער־וועזנ. אינ דער צאָל פול־בארעכטיקטע בירגער פלעגט מענ א דערוואקסענעמ יוגנטלעכנ צונעמענ בלויז נאָכ אנ עפנטלעכער מיליטערישער אויספרובירונג. דעריבער איז דאָס ספארטאנישע מיליטער געווענ די סאמע מעכטיקע ארמיי אינ גריכנלאנד, זי האָט זיכ גערעכנט פאר אנ אומבאזיגלעכער. דעריבער איז פאר אונדז פארשטענדלעכ אויכ די צווישנפעלקערלעכע פאָליטיק פונ ספארטע. יעדער ניצאָכנ פונעמ פויערטומ אינ די שכיינעסדיקע פאָליסנ איז פאר ספארטע געווענ געפערלעכ; דעריבער טאקע האָט ספארטע אומעטומ אונטערגעהאלטנ די אריסטאָקראטנ. מיט אָנ דער הילפ פונ ספארטע האָט זיכ די סאָכרימ אונ אריסטאָקראטנ פונ קאָרינט איינגעגעבנ איינצושטעלנ זייער אָליגארכיע נאָכ דער טיראניע. נאָכ מער, אינ VI יאָרהונדערט האָבנ קאָרינט אונ אייניקע אנדערע שטעט פונ פעלאָפּאָנעס לויט ספארטעס פאָרשלאג געשלאָסנ מיט ספארטע א קריג־פארבאנד, דער פארבאנד איז פריער פונ אלצ געווענ געווענדט קעגנ די ארבעטנדיקע, ווײַל די ספארטאנער האָבנ ניט געהאט ניט קיינ פלאָט אונ ניט קיינ יאמ־האנדל. צו דעמ דאָזיקנ פעלאָפּאָנעסער פארבאנד האָבנ זיכ פאראייניקט קימאט אלע איבעריקע פאָליסנ פונ פעלאָפּאָנעס. דער עמעסער אָנפירער פונעמ פארבאנד איז אינ א קורצער צײַט ארומ געוואָרנ קאָרינט. אונ ספארטע איז געווענ דער זשאנדארמ אונ דער סאָלדאט פונ די פעלאָפּאָנעסישע שקלאפנבאזיצערס.

2. די גריכישע שקלאפנבאזיצערישע מעלוכעס פונ V יאָרהונדערט

85. די גריכיש־פערסישע מילכאָמעס. ענדע VI יאָרהונדערט האָבנ די מיליטער־פירער פונ פערסישנ קיניג, וואָס האָבנ דעראָבערט קליינ־אזיע, אונטערגעטעניקט אונטער דער פערסישער מאכט אויכ אלע גריכישע קליינ־אזיאטישע פאָליסנ, די מיזרעכ־אינדזלענ פונעמ עגייִשנ יאמ אונ פונ פראקייִשנ ברעג. אלע איינגענומענע פאָליסנ אונ געגנטנ זײַנענ באפייגט געוואָרנ מיט גרויסע ציגזנ. אינ אלע שטעט האָבנ זיכ באוויזנ באָוולישע אונ פערסישע סאָכרימ.

אומצופרידנ מיטנ רויבערישנ רעגירנ פונ די קיניגלעכע סאטראפנ, האָבנ די גריכנ פונ קליינ־אזיע אָרגאניזירט אנ אופשטאנד קעגנ די פערסנ אונטער דער אָנפירונג פונ מילעט. אטענ, וואָס האָט איבער דער פערסישער הערשאפט פארלאָרנ אירע קאָלאָניעס אינ כערסאָנעס אונ לעבנ טראָיע, האָט געשיקט צוהילפ די אופשטענדלער עטלעכע קריג־שיפנ. אָבער די פערסנ זײַנענ גיכ פארטיק געוואָרנ מיט די אופשטענדלער. מילעט אונ אנדערע גרויסע קליינ־אזיאטישע שטעט

זײַנענ צעשטערט געוואָרנ. אונ די באַלקאַנישע גריכנ האָט דער פּערסישער קיניג נאָכדעמ באַשלאָסנ צו אונטערטעניקנ, קעדיי צו זיכערנ זײַנ הערשאַפט אינ קליינ־אַזיע אונ צו פאַרגרעסערנ זײַנע האַכנאָסעס דורכ נעמענ די צינזנ פונ די רײַכע גריכישע פּאָליסנ. אונ־טערטעניקנ גריכנלאַנד איז געווענ פאַרנ פּערסישנ קיניג וויכטיק אויכ דערפאַר, וואָס די גריכישע סאָכרימ פונ נאַוו־קראַטיס האָבנ אינ עגיפּטנ קאָנקורירט מיט די באַווילישע אונ פּערסישע סאָכרימ אונ פלעגנ שטענדיק שטיצנ די אופ־שטאַנדנ פונ די עגיפּטער קעגנ די פּערסנ.

קעדיי צו באַצווינגענ גריכנלאַנד האָבנ די פּערסישע קי־ניגנ אינ פאַרלויפ פונ 13 יאָר (די יאָרנ 492—479 ביז אונ־דזער ערע) געמאַכט דרײַ מאַרשנ, אָבער יעדעס מאָל האָבנ זיי געליטנ א מאַפּאָלע. דאָס ערשטע מאָל איז דאָס פּערסישע מיליטער אַוועק קיינ גריכנלאַנד מיטנ יאַבאָשע־וועג איבערנ יאַמ־ברעג דורכ טראַקיע, אונ דער פלאָט פלעגט זיי צופירנ פּראָוויאַנט. אָבער באַמ כאַלקידישנ האַלב־אינדזל איז דער פלאָט צעשלאָגנ געוואָרנ דורכ א שטורעמ, אונ דאָס מיליטער האָט זיכ אומגעקערט צוריק. דאָס צווייטע מאָל איז דאָס פּערסישע מיליטער אַריבערגע־פירט געוואָרנ אַפ שיפנ דורכ דעמ עגײיִשנ יאַמ אונ האָט זיכ אַרויסגעזעצט אינ אַטיקע. אָבער דער דעסאַנט האָט זיכ אַרויסגעוויזנ פאַר א ניטגענוגנדיקנ, אונ די גריכנ האָבנ אימ צעקלאַפּט. דאָס איז געווענ אינ 490־טנ יאָר. דעמאָלט האָבנ אינ פאַרלויפ פונ 10 יאָר די פּערסישע קיניגנ אופגעקליבנ אינ עגײיִשנ יאַמ א ריזיקנ פלאָט, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרנ פונ די פיניקייער אונ האָבנ קאָנ־צענטרירט לעבנ פּראָפּאָנטידע א ריזיקע אַרמיי, קעדיי בײַצוקומענ די גריכנ מיט א גלײַכצײַטיקנ אָנפאַל פונ דער יאַבאָשע אונ פונעמ יאַמ.

די גריכנ האָבנ געוווּסט פונ די דאָזיקע גראַנדיעזע צוגרייטונגענ אונ האָבנ זיכ אויכ געגרייט צו באַשיצנ זיכ. די גריכישע פּאָליסנ האָבנ געשלאָסנ אַנ אַלגעמיינעמ קריג־פאַרבאַנד קעגנ די פּערסנ אונ די אָנפי־רונג מיט אַלע גריכישע קויכעס איז איבערגעגעבנ געוואָרנ ספּאַרטע. אָבער פונ די גריכנ האָבנ נאָר די אַטענער פאַר־שטאַנענ, אַז אָנ א ניצחונ איבער דעמ פּערסישנ פלאָט קאָנ מענ פונ די פּערסנ ניט פּטור ווערנ. אָבער סײַ די ספּאַרטער, סײַ די קאָרינטער האָבנ ניט געוואָלט בויענ קיינ קריג־פלאָט. זיי האָבנ געהאַלטנ, אַז עס וועט זיכ זיי אײַנגעבנ אָנ מי צו פאַרטיידיקנ זיכ פונ א פּערסישנ אָנ־פאַל אַפנ שמאָלנ ערד־פּאַס צווישנ מיטל־גריכנלאַנד אונ פּעלאָפּאָנעס, אונ פאַר דעמ איבעריקנ גריכנלאַנד האָבנ זיי זיכ וויניק וואָס געקימערט. די קאָרינ־טער וואָלטנ געווענ נאָכ צופרידנ, ווענ די פּערסנ וואָלטנ כאָרעוו געמאַכט אַטענ, וואָס איז פאַר זיי געוואָרנ א געפער־לעכער קאָנקורענט.

דעמאָלט האָבנ אינ אַטענ די פירער פונ דער „יאַמיקער", ד. ה. פונ דער האַנדל־אינדוסטריעלער פּאַרטיי אָנגעהויבנ אַגיטירנ אינ דער פאָלק־פאַרזאַמלונג פאַר א שנעלנ אופבויענ אַנ אייגענעמ קריג־פלאָט. דער פירער פונ דער פּאַרטיי, טעמיסטאָקל, האָט דערוויזנ, אַז די צוקונפט פונ אַטענ

איז אפֿן ים. אָן א ים־ניצחון, — האָט ער געזאָגט, — וועט מען זיך ניט אָפּשלאָגן פֿון די פּערסן, ניט האָבנדיק באַהערשט דעם ים, וועט מען ניט קאָנען איבעריאָגן די קאָרינטער. איצט איז א מיל־כאָמע מיט די פּערסן, און נאָכדעם, אויב מע וועט דאַרפֿן, — א מילכאָמע מיט קאָרינט און מיט כּבאַרטע. די ערדבאַזיצער און די פּויערים זײַנען געווען קעגן אזא פּאָליטיק. זייער פֿירער האָט געזאָגט, אז עס איז בעסער צו צעטיילן דאָס זילבער פֿון דער מעלוכע־קאַסע די „אָרעמע” בירגער, איידער בויען א פֿלאָט און פֿאַרקריכן אין מילכאָמעס, וואָס וועלן רויִנירן פֿריִער פֿאַר אַלץ די לאַנדווירטן.

אָבער פֿעמיסטאָקלס פּאַרטיי האָט געזיגט. זי האָט צעטיילט מאַטאָנעס די בירגער פֿון די אַטענישע און בײַיאַמישע דעמען, און די פּויערים האָט זי צוגעצויגן אַף איר זײַט מיט א „באַפֿעל” קלוימערשט פֿון די „געטער”. די פּריסטערס פֿון דעם גאָט אַפּאָלאָנס טעמפּל אין דעלפֿע, וואָס פֿלעגן קלוימערשט געבן ענטפֿערס (אָראַקלס) פֿון גאָט אַלײן אַף פֿאַרשיידענע פֿראַגן, פֿלעגן, אונטערגעקויפֿטע פֿון פֿעמיסטאָקלען, אַף פֿעמיסטאָקלס פֿראַגע, וויאַזוי זאָל מען זיך פֿאַרטיידיקן פֿון די פּערסן, ענטפֿערן: „הינטער הילצערנע ווענט”. פֿעמיסטאָקל האָט אויסגעטײַטשט דעם דאָזיקן אָראַקל, אז דאָס מיינט מען ניט קיין פֿעסטונג־ווענט, וואָס פֿלעגן אין גריכנלאַנד געבויט ווערן פֿון שטיין, נאָר די ווענט פֿון הילצערנע שיפֿן. דאַן האָט די פֿאָלק־פֿאַרזאַמלונג באַשטימט אויסצובויען א קריג־פֿלאָט פֿון 150 טריִערס.

ווען אין 470־טן יאָר האָט זיך דאָס פּערסישע מיליטער אַרײַנגעריסן אין מיטל־גריכנלאַנד און האָט פֿאַרנומען אַטיקע, זײַנען די אַטענער געלאָפֿן אַפֿן אינדזל סאַלאַמין (צום צאָפֿן פֿון עגינע). דאָרט האָט זיך אויך צונויפֿגעזאַמלט דער אַטענער פֿלאָט. אַרום סאַלאַמין איז פֿאָרגעקומען א שלאַכט צווישן דעם אַטענער און דעם פּערסישן פֿלאָט. דער פּערסי־שער פֿלאָט איז פֿאַרניכטעט געוואָרן, דאָס פּערסישע מילי־טער איז געבליבן אָן פֿאַרשטאַרקונגען און איז אין א יאָר אַרום קימאַט זיך צעלאָפֿן, און די רעשטלעך זײַנען צע־קלאַפּט געוואָרן פֿון די אַטענער. דער פּערסישער קיניג האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון נײַע מאַרשן, און אַטען האָט זיך אַרויס־געררוקט אַפֿן ערשטן אָרט ווי די שטאַרקסטע ים־מעלוכע.

86. דער אַטענער ים־פֿאַרבאַנד. נאָכדעם, ווי דער דריטער פּערסישער מאַרש האָט געהאַט א מאַפּאָלע, האָט די אַטענישע רעגירונג פֿאָרגעלייגט די אינדזל־פֿאָליסן צו שאַפֿן א מיליטעריש־יאַמיקן פֿאַרבאַנד, קעדיי ענדגילטיק פֿאַר־טרײַבן די פּערסן פֿון די אינדזלען פֿונעם עגייִשן ים, פֿון פֿראַקיע און פֿון קליין־אַזיע. די אַטענער האָבן פֿאָרגעלייגט צו שליסן דעם פֿאַרבאַנד אַף גלײַכע רעכט: יעדער פֿאַרבינדעטער האָט איין שטים אינעם פֿאַרבאַנד־ראַט, און שיפֿן און געלטער גיט יעדער פֿאַרבינדעטער לויט זײַנע מיטלען.

דערבײַ האָט די אַטענער רעגירונג אויך פֿאָרגעלייגט די פֿאַרבינדעטע נאָר אַרײַנצוטראָגן געלט אין דער פֿאַרבאַנדישער־קאַסע און האָט אַף זיך גענומען די היסכײַוועס אויסצובויען אַף

דעם דאָזיקנ געלט שיפנ פאר די פארבינדעטע אונ דינגענ מאטראָסנ אונ זעלנער. פאר דעם האָבנ די אטענער געפאָדערט, אז די קאָמאנדע איבערנ פלאָט זאָל געהערנ זיי. דערופ האָבנ גערנ אײַנגעשטימט אלע קליינע אינדזלענ; שיפנ פלעגנ צוגעשטעלט ווערנ נאָר פונ די אטענער אונ פונ פינפ סאמע גרעסטע אונ רײַכע אינדזלענ. די פארבאנדישע קאסע האָט זיכ געפונענ אפנ אינדזל דעלאָס, אינ דעם דאָרטיקנ טעמפל פונ גאָט אפאָלאָנ; דאָרטנ זײַנענ אויכ פאָרגעקומענ די זיצונגענ פונעם פארבאנדישנ ראט.

די פארבינדעטע האָבנ אונטער דער קאָמאנדע פונ די אטענער אינ משך פונ צוועלפ יאָר ענדגילטיק פארטריבנ די פערסנ פונ עגייִשנ יאָמ אונ פונ אנדערע גריכישע געגנטנ (468־טער יאָר ביז אונדזער ערע). יעדער פאָליס, וואָס פלעגט באפרײַט ווערנ פונ די פערסנ, פלעגט פארייניקט ווערנ צומ פארבאנד. אזויארומ זײַנענ אינ אטענער פארבאנד ארײַנ קימאט אלע אינדזל־פאָליסנ, די קליינ־אזיאטישע פאָליסנ אונ פיל פאָליסנ אפ פראָפאָנטידע אונ אפנ שווארצנ יאָמ. עס האָט זיכ אויסגעבילדעט א מעכטיקערער אונ א רײַכערער פארבאנד, איידער דער פעלאָפאָנעסער. מיט אלע פארבינדעטע פלעגנ די אטענער שליסנ אויכ האנדל־אָפמאכנ אונ פלעגנ דערבײַ פאר זיכ אויסריידנ גרויסע גונסטנ.

אינ רעזולטאט זײַנענ די אטענער אינגיכנ נאָכ די פערסישע מילכאָמעס ניט נאָר געקומענ צו זיכ נאָכ דער פערסישער רויִנירונג, נאָר זיי האָבנ אויכ פארנומענ דאָס ערשטע אָרט אינעמ גריכישנ האנדל אונ לויט זייער מיליטער־קראפט. הערשנדיק אפנ יאָמ, האָבנ זיי אויכ געהערשט אפ די האנדל־וועגנ. קיינ גרויסע קאָנקורענטנ האָבנ זיי, אויסער קאָרינט ניט געהאט. מילעט איז געלעגנ אינ רויִנענ אונ זיכ ניט אזוי גיכ צוריק אופגעבויט. אונ קאָרינט האָט געמוזט אָפטרעטנ אפנ צווייטנ אָרט.

87. די שקלאפנבאזיצערישע פראָדוקציע אינ גריכנלאנד. נאָכ די פערסישע מילכאָמעס האָט זיכ אינ די גריכישע האנדל־אינדוסטריעלע פאָליסנ ענדגילטיק אויסגעבילדעט א שקלאפנבאזיצערישע פראָדוקציע.

באמ שקלאפנבאזיצערישנ פראָדוציר־אויפנ בילדנ די קנעכט די הויפטלעכע ארבעט־קראפט סײַ אינ דער ערד־ארבעט אונ סײַ אינ דער אינדוסטריע. נאָכ די פערסישע מילכאָמעס האָט די גריכישע אינדוסטריע אפ אָפזאצ אונ דער האנדל אומגעהייער גיכ אָנגעהויבנ אנטוויקלענ זיכ, עס האָבנ זיכ אויכ באוויזנ באדײַטנדיקע האנדל־קאפיטאלנ. אינ דער זעלבער צײַט איז אופגעקומענ די מעגלעכקײַט שטענדיק אינ א גרויסער צאָל קריגנ קנעכט. די צאָל קנעכט האָט זיכ באדײַטנדיק פארגרעסערט פאר דער צײַט פונעמ קאמפ פאר ענדגילטיק אָפרייניקנ גריכנלאנד פונ די פערסנ. אלע קריגס־געפאנגענע פלעגט מענ פארוואנדלענ אינ קנעכט; גלײַכ נאָכנ אטענישנ פלאָט אונ נאָכ די סאָלדאטנ פונ אטענ אונ זייערע פארבינדעטע פלעגנ נאָכגיינ די קנעכט־הענדלער, וואָס פלעגנ נאָכ יעדנ זיג אופקויפנ געפאנגענע.

גלײַכ נאָכ די אָפטרעטנדיקע פערסישע ארמײענ האָבנ די שקלאפנ-הענדלער אָנ-מוירע גענומענ ארײַנדרינגענ װײַט אינ קלײנ-אזיע, אינ די אָרעמע בארג-געגנטנ, װוּ די באפעלקערונג, װאָס איז רויִנירט געװאָרנ פונ די פערסישע אונ אײגענע עקספלואטאטערס, פלעגט זיכ אלײנ פארקויפנ אינ קנעכטשאפט, זוכנדיק כאָטש דורכ אזא מיטל צו ראטעװענ זיכ פונ הונגער-טויט. קנעכט האָט מענ געקאָנט אויכ קויפנ בײַ די סקיפנ; בײַמ מויל פונעמ דניעפער האָט זיכ אינ V יאָרהונ-דערט געשאפנ א שטענדיקער קנעכט-מארק.

די קנעכט-הענדלער פלעגנ, אויסער דעמ, נאָכ האנדלענ, װי אינ VI יאָרהונדערט, אפ א רײנ-רויבערישנ אויפנ: זײ פלעגנ דינגענ מענטשנ פונ די ערדלאָזע פויערימ, באװאָפענענ זײ, זעצנ אפ שיפנ, ארויסזעצנ זיכ אפ די שװארצ-יאמיקע ברעגנ פונ קלײנאזיע אונ מאכנ דאָרטנ אנ עמעסע „יעגערײַ נאָכ קנעכט“, — װי מע פלעגט זאָגנ אינ גריכנלאנד. דער נאָכפרעג האָט געבראכט אָנבאָט. אויסער די גריכישע קנעכט-הענד-לער פלעגנ ברענגענ קנעכט אינ די גריכישע פאָליסנ אויכ די פיניקיִשע קנעכט-הענדלער. דעריבער האָט מענ אינ די גריכישע קנעכט-הענדלערישע פאָליסנ געקאָנט טרעפנ קנעכט ניט נאָר פונ קלײנ-אזיע אונ פונ סקיפיע, נאָר אויכ פונ סיריע, אראביע, עגיפטע אונ פונעמ איצטיקנ קאװ-קאז.

● שקלאפנבאזיצערישע פראָדוקציע האָט זיכ אײַנגעשטעלט אינ אטענ, קאָרינט, מעגאר, ארגאָס, אפ די גרויסע אינדזלענ אינ די גריכישע שטעט פונ דאָרעמ-איטאליע אונ סיציליע, אינ די גרעסטע קלײנ-אזיאטישע שטעט. בײַמ אלטנ האלב-שטא-מישנ — האלב-פעאָדאלנ אויפנ פונ דער פראָדוקציע זײַנענ פארבליבנ די ערד-ארבעטערישע געגנטנ — די ספארטאנישע לאקאָניע אונ מעסעניע, פעסאליע, בע-אָטיע אינ מיטל-גריכנלאנד אונ אײניקע אנדערע געגנטנ. ●

88. די אטענישע שקלאפנבאזיצערישע מעלוכע. אפנ ערשטנ אָרט האָט זיכ אינ גריכנלאנד אינ V אונ IV יאָרהונדערטנ פאר אונדזער ערע ארויסגערוקט די אטענישע שקלאפנבאזי-צערישע מעלוכע.

די דאָזיקע מעלוכע האָבנ די אטענישע שקלאפנבאזיצער אָרגאניזירט פונ פריִערדיקנ אטענישנ פארבאנד. װענ די פערסנ זײַ-נענ ענדגילטיק פארטריבנ געװאָרנ, האָבנ א טײל אטענישע פארבינדעטע פונ די אינדזלענ אָנגעהויבנ רײדנ װעגנ פאנאנדערלאָזנ דעמ פארבאנד. אָבער די אטענער האָבנ גאָרניט געװאָלט ליקװידירנ דעמ פארבאנד, װאָס האָט פאר זײ געלוינט, זײ האָבנ דערקלערט, אז דאָס איז א בונט, אונ האָבנ קעגנ די דאָזיקע אינדזלענ געשיקט זײער פלאָט אונ מיליטער, זײ האָבנ צע-קלאפט די אופשטענדלער אונ פארװאנדלט די דאָזיקע אינ-דזלענ אינ זײערע קאָלאָניעס.

נאָכ דעמ זײַנענ די פארבינדעטע אנטשװיגנ געװאָרנ אונ האָבנ זיכ אונ-טערגעװאָרפנ די אטענער. די אופשטאנדנ זײַנענ געװענ האָפענונגלאָזע, װײַל אדאנק דער געשיקטער פאָליטיק פונ אטענ זײַנענ די פארבינדעטע בײַס דער אָר-

גאניזאציע פונעם פארבאנד געבליבן אומבאוואָפנטע. דער פארבאנד האָט זיך פארוואנדלט אין דער אטענישער מעלוכע.

עמעס, דער פאַרבאַנדישער ראט איז ניט פארניכטעט געוואָרן; ער איז אָבער געוואָרן ניט מער, ווי א באראטונג־אנשטאלט און פלעגט זיך זעלטן צונויפקלײַבן. אלע פארבאנדישע איניאָנים פלעגן געלייזט ווערן אין אטען. די אטענער האָבן אָנגעהויבן לויט זייער אייגענעם אײַנזען אײַנשטעלן די גרייס אָפצאָלן פון די פארבינדעטע און האָבן אָפגענומען דאָס רעכט צו האלטן אייגענע קריג־שיפן בא יענע פינף אינדזלען, וואָס האָבן דאָס דאָזיקע רעכט געהאט. די פארבאנדישע קאסע האָבן די אטענער אריבערגעפירט פון דעלאָס קיין אטען און זי האָט זיך געפונען אינגאנצן אין זייער רעשוס. אזוי האָבן זיך די פארבאנדישע אָפצאָלונגען פארוואנדלט אין אן אטענישן צינז.

נאָך מער, קעדיי צו באוואָרענען זייער מאכט איבער די פארבינדעטע האָבן די אטענער שקלאפנבאזיצער אָנגעווענדט אויך אנדערע מיטלען. זיי האָבן אָנגעהויבן ארויספירן פון זייערע קאָלאָניעס די ערדלאָזע פויערים אין די אמערסטן וויכטיקע פונקטן פון זייער מעלוכע. דערמיט פלעגן זיי גלײַך דערגרייכן צוויי צילן: ארויספאטערן פון אטען די אומצופרידענע עלעמענטן פון דער באפעלקערונג און שאפן פאר זיך אן אָנשפאר אין די וויכטיקסטע פונקטן פון זייער מעלוכע. אין אייניקע גרעסערע פארבאנדישע פאָליסן האָבן די אטענער אוועקגעשטעלט זייערע באאָבאכטער מיט מיליטער־אָטריאדן.

● זייער מעלוכע האָבן די אטענער געשטרעבט צו פארברייטערן אויך דירעקט דורך מילכאָמעס. זיי האָבן באצווּנגען א טייל פון פראקיע אפ דעם נידערפלוס פונעם טײַך סטרימאָן מיט א פרוכטבארן באָדן און מיט גאָלד־גרובן, זיי האָבן אויך דעראָבערט דעם גאנצן פראקייִשן כערסאָנעס און עטלעכע אינדזלען, וואָס זײַנען ניט געווען פארנומען דורך די גריכן. די אטענער האָבן געפרוווט דעראָבערן קיפער און אפילו עגיפּטן, אָבער דאָס האָט זיך זיי ניט אײַנגעגעבן. קיין קיפער האָט זיי ניט געלאָזן דער פיניקייִש־פערסישער פלאָט. קיין עגיפּטן האָבן זיי געשיקט מיליטער אפ אונטערשטיצן דעם אופשטאנד פון די עגיפטער קעגן די פערסן און האָבן באוויזן צו פארנעמען דעם גאנצן נידער־עגיפּטן ביז מעמפיס, אָבער די פערסן האָבן סאָפּקאָלסאָפּ צ. געשיקט א ריזיקע ארמיי און דאָס אטענער מיליטער איז קימאט אינגאנצן אומגעקומען. ניט דערלאָזן די אטענישע דעראָבערונגען האָבן זיך געפרוווט די קאָרינטער און ספארטאנער און האָבן מיט זיי אָנגעהויבן א מילכאָמע, אָבער זיי האָבן געליטן א מאפּאָלע און זײַנען געצווּנגען געווען צו שליסן שאָלעם מיט אטען אפ 30 יאָר. ●

89. די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע אין אטען. אין V יאָרהונדערט האָט אין אטען און אין אטיקע אָנגעהויבן הערשן אין דער פּראָדוקציע שקלאפן־ארבעט. אטען האָט ניט נאָר אליין באנוצט קנעכטישע ארבעט־קראפט, זי האָט זי אויך צוגעשטעלט אנדערע קנעכט־באזיצערישע פאָליסן.

זינט כיאָס איז ארײַנגעטראָטן אינעם אטענער פארבאנד,

איז דער קנעכט־האנדל איבערגעגאנגען אין די הענט צו די אטענער קנעכט־הענדלער. אין אטען האט זיך אויסגעבילדעט דער סאמע גרעסטער קנעכט־מארק אין גאנצ גריכנלאנד; פאר דעם דאָזיקנ מארק זײַנען אפנ אטענער הויפט־מארק געווען אויסגעטיילט באזונדערע קווארטאלנ. דער קנעכט־מארק פלעגט פאָרקומען די ערשטע טעג פונ יעדנ כוידעש; אין די טעג פלעגט מען אין אטען ברענגען גרויסע פארטיעס קנעכט פונ קליינ־אזיע, סקיפיע, פראקיע א. אנד. לענדער. דעמלט פלעגנ זיך פונ גאנצ גריכנלאנד צונויפאָרנ קיינ אטען איינקויפער פונ „לעבעדיקער סכוירע“.

די שקלאפנ־ארבעט פלעגט פריער פאר אלצ באנוצט ווערנ אין די שאכטעס, באם ארויסבאקומען זילבער, אײַזנ, קופער און באם ברעכנ מירמל. די דאָזיקע שאכטעס און מירמלברעכערײַען האָבנ געהערט צו דער מעלוכע, אָבער די מעלוכע־קאסע פלעגט זיי אָפגעבנ אין ארענדע פריוואטע אונטערנעמער. אין די שאכטעס און אפ די מירמל־ברעכערײַען האָבנ געארבעט אויסשליסלעך קנעכט. אין די טיפע, שמאָלע שאכטעס פלעגט אויסקומען אָפצוקלאפנ מיט א קירקע שטיקלעך געשטיינ אינ אנ אומדערטרעגלעכער היצ און שטיקעניש;

געמעל 43. קנעכט בא דער ארבעט אין שאכטע.

אפ דער דאָזיקער ארבעט פלעגט מענ שטעלנ שטארקערע דערוואקסענע קנעכט. די אָפגעקלאפטע שטיקלעך פלעגנ מינדעריאָריקע קנעכט שלעפנ אין קערב צו די ברייטע נעמער, וואָס דורך זיי פלעגנ די שאכטעס זיך פארייניקנ מיט דער אויבערפלאך פונ דער ערד, און דאָרטנ פלעגנ זיי צובינדנ די קערב צו די שטריק פונ א ווינדע. דרייענ די ווינדע און אופהייבנ די קערב אפנ אויבערפלאך פונ דער ערד פלעגנ די קנעכט (געמ. 43). די דאָזיקע קאטערזשנע ארבעט פלעגט געטאָנ ווערנ צו 12—14 שאָ א טאָג. אָפגעלאָזענע אָדער שוואכע פלעגנ די אופזעער אונטערטרײַבנ מיט קאנטשיקעס, וואָס האָבנ געהאט בלײַענע קײַקלעך אפ די שפיצנ. פונ אזא אויסצערנדיקער ארבעט פלעגנ די קנעכט אין 2—3 יאָר און אָפטמאָל אויך פריער אויסגעמוטשעט ווערנ און שטארבנ. אָבער אפנ אָרט פונ די געשטאָרבענע פלעגט מענ באלד אוועקשטעלנ נײַע — קנעכט איז געווען א סאך און ביליק, צו 75—100 רובל אפ אונדזער געלט. אין א שאכטע אָדער אין א מירמלברעכערײַ האָבנ, געווענדט אָנ דער גרייס, געארבעט געוויינלעך פונ 50 ביז 150 קנעכט. און אינגאנצנ האָבנ די אטענישע זילבער־און אײַזנ־שאכטעס און אין די שטיינברעכערײַען געארבעט ארום 20.000 קנעכט. טויזנטער קנעכט האָבנ אויך געארבעט אין די קופערנע שאכטעס פונ עווביי און עגינע, אין די גאָלדזאמדנ פונ פאסאָס און אפ די זילבער־שאכטעס אין פראקיע, אפ די מירמל־ברעכערײַען פונעם אינדזל פאראָס.

די מעטאלנ און דעם מירמל, וואָס מע פלעגט ארויסבאקומען דורך דער קנעכטי־

שער פראצע, פלעגנ טיילווייז איבערפארקויפט ווערנ פונ אטענ אינ אנדערע פאַ־ ליסנ. אָבער דער גרעסטער טייל פלעגט איבערגעארבעט ווערנ אינ די אטענער אינדוסטריעלע אונ קינסטלערישעווארשטאטנ. נאָכ אינ פיסיסטראטס אונ קליספענס צייטנ האָבנ זיכ, ווי מיר וויסנ, אינ אטענ שוינ באוויזנ גרויסע אינדוסטריעלע ווארשטאטנ, ערגאסטעריעס, אינ וועלכע עס פלעגנ ארבעטנ קנעכט. אינ V יאָרהונדערט זיינענ שוינ אזוינע ווארשטאטנ אינ אטענ געווענ עטלעכע צענדליק. אינ אנ ערגאסטעריע פלעגנ, גע־ וועגדט אָנ איר גרייס, ארבעטנ פונ 20 ביז 40 קנעכט.

אינ די אטענער קנעכטישע ערגאסטעריעס פלעגנ אויסגעארבעט ווערנ קופער־

געמעל 44. גריכישע ליימענע קיילימ מיט קינסטלערישע באמאָלונגענ.

נע אונ אייזערנע אויסארבעטונגענ — געפעס אונ אנדערע שטוביקע כפייצימ, גע־ ווער, פאנצערס, אייזערנע אינסטרומענטנ פאר טעסלער אונ סטאָליארעס, טשוועֿ־ קעס אונ אנדערע מעטאל־אויסארבעטונגענ. געווער אונ קופער־קיילימ פלעגנ ארויס־ געפירט ווערנ פונ אטענ ניט נאָר קיינ גריכנלאנד, נאָר אויכ אפ מיזרעכ.

נאָכ דעמ, ווי אטענ האָט פארכאפט עגינע, האָבנ אטענישע שקלאפנ־ באזיצער אויסער דעמ אויכ אָרגאניזירט א גרויסע טעפער־אינדוסטריע אונ האָבנ מיט דערפאָלג אָנגעהויבנ ארויסשטויסנ פונעמ מארק די קאָרינטישע טעפער־אויסארבעטונגענ. צו באמאָלנ ליימענע קיילימ מיט פארבנ האָט מענ אָנ־ געהויבנ ספעציעל לערנענ קנעכט אונ אָפטמאָל פלעגט מענ דערופ איינלאדנ באַ־ וווסטע קינסטלער (געמ. 44). די קנעכט פלעגנ ארבעטנ אינ לעדער־וואר־ שטאטנ אונ אינ גרויסע מילנ, ווו מע פלעגט זיי שטעלנ דרייענ שווע־ רע ריזיקע מיל־שטיינער — די זעלבע קאטערזשנע ארבעט. קונסט־אויסאר־ בעטונגענ פונ מירמל פלעגנ אויכ אויסגעארבעט ווערנ אינ ווארשטאטנ, ווו עס פלעגנ ארבעטנ קנעכט.

צולעצט, האָט זיכ ברייט פאנאנדערגעוויקלט אינ דער אטענישער מעלוכע די שיפבויונג. אינ פיריי זײַנענ אָרגאניזירט געווענ גרויסע ווערפנ, וואָס האָבנ געבויט שיפנ ווי פארנ אטענישנ פלאָט, אזוי אויכ לויט די באשטעלונגענ פונ אנדערע פאָליסנ. אונ אפ די ווערפנ האָבנ אויכ דעריקער געארבעט קנעכט.

די נײַע קנעכטישע ערגאסטעריעס האָבנ רויִנירט די פרײַערדיקע פרײַע האנטווערקער. לויטנ הײַנטצײַטיקנ מאסשטאב זײַנענ די ערגאסטעריעס געווענ קלײנינקע אונטערנעמונגענ, אָבער אינ פארגלײַכ מיט די דעמאָלטיקע האנטווערקערישע ווארשטאטנ זײַנענ זיי געווענ גרויסע אונטערנעמונגענ. די שקלאפנ־ארבעט פלעגט, ארײַנרעכענענדיק דעמ קאָסטנ פונעמ שקלאפ, קאָסטנ וועלוועלער פונ דער האנטווערקערישער, אונ די הורט־פראָדוקציע פלעגט אויכ פארביליקערנ דעמ קאָסטנ פונ דער פראָדוקציע. דעריבער פלעגנ בא די האנטווערקער פונ יאָר צו יאָר ווערנ אלצ ווייניקער באשטעלער, ווײַל אפ די מערק האָט מענ שטענדיק געקאָנט קויפנ ביליקע אויסארבעטונגענ פונ קנעכטישער ארבעט. באזונדערס שווער איז געוואָרנ די טעפער, אײַזנגיסער אונ לעדערניקעס. ווי־ניט־ווי פלעגנ זיכ נאָכ דורכשלאָגנ די שמידנ, וועלכע פלעגנ אויסארבעטנ ביליקע, גראָבע אויסארבעטונגענ פארנ אָרטיקנ מארק (געמ. 45), אויכ די שוסטער, זילבער־אונ גאָלד־מײַסטערס (יוועלירנ) אונ פארפורמערס, ווײַל די דאָזיקע פראָדוקציעס זײַנענ אינ V יאָרהונדערט נאָכ ניט געווענ פארכאפט פונ די שקלאפנבאזיצער. אָבער אויכ אָט די האנטווערקער האָבנ שוינ פארלאָרנ זייער ווירטשאפטלעכע זעלבשטענדיקײַט. זיי זײַנענ ארײַנגעפאלנ אינ די קלעפיקע לאפעס פונ די סאָחרימ, וואָס פלעגנ זיי געבנ באשטעלונגענ פונ זייער רויווארג אונ פלעגנ זיי צאָלנ פאר א טאָג ארבעט אינגאנצנ 1 דראכמע, ד.ה. 40 קאָפעקעס א טאָג. די האנטווערקער „מאטערנ זיכ בא דער ארבעט א גאנצנ טאָג פונ נאכט ביז נאכט, אָבער זיי האָבנ קוימ צומ לעבנ. שטענדיק זײַנענ זיי פארטרויערט אונ קלאָגנ זיכ אפ זייער גורל", — אזוי באשרײַבט זייער גורל א דעמאָלטיקער שרײַבער.

אינ די מעלוכישע אונטערנעמונגענ פלעגנ אויכ ארבעטנ קנעכט. זיי פלעגנ אויסשלאָגנ זילבערנע אונ קופערנע מאטבייעס, מאכנ וואָג אונ מאָסנ, ארבעטנ אפ די מעלוכישע ווערפנ, ווו עס פלעגנ זיכ בויענ מיליטער־שיפנ. קנעכט פלעגט מענ שטעלנ אפ די סאמע שווערע ארבעטנ באמ בויענ געזעלשאפטלעכע געבײַדעס אונ טעמפלענ אונ באמ בויענ פארפעסטיקונגענ. מיט קנעכטישער ארבעט זײַנענ אויסגעבויט געוואָרנ די אזויגערופענע לאנגע ווענט, הויכע שטיינערנע ווענט, צווישנ וועלכע עס איז געגאנגענ דער וועג פונ אטענ אינעמ האפנ פיריי 8 קילאָמעטער די לענג. אינ אטענ אונ אינ פיריי האָבנ זיכ די דאָזיקע ווענט פארייניקט מיט די שטאָט־ווענט אונ אפ אזא אויפנ האָט זיכ געשאפנ ווי אנ אלגעמיינע פעסטונג־וואנט פונ אטענ אונ פיריי. אפילע די פאָליציי־וואכ אינ אטענ אונ די טאמאָזשנע־אופזעער אינ פיריי זײַנענ באשטאנענ פונ קנעכט.

די קנעכט־באזיצער פלעגנ גאנצ אָפט דאָפלט עקספלואטירנ די קנעכט. אינ אטענ, אינ קאָרינט אונ אינ אנדערע גרויסע האנדל־אינדוס־

טריעלע פּאָליסן זײַנען געווען אזוינע קנעכט־אײגנטימער, וואָס האָבן אלײן ניט געפירט קײן שום פּראָדוקציע, נאָר זײ פלעגן אָפּגעבן זײערע קנעכט אין ארענדע אָדער אפּ פּראָקאָט ווי ארבעט־פי. אזוינע קנעכט־אײגנטימער פלעגן האָבן ריזיקע פּארטיעס קנעכט: צו 300, 600 און צו 1000 מאן. קנעכט פלעגן בא זײ מער־סטנטײל דינגען ארענדאטערס פון מעלוכישע שאכטעס. דינגען קנעכט פלעגן אויכ פויערים און גרויסע ערד־באזיצער אפּ סעזאָן־ארבעטן, דעריקער אפּ דער צײַט פון אופזאמלען פרוכטן.

געמעל 45. א שמיד בא דער ארבעט.

90. די לאנדווירטשאפט און דער האנדל אין אטען. טוויע־פארזייונג איז אין אטיקע אין V יאָרהונדערט פארשווונדן; אטען און אטיקע האָבן זיכ איצט געשפּײַזט מיט ארײַנגעפירטן וואָלוועלן ברויט פון עגיפּעט און פון די קאָלאָניעס. אָנשטאָט אקער־פעלדער זײַנען איצט אין אטיקע פארפלאנצט געוואָרן סעדער פון אײלבערט־בײמער. דער אײלבערט־בוים איז אין גריכנלאנד געווען פונקט אזא ווערטפולער בוים, ווי דער טײטל־בוים אין מעסאָפּאָטאמיע, און דער בעסטער מין פון דעם דאָזיקן בוים איז געוואקסן אין אטיקע. די אײלבערטן, ניט קײן גרויסע, שווארצע פרוכט מיט א בײנדעלע, זײַנען זײער אײליק, פלײשיק און זעטיק; א הויפן אײלבערטן זײַנען בא א גריכ געווען גענוג אפּ א זעטיקן אָנבײַסן. פון די אײלבערטן פלעגט מען אויסקוועטשן דעם זאפט, פון וועלכן מע פלעגט מאכן פארשײדענע סאָרטן בוימל—סײַ אפּ שפּײַז און סײַ אפּ אויסארבעטן שמעקעדיקע שמירעכצן און רעפועס, אזוי אויכ אפּ ברענען אין לײַכטערס. פון דעם האָלץ פלעגן די סטאָליארעס מאכן קעסטלעך און קלײנע הילצערנע זאכן. אויסער אײלבערט־סעדער זײַנען אין אטיקע אויכ געווען פיל ווײַנגערטנער.

די סעדער אונ די ווײַנגערטנער פלעגנ די פויערימ באארבעטנ אליינ, מיט די מיטלענ פונ זייער פאמיליע אונ מיט דער הילפ פונ שטוביקע קנעכט: איי־נער אָדער צוויי קנעכט זײַנענ געווענ בא יעדנ פויער. אָבער ווענ עס פלעגט זיכ אָנהייבנ דאָס אראָפּנעמענ די איילבערטנ (געמ. 46) אונ די ווײַנטרויבנ, פלעגנ קיינ שטוביקע קויכעס ניט קלעקנ, אונ די לאנדווירטנ פלעגנ דינגענ קנעכט בא די קנעכט־אייגנטימער.

אויסער קנעכט אפ דער פּראָדוקציע זײַנענ אינ אטענ געווענ א סאכ קנעכט אינ האנדל — אָנגעשטעלטע, אגענטנ אונ קאָנטאָר־טוער. א גרויסע צאָל קנעכט פלעגנ די רײַכע קנעכט־אייגנטימער האָבנ פאר זייער פערזענלעכנ באנוץ: פונ די קנעכט זײַנענ געווענ קוכערס, מוזיקאנטנ, דאָקטוירימ. אינגאנצנ זײַנענ אינ V



געמעל 46. דאָס אראָפּנעמענ איילבערטנ.

יאָרהונדערט אינ אטענ אונ אינ אטיקע געווענ קנעכט, ארײַנרעכענענדיק די שטר־ביקע, ניט ווייניקער פונ 50—60 טויזנט, בא דער אלגעמיינער צאָל באפעלקערונג ארומ 150 טויזנט מאנ.

אינ אטענ האָט זיכ געפירט א לעבהאפטער האנדל. דער איינצל־האנדל האָט זיכ געפירט אפנ מארק אונ אפ די נאָענטע צומ מארק גאסנ אונ געסלעכ, ווו עס זײַנענ געווענ די וואר־שטאטנ פונ די האנטווערקער אונ זייערע מאגאזינענ. דאָרטנ האָבנ געהאנדלט מיט זייערע פּראָדוקטנ די פויערימ, האנטווערקער אונ אויכ קליינע קרעמערלעכ. אָבער דער שווערפּונקט איז געווענ ניט אינ אָט דעמ מארק־האנדל, נאָר אינעמ עקספּאָרט־אימפּאָרטישנ האנדל. פונ אימ האָבנ אָנגעלעבט גרויסע געלטער די הורט־סאָכרימ, די קנעכט־באזיצער, אינ־דוסטריעלער אונ די מעלוכע־קאסעס, וואָס פלעגנ נעמענ טאמאָזשנע־אָפּצאָלונגענ.

ניט אלע געביטנ פונעמ אויסלענדישנ האנדל האָבנ געהאט דעמ זעלביקנ באטײַט. א לעבנ־באטײַט פאר אטענ־אונ אטיקע האָט געהאט נאָר דער ברויט־האנדל. אטענ, ווי קאָרינט אונ פיל אנדערע פּאָליסנ, האָבנ קיינ אייגענעמ ברויט ניט געהאט אונ האָבנ זיכ געשפּײַזט מיט ארײַנגעפירטנ ברויט. די ברויט־הענדלער פלעגנ באקומענ ריזיקע רעוואָכימ אָבער

זייער גיריקייט איז געווענ אזוי גרויס, אז גאנצ אָפט פלעגנ זיי זיכ לאָזנ אפ ספעקולאציעס. זיי פלעגנ פארשפּרייטנ פאלשע קלאנגענ, אז דער ברויט־טראנספּאָרט, וואָס גייט קיינ אטענ, איז פארכאפּט פונ רויבער, אונ פלעגנ אפ א געוויסער צייט אופבלאָזנ די פּרייזנ, ביזוואנענ די קלוימערשט פארפאלנ געוואָרענע שיפנ פלעגנ אָנקומענ בעשאָלעמ קיינ פּיריי. די איבעריקע סכוירעס, וואָס מע פלעגט אריינפירנ אינ אטענ, פלעגנ קימאט אלע זיינ ניט פארדעמ ברייטנ געברויכ, נאָר פארנ רייכנ הייפל קנעכט־אייגנטימער.

● פאר זיי פלעגנ, ווי מיר האָבנ שוינ געזאָגט, געבראַכט ווערנ טויזנטער קנעכט. דאנ פלעגט מענ אינ אטענ, לויטנ אויסדרוק פונ א מיטצייטיקנ, אריינפירנ פאר די מאָלצייטנ פונ די רייכע מענטשנ „אלערליי זיסע זאכנ, וואָס זיינענ נאָר געווענ אינ סיציליע, איטאליע, אפנ קיפּער, אינ עגיפּעט, אינ לידיע (קליינ־אזיע), אפנ פּאָנט (שווארצער יאמ), אינ פּעלאָפּאָנעס אָדער ערגעצוו אינ אנ אנדער אָרט". פאר אָט די שקלאפנבאזיצער פלעגט מענ אריינפירנ העלפאנדביינ אונ אויסארבעטונגענ פונ העלפאנדביינ, מיזרעכ־פּארפומענ אונ שמעקעדיקע שמירעכצנ, עגיפּטישע לייוונטענע געוועבנ, פּאפּירוס אונ פיל אנדערע זאכנ. ●

פונ אטענ פלעגט ארויסגעפירט ווערנ אינדוסטריע־זאכנ — טעפּעריי־אויסארבעטונגענ, געווער, מעטאל־געשיר א. אנד. מעטאל־אויסארבעטונגענ, איילבערט־בוימל אונ לוקסוס־זאכנ — זילבערנע אונ גאָלדענע כפייצימ, מירמל־סטאטועס, מוזיקאלע אינסטרומענטנ. דער אטענישער האפנ פּיריי איז שטענדיק געווענ אָנגעפילט מיט יאמ־שיפנ. אורטיילנדיק לויט די דאָקומענטנ פונ דער אטענער מעלוכישער קאסע, וואָס זיינענ צו אונדז דערגאנגענ, האָט דער יערלעכער אומזאצ פונעמ אויסערלעכנ האנדל דורכ פּיריי, ד.ה. דער ווערט פונ די געבראכטע אונ אָפּגעשיקטע סכוירעס פארנ יאָר, אינמיטנ V יאָרהונדערט דערגרייכט ביז 8 מיליאָנ רובל אפ אונדזער געלט.

91. די אטענישע שקלאפנבאזיצערישע דעמאָקראטיע. דער שקלאפנבאזיצערישער אויפנ פונ דער פּראָדוקציע האָט רויִנירט די אטענישע האנטווערקער אונ האָט געדראָט צו רויִנירנ די אטענישע פויערימ. די פויערימ האָבנ זיכ אינ V יאָרהונדערט נאָכ געהאלטנ, ווייל די גרויסע שקלאפנבאזיצער האָבנ זיכ נאָכ ווייניק אינטערעסירט מיט דער לאנדווירטשאפטלעכער פּראָדוקציע. די שאכטעס אונ ערגאסטעריעס האָבנ זיי געגעבנ מער רעווּעכ איידער דאָס קולטיווירנ איילבערט־ביימער אונ וויינשטאָקנ. אָבער די אטענער שקלאפנבאזיצער האָבנ געטרוימט וועגנ אונטערוואַרפנ אונטער זייער מאכט גאנצ גריכנלאנד. דאָס אָבער האָט מענ ניט געקאָנט זיכ דערשלאָגנ אָנ א מילכאָמע מיט קאָרינט אונ ספּארטע. אָבער אינ פאל פונ א מילכאָמע וואָלט געליטנ די דאָרפישע אטיקע, וואָס די ספּארטאנער וואָלטנ זי רויִנירט ביזנ גרונט, אונ אטענ אונ פּיריי וואָלטנ פארבליבנ גאנצ, ווייל די ספּארטאנער האָבנ ניט געקאָנט דורכפירנ קיינ באלאגערונג־ארבעטנ. די קומענדיקע מילכאָמע איז ווי א גרויזאמ געשפּענסט געהאנגענ איבער דעמ פויערטומ. דאָס פויערטומ איז געווענ פאר שלאָגנ מיט ספּארטע אונ פלעגט אינ דער פאָלק־פארזאמלונג זיכ

אַרויסזאָגן קעגן פֿאַרשיידענע מיליטערישע און יאַמישע צוברייטונגען.

אָבער די אָפּאָזיציע פֿון פֿויערשום איז פֿאַר די אַטענער שקלאַפֿנבאַזיצער ניט געווען שרעקלעך. די פֿויערים דעמעס זײַנען געווען אין דער מינדערהייט און דערבײַ פֿלעגן די פֿויערים, וואָס זײַנען געווען פֿאַרנומען מיט דער ווירטשאַפֿט, ניט רעגולער באַזוכן די פֿאָלק־פֿאַרזאַמלונגען. פֿיל געפֿערלעכער פֿאַר די שקלאַפֿנבאַזיצער זײַנען געווען די ערדלאָזע פֿויערים, וואָס פֿלעגן אַוועק פֿון דאָרף אין שטאָט אַרײַן, און די רויִנירטע קליינע האַנטווערקער. אַזעלכע מאַסן היימלאָזע און אָרעמע־לײַט פֿלעגן מיט יעדן יאָרצענדליק אַלץ זיך פֿאַרגרעסערן. זיי פֿלעגן אָנפֿילן די פּלעצער און גאַסן פֿון אַטען און פּירײ, פֿלעגן פֿאָדערן אַרבעט און ברויט. אָבער אַרויסשיקן זיי אַלעמען אין די קאָלאָניעס איז ניט געווען מעגלעך, געבן זיי אַלעמען אַרבעט האָבן די שקלאַפֿנבאַזיצער אויך ניט געקאָנט. דעריבער האָבן די שקלאַפֿנבאַזיצער צוגעטראַכט אַ נײַעם מיטל, וואָס מיט זײַן הילף האָט זיך זיי אין פֿאַרלויף פֿון אַ לאַנגער צײַט אײַנגעגעבן ניט נאָר האַלטן דעם דאָזיקן האַמוין אין געהאָרכזאַמקייט, נאָר אַפֿילע פֿאַרוואַנדלען אים אין אַ געווער פֿון זייער מאַכט.

אינמיטן V יאָרהונדערט זײַנען אין אַטען דורכגעפֿירט געוואָרן נײַע פּאָליטישע רעפֿאָרמעס, וואָס האָבן, אויפֿן ערשטן בליק, נאָך מער פֿאַרברייטערט די „דעמאָקראַטיע", אָבער וואָס האָבן אינדערעמעסן פֿאַרפֿעסטיקט די מאַכט פֿון די אייגנטימער. פֿון דער רײַכער אַטענישער מעלוכע־קאַסע, וועלכע פֿלעגט, ווי מיר ווייסן, זיך אָנפֿילן דעריקער מיט פֿאַרבאַנדישן צינז, האָט די אַטענער רעגירונג אָנגעהויבן אַרויסגעבן מעגלעך די בירגער געצאָלט פֿאַר אָנטיילנעמען אינעם „פֿאָלק־ראַט פֿון די 500", וואָס פֿלעגט צוגרייטן געזעץ־פּראָיעקטן פֿאַר דער פֿאָלק־פֿאַרזאַמלונג, און פֿאַר דעם אָנטייל אין דעם פֿאָלקס־געריכט. אויסער דעם, האָט מען יעדן בירגער אַרויסגעגעבן געלט אויף קויפֿן בילעטן אין טעאַטער. יעדער אַרויסגאָב האָט באַטראָפֿן אַן אָבאָל (6—7 קאָפּ.), ד. ה., אַז אַן אַטענער בירגער האָט געקאָנט באַקומען אַרום און אַרום 3 אָבאָלן, אָדער אַרום 20 קאָפּעקעס אַ טאָג, אַן אײנצל מענטש האָט פֿאַר דער דאָזיקער סומע געקאָנט אָפּעסן מיטיק און אָוונטברויט. לויטן געזעץ האָבן געצאָלט מיט דער דאָזיקער שטיצע זיך באַנוצן אַלע בירגער, ווײַל אין ראַט און אין פֿאָלקסגעריכט פֿלעגן אַלע בירגער אָנטיילנעמען לויט דער ריי אין פֿאַרלויף פֿון אַ באַשטימטן טערמין. אָבער די פֿויערים, די אַרבעטנדיקע האַנטווערקער און אַנדערע אַרבעט־לײַט האָבן ניט געקאָנט רעגולער באַזוכן די זיצונגען פֿונעם ראַט און פֿונעם געריכט אַזוי, אַז דער אָבאָל פֿון דעם ראַט און פֿונעם געריכט פֿלעגט אָנקומען קימאַט אויסשליסלעך די אַרבעטלאָזע בירגער; און נאָר דעם „טעאַטער־אָבאָל" פֿלעגן נעמען אַלע בירגער. אָט מיט דעם קונציקן מיטל אָפּן כעזשבן פֿון די פֿאַרבינדעטע האָבן די אַטענער קנעכט־אייגנטימער באַזײַטיקט די געפֿאַר פֿון אויפֿשטאַנדן מיצאַד די אַרבעטלאָזע און ערד־

לאָזע און האָבנ זיי פארינטערעסירט אינ רויבנ די פארבינדעטע און אינ פארברייטערנ די אטענישע הערשאפט.

אינ דער שפיצ פונ דער אטענישער שקלאפנבאזיצערישער „דעמאָקראטיע“ איז אינ פארלויפ פונ 15 יאָר נאָכאנאנד געשטאנענ פעריקל. ער איז געווענ אנ ערדבאזיצער, אָבער זײַנ רײַכקײַט איז געווענ אָפּהענגיק ניט נאָר פונ לאנדווירטשאפט, נאָר פונ מארק־ספעקוליאציעס. אונטער פעריקלס אָנפירונג האָט די גרויסמעלוכישע שקלאפנבאזיצערישע פארטיי דורכגעפירט אלע אויבנ באשריבענע „דעמאָקראטישע“ רעפאָרמעס און נאָכדעמ האָט זי פעריקלענ אליינ דורכגעפירט אפנ פאָסטנ פונעמ הויפט פונ דער „דעמאָקראטיע“. זײַט דאנ איז, ווי מע פלעגט זאָגנ אינ אטענ, די דעמאָקראטיע געווענ דאָרטנ נאָר לויטנ נאָמענ און אינדערעמעסנ האָט זיכ אײַנגעשטעלט די „מאכט פונ איינ מענטשנ“.

92. די אופשטאנדנ פונ די קנעכט. אויב די אטענער שקלאפנבאזיצער האָט דורכ ארויסשיקונגענ, נעדאָוועס און אָפּנארנדיקע „דעמאָקראטישע“ רעפאָרמעס זיכ אײַנגעגעבנ אויסצומײַדנ אופשטאנדנ פונ ארבעטלאָזע און ערדלאָזע, האָבנ סײַ די אטענער, סײַ די איבעריקע גריכישע שקלאפנבאזיצער פונ קנעכט־אופשטאנדנ זיכ פארהיטנ ניט געקאָנט. די קנעכט־אופשטאנדנ פלעגנ אופלאקערנ אָט דאָ און אָט דאָרטנ אינ פארשיידענע ערטער פונ גריכנלאנד, אינ פארלויפ פונעמ גאנצנ V יאָרהונדערט.

די קנעכט פלעגנ דאָסראָוו אויסניצנ פאר די אופשטאנדנ אזעלכע געלעגנהײַטנ, ווענ זייערע הארנ פלעגנ ארײַנפאלנ אינ א שווערער לאגע. אזוי איז די זאכ געווענ אינ ארגאָס, ניט לאנג פאר די פערסישע מילכאָמעס. ארגאָס האָט דאנ געליטנ פונ אנ אָנפאל פונ די ספּארטאנער, וועלכע האָבנ צעשלאָגנ דאָס ארגאָסישע מיליטער, דערבײַ איז קימאט דאָס גאנצע מיליטער אויסגעהארגעט געוואָרנ. דעמאלט זײַנענ די קנעכט אופגעשטאנענ, האָבנ פארכאפט ארגאָס און אויסגעקליבנ רעגירער פונ צווישנ זיכ. ערשט אינ עטלעכע יאָר ארומ האָט זיכ די ארגאָסער אײַנגעגעבנ ארויסצוטרײַבנ די קנעכט פונ שטאָט, אָבער אויכ דערנאָכ האָבנ די קנעכט אינ דער אומגעגנט אינ ארגאָס נאָכ לאנג געהאלטנ זייער ווידערשטאנד.

ווענ אינ 431־טנ יאָר האָט זיכ אָנגעהויבנ די שוינ לאנג פארטראכטע מילכאָמע פאר אונטערווארפנ גאנצ גריכנלאנד, און די אטענער האָבנ געליטנ א מאפּאָלע, האָבנ זיכ דערמיט באנוצט די קנעכט פונ די אטענער שאכטעס און זײַנענ אופגעשטאנענ. זיי האָבנ אויסגעהארגעט די וואכ און פארנומענ די פעסטונג אינ די בערג אפנ ברעג יאמ. אָבער די באפעסטיקטע אטענ האָט זיכ זיי ניט אײַנגעגעבנ צו נעמענ. קאָלזמאנ די אטענער האָבנ געזאמלט מיליטערישע קראפט קעגנ די קנעכט, האָבנ די קנעכט געקאָנט האלטנ, אָבער דערנאָכ זײַנענ זיי געווענ געצווונגענ אונטערצוגעבנ זיכ. אזוינע דערפאָלגלאָזע אופשטאנדנ זײַנענ געווענ אינ צײַט פונ מילכאָמע אפ כיאָס, סאמאָס און אינ אנדערע ערטער.

די אופשטאנדנ פונ די קנעכט זײַנענ געווענ אָנ דערפאָלג, ערשטנס, דערפאר, וואָס די אופגעשטאנענע קנעכט האָבנ זיכ ניט געקאָנט גוט באוואָפענענ, זײַנענ ניט געווענ באקאנט מיטנ קריג־וועזנ, זײַנענ געווענ אויסגעמאטערט פונ

קאטערזשנער ארבעט און האָבן דעריבער ניט געקאָנט אויסהאלטן קיין קאמפ מיט דער אָרגאניזירטער מיליטער־קראפט פון די קנעכט־אייגנטימער. צווייטנס, צווישן דער פארשיידנשטאמיקער און פארשיידנשפּראכיקער מאסע קנעכט האָט ניט געקאָנט זיין קיין פולשטענדיקע קעגנזייטיקע פארשטענדעניש און קיין פולשטענדיקע איינשטימיקייט. די גריכישע קנעכט־אייגנטימער האָבן עס גוט פארשטאנען, און דעריבער האָבן זיי זיך שטענדיק געסטארעט, אז צווישן די קנעכט פון איין און דער זעלביקער אונטערנעמונג זאָלן זיין וואָס ווייניקער לאנדסלייט. דאָך האָבן די אופשטאנדן פון די קנעכט, וואָס פלעגן אויסברעכן אלץ מער און מער, ביסלעכווייז צעטרייסלט די שקלאפנבאזיצערישע אָרדענונג און האָבן פאר איר געגרייט אומקום.

93. די שקלאפנבאזיצערישע אידעאָלאָגיע. בא דער שקלאפנבאזיצערישער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג האָט א קליין הייפל רייכע, פרייע מענטשן געלעבט אין לוקסוס און ליידיקגייעריי, און טויזנטער קנעכט האָבן גלייך ווי ארבעט־פי געארבעט ביז פארמאטערט ווערן און ביז טויט, קעדיי צו געבן זייערע הארן מיטלען פאר א זאָרגלאָזן און פוסטונפאסיקן לעבן.

די דאָזיקע פאראזיטישע געזעלשאפטלעכע אָרדענונג פלעגט אפ קאָלערליי אויפאנים בארעכטיקט ווערן פון די גריכישע געלערנטע און פילאָסאָפן („כאכאָמים"). נאָך אין דער עפּאָכע פון די טיראנען, ווען די קנעכט־אָרדענונג האָט זיך ערשט אָנגעהויבן איינשטעלן, האָט איינער א פילאָסאָף געזאָגט: „די טעווע פון די פרייע איז א לעבן אין פרייד און אין לוקסוס, און ארבעט איז דער גורל פון קנעכט און פון „נידערטרעכטיקע" (ניט־יכעסדיקע) מענטשן; אין דעם באשטייט דער טאָך פון דער נאטור סיי פון די און סיי פון יענע". די פילאָסאָפן פלעגן צוגעבן, אז אזוי איז איינגעשטעלט געוואָרן פון צעוס גופע, דעם גריכישן הויפּט־גאָט. „דער ווייטזיכטיקער צעוס, — האָבן זיי געזאָגט, — נעמט אָפּ בא דעם מענטשן א העלפט פון די מענטשלעכע מיילעס אין דעם טאָג, ווען דער מענטש ווערט פארוואנדלט אין א קנעכט".

קנעכטשאפט האָט אויך בארעכטיקט דער בארימטער גריכישער געלערנטער און פילאָסאָף אריסטאָטעל, וועלכער האָט געלעבט אין מיטן IV יאָרהונדערט אין אטען. ער האָט זיך געפּרווט דערקלערן אלע דערשיינונגען פון דער נאטור און פון דעם מענטשלעכן לעבן אפ א נאטירלעכן אויפן און האָט געפּרווט אנטדעקן די געזעצן פון דער נאטור. אריסטאָטעל פלעגט דערווייזן, אז קנעכטשאפט — דאָס איז א געזעץ פון דער נאטור. ער האָט געשטריטן מיט יענע ווייניקע געלערנטע און דיכטער, וואָס האָבן געוואגט צו זאָגן, אז מענטשן פאלן אריין אין קנעכטשאפט איבער א גוואלדטאט פון איינעם איבער דעם אנדערן, נאָר די נאטור פון די קנעכט איז פונקט אזא, ווי פון די פרייע. אריסטאָטעל האָט געזאָגט, אז פונקט ווי די כייעס זיינען פון דער נאטור ניט אלציינע, אזוי זיינען מענטשן אויך פון דער נאטור ניט אלציינע. כייעס, — האָט געזאָגט אריסטאָטעל, — טיילן זיך אפ היימישע און ווילדע; היימישע כייעס זיינען העכער, איידער ווילדע. צווישן די מענטשן, — פלעגט דערווייזן אריס־

טאָטעל, — זײַנענ אויכ פֿאַראַנ צוויי נאַטורנ: איינ מינ מענטש — דאָס זײַנענ די, וואָס באַזיצנ פֿאַרשטאַנד; דאָס זײַנענ — די פֿרײַע. דער צווייטער מינ מענטש — דאָס זײַנענ די, בײַ וועלכע פֿאַרשטאַנד איז נאָר אַזויפֿיל, אַז זיי זאָלנ קאָנענ באַנעמענ די באַפֿעלנ פֿונ אַנדערע; דאָס זײַנענ — די קנעכט. דער מינ קנעכט — דאָס זײַנענ באַרבאַרנ (דאָס הייסט ניט קיינ גריכנ): „אַ באַרבאַר אונ אַ קנעכט — איז איינס אונ דאָס זעלבע“. אונ דער מינ פֿרײַע — דאָס זײַנענ גריכנ. מילכאָמע אונ יעגערײַ, האָט געזאָגט אַריסטאָטעל, דאָס זײַנענ נאַטירלעכע מיטלענ צו דערווערבנ קנעכט: מע דאַרפֿ גייג אַפֿ געיעג סײַ אַפֿ ווילדע כײַעס, סײַ אויכ אַפֿ די מענטשנ, וואָס דאַרפֿנ לויט זייער נאַטור זײַנ אונטערגעוואָרפֿענע, אָבער וואָס ווילנ דאָס ניט טאָנ. דעריבער האָט אַריסטאָטעל די קנעכט ניט געהאַלטנ פֿאַר קיינ מענטשנ, נאָר זיי צוגערעכנט צו די אַרבעט־געצײַג פֿונעמ אייגנטימער. עס איז פֿאַראַנ ניט־באַלעבטע געצײַגנ, האָט ער געזאָגט, אונ באַלעבטע געצײַגנ; אַ קנעכט איז אַ באַלעבט געצײַג אונ פּונקט אַזאַ מינ אייגנטומ, ווי יעדעס שטאָפֿלעכ געצײַג.

די פֿילאָסאָפֿנ פֿונ דעמ V אונ IV יאָרהונדערטנ האָבנ געפּרידיקט, אַז דער אידעאַל פֿונ אַ פֿרײַענ בירגער דאַרפֿ זײַנ אַ לעבנ אינ פֿולשטענדיקער ליידיקגייערײַ. אַריסטאָטעלס לערער, דער פֿילאָסאָפֿ פּלאַטאָנ, האָט פּאַשעט דערקלערט, אַז העכער פֿונ אַלעמענ שטייט דער, ווער עס איז אויסגעוואַקסנ אינ אומשטענדנ פֿונ ליידיקגייערײַ אונ פֿרײַהײַט. אײַנשטימיק מיט פּלאַטאָנענ, האָט אַריסטאָטעל איבערגעכאַזערט, אַז די בירגער דאַרפֿנ זײַנ פֿרײַ פֿונ זאָרג וועגנ זאַכנ פֿונ ערשטער נויטווענדיקײַט, די דאָזיקע לערע וועגנ ליידיקגייערײַ אונ וועגנ פֿאַראַכטונג צו אַרבעט, ווי אַ זאַכ, וואָס פּאַסט ניט פֿאַרנ פֿרײַענ מענטשנ, איז געווענ דער סאַמע גיפּטיקסטער פּראָדוקט פֿונ דער שקלאַפֿנבאַזיצערישער אָרדענונג.

94. פֿרײַדענקער אונ אַטעיִסטנ. צווישנ די געלערנטע אונ פֿילאָסאָפֿנ פֿונעמ V יאָרהונדערט האָבנ זיכ געפֿונענ אַזעלכע פֿרײַדענקערישע מענטשנ, וואָס האָבנ אָפּט אָפּגעלייקנט די עקזיסטענצ פֿונ געטער. „אַלצ וועגנ געטער האָבנ אויסגעטראַכט האָמער אונ העסיאָד צוזאַמענ“, האָט געזאָגט דער פֿילאָסאָפֿ קסענאָפֿאָנ, אונ האָט געלאַכט, וואָס מענטשנ שרײַבנ צו די געטער אַלע מענטשלעכע כעסרוינעס — אי אָפּנאַרערײַ, אי גנייווע, אי זנוס, אי שיקרעס.

אַ קאָנסעקווענטער געלערנטער אונ אַטעיִסט איז געווענ דעמאָקריט (460-370), דער ערשטער מאַטעריאַליסט לויט דער צײַט. דעמאָקריט האָט געזאָגט, אַז מענטשנ גלייבנ אינ מאַזל, אינ כאַלוימעס, אינ דעמ שלעכטנ ווילנ פֿונ געטער, אָבער אינ דער וויר־קלעכקײַט עקזיסטירט ניט ניט קיינ מאַזל אונ ניט קיינ געטער. דאָס אַלצ איז אַ פּראָדוקט פֿונ דער מענטשלעכער פֿאַנטאַזיע אונ אַמעראַצעס. די מענטשנ, האָט געזאָגט דעמאָקריט, ליידנ נאָר דערפֿאַר, וואָס זיי האָבנ מוירע פֿאַר די דאָזיקע געדאַכטע איבערנאַטירלעכע קויכעס אונ וועזנס. ווער אָבער עס האָט דערקלערט אונ פֿאַרשטאַנענ די געזעצנ פֿונ דער נאַטור, דער איז פֿרײַ פֿונ שרעק אונ פֿונ רעליגיע, יענער לעבט רויִק אונ פֿריידיק.

דעמאָקריט איז געווענ אַ גרויסער געלערנטער פֿונ אוראַלט, ניט קיינ קלענערער פֿונ אַריסטאָטעלנ, אָבער צומ באַדויערנ זײַנענ זײַנע ווערק צו אונדז ניט דערגאַנגענ. מיר ווייסנ נאָר זײַנ קוק אַפֿ דער אַנטשטייונג אונ געבוי פֿונ דער

וועלט. דעמאָקריט האָט געזאָגט, אז אייביק עקזיסטירט די מאַטעריע, ד.ה. די שטאָף; מאַטעריע באַשטייט פון אַטאָמען, ד.ה. פון אומטיילבארע טיילכלעך, אַזוינע קליינינקע, אַז עס איז זיי אומעגלעך צו צעטיילן. די אַטאָמען געפינען זיך אין שטענדיקער באַוועגונג און דורך באַוועגונג ווערן זיי אָט פאַרייניקט, אָט צע־שייט. אַלע געגנשטאַנדן און לעבעדיקע וועזנס, — דערווײַזט דעמאָקריט, — קומען אויף אַדאַנק די פאַרייניקונגען פון די אַטאָמען; טויט, צעשטערונג און אומקום קומען פאַר פון דער צעשטערונג פון די אַטאָמען. דעמאָקריט האָט באַהויפּטעט, אַז עס איז ניטאָ קיין שום נעשאָמע אָדער גײַסט; עס איז פאַראַן נאָר באַזונדערס באַוועגלעכע און דינינקע קײַלעכארטיקע אַטאָמען; פון אַזוינע אַטאָמען באַשטייען אויך די לעבעדיקע וועזנס, דעריבער אויך די מענטשן. אין דעמאָקריטס לערע איז, פאַרשטייט זיך, געווען פיל ניט ריכטיקעס, אָבער דאָך דאַרף מען דעמאָק־ריטן רעכענען פאַר דעם ערשטן, עמעסן געלערנטן אין פולן זין פון וואָרט, וואָרעם ער האָט פון זיך אינגאַנצן אָראָפּגעוואָרפן די רעלי־גיעזע און אַנימיסטישע פאַרדולעניש און איז דער ערשטער אַוועק לויט דעם איינ־ציק ריכטיקן מאַטעריאַליסטישן וועג.

די שקלאַפנבאַזיצערישע יוגנט, וואָס האָט זיך געלערנט בײַ די פילאָסאָפן, האָט געלאַכט פון די מיטוסן און פון די רעליגיעזע און מאַגישע ריטואַלן. אָבער אַרויסווײַזן אַ נעגאַטיווע באַציִונג צו רעליגיע פלעגן די שקלאַפנבאַזיצערס זיך דערלויבן נאָר אין זייער אייגענעם קרײַז. צווישן די עקספּלואַטירטע האָבן זיי געשטיצט די רע־ליגיע, ווײַל די רעליגיע האָט זיי געהאָלפן האַלטן די עקספּלו־אַטירטע אין געהאָרכזאַמקײַט. דער באַרימטער אַטענישער לערער פון „כאָכמע״ סאָקראַט האָט אַליין ניט געגלייבט אין געטער, אָבער ער האָט גע־לערנט אַלע זײַנע טאַלמידים, אַז עס איז נייטיק ברענגען די שטאָטישע געטער קאָרבאָנעס און אָפּהיטן אַלע רעליגיעזע געבאָטן. ווען פּעריקלס פּאָליטישע פײַנט האָבן אָנגעהויבן באַשולדיקן אים און זײַן פרײַנט, דעם פילאָסאָף אַנאַקסאַגאָר, אין אַטעיִזם, האָט פּעריקל, קעדיי צו באַווײַזן זײַן אַכטונג צו רעליגיע, איבערגעגעבן אַנאַקסאַגאָרן צום געריכט, און אַנאַקסאַגאָר איז פאַרטריבן געוואָרן פון אַטען.

95. די רעליגיע פון די גריכן און איר פּאָליטישע ראָליע. די גריכישע גלויבונגען און קולטן זײַנען געווען ניט די זעלביקע אין שטאָט און אין דאָרף. אין דאָרף האָבן דאָס ערשטע אָרט פאַרנומען די קולטן פון די געטער פון פרוכטבאַרקײַט פון דער ערד, פון דער גערשטן-מוטער דעמעטרע, און פון דעם נײַעם גאָט, דער גאָט פון פרוכטן און ווײַנטרויבן, דיאָניס, אָדער וואַקכ. דאָס איז געווען אַ פּראַקטישער גאָט; אָבער זינט אין אַטיקע און אין אַנדערע גריכישע געגנטן האָט אָנגעהויבן אַרויסגעשטויסן ווערן די טוווע-פאַרזייונג דורך סעדערײַ און ווײַנגערטנערײַ, האָט דער קולט פון דיאָניס אַרײַנגעדרונגען אין גריכנלאַנד און איז געוואָרן דער באַליבטער דאָרפישער קולט.

וועגן דיאָניסן דערציילט דער מיטוס, אַז יעדן ווינטער קומט ער אום פון גיגאַנטישע שלעכטע גײַסטער, און דעמלט ווערט פאַרשטאָרבן אויך די גאַנצע נאַטור; אָבער יעדן פרילינג לעבט ווידער אויף דיאָניס און אײַנאינעם מיט אים לעבט אויף די גאַנצע נאַטור. לעקאָוועד דיאָניסן פלעגט מען פּראַוועז צוויי יאָנטויוים — אַ פרילינגדיקן, פאַר דעם אָנהייב פון די ערד-אַרבעטן, און אַ האַרבסטיקן, נאָכן אָראָפּנעמען די ווײַנטרויבן. דעם פרילינגדיקן יאָנטעוו פלעגט מען פּראַוועז לעקאָוועד דעם אויפגעלעבטן דיאָניס, וועלכער קומט, קלוימערשט, נאָך זײַן ווידערגעבורט צו פאָרן קיין גריכנלאַנד פון פּראַקיע, אַרומגעוויינגלט מיט אַ האַמוין באַגלייטער, אַנדערע גײַסטער מיט ציגענע הערנער און אין ציגענער פעל, די אַזוי־גערופענע סאַטירן. דער האַרבסטיקער יאָנטעוו איז געווען אויסשליסלעך אַ דאָרפישער;

טײַכנװײַז פלעגט זיך אינ דעם דאָזיקנ יאָנטעװ גיסנ װײַנ, אונ עטלעכע טעג נאָכאנאנד פלעגנ דויערנ די טענצ, לידער, קאראהאָדנ אונ די שיקרעס (געמעל 47).

אינ די שטעט האָט די רעליגיע געטראָגנ אנ אנדער כאראקטער. אינ יעדנ פאָליס זײַנענ געװעזנ אײגענע מעלוכישע געטער — באשיצער, װאָס זײער קולט איז געװעזנ אָבליגאטאָריש פאר אלע בירגער. אלס אזוינע געטער פלעגנ אָפט פיגורירנ די פריערדיקע טאָטעמישע געטער אָדער די געטער-פירער.

צום בײַשפיל, אינ אטענ זײַנענ מעלוכישע געטער געװעזנ טעזײ אונ ערעכטײ, לעגענדארע אטענישע באסילעװסנ, אונ די געטנ אטענע,

געמעל 47. א טאנצ אפנ דיאָניס-יאָנטעװ.

װעלכע מע פלעגט שטענדיק צײכענענ מיט א שלאנג. דער שלאנג האָט זיך גערעכנט פאר א הײליקע כײַע פונ אטענע, אונ אויב אינ איר טעמפל האָט זיך באזועצט א שלאנג, האָט מענ אָט דעם שלאנג געהאלטנ פאר א גאָט. אינ דעם טעמפל פונ אטענע האָט זיך געהיט די מעלוכישע קאסע. אטענעס טעמפל איז פאר פעריקלעס פונדאסנײַ אָפגעבויט געװאָרנ פונעם בארימטנ קינסטלער פידיאס, װעלכער האָט אויך געמאכט צװײ קאָלאָסאלע מירמלנע סטאטועס פונ דער געטנ אטענע אינ א גילדענעמ העלמ — אײנע פאר דעם טעמפל, די צװײטע פאר דעם פלאצ קעגנ דעם טעמפל.

עס זײַנענ אָבער געװעזנ געטער, װעלכע האָבנ געהאט אנ אלגעמײנע אנערקענונג בא די גריכנ. דאָס איז געװעזנ צעװס — „דער פאָטער פונ געטער אונ מענטשנ", דער הויפט-גאָט פונעם הימלאנד פונ די גריכנ פעסאליענ, װעלכער האָט קלוימערשט געװוינט אפנ בארג אָלימפ. דער הויפט-טעמפל זײַנער איז געװעזנ אינ פעלאָפאָנעס, אפ א בערגל אינ אָלימפיע, װעלכנ מע האָט אזוי אָנגערופנ נאָכנ נאָמענ פונעם בארג אָלימפ. אלע 4 יאָר פלעגט אינ אָלימפיע אײַנגעאָרדנט װערנ אנ אלגריכישער יאָנטעװ לעקאָװעד צעװסנ. אפ דעם יאָנטעװ פלעגנ פאָרקומענ פיזקולטורישע פארמעסטונגענ פונ דעלעגאציעס פונ אלע גריכישע פאָליסנ אונ געגנטנ. מע פלעגט זיך פארמעסטנ אינ גלאפ, אינ רײַטנ אפ רײַטװאָגנס, אינ װארפנ א דיסק, אינ געראנגל אונ אינ קולאקנ-געשלעג (געמ. 48 אונ 49). די דאָזיקע פארמעסטונגענ האָבנ זיך גערופנ אָלימפיאדעס. פונדאנענ װערנ אויך די הײַנטצײַטיקע פיזקולטורישע פארמעסטונגענ אָנגערופנ אָלימפיאדעס. לויט די אָלימפיאדעס האָבנ די גריכנ אָנגעהויבנ צו פירנ די אלגריכישע צײַטרעכענונג. אינ אנ אָלימפיאדע האָט זיך גערעכנט 4 יאָר, אונ פאר דער ערשטער אָלימפיאדע האָט זיך גערעכנט די אָלימפיאדע פונ 776-טנ יאָר ביז אונדזער ערע.

ווײַטער האָט מענ אומעטום אינ גריכנלאַנד געדינט צום גאָט אפּאָלאָנ. אפּאָלאָנ האָט זיכ גערעכנט פאַר דעם גאָט פונ די פאָרויסזאָגער. פּריסטערס פונ אפּאָלאָנס טעמפּל אינ דעלפע פלעגנ אײַנלאַדנ צו ווענדנ זיכ צו אפּאָלאָנענ נאָכ אײצעס אונ פלעגנ געבנ ענטפערנ (אָראַקולס) פונ זײַנ נאָמענ אפ קאָלערלײ פראַגנ.

זײ פלעגנ עס טאָנ אפ אזא אופנ. אינ א פעלדז ארום טעמפּל איז געווענ א שפּאַלט, פונ וועלכנ עס פלעגנ אַרויסגײנ פאַרטשאַדנדיקע גאַזנ. א ספּעציעלע פּריסטערנ, אנ אַזויגערופענע פּיטיע, פלעגנ זיכ זעצנ אפ א דרײַפוס קעגנ דעם שפּאַלט; פונ די גאַזנ פלעגט זיכ איר פאַרדרייענ דער קאָפּ אונ פאַרטונקלט ווערנ דאָס באַוווּסטזײַנ אונ זי פלעגט אָנהײבנ צו מורמלענ באַזונדערע אָפּגעריסענע ווערטער. די פּריסטערס פלעגנ זײ פאַרשרײַבנ אונ פונ זײ אופשטעלנ א גאַנצנ ענטפער אינ פערזנ. אַזוי ווי די דעלפיישע פּריסטערס האָבנ געהאַט געהײמע קאָרעספּאָנדענטנ אינ אלע גריכישע פּאָליסנ, פלעגנ זײ זיכ גוט פאַנאַנדער-

געמעל 48. לויפ-געוועט.

קלײַבנ אינ די פּאָליטישע פאַרהעלטענישנ אונ אינ די געשעפטנ פונ די סאָכרימ אונ אינדוסטריעלער אונ פלעגנ געבנ געשיקטע ענטפערס. אונ זײער אָפּט פלעגנ זיכ די רעגירער פריער אופריידנ מיט די פּריסטערס וועגנ דעם ענטפער, קעדײ דורכצופירנ אינ דער פאָלק-פאַרזאַמלונג די געוווּנטשענע באַשטימונג. פאַר א גרויסנ בײַטראָג אינ דער קאַסע פונעמ טעמפּל פלעגנ די פּריסטערס געבנ דעם נײטיקנ ענטפער, אונ ער פלעגט אונטערגעטראָגנ ווערנ די בירגער פונעמ אָנפרעגנדיקנ פּאָליס ווי „אפּאָלאָנס א אײצע”. ווי מיר ווייסנ, האָט אינ אטענ אזוי געטאָנ פעמיסטאָקל, קעדײ דורכצופירנ דעם באַשלוס וועגנ בויענ א פלאָט. אזוי פלעגנ אויכ שטענדיק טאָנ אנדערע פּאָליטישע טוער אינ אטענ אונ אינ אנדערע פּאָליסנ. אונ ווענ די פּריסטערס פלעגנ ניט וויסנ, וויאַזוי צו ענטפערנ, פלעגנ זײ געבנ אנ אומבאַשטימטנ ענטפער, וועלכנ מע פלעגט קאָנענ אויסטײַטשנ, ווי מע האָט געוואָלט. ●

אינ אלע גריכישע טעמפּלענ זײַנענ געווענ ריזיקע אוצרעס, וואָס פלעגנ זיכ בילדנ פונ די טעמפּל-האַכנאָסעס, אזוי אויכ פונ אײַנלאַגנ פונ רײַכע מענטשנ אונ פונ אײניקע קלײנע פּאָליסנ. די פּריסטערס פלעגנ לאָזנ זײערע געלט אינ אומזאַצ — זײ פלעגנ געבנ האַלוואָעס אפ פּראָצענט, פּונקט אזוי ווי די אסירישע אונ באָוולישע פּריסטערס. דער סאַמע גרעסטער וווּכערניק איז געווענ דער טעמפּל פונ אפּאָלאָנ אפנ אינדזל דעלאָס. די וווּכערניקעס פּריסטערס אונ שקלאַפנבאַזיצער האָבנ געבילדעט אנ אײנ-

הײַלעכע גרופּע פּאַראַזיטנ, וואָס האָבנ עקספּלואַטירט גריכנלאַנד.

אַזוי אַרום איז די רעליגיע אויכ אינ גריכנלאַנד, ווי שטענדיק אונ ווי אומעטומ, געווענ א מיטל צו עקספּלואַטירנ די אַרבעטנדיקע אונ א געווער פאַר באַרײַכערונג אונ פּאָליטישער הערשאַפט פונ די עקספּלואַטאַטערס. די שקלאַפנבאַזיצערישע רעגירונגענ, וואָס פלעגנ ניט זעלטנ באַשטײַנ פונ אומגלײַביקע מענטשנ, פלעגנ אינ זײער פּאָליטישער טעטיקײַט שטענדיק זיכ ווענדנ נאָכ הילפ פונ רעליגיעזער אָפּנאַרערײַ אונ פלעגנ ענערגיש פאַרטײדיקנ די רעליגיע, באַשטראָפנדיק די אַטעיסטנ אונ פרײַדענקער מיט טויט-שטראָפ. אָט אַזוי איז סאָפקאָלסאָפ באַשטראָפט געוואָרנ פאַר ניט-גלײבנ אינ גאָט דער באַרימטער לע-



געמעל 49. לוים-געוועט מיט רײַטוואָגנס.

דער פונ „כאָכמע“ (פילאָסאָפ) סאָקראַט; ווענ מע האָט אימ געמישפּעט לויט דער מעסירע פונ זײַנע קאָנקורענטנ, האָט זיכ קײנ אײנ שטימע ניט אויפגעהויבנ צו פאַרטײדיקנ אימ. אַזוי זײַנענ געקעפּט געוואָרנ די קאָמאַנדירנ פונעמ אַטענישנ פלאָט, וואָס האָבנ אָפּגעהאַלטנ, בעשאַס דער מילכאָמע מיט ספּאַרטע אונ קאָרינט, א גלענצנדיקנ יאַמ-ניצאָכנ, אונ נאָר דערפאַר, וואָס איבער א שטורעמ האָבנ זײ ניט געקאָנט אויפקלײַבנ די דערהאַרגעטע אונ באַגראָבנ זײ לויטנ רעליגיעזנ ריטואַל.

96. קונסט. פעריקל פלעגט זאָגנ, אַז פאַר זײַנ צײַט איז אַטענ געוואָרנ די „שול פונ גריכנלאַנד“, ווײַל דאָרטנ האָבנ זיכ צונויפגעזאַמלט די סאַמע באַרימטסטע געלערנטע, פּאָעטנ אונ קינסטלער. די קונסט איז אינ V יאָרהונדערט ווירקלעכ זײער הויכ געשטאַנענ אינ גריכנלאַנד, אונ ווירקלעכ האָבנ די בעסטע קינסטלער געוווינט אינ אַטענ. א באַזונדערע מײַסטערשאַפט האָבנ אינ V אונ IV יאָרהונדערטנ דערגרײכט די גריכישע סקולפּטערס אונ אַרכיטעקטערס. אפ זײערע ווערק לערנענ זיכ נאָכ אויכ איצט די קינסטלער פונ דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט.

אָבער די גריכישע קונסט איז, ניט געקוקט אפ איר הײכ, געווענ אינ דינסט בא די קנעכט-אײגנטימער. פידיאַס, דער סאַמע באַרימטסטער גריכישער סקולפּטער פונעמ V יאָרהונדערט, האָט זײַנע גענ-אַלע ווערק געמאַכט לויט די באַשטעלונגענ פונ די שקלאַפּנבאַזיצערישע פּאָליסנ אונ טעמפּלענ. ער איז אויכ געווענ אַנ אַרכיטעקטער אונ האָט געבויט פּראַכטפולע קינסטלערישע טעמפּלענ אונ געזעלשאַפטלעכע געבײַדעס אינ אַטענ אונ אינ

אנדערע פּאַליסן, לויט די באַשטעלונגען פון די שקלאַפנבאַזיצערישע רעגירונגען. לויט די באַשטעלונגען פון די פּאָליסן, טעמפּלען און רייכע קנעכט-אייגנטימער האָבן געאַרבעט אויך אַנדערע קינסטלער.

די סטאַטועס פון פידיאַס און פון אַנדערע גריכישע קינסטלער האָבן אומגעהייער ריכטיק, פיין און קינסטלעריש איבערגעגעבן אַלע שטריכן און ליניעס פונעם מענטשלעכן קערפּער. די געטער און געטנס אין דער שילדערונג פון די גריכישע קינסטלער — דאָס זיינען אויסערגעוויינלעכן שיינע און מעכטיקע מענטשן. אין די פּאָרטרעט-סטאַטועס פון א דיסקנוואַרפער און פון אַנדערע אַנטיילנעמער פון די פאַרמעסטונגען זיינען אויסגעצייכנט אָפּגענומען די פּאָזעס, די זשעסטן און די באַוועגונג פון די שפּילנדיקע. אין מאָסקווער קונסט-מוזיי וועט איר זען פינקטלעכע קאָפּיעס פון די סטאַטועס פון פידיאַס און פון אַנדערע גריכישע קינסטלער.

לויט די פּראָיעקטן פון פידיאַס און אונטער זיין אָנפירונג איז איבערגעבויט געוואָרן דער אַטענישער אַקראָפּאָל — דער צענטראַלער, סאַמע אורעלטסטער טייל שטאָט, אויפן בערגל, וווּ עס האָבן זיך



געמעל 50. אַטענישער אַקראָפּאָל (רעסטאַווירט).

געפונען די געביידעס פון די רעגירונג-אַנשטאַלטן און דער טעמפּל. די רוינען פון פידיאַס, אַקראָפּאָל עקזיסטירן נאָך איצטער אויך נאָענט פונעם היינטיקן אַטען. לויט די דאָזיקע רוינען און לויט די באַשרייבונגען פון די אורעלטע גריכישע שריפטשטעלער האָבן די היינטצייטיקע געלערנטע ווידערופגעשטעלט דעם אויסזען פונעם אַקראָפּאָל אין פּעריקלס צייטן (געמ. 50). אויפן אַקראָפּאָל האָט געפירט א מירמלשטיינערנער טרעפּ און דער אריינגאַנג איז געווען דורך א געדעקטע קאָלאָנאַדע. אויף לינקס, בײַם אריינגאַנג איז געשטאַנען א ריזיקע סטאַטוע פון דער געטין אַטענע דער קריגערין, מיט א שפּיז, אין א גילדענעם העלם; זי האָט זיך געזען אויפן יאַם 10 קילאָמעטער פון ברעג. אין צענטער איז געווען א גרויסער טעמפּל פון אַטענע, פּאַרפענאָן, ד. ה. דער טעמפּל פון דער געטין דער בתולה (פּאַרפענאָס—בתולה), אין דעם לינקן הינטערשטן ווינקל — דער טעמפּל פון ערעכטיי. אַלע טעמפּלען און די איבעריקע געביידעס זיינען געווען אַרומגערינגלט מיט קאָלאָנאַדעס.

פידיאַס האָט, ווי אַנדערע קינסטלער, געהאַט א גרויסן וואַרשטאַט, וווּ עס האָבן געאַרבעט זיינע געזעלן און שי-

לער, אזוי אויכ קנעכט. די גרויסע קינסטלער זײַנען גע-וועג פונקט אזוינע אונטערנעמער, ווי די אייגנטימער פונ די אנדערע אינדוסטריעלע ווארשטאטנ. אפ די ריזיקע סטאטועס האָבנ די גאנצע שווארצע ארבעט געמאכט געהילפנ אונ קנעכט. דער קינסטלער אליינ האָט דאָסראָוו נאָר אָנגעפירט מיט דער ארבעט אונ האָט געמאכט די ענד-גילטיקע באארבעטונג.

97. טעאטער. דאָס אוראלטע גריכנלאנד איז דאָס היימלאנד פונעם מאָדערנעם טעאטער. „טעאַטער"— איז א גריכיש וואָרט אונ בא-טײַט אנ „אָרט פאר א שוישפּיל, פאר פאָרשטעלונגענ". שוינ אינ דער צווייטער העלפט פונעם VI יאָרהונדערט פלעגנ אינ גאנצ גריכנלאנד אײַנגעאָרדנט ווערנ דראמאטישע פאָרשטעלונגענ, אונ טאקע דעמלט האָט מענ אָנגעהויבנ צו בויענ די



געמעל 51. רויִנעג פונעם דיאָניס-טעאטער אינ אטענ.

ערשטע טעאטערס. אונ אינ V יאָרהונדערט זײַנענ שוינ טעאטערס געווענ אינ אלע מער ווייניק באדײַטנדיקע גריכישע שטעט.

לעכאטכילע פלעגנ די פאָרשטעלונגענ פאָרקומענ פּאָשעט אפ דער ערד, אָדער אפ ניט קיינ הויכנ בריקל, אונ די צושויער פלעגנ מאסנוויַיז שטיינ ארומ. אינ VI יאָרהונדערט האָט מענ אינ אטענ אונ שפּעטער אינ אנדערע גרויסע שטעט גענומענ בויענ ערטער פאר די צושויער, אײַנגעאָרדנט ווי א האלבער קרײַז, אינ רייענ אפ א זײַט פונ א בערגל אזוי, אז איינ ריי איז געווענ העכער פונ דער צווייטער. אנטקעגנ דעמ דאָזיקנ אמפיטעאטער (האלבקײַלעכדיקער טעאטער) פלעגט אײַנגעאָרדנט ווערנ א גלײַכ בריקל, אָרכעסטרע, אפ וועלכנ עס פלעגנ פאָר-קומענ די פאָרשטעלונגענ אונ די טענצ אונ אפ וועלכנ עס פלעגט זינגענ דער כאָר; פונדאנענ קומט דאָס וואָרט אָרקעסטער. די ערטער פאר די צושויער

און די אָרקעסטערס פלעגן געמאכט ווערן אָן א דאך, אונטערן פרייען הימל. און אין V יאָרהונדערט האָט מען צו דער אָרכעסטרע צוגעגעבן א פארמאכט הילצערן ביידל, אף גריכיש סקענע (פון דאנען קומט דאָס וואָרט סצענע), אין וועלכן עס פלעגן זיך איבערטאָן די אקטיאָרן. די דאָזיקע סקענע האָט מען ענדע V יאָרהונדערט אָנגעהויבן בויען פון שטיינער און מע האָט צו איר צוגעגעבן א פארמאכט פאָדערשט בריקל, אף וועלכן עס האָבן אָנגעהויבן פאָרקומען די פאָרשטעלונגען. אף דער אָרכעסטרע איז נאָר פארבליבן דער כאָר. אזוי האָט זיך געשאפן דער גריכישער טעאטער. אין אטען און אין אנדערע גרויסע שטעט פלעגן געבויט ווערן זייער גרויסע טעאטערס אף 20—40 טויזנט צושויער (געמ. 51).

● די טעאטער-פאָרשטעלונגען זיינען אופגעקומען פון רעליגיעזע צערעמאָניעס אף די פרילינגדיקע יאָנטויווים פון דיאָניסן. דער יאָנטעוו פלעגט זיך אָנהייבן מיט א פאָרשטעלונג, וואָס פלעגט שילדערן דאָס אָנקומען פון דיאָניסן. דאָרפישע יונגען פלעגן זיך אָנטאָן אין ציגענע פעלן און פאָרשטעלן א כאָר פון סאטירן, ציגנארטיקע באגלייטער פון דיאָניסן, און דער פאָרזינגער אָדער דער אָנפירער פון דער גאנצער צערעמאָניע פלעגט ארויסטרעטן אין דער ראָליע פון דיאָניסן אליין. דער כאָר פלעגט זינגען לידער, וועלכע פלעגן דערציילן די פאסירונגען, דער אומקום און די ווידערופלעבונגען פון דיאָניסן; די דאָזיקע לידער פלעגט מען רופן טראגעדיעס, ד. ה. „לידער פון צאפן". און אין די אנטשפרעכנדיקע ערטער פלעגט דער פאָרזינגער זינגען אָדער דעקלאמירן די ווערטער פון דיאָניסן גופע.

אזוינע כאָר-פאָרשטעלונגען זיינען געווען פארשפרייט אומעטום אין גריכנלאנד, ווו עס איז געווען דער קולט פון דיאָניסן. אָבער אין אטיקע האָבן זיך די דאָזיקע פאָרשטעלונגען אין VI יאָרהונדערט פארוואנדלט אין עמעסע דראמאטישע פאָרשטעלונגען. דער פאָרזינגער האָט זיך גענומען אָנטאָן און פארפוצן זיך אלס דיאָניס, אזוי ווי עס פלעגן דעם דאָזיקן גאָט פאָרשטעלן די קינסטלער — אין א לאנגן אָנטאָן, מיט א באָרד און מיט א קראנץ אפן קאָפ און מיט א וויינטרויב-הענגל און א בעכער אין די הענט. דער פאָרזינגער פלעגט זיך אוועקזעצן אף א וועגעלע, אויך ארומגעוויקלט מיט פליוש, און אין דער באגלייטונג פון א כאָר פון סאטירן פלעגט ער פונעם נאָענטן וועלדל קומען צופאָרן אין דאָרף. דאָס וועגעלע פלעגט זיך אָפשטעלן אף דער דאָרפישער גאס, און עס פלעגט זיך אָנהייבן די „טראגעדיע" — די ליד וועגן דעם שיקזאל פון דיאָניס, וואָס פלעגט איבערגעריסן ווערן דורך אויסגעשרייען פון דעם פאָרזינגער, אָט טרויעריקע און אָט פריידיקע. אינגיכן האָט מען צוגעטראכט נאָך א נייע אויסבעסערונג. ביים דער כאָר האָט געזונגען, האָט זיך דער פאָרזינגער אָנגעהויבן איבערטאָן אין אנדערע געטער און אפילע אין געטנס, וואָס באגעגענען זיך אין די מיטוסן וועגן דיאָניס, און ריידן פאר זיי. און שפעטער האָט מען אף די יאָנטויווים פון דיאָניסן אָנגעהויבן פאָרשטעלן פונקט אף אזא אויפן מיטוסן וועגן אנדערע געטער און מייסעס וועגן דעם שיקזאל פון די העריען. פאר די דאָזיקע פאָרשטעלונגען האָבן די דיכטער אָנגעהויבן פארפאסן ספעציעלע כאָר-לידער און ווערטער פארן פאָרזינגער. אין 534-טן יאָר האָט דער פאָעט טעספיד פארפאסט פאר אזא פאָרשטעלונג די ערשטע עמעסע דראמאטישע פיעסע און נאָך אים האָבן שוין אנדערע פאָעטן אָנגעהויבן פארפאסן פיעסן אף סיוזשעטן פון מיטוסן וועגן געטער און

הערויענ. פאר די דאָזיקע דראמאטישע ווערק איז פארבליבנ דער אלטער נאָמענ „טראגעדיעס“ אונ קעדיי פאָרצושטעלנ זיי האָט מענ אָנגעהויבנ איינאָרדענענ טעאטערס. פונ אטיקע האָט זיכ דער דאָזיקער מינהעג באלד פארשפרייט איבער גאנצ גריכנלאנד.

די טראגישע פּאָעטנ האָבנ שטענדיק גענומענ זייערע סיוזשעטנ פונ מיטוסנ, מייסעס אונ די האָמערישע פּאָעמעס. נאָר איינ טראגעדיע עסכילס „די פערסנ“ איז אָנגעשריבנ געוואָרנ אינ דער צייט פונ די פערסישע מילכאָמעס אפ א היסטאָרישנ סיוזשעט — די מאפּאָלע פונ די פערסנ אינ דער לעצטער מילכאָמע. אינ אלע טראגעדיעס איז דער הויפּט-געדאנק, וואָס די אויטערס האָבנ געוואָלט איינספּירנ דעמ צושויער — איינער אונ דער זעלביקער: אז מיט דער וועלט פירנ אָנ איבערנאטירלעכע קויכעס, געטער, וואָס באשטימענ דעמ שיקזאל פונ די מענטשנ, אָדער די געטנ פונ שיקזאל, מוירע, וועלכע באשטימט דעמ שיקזאל סיי פונ די געטער אונ סיי פונ די מענטשנ. „פונ דעמ שיקזאל וועסטו ניט אוועקגיינ“, — אזוי האָבנ געזאָגט דורכ זייערע טראגעדיעס די גרויסע אטענישע טראגיקער אונ פּאָעטנ.

די טראגעדיע איז ארויסגעקומענ פונ רעליגיעזע צערעמאָניעס אונ איז פארבליבנ ווי א מעכטיק מיטל אפ אונטערצוהאלטנ די רעליגיע. אָבער די טראגישע פּאָעטנ אליינ האָבנ ניט געצוויאקעוועט, זיי האָבנ אופריכטיק געגלייבט אינ שיקזאל אונ אינ געטער. זיי האָבנ ניט איינגעשטימט מיט די שקלאפנבאזיצער נאָר אינ דעמ, אז קנעכט זיינענ א באזונדער מינ מענטשנ. זיי האָבנ געזאָגט, אז דער מענטש פאלט אריינ אינ קנעכטשאפט לויטנ ווילנ פונ די געטער; אָבער דערפונ ענדערט זיכ ניט די „געטלעכע נעשאָמע“ פונ דעמ מענטשנ, אונ דער „גייסט“ פונ פיל קנעכט איז אפילע העכער איידער דער „גייסט“ פונ אנדערע פרייע.

צוויי טראגישע פּאָעטנ—פעריקלס א צייט-כאווער, סאָפאָקלס אונ עוריפּיד,—וואָס האָבנ געלעבט סאָפ V יאָרהונדערט, זיינענ געווענ געניאלע דיכטער. סאָפאָקלס טראגעדיעס קאָנ מענ לויט זייער אינהאלט, קינסטלערישנ טעקסט אונ סצענישקייט אוועקשטעלנ צוגלייכ מיט די טראגעדיעס פונעמ סאמע געניאלנ אייראָפּעיישנ דראמאטורג, דעמ ענגלישנ פּאָעט שעקספּיר (ער האָט געלעבט אינ XVII יאָרהונדערט פונ אונדזער ערע). עוריפּידס טראגעדיעס זיינענ אויכ געווענ הויכקינסטלערישע אונ פלעגנ פארכאפּנ דעמ צושויער.

אויסער טראגעדיעס פלעגנ אינ גריכישנ טעאטער פאָרגעשטעלט ווערנ אויכ קאָמעדיעס, פריילעכע פּיעסנ פונ א סאטירישנ אינהאלט. די קאָמישע פאָרשטעלונגענ זיינענ אופגעקומענ שפּעטער פונ די טראגישע. זיי האָבנ אויכ געהאט זייער אָנהייב אינ אטיקע אונ אויכ אינ צוזאמענהאנג מיט די יאָנטויווימ פונ דיאָניס. אפ די יאָנטויווימ פונ דיאָניסנ פלעגט אויסער די אָפיציעלע רעליגיעזע צערעמאָניעס איינגעאָרדנט ווערנ פריילעכע קאראהאָדנ, עס פלעגנ מאכנ שטיק אונ טאנצנ לייצימ, וועלכע פלעגנ זינגענ פריילעכע אונ ניטאָנשטענדיקע לידער, אפילע ווענ געטער אונ הערויענ. די לייצימ-טענצ מיט די לידער אונ מיט די קאראהאָדנ פלעגנ אָנגערופנ ווערנ קאָמאָס; פונ די דאָזיקע קאָמאָסנ האָט זיכ טאקע אָנגעהויבנ די קאָמעדיע. די ערשטע קאָמישע פאָרשטעלונגענ אינ אטענישנ טעאטער האָבנ זיכ אָנגעהויבנ באלד נאָכ די פערסישע מילכאָמעס, די סיוזשעטנ פונ די קאָמעדיעס פונ V אונ IV יאָרהונדערטנ האָבנ די קאָמישע פּאָעטנ גענומענ פונ אקטועלע פראגנ פונעמ געזעלשאפטלעכנ אונ פּאָליטישנ לעבנ. דער סאמע בארימטסטער קאָמישער פּאָעט אינ אטענ איז געווענ — אריסטאָפאנ, וועלכער האָט געלעבט ענדע V אונ אָנהייב IV יאָרהונדערט.

די טעאטראלע טעכניק איז געווען זייער א פּאָשעטע. קיין עמעטע דעקאָראַציעס זיינען ניט געווען. אזויווי די האנדלונג פון די טראגעדיעס פלעגט דאָסראָוו פאָרקומען אין די פּאַלאצן, פלעגט מען פאר יעדער טראגעדיע פון אָנהייב ביזן סאָף צוגעבן דער סצענע דעם אויסזען פון א זאל אין א פּא-לאצ. פאר קאָמעדיעס פלעגט מען לויט דער האנדלונג שטעלן דעקאָראַציעס, וואָס פלעגן פאָרשטעלן א טיר, א פענצטער א. א. וו. געשפּילט האָבן נאָר אקטיאָרן, קיין אקטריסעס איז ניט געווען, די פרויען-ראָלן פלעגן אויסגעשפּילט ווערן פון אקטיאָרן. אקטיאָרן זיי-נען געווען ניט מער ווי דריי, איינ און דער זעלבער אקטיאָר פלעגט אויספירן אין א פּיעסע עטלעכע ראָלן. די קאָסטיומען פלעגט מען אָפּגעבן גרויס אופ-



געמעל 52. א סצענע פון א קאָמעדיע (די אקטיאָרן אין מאסקעס, לינקס די טיר-דעקאָראַציע).

מערקזאַמקייט — די אקטיאָרן פלעגן זיך אָנטאָן אזוי, ווי עס האָט זיך געדארפט אָנטאָן יענע פּערזאָן, וואָס זיי האָבן געשפּילט. עס זיינען געווען איי-ניקע ספּעציעלע טעכנישע מעטאָדן, וואָס ווערן שוין איצט ניט באנוצט און וואָס זיינען געווען אָפּהענגיק פון דער ריזיקער גרייס פונעם גריכישן טעאטער. ערשטנס, פלעגן די אקטיאָרן אָנטאָן ספּעציעלע מאסקעס, וואָס זיינען געווען בונט באַפּאַרבט, מיט שארפע שטריכן, כדי די צושויער זאָלן קענען אונטערשיידן די שפּילנדיקע פּונ-דערווייטן (געמ. 52). צווייטנס, פלעגן די אקטיאָרן צובינדן צו די פיס ברעט-לעך, כדי זיי זאָלן אויסזען העכער, די אזויגערופענע קאָטורנס. דריטנס, פלעגן די אקטיאָרן ניט ארויסריידן, נאָר אויסשרייען זייערע רעפּלי-קעס, כדי מע זאָל זיי הערן אין די סאמע הינטערשטע צושויער-רייען. סיי אין די טראגעדיעס און סיי אין די קאָמעדיעס איז פון דער צייט, ווען דער טעאטער האָט ערשט אָנגעהויבן ארויס-

שפראָצנ, פארבליבנ דער כאָר. דער כאָר פלעגט שטיינ אפנ אָרקעסטער אונ פלעגט זינגענ זײַנע נומערנ, אינ וועלכע עס פלעגנ אויסגע-דריקט ווערנ די געפילנ אונ שטימונגענ, וואָס ווערנ דיקטירט פונ דער האנדלונג.

אפ אזא אויפנ איז דער גריכישער טעאטער, פונקט ווי די רעליגיע, געווענ א פאָליטיש געווער. מיט דער הילפ פונ טעאטער פלעגנ די אָנפירנדיקע קרײַזנ פונ די שקלאפנבאזיצער פראָפאגאנדירנ צווישנ דער בירגער-מאסע זייערע אידייענ אונ שטרעבונגענ, פראָפאגאנדירנ דעם גלויבנ אינ געטער אונ אונטערטעניקײַט צום שיקזאל, אויסלאכנ זייערע פאָליטישע קעגנער אונ זייערע סאָנים פונ אנדערע גריכישע פאָליסנ. ●

98. די פעלאָפאָנעסישע מילכאָמע. די אטענישע שקלאפנבאזיצער האָבנ פונ מיטנ V יאָרהונדערט אָנגעהויבנ כאָווענ א געדאנק וועגנ באצווינגענ קאָרינט אונ דאָס גאנצע איבעריקע גריכנלאנד. ווענ פעריקל איז געוואָרנ דער ערשטער סטראטעג, האָט ער אָנגעהויבנ א סיסטעמאטישע צוגרייטונג צו דער צוקינפטיקער מילכאָמע פאר העגעמאָניע (דאָס ערשטע, אָנפירנדיקע אָרט) אינ גריכנלאנד. ער האָט געקליבנ א געלט-פאָנד פונ די אָפצאָלנ פונ די פארבינדעטע אונ פונ דעם גאָלד אונ זילבער, וואָס פלעגט ארויסבאקומענ ווערנ אינ די מעלוכישע שאכטעס, יע-דעס יאָר האָט ער געבויט נײַע מיליטער-שיפנ אונ געשאפנ ברויט-רעזערוונ. פעריקל האָט אויסגערעכנט אפ דעם, וואָס די קאָרינטער האָבנ ניט קיינ געלט-רעזערוונ, האָבנ ניט קיינ אייגענע ארמיי, האָבנ ניט קיינ אייגענעם מיליטערישנ פלאָט. אונ די ספארטאנער האָט פעריקל גערעכנט אײַנצונעמענ דורכ א דעסאנט אינ ספארטע אונ אינ מעסענע. מיטנ דעסאנט האָט ער גערעכנט אופצוהייבנ אנ אופשטאנד פונ די העלאָטנ, צוזאמענ מיט די העלאָטנ אײַננעמענ אונ כאָרעוו מאכנ ספארטע אונ אפ אזא אויפנ צווינגענ ספארטע צו שאָלעמ. דעמלט וועט קאָרינט, האָבנדיק פארלאָרנ די שטיצע פונ ספארטע, זיכ מוזנ אונטערגעבנ. די קאָרינטער האָבנ גוט פארשטאנענ די דאָזיקע כעזשבוינעס אונ האָבנ אינ 431-טנ יאָר באשלאָסנ די ערשטע אָנצוהייבנ א מילכאָמע, מוירע האָבנדיק, אז אויב זיי וועלנ די מילכאָמע אָפציִענ, וועלנ זיי שפעטער אטענ ניט קאָנענ בײַקומענ. עס האָט זיכ אָנגעהויבנ א דויערדיקע, בלוטיקע מילכאָמע, וואָס רופט זיכ די פעלאָפאָנעסישע מילכאָמע.

דער גאנג פונ דער מילכאָמע איז אינ דער ווירקלעכקײַט געווענ ניט אזא, ווי עס האָט זיכ פאָרגעשטעלט פעריקל אונ זײַנ פארטיי, אונ די אטענער האָבנ שוינ אינ די ערשטע יאָרנ פונ דער מילכאָמע אָנגעהויבנ לײַדנ גרויסע אומדער-פאָלגנ.

● אינ דעם סאמע אָנהייב פונ דער מילכאָמע האָט א שיפ מיט ברויט פונ עגי-פעט פארטראָגנ קיינ אטענ די טשומא. אינ אטענ האָבנ זיכ דאנ צונויפגעקליבנ קימאט אלע פויערים פונ אטיקע, וואָס זײַנענ אנטלאָפנ פונ דער ספארטאנישער ארמיי. צווישנ דער העכסט צוזאמענגעדרענגטער באפעלקערונג האָט אָנגעהויבנ געוועלטיקנ די טשומא, אונ אינ א קורצער צײַט זײַנענ אומגעקומענ עטלעכע

צענדליק טויזנט מענטשנ; עס איז אויכ אומגעקומענ פעריקל. די דאָזיקע פארמינערונג פונ דער באפעלקערונג איז געווענ א ביטערער קלאפ פאר די אטענישע קנעכט-אייגנטימער, ווײַל די ארמיי איז אינ אטענ געווענ ניט קיינ געדונגענע, נאָר זי האָט זיכ צוזאמענגעשטעלט פונ די אטענער בירגער אפנ גרונט פונ אלגעמיינער מיליטער-פליכט. די ספארטאנער האָבנ קימאט אָנ ווידערשטאנד פארוויסט אטיקע, אונ די אטענער האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ ארויסצוזעצנ אינ ספארטע א־גענוגנדיקנ דעסאנט אונ אופצוהייבנ דאָרטנ אנ אופשטאנד פונ די העלאָטנ. די אטענער האָט זיכ נאָר אײַנגעגעבנ מיט דער הילפ פונ זייער מיליטערישנ פלאָט פאראליזירנ דעם קאָרינטער האנדל. קאָרינט האָט געליטנ גרויסע העזייקעס, אָבער ער האָט זיכ ניט אונטערגעגעבנ. ער האָט זיכ גענומענ פארפירנ אנ אגיטאציע צווישנ די אטענער פארבינדעטע, אונ יענע האָבנ אָנגעהויבנ אָנצופאלנ פונ אטענ. די אטענער הייבנ זיכ אָנ אכזאָריש אָפרעכענענ מיט די אופגעשטאנענע; אזוי האָבנ זיי אפנ אינדזל לעסבאָס געקעפט 1000 מענטשנ, קאָנפיסקירט זייער ערד אונ צעטיילט זי די אטענער קאָלאָניסטנ. אָבער די דאָזיקע שטראָפ-מײַסימ האָבנ ניט איבערגעשראָקנ די פארבינדעטע, וואָס האָבנ געזענ, אז די אטענער ארמיי איז אָפגעשוואכט, אונ די אופשטאנדנ האָבנ ניט אופגעהערט. די אָפצאָלנ פונ די פארבינדעטע פלעגנ ארײַנגעטראָגנ ווערנ ניט פינקטלעכ, אונ די אלטע געלט-פאָנדנ האָבנ געהאלטנ אינ שנעלנ צערונענ ווערנ. קעדיי אויסצומײַדנ א באנקראָט, איז אויסגעקומענ אײַנצופירנ א פארמעגנ-אונ האכנאָסע-שטײַער, וואָס דער רויִנירטער באפעלקערונג איז שווער געווענ אײַנצוצאָלנ.

●

איבער די דאָזיקע דורכפאלנ האָט זיכ אינ אטענ געשאפנ א פרידנ-פארטיי. זי איז דעריקער באשטאנענ פונ פויערימ אונ ערדבאזיצער, וואָס האָבנ מער פונ אלעמענ געליטנ פונ דער מילכאָמע, אָבער צו איר האָבנ זיכ אויכ פארייניקט אייניקע קנעכט-באזיצער, וואָס האָבנ זיכ ניט געריכט אפ אזא דויערנדיקע מילכאָמע, האָבנ געליטנ העזייקעס פונעמ שטילשטאנד אינ די געשעפטנ אונ זײַנענ געווענ אומצופרידנ פונעמ נײַעמ שטײַער. די פרידנ-פארטיי האָט זיכ גענומענ פירנ א שטארקע אגיטאציע קעגנ דער מילכאָמע-פארטיי אונ פאר א שאָלעמ.

אָבער פאר פאָרזעצנ די מילכאָמע איז געווענ זייער אנ אײַנפלוסרײַכע גרופע שקלאפנ-באזיצער, וואָס איז באשטאנענ פונ ליפעראנטנ, ברויט-הענדלער אונ קנעכט-הענדלער. די ליפעראנטנ האָבנ זיכ אָנגעלעבט אפ קריג-באשטעלונגענ, די ברויט-הענדלער האָבנ זיכ אָנגעלעבט אפ ברויט-ספעקוליאציע, די קנעכט-הענדלער האָבנ אָפגעלעקט א ביינדל פונ צופלוס פונ נײַע גרויסע פארטיעס קנעכט. לויטנ דעמלטיקנ מינהעג פלעגנ די אטענער אונ די ספארטאנער, נעמענדיק א פײַנטלעכע שטאָט, ארויסהארגענענ די מענערישע באפעלקערונג אונ די פרויענ אונ קינדער פלעגנ זיי פארוואנדלענ אינ קנעכט, אונ דער קנעכטהאנדל האָט נאָכ מער אופגעלעבט. די דאָזיקע רויבער זײַנענ א לאנגע צײַט געווענ קעגנ שליסנ שאָלעמ. נאָר אינ 10 יאָר ארומ נאָכ דעם אָנהייב פונ דער מילכאָמע, אינ 421־טנ יאָר, ווענ עס איז ענדגילטיק קלאָר געוואָרנ, אז קיינער פונ די צדאָדימ קאָנ ניט זיגנ, איז געשלאָסנ געוואָרנ א שאָלעמ אפ 50 יאָר, לויט וועלכנ יעדער צאד

האָט אומגעקערט דעם צווייטן די פאַרכאַפּטע שטעט. די 10־יאָריקע בלוטיקע און דוינירנדיקע מילכאָמע האָט זיך געענדיקט מיט גאָרנישט.

99. דאָס פאַלן פון דער אַטענישער מעלוכע און די אָפּשוואַכונג פון ספּאַרטע. דער שאָלעם איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ פוילער, און אין זעקס יאָר אַרום האָט מען אים געבראָכן. ניט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט בײַצוקומען קאָרינט אין אַן אָפּענעם קאַמף, האָבן די אַטענער שקלאַפנבאַזיצער באַשלאָסן פּרוּוון זיך בײַקומען אים מיט אַרומיקע וועגן. דער נײַער פירער פון דער קריג־פּאַרטיי, אַלקיוויאַד, פּעריקלס אַ נאָענטער קאָרעוו, האָט פאָרגעלייגט דעאָבערן סיציליע. דאָס איז געווען אַ רײַכסטער ברויט־אינדזל, וואָס זײַן מיזרעך־טייל האָט געהערט דער קאָרינטער קאָלאָניע סיראַקוזע, און דער מײַרעװדיקער — דער פיניקיישער שטאָט קאַרטאַגען (אָפּן צאָפן ברעג פון אַפריקע): גאַנצע פעלאָפּאָנעס פלעגט באַזאָרגט ווערן דורך קאָרינט מיט סיציליש ברויט, און סיציליע איז געווען דער הויפּטמאַרק אָפּ אָפּזעצן קאָרינטער ליימענע און קופּערנע אויסאַרבעטונגען. דעריבער האָט דאָס פאַרלירן סיציליע געדאַרפט רויִנירן קאָרינט, דער פעלאָפּאָנעסער און סיציליִשער מאַרק האָט אין פאַל, ווען סיציליע זאָל דעראָבערט ווערן, געדאַרפט איבערגיין צו די אַטענער סאָכרים און שקלאַפנבאַזיצער.

דעריבער האָט אַלקיוויאַדס פאָרשלאָג באַגעגנט אַ הייסע שטיצע צווישן די שקלאַפנבאַזיצער. באַאַרבעטן די פאָלק־פאַרזאַמלונג האָט אָפּ זיך גענומען אַלקיוויאַד.

● מיט העלע פאַרבן האָט ער געשילדערט די נוצן פון דער נײַער מילכאָמע. האָבנדיק דעראָבערט סיציליע, האָט ער געזאָגט, וועלן מיר דערנאָך אָן מי דעראָבערן אויך קאַרטאַגען און וועלן באַ אים אָפּנעמען דעם גאַנצן האַנדל אין מײַרעוו־טייל פונעם מיטללענדישן יאַם. דער גאַנצער מיטללענדישער יאַם — האָט געשילדערט אַלקיוויאַד — וועט ווערן אַן אַטענישער, די אַטענישע מעלוכע־קאַסע וועט אַזוי רײַך ווערן, אַז אַלע בירגער וועלן האָבן אַן עמעסן שטענדיקן געהאַלט. ●

די פאָלק־פאַרזאַמלונג האָט זיך געלאָזט איבערצײַגן פון די דאָזיקע צוזאָגן און האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג וועגן אַ מאַרש אָפּ סיציליע (415־טער יאָר ביז אונדזער ערע).

אַלקיוויאַדס כעזשבוינעס האָבן זיך אָבער ניט באַרעכטיקט. די עקספּעדיציע האָט זיך אויסגעלאָזט ווי אַן אומגליקלעכע אַוואַנטיור. אין סיציליע האָט די אַטענער אַרמיי, וואָס איז באַשטאַנען פון שלעכט אויסגעלערנטע פּויערים, געליטן אַ ביטערע מאַפּאָלע. אַ העלפט אירע איז אויסגעהאַרגעט געוואָרן, אַ העלפט גענומען אין געפענקעניש, פאַרוואַנדלט אין קנעכט און אומגעקומען אָפּ דער אַרבעט אין די סיציליִשע שטיין־ברעכערײַען. די אַטענער זײַנען געבליבן אָן מיליטער.

דעמלט האָבן די קאָרינטער און די ספּאַרטאַנער טאַקע באַלד באַנײַט די מילכאָמע מיט די אַטענער. קעדיי צו זיכערן דעם ניצאָכן, האָבן זיי געשלאָסן אַ פאַרבאַנד מיטן אַלטן

פײַנט פונ די גריכנ, מיטנ פערסישנ קיניג. פארנ צוזאָג אומצוקערנ אים די קלײנ־אזיאטישע גריכישע שטעט אונ אינדזלענ האָט דער קיניג געגעבנ ספּארטע אונ קאָרינט געלט אונ א פלאָט, וואָס עס האָט זײ געפעלט. די אטענער האָבנ זיכ נאָכ לאַנג געווערט, אָבער סאָפּקאָלסאָפּ זײַנענ זײ באזיגט געוואָרנ. אינ 404־טנ יאָר האָבנ די ספּארטאנער אונ פערסנ אײַנגענומענ אטענ. די אטענער האָבנ געמוזט אָננעמענ די פרידנ־באדינגונגענ, וואָס זײַנענ דיקטירט געוואָרנ פונ די ספּארטאנער: ארויסגעבנ די קריג־שיפנ, צעשטערנ די לאַנגע ווענט, פאנאנדערלאָזנ דעם פארבאנד אונ שליסנ א קריג־פארבאנד מיט ספּארטע. אזוי האָט זיכ פארענדיקט די אטענישע מעלוכע.

אָבער די מילכאָמע האָט זיכ נאָכ דער צעשמעטערונג פונ אטענ ניט געענדיקט. באנוצנדיק זיכ מיט זײער זיג, האָבנ די ספּארטאנער אונ אלע גרעסערע פּאָליסנ אװעקגעשטעלט זײערע גארניזאָנענ, געצוווּנגענ אָפּצושאפנ די דעמאָקראטיע, ווו אזעלכע איז געווענ, אונ ארופגעלײגט צינז אפ די רײַכע פּאָליסנ. דאָס האָט ארויסגערופנ א מילכאָמע קעגנ ספּארטע מיצאד א גאנצער רײ פּאָליסנ, אינ דער שפּיצ מיט אטענ אונ קאָרינט; די אָקערשטיקע סאָנים האָבנ אפ א געוויסער צײַט דערלאַנגט אײנע די אנדערע די הענט, קעדײ פּאָטער צו ווערנ פונעם ספּארטאנישנ יאָכ. אונ ווענ אינ דער דאָזיקער נײַער מילכאָמע האָט ספּארטע געליטנ א מאפּאָלע, האָבנ די ספּארטאנער ווידער גערופנ די פערסנ צוהילפ, אונ עס האָט זיכ אָנגעהויבנ א דריטע מילכאָמע. די דאָזיקע מילכאָמעס האָבנ געדויערט 35 יאָר אונ האָבנ אינגאנצנ אופגעהערט נאָר אינ 370־טנ יאָר. ספּארטע איז ארויס פונ דעם קאמפ אינגאנצנ אָנ קויכעס, ווײַל זי האָט פארלאָרנ א העלפט פונ אירע זעלנער, אָבער די פערסנ האָבנ זיכ אײַנגעגעבנ צו באשטײנ אפ די פרידנ־באדינגונגענ פונעם 404־טנ יאָר.

3. דאָס פאלנ פונ די גריכישע שקלאַפנבאזיצערישע מעלוכעס

100. די פארברײטערונג פונ דער קנעכט־ווירטשאפט נאָכ די מילכאָמעס. אינ רעזולטאט פונ 60 יאָר אָנופהערלעכע מילכאָמעס זײַנענ אינעמ ווירטשאפטלעכנ לעבנ פונ גריכנלאנד פאָרגעקומענ באדײַטנדיקע ענדערונגענ.

פריער פאר אלצ איז אינ רעזולטאט פונ די מילכאָמעס רויִנירט געוואָרנ דאָס גריכישע פויערטום. דאָס דאָרפ האָט שווער געליטנ פונ די מילכאָמעס. ווענ דעם סוינעס מיליטער פלעגט דורכגײנ דורכ א דאָרפ, פלעגט עס פארניכטנ די פארזײענ, אויסהאקנ די ווײַנגערטנער אונ סעדער, פארברענענ ביזנ גרונט די הײַזער אונ ווירטשאפט־געבײַדעס. דער רויִנירטער ראיאָנ פלעגט נאָכדעמ ווערנ א מידבער. אינ גריכנלאנד איז קימאט ניט געווענ קײנ אײנ דאָרפישע געגנט, וואָס זאָל ניט האָבנ איבערגעטראָגנ אזא מינ רויִנירונג. דעריבער זײַנענ די קלײנע אונ מיטעלע דאָרפישע באלעבאטימ, וואָס האָבנ ניט געהאט קײנ מיטלענ אפ באנײַענ זײער ווירטשאפט אונ גע־

ביידעס, געווען געצווונגען צו ווארפן די ערד, פארקויפן זי פאר שפּאָט־ביליק. די פויערשע ערדן זיינען אופגעקויפט געוואָרן פון די שטאָטישע רייכע שקלאָפנבאַזיצער. אפן אָרט פון די קליינע פויערשע ווירטשאפטן האָבן זיך אין די דאָרפישע געגנטן פון גריכנלאנד באַוויזן גרויסע סאָדציכטלערישע און פיציכטלערישע ווירטשאפטן. אפ ארבעט זיינען דאָרטן אוועקגעשטעלט געוואָרן קנעכט. די שקלאָפנבאַזיצערישע אָרדענונג האָט פארניכטעט די דריבנע פריי פויערשע ווירטשאפט.

עס זיינען פאָרגעקומען ענדערונגען אויך אין די שטעט. עס זיינען באַדייטנדיק אויסגעוואקסן די פריוואטע געלט־קאפיטאלן. אין פריוואטע הענט זיינען פאר דער צייט פון מילכאָמע ביסלעכווייז אריבער אלע מעלוכישע געלט־רעזערוון, וואָס זיינען אופגעקליבן געוואָרן פאר דער מילכאָמע אין אטען און אין אנדערע פּאָליסן.

● די דאָזיקע מיטלען זיינען קימאט אינגאנצן אויסגעגעבן געוואָרן אפ מילי־טערישע באַשטעלונגען און פארגרייטונגען און זיינען איבערגעגאנגען אין די הענט צו די גרויסע אינדוסטריעלער און סאָכרים. צו די זעלביקע אינדוסטריעלער און סאָכרים איז איבערגעגאנגען אויך דאָס געלט, וואָס פּארטע און קאָרינט האָבן באַקומען פונעם פערסישן קיניג. אָט די נייע פריוואטע קאפיטאלן זיינען טיילווייז אוועק אפ אופקויפן פויערשע ערד, אָבער דעריקער זיינען זיי אויסגענוצט געוואָרן אפ פארברייטערן די אינדוסטריעלע און וואָכערשע אונטערנעמונגען. ●

קנעכט פלעגן אין דער צייט פון דער מילכאָמע געבראַכט ווערן אפ די מערק אין די טויזנטער, די פרייזן אפ זיי זיינען געפאלן, און אָט דער אומשטאנד און אויך די מיליטערישע באַשטעלונגען האָבן מיטגעווירקט צו א נייעם וווּקס פון דער שקלאָפנבאַזיצערישער אינדוסטריע. דער וווּקס פון דער שקלאָפנ־באַזיצערישער אינדוסטריע און פון די וואָכער־געשעפטן איז באַזונדערס קענטיק געווען אין אטען. אין 10 יאָר ארום נאָכן אָפּשטעלן די מילכאָמעס האָט זיך די אטענישע אינדוסטריע ניט נאָר ווידערופ־געשטעלט, נאָר זי האָט אויך געמאכט א באַדייטנדיקן שריט פאָרויס. עס האָט זיך פארגרעסערט די צאָל גרויסע ערגאסטעריעס; עס האָבן זיך באַוויזן ערגאסטעריעס מיט א צאָל קנעכט פון 80—120 מאַן. די אלגעמיינע צאָל קנעכט אין אטען און אין אטיקע האָט זיך אינמיטן IV יאָרהונדערט פארגרעסערט ביז 90 טויזנט מאַן. אין אטען האָט זיך אויך גע־גרינדעט א נייע, די סאַמע גרעסטע באנק־קאָנטאָר אין גריכנלאנד.

● זי האָט געהערט פאסיאָנען און האָט אָפּגעשטויסן אפן צווייטן אָרט די סאַמע גרעסטע פּריסטערשע ליי־קאסע פון דעלאָסער טעמפּל. פאסיאָנס קאפיטאל האָט אפ אונדזער געלט באַטראָפן ארום 1.500.000 רובל; פאר יענער צייט איז עס געווען א ריזיקע סומע. און דער קאפיטאל פון דעלאָסענער טעמפּל האָט ניט איבערגעשטיגן קיין מיליאָן רובל. פון די דאָ־זיקע און פון אנדערע באנקירן זיינען אין IV יאָרהונדערט געווען אָפּהענגיק די פּאָליסן, הענדלער און אינדוסטריע־לער, וואָס פלעגן זיך שטענדיק ווענדן צו זיי נאָך הלוואָעס.

די באנקירן האָבן אָנגעהויבן בילדן קאָמפּאַניעס אַפּ אויסנוצן מעלוכישע שאכטעס, האָבן אויך געעפנט זייערע עוגאַסטעריעס. פּאַסיאָן, צום ביישפּיל, האָט געהאַט א גרויסע ערגאַסטעריע אַפּ אויסארבעטן פּאַנצירן, א גוט געשעפט אין א צייט פון שטענדיקע מילכאָמעס.

פּאַרקערט, די רויִנירונג פון די שטאָטישע האנטווערקער איז איצט אוועק פיל שנעלער איידער פריִער. די קאָנקורענץ מיט דער גרויסער שקלאַפּישער אינדוסטריע איז פאַר די האנטווערקער געוואָרן נאָך שווערער, איידער אין V יאָרהונדערט. נאָך די מילכאָמעס איז באַדייטנדיק פאַרשמעלערט געוואָרן דער באַשטעלער־קרייז פון דער האנטווערקערישער אינדוסטריע איבער דער רויִנירונג און פאַרערדלאָזיקונג פון די פּויערים. די זעלבשטענדיקע האנטווערקער זיינען איינער נאָכן צווייטן אריינגעקראָכן אין כויוועס, זיינען געווען געצווונגען פאַרמאַכן זייערע וואַרשטאַטן און אריינפאַלן אין די רייען פון די ארבעטלאָזע. עס זיינען נאָך פאַרבליבן האנטווערקער, וואָס האָבן געארבעט לויט די באַשטעלונגען און פון דעם רעווואַרג פון די אופקויפער; אָבער, פאַרופנדיק זיך אַפּ דער ביליקייט פון שקלאַפן־ארבעט, האָבן די אופקויפער באַדייטנדיק פאַרקלענערט דעם טאָג־לוין. די רייען פון די ארבעטלאָזע האָבן זיך שנעל אָנגעהויבן פאַרפילן מיט רויִנירטע האנטווערקער.

101. די פאַרשאַרפונג פון די קלאַסן־ווידערשפּרוכן. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם דאָזיקן וווּקס פון דער שקלאַפּישערווירטשאַפט נאָך דער מילכאָמע זיינען אומעטום אין גריכנלאַנד פאַרשאַרפט געוואָרן די קלאַסן־ווידערשפּרוכן. אין אלע האַנדל־אינדוסטריעלע פאָליסן איז אין א באַדייטנדיקן טייל פאַראָרעמט און פאַרשוווּנדן געוואָרן דער קלייןבירגערלעכער צווישנשיכט. קיין אויסוועג פאַר די רויִנירטע עלעמענטן, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייערע ערדן און וואַרשטאַטן, איז ניט געווען. די פאַרערדלאָזיקטע פּויערים האָבן ניט געקאָנט באַקומען קיין ארבעט אלס באַטראַקעס איבער דער זעלביקער סיבע, איבער וועלכער די האנטווערקער האָבן ניט געקאָנט באַקומען קיין ארבעט אלס לוין־ארבעטער — אין די נייע גרויסע דאָרפישע ווירטשאַפטן האָט מען, פּונקט ווי אין די ערגאַסטעריעס, אָנגעווענדט קנעכטישע ארבעט.

לויט די אויסרעכענונגען פונעם אטענער קסענאָפאָנט (א גרויסער ערד־אייגנטימער) האָט אינמיטן IV יאָרהונדערט די קעסט פון א קנעכט געקאָסט $2\frac{1}{3}$ אָבאָלן (15 קאָפּעקעס) א טאָג, און א באַטראַק האָט געפּאָדערט 3 אָבאָלן (20 קאָפּעקעס). קסענאָפאָנט גיט צו, אז א קנעכט ארבעט דערביי אָן אָפּרו־טעג און איז זאַט, און א באַטראַק, וואָס האָט א פאַמיליע, איז פון 3 אָבאָלן הונגעריק און ארבעט ערגער. און די קנעכטישע ארבעט אין די שאכטעס און אין דער אינדוסטריע האָט געקאָסט נאָך ווייניקער. אויסהאַלטן אן אייגענעם קנעכט האָט דעם אונטערנעמער דורכשניטלעך געקאָסט 200 דראַכמעס (ארום 80 רובל) א יאָר, א געדונגענעם קנעכט — 270—330 דראַכמעס (ארום 110-135 רובל) א יאָר, און א געדונגענעם ארבעטער וואָלט אויסגעקומען צאָלן 500—550 דראַכמעס (200—220 רובל) א יאָר.

אינ רעזולטאט האָבנ אינ אלע גרויסע האנדל־אינדוסטריעלע פאָליסנ פונ גריכנלאנד נאָכ דער מילכאָמע זיכ געשאפנ קעגנזעצלעכע, פײַנטלעכע קלאסנ־גרופירונגענ: א גרויסער שקלאפנבאזיצערישער אויבנאָנ אפ איינ זײַט, אונ מאסנ פאראָרעמטע, היימלאָזע, ערדלאָזע אונ ארבעטלאָזע מענטשנ — אפ דער צווייטער. די דאָזיקע מאסנ מענטשנ, וואָס איז דערפירט געוואָרנ צו דאלעס דורכ די 60 יאָר מילכאָמעס, דורכ דער אכזאָריעסדיקער עקספלואטאציע פונ די וווכערניקעס אונ דורכ דער קאָנקורענצ פונ דער קנעכטישער ארבעט, איז פארכאפט געוואָרנ פונ א רעוואָליוציאָנערער שטימונג.

102. רעוואָליוציאָנערע לאָזונגענ אונ אויפשטאנדנ. די רעוואָליוציאָנערע מאסע האָט ניט געהאט קיינ אייגענע שטענדיקע פאָליטישע פארטיי אונ ניט קיינ באשטימטע, פינקטלעכ פאָרמולירטע פראָגראם. אָבער אומעטומ פלעגט צווישנ די ערדלאָזע אונ ארבעטלאָזע ארויסגערוקט ווערנ איינ אונ דער זעלביקער לאָזונג: „נידער מיט די אָרדענונגענ, בא וועלכע איינער איז רײַכ אונ דער צווייטער — אָרעמ, איינער האָט ברייטע פעלדער, אונ דער צווייטער — אפילע קיינ אָרט ניט אפ א קייווער, איינער האָט א גאנצע ארמיי קנעכט אונ א צווייטער — אפילע קיינ איינ באדינענדיקנ נעפעש!" אונ די אָרעמעלײַט אונ קאפצאָנימ האָבנ געפאָדערט אָפצושאפנ די כויוועס, צעטיילנ די ערד צווישנ די אָרעמע, צעטיילנ די גיטער אונ געלט פונ די שקלאפנבאזיצער אונ געבנ פונ דער מעלוכישער קאסע א רעגולערע געלט־הילפ די אומפארמעגלעכע.

אָבער די רעוואָליוציאָנערע מאסנ האָבנ ניט געפאָדערט די פארניכטונג פונ קנעכטשאפט, אָדער די באפרײַונג פונ די קנעכט. פארקערט זיי זײַנענ געווענ פארסאמט מיט שקלאפנבאזיצערישער אידעאָלאָגיע, וועלכע פלעגט פראָפאגאנדירט ווערנ אי אינ טעאטער, אי אפ די גאסנ, אי אפ די פלעצער פונ די שקלאפנבאזיצערישע „כאָכמע־לערער". די דאָזיקע לערער פלעגנ נאָכ די פילאָסאָפנ איבערכאזערנ, אז פרײַע מענטשנ קאָנענ זײַנ נאָר מענטשנ לײַדיקגייער. „לײַדיקגייערײַ — איז א לײַבלעכע שוועסטער פונ דער פרײַהייט". — פלעגט זאָגנ דער סאמע פאָפולערסטער לערער פונ „כאָכמע" סאָקראט, וועלכער האָט געלעבט פונ נעדאָוועס פונ זײַנע רײַכע שילער אונ האָט ליב געהאט צו שמועסנ מיט יעדנ איינעמ וועגנ נעשאָמע, וועגנ כאָכמע אונ וועגנ די לעבנ־קלאָלימ. סאָקראט פלעגט אויכ זאָגנ, אז „פארנעמענ זיכ מיט מעלאָכע איז א נידעריקע זאכ". די פאָליטישע רעדנערס פלעגנ אויכ שטענדיק דערווײַזנ, אז מיט מעלוכישע איניאָנימ קאָנענ זיכ פארנעמענ נאָר די, וואָס זײַנענ פרײַ אונ לעבנ אינ לײַדיקגייערײַ, אונ זיי פלעגנ זאָגנ, אז די בירגער, וואָס עס קומט אויס צו ארבעטנ איבער אָרעמקייט זײַנענ באדויערווערט. דער שקלאפנבאזיצערישער פראָדוציר־אויפנ פלעגט אײַנגעבנ סינע צו ארבעט, אָבער דערמיט האָט ער געגראָבנ א גרוב פאר זיכ אליינ.

די רעוואָליוציאָנערע מאסנ האָבנ געטרוימט, אז נאָכ דעמ,

ווי זיי וועלנ באזיגנ די רײַכע, וועלנ אלע קנעכט ווערנ מעלוכישע און וועלנ ארבעטנ ניט נאָר אפ די רײַכע, נאָר אפ אלע בירגער. און אז אלע בירגער וועלנ פירנ אנ אלצײַנ און לײַדיקגײַעריש לעבנ אינ פולנ ווילטיק. די הײַנטיקע אָרעמע־לײַט האָבנ געשטרעבט צו ווערנ מאָרגנ אזוינע זאטע און לײַדיקגײַערישע פאראזיטנ, ווי זײַערע עקספּלואטאטערס, און לעבנ ניט פונ אײגענער, נאָר פונ קנעכטישער ארבעט. עס איז אזוי ארום געווענ ניט קײנ פּראָלעטארישע, נאָר א קלײנבירגערלעכע שקלאפנבאזיצערישע פּראָגראם. עס איז פארשטענדלעכ, אז בא אזא פּראָגראם האָט די רעוואָלוציע ניט געקאָנט האָבנ קײנ דערפאָלג, ווײַל זי וואָלט ניט פארניכטעט די קנעכטשאפט, וואָס איז געווענ די סיבע פונעם קריזיס אינ IV יאָרהונדערט.

קאָלומאנ אינ די האנדל־אינדוסטריעלע פּאָליסנ זײַנענ געשטאנענ ספּארטאנער גארניזאָנענ, האָט זיכ די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג נאָכ אָפּנ ניט ארויסגעוויזנ. אָבער אָנהײבנדיק פונעם 370־טנ יאָר, ווענ די ספּארטאנער זײַנענ געווענ געצוווּנגענ אוועקצוציִנ פונ אומעטום, האָבנ זיכ אינ פיל פּאָליסנ אָנגעהויבנ רעוואָלוציאָנערע אופרײַסנ. א באזונדערס גרויסזאמענ כאראקטער האָבנ די דאָזיקע אופרײַסנ געהאט אינ ארגאָס און אינ קאָרינט. אינ ארגאָס האָבנ זיכ די אופשטענדלער באוואָפנט מיט דראָנגענ און האָבנ אויסגעהארגעט ארום 1200 גרויסע שקלאפנבאזיצער. אינ קאָרינט האָט זיכ דער אופשטאנד איבערגעכאזערט 2 מאָל, דערבײַ זײַנענ דאָס ערשטע מאָל אומגעקומענ 120 גרויסע ערדבאזיצער און 500 שקלאפנבאזיצער זײַנענ געווענ געצוווּנגענ צו אנטלויפנ קײנ ארגאָס. יעדער מאָל פלעגנ ראטעווענ די שקלאפנבאזיצער פונ דער רעוואָלוציע די שכײנים: די קאָרינטער האָבנ געראטעוועט די ארגאָסער, און די ארגאָסער — די קאָרינטער.

אזוינע אופשטאנדנ זײַנענ פאָרגעקומענ נאָכ אינ 20 שטעט. אינ סיראקוזע האָבנ די אופשטענדלער אָפּגעהאלטנ א ניצאָכנ. אָבער דאָס איז געווענ אנ אילוזאָרישער ניצאָכנ. דאָרטנ זײַנענ אפ דער זײַט פונ די אופשטענדלער איבערגעגאנגענ דער קאָמאנדיר פונ דער געדונגענער סיראקוזער ארמײ דיאָניסי צוזאמענ מיט זײַנע סאָלדאטנ. מיט דער דאָזיקער שטיצע זײַנענ די רעוואָלוציאָנערנ אָנ מי בײַגעקומענ די גרויסע ערדבאזיצער און די שטאָטישע שקלאפנבאזיצער, פיל פונ זײ זײַנענ אויסגעהארגעט און די איבעריקע זײַנענ אנטלאָפנ. אָבער ווענ עס איז דערגאנגענ צום טײלנ זיכ, האָט דיאָניסי צעטײלט די בעסערע ערד צווישנ זײַנע סאָלדאטנ און אָפּיצערנ, און די ערדלאָזע פויערים האָט ער „אָנגשניטנ" קלײנינקע באצירקנ פונ דעם רעשט. די הײַזער און דאָס געלט, וואָס איז אָפּגענומענ געוואָרנ בא די שטאָטישע שקלאפנבאזיצער, האָבנ אויכ פארכאפּט דיאָניסיס נאָענטע און אָפּיצערנ. און דיאָניסי אלײנ האָט פארכאפּט די העכסטע מאכט און איז געוואָרנ דער סיראקוזער טיראנ. אָט אזוי זײַנענ אָנשטאָט די פריִערדיקע עקספּלואטאטערס באלד נאָכ דער רעוואָלוציע געקומענ נײַע עקספּלואטאטערס, און די

פויערים, וואָס האָבנ באקומענ נישטיקע ערד־כאלאָקים, זײַנענ באלד ווידער רויִנירט געוואָרנ.

א ביסל האָט זיכ פארגרינגערט די לאגע פונ דער אָרעמשאפט נאָר אינ די יאָרנ 360 — 350, ווענ די פערסישע סאטראפנ אונ די עגיפּטישע פירשטנ, וואָס זײַנענ אופגעשטאנענ קעגנ די פערסנ, האָבנ אָנגעהויבנ אײַנצולאדנ גריכישע אַרבעטלאָזע אונ ערדלאָזע צו זיכ אפ מיליטער־דינסט אלס געדונגענע סאָלדאטנ. אדאנק אָט דעם אָפּפלוס פונ א טייל באפעלקערונג אפ מיזרעכ איז אינ אייניקע גריכישע געגנטנ די צאָל פאראָרעמטע מענטשנ געוואָרנ א ביסל ווייניקער. אָבער דאָס איז געווענ נאָר א צײַטווײַליקע פארגרינגערונג, וואָס האָט נית געקאָנט לייזנ דעמ סאָציאלנ קריזיס.

103. די גרינדונג פונ דער מאָנארכישער פארטיי אונ איר פראָגראמ.

די גריכישע שקלאפנבאזיצער זײַנענ אינ דער צווייטער העלפט פונעמ IV יאָרהונדערט אריינגעפאלנ צווישנ צוויי פײַערנ. אויסער די אופשטאנדנ פונ די פויערימ אונ האנטווערקער, פונ זיי צערויִנירטע, האָט זיי נאָכ געדראָט א געפאר פונ די קנעכט. די קאָלאָסאלע מאסנ קנעכט איז געווענ שווער צו האלטנ אינ געהאָרכזאמקײַט אונ אינ אָרדענונג. עס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ מאסנ־אנטלויפענישנ פונ קנעכט. אפנ אינדזל כיאָס אונ אינ סיציליע האָבנ זיכ די אנטלאָפענע קנעכט באהאלטנ אינ די בערג אונ פונ דאָרטנ פלעגנ זיי פונ צײַט צו צײַט מאכנ אָנפאלנ אפ זייערע געוועזענע הארנ. אפנ כיאָס האָט זיכ בא די אנטלאָפענע קנעכט באוויזנ א העכסט ענערגישער אונ קלוגער אָנפירער דרימאק. ער האָט אָרגאניזירט די קנעכט, האָט אָפּגעשלאָגנ אלע אָנפאלנ פונ די מיליטער־אָטריאדנ, וואָס די הארנ פלעגנ ארויסשיקנ אינ די בערג, אונ האָט זיכ דערשלאָגנ, אז די הארנ זײַנענ נית נאָר געווענ געצוווּנגענ צו לאָזנ די אנטלאָפענע צו רו, נאָר זיי האָבנ זיכ אפילע פארפליכטעט צושטעלנ זיי דערנערונג. די כיאָסער שקלאפנבאזיצער האָבנ באשטימט א גרויסע סומע געלט פאר דרימאקס קאָפּ אונ ער איז אומגעקומענ דורכ א פאראט פונ איינעמ פונ זײַנע געהילפנ. אָבער דרימאקס רומ האָט זיכ פארשפרייט צווישנ אלע קנעכט פונ גריכנלאנד אונ אומעטומ האָבנ די אנטלאָפענע קנעכט אימ אָנגעהויבנ האלטנ פאר זייער גאָט, פלעגנ צו אימ מיספאלעל זײַנ אונ ברענגענ אימ קאָרבאָנעס. קליינע שקלאפנ־אופשטאנדנ האָבנ נית אופגעהערט אינ גאנצ גריכנלאנד.

קעגנ די שקלאפנ־בונטנ פלעגנ זיכ די קנעכטבאזיצער ווי עס איז באוואָרענענ — זיי פלעגנ פארשטארקנ די וואכ, פארשמידנ די קנעכט אינ קייטנ אונ די העזייקעס פאר אנטלאָפענע קנעכט פלעגנ זיי דעקנ מיט סטראכירונג פונ אנטלויפנ: זיי פלעגנ צאָלנ דעמ באנקיר צו 8 דראכמעס (3 רוב. 20 קאָפּ.) פונ א קנעכט יערלעכ, אונ אינ פאל פונ א קנעכטס אנטלויפנ פלעגנ זיי באקומענ זײַנ מארק־ווערט. אָבער די ארבעטלאָזע אונ ערדלאָזע האָט מענ אײַנשמידנ אינ קייטנ אונ האלטנ אונטער דער וואכ נית געקאָנט. מע האָט געדארפט געפינענ עפעס אנ ארויסוועג פונ דער דאָזיקער געפערלעכער לאגע. אינ אייניקע פאָליסנ האָבנ די האלוואָע־געבער, דערשראָקנ זיכ פאר דער רעוואָליוציאָנע־

דער באוועגונג, זיכ אליינ פרייוויליק אָפגעזאָגט פונ באקומענ די כויוועס בא זייערע באלכויוועס. די אטענער שקלאפנבאזיצער האָבנ זיכ פארזיכערט קעגנ אופשטאנדנ דערמיט, וואָס זיי האָבנ ווידער אָנגעהויבנ ארויסגעבנ אלע בירגער געלט פונ דער מעלוכע־קאסע און זיי האָבנ אפילע דעמ ארויסגאָב פארגרעסערט ביז פיר אָבאָלנ, ווענ די פינאנצנ פונ אטענ האָבנ אינ פארבינדונג מיטנ נייעמ וווקס פונ דער אינדוסטריע און פונעמ האנדל זיכ פארבעסערט. געלט־אויסצאָלונגענ די אומפארמעגלעכע בירגער זיינענ איינגעפירט געוואָרנ אויכ אינ איינִיקע אנדערע פאָליסנ. אויסער דעמ, האָבנ איינִיקע רייכע מענטשנ גענומענ בא זיכ האלטנ א געדונגענע באוואָפנטע וואכ.

אָבער די שקלאפנבאזיצער האָבנ גאנצ גוט פארשטאנענ, אז אָט די אלע מיטלענ פארקלענערנ נאָר די געפאר פונ א רעוואָליוציע, אָבער אינגאנצנ פארניכטנ זיי זי ניט. דעריבער הייבנ אָנ די גריכישע שקלאפנבאזיצער פונ מיטנ IV יאָרהונדערט צו זוכנ א זיכער באוואָפנטע שוצ קעגנ די ארבעטנדיקע מאסנ, וואָס זיי האָבנ צערויִנירט. די ספארטאנער האָבנ נאָכ זייער מאפאָלע שוינ ניט געקאָנט זיינ אזעלכע זשאנדארמענ. אינ ספארטע גופע זיינענ אינ יענער צייט די ווייניקערדיקע פאראָרעמטע ספארטאנער אופגעשטאנענ קעגנ די גרויסע ערדבאזיצער פאר צעטיילנ די ערד פונ די לעצטע, און דעמ דאָזיקנ אופשטאנד האָבנ די אריסטאָקראטנ דערשטיקט ניט גלייכ און מיט גרויס מי. די גריכישע קנעכט־באזיצער הייבנ אָנ טראכטנ וועגנ איינשטעלנ אינ גריכנלאנד א מאָנארכישע אָדער א קיניגלעכע מאכט, א מאכט פונ אוואָסערנ ניט איז פרעמדלענדישנ קיניג, וואָס האָט א גרויסע און שטארקע ארמיי.

אויסער די שרעק פאר א רעוואָליוציע זיינענ נאָכ געווענ אנדערע מינימ סיבעס, וואָס האָבנ געצווונגענ די שקלאפנבאזיצער צו בענקענ נאָכ א שטארקער קיניגלעכער מאכט. דער האנדל מיט פראָדוקטנ פונ אינדוסטריע און פונ לאנדווירטשאפט האָט פונ מיטנ IV יאָרהונדערט אָנגעהויבנ צו באגעגענענ שוועריקייטנ. איבער דעמ גוואלדיקנ וווקס פונ דער צאָל ארבעטלאָזע און ערדלאָזע האָט זיכ אינ גריכנלאנד באדייטנדיק פארקירצט דער קרייז קויפער. און אפנ יאמ האָבנ זינט די מילכאָמעס זיכ באוויזנ פיל פיראטנ, וואָס פלעגנ ראבעווענ די האנדל־שיפנ.

די שקלאפנבאזיצער האָבנ געהאלטנ, אז אָט די אלע פראגנ וועט זיכ איינגעבנ צו לייזנ נאָר אינ דעמ פאל, אויב גאנצ גריכנלאנד וועט זיכ פאראייניקנ אונטער דער מאכט פונ איינ מעכטיקנ קיניג. דער דאָזיקער קיניג האָט לויטנ געדאנק פונ די מאָנארכיסטנ, געדארפט זיכערנ אָרדענונג און פריוואט־אייגנטומ אינ אלע פאָליסנ, אויסראָטנ די פיראטנ, צונויפקלייבנ אנ ארמיי פונ גאנצ גריכנלאנד און פירנ זי דעראָבערנ דאָס פערסישע קיניגרייכ. די ארמיי האָט געדארפט געבילדעט ווערנ פונ ערדלאָזע און ארבעטלאָזע —

א מיטל צו באפרײַען פון זיי גריכנלאַנד, און נאָכן דעראָבערן דאָס פּערסישע קיניגרײַך האָט מען זיי געדארפט באטײלן מיט ערד. „זיי וועלן האָבן ווילטיק און מיר רויִקייט" — האָט אָפּן געשריבן א פירער פון די מאָנארכיסטן.

אין מיטן IV יאָרהונדערט האָבן אין אַלע גרויסע האנדל־אינדוסטריעלע פּאָליסן צווישן די שקלאפנבאזיצער זיך געבילדעט מאָנארכישע פּארטייען. די פילאָסאָפן און קלוגשאפּסמענער, וואָס פלעגן, לויט א דעמלטיקן ווערטל, „שלאָפן בא די טירן פון די רײַכע", האָבן געהאָלפן די מאָנארכיסטן. אין זייערע שמועסן מיט די שילער און אין זייערע ווערק האָבן זיי קריטיקירט די גריכישע רעפּובליקאנישע פּאָראָנדקעס, באזונדערס פלעגן זיי אָנפאלן אף דער „דעמאָקראטיע" און פלעגן לויבן די מאָנארכיע.

● דער אונדז שוין באקאנטער אריסטאָטעל, דער סאמע גרעסטער גריכישער געלערנטער, פלעגט דערווײַזן, אז די מאָנארכיע איז די סאמע בעסטע פאָרם פון מעלוכישער אײַנאָרדענונג: עס איז נאָר נייטיק, אז דער קיניג זאָל מיט זײַן טאלאנט זײַן העכער פון זײַנע אונטערטאנער. „און דאָס — האָט צוגעגעבן אריסטאָטעל, — קומט, צום באדויערן, ניט אַלעמאָל פאָר". ●

104. דאָס מאקעדאָנישע קיניגרײַך. א קאנדידאט פאר אן אַלגריכישן קיניג האָט די מאָנארכישע פּארטיי געפונען אין דער פּערזאָן פונעם מאקעדאָנישן קיניג פיליפּ. די מאקעדאָנער זײַנען לויט זייער אָפּשטאמונג און לויט זייער שפּראך געווען נאָענט צו די גריכן. אין מאקעדאָנישן קיניגרײַך איז געווען א פעאָדאַלע אָרדענונג. אָבער אין IV יאָרהונדערט האָט זיך שוין דאָרטן אנטוויקלט דער האנדל, און צווישן די פעאָדאַלן האָט זיך אָנגעהויבן א דיפערענציאציע — עס זײַנען אופגעקומען א סאך ווייניק־ערדיקע און אפילו ערדלאָזע פעאָדאַלן. די פעאָדאַלן האָבן געזוכט נײַע ערד, די סאָכרים — מערק. דער צושטאנד פון מאקעדאָניע אין IV יאָרהונדערט איז געווען זייער ענלעך צום צושטאנד פון אסיריע פאר דעם אָנהייב פון אירע דעראָבערונגען.

פונקט ווי קיין אסיריע איז אריַינגעדרונגען די באַבילישע קולטור־ווירקונג, אזוי איז אין מאקעדאָניע אריַינגעדרונגען די גריכישע קולטור־ווירקונג. אין דער הויפּטשטאָט פון מאקעדאָניע, פּעלע, האָט מען אומעטום געהערט די גריכישע שפּראך; די פעאָדאַלן און בירגער האָבן געטראָגן גריכישע קליידער און האָבן אָנגענומען גריכישע מינהאָגים. צווישן מאקעדאָניע און די שכיינעסדיקע גריכישע שטעט פון כאלקידיקע און פראקיע איז געגאנגען א שטענדיקער האנדל.

פיליפּ האָט אָנגעהויבן די דעראָבערונג פון גריכנלאַנד מיט פארכאפּן דעם כאלקידישן האלב־אינדזל מיט זײַנע אײַזן־שאכטעס און שפּעטער איז ער צוגעטראָטן צו דעראָבערן פראקיע מיט אירע גאָלד־און זילבער־גרובן און פעטע אקערפעלדער. גלײַכצײַטיק איז ער געקומען צו א העסקעם מיט די מאָנארכישע פאר־

טייענ פונ די גריכישע פאָליסנ אונ האָט אָנגעהויבנ צוגרייטנ די גריכישע געזעלשאַפטלעכע מיינונג צו אנערקענענ די מאקעדאָנישע מאַכט אינ גאנצ גריכנלאנד.

105. די פארייניקונג פונ גריכנלאנד אונטער דער מאקעדאָנישער מאַכט. ארומ דעמ 340 יאָר פאר אונדזער ערע איז פיליפ, שטיצנדיק זיכ אפ זײַנע גריכישע אָנהענגער, צוגעטראָטנ צו אנטשיידענע האנדלונגענ. א ווידערשטאנד האָבנ אימ ארויסגעוויזנ בלויז די אטענער. אינ 338-טנ יאָר איז פאָרגעקומענ אנ אנטשיידענע שלאכט, אינ וועלכער די אטענער זײַנענ צעשלאָגנ געוואָרנ אינגאנצנ. נאָכ דעמ האָבנ די איבעריקע גריכישע פאָליסנ אָנ מילכאָמע אנערקענט אפ זיכ פיליפס מאַכט.

לויט א פארשטענדיקונג מיט זײַנע גריכישע אָנהענגער האָט פיליפ באלד נאָכ זײַנ זיג אופגערופנ אינ קאָרינט א צוזאמענפאָר פונ פאָרשטייער פונ אלע גריכישע פאָליסנ; עס זײַנענ ניט געקומענ נאָר די פאָרשטייער פונ ספארטע. אפ דעמ דאָזיקנ צוזאמענפאָר איז באשטימט געוואָרנ אָרגאניזירנ אנ אלגריכישע פעדעראציע, אונ אז די דאָזיקע פעדעראציע זאָל שליסנ א קריג-פארבאנד מיט מאקעדאָניע אונ אויסקלײַבנ דעמ מאקעדאָנישנ קיניג פאר דעמ הויפט-קאָמאנדיר פונ אלע גריכישע אונ מאקעדאָנישע מיליטער-קויכעס. דערנאָכ איז באשטימט געוואָרנ, אז פריוואט-אייגנטומ אינ גריכנלאנד איז אומבארירלעכ, אז די עקזיסטירנדיקע פאָליטישע פאָראָנדקעס אינ די גריכישע פאָליסנ זײַנענ אומבארירלעכ אונ אז יעדע ארויסטרעטונג קעגנ פריוואט-אייגנטומ אונ קעגנ די עקזיסטירנדיקע גריכישע רעגירונגענ איז א מעלוכישער פארברעכנ. קעדיי צו פארזיכערנ די אויספילונג פונ די דאָזיקע באשטימונגענ האָט פיליפ אינ אלע גריכישע שטעט אוועקגעשטעלט מאקעדאָנישע גארניזאָנענ. די שקלאפנבאזיצער האָבנ איצט געקאָנט שלאָפנ רויק. צולעצט האָט דער צוזאמענפאָר באשטימט אָנצוהייבנ מיט די פארייניקטע קויכעס פונ גריכנלאנד אונ מאקעדאָניע א מילכאָמע קעגנ דעמ פערסישנ קיניג, קעדיי צו דעראָבערנ נײַע מערק אונ נײַע ערדנ.

106. די דעראָבערונג פונעמ מיזרעכ אונ די אויסבילדונג פונעמ העלעניזמ. אינגיכנ נאָכנ קאָרינטער צוזאמענפאָר איז פיליפ דערהארגעט געוואָרנ, אונ די דעראָבערונגענ פונעמ מיזרעכ איז אויסגעקומענ צו פארווירקלעכנ זײַנ זונ אלעקסאנדער, וועלכער האָט זיכ ארויסגעוויזנ פאר א טאלאנטפולנ קריגפירער. די מילכאָמע האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ 334-טנ יאָר, אונ אינ 7 יאָר ארומ האָט זי זיכ געענדיקט מיט דער דעראָבערונג פונעמ גאנצנ פערסישנ קיניגרײַכ. די צאָלרײַכע, נאָר פארשיידנפעלקערלעכע אונ שלעכט געשולטע פערסישע ארמיי איז ניט בײַגעשטאנענ קעגנ דער גוט-אָרגאנизירטער גריכיש-מאקעדאָנישער ארמיי.

אלעקסאנדער איז געוואָרנ קיניג פונ א ריזיקער מעלוכע, אינ וועלכער עס זײַנענ אויסער גריכנלאנד אונ מאקעדאָניע ארײַנ אויכ קליינאזיע, מעסאָפּאָטאמיע,

פערסיע, סיריע, פּאַלעסטינע און עגיפּעט. נאָך אלעקסאנדערס טויט איז די דאָזיקע מעלוכע צעטיילט געוואָרנ אפ עטלעכע קליינע קיניגרייכנ, וועלכע עס האָבנ פאַרכאַפּט אלעקסאנדערס גענעראַלנ. הויפּט־קיניגרייכנ האָבנ זיכ געבילדעט דריי: דאָס מאקעדאָנישע, אינ וועלכנ עס איז אריינ אויכ גריבנלאנד, דאָס סירישע און דאָס עגיפּטישע. דאָס סירישע קיניגרייכ ווערט געווייגלעכ אָנגערופנ סעלעווקידישע, לויטנ נאָמעג פונעמ קריגפירער סעלעווק, וועלכער איז דאָרטנ געוואָרנ קיניג; אינ דעמ דאָזיקנ קיניגרייכ איז אויסער סיריע אריינגעגאנגענ אויכ מעסאָפּאָטאמיע, פּערסיע און פּאַלעסטינע. אינ עגיפּעט איז געוואָרנ קיניג אלעקסאנדערס א קריגספירער פּטאָלאָמיי: זיינ קיניגרייכ איז געווענ קלענער פונ אנדערע, אָבער לויט זיינ רייכקייט און ווירקונג האָט עס זיכ באלד ארויסגערוקט אפנ ערשטנ אָרט.

נאָכ דער דעראָבערונג פונעמ מיזרעכ האָט דאָרטנ אינ משעכ פונ 100 יאָר עקזיסטירט א נייע גריכישע, אָדער העלענישע, וועלט, דער אזוי־גערופענער העלעניזמ. די אויסבילדונג פונעמ העלעניזמ איז פאָרגעקומענ אינ רעזולטאט פונ דער קאָלאָניזאציע פונעמ מיזרעכ דורכ גריכישע איבערוואנדערער. אלס שטיצפּונקט פאר דער קאָלאָניזאציע האָבנ געדינט הונדערטער נייע שטעט, וואָס זיינענ געגרינדעט געוואָרנ פונעמ קיניג אלעקסאנדער און זיינע יאָרשימ. די דאָזיקע שטעט זיינענ אויסגעבויט געוואָרנ אינ וויכטיקע סטראטעגישע און האנדלשע פּונקטנ — אפ דער קרייצונג פונ די וויכטיקסטע קאראוואנענ־וועגנ, בא די טייכישע און יאמישע פּאָרטנ, אזוי אויכ אפנ אָרט פונ די אלטע מיזרעכשטעט, וואָס זיינענ צעשטערט געוואָרנ פונ אלעקסאנדערנ. אזוי, צומ ביישפּיל, האָט אלעקסאנדער נאָכנ נעמענ צויר (טיר) פאַרקויפט פאר קנעכט די גאנצע באַפעלקערונג אירע און האָט די שטעט איבערגעגעבנ דורכויס גריכישע קאָלאָניסטנ.

די נייע שטעט זיינענ לעכאטכילע געווענ נאָר פאַרפעסטיקטע פונקטנ, אָבער אינגיכנ האָבנ זיכ פיל פונ זיי פאַרוואנדלט אינ גרויסע האנדל־אינדוסטריעלע צענטערס. באלד נאָכ די גריכישע ארמייענ האָבנ זיכ אוועקגעלאָזנ אפנ מיזרעכ גריכישע האנטווערקער, הענדלער, אגענטנ פונ גרויסע האנדל־ און באנק־פירמעס, אזוי אויכ אלע די, וואָס האָבנ אינ זייער היימלאנד ניט געהאט ניט קיינ ארבעט און ניט קיינ ערד און האָבנ געהאָפט צו געפינענ פאר זיכ גליק אפנ מיזרעכ. אָט די אלע קאָלאָניסטנ האָבנ זיכ באזעצט אינ די נייע שטעט.

צוגלייכ מיט דער האנדל־אינדוסטריעלער קאָלאָניזאציע איז געגאנגענ א מיליטעריש־פּויערשע און מיליטעריש־פעאָדאלע קאָלאָניזאציע. די סאָלדאטנ פונ די גריכישע ארמייענ, וואָס זיינענ ווערבירט געוואָרנ פונ ערדלאָזע און ארבעטלאָזע מענטשנ, האָבנ באקומענ כאלאָקימ ערד, וואָס איז אָפּגענומענ געוואָרנ בא די מיזרעכישע פעאָדאלנ, מיטנ באַדינג צו רעכענענ זיכ אינ מיליטערישנ רעזערוו און קומענ אפ מיליטער־דינסט לויטנ ערשטנ באפעל. ערד־באצירקנ פלעגנ פאַרטיילט ווערנ פונ פאַרשיידענער גרייס. גוואַרדייישע סאָלדאטנ און קאַוואַליעריסטנ פלעגנ באקומענ באצירקנ צו 30—20 הא אפ אונדזער מאָס, און פּאָשעטע אינפאנטעריסטנ — ניט מער פונ 8 הא. אָבער די קאָמאנדירנ פונ די מאקעדאָנישע פעאָדאלנ האָבנ

באקומענ באדײַטנדיקע גיטער פונ פארשײדענער גרײס לויט ראנג פונ קאָמאַנדיר. דערבײַ זײַנענ די מיזרעכשע פויערים, וואָס זײַנענ געזעסנ אפ דער ערד, וואָס איז אָפּגעגעבנ געוואָרנ דעמ קאָמבאשטאנד, געווענ פארפליכטעט פונ א קיניגלעכנ באפעל צו צאָלנ די נײַע הארנ לײַבשטײַער און ארבעטנ אפ זײ פאנשטשינע.

אינ רעזולטאט פונ דעמ דאָזיקנ מעכטיקנ קאָלאָניזיר-שטראָמ איז די באפעלקערונג פונ גריכנלאנד צומ סאָפ פונ IV יאָרהונדערט באדײַטנדיק פארקלענערט געוואָרנ. פארקערט, די באפעלקערונג פונ מיזרעכ איז קעסײדער פארגרעסערט געוואָרנ. אזוינע ענדערונגענ זײַנענ אויכ פאָרגעקומענ אינעמ ווירטשאפטלעכנ לעבנ. בעשאס דער דעראָבערונג פונעמ מיזרעכ און אינ פארלויפ פונ די ערשטע 30—40 יאָר נאָכ דער דעראָבערונג האָבנ די גריכישע אינדוסטריע און דער גריכישער האנדל שטארק אופגעלעבט אדאנק די גרויסע מיליטערישע באשטעלונגענ און דעמ גרויסנ נאָכפרעג אפ אינדוסטריעלע אויסארבעטונגענ אינ די נײַע גריכישע קאָלאָניעס. אָבער שפּעטער האָט זיכ אפנ מיזרעכ אנטוויקלט אנ אײגענע אינדוסטריע, און די גריכישע אינדוסטריע און האנדל האָבנ גענומענ פאלנ מיט דער אויסבילדונג פונ די העלעניסטישע מעלוכעס האָט. זיכ דער צענטער פונעמ גריכישנ עקאָנאָמישנ, פּאָליטישנ און קולטורעלנ לעבנ אריבערגעטראָגנ אפנ מיזרעכ.

107. די העלעניסטישע פעאָדאלע מעלוכעס. דאָס ארײַנדרינגענ פונעמ גריכישנ האנדל און פארלײַ-קאפּיטאל אפנ מיזרעכ און דער נײַער אופשטײַג פונ דעמ מיזרעכישנ האנדל און אינדוסטריע האָבנ ניט געענדערט די פעאָדאלע אָרדענונג, וואָס האָט געהערשט אפנ מיזרעכ. אויכ נאָכ דער גריכישער דעראָבערונג איז דער יעסאָד פונ דער פּראָדוקציע אפנ מיזרעכ געבליבנ ערדארבעט מיט לײַבײגענער אָדער האלב-לײַבײגענער ארבעט פונ די פויערים און די קלײנע האנטווערקערישע פּראָדוקציע. קנעכט-ארבעט פלעגט באנוצט ווערנ נאָר אינ אײניקע גרויסע אינדוסטריע-ווארשטאטנ פונ די דרײַ נײַע גרויסע שטעט, אינ סעלעוקיע, אפנ טיגער, אינ אנטיאָכיע אפנ אראָנ און אינ אלעקסאנדריע בא דעמ מויל פונ נילוס, אזוי אויכ אינ די קיניגלעכע עגיפּטישע שאכטעס. אָבער אויכ דאָרטנ איז, פּונקט ווי אינ באַוועל פונעמ V-VI יאָרהונדערטנ, די פרײַע האנטווערקערײַ ניט ארויסגעשטויסנ געוואָרנ דורכ די שקלאפנבאזיצערישע אונטערנעמונגענ.

דער הערשנדיקער קלאס זײַנענ אינ סעלעוקידישנ און פּטאָלאָמײִשנ קיניגרײַכנ געווענ די גרויסע ערדבאזיצער. אינ זײַנ באשטאנד זײַנענ ארײַנ דעריקער אויסער די פריערדיקע מיזרעכישע פירשטנ און פּריסטערס, וואָס זײַנענ גאנצ געבליבנ, די נײַע ערדבאזיצערס פונעמ גריכישנ און מאקעדאָנישנ קאָמבאשטאנד, די קיניגלעכע הויפלײַט און הויכע באאמטע. אָבער די סאמע גרעסטע ערדבאזיצער זײַנענ געווענ די קיניגנ. זײ האָבנ אפ זיכ פארשריבנ אלע פריערדיקע גיטער פונ די פערסישע און עגיפּטישע קיניגנ, אזוי אויכ א גאנצע רײ ערדנ, וואָס זײַנענ אָפּגענומענ געוואָרנ בא די באזיצער. די ווירטשאפט האָט זיכ אינ די גרויסע גיטער געפירט אפ א געווײנלעכנ פעאָדאלנ אופנ. די גריכיש-מאקעדאָנישע הויכע באאמטע האָבנ געקוקט אפ זײערע ערדבאזיצנ ווי אפ א קוואל פאר א לוקסוס-

אונ ליידיקגייערישנ לעבנ. זיי האָבנ דאָרטנ געבויט פראכטפולע פאלאצנ אונ טעמפלענ, געפלאנצט סעדער, ווייַנגערטנער אונ פארקנ פאר יעגערייַ, געגראָבנ קינסטלעכע אָזערעס אונ אפילע אייַנגעאָרדנט מענאזשעריעס (זווערינצעס) מיט ווילדע אפריקאנישע אונ אינדישע כייַעס. זייערע פאלאצנ, טעמפלענ, גערטנער אונ פארקנ פלעגנ באפוצט ווערנ מיט סטאטועס פונ געטער, הערויענ, קיניגנ אונ פונ די אייגנטימער גופע, געמאכטע לויט זייערע באשטעלונגענ פונ בארימטסטע גריכישע קינסטלער. אינ זייערע פאלאצנ פלעגנ זיי שטענדיק אייַנאָרדענענ יאָנטויווימ אונ הוליאנקעס פאר הונדערטער געסט. צומ באדינענ די הארנ אונ דעמ אויספילנ אלע זייערע געלוסטנ זייַנענ אינ די פאלאצנ געווענ הונדערטער שקלאפנ אונ שקלאפנס, דערינ אויכ פארשיידענע מייַסטערס אונ מייַסטערנס אונ אפילע דאָקטוירימ. אָט דאָס ליידיקגייערישע לוקסוסדיקע לעבנ פונ די פעאָדאלע פאראזיטנ האָט זיכ געבויט אפ דער ארבעט אונ בלוט פונ די פויערימ אונ קנעכט אונ אפנ בארעבעווענ די מיזרעכדיקע פעלקער, וואָס זייַנענ באזיגט געוואָרנ מיט דער קראפט פונעמ גריכישנ אונ מאקעדאָנישנ געווער.

108. נייַע האנדל־וועגנ אונ נייַע עקאָנאָמישע צענטערס. אינ די העלעניסטישע מעלוכעס האָבנ זיכ אויסגעבילדעט נייַע ריכטונגענ פונ האנדל־וועגנ, וואָס האָבנ אינ איינ עק פארבונדנ אינדיע, אראביע, סודאנ, אונ אפנ צווייטנ עק — גריכנלאנד אונ איטאליע. אפ די דאָזיקע וועגנ זייַנענ אויפגעקומענ נייַע עקאָנאָמישע צענטערס, וועלכע האָבנ אָפגעשטויסנ אפ א צווייטנ אָרט סייַ די פריערדיקע מיזרעכדיקע אונ סייַ די פריערדיקע גריכישע צענטערס.

דער סאמע גרעסטער נייַער צענטער איז געוואָרנ אלעקסאנדריע, די הויפט־שטאָט פונעמ העלעניסטישנ עגיפּעט, וואָס פטאָלאָמיי האָט געגרינדעט באמ מויל פונעמ נילוס. די דאָזיקע שטאָט האָט זיכ געפונענ אפ דער קרייצונג פונ די וועגנ פונ צענטראל־אפריקע איבערנ נילוס אונ פונ אראביע אונ אינדיע איבער דעמ רויטנ יאמ מיטנ יאמ־וועג קיינ גריכנלאנד. קעדיי צו פארבינדנ דעמ נילוס מיטנ רויטנ יאמ אינ א דורכויסיקנ וואסער־וועג, איז אויסגעגראָבנ געוואָרנ א ברייטער קאנאל צווישנ דעמ רויטנ יאמ אונ דעמ מיזרעכ־ארבל פונעמ נילוס. אינ אלעקסאנדריע זייַנענ אייַנגעאָרדנט געוואָרנ צוויי פאָרטנ, א מיליטערישער אונ א האנדלשער, עס איז דאָרטנ אויסגעבויט געוואָרנ דער ערשטער לייַכט־טורעמ (געמ. 53). פונ אלעקסאנדריע פלעגנ די האנדל־שיפנ שווימענ צומ אינדזל ראָדאָס, ווו די סכוירעס פלעגנ פארטיילט ווערנ לויט דער ריכטונג אינ פארשיידענע ערטער פונ גריכנלאנד אונ קיינ איטאליע. די סכוירעס, וואָס זייַנענ געגאנגענ קיינ איטאליע, פלעגנ געשיקט ווערנ קיינ קאָרינט, אינ קאָרינט פלעגנ זיי איבערגעוואָרפנ ווערנ דורכנ שמאָלנ ערד־פאס אינ דעמ קאָרינטער אויסגוס, אונ פונ דאָרטנ פלעגנ זיי מיטנ יאמ־וועג צעשיקט ווערנ אפ די ערטער. דורכ קאָרינט זייַנענ געגאנגענ סכוירעס קיינ פעלאָפאָנעס אונ קיינ מיטל־גריכנלאנד. אטענ האָט אינ III יאָרהונדערט פארלאָרנ איר ערשט אָרט אינ גריכישנ האנדל אונ האָט אָפגעטראָטנ איר אָרט ראָדאָס אונ קאָרינט.

דאָס צווייטע אָרט נאָכ אלעקסאנדריע האָט פארנומענ אנטי־

אָכיע, אויכ א נײַע שטאָט, די הויפּטשטאָט פונעמ סעלעווקידישנ קיניגרײַכ. זי איז אויסגעבויט געוואָרנ אינ סיריע אפנ טײַכ אָראָנט, 20 וויאָרסט פונ זײַנ מויל. אינעמ מויל פונעמ אָראָנט איז אויסגעבויט געוואָרנ א שיפּ־האפנ. אינ אנטיאָכיע האָבנ זיכ די קאראוואנענ־וועגנ פונ מעסאָפּאָטאמיע, אראביע אונ סיריע געקרייצט מיט דעמ אלטנ קאראוואנענ־וועג, וואָס פלעגט פירנ דורכ קליינ־אזיע צו עפעריס, אונ מיטנ יאמ־וועג צו ראָדאָס.

אינ צוזאמענהאנג מיטנ יאמ־האנדל איז אינ אלעקסאנדריע אויכ אופגעקומענ א גאנצע רײ אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ. אינ אלעקסאנדריע פלעגט אויסגעארבעט ווערנ דער דעמלטיקער פּאפּיר — פּאפּירוס, וואָלענע, לײַנענע שטאָפנ, שטאָפנ פונ אינדישנ באוול אונ אפילע זײַד־שטאָפנ פונ כינעזישנ זײַד, קופּערנע, גילדענע, זילבערנע אויסארבעטונגענ, פארשיידענע זאכנ פונ העלפאנדביינ, פארפומערישע סכויריעס אונ אנדערע לוקסוס־זאכנ. די אלעקסאנדרישע אויסארבעטונגענ פלעגנ זיכ צעגיינ איבער גאנצ גריכנלאנד אונ איטאליע אדאנק זייער הויכער קוואליטעט אונ ביליקייט.



געמעל 53. דער לײַכט־טורעמ אינ אלעקסאנדריע.

אפנ קנעכט־מארק אינ אלעקסאנדריע פלעגנ דעריקער פּארקויפט ווערנ שווארצע קנעכט פאר באדינענ די הויכע באאמטע אונ די רײַכע אפ ארבעט אינ די שאכטעס, אזוי אויכ פאר רודערער אפ די יאמ־שיפנ. די יאמ־שיפנ, וואָס פלעגנ געבויט ווערנ אפ די אלעקסאנדרישע ווערפנ, זײַנענ געווענ באדײַטנדיק גרעסער פונ די פריערדיקע גריכישע טריערס. איצט פלעגט מענ דאָסראָוו בויענ פּענטערעס, מיט 5 רייענ רודערער, וואָס פלעגנ אופהייבנ פונ 2 ביז 4 טויזנט טאָנ מאסע (געמ. 54).

אינעמ סעלעווקידישנ קיניגרײַכ האָבנ אנטיאָכיע אונ סעלעווקיע אָפּגעשטויסנ באָוועל אפנ צווייטנ פּלאנ. זיי האָבנ אָבער ניט געקאָנט זיכ פארגלײַכנ מיט אלעקסאנדריע. די סכוירעס פונ אראביע אונ אינדיע, וואָס זײַנענ געגאנגענ דורכ אנטיאָכיע, פלעגנ קאָסטנ פיל טײַערער איידער די אלעקסאנדרישע, אונ די פּראָדוקטנ פונ די קנעכטישע טעקסטיל־ערגאסטעריעס אינ סעלעווקיע זײַנענ געווענ ערגער אונ טײַערער איידער די אלעקסאנדרישע. דעריבער האָבנ די סעלעווקידישע קיניגנ שטענדיק געפירט מילכאָמעס מיט די פּטאָלאָמייער פאר דעראָבערנ עגיפּעט, אָבער דערשלאָגנ זיכ א ניצאָכנ זײַנענ זיי ניט געווענ בעקויעכ.

109. דער קלאסנקאמפ אינ די העלעניסטישע קיניגרײַכנ. די פּטאָלאָמייער האָבנ ליב געהאט צו זאָגנ וועגנ זיכ, אז „פאר דעמ קיניג פאסט בע־

סער באַרײַכערנ אנדערע, איידער זיכ אַליינ באַרײַכערנ". דאָס איז אָבער געווענ ניט מער, ווי פוסטע באַרימערײַ. פריִער פונ אַלצ אונ מער פונ אלצ האָבנ די פּטאָלאָמייער, אזוי אויכ די סעלעווקידנ באַרײַכערט זיכ אַליינ; אונ פונ זייערע אונטערטאנער פלעגנ זיי באַרײַכערנ נאָר די הויפ־לײַט, מיליטער־קאָמאנדירנ, באאמטע, פּריסטערס אונ די גרויסע סאָכרימ.

די קליינע סאָכרימ אונ די קליינע האנטווערקער האָבנ געלעבט שלעכט אונ האָבנ זיכ שטענדיק געקלאָגט אפ אומגעזעצלעכע באַרײַסענישנ מיצאד די קיניג־לעכע באאמטע, אונ אפ די באדריקונגענ מיצאד די קיניגלעכע באנק־קאָנטאָרנ. נאָכ ערגער האָט זיכ געלעבט די פּויערימ אונטער דעמ דרוק פונ דער צווייפאכער עקספּלו־



געמעל 54. פּענטערע.

אטאציע, — פונ די הארנ אונ קיניגנ. די לאגע פונ דעמ לײַבייגענעמ מיז־רעכדיקנ פּויערטומ האָט זיכ מיט דער גריכישער דעראָבערונג ניט פארבעסערט. נאָר פארערגערט, ווײַל די נײַע הארנ האָבנ זיכ ניט גערעכנט מיט די אלטע נאָרמעס פונ לײַבשטײַער אונ האָבנ זיי געהעכערט. אונ די קיניגנ האָבנ ספּעציִעל פאר די באזיגטע אײַנגעפירט א הויכנ קאָפּ־שטײַער.

די גריכישע אונ מאקעדאָנישע פּויערימ פונ די מיליטע־רישע קאָלאָניסטנ האָבנ אויכ קיינ האָניק ניט געלעקט. ערד האָבנ זיי באקומענ, אָבער אײַנאָרדענען א ווירטשאפט מיט אייגענע מיטלענ האָבנ געקאָנט נאָר וויניקע צווישנ זיי, הויפּטזאכלעכ די קאָלאָניסטנ פונ די גווארדייער. די דאָזיקע פלעגנ אויסער ערד באקומענ אויכ געהאלט אונ מאטאָנעס; די באַ־צירקנ, וואָס זיי האָבנ באקומענ זײַנענ געווענ מער אָדער וויניקער גרויסע. אונ די דאָזיקע גרופּע קאָלאָניסטנ האָט זיכ פארוואנדלט אינ דעמ פּארמעגלעכנ אויי־בערשיכט פונעמ נײַעמ פּויערטומ. זיי האָבנ געהאט א מעגלעכקײַט צו קויפנ א קנעכט, געהאט מויסרעס צו פארקויפנ אפ די שטאָט־מערק (געמ. 55). אונ די

מערהײַט מיליטערישע קאָלאָניסטן האָט ניט געהאַט קיין אייגענע מיטלען אַפּ אײַנאָרדענען זיך און איז געווען געצווונגען צו ווענדן זיך נאָך הֹאלוואָעס אָדער צו די שכיינישע גרויסע גוטבאַזיצער אָדער צו די פּריסטערס פון די שכיינעסדיקע טעמפּלען אָדער אין די קיניגלעכע באַנק־קאָנטאָרן. צעצאָלן זיך מיט די כויוועס איז געווען שווער, ווײַל עס האָבן ניט אויפגעהערט די מילכאָמעס, וואָס פלעגן שטענדיק אָפּרײַסן די פּויערים־קאָלאָניסטן פון זייערעווירטשאַפטן. און א גרויסער באַלכויוו



געמעל 55. א העלענישער פּויער גייט אַפּן שטאָט־מאַרק.

פלעגט מוזן אָדער פאַרקויפן זײַן ערד, אויב דער קרעדיטער איז געווען א באַנק, אָדער פאַרשקלאַפן זיך, אויב דער קרעדיטער איז געווען א שכיינעסדיקער ערדבאַזיצער אָדער א טעמפּל.

די רווּבֿירטע קאָלאָניסטן פלעגן אַוועק אין שטאָט, פלעגן דאָרטן אַראָפּזעצן די פּרײַזן אַפּ אַרבעט־הענט, אָבער ווײַט ניט אַלע פלעגן באַקומען אַרבעט. אין אַלעקסאַנדריע, אַנטיאָכיע, סעלעווקיע און אַנדערע העלעניסטישע שטעט האָבן זיך, פּונקט ווי אין גריכנלאַנד, באַוויזן האַמוינים אַרבעטלאָזע מענטשן. די אַרבעטלאָזע האָבן אָדער געבעטלט

אָדער פֿלעגנ אופֿקלײַבנ גראָשנס אפֿ ברויט דורכ דעמ, וואָס זײ פֿלעגנ פֿרײלעכ מאכנ די לײדיקגײערישע רײַכע אלס גאסנ־זינגער, מוזיקאנטנ אונ קונצנמאכער.

דעריבער פֿלעגנ די אומצופֿרידענע סאָלדאטנ פֿונ די קאָלאָניסטנ אָפּט זיכ בונטעווענ קעגנ די קיניגנ, פֿאָדערנדיק אנולירונג פֿונ כויוועס אָדער אײנמאָליקע שטיצעס פֿונ דער מעלוכע־קאסע. ווענ אזוינע בונטנ פֿלעגנ אופֿלאקערנ אינ די שטעט, פֿלעגנ געווײנלעכ צו די סאָלדאטנ זיכ פֿארײניקנ אויכ אנדערע אומצופֿרידענע עלעמענטנ—ארבעטלאָזע, לוינ־ארבעטער, קנעכט אונ אפֿילע קלײנע האנטווערקער אונ קרעמערלעכ, וועלכע זײַנענ קימאט אלע געווענ אינ די לאפּעס בא די וווּכערניקעס־פּראָצענטניקעס. די סאָלדאטנ פֿלעגט זיכ אײַנגעבנ צו בארויִקנ נאָר מיט אויספֿילנ זײערע הויפּט־פֿאָדערונגענ. אָט די בונטנ האָבנ געצווּנגענ די פּטאָלאָמײער אונ סעלעווקידנ צו האלטנ בא זיכ ספּעציעל־געדונגענע אָטריאדנ פֿונ ליוויער, אראבנ אונ נעגרענ, קעדײ צו האָבנ שטענדיק גרײט א קראפֿט צו דערשטיקנ די אופֿשטאנדנ.

א צווײטע פֿאָרמ פֿונ אקטיווּנ קלאסנקאמפּ זײַנענ געווענ די אופֿשטאנדנ פֿונ די באזיגטע פֿעלקער. אָפּטער פֿונ אלצ פֿלעגנ די דאָזיקע אופֿשטאנדנ פֿאָרקומענ איבער דער אומדערטרעגלעכער עקספּלואטאציע אונ רויבערײַ פֿונ דער באפֿעלקערונג מיצאד די אָרטיקע גובערנאטערס. אינעמ סעלעווקידער קיניגרײַכ פֿלעגנ די דאָזיקע אופֿשטאנדנ פֿאָרקומענ שטענדיק אונ האָבנ געבראכט צומ ביסלעכווײַזנ צעפֿאלנ פֿונעמ קיניגרײַכ, ווײַל די סעלעווקידנ זײַנענ שטענדיק געווענ פֿארנומענ מיטנ קאמפּ קעגנ די פּטאָלאָמײער אונ האָבנ ניט געהאט קײנ גענוגנדיקע קויכעס צו דערשטיקנ די אופֿשטאנדנ. די ערשטע האָט זיכ פֿונעמ סעלעווקידישנ קיניגרײַכ אָפּגעטײלט פּערסיע, דערנאָכ פּאלעסטינע, נאָכדעמ מעסאָפּאָטאמיע. אינ עגיפּעט זײַנענ די אופֿשטאנדנ פֿונ די באזיגטע געווענ זעלטענער, אונ די פּטאָלאָמײער פֿלעגנ זײ גיכער אונ גרינגער דערשטיקנ.

110. דער קלאסנקאמפּ אינ גריכנלאנד אונ די רוימישע דעראָבערונגענ.

זינט עס האָט זיכ אויסגעבילדעט די גרויסע מאקעדאָנישע מעלוכע, האָבנ די גריכישע פּאָליסנ פֿארלאָרנ זײער פּאָליטישע זעלבשטענדיקײַט. די מאקעדאָנישע קיניגנ האָבנ, עמעס, איבערגעלאָזנ פֿאר די גרעסטע פּאָליסנ דאָס רעכט אופֿצורופֿנ פֿאָלק־פֿארזאמלונגענ, אויסצוקלײַבנ רעגירער אונ ארויסגעבנ געזעצנ, אָבער אויסשליסלעכ פֿאר פֿארוואלטנ מיט די שטאָט־איניאָנימ אונ מיט דער שטאָטישער ווירטשאפֿט. אלע מעלוכישע רעכט זײַנענ איבערגעגאנגענ צו די מאקעדאָנישע קיניגנ.

די גריכישע שקלאפֿנבאזיצער האָבנ גערנ שאָלעמ געמאכט מיטנ פֿארלירנ זײער פּאָליטישע זעלבשטענדיקײַט דערפֿאר, וואָס אינ דער פּערזאָנ פֿונ די מאקעדאָנישע קיניגנ האָבנ זײ, ווי מיר ווײסנ שוינ, געפֿונענ זיכערע זשאנדארמער קעגנ זײער קלאסנ־פֿײַנט. ניט געקוקט דערויפֿ, וואָס פֿיל טויזנטער ארבעטלאָזע אונ

ערדלאָזע מענטשנ זײַנענ אװעק אײנײנעמ מיט די גריכיש־מאקעדאָנישע ארמײענ אפנ מיזרעכ, האָט דער קלאסנקאמפ צװישנ די אומפארמעגלעכע אונ די שקלאפנבאזיצער ניט אופגעהערט. ארבעטלאָזע אונ ערדלאָזע זײַנענ פארבליבנ א סאכ אונ האָבנ ניט געקאָנט פארשװינדנ, װײַל, פונקט װי פריִער, האָט אױכ איצט עקזיסטירט די קאָנקורענצ פונ דער קנעכטישער ארבעט מיט דער האנטװערקערישער אונ מיט דער געדונגענער ארבעט, אױכ די עקספלואטאציע פונ די אָרעמע דורכ די פראָצענטניקעס. דעריבער פלעגט דער קלאסנקאמפ, װי פריִער, פונ צײַט צו צײַט איבערגײנ אינ אנ אָפענעמ באװאָפנטנ קאמפ, פלעגט אָנעמענ די פאָרמ פונ אופשטאנדנ פונ ארבעטלאָזע אונ ערדלאָזע קעגנ די רײַכע שקלאפנבאזיצער. די לאָזונגענ פונ די אופשטאנדנ זײַנענ פארבליבנ די זעלביקע: פארניכטנ די רײַכע אונ צעטײלנ זײער ערד אונ גיטער צװישנ די אָרעמע. פונ צײַט צו צײַט פלעגנ אופלאקערנ אױכ אופשטאנדנ פונ קנעכט.

װענ אינ II יאָרהונדערט איז די מאכט פונ די מאקעדאָנישע קיניגנ אָפגעשװאכט געװאָרנ, האָט גלײַכ אופגעלעבט די רעװאָליוציאָנערע באװעגונג אונ האָט אָפגעהאלטנ באדײַטנדיקע דערפאָלגנ. װידער האָט זיכ צעברענט א רעװאָליוציאָנערער קאמפ. אינ א גאנצער רײ גריכישע פאָליסנ אונ געגנטנ האָבנ די ארבעטלאָזע אונ די ערדלאָזע פארכאפט די מאכט, אױסגעהארגעט, פארטריבנ די שקלאפנבאזיצער אונ צעטײלט צװישנ זיכ זײער ערד אונ רײַכטומ. דעמלט האָבנ די גריכישע שקלאפנבאזיצער זיכ געװענדט נאָכ הילפ צו דער גרױסער רױמישער שקלאפנבאזיצערישער מעלוכע, װעלכע האָט צו יענער צײַט זיכ אױסגעבײדעט אינעמ מײַרעװ־טײל פונעמ מיטלענדישנ יאמ. די רױמישע ארמײ האָט דעראָבערט מאקעדאָניע אונ גריכנלאנד (146־טער יאָר ביז אונדזער ערע), אונ אינ ערשטנ יאָרהונדערט האָט זי דעראָבערט אױכ די העלעניסטישע מעלוכעס פונ די סעלעװקידנ אונ פטאָלאָמײער.

● **111. די העלעניסטישע קולטור.** די שכײנעס אונ די אלטעגלעכע װירטשאפטלעכע אונ געזעלשאפטלעכע קעגנזײַטיקע באציִונגענ צװישנ די גריכנ אונ די אָרטיקע פעלקער האָבנ מיטגעהאָלפנ, עס זאָלנ זיכ צונױפמישנ אײניקע עלעמענטנ פונ דער גריכישער אונ די מיזרעכדיקע קולטורנ. די מיזרעכדיקע ערדבאזיצער אונ פריסטערס, אזױ אױכ די גרױסע סאָכרימ אונ אינדוסטריעלער, האָבנ איבערגענומענ די גריכישע שפראכ אונ די גריכישע מינהאָגימ, זײ האָבנ געלערנט זײערע קינדער בא גריכישע לערער, שטודירט די גריכישע װיסנשאפט, ליטעראטור אונ מיטאָלאָגיע. די פריסטערס האָבנ געשריבנ טעאָלאָגישע װערק, אינ װעלכע זײ האָבנ זיכ געסטארעט צו דערװײַזנ, אז די מיזרעכדיקע געטער — דאָס זײַנענ די זעלביקע גריכישע געטער, נאָר אונטער אנדערע נעמענ. אונ פלעגנ איבערמאכנ די מיטוסנ װעגנ די מיזרעכדיקע געטער לױטנ מוסטער פונ די גריכישע מיטוסנ.

פונ זײער זײַט האָט דער גריכיש־מאקעדאָנישער פעאָדאלער אױבערשיכט איבערגענומענ אײניקע עלעמענטנ פונ די מיזרעכדיקע קולטורנ. אינ פאָליטישנ געביט האָבנ די פטאָלאָמײער אונ סעלעװקידנ איבערגענומענ די מיזרעכדיקע אי-

דעלאָגיע וועגן דער געטלעכקייט פון דער קיניגלעכער מאכט. זיי האָבן זיך אָנגערופן „קיניגן געטער". די סעלעווקידן האָבן צונויפגעשטעלט א מיטוס, אז זיי שטאמען פונעם גאָט אפּאָלאָן, און די פּטאָלאָמייער האָבן צונויפגעשטעלט א מיטוס וועגן זייער קרויוועשאפט מיט די עגיפּטישע געטער. א גוואלדיקע פּאָפּולאריטעט האָט צווישן דעם פּעאָדאלן אויבערשיכט געהאט די באָווילישע אסטראָלאָגיע. די אסטראָלאָגן האָבן זיך איינגעפונען בא די קיניגלעכע הויפן און פלעגן, פונקט ווי אין אסיריע און באָוועל, האָבן א גרויסע ווירקונג אף דער קיניגלעכער פּאָליטיק.

צווישן דעם מיזרעכדיקן שטאָטישן קליינעם אוילעם האָבן זיך אויך פארשפרייט די גריכישע שפראך און די קולטן פון אייניקע גריכישע געטער. און צווישן די גריכישע קרעמער און האנטווערקער האָבן געהאט א גרויסע פּאָפּולאריטעט די באָווילישע און עגיפּטישע קישעפמאכער און צויבערער, וואָס פלעגן קונציק עקספּלואטירן דעם אונטערדריקטן געמיט-צושטאנד פון דער שטאָטישער גריכישער אָרעמשאפט. די גריכישע פויערים קאָלאָניסטן האָבן איבערגענומען דעם קולט פון די מיזרעכישע ערדארבעטערישע געטער.

אָט די צונויפמישונג פון די גריכישע און מיזרעכדיקע עלעמענטן איז דער ערשטער הויפּט-שטריך פון דער העלעניסטישער קולטור. דער צווייטער הויפּט-שטריך איז די אָרגאניזירטע אנטוויקלונג פון דער גריכישער וויסנשאפט.

דער צענטער פון דער וויסנשאפט האָט זיך אין III יאָרהונדערט אריבערגעטראָגן פון אטען קיין אלעקסאנדריע. אין אלעקסאנדריע האָבן די פּטאָלאָמייער געגרינדעט א מוזיי, ד.ה. א פּאלאץ פון די מוזעס (מוזעס — גריכישע געטנס פון וויסנשאפט און קונסט). אין מוזיי איז אופגעקליבן געוואָרן א ריזיקע ביבליאָטעק, וואָס איז באשטאנען פון 400.000 ביכער אָדער ריכטיקער פון פּאפּירוס-ראָלקעס. דער קערן פון דער דאָזיקער ביבליאָטעק האָט זיך געשאפן פון אריסטאָטעלס ביבליאָטעק, וואָס די פּטאָלאָמייער האָבן אָפּגעקויפט. אין דער אלעקסאנדריער ביבליאָטעק זיינען צונויפגעזאמלט געוואָרן אלע ווערק פון דער גריכישער ליטעראטור און גריכישע איבערזעצונגען פון דער עגיפּטישער, באָווילישער, סירישער און העברייִשער ליטעראטור. א שטענדיקער גרויסער שטאט פון קאָפּיסטן און איבערזעצער פלעגט איבערשרייבן און איבערזעצן פאר דער ביבליאָטעק אלע נייע ביכער.

אף ארבעט אינעם מוזיי האָבן די פּטאָלאָמייער איינגעלאדן די בעסטע גריכישע געלערנטע. די ערשטע וויסנשאפטלעכע טוער פונעם מוזיי זיינען געווען די שילער פון אריסטאָטעלן. די געלערנטע פלעגן באם קיניג באקומען גרויסע געהאלטן און מאטאָנעס, פּראכטפולע הייזער און קנעכט אף העלפן זיי בא דער ארבעט, אזוי אויך פאר שטובדינסט. יעדער געלערנטער האָט געהאט שילער דאָסראָוו פון דער רייכער יוגנט. אונדזער נאָמען „מוזיי" קומט ארויס פון דעם דאָזיקן אלעקסאנדרישן נאָמען, אָבער ער האָט איצט באקומען אן אנדער באטייט. איצט ווערן וויסנשאפטלעך-פאָרשערישע אנשטאלטן, ווי דער אלעקסאנדריער מוזיי, אָנגערופן וויסנשאפט-אקאדעמיעס.

די פּטאָלאָמייער פלעגן אויסגעבן ריזיקע געלטער אף אויסצוהאלטן מוזייען און געלערנטע גאָרניט צוליב עפּעס א באזונדערער, אָנפּניִעסדיקער ליבע צו וויסנשאפט. זיי האָבן געפאָדערט, אז די געלערנטע זאָלן פריִער פון אלץ באדינען דעם קיניגלעכן פלאָט, די קיניגלעכע ארמיי און דעם קיניגלעכן האנדל. די אלעקסאנדריער מאטעמאטיקער, די בארימטע עוקליד און ארכימעד, זיינען גלייכצייטיק אויך געווען מעכאניקער. זיי האָבן געדארפט דערפינדן און בויען באלאגער- און בוי-מאשינעס, מאכן אויסרעכענונגען און ציי-

בענונגען פון גרויסע מיליטערישע און האנדלשע שיפן און אויספילן אנדערע אופגאבן פון דעם מינ. פירנדיק די דאָזיקע פראקטישע ארבעט, האָבן די מאטעמאטיקער פאנאנדערגעארבעט די אריטמעטיק, די געאָמעטריע און האָבן אוועקגעלייגט דעם גרונט פאר דער אלגעברע. די הײַנטצײַטיקע געאָמעטריע — דאָס איז די געאָמעטריע פון עווקלידנ.

די אלעקסאנדריער אסטראָנאָמען האָבן איבערגענומען בא די באָוולער זייערע אסטראָנאָמישע קענטענישן און האָבן באַדײַטנדיק א רוק געטאָן פאָרויס די אסטראָנאָמיע. די אסטראָנאָמענ איז אויכ געווען געשטעלט א פראקטישע אופגאבע. זיי האָבן געדארפט צונויפשטעלן וועגווײַזערס לויט די שטערן פאר די שיפן, קעדיי די שיפן זאָלן ניט אראָפגיין פון דעם ריכטיקן וועג אינ אָפענעם יאם. אָבער זיי האָבן אויכ געמאכט גרויסע פאר יענער צײַט וויסנשאפטלעכע אנטדעקונגען. אזוי, האָט אריסטארכ דערוויזנ, אז ניט די זונ גייט איבערן הימל, ווי אלע האָבנ אינ אוראלט געמיינט, נאָר די ערד און די איבעריקע פלאנעטעס באוועגנ זיכ ארום דער זונ, און אז די זונ, די ערד און די פלאנעטעס האָבנ די פאָרמע פון א קײַלעכ. אנ אנדער בארימטער אסטראָנאָם, היפארכ, האָט אויסגערעכנט פינקטלעכ די טערמינען פון ליקעלעוואָנע און ליקעכאמע און האָט געפרווט אויסרעכענען דעם מעהאלעכ פון דער ערד און פון אנדערע פלאנעטעס צו דער זונ. אלע דערגרייכונגען פון די אלעקסאנדריער מאטעמאטיקער און אסטראָנאָמען האָבן אינ VIII יאָרהונדערט פון אונדזער ערע איבערגענומען די אראבישע געלערנטע און פון זיי זײַנען זיי איבערגעגאנגען צו די הײַנטצײַטיקע אייראָפּײַשע געלערנטע.

אויסער מאטעמאטיקער און אסטראָנאָמען האָבן אינ די מוזייען אויכ געארבעט געאָגראפן און מעדיקער. די געאָגראפן האָבן געדארפט אויספאָרשן און באשרײַבן אלע לענדער און יאמען, וואָס האָבן זיכ געפונען אפן וועג פון עגיפעט קיינ אינדיע און פון אלעקסאנדריע קיינ גריכנלאנד און צונויפשטעלן וועגווײַזערס פאר די קאפיטאנען פון די שיפן. די דאָזיקע וועגווײַזערס פלעגן שטענדיק פארבעסערט ווערן אינ צוזאמענהאנג מיט די נײַע אנטדעקונגען פון די געאָגראפן. אינ די וועגווײַזערס פלעגט ווערן אָפגעגעבן גרויס אָרט דער באשרײַבונג פון די יאם-וועגן: עס פלעגן פארצייכנט ווערן אלע יאם-שטראָמונגען, אונטערוואסער-פעלדזן, זאמדבענק, ארײַנגאנגען אינ די פאָרטן, די מעהאלעכן צווישן די פאָרטן. די געאָגראפן האָבן אויכ געפרווט צונויפשטעלן געאָגראפישע קארטעס. דער סאמע גרעסטער פון די אלעקסאנדריער געאָגראפן איז געווען עראטאָסטענ. ער האָט געהאלטן, אז די ערד האָט די פאָרמע פון א קײַלעכ, און האָט געפרווט אויסרעכענען איר גרייס.

ווי מיר זעען, איז די הײַנטיקע וויסנשאפט אינ פיל געביטנ א יורעשטע פון דער גריכישער אלעקסאנדריער וויסנשאפט. די נעמען דעמאָקריט, אריסטאָטעל, עווקליד, ארכימעד, היפארכ און אריסטארכ זײַנען ארײַן אינ דער געשיכטע פון דער וויסנשאפט. די דאָזיקע געלערנטע האָבן פארהיט און וועלן שטענדיק פארהיטנ נאָכ זיכ דעם נאָמען פון די ערשטע געלערנטע אינ עמעסנ זינענ פון וואָרט.

V. רוים

1. די אויסבילדונג פונ דער רוימישער שקלאַפנבאַזיצערישער מעלוכע

112. די איטאַלישע געביטנ אונ געמיינדעס אינ IV—VIII יאָרהונ־דערטנ. די גרויסע רוימישע שקלאַפנבאַזיצערישע מעלוכע, וועלכע האָט אינ II יאָרהונדערט באַצווּנגענ גריכנלאַנד אונ אינ I יאָרהונדערט די העלעניסטישע מע־לוכעס, האָט נאָכ פריער, אינ IV—III יאָרהונדערטנ, דעראָבערט גאַנצ איטאַליע אונ אַלע לענדער אַפ די ברעגנ פונעמ מיטללענדישנ יאַמ, אַפ מייַרעוו פונ אַי־טאַליע (זע די מאַפּע, ז. 202). די דאָזיקע מעלוכע איז זיכ צעוואַקסנ פונ אַ קליינער געמיינדע לאַטיינער מיט דער הויפּט־שטאָט רוימ אַפנ מייַרעוודיקנ ברעג פונ מיטל־איטאַליע. אינ דער געגנט לאַציומ.

די רוימישע געמיינדע האָט שוינ עקזיסטירט אינ VIII יאָרהונדערט פאַר אונדזער ערע, אָבער דעמלט איז זי נאָכ געווענ אַ שוואַכע אונ ניט קיינ רייַכע געמיינדע. די סאַמע שטאַרקסטע אונ אייַנפלוסרייַכע געמיינדעס אינ איטאַליע זייַנענ אינ דער צייַט געווענ די עטרוסקישע שטאָט־געמיינדעס. די דאָזיקע געמיינדעס זייַנענ געלעגנ אינ עטרוריע, אַ שמאָלע געגנט צווישנ דעמ יאַמ אונ די אַפּעניִנענ, צומ צאָפנ פונעמ טייַכ טיבער, וועלכער איז געווענ דער גרענעצ צווישנ די ערדנ פונ די לאַטיינער אונ עטרוסקנ. די עט־רוסקישע געמיינדעס זייַנענ געווענ שטאָטישע האַנדל־געמיינדעס, ווי די גריכישע פּאָליסנ. דער האַנדל האָט זיכ געפונענ אינ די הענט באַ די קיניגנ אונ אַריסטאָקראַטנ. ער האָט געטראָגנ פּונקט אַזאַ האַלב־רויבערישנ כאַ־ראַקטער, ווי דער אורשפּרינגלעכער האַנדל פונ די גריכישע פּאָליסנ. די עטרוסקנ האָבנ געהאַנדלט מיט קופּער אונ זילבער פונ די אַפּעניִנישע שאַכטעס, מיט אייַזנ פונעמ אינדזל אילווע (צווישנ איטאַליע אונ קאָרסיקע), מיט שיפ־געהילצ פונ די אַפּעניִנער בערג. די דאָזיקע סכוירעס פלעגנ די עטרוסקנ אָפּזעצנ אַפנ מיזרעכ דורכ די קאַרטאַגענישע סאָכרימ, אונ פונ מיזרעכ פלעגנ זיי פאַר זיכ ברענגענ קנעכט אונ לוקסוס־זאַכנ — גאָלד, העלפאַנד־ביינ, עגיפּטישנ לייַוונט א.אַנד. קנעכט פלעגנ די עטרוסקנ אויכ קויפנ באַ די לאַטיינער.

אויסער די עטרוסקישע האַנדל־אַריסטאָקראַטישע געמיינדעס האָבנ אינ VI יאָרהונדערט געפירט אַ גרויסנ האַנדל אינ דאָרעמ־איטאַליע אונ מיט סיציליע די גריכישע פּאָליסנ. דער סאַמע רייַכסטער פּאָליס איז געווענ טאַרענט, וואָס ליגט באַמ באַקוועמענ האַפנ אינ צאָפנ־מיזרעכדיקנ ווינקל פונעמ טאַרענטישנ אויסגוס, צווישנ די פרוכטבאַרע ברעג־געגנטנ פונ מיזרעכ־אונ מייַרעוו־איטאַליע.

אינ די אַפּעניִנישע בערג האָבנ געוווינט קליינע באַרג־שוואָטימ, באַ וועלכע



קארטע פון דער רוימישער אימפעריע.

עס האָט נאָך אין VIII יאָרהונדערט געהערשט דער שטאַם־שטייגער. זיי האָבן געפירט א פרימיטיווע ערדארבעטערישעווירטשאפט, און אין זייער שטאַם־איינ־אָרדענונג זיינען נאָך פארבליבן ניט ווייניק מוטערלעכע שטאַם־מינהאָגים.

113. די צעפאלונג פון דער שטאַם־אָרדענונג בא די לאטיינער. מער אָדער ווייניקער באגלייבטע ידיעס וועגן דער געשיכטע פון די לאטיינער און פון רוים הייבן זיך בא אונדז אָן גלייך פון ענדע VIII יאָרהונדערט. אין דער דאָזיקער עפאָכע ווערט די פאטריארכאלע שטאַם־אָרדענונג בא די לאטיינער שנעל דעגראדירט. עמעס, דער שייוועט לאטיינער האָט זיך נאָך געטיילט אף שטאַמען־פארבאנדן, צו 10 שטאַמען אין יעדערן, אָבער די שטאַמישע קאָלעקטיווע ווירטשאפט איז שוין צעלייגט געוואָרן. די אריסטאָקראטן, וואָס האָבן בא די לאטיינער זיך אָנגערופן פאטריציער, ד. ה. „פאָטערלעכע מענטשן", וואָס האָבן מעיוכעסדיקע און רייכע פאָטערס — אורעלטערן, האָבן באַזעסן די ערד מיט רעכט פון פריוואט־אייגנטום. די גרייס פון די פאטריציאנישע ערדבאזיצן איז אונדז ניט באוווסט. די פויערשע ערדכאלאָקים האָבן אין VIII יאָרהונדערט שוין אויך אָנגעהויבן איבערגיין בעיערושע. די ערדכאלאָקים זיינען געווען ניישע און זייער קליינע — צו צוויי יוגער, ד. ה. 0,5 הא אף אונדזער מאָס. די ערד־מאָס אין 2 יוגער האָט בא די רוימער באקומען דעם נאָמען הערעדיום, ד. ה. א יערושעדיקער באצירק.

בא אזא ווייניק־עדדיקייט האָט זיך צווישן די פויערים גיך אָנגעהויבן די נויט. ארויסקריכן פון נויט וואָלטן די פויערים געקאָנט נאָר דורך פארגרעסערן די ערדכאלאָקים. צוגאָבלעכע ערדכאלאָקים האָט מען געקאָנט באקומען זייער פאָשעט — פארנעמען און צעאקערן מיט די אייגענע מיטלען יעטווידער באצירק פונעם „געזעלשאפטלעכן פעלד". אזוי האָט געהייסן דער רעזערווער ערד־פאָנד פון דער ניט־צעטיילטער ערד און פון די דעראָבערטע ערדן. דער דאָזיקער פאָנד האָט זיך גערעכנט פארן אייגנטום פונעם גאנצן שייוועט, און יעטווידער בירגער האָט דאָרטן געקאָנט פארנעמען א באצירק. אָבער דער דאָזיקער פאָנד איז געווען צוטריטלעך נאָר פאר יענע פויערים, וועלכע האָבן געהאט אן איבעריקן שפאן אָקסן, איבעריקע זוימען, איבעריקע ארבעט־הענט, ד. ה. נאָר פארמעגלעכע פויערים (געמ. 56). און די פאראָרעמטע פויערים זיינען געווען געצוווּנגען, פונקט ווי אומעטום באם צעפאלן פון דער שטאַם־אָרדענונג, ארייַנצוקריכן אין כויוועס.

פאר כויוועס פלעגט אויסקומען צו ענטפערן מיטן „קאָפ", ווי עס ווערט געזאָגט אין די רוימישע געזעצן. א שלעכטן צאָלער פלעגט געגעבן ווערן א טערמין פון 30 טעג. אויב אין פארלויף פון דעם דאָזיקן טערמין איז דער כויוו ניט איינגעצאָלט געוואָרן, פלעגט דער קרעדיטער — וועלכער איז שטענדיק געווען פון די פאטריציער — ארויספירן אין א מארק־טאָג דעם באלכויוו אפן מארק־פלאַץ און פלעגט פאָרלייגן באצאָלן פאר אים, אויב עמעצער וויל. די דאָזיקע צערעמאָניע פלעגט איבערגעכאזערט ווערן 3 מאָל, און אויב קיינער פלעגט ניט אויסלייזן דעם באלכויוו, פלעגט דער באלכויוו באַצאָלן מיטן קאָפ אָדער ער פלעגט פארקויפט ווערן פאר א קנעכט אף יענער זייט טיבער (ד. ה. אין עטרוריע). הייסט עס, אז לויט דעם דאָזיקן געזעץ האָט דער קרעדיטער געקענט קעפן דעם באלכויוו אָדער פארקויפן אים פאר א קנעכט.

און אויב עס האָט זיכ געפונענ א רײַכער מענטש, װעלכער האָט באצאָלט פארנ באלכויװ, װאָס איז ארויסגעפירט געװאָרנ אפנ מארק, פלעגנ דער אויסגעקויפטער באלכויװ און זײַנע קינדס קינדער װערנ אפ אײביק אָפהענגיק פונ זײער „באלטויװע”, זײ פלעגנ װערנ זײַנע „קליענטנ”. די קליענטנ פלעגנ זיכ געפינענ „אונטער דער שוצ” פונ זײערע פאטראָנענ („פאַטערלעכע באשיצער”), זײ זײַנענ געװענ מעכויעװ צו ארבעטנ אפ זײ און צו צאָלנ זײ לײַבשטײַער, אויב דער פאטראָנ פלעגט געבנ די קליענטנ ערד אָדער מיטלענ אפ עפענענ א האנטװערקערישנ װארשטאט אָדער פארפירנ א קלײנעמ האנדל.

פארקערט, די פאטריציִער האָבנ געהאלטנ אינ אײנ רײַכ װערנ. האָבנדיק



געמעל 56. א רוימישער פויער אקערט די ערד.

אומזיסטע ארבעט־קראפט, — די קליענטנ און קנעכט, װאָס פלעגנ געקויפט װערנ בא די קארטאגענער סאָכרימ, — פלעגנ די פאטריציִער פארנעמענ גרויסע באצירקנ פונ געזעלשאפטלעכנ פעלד און פלעגנ פארברײטערנ זײער לאנדװירטשאפט. זײ האָבנ געזײט פאָלבע, אזא סאָרט װײצ, װי אינ באָװעל, אָבער אויסער פאָלבע האָבנ די פאטריציִער גאנצ פרי אָנגעהויבנ פלאנצנ אויכ װײַנגערטנער און אויס־ארבעטנ װײַנ. אפנ יאמ־ברעג פלעגנ די פאטריציִער אײַנאָרדענענ דעמ ארויס־באקומ פונ זאלצ, װאָס פלעגט אָפגעזעצט װערנ נאָכ א יאמישנ כװאליע-שלאָג.

זײערע מויסרעס פלעגנ די פאטריציִער פארקויפנ. דעמ האנדל האָבנ זײ געפירט דורכ זײערע קליענטנ. זײ פלעגנ פאר־קויפנ די שכײנעסדיקע בארג-שװאָטימ זאלצ, און אויכ ברויט, װענ דאָרטנ פלעגט זײַנ אנ אומגערעטעניש. און װענ עס איז געװענ אנ אומגערעטעניש אינ לאציִומ, פלעגנ די פאטריציִער קויפנ ברויט בא דער ברויט-רײַכער סיציליע און פארקויפנ די לאטײנער. װײַנ פלעגנ די פאטריציִער פארקויפנ קײנ קארטאגענ, און קײנ עטרוריע פלעגנ זײ פארקויפנ פי און קנעכט פונ זײערע באלכויװעס. די פאטרי־ציִער זײַנענ געװענ די ערשטע רוימישע קנעכט-הענדלער. בא די עטרוסקנ פלעגנ זײ קויפנ קופער, אײַזנ און מעטאל-אויסארבעטונגענ, און בא די קארטאגענער און גריכנ — עגיפטישע אויסארבעטונגענ: לײַװנט, גאָלדענע און זילבערנע כפײצימ און פארשײדענע לוקסוס־זאכנ.

ענדע VII יאָרהונדערט האָט זיכ שוינ בא די לאטײנער ענדגילטיק אויס־געבילדעט די קלאסנ-געזעלשאפט. אינ דער זעלבער צײַט האָבנ זיכ שוינ אויס-

געבילדעט אויכ די לאטייניש שטאָטישע געמיינדעס, אָט ווי די גריכישע פאָליסנ. פונ די דאָזיקע געמיינדעס איז די סאמע גרעסטע אונ שטארקסטע געמיינדע געוועג די רוימישע געמיינדע.

114. די רוימישע רעפובליק. רוימ איז אויסגעבויט געוואָרנ אפ אזא אָרט פונ דעמ מיירעוו-ברעג פונ איטאליע, וואָס איז געוועג צומ באקוועמסטנ פאר האנדל-באציִונגענ. דער מיירעוו-ברעג פונ איטאליע איז אינ אלטערטומ געווענ זייער א זומפיקער, אונ דעריבער זיינענ דאָרטנ קיינ עמעסע יאמ-האפנס ניט געווענ. דאָס איינציקע אָרט, ווו עס האָבנ זיכ געקאָנט אָפּשטעלנ יאמ-שיפנ, איז געווענ דאָס מויל פונעמ טייכ טיבער, דער סאמע וואסערפולער טייכ אינ איטאליע. רוימ איז אויסגעבויט געוואָרנ אפנ טיבער. אָבער ניט באמ סאמע מויל, ווייל אויכ דאָ איז דער באָדנ געווענ א זומפיקער, נאָר 20 קילאָמעטער העכער. פרילינגצייט, בא גרויסוואסער, פלעגנ די יאמ-שיפנ קענענ צוגיינ ביז סאמע רוימ, אונ אינ דער זעלביקער צייט פונ יאָר פלעגנ זיי זיכ אויסלאָדנ אונ אָנלאָדנ אינ דעמ האפנ אָסטיע (אָסטיע הייסט „מויל"), וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרנ איינ קילאָמעטער פונ יאמ, אפנ לינקנ ברעג טיבער.

אדאנק אָט דער באקוועמער געאָגראפישער לאגע זייערער זיינענ רוימ אונ אָסטיע געוואָרנ טראנזיט-פונקטנ פארנ אויסלענדישנ יאמ-האנדל פונ מיטל-איטאליע. דורכ רוימ פלעגנ דורכפירנ צומ יאמ זייערע סכוירעס די עטרוסקישע סאָחרימ, אונ צומ מויל פונעמ טיבער פלעגנ ברענגענ זייערע סכוירעס די קארטאגענער אונ סיצילישע סאָחרימ. ענדע VI יאָרהונדערט פאר אונדזער ערע האָט זיכ דער רוימישער האנדל אפ אזויפיל פארברייטערט, אז רוימ האָט געשלאָסנ א האנדל-אָפּמאכ מיט קארטאגעג.

לעכאטכילע זיינענ אינ רוימ געווענ קיניגנ, אָבער מיר האָבנ וועגנ זיי קימאט ניט קיינע באגלייבטע ידיִעס. מע קאָנ נאָר זאָגנ, אז דאָס זיינענ ניט געווענ קיינ עמעסע קיניגנ, אָט ווי די פעאָדאלע באָוולישע, עגיפטישע אונ פערסישע קיניגנ אונ דעספאָטנ. די רוימישע קיניגנ זיינענ מער געווענ ענלעכ אפ די גריכישע באסילעווסנ, זיי האָבנ געהאט א גרויסע מאכט אפ א מילכאָמע, ווענ זיי פלעגנ קאָמאנדעווענ מיטנ מיליטער, אָבער אינ פרידנ-צייט האָבנ זיי געדארפט רעגירנ אינ העסקעמ מיט די באשטימונגענ פונעמ סענאט. דער סענאט—דאָס איז א יערושעדיקער ראט פונ די עלטסטע פונ די פאטריציִאנישע שטאמענ. סענאטאָרנ הייסט „אלטע", „עלטערע".

פונקט ווי אינ די גריכישע פאָליסנ איז די מאכט פונ די באסילעווסנ מיט דער צייט אָפּגעשאפט געוואָרנ, אזוי איז אויכ אינ רוימ ענדע VI יאָרהונדערט ביז אונדזער ערע אָפּגעשאפט געוואָרנ די קיניגלעכע מאכט. אָנשטאָט א קיניג האָבנ די פאטריציִער אפ זייערע פארזאמלונגענ אָנגעהויבנ אויסקלייבנ אפ א יאָר צייט צוויי העכסטע רעגירער אונ הויפט-קאָמאנדירנ פונ דער ארמיי. זיי פלעג זיכ אָנרופנ קאָנסולנ, ד. ה. ראטגעבער, ווייל אלע באשלוסנ פלעגנ זיי דארפנ אָנעמענ געמיינזאמ. די קאָנסולנ זיינענ אונטערגעוואָרפנ געווענ דעמ סענאט אונ האָבנ געדארפט רעגירנ לויט זיינע אָנווייזונגענ. נאָכ דעמ, ווי עס פלעגט זיכ

פארענדיקנ דאָס יאָר, פלעגנ די קאָנסולנ ווערנ סענאטאָרנ אפנ גאנצנ לעבנ. אפ אזא אויפנ האָט זיכ אינ רוימ אײַנגעשטעלט אנ אריסטאָקראטישע סענאטישע רעפּובליק. די גאנצע מאכט אינ איר האָט געהערט דער פאטריציאנישער אריסטאָקראטיע, וואָס האָט באזעסנ ערד, געלט, קנעכט און וואָס האָט עקספּלואטירט די ארבעט פונ אירע קליענטנ. בא די פאטריציער אינ די הענט איז אויכ געווענ דער גאנצער האנדל.

די פאטריציער האָבנ אָרגאניזירט א שטארקע ארמיי, וועלכע פלעגט ווערנ ווערבירט ניט פונ אלע בירגער, נאָר פונ די רײַכע און פארמעגלעכע, אזוינע, וואָס האָבנ געקאָנט דינענ אפנ אייגענעמ כעזשבנ. די ווייניק-ערדיקע און די ערדלאָזע פויערימ פלעגנ דערלאָזט ווערנ אינ דער ארמיי נאָר אפ ניט־פראָנטאָווע שטעלעס; קיינ געווער אינ די הענט פלעגט מענ זיי ניט געבנ. אינ דער רוימישער ארמיי זײַנענ פארבליבנ אייניקע מינהאָגימ פונ דער שטאמ-עפּאָכע. אזוי, פלעגנ די סאָלדאטנ אליינ אויסקלײַבנ קאָמאנדירנ. צוליב די וואלנ פלעגנ זיכ די זעלנער אופקומענ אפ אנ אלגעמיינער פארזאמלונג און פלעגנ זיכ צעשטעלנ אינ צענטוריעס, דאָס הייסט אינ הונדערטס. יעדע הונדערט האָט געהאט איינ שטימע. אָבער די פאטריציער האָבנ אויכ דאָ אײַנגעשטעלט אזעלכע פּאָראָנדקעס, אז זיי זאָלנ האָבנ די מערהײַט שטימענ און דורכפירנ זייערע קאנדידאטורנ.

אָנשטאָט די אוראלטע, עמפּסע מיליטערישע צענטוריעס האָט אינ VI יאָרהונדערט דער סענאט אײַנגעשטעלט אנ אײַנטיילונג פונעמ מיליטער אפ נײַע צענטוריעס, ספּעציעל פאר צענטוריאטישע פארזאמלונגענ. פאר די צענטוריאטישע פארזאמלונגענ זײַנענ די זעלנער געווענ צעקלאפּט אפ צענטוריעס ניט לויט די מיליטער-טיילנ, נאָר לויט דעמ פארמעגנ-צענז. אלע זעלנער זײַנענ געווענ צעטיילט אפ 5 קלאסנ. דער ערשטער, דער סאמע רײַכער, האָט באקומענ 80 צענטוריעס; דער 2-טער, 3-טער און 4-טער קלאס — יעדערער צו 20 צענטוריעס, און דער לעצטער קלאס האָט באקומענ 30 צענטוריעס. די פאטריציער זײַנענ לויט זייער צענז ארײַנ אינ דעמ ערשטנ און צווייטנ קלאס און האָבנ באקומענ 100 צענטוריעס, ד. ה. 100 שטימענ; אינ די דאָזיקע 100 צענטוריעס זײַנענ אינ VI — V יאָרהונדערטנ געווענ אינ גאנצנ 1500 מאנ. און די איבעריקע זעלנער 15.000 — 20.000 מאנ, האָבנ באקומענ נאָר 70 צענטוריעס, ד. ה. 70 שטימענ.

אפ אזא אויפנ איז, האגאמ דער קאָמבאשטאנד איז פאָרמעל געווענ א געוויילטער, אָבער פאקטיש איז ער באשטאנענ קימאט אויסשליסלעכ פונ פאטריציאנישע קאנדידאטנ.

די ארמיי איז אינגאנצנ געווענ אינ רעשוס פונ די פאטריציער. מיט דער הילפ פונ דער דאָזיקער ארמיי האָט אָנהייב V יאָרהונדערט די רוימישע רעפּובליק אונטערגעוואָרפנ אונטער איר מאכט אלע איבעריקע לאטיינישע געמיינדעס און אייניקע קליינע שכייניש שוואָטימ.

115. קלאסנקאמפ אינ רוימ אינ V — IV יאָרהונדערטנ. אינ V יאָרהונדערט האָבנ שוינ די קלאסנ-ווידערשפּרוכנ אינ רוימ דערגרייכט א באדײַטנדיקע שארפקייט. צוגלײַכ מיט די „פיל־מאיאָנטקעווע" פאטריציער און „ווירטשאפטלעכע" פויערימ, ווי מע פלעגט דאנ זאָגנ

אינ רוימ, האָבנ זיכ אויכ באוויזנ אָרעמע — אָדער אינגאנצנ ערדלאָזע אָדער אזוינע, וואָס האָבנ אינגאנצנ געהאט איינ הערעדיִומ אפ א גרויסער פאמיליע. אזוינע אָרעמשאפטלעכע אונ ערדלאָזע פויערימ האָט מענ אינ רוימ אָנגערופנ „פראָלעטאריער". זיי זײַנענ געווענ פארשולדיקט בא די פאטריציִער, אונ זייער גורל איז געווענ א טרויעריקער, — אָדער פארקויפט ווערנ פאר א קנעכט קיינ עטרוריע אָדער ארײַנפאלנ אלס קליִענטנ צו די „גנעדיקע" פאטראָנענ פונ די פאטריציִער.

אויסער די דאָזיקע ווידערשפרוכנ, וואָס זײַנענ אופגעקומענ צוליב ווײניקערדיקײַט אונ פארשולדיקטקײַט, זײַנענ אויכ אופגעקומענ אנדערע ווידערשפרוכנ אינ צוזאמענהאנג מיט דער אנטוויקלונג פונ האנדל. די קליִענטנ, דורכ וועלכע די פאטריציִער האָבנ געפירט זייערע האנדל-אָפעראציעס, האָבנ געהאט א מעגלעכקײַט ניט נאָר ארויסצוקריכנ פונ דער נויט, נאָר אפילע רײַכ ווערנ. גלײַכ ווי די שומעריש-אקאדישע דאמקארנ, פלעגנ זיי באקומענ בא די פאטראָנענ א געוויסנ טייל פונ די רעוואָכימ אונ פלעגנ אָנהייבנ פירנ אנ אייגענעמ האנדל. אָבער זיי זײַנענ ניט געווענ קיינ פולבארעכטיקטע בירגער, ווײַל זיי זײַנענ געווענ אָפהענגיק פונ זייערע פאטראָנענ. זיי האָבנ ניט געקאָנט שליסנ אפ זייער נאָמענ קיינ געשעפטנ, האָבנ ניט געהאט קיינ שטימ-רעכט אינ די צענטוריִאטישע פארזאמלונגענ. די סאָכרימ פונ די קליִענטנ האָבנ זיכ געפילט געדריקט פונ זייער אָפהענגיקײַט אונ זײַנענ אויכ געווענ אינ אָפאָזיציע צו די פאטריציִער.

אלע גרופעס פונ דער באפעלקערונג, וואָס האָבנ ניט געהערט צו די פאטריציִאנישע שטאמענ, פלעגנ אינ רוימ הייסנ פלעבס אָדער פלעבייער, ד. ה. ניט קיינ אדעליקע, מענטשנ פונ שלעכטנ ייִכעס. אלע גרופעס פלעבייער, יעדערע אויס אירע סיבעס, זײַנענ געווענ אומצופרידנ מיטנ סענאטישנ רעזשימ אונ האָבנ געוואָלט ענדערונגענ. די ווײניק-ערדיקע אונ די ערדלאָזע האָבנ געפאָדערט אנולירונג פונ די כויוועס אונ ערד, די „ווירטשאפטלעכע" פויערימ, וואָס זײַנענ דאָסראָוו געווענ מיט גרויסע פאמיליעס, האָבנ אויכ געוואָלט, מע זאָל זיי צוגעבנ ערד פאר די דערוואקסענע זינ, וואָס האָבנ זיכ פונ זיי אָפגעטיילט. די קליִענטנ-סאָכרימ האָבנ געוואָלט בירגערלעכע אונ פאָליטישע רעכט, קעדיי צו באפרײַענ זיכ פונ דער פאטריציִאנישער אפעטראָפעס אונ ווערנ זעלבשטענדיקע אונטערנעמער. דעריבער פלעגנ אינ קאמפ קעגנ די פאטריציִאנער אלע פלעבייער ארויסטרעטנ געמיינזאמ. דעמ קלאסנקאמפ פונעמ V — IV יאָרהונדערטנ אינ רוימ רופט מענ טאקע געוויינלעכ דער קאמפ צווישנ פאטריציִער אונ פלעבייער.

דער קאמפ האָט געדויערט קימאט צוויי יאָרהונדערטנ. ער האָט ניט געבראכט אינ רוימ צו אזא דעמאָקראטיע, ווי אינ אטענ אונ אנדערע גריכישע פאָליסנ. די סענאטישע רעפובליק איז אינ רוימ פארבליבנ. די פאטריציִער האָט זיכ אײַנגעגעבנ אָפצוקומענ נאָר מיט האנאָכעס. דאָס דערקלערט זיכ דערמיט, וואָס אינ V — IV יאָרהונדערטנ האָט זיכ דער גרויסער ערדבאזיץ אינ רוימ ניט נאָר ניט פארקלענערט, נאָר ער האָט זיכ באדײַטנדיק פארגרעסערט, אונ דעריבער איז דאָס קאָמאנדע-אָרט פארבליבנ פאר די גרויסע ערדבאזיצער די פאטריציִער.

פריִער פאר אלצ האָבנ זיכ די פּלעבייער דערשלאָגנ דאָס רעכט צונויפצוקומענ זיכ אפ זייערע פּלעבייִשע פארזאמלונגענ, קעדיי צו באטראכטנ זייערע איניאָנים. די דאָזיקע פארזאמלונגענ פלעגנ אָנגערופנ ווערנ טריבוטישע — פונ דעם נאָמענ טריבוס; טריבוסנ האָבנ זיכ גערופנ די דאָרפּישע וואָלאָסטנ און די שטאָטישע קווארטאלנ, ווו עס האָבנ געוווינט די פּלעבייער. די טריבוטישע פארזאמלונגענ האָבנ אָנגעהויבנ אויסקלײַבנ זייערע פאָרשטייער, טריבונענ פאר באציִונגענ מיטנ סענאט און מיט די קאָנסולנ און צו פארטיידיקנ די פּלעבייער אינ געריכט. דורכ די טריבונענ פלעגנ די פּלעבייער מעלדנ דעם סענאט זייערע פאָדערונגענ און פירנ אונטערהאנדלונגענ וועגנ רעפאָרמעס. אָבער די פּאטריציִער פלעגנ נאָכגעבנ נאָר דעמלט, ווענ די פּלעבייער פלעגנ זיי אָנהייבנ דראָענ מיט אנ אופשטאנד.

אפ אזא אויפנ האָבנ זיכ די פּלעבייער אינ 352 יאָר נאָכ א לאנגנ קאמפּ דערשלאָגנ, אז עס זאָלנ פארניכטעט ווערנ די אלטע כויוועס און עס זאָל אָפּגעשאפט ווערנ דער אלטער געזעצ וועגנ כויוועס. דאָ זײַנענ זיכ אויכ צונויפגעגאנגענ די אינטערעסנ פונ אלע גרופּעס פּלעבייער, ווײַל קנעכטשאפט פאר א כויוו האָט געדראָט יעדנ שלעכטנ צאָלער — סײַ א פּויער סײַ א האנטווערקער סײַ א סויכער. און אינ עטלעכע יאָר ארומ איז אויכ אָפּגעשאפט געוואָרנ די קנעכטשאפט פאר כויוועס.

ווײַטער האָבנ זיכ די פּלעבייער דערשלאָגנ א געזעצ, לויט וועלכנ דאָס רעכט פונ אויסוויילנ קאָנסולנ איז פונ די פּאטריציִאנישע פארזאמלונגענ איבערגעגעבנ געוואָרנ די צענטוריִאטישע פארזאמלונגענ. אָבער דער דאָזיקער געזעצ האָט די פּלעבייענ גאָרנישט ניט געגעבנ, ווײַל, ווי מיר ווייסנ, האָבנ אויכ אינ די צענטוריִאטישע פארזאמלונגענ די פּאטריציִער געהאט א מערהייט. דעמלט האָבנ די פּלעבייער גענומענ זיכ דערשלאָגנ א צוטריט צומ קאָנסולאט. נאָכ א לאנגנ קאמפּ האָט זיי זיכ דאָס אײַנגעגעבנ. אינ 366־טנ יאָר איז באשטימט געוואָרנ, אז איינ קאָנסול ווערט אויסגעקליבנ פונ די פּאטריציִער, און איינער פונ די פּלעבייענ. אָבער פונ דער דאָזיקער רעפאָרמע האָבנ אויסגעשפּילט נאָר די רײַכע פּלעבייענ־סאָכרים. די פּאטריציִער פלעגנ זיכ מיט זיי צונויפריידנ וועגנ די קאנדידאטורנ, און סײַ אלס קאָנסולס און סײַ אינ סענאט האָט ווי פריִער ניט געקאָנט ארײַנפאלנ קיינ איינ פּויער.

די פראגע וועגנ ערד פלעגט געלייזט ווערנ דורכ אויספירנ רוימישע קאָלאָניעס אפ ערד, וואָס פלעגט אָפּגענומענ ווערנ בא די אונטערגעטעניקטע פעלקער פונ איטאליע. אינ דעראָבערנ איטאליע זײַנענ געווענ פארינטערעסירט אלע קלאסנ פונ דער רוימישער באפעלקערונג. די פּאטריציִער און פּויערים האָבנ געוואָלט פארברייטערנ זייערע ערד־שטעטכנ; די פּאטריציִער סאָכרים און פּלעבייענ סאָכרים האָבנ געוואָלט פארניכטנ זייערע האנדל־קאָנקורענטנ אינ עטרוריע און אינ די גריכישע שטעט. דעריבער איז אינ IV — V יאָרהונדערטנ גלײַכצײַטיק מיטנ אינערלעכנ קלאסנקאמפּ געגאנגענ א שטענדיקער באוואָפנטער קאמפּ צווישנ רוימ און אלע פעלקער פונ איטאליע.

116. די דעראָבערונג פונ איטאליע און די רוימישע קאָלאָניזאציע.

דאָס אונטערווארפנ איטאליע אונטער רוימ האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ V יאָרהונדערט, ווענ עס איז נאָכ א פיליאָריקנ קאמפּ דעראָבערט געוואָרנ עטרוריע. די

דאָזיקע דעראָבערונג האָט די פּויערים גאָרנישט ניט געגעבן, ווײַל דער באָדן אין עטרוריע איז געווענ ווייניק פּרוכטבאר און דאָס לאנד געדיכט באפעלקערט. אָבער פאר דער אנטוויקלונג פונ דעם רוימישנ האנדל און קריג־וועזנ האָט די דעראָבערונג פונ עטרוריע געהאט א קאָלאָסאלע באדײַטונג. אינ רעשוס פונ רוים זײַנען אריבער אלע שאכטעס פונ זילבער, קופּער און אײַזנ פונ עטרוריע; רוים איז געוואָרנ דער באלעבאָס איבער גאנצנ איטאלישנ מעטאל־פאָנד. די סאָכרים האָבנ באקומענ א נײַע לוינבארע סכוירע אפ אָפּזאצ, און דאָס מיליטער־מאטעריאל פאר באוואָפענונג. פריער איז אינ א רוימישנ לעגיאָנ (פּאָלק) געווענ נאָר צו איינ אײַזערנע קאהאָרטע (קאהאָרטע איז א באטאליאָנ אָדער ראָטע), די איבעריקע זײַנענ געווענ „קופּערנע”. איצט זײַנענ אלע לעגיאָנענ דורכויס געוואָרנ „אײַזערנע” (געמ. 57).

געמעל 57. רוימישע לעגיאָנערנ (סאָלדאטנ).

אינ IV יאָרהונדערט האָבנ זיכ אָנגעהויבנ די אזויגערופענע סאמניטישע מילכאָמעס, וועלכע האָבנ געדויערט 50 יאָר. די סאמניטער זײַנענ געווענ א בארג־שייוועט; זיי האָבנ געוווינט אינ די בערג אפנ מיזרעכ און אפ דאָרעמ־מיזרעכ פונ לאציום. נאָכ אינ V יאָרהונדערט האָבנ די סאמניטער פארכאפּט די פּרוכטבארע קאמפּאניע, א געגנט אפ דאָרעמ פונ רוים, און האָבנ אהינ ארויסגעפירט זייערע קאָלאָניעס. די מילכאָמע פונ רוים מיט די סאמניטנ האָט זיכ אָנגעהויבנ פאר קאמפּאניע, נאָר שפּעטער האָט זיכ דער טעאטער פונ די קריג־האנדלונגענ פארשפּרייט אפ אלע סאמניטישע געגנטנ. די פּאטריציער און די פּויערים האָבנ זיכ געצויגנ צו דער פּרוכטבארער קאמפּאניער ערד. די סאָכרים האָבנ געוואָלט אונטערטעניקנ די הויפּט־שטאָט פונ קאמפּאניע — קאפּוע, א רײַכע האנדל־שטאָט. אינ אָנהויב III יאָרהונדערט זײַנענ סאמניום און קאמפּאניע פארונטערטעניקט געוואָרנ. נאָכ דעם זײַנענ אינ פארלויפ פונ 25 יאָר אײַנגענומענ געוואָרנ אלע גריכישע שטעט פונ דאָרעמ־איטאליע. פונ 266 יאָר איז גאנצ איטאליע ביז דער הײַנטיקער לאָמבארדיע געוואָרנ א רוימישע. דער רוימישער קריג־דומ האָט זיכ פארשפּרייט איבער דער גאנצער דעמלטיקער וועלט.

באַ אַלע באַזיגטע פעלקער און שטעט האָבן די רוימער אָפּגענומען די בעסטע ערדן, אינדוסטריעלע אָנגעהעריקייטן, אַקער־ערדן, פּיטערפעלדער, וועלדער, פישפאַנג־באַצירקן, שאַכטעס, שטיינברעכערייען, זאַלץ־געווערבן. די אָפּגענומענע ערדן זיינען דערקלערט געוואָרן פאַר אַ רוימיש פעלד, פאַרן אייגנטום פונעם „רוימישן פאָלק". אַף די אַקער־פעלדער זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן רוימישע מיליטערישע קאָלאָניעס פון סאָלדאַטן פויערים, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין די מאַרשן. די קאָלאָניסטן פלעגן באַקומען באַצירקן פון 3 ביז 7 יוגערס און הילף אַף איינאָרדענען זיך. די ניט־באַאַרבעטע ערד איז דערקלערט געוואָרן פאַר אַ געזעלשאַפטלעך פעלד; עס האָבן זי צוגענומען די פּאַטריציער און די רייכע פּלעבייער. די קאָלאָניעס זיינען פאַרייניקט געוואָרן מיט רוים דורך מיליטערישע וועגן.

די אונטערטעניקטע פעלקער און שטעט האָבן געמוזט אַרייַנטרעטן אין אַ פאַרבאַנד מיט רוים. אָבער פאַרבינדעטע זיינען זיי געווען נאָר לויטן נאָמען, אין דער ווירקלעכקייט זיינען זיי געווען אונטערטאַנער. זיי האָבן ניט געהאַט קיין שום פּאָליטישע רעכט, זיי האָבן געהאַט פליכטן—אַרויסצושטעלן געהילף־אָטריאַדן, צאָלן טאַמאָזשנע־אָפּצאָלן און עקסטרע־שטייערן. נאָר עטלעכע גרעסערע שטעט, דעריבער קאַפּוע, האָבן באַקומען האַנדלשע און אַנדערע רעכט, אויסער דאָס רעכט אָנטיילצונעמען אין די צענטוריאַטישע און טריבוטישע פאַרזאַמלונגען. איטאַליע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער רוימישער מעלוכע.

117. דער אָנהייב פון שקלאַפנבאַזיצערישער ווירטשאַפט אין רוים.

אין דער צייט פון די מילכאָמעס פאַר איטאַליע האָבן צוערשט אָנגעהויבן אָנצוקומען קיין רוים גרויסע פּאַרטיעס קנעכט פון קריגס־געפאַנגענע, באַזונדערס פיל קריגס־געפאַנגענע זיינען גענומען געוואָרן אין דער לעצטער סאַמניטישער מילכאָמע: בלויז פאַרן לעצטן יאָר זיינען גענומען געוואָרן העכער 250.000 געפאַנגענע און די מילכאָמע האָט זיך געצויגן 10 יאָר. אַ טייל קנעכט האָט מען איבערגעלאָזן „פאַרן רוימישן פאָלק"—זיי זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מעלוכישע קנעכט. די איבעריקע זיינען פאַרקויפט געוואָרן פון ליציטאַציעס. עס האָבן זיי צעקויפט די פּאַטריציער און די רייכע פּלעבייער.

די מעלוכישע קנעכט פלעגן אַוועקגעשטעלט ווערן אַף אַרבעט אין די שאַכטעס, אַף בויען וועגן און פעסטונגען און פלעגן פאַנאַנדערגעטיילט ווערן די טעמפּלען. די פּאַטריציער פלעגן אַוועקשיקן די קנעכט אַף אַרבעט אין זייערע גיטער, וואָס האָבן זיך איצט באַדייטנדיק פאַרברייטערט. די רייכע פּלעבייער פלעגן אַוועקשטעלן די קנעכט פאַר אָנגעשטעלטע און קאָנטאָריסטן, פלעגן זיי אַוועקזעצן פאַר רודערער אַף זייערע פראַכט־שיפן. אַלע רייכע, פּאַטריציער און פּלעבייער האָבן אָנגעהויבן האַלטן קנעכט אין זייערע הייזער אַלס דינער. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער איבערגאַנג צום שקלאַפנבאַזיצערישן אויפן פון דער פּראָדוקציע. דער שקלאַפנבאַזיצערישער פּראָדוציר־אויפן האָט זיך ענדגילטיק אויסגעבילדעט אין רוים אין דעם אָנהויב II יאָרהונדערט פאַר אונדזער ערע.

נאָכ דער דעראָבערונג פונ איטאַליע האָבנ די רוימישע סאָכרימ פאַר־כאַפּט אינ זייערע הענט דעמ גאַנצנ האַנדל פונ איטאַליע מיט סיציליע, גריכנ־לאַנד אונ קאַרטאַגע. זיי האָבנ דורכגעפירט דורכנ סענאַט אַ גאַנצע ריי פאַרווער־מיטלענ קעגנ דעמ האַנדל פונ טאַרענט, קאַפּוע אונ אַנדערע פריערדיקע האַנדל־צענטערס פונ דאָרעמ־איטאַליע. אַזויווי דער אַלטער האַפנ פונ רוימ, אָסטיע, איז איצט געוואָרנ ניט גענוג אַפּ אַריינצונעמענ האַנדל־שיפנ פונעמ גאַנצנ מיטללענדישנ יאַמ, האָבנ די רוימער אויסגעבויט אַ נייעמ גרויסנ האַפנ פוטעאָל, לעבנ נעאַפּאָל. דער דאָזיקער האַפנ איז געווענ פאַרייניקט מיט רוימ דורכ אַ ברייטנ וועג, וואָס איז געווענ אויסגעברוקירט מיט שטיינער־פּלי־



געמעל 58. רעשטנ פאַרבליבענע וועגנ פונ רוימ קיינ קאַפּוע (אינ דער אומגעגנט פונעמ הייַנטיקנ רוימ).

טעס אונ איז דורכגעגאַנגענ דורכ קאַפּוע (געמ. 58). רוימ איז געוואָרנ דער האַנדל־ אונ געלט־צענטער פונ איטאַליע. אינ 269־טנ יאָר איז פאַרווערט געוואָרנ דער אומגאַנג פונ אַלע אָרטיקע זילבערנע מאַטבייעס אונ פאַר דער איינציקער געזעצלעכער מאַטבייע איז דערקלערט געוואָרנ דער רוימישער זילבערנער סעסטערצ (אַרומ 10 קאָפּעקעס). די שטאָט רוימ איז זיכ צעוואַקסנ, די באַפעלקערונג זייַנע האָט זיכ שנעל פאַרגרעסערט; פאַרקערט, די אַלטע גריכישע שטעט זייַנענ אַלצ רויִנירט געוואָרנ אונ זייער באַפעלקערונג האָט זיכ אַלצ פאַרקירצט.

118. די דעראָבערונג פונעמ מיטללענדישנ יאַמ. מיר ווייסנ שוינ, אַז אינעמ מייַרעוו־טייל פונעמ מיטללענדישנ יאַמ זייַנענ די באַלעבאַטימ געווענ די סאָכרימ פונ קאַרטאַגע, אַ פיני־קיישע שטאָט, וואָס עס האָבנ געגרינדעט קאָלאָניסטנ פונ צויר נאָכ אינ VIII יאָרהונדערט פאַר אונדזער ערע. קאַרטאַגענ

זײַנען געװען אונטערטעניק אַלע פֿיניקײשע קאָלאָניעס אפֿן צאָפֿנ־ברעג פֿונ אפֿריקע און אינ שפּאַניע; אױסער דעמ, האָבנ די קאַרטאַגענער פֿאַרכאַפּט קאָרסיקע, סאַרדיניע און דעמ מײַרעװ־טײל פֿונ סיציליע. אינ IV יאָרהונדערט איז עס געװען אַ רײַכע און שטאַרקע מעלוכע. קאַרטאַגענ האָט געהאַט אַ גרױסנ מיליטערישנ און האַנדלשנ פֿלאָט און אַ גרױסע געדונגענע אַרמײ.

מיט רױמ האָט קאַרטאַגענ אונטערגעהאַלטנ גוטע באַציִונגענ. אָבער װענ אינ אָנהײב III יאָרהונדערט האָט רױמ אָנגעהױבנ אונטערװאַרפֿנ אונטער זיך אַלע גריכישע שטעט אינ איטאַליע, זײַנען די קאַרטאַגענער געװאָרנ אומרויִק און האָבנ אַפֿילע געשיקט זײער פֿלאָט אַרױסצוהעלפֿנ טאַרענט, װאָס איז באַלאַגערט געװאָרנ פֿונ רױמ. אָבער דער פֿלאָט האָט פֿאַרשפּעטיקט,—װענ ער האָט זיך דערנענטערט צו טאַרענט, האָט זיך שױנ די שטאָט אונטערגעגעבנ.

די אױסבילדונג פֿונ דער רױמישער מעלוכע אינ איטאַליע און דער שנעלער װוּקס פֿונעמ רױמישנ רײַכטומ און דער מיליטערישער קראַפֿט איז געװענ פֿאַר קאַרטאַגענ זײער ניט אָנגענעמ. עס האָט זיך באַװיזנ אַ שטאַרקער קאָנקורענט — אַ נײַער רױבער, װאָס האָט געדראָט אָפּצונעמענ באַמ אַלטנ אַ טײל פֿונ זײַנ רױב. פֿונ זײער זײַט האָבנ די רױמער נאָך דער קאַרטאַגענער דעמאָנסטראַציע אונטער טאַרענט אָנגעהױבנ זיך באַציִענ מיט כשאַד צו אַלע קאַרטאַגענער מאָסמיטלענ. צװישנ די דאָזיקע צװײ רױבער האָט אומפֿאַרמײַדלעך געמוזט אױסברעכנ אַנ אָפֿענער קאַמף, פּונקט װי אינ V יאָרהונדערט איז געװענ אומפֿאַרמײַדלעך דער קאַמף צװישנ אַטענ און קאָרינט.

דער קאַמף פֿונ רױמ מיט קאַרטאַגענ האָט זיך אָנגעהױבנ אינ 264־טנ יאָר און האָט געדױערט העכער 60 יאָר. אײנע נאָך דער אַנדערער זײַנען פֿאָרגעקומענ צװײ גרױסע מילכאָמעס צװישנ רױמ און קאַרטאַגענ. די רױמער האָבנ די דאָזיקע מילכאָמעס אָנגערופֿנ פּונישע, ד. ה. מילכאָמעס מיט די פּונער, װי מע פֿלעגט אינ רױמ אָנרופֿנ די קאַרטאַגענער. בײדע מילכאָמעס האָבנ זיך געענדיקט מיט אַ זיג פֿונ רױמ; די צװײטע מילכאָמע האָט געבראַכט צומ אונטערטעניקנ רױמ און אױך אַלע לענדער אינ מײַרעװ-טײל פֿונעמ מיטללענדישנ יאַמ.

די ערשטע מילכאָמע האָט זיך אָנגעהױבנ צוליב סיציליע. מױרע האָבנדיק, אַז די רױמער זאָלנ ניט פֿאַרכאַפּנ דעמ מיזרעכדיקנ, גריכישנ טײל פֿונ דעמ דאָזיקנ ברױטרײַכסטנ אינדזל, האָבנ די קאַרטאַגענער געשיקט זײער מיליטער צו פֿאַרנעמענ מעסענע און סיראַקוזע — די װיכטיקסטע גריכישע שטעט אינ סיציליע. די מעסענער האָבנ זיך געװענדט צו די רױמער נאָך הילף, און עס האָט זיך אָנגעהױבנ די ערשטע פּונישע מילכאָמע. זי האָט זיך געצױגנ 23 יאָר. די רױמער זײַנען אַריבערגעשװוּמענ קײנ סיציליע און האָבנ זי שנעל פֿאַרנומענ. שפּעטער האָבנ זײ אױסגעבױט אַנ אײגענעמ מיליטערישנ פֿלאָט. אױף זײערע מיליטערישע שיפֿנ האָבנ זײ געמאַכט ספּעציעלע האַקנס, קעדײ צו פֿאַרקלאַמערנ זיך מיט דעמ סױנעס שיפֿנ. פֿאַרקלאַמערט זיך, פֿלעגנ די מאַטראָסנ אַריבערװאַרפֿנ אױף דער פּאַלובע פֿונ דעמ סױנעס שיף פֿונ פֿריִער אָנגעגרײטע בריקלעך, איבער זײ פֿלעגנ אַריבערגײנ די רױמישע סאָל־

דאטן און דורך א האנט-געשלעג פלעגן זיי איינעמען דעם סוינעס שיף (געמ. 59). מיט אזא טאקטיק האָבן די רוימער פארניכטעט דעם קארטאגענער פלאָט, וואָס האָט זיך גערעכנט פאר אן אומבאזיגבארן, און זיינען אריבערגעשווומען קיין אפריקע, קעדיי צו נעמען קארטאגען. אָבער דאָס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבן. נאָך א 12-יאָריקער מילכאָמע אין אפריקע האָבן זיך ביידע צדאָדים איינגעמאטערט. און עס איז געשלאָסן געוואָרן א גינסטיקער שאָלעם פאר די רוימער (אין 241-טן יאָר). פאר די רוימער איז פארבליבן סיציליע און סארדיניע. קארטאגען האָט באצאָלט א גרויסע סומע געלט (קאָנטרי־בוציע) און האָט זיך פארפליכטעט ניט אריינמישן זיך אין



געמעל 59. א רוימישע מיליטערישע שיף (עס זעען זיך דער האקן און די בריקן אין דער פאָרם פון א לייטער).

די איטאלישע איניאָנים. אויסער דעם, האָבן די רוימער פאר דער צייט פון דער מילכאָמע ארויסגעפירט פון אפריקע העכער 20.000 קנעכט.

ביידע צדאָדים האָבן זיך נאָך דעם גענומען גרייטן צו א נייער אנטשיידענער מילכאָמע.

● די רוימער האָבן דיסקאָנטירט זייערע דורכפאלן אין אפריקע. מיטן באהערשן סיראקוזע זיינען צו די רוימער אין די הענט איבערגעגאנגען די באלאגערונג-מאשינעס פון דער סיראקוזער ארמיי, וואָס זיינען אויסגעבויט געוואָרן פון אלעקסאנדריער מעכאניקער און האָבן דעמלט געשעמט אין דער גאנצער וועלט. מיט דער הילף פון די גריכישע מעכאניקער האָבן די רוימער לויט די דאָזיקע מוסטערן אויסגעבויט פאר זייער ארמיי באלאגערונג-מאשינעס און האָבן זיי פארפולקומט. די גרונט-מאשינעס זיינען געווען צוויי. די ערשטע האָט זיך גערופן „באליסטא”, ד. ה. שליידער-מאשין; זי פלעגט שליידערן שטיינער קעגן די פארטיידיקער פון דער באלאגערטער שטאָט; די צווייטע מאשין — דאָס איז דער וואנטברעכערישער טאראן. דער רוימישער טאראן פלעגט געמאכט ווערן

מיט אן אײַזערנעם שפּיץ אין דער פאָרם פון א קאָפּ פון א באראן און דערי־בער האָט זיך די דאָזיקע מאשין אָנגערופן באראן. דעם טאראן פלעגט מען אופהענגען אפ קייטן אין א פארמאכט ווענעלע, פון וועלכן עס פלעגט זיך פון אויסן ארויסרוקן דער ארבעט-עק פון דעם טאראן. אין דעם וועגל פלעגן זיך שטעלן סאָלדאטן, אנדערע פלעגן צופירן דעם טאראן צו דער וואנט פון דער שטאָט, די סאָלדאטן אין דעם וועגל פלעגן פאנאנדערוויגן דעם טאראן און פלעגן זיך סטארען דורכצוברעכן מיט זײַנע קלעפּ א שפּאלט אין דער וואנט (געמ. 60).

די קארטאגענער האָבן זיך געגרייט צו דער מילכאָמע פלאנמעסיק. אין קארטאגען האָט זיך דעמלט ארויסגערוקט א געניאלער קריגפירער האניבאל. ער האָט צונויפגעשטעלט א העכסט דרייסטן פּלאן פון יאבאָשע־מארש אפ רוים.



געמעל 60. א טאראן מיט א קאָפּ פון א באראן.

האניבאל האָט פארנומען גאנץ שפּאניע, ער האָט אָנגענומען א ריזיקע לויט יענער צײַט ארמיי פון ליוויער און שפּאניער קימאט פון 140.000 מאן, ער האָט מיט זיך גענומען 58 שלאכט־העלפאנדן, און אין 218־טן יאָר האָט ער זיך א לאָז געטאָן דורך די פּירינייער בערג איבער דעם דאָרעם-ברעג פון גאליען (איצטיק פראנקרײַך) קיין איטאליע. די רוימער האָבן אין קיין פאל ניט דער־וואַרט קיין געפאר פון צאָפן און האָבן ניט באוויזן ארויסצושיקן גענוג קרעפטן קעגן האניבאלן. איינע נאָך דער אנדערער האָט האניבאל צעקלאפּט דרײַ רוי־מישע ארמייען; דער וועג קיין רוים איז געווען אָפן. אָבער האניבאל איז ניט אוועק גלײַך אפ רוים, ווײַל זײַן ארמיי האָט געהאט גרויסע פארלוסטן, און ער האָט זיך ניט באשלאָסן אָנצוהייבן מיט די דאָזיקע קויכעס די באלאגערונג פון רוים. ער האָט געפאָדערט פון קארטאגען פארשטארקונגען, און אליין איז ער דורך די אפעניגע איבערגעגאנגען אפן מיזרעך־ברעג פון איטאליע, קעדיי אופ־צוהייבן קעגן די רוימער די פארבינדעטע. דאָרטן האָט ער בא קאנן צעשלאָגן די 4־טע רוימישע ארמיי; דאָס איז געווען די סאַמע שרעקלעכסטע מאפּאָלע פון די רוימער (216־טער יאָר). די פארבינדעטע זײַנען אָפּגעפאלן פון רוים; אין סיציליע האָט זיך אָנגעהויבן אן אופשטאנד. און ווען די קארטאגענער מאָכרים

וואָלטן צוגעשיקט האניבאלן הילף, וואָלט אין א יאָר ארום רוים אינגאנצן באזיגט געוואָרן.

אָבער נאָך די דאָזיקע ניצכוינעס האָט די סאָכרישע אריסטאָקראטיע אין קארטאגען אָנגעהויבן מוירע צו האָבן פאר האניבאלן. האניבאלס סאָנים האָבן אָנגעהויבן מורמלען, אז נאָך דעם ניצאָכן איבער רוים וועט האניבאל פארכאפן די מאכט אין קארטאגען און וועט זיך דערקלערן פאר א קיניג. דעריבער האָט מען האניבאלן קיין הילף צו דער צײַט ניט געשיקט, די רוימער זײַנען געקומען צו זיך. דער רוימישער קאָנסול סציפיאָן, אויך א טאלאנט־פולער קריגפירער, האָט אופגעקליבן א גרויסע ארמיי, האָט ארויסגעשטעלט א פארדעקונג קעגן האניבאלן און מיט די הויפט־קויכעס איז ער אוועק קיין סיציליע, דערשטיקט דאָרטן דעם אופשטאנד און איז פון דאָרטן אוועק קיין שפאניע און זי אונטערטעניקט. פון שפאניע איז סציפיאָן אוועק קיין אפריקע און, ניט באגעגענדיק קיין ווידערשטאנד, האָט ער זיך א לאָז געטאָן קיין קארטאגען. די קארטאגענער האָבן אין פאניק ארויסגערופן פון איטאליע האניבאלן, אָבער ער האָט שוין ניט געקאָנט פארבעסערן די לאגע. אין 202־טן יאָר האָט סציפיאָן צעקלאפט האניבאלן בא זאמא, אינגאנצן 150 קילאָמעטער פון קארטאגען. די קארטאגענער האָבן געבעטן שאָלעם. סציפיאָן האָט דיקטירט אזוינע באדינגונגען: אין פארלויף פון 50 יאָר יערלעך צאָלן צינז רוים 200 טאלאנטן גאָלד (75.000 רובל; אינגאנצן פאר 50 יאָר — 15 מיליאָן רובל), ארויסגעבן דעם מיליטערישן פלאָט און די שלאכט־העלפאנדן, ניט פירן קיין שום מילכאָמעס און ניט שליסן קיין שום אָפמאכן אָן דעם העסקעם פון רוים. קארטאגען האָט זיך אונטערגעגעבן און איז געוואָרן א צינז-פליכטיקער פון רוים. שפאניע מיט אירע זילבער־און בלײַ־שאכטעס איז געבליבן בא רוים.

נאָך דעם האָבן זיך די רוימער ארײַנגעמישט אין די גריכישע איניאָנים. די גריכישע שקלאפנבאזיצערישע פאָליסן אפן מײַרעוו־ברעג פון באלקאנישן האלב-אינדזל האָבן געליטן פון פיראטן. די רוימער האָבן פאָרגעלייגט זייער דינסט און האָבן פארניכטעט די פיראטן. דאן האָבן, ווי מיר ווייסן, די שקלאפנבאזיצער אויך פון אנדערע גריכישע פאָליסן אָנגעהויבן רופן די רוימער צוהילף קעגן די אופשטאנדן פון די רויִנירטע פויערים און האנטווערקער. דאָס שטענדיקע ארײַנמישן זיך פון רוים אין די גריכישע איניאָנים האָט זיך פארענדיקט דערמיט, וואָס אין 146־טן יאָר האָבן די רוימער ענדגילטיק פארײַניקט גריכנלאנד און מאקעדאָניע צו זייער מעלוכע. דערבײַ איז דער דעמלטיקער סאמע גרעסטער פאָליס פון גריכנלאנד, קאָרינט, צעשטערט און פארברענט געוואָרן און די אײַנוווינער זײַנען פארוואנדלט געוואָרן אין קנעכט. טאקע אין דעם זעלביקן יאָר האָבן זיך די רוימער צוגעטשעפעט צו עפעס א פוסטן אויסרייד און האָבן אוועקגעשיקט א שטראָף-עקספעדיציע קעגן קארטאגען. קארטאגען

איז כאָרעוו געוואָרן, און דאָס אָרט, ווו קאַרטאַגענ איז געשטאַנען, איז פאַר־אַקערט געוואָרן.

אַזוי זיַינען פאַרניכטעט געוואָרן אַלע האַנדל־קאָנקורענטן פון רוים, די רוימישע מאַכט האָט זיך פאַרשפּרייט אויפן גאַנצן מיטלענדישן יאַם, און עס האָט זיך געבילדעט די גרויסע רוימישע שקלאַפנבאַזיצערישע מעלוכע.

2. דער אויפבלי פון דער גרויסער רוימישער שקלאַפנ־באַזיצערישער מעלוכע

119. די רוימישע שקלאַפנבאַזיצערישע מעלוכע. די פון רוים אונטערטעניקטע געגנטן, פון שפּאַניע ביז גריכישן ברעג פון קליינ-אַזיע, זיַינען דערקלערט געוואָרן פאַרן „אַרויסבאַקום פון דעם רוימישן פאָלק“. די פעלקער, וואָס האָבן זיי באַווינט, זיַינען פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַזוינע, וואָס האָבן זיך אונטערגעגעבן אויפן זיגערס גנאָד. פון „כעסעד“ האָבן די רוימישע קאָנסולן ניט פאַרוואַנדלט אַלע ביז איינעם אין קנעכט, אָבער דער סענאַט האָט בא זיי אָפּגענומען אַלע רעכט.

די גאַנצע ערד מיט אירע אייַנוווינער, מיט די אַקער־פעלדער, וועלדער האָט זיך גערעכנט פאַרן אַרויסבאַקום פונעם רוימישן פאָלק, און דער סענאַט האָט איבער איר פאַרשאַפט לויט זיַין אײַנזען. די שאַכטעס, די בעסטע וועלדער, די שטיינ-ברעכערײַען, די גרעסטע שטיקער אַקער־ערד זיַינען אָפּגענומען געוואָרן דירעקט פאַר דער רוימישער מעלוכע. און יענע ערדן, וואָס זיַינען איבערגעבליבן אין רעשום פון די פריערדיקע באַזיצער, האָבן זיך שוין איצט גערעכנט ניט אַלס זייער אייגנטום, נאָר אַלס א צייַטווייַליקער באַזיץ. דער סענאַט האָט אויך די דאָזיקע ערדן געקאָנט אָפּנעמען פאַר דער מעלוכע.

די רוימער און זייערע איטאַליענישע פאַרבינדעטע האָבן קיין שטייַערן אין דער מעלוכע-קאַסע ניט געצאָלט. די אייַנוווינער פון די באַזיגטע לענדער זיַינען באַלייגט געוואָרן לעטויוועס „דעם רוימישן פאָלק“ מיט שטענדיקן ריזיקן צינז.

די רוימער און זייערע פאַרבינדעטע פלעגן רעגירט ווערן אויפן גרונט פון פינקט־לעכע געזעצן. די געגנטן פלעגן רעגירט ווערן פון אָנקאָנטראָלי־קער מיליטער-מאַכט, אָן קיינע שום געזעצן. אויף צו פאַרוואַלטן מיט די אונטערטעניקע געגנטן פלעגן געשיקט ווערן קאָנסולן, נאָך דעם ווי זיי האָבן אָפּגעדינט א יאָר. דער קאָנסול פלעגט באַקומען אַלס זיַין פּראָווינץ, ד. ה. אַלס געגנט פאַר זיַין מיליטערישן פאַרוואַלטן, א באַשטימטע אונטערגעטעניקטע געגנט, פלעגט אַהין אָנקומען מיט מיליטער און אין פאַרלויף פון א יאָר אָדער צוויי פלעגט ער מיט איר פאַרוואַלטן לויט די געזעצן פון קריג-צייַט. דאָרטן איז ער געווען פאַר א קאָנסול, אויף לאַטייַן — פּראָקאָנסול.

די באַפעלן פונעם פּראָקאָנסול האָבן געהאַט די קראַפט פון א געזעץ. ער פלעגט אויפזאַמלען צינז, ער האָט געהאַט דאָס רעכט אָפּצונעמען יעדערנס פאַרמעגן פאַר דער מעלוכע, געקאָנט אָפּשאַפן באַשטימונגען פון געריכט אָדער פון די אָרטיקע

מאכטן, ער האָט געהאַט דאָס רעכט צו אורעסטירן און צו קעפּן אָן געריכט די אײַנ-וווינער פון דער פּראָווינץ בלויז לויט זײַן באַפעל. די אײַנוווינער פון דער פּראָווינץ זײַנען געווען מעכויעוו אויסצוהאַלטן אױף זייער כעזשבן דעם פּראָקאָנסול, זײַן שטאַב, קאַנצעליאַריע און מיליטער. צוליב דעם זײַנען זיי געווען מעכויעוו לויט דער ערשטער פאָדערונג פונעם פּראָקאָנסול אַרײַנצוטראָגן געלט-סומעס און צוצושטעלן פּראָדוקטן אין דער צאָל, וואָס פלעגט אָנגעוויזן ווערן אין דעם פּראָקאָנסולס באַפעל. קלאָגן זיך אױף די מײַסים פונעם פּראָקאָנסול האָבן די פּראָווינציאַלן קיין רעכט ניט גע-האַט.

מיט יעדן קלענסטן אויסרייד פלעגן די פּראָקאָנסולן דורכפירן אַ ווילדע מיליטע-רישע שטראָף איבער די פּראָווינציאַלן. די דאָזיקע שטראָפן פלעגן שטענ-דיק באַגלייט ווערן מיט פאַרוואַנדלען אין קנעכט די „ווידער-שפּעניקע" און „בונטאַרן". דעריבער זײַנען די פּראָווינצן געוואָרן אַ שטענדיקער קוואַל פון אַלץ נײַע און נײַע פּאַרטיעס קנעכט. עס איז אומעגלעך אויסצורעכענען וויפל קנעכט עס פלעגט פון די פּראָווינצן אַרײַנפאַלן יעדעס יאָר אין איטאַליע. עס זײַנען געווען גענוג נאָר אייניקע בײַשפילן. פון שפּאַניע זײַנען נאָך אזא מין באַשטראָפן די אופשטענדלער פון די אונטערגעטעניקטע אוועקגעשיקט געוואָרן קיין איטאַליע 20.000 קנעכט. פון גריכנלאַנד זײַנען אין די 40-ער יאָרן פונעם II יאָרהונדערט אוועקגעשיקט געוואָרן קיין איטאַליע 150.000 קנעכט.

120. דער שקלאַפנבאַזיצערישער פּראָדוציר-אויפן אין דער רוימי-שער מעלוכע.

די פּראָווינצן פלעגן צושטעלן קנעכט און אַרבעטן אױף זייערע נײַע הערשער, זיי פלעגן זיי שפּײַזן, באַקליידן און באַרײַכערן. אַדאַנק דעם איז די אַנטוויקלונג פונעם שקלאַפנבאַ-זיצערישן פּראָדוציר-אויפן אומגעהייער פאַרגיכערט געוואָרן אין דעם II און I יאָרהונדערטן פאַר אונדזער ערע האָט זי דער שקלאַפנבאַזיצערישער פּראָדוציר-אויפן פאַרשפּרייט און איז געוואָרן דער הערשנדיקער אין גאַנץ איטאַליע. אזוי אויך אין די פּראָווינצן, ווו עס האָט ביז זייער דעראָבערט ווערן פון רוים געהערשט דער פעאָדאַלער פּראָדוציר-אויפן—אין שפּאַניע, מאַקעדאָניע, קליין-אַזיע.

אין אונטערשייד פון די גריכישע פּאָליסן פלעגט אין אי-טאַליע און אין די פּראָווינצן קנעכט-אַרבעט אָנגעווענדט ווערן דעריקער אין די שאַכטעס און אין דער לאַנדווירטשאַפט. אינדוסטריעלע ווארשטאַטן מיט קנעכטישער אַרבעט האָבן ניט באַקומען קיין גרויסע פאַרשפּרייטונג ניט אין רוים און ניט אין אַנדערע גרויסע איטאַליענישע שטעט. די רוימישע שקלאַפנבאַזיצער האָבן געזוכט שנעלע און לײַכטע פּראָפיטן און די אינדו-סטריעלע האַנט-פּראָדוקציע האָט אזוינס ניט געקאָנט געבן. די פּראָדוקציע פון טײַערע אויסאַרבעטונגען, פון לוקסוס-זאַכן האָט געקאָסט טײַער, און די רוימישע אינדוסטרי-עלער איז געווען שווער צו קאָנקורירן מיט דער אַלטער, געניטער, גוט אײַנגעאָרדנ-טער גריכישער אינדוסטריע פון דעם שניט. דעריבער האָבן די רוימישע שקלאַפנבאַזיצער געהאַלטן פאַר די סאַמע לוינבאַרע באַשעפ-טיקונגען האַנדל, ווּכער און לאַנדווירטשאַפט.

121. די שקלאַפנבאַזיצערישע ווירטשאַפט און די רויִנירונג פונעמ פויערטומ אינ איטאַליע. נאָכ די דעראָבערונגענ איז אינ דער לאַנדווירטשאַפט-לעכער פּראָדוקציע פונ איטאַליע פאָרגעקומענ אַנ עמעסע איבערקערעניש. ביז די דעראָבערונגענ זײַנענ אינ איטאַליע ניט געווענ קיינ גאָר גרויסע ערדבאַזיצנ; גיטער, וואָס זאָלנ זײַנ גרעסער פונ 150 הא, זײַנענ קימאַט ניט געווענ. נאָכ די דעראָבערונגענ האָט זיכ אָנגעהויבנ אַ שנעלע פאַרגרעסערונג פונ די ערדבאַזיצנ פונ דער סענאַטישער שקלאַפנבאַזיצערישער אַריסטאָקראַטיע. די געוועזענע קאָנסולנ און אַנדערע אַמט-פּערזאָנענ, וואָס זײַנענ רײַכ געוואָרנ אַפ די רויבערײַענ אינ די פּראָווינצנ, האָבנ אינ איטאַליע פאַרכאַפּט אַלע פרײַע באַצירקנ פונעמ געזעלשאַפטלעכנ פעלד, האָבנ פאַרנומענ אָדער גענומענ אינ אַרענדע מעלוכישע אַקערערדנ און פּיטער-פעלדער אינ די פּראָווינצנ און פלעגנ אויפקויפנ פאַר שפּאָט-ביליק פויערשע באַצירקנ.

פונ ענדע III יאָרהונדערט איז די פויערשע ווירטשאַפט אינ איטאַליע געקומענ צו יערידע איבער צוויי סיבעס. ערשטנס, זײַנענ די פויערימ רויִנירט געוואָרנ דורכ די מילכאָמעס מיט קאַרטאַגען. די ערשטע מילכאָמע האָט געדויערט 23 יאָר, די צווייטע — 17. די באַלעבאַטימ, וואָס זײַנענ אַוועק אַפ דער מילכאָמע, איז ניט געווענ מיט וועמענ צו פאַרבײַטנ, קויפנ קנעכט איז ניט געווענ פאַרוואָס, די אַרבעט-הענט פונ דער פאַמיליע האָבנ אָפט ניט געקלעקט, און פיל פויערימ זײַנענ דערפונ רויִנירט געוואָרנ. און ווענ די מילכאָמע מיט קאַרטאַגען האָט זיכ שוינ פאַרענדיקט, האָט זיכ אַפנ פויערטומ אָנגערוקט אַ נײַע צאָרע. סיציליע האָט נאָכ דעמ, ווי רוימ האָט זי באַזיגט, געמוזט צאָלנ רוימ ציַנזנ מיט ברויט; די רוימישע מעלוכע-קאַסע האָט נאָר געדאַרפט באַצאָלנ פאַר אַריבערפירנ דעמ ברויט פונ סיציליע ביז דעמ האַפנ פּוטעאָלי. דאָס דאָזיקע קימאַט אומזיסטע ברויט, פלעגט פאַרקויפט ווערנ אַפ גראָשנדיקע פרײַזנ — אַפ אונדזערע געלט ניט מער ווי 24 קאָ-פּעקעס פאַר 6 מאָדיעס, ד. ה. פאַר 50 קילאָגראַמ. די איטאַליענישע פויערימ פלעגט אָבער ברויט קאָסטנ באַדײַטנדיק טײַערער פונ דעמ דאָזיקנ פרײַז. זייער טוווע האָט שוינ ניט געלוינט, און איבערגייַנ צו דער מער לוינגאַרער סעדערײַ און צו פלאַנצנ ווײַנגערטנער האָבנ געקאָנט נאָר די פאַרמעגלעכע פויערימ. געוויינלעכע פויערימ — מיט ערדכאַלאָקימ פונ 1—2 הערעדיומס אַפ אַ פאַמיליע — זײַנענ אײַנגאַנצנ רויִנירט געוואָרנ און האָבנ אָנגעהויבנ פאַרקויפנ זייערע באַצירקנ.

צום סאָפ II יאָרהונדערט איז דער גרעסטער טייל פויערשע באַצירקנ אַריבער אינ די הענט פונ דער סענאַטישער שקלאַפנבאַזיצערישער אַריסטאָקראַטיע. אינ איטאַליע האָבנ זיכ געשאַפנ לאַטיפונדיעס, ד. ה. „גרויסע מאַיאָנטקעס", צו עטלעכע טויזנט העקטאַר אַ מאַיאָנטעק. אַזוינע לאַטיפונדיעס, וואָס האָבנ געהערט רוימישע שקלאַפנבאַזיצער, האָבנ זיכ געבילדעט אינ סיציליע, שפּאַניע, צאָפנ-אַפריקע און קליינ-אַזיע. אינ די לאַטיפונדיעס האָט מענ געזייט טוווע נאָר אינ דער פריִערדיקער עט-רוריע, ווו דער קלימאַט האָט ניט דערלויבט צו פלאַנצנ אײַלבערט-ביימער און ווײַנ-גערטנער. אינ די פרוכטבאַרע און וואַרעמע געגנטנ פונ דאָרעמ-

מײַרעוודיקער איטאליע האָבנ די שקלאפנבאזיצער פארפלאנצט ווײַנגערטנער, וואָס האָט זיכ גערעכנט פאר דער סאמער לוינבארער קולטור, אונ אײלבערט-פלאנטאציעס, אונ אינ די בארג-געגנטנ האָט מענ אָרגאניזירט גרויסע שאָפציכטלערישע ווירטשאפטנ.

אינ די לאטיפונדיעס פלעגט אָנגעווענדט ווערנ אויסשליסלעכ קנעכט-ארבעט. אָפהענגיק פונ דער גרייס פונ דער לאטיפונדיע, פלעגנ אינ איר ארבעטנ פונ אייניקע הונדערט ביז אייניקע טויזנט קנעכט. אינ יעדנ גוט פלעגנ די קנעכט צעטײלט ווערנ אפ גרופעס אונטער דער קאָמאנדע פונ אנ אופזעער. יעדע גרופע פלעגט, אָפהענגיק פונ סעזאָנ, געשטעלט ווערנ אפ א באשטימטער ארבעט.

אינ די סיציליִשע לאטיפונדיעס, ווו עס האָט זיכ געפירט א טוווע-ווירטשאפט, איז די ארבעט געווענ א סאכ שווערער, ווי אינ איטאליע. די סיציליִשע קנעכט האָבנ ניט נאָר געאקערט, געזייט, געשניטנ, געדראָשנ, נאָר אויכ געמאָלט די טוווע אפ שווערע האנט-מילנ. נאָר אייניקע, מער אויסגערעכנטע באלעבאטימ פלעגנ אפ דרייענ די מיל-שטיינער נוצנ פערד, וואָס קנעכט פלעגנ זיי אָנטרײַבנ; אָפטער פונ אלצ פלעגט מענ אָבער אָנשטאָט פערד שטעלנ צו די מילשטיינער קנעכט. די אופזעער, באוואָפנט מיט שטעקנס אונ מיט בײַטשנ, פלעגנ אכזאָריעסדיק שלאָגנ די קנעכט פאר יעדער קלענסטער שולד, פאר יעדער קליינעמ פארזענ אינ דער ארבעט (געמ. 61). איבער דער אומענטשלעכער באציִונג פונ די אופזעער אונ באלעבאטימ פלעגנ אינ סיציליע די קנעכט מאסנווײַז אנטלויפנ אינ די בערג אונ פלעגנ ניט זעלטנ מאכנ אופשטאנדנ. דעריבער פלעגנ ענדע II יאָרהונדערט פיל שקלאפנבאזיצער פארשמידנ זייערע קנעכט אינ קייטנ אונ פארשפארנ אפ דער נאכט אינ קאזארמעס, וואָס זײַנענ געווענ אײַנגעאָרדנט לויטנ מוסטער פונ טפיסעס אונ פלעגנ באשיצט ווערנ פונ א באוואָפנטער וואכ.


געמעל 61. מע באשטראָפט א קנעכט.

אינ די איטאלישע לאטיפונדיעס איז די ארבעט אינ די ווײַנגערטנער, אינ די אײלבערט-פלאנטאציעס אונ אינ די פיציכטלערישע ווירטשאפטנ געווענ גרינגער, אָבער די באציִונג צו די קנעכט איז געווענ פונקט אזא אומענטשלעכע, ווי אינ סיציליע. וועגנ די קנעכט פלעגנ זאָגנ די הארנ, אז זיי האָבנ פונקט אזא הארטע פעל, ווי אנ אייזל, אונ אז זיי זײַנענ קלוימערשט פונקט אזוי אומפילבאר צו קלעפ, ווי די אייזלענ, אונ דעריבער דארפ מענ זיי נאָכ מער שלאָגנ. פאר א פרווו צו אנטלויפנ פלעגט מענ שטעמפלענ די קנעכט מיט אנ אָנגעגליטנ

אײַזנ אונ צושמידנ זיי צו א קייט, אונ די, וואָס פלעגנ אנטלויפנ אונ מע פלעגט זיי כאפנ, פלעגט מענ זיי מאכנ א שרעקלעכנ טויט — מע פלעגט זעצנ אפ ווי־לעס, פארברענענ לעבעדיקערהייט, אָנגעטאָנ אפ זיי א דורכגעווייקטע אינ בוימל קלייד, מע פלעגט קרייציקנ, ארײַנוואַרפנ אינ צירק, עס זאָלנ זיי צערײַסנ ווילדע כײַעס.

122. קנעכט-ארבעט אינ די שאכטעס אונ אינ דער אינדוסטריע.

אינ די שאכטעס איז די עקספלואטאציע פונ דער קנעכט־ארבעט געווענ נאָכ אכזאָרישער, איידער אינ דער לאנדווירטשאפט. דאָרטנ האָט זיכ געפאָדערט א באשטימטע טאָג־נאָרמע, אונ אויב דער קנעכט פלעגט זי ניט אויספילנ, פלעגט ער באקומענ א „נאָרמע” קלעפ מיט א קאנטשיק. די קנעכט, וואָס האָבנ געארבעט אינ די שטיינ־ברעכערײַענ, פלעגנ זאָגנ, אז קיינ שום שטראָפ פאר זינדיקע אפ יענער וועלט קאָנ זיכ ניט פארגלײַכנ מיט דער קאטערזשנער ארבעט אינ די שטיינ־ברעכערײַענ. די שטוביקע אונ די לאנדווירטשאפטלעכע קנעכט, וואָס פלעגנ מיט עפעס זיכ פארזינדיקנ, פלעגנ די הארנ ניט זעלטנ באשטראָפנ מיט ארבעטנ א באשטימטנ טערמינ אינ די שטיינברעכערײַע

געמעל 62. א קנעכט, געשמידט אינ קייטנ.

עקספלואטירט קנעכט האָבנ ניט נאָר די לאנדווירטנ, די באזיצער אונ ארענדאטערס פונ שאכטעס, נאָר אויכ אזוינע שקלאפנבאזיצער פונ פלעבייענ סאָכרימ, וואָס האָבנ קיינ אייגענע אונטערנעמונגענ ניט געהאט. אזא מינ עקספלואטאציע פונ קנעכט־ארבעט איז אינ דער רוימישער מעלוכע געווענ פיל מער פארשפרייט איידער אינ גריכנלאנד. ווי אינ גריכנלאנד, פלעגנ די קנעכט־באזיצערס אויכ דאָ פארדינגענ קנעכט יעדערנ, ווער עס האָט זיכ נאָר גענייטיקט אינ א צײַטווײַליקער ארבעט־קראפט.

● אָבער אויסער אָט דער פאָרמ פונ עקספלואטאציע פלעגנ נאָכ די רוימישע קנעכטבאזיצער סאָכרימ אויכ אָנווענדנ אנדערע פאָרמענ. זיי פלעגנ נעמענ א פאָדריאד אפ אראָפנעמענ איילבערטנ אונ ווײַנטרויבנ אינ די לאטיפונדיעס. די דאָזיקע ארבעט פלעגט מענ דארפנ דורכפירנ שנעל, קעדיי די איילבערטנ אונ די ווײַנטרויבנ זאָלנ ניט איבערײַפנ, אונ דעריבער פלעגנ אינ די לאטיפונדיעס אפ דורכפירנ די דאָזיקע ארבעט זיכ פאָדערנ א גרויסע צאָל קנעכט. דער קנעכטבאזיצער דער סויכער פלעגט שיקנ פארטיעס ספעציעל אויסגעלערנטע קנעכט אונ פלעגט דורכפירנ דעמ אראָפנעמ פונ די איילבערטנ אונ די ווײַנטרויבנ פאר א

באשטימטנ טייל פונ דער פראָדוקציע, דאָסראָוו פונ $^1/_5$ ביז $^1/_8$, געווענדט אָנ דער גערעטעניש. דער שקלאפנבאזיצער דער סויכער פלעגט אפ אזא אויפנ אָנ קיינ שום שוועריקייַטנ באקומענ גרויסע פארטיעס ווערטפולע פראָדוקטנ.

אנדערע שקלאפנ־באזיצער סאָכרימ פלעגנ די קנעכט, וואָס האָבנ געקענט א מעלאָכע געבנ מיטלענ אפ עפענענ א ווארשטאט מיט דער פארפליכטונג אָפּצוגעבנ דעמ באלעבאָס א באשטימטנ טייל פונ זייער רעוועכ אונ פראָדוקציע. אפ אזוינע באדינגונגענ פלעגנ ארבעטנ די קנעכט געוואנט־וואלקער, וואָס פלעגנ איבער־ארבעטנ שעפסנ־וואָל אינ שטאָפ, וואָליק אונ אנד. וואָל־אויסארבעטונגענ. דער דאָזיקער אינדוסטריע־צווייַג איז אינ רוימ געווענ דער סאמע פארשפרייטער (געמ. 63). אנ אנדער זייער וויכטיקער אינדוסטריע־צווייַג איז געווענ די פראָדוקציע

געמעל 63. א ווארשטאט פונ געוואנט־וואלקערייַ.

פונ לאנדווירטשאפטלעכנ אינווענטאר — פלוגנ, סערפנ, קאָסעס, מאָטיקעס, העק, פעסלעכ, פרעסנ, מיל־שטיינער אונ אנד. די דאָזיקע אינדוסטריע איז פארשפרייט געווענ אינ קאמפאניע אונ אינ אנדערע דאָרעמ־געביטנ פונ איטאליע, ווו עס זייַנענ געווענ ערדארבעטערישע לאטיפונדיעס.

אויסער דעמ, פלעגט קנעכט־ארבעט, ווי אינ גריכנלאנד, אָנגעווענדט ווערנ אויכ אינ האנדל אונ אינ די מעלוכישע קאנצעליאריעס. אָנגעשטעלטע, כעזשבנפירער, אגענטנ, פארוואלטערס מיט קאָנטאָרנ, שרייַבערלעכ, טאמאָזשנע־אָנגעשטעלטע א. א. וו. — זייַנענ אלע געווענ פונ קנעכט. די מער פייִקע פונ דער דאָזיקער קאטעגאָריע קנעכט האָבנ געקאָנט האָפנ, אז מע זאָל זיי אָפּלאָזנ אפ דער פרייַ. אזוינע פרייַגעלאָזענע האָבנ זיכ ענדע II יאָרהונדערט באוויזנ פיל אינ רוימ אונ אינ איטאליע. זיי האָבנ זיכ אוועקגעלאָזנ אינ פארשיידענע אונטערנעמונ־

גענ, האָבנ אָנגעלעבט גרויסע פארמעגנס אונ זײַנען אלײנ געוואָרנ שקלאפּנבאזיצער אונ עקספּלואטאטערס.

123. די רויבערישע עקספּלואטאציע פונ די פּראָווינצנ. די שקלאפּנ-באזיצער פלעגנ עקספּלואטירנ די פּראָווינצנ אפנ סאמע רויבערישנ אויפנ, אויס־זויגנדיק פונ זיי דעמ גאנצנ זאפט. פארשיידענע גרופּעס שקלאפּנבאזיצער פלעגנ אפנ כעזשבנ פונ דער פּראָווינציעלער באפעלקערונג זיכ בארײַכערנ אפ פאר־שיידנערליי אופאנימ.

די סענאטישע דינסט-אריסטאָקראטיע פלעגט זיכ בארײַ־כערנ אפנ כעזשבנ פונ מילכאָמע־רויב אונ אפנ כעזשבנ פונ אדמיניסטרירנ די פּראָווינצנ. דער מילכאָמע־רויב איז בא-



געמעל 64. מע פירט אפ פורנ דעמ מילכאָמע־רויב.

שטאנענ פונ ווערטפולנ פארמעגנ אונ פונ געלט, וואָס מע פלעגט אָנראבעווענ אינ די באצווונגענע שטעט.

● ווענ אוואָסער ניט איז שטאָט פלעגט זיכ אונטערגעבנ די רוימער, פלעגט דאָרטנ פּאָרקומענ אנ אָרגאניזירטע צעראבירונג. דער קאָנסול פלעגט ארויסרופנ די שטאָט-מאכטנ אונ פלעגט זיי געבנ א באפעל: צושטעלנ צו א באשטימטנ טערמינ דאָס גאנצע גאָלד אונ זילבער. נאָכדעמ פלעגט מענ איינ העלפט סאָל-דאטנ שיקנ ראבעווענ די אײַנוווינער, אונ די צווייטע העלפט פלעגט זיכ שטעלנ אינ שלאכט-אָרדענונג באשיצנ די רויבער. דאָס גאָלד אונ די זילבער פלעגט אוועקגיינ אינ דער רוימישער מעלוכע-קאסע, אונ דעמ רויב, וואָס די סאָלדאטנ פלעגנ אָנראבעווענ, פלעגט מענ צעטײלנ צווישנ די קריגער. די ערשטע פלעגנ באקומענ זייער כײלעק די קאָמאנדירנ, דאָס איבעריקע פלעגט מענ טײלנ אפ גלײַכ צווישנ די סאָלדאטנ. ●

באמ אומקערנ זיכ פונ א מארש פלעגט דער קאָנסול באקומענ א טריומפ, דאָס הייסט, דאָס רעכט ארײַנצוגיינ אינ רוימ מיט מיליטער אינ פײַערלעכער פּראָצעסיע. דער קאָנסול פלעגט ארײַנפאָרנ אינ רוימ אפ אנ אויסגעפּוצטנ רײַט-וואָגנ אונ נאָכ אימ פלעגט מענ פירנ אונ טראָגנ דאָס גאָלד, דעמ זילבער אונ די ווערטפולע כפייצימ, וואָס מע האָט אָנגעראבעוועט בא די באזיגטע, אונ מע פלעגט טרײַבנ די געפאנגענע (געמ. 64). נאָכ דעמ טריומפ פלעגט דער קאָנסול באקומענ פונ דעמ רויב א גרויסנ געלט-געשאנק; עס פלעגנ אויכ באקומענ גרויסע געלט-געשאנקענ די קאָמאנדירנ אונ סאָלדאטנ. גאָלד אונ זילבער

פלעגנ נאָכ יעדער מילכאָמע־מארש ארײַנקומענ אינ דער רוימישער מעלוכע־קאסע אפ א גוואלדיקער סומע.

● צומ בײַשפיל, אינ יאָר 194 נאָכנ ערשטנ מארש קעגנ מאקעדאָניע האָט נאָכנ טריומפ דער קאָנסול געגעבנ אפ אונדזער וואָג ארומ 50 טויזנט קילאָגראמ זיל-בער אונ זילבערנע כפייצימ, ארומ 5000 קילאָגראמ גאָלד אונ גאָלדענע כפייצימ. נאָכנ 2-טנ מארש אינ מאקעדאָניע אונ אינ גריכנלאנד איז אָפגעגעבנ געוואָרנ נאָכ מער—ארומ 110.000 קילאָגראמ זילבער אונ ארומ 40.000 קילאָגראמ גאָלד אונ 1231 העלפאנד-בײנ. ●

אפנ פארוואלטנ מיט די פראָווינצנ פלעגנ די קאָנסולנ, די קאָמאנדירנ פונ באזונדערע טײלנ אונ די סאָלדאטנ זיכ אָנלעבנ אפנ כעזשבנ פונ די היסכײַוועסנ פונ די פראָווינ־ציאלנ. אויסצוהאלטנ דעמ פראָקאָנסול אונ זײַנ מיליטער, אזוי אויכ פונ כאבאר אונ פונ פאָשעטער רויבערײַ. דער פראָ־קאָנסול פלעגט זיכ אוועקלאָזנ אינ דער פראָווינצ אָנ א גראָשנ אינ קעשענע אונ פלעגט פונ דאָרטנ קומענ א רײַכער מענטש. מיט זייערע רויבערײַענ פלעגנ די קאָנסולנ גאנצ אָפט כאָרעוו מאכנ פראָווינצנ ביזנ גרונט. אזוי האָט א פראָ־קאָנסול, ווערעס, בלויז פאר איינ יאָר נאָר פונ זײַנ פארוואלטנ אזוי כאָרעוו געמאכט סיציליע, אז פאר 15 יאָר צײַט האָט זי ניט געקאָנט קומענ צו זיכ.

די רײַכע סאָכרימ פונ די פלעבייער אונ פונ די פרײַגעלאָ־זענע פלעגנ זיכ בארײַכערנ אפנ כעזשבנ פונ די פראָווינ־ציאלנ דורכ דער פאכט-סיסטעמ. די דאָזיקע סיסטעמ איז באשטא־נענ אינ דעמ, וואָס דאָס אײַנמאָנענ צינזנ בא די פראָווינציאלנ אונ די פאנאנ־דערארבעטונגענ פונ די מעלוכישע שאכטעס, שטיינברעכערײַענ אונ פונ אנדערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ פלעגנ ניט דורכגעפירט ווערנ דורכ דער רוי־מישער רעגירונג גופע, נאָר פלעגנ אָפגעגעבנ ווערנ אינ פאכט פריוואטע קאפי־טאליסטנ. די פאכטערס פלעגנ זיכ פארפליכטנ ארײַנצוטראָגנ אינ דער מעלוכע־קאסע די געפאָדערטע צינזנ פונ א באשטימטער פראָווינצ, אָדער א באשטימטנ ארענדע־געצאָלט פאר די אינ פאכט־גענומענע אינדוסטריע־אונטערנעמונגענ. די פאכטערס, וואָס פלעגנ נעמענ אפ פאכט די צינזנ, פלעגנ זיכ אוועקלאָזנ אינ דער פראָווינצ אונ דאָרטנ פלעגנ זיי מיט דער הילפ פונ די רוימישע סאָלדאטנ אופמאָנענ בא דער באפעלקערונג אזויפיל וויפל זיי האָבנ געקאָנט ארויסקוועטשנ; די גאנצע מויסרעס איבער דער באשטײַערונג פלעגט אָנקומענ די פאכטערס.

די פאכטערס פלעגנ געוויינלעכ בילדנ קאָמפאניעס, פלעגנ האלטנ א גרויסנ שטאט אָנגעשטעלטע כעזשבנפירער פונ קנעכט, האָבנ געהאט זייערע שיפנ אונ סקלאדנ, זיי האָבנ אפילע אָרגאניזיר׳ט א רעגולערע פאָטשט צווישנ רוימ אונ די פראָווינצנ. די פאכטערס זײַנענ אויכ געוואָרנ באנקירנ. זיי פלעגנ פאָרלייגנ אלעמענ, מע זאָל בא זיי קרײַבנ געלט, זיי פלעגנ עס לאָזנ אינ אומ־זאצ, אונ די דעפאָזיטאָרנ פלעגנ זיי צאָלנ א ניט גרויסנ פראָצענט.

אזויארומ זײַנענ אינ דער רויבערישער עקספלואטאציע פונ די פראָווינצנ געווענ פארינטערעסירט אלע גרופנ פונ די פרײַע רוימישע בירגער. אָבער די סאָלדאטנ די פויערימ אונ די

פּאָשעטע באַלמעלאָכעס און קרעמערלעך, וואָס האָבן געהאַט ניט קיין גרויסע סומעס אָפּשפּאָרונגען, פלעגן באַקומען בלויז דעם סאַמע קלענסטן טייל דערפון, וואָס מע פלעגט אַרויספּאָמפּען פון די פּראָווינצן. דער גרעסטער כײַלעק פלעגט אָנקומען פאַרשיידענע גרופּעס שקלאַפנבאַזיצער. איינער אַ רוימישער שרײַבער פון יענער צײַט האָט זיך זייער גאַליק אָפּגערופן וועגן דער רוימישער שקלאַפנבאַזיצערישער געזעלשאַפט. לויט זײַנע ווערטער באַשטייט זי אײַנגאַנצן פון גאַנאָווים; אָבער ניט אַלע גאַנאָווים האָבן איין מאַזל: „פּאָשעטע גאַנאָווים זיצן אין קייטן, און געזעלשאַפטלעכע גאַנאָווים גייען אָנגעטאָן אין גאָלד“.

124. די סענאַטישע שקלאַפנבאַזיצערישע רעפּובליק. מיט די אײַניאָנים פון דער רוימישער רעפּובליק האָבן אָנגעפירט ניט אַלע שקלאַפנבאַזיצער, נאָר איין גרופּע זייערע. די דאָזיקע אָנפירנדיקע גרופּע האָט דעמאָלט געהייסן נאָבילן, ד. ה. די רומפולע, די מעיוכעסדיקע; די גרופּע נאָבילן איז באַשטאַנען פון עטלעכע צענדליק אַלטע פּאַטריציאַנישע און פּלעבייִשע ערדבאַזיצערישע פאַמיליעס. די נאָבילן האָבן אייפערדיק געהיט דעם אַלטן רוימישן געזעץ, לויט וועלכן מע האָט אַפּ שטעלעס פון קאָנסולן און אַפּ אַנדערע הויכע מעלוכישע שטעלעס געקאָנט אויסקלײַבן נאָר גרויסע ערדבאַזיצער. די נאָבילן האָבן זיך געסטאַרעט דורכפירן אַפּ די וואַלן מענטשן פון זייערע קרײַזן און האָבן ניט אַרײַנגעלאָזן אין זייער סוויווע קיין נײַע מענטשן.

פאַרשטענדלעך, אַז מיט דער הערשאַפט פון די נאָבילן האָבן ניט געקאָנט זײַן צופרידן די רויִנירטע פּויערים, וואָס זיי האָבן געבילדעט די מערהײַט פון דער פרײַער באַפעלקערונג אין איטאַליע. זייער אומצופרידנקײַט האָבן די נאָבילן געפּרווט באַרויִקן מיט פאַרשיידענע קליינע נאָכגעבעניִשן. אַזוי, זײַנען די נאָבילן געווען געצוווּנגען צו פאַרגרעסערן די רעכט פון די פאָלק־פאַרזאַמלונגען. דער סענאַט האָט אײַנגעשטימט, אַז די פּראָיעקטן פון נײַע געזעצן זאָלן אָפּגעשטימט ווערן אין די טריבוטישע פאַרזאַמלונגען און אַז די טריבונען זאָלן האָבן דאָס רעכט אַרײַנצוטראָגן זייערע געזעצגעבערישע פאָרשלאָגן אַפּ די טריבוטישע פאַרזאַמלונגען. אָבער די ענדגילטיקע באַשטימונג פון די געזעצן איז דאָך פאַרבליבן פאַרן סענאַט און די סענאַטאָרן זײַנען אַלע געווען פון די נאָבילן.

די רויִנירטע פּויערים האָט דער סענאַט פּרובירט צוציִען מיט געשאַנקען פון מילכאָמע־רויב. די נאָבילן פלעגן שטענדיק אַגיטירן פאַר נײַע מילכאָמע־מאַרשן און פלעגן שפּײַזן דאָס פאָלק מיט האָפענונגען אַפּ גרויסע כאַפּאָקים פונעם אָנגעראַבעוועטן. דעריבער פלעגט אין II יאָרהונדערט די פאָלק־פאַרזאַמלונג שטענדיק שטימען פאַר נײַע מאַרשן. אָבער די נעבעכדיקע ברעקלעך, וואָס די סאָלדאַטן פלעגן קריגן פונעם רויב, האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט פאַרבעסערן די פּויערשע ווירטשאַפט. אין רוים און אין אַנדערע שטעט האָבן אָנגעהויבן באַווײַזן זיך מאַסן ערדלאָזע פּויערים און אַרויסגעשטויסענע פון זייער פּראָדוקציע האַנטווערקער, ווי אין גריכנלאַנד אין IV יאָרהונדערט. מע האָט זיי גערופן מיטן אַלטן נאָמען

„פּראָלעטאַריער“, ד. ה. ערדלאָזע.* די נאָבילנ זײַנען געווען געצוווּנגען צו שפּײַזנ א טייל פונ די פּראָלעטאַריער אפ זייער כעזשבנ. יעדער נאָביל פלעגט זיכ אָנקלײַבנ א פּאַרטיע קליענטנ פונ די „פּראָלעטאַריער“, פלעגט זיי געבנ געלט־נעדאָוועס און שפּײַזנ זיי. אָבער דאָס פלעגט געטאָנ ווערנ ניט פאַר אומזיסט. דערפאַר האָבנ די קליענטנ געדאַרפט שטיצנ אפ דער פאָלק־פאַרזאַמלונג די נאָבילנ.

באַזונדערס וואַטראָנישע געשאַנקענ און רײַכע מאָלצײַטנ פלעגנ די נאָבילנ אײַנאָרדענענ בעשאַס די קאָנסול-וואַלנ. אייניקע נאָבילנ פלעגנ אויסגעבנ אינגאַנצנ זייער פאַרמעגנ אפ געשאַנקענ פאַר זייערע וויילער, אַבי נאָר דורכגיינ אַלס קאָנסול. אינ א יאָר אַרום פלעגט דער קאָנסול ווערנ א פּראָקאָנסול, פלעגט אוועקפאָרנ אינ א פּראָווינצ, דאָרטנ פלעגט ער ראַבעווענ די באַפעלקערונג און צוריקקערנ זיכ נאָכ א רײַכערער, ווי פריער.



געמעל 65. א שלאַכט מיט כײַעס (אינ צירק).

אויסער דעם, פלעגט מענ פאַר דעם אַרבעטלאָזנ האַמוינ אײַנאָרדענענ פאַרשיידענע שוישפּילנ, קעדיי אָפּצוּווענדנ אימ פונעם קלאַסנקאַמפּ. אַזויִנע שוישפּילנ זײַנענ געווענ די שוינ אונדז באַוווּסטע טריומפנ, אפ וועלכע עס פלעגט דעמאָנסטרירט ווערנ דאָס אָנגעראַבעוועטע. מע פלעגט אײַנאָרדענענ „שפּילנ“ אינ די צירקנ, אפ וועלכע די אָרעמע פלעגנ באַקומענ אומזיסטע בילעטנ. די דאָזיקע שפּילנ זײַנענ באַשטאַנענ אינ דעם, וואָס ספּעציעל-אויסגעלערנטע קנעכט פלעגנ זיכ שלאָגנ אפ דער אַרענע מיט ווילדע כײַעס (געמ. 65), אָדער פלעגנ פעכטנ מיט שווערדנ

* מיט דעם נאָמענ פלעגט מענ אינ רוים רופנ מענטשנ, וואָס זײַנענ אַרויסגעשטויסנ געוואָרנ פונ דער פּראָדוקציע. איצט רופט מענ אַזעלכע מענטשנ לומפּנ-פּראָלעטאַריאַט, וואָס האָט קיינ שום שײַכעס ניט מיטנ הײַנטצײַטיקנ אינדוסטריעלנ פּראָלעטאַריאַט.

איינער מיט אנדערנ. די לעצטע פלעגט מענ רופנ גלאדיאטערס, ד. ה. „שווערד-מענטשנ", פונ גלאדיוס—א שווערד. שלאָגנ פלעגט מענ זיכ אפ טויט, אָדער דער קנעכט פלעגט נאָכ א לאנגנ געראנגל דערהארגענענ די ווילדע כײַע און פלעגט ארויסגיינ א זיגער, איינגאנצנ אָפּגייענדיק מיט בלוט און וווּנדנ, אָדער די ווילדע כײַע פלעגט צערײַסנ דעם קנעכט. די גלאדיאטערס פלעגנ זיכ אויכ שלאָגנ ביזוואנענ איינ פארטיע פלעגט ניט באזיגנ די צווייטע. די דאָזיקע בלוטיקע שוישפּילנ פלעגנ אויכ אָפּציִענ דעם ארבעטלאָזנ המונ פונ קלאסנקאמפּ. אינ פארלויפ פונעם II יאָרהונדערט, קאָלזמאנ עס זײַנענ געגאנגענ זיגרײַכע מילכאָמעס און קאָלזמאנ ניט דאָס גאנצע פויערטום אינ איטאליע האָט זיכ רויִנירט, האָבנ די דאָזיקע מיטלענ פארהיט דעם רויִבערישנ אויבערשיכט שקלאפנבאזיצער פונ אנ אופשטאנד פונ די „פּראָלעטאריער".

125. דער אופשטאנד פונ די קנעכט. פונ קנעכט-אופשטאנדנ האָבנ די שקלאפנבאזיצער זיכ ניט געקאָנט פארהיטנ מיט קיינע שום מיטלענ. עס האָבנ דאָ ניט געהאָלפנ ניט די באוואָפנטע וואכ, ניט דאָס שמידנ די קנעכט אינ קייטנ, ניט דאָס פארשפּארנ זיי אפ באנאכט אינ קאזארמעס-טפּיסעס. די עקספּלואטאציע פונ די קנעכט איז געווענ אזא אומענטשלעכע, אז אינ זייער סינע צו די פײַניקער די עקספּלואטאטערס פלעגנ די קנעכט בײַקומענ אלע שטערונגענ. שוינ אינ II יאָרהונדערט האָבנ די אופשטאנדנ פונ די קנעכט אָנגעהויבנ אָנצונעמענ א גרויזאמענ כאראקטער און האָבנ אופגעטרייסלט די שקלאפנבאזיצערישע אָרדענונג ביזנ סאמע גרונט.

קליינע קנעכט-אופשטאנדנ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ גלײַכ נאָכ דער פארענדיקונג פונ דער צווייטער פונישער מילכאָמע און פלעגנ קעסיידער אופלאקערנ דאָס אינ איינ ווינקל פונ דער רוימישער מעלוכע, דאָס אינ א צווייטנ. די דאָזיקע אופשטאנדנ פלעגנ די קנעכטבאזיצער לײַכט בײַקומענ, אָבער פונעם יאָר 140 האָבנ זיכ גלײַכצײַטיק אָנגעהויבנ גרויזאמע קנעכט-אופשטאנדנ אינ עטלעכע ערטער פונ דער רוימישער מעלוכע. עס זײַנענ אופגעשטאנענ די קנעכט פונ רוים, ווו מע האָט נאָכנ אופשטאנד געקעפּט עטלעכע הונדערט קנעכט, און אינ אנדערע שטעט, ווו אזוינע אופשטאנדנ זײַנענ באלד דערשטיקט געוואָרנ. אינ דער זעלביקער צײַט זײַנענ אופגעשטאנענ די קנעכט פונ די זילבער-שאכטעס אינ אטיקע; גלײַכ נאָכ דעם זײַנענ אפנ אינדזל צעלאָס אופגעשטאנענ די קנעכט, וואָס מע האָט געבראכט אפנ מארק צו פארקויפנ, זיי זײַנענ אופגעשטאנענ דעמלט, ווענ מע האָט געפירט וועגנ זיי דעם האנדל און האָבנ שיר ניט פארכאפּט די שטאָט. אינ קליינ-אזיע און אינ סיציליע איז דער רוימישער רעגירונג אויסגעקומענ צו פירנ מיט די אופגעשטאנענע קנעכט אנ עמעסע מילכאָמע.

אינ קליינ-אזיע זײַנענ די קנעכט, וואָס האָבנ געארבעט אפ די דאָרטיקע לאטיפונדיעס, אינ יאָר 131 אופגעשטאנענ, פארכאפּט אייניקע שטעט, געגרינדעט אנ אייגענע מעלוכע און אָנגערופנ זי די „מעלוכע פונ דער זונ". די קנעכט זײַנענ דאָסראָוו געווענ פונ פּראקיע, ווו עס האָט געהערשט דער ערדארבעטערישער קולט פונ דער זונ, דעריבער האָבנ זיי אויסגעקליבנ אזא נאָמענ. בא די קנעכט האָט זיכ אויכ געפונענ א פירער — איינער אריסטאָניק. ער האָט געהערט צו דער

פאמיליע פונ די מאקעדאָנישע קיניגנ, וואָס די רוימער האָבנ אראָפגעוואָרפנ, אונ ער האָט געטרוימט צו שאפנ זיכ א קיניגרײַכ מיט דער הילפ פונ די קנעכט, אונ פאר די קנעכט האָט ער, פארשטייט זיכ, געגרייט נײַע קייטנ נאָכ זײַנ פארנעמענ דעמ טראָנ. אריסטאָניק האָט אָרגאניזירט פונ די קנעכט אנ ארמיי אונ האָט פאר־כאפט די גריכישע ברעגיקע קליינ־אזיאטישע שטעט אונ דעמ אינדזל סאמאָס. ווענ עס איז אָנגעקומענ דער רוימישער קאָנסול מיט א קליינעמ אָטריאד, איז אפ אימ אריסטאָניק אָנגעפאלנ אונ האָט אימ צעשלאָגנ אפ טילטעפ. סאָפקאָלסאָפ, אינ צוויי יאָר ארומ, האָבנ די רוימער אופגעקליבנ גרויסע קויכעס אונ אונטערדריקט דעמ אופשטאנד. אריסטאָניק אונ עטלעכע טויזנט קנעכט זײַנענ געקעפט געוואָרנ אונ די איבעריקע קנעכט זײַנענ צוריקגעקערט געוואָרנ צו זייערע הארנ.

אינ סיציליע האָט דער קנעכט־אופשטאנד געדויערט 8 יאָר (140—132 י.). ער האָט זיכ אָנגעהויבנ דערפונ, וואָס די קנעכט פונ איינעמ א גרויסנ ערדבאזיצער, וועלכער האָט זיכ באזונדערס אויסגעצייכנט אינ פײַניקנ די קנעכט, האָבנ געמאכט א פארשווערונג קעגנ זייער האר. זיי האָבנ זיכ דער־קליבנ צו אימ אינ דער שטאָט ענע, ווו ער איז אוועק אינ טעאטער, אונ האָבנ אימ צענעריקט אינ טעאטער בעשאס דער פאָרשטעלונג. דאָס איז געוואָרנ א סיגנאל צו אנ אלגעמיינעמ אופשטאנד פונ די סיצילישע קנעכט. די קנעכט האָבנ אומעטומ אָנגעהויבנ דערהארגענענ זייערע באלעבאטימ אונ אופזעער אונ אָפטמאָל פלעגנ זיי שמידנ זיי אינ קייטנ אונ צווינגענ טאָנ קנעכטישע ארבעט. בא די אופשטענדלער האָבנ זיכ אויכ באוויזנ גוטע מיליטער־אָרגאניזאטערס פונ די פריערדיקע מיזרעכדיקע אונ גריכישע קאָמאנדירנ, וואָס זײַנענ ארײַנגעפאלנ אינ קנעכטשאפט. זייער גיכ האָט זיכ אָרגאניזירט אנ אופשטענדלער־ארמיי פונ 70.000 מאנ. זי האָט פארכאפט גאנצ סיציליע, אָבער אײַנהאלטנ סיציליע האָבנ די קנעכט ניט געקאָנט.

די קנעכט האָבנ לויטנ מינהעג אויסגעקליבנ פאר א קיניג איינעמ עוונוס פונ סיריע, וועלכנ זיי האָבנ געהאלטנ פאר א „באלמויפעס“ אונ פאר א „נאָווי“, וואָס ווייס „דעמ ווילנ פונ די געטער“. די קנעכט האָבנ זיכ פארלאָזט ניט אזוי אפ זייערע אייגענע קויכעס אונ אפ זייער באוואָפנטנ קאמפ קעגנ די אונטערדריקער, ווי אפ א „ניסעמדיקער“ הילפ פונ די געטער. אָנשטאָט צו שיקנ אגיטאטערס, וואָס זאָלנ אופהייבנ אנ אופשטאנד אינ גאנצ איטאליע, האָבנ זיכ די קנעכט בארויקט דערמיט, וואָס זיי האָבנ פארכאפט סיציליע אונ האָבנ נאָר באפעסטיקט ענע, וועלכע איז גע־וואָרנ זייער הויפטשטאָט. איבער דעמ איז דער אופשטאנד סאָפקאָלסאָפ דערשטיקט געוואָרנ. אינ יאָר 135 זײַנענ די רוימער אָנגעקומענ אינ סיציליע מיט א גרויסער ארמיי, די קנעכט האָבנ דרײַ יאָר אײַנגעשפארט זיכ געווערט, אָבער סאָפקאָלסאָפ זײַנענ זיי באזיגט געוואָרנ. די שקלאפנבאזיצער האָבנ זיכ מיט די באזיגטע אָפ־גערעכנט אפנ סאמע אומענטשלעכנ אויפנ. 20.000 קנעכט האָט מענ גע־קרייציקט, עטלעכע צענדליקער טויזנטער זײַנענ אומגעקומענ, די איבעריקע זײַנענ פארשיקט געוואָרנ אינ די שאכטעס, ווו זיי זײַנענ אינגיכנ אומגעקומענ פונ שווערער ארבעט אונ פונ שטענדיקע קלעפ.

די קליין־אַזיאַטישע און סיציליִשע אויפשטאַנדן זײַנען געווען אַן אָנהייב פון אַ גאַנצער רײ גרויזאַמע קנעכט־אויפשטאַנדן, וואָס האָבן ביסלעכווײַז צעטרייסלט די רוימישע שקלאַפנבאַזיצערישע מעלוכע און דערמיט צוגעגרייט איר פאַלן.

126. שקלאַפנבאַזיצערישע אידעאָלאָגיע. די רוימישע שקלאַפנבאַזיצער האָבן, פונקט ווי די גריכישע, ניט אַנערקענט די קנעכט פאַר מענטשן, אָבער די אָנשווינגען פון די רוימישע שקלאַפנבאַזיצער זײַנען געווען פּאָשעטער און גראָבער, איידער די גריכישע, די רוימישע געלערנטע און שרײַבער האָבן ניט געשאַפן אַזוינע, קלוימערשט „ווּיסנשאַפטלעכע", טעאָריעס, אַז מענטשן טיילן זיך פון דער נאַטור אַף אַ ראַסע פרײַע און אַ ראַסע קנעכט, נאָר זיי האָבן פּאָשעט, אָן קיין שום קונצן פאַרגליכן די קנעכט צו געצײַג. עס זײַנען פאַראַן דרײַ מינים געצײַג, פלעגן זיי זאָגן: געצײַג. וואָס ריידן, געצײַג וואָס גיבן אַרויס באַזונדערע קלאַנגען, און געצײַג שטומע. געצײַג, וואָס ריידן—דאָס זײַנען קנעכט, געצײַג, וואָס גיבן אַרויס באַזונדערע קלאַנגען—דאָס זײַנען אָקסן, געצײַג שטומע—דאָס זײַנען וועגענער, אַקערס, העק א.אנד. אינסטרומענטן. פונקט ווי אַ אינסטרומענט, וואָס הערט אויף צו טויגן, ווערט אַרויסגעוואָרפן און פאַרביטן אַף אַ נײַעם, אַזוי ווערט אַרויסגעוואָרפן אַ פאַרמוטשעטער קנעכט און ווערט פאַרביטן אַף אַ נײַעם.

● די קנעכט פלעגט ניט דערלויבט ווערן צו האָבן אייגענע פאַמיליעס; אַן אויסנאַם פלעגט מען מאַכן נאָר פאַר פּאַסטעכער. אַ פּאַסטעך אַ פאַמיליע־מענטש,—פלעגן זאָגן די שקלאַפנבאַזיצער,—בינדט זיך בעסער צו צו זײַן טשערעדע און וועט זיכערער ניט אַוועקגיין פון זײַן טשערעדע איידער אַ פּאַסטעך ניט קיין פאַמיליע־מענטש. און די טשערעדעס פלעגן אין איטאַליע אַריבערגעטריבן ווערן פון איין פיטערפעלד אַפן צווייטן: זומער פלעגן זיי זיך פּאַשען אין די בערג, און ווינטער — אין די גראָז־סטעפּעס פון אַפּוליע (דאָרעם־קאַמפּאַניע). די טשערעדעס זײַנען אַ קײַלעכדיק יאָר געווען אונטערן אויפזיכט פון די פּאַסטעכער־קנעכט און דעריבער פלעגט צו די לעצטע זײַן אַ מער מענטשלעכע באַציִונג, זיי פלעגט מען האַלטן פאַר מענטשן.

בלויז איניקע רוימישע געלערנטע און פילאָסאָפן האָבן געוואַגט אויפצוהייבן זייער שטים קעגן אַזאַ אידעאָלאָגיע. דאָס זײַנען דאָסראָוו געווען פילאָסאָפן פון צווישן די גריכן־קנעכט. איינער פון זיי, סענעקע, פלעגט דערווײַזן, אַז קנעכט זײַנען מענטשן, ווי אַלע, און אַז אין די אינטערעסן פון די שקלאַפנבאַזיצער אַליין איז צו באַגיין זיך מיט קנעכט, ווי מיט מענטשן. סענעקע פלעגט דערמאָנען דעם שפּריכוואָרט: „וויפל קנעכט—אַזויפיל סאָנים", געבנדיק אָנצוהערעניש אַף די קנעכט־אויפשטאַנדן, וואָס פלעגן זיך שטענדיק איבערכאַזערן. אָבער אויך סענעקע האָט ניט דערווידערט קעגן דער שקלאַפנבאַזיצערישער אָרדענונג און האָט ניט געפאָדערט, אַז מע זאָל זי אָפּשאַפן. ער פלעגט פּאָשעט זאָגן, אַז ער וויל גאָרניט רופן די קנעכט צום קאַמף פאַר פרײַהײַט און אַז ער האָט ניט בעדייע אַרונטערצורײַסן דעם אווטאָריטעט פון די הארן. סענעקע האָט נאָר געלערנט די שקלאַפנבאַזיצער ווי זיי דאַרפן, לויט זײַן מיינונג, זיך באַגיין מיט די קנעכט, כדי אויסצומײַדן קנעכט־אויפשטאַנדן און כדי אײַנצוהיטן די קנעכטבאַזיצערישע אָרדענונג.

127. די גריכישע קולטור־ווירקונג. צווישן די רײַכע שקלאַפנבאַזיצערישע פאַמיליעס האָט נאָכן צעראַבירן גריכנלאַנד אָנגעהויבן פאַרשפרייטן זיך די גריכישע קולטור־ווירקונג. אין רוים פלעגט מען זיך ווינצלען, אַז „דאָס געפאַנגע-

נע גריכנלאנד האָט גענומען אין געפענקעניש איר ווילדן זיגער".

די גריכישע קולטור-ווירקונג איז אריינגעדרונגען צו די רוימער אויך ביז דער דעראָבערונג — פון די איטאַלישע גריכישע קאָלאָניעס. אָבער דעמלט האָט זי זיך דעריקער געפילט אין דער טעכניק. בא די גריכן האָבן די רוימער נאָך אין די צייטן פון די קיניגן איבערגענומען דעם אַלעפבייז און האָבן אים צוגעפּאַסט צו זייער שפּראַך. די אוראַלטן גריכישע און לאטייניש בוכשטאבן זיינען פולשטענדיק ענלעך, בלויז אייניקע האָבן אַן אַנדער באַטייט, פונקט אַזויווי די זעלביקע בוכשטאבן אין די היינטצייטיקע אייראָפּיישע שפּראַכן האָבן אָפּטמאָל א פארשיידענעם באַטייט. אויסער דעם, האָבן די רויבער, ווי מיר וועלן שוין, אין דער צייט פון די מילכאָמעס מיט קארטאגען איבערגענומען די גריכישע מיליטער-אינזשעניערישע טעכניק.

נאָך די דעראָבערונגען, ווען די רוימישע נאָבילן האָבן באַזוכט אַטען, קאָרינט, אָלימפּיע און אַנד. גרעסערע צענטערס פון גריכנלאַנד, האָבן זיי אָנגעהויבן נאָכצוטאָן דעם לעבנשטייגער און די זיטן פון די גריכישע שקלאַפנבאַזיצער. זיי האָבן אָנגעהויבן דערלערנען די גריכישע שפּראַך, זיך באַקענען מיט דער גריכישער ליטעראַטור און מיטאָלאָגיע, מיטן גריכישן טעאַטער און פיזקולטור. „איליאַדע" און „אָדיסייע" זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אַף לאַטייניש, און אין אָנהייב II יאָרהונדערט האָט איינער א רוימישער פּאָעט אָנגעשריבן אין גריכיש א גרויסע פּאָעמע, וואָס מאַכט נאָך „איליאַדע". אין דער דאָזיקער פּאָעמע האָט דער אַווטער געריסט דעם זיג פון סציפּיאָנען איבער די קאַרטאַגענער און האָט געווידמעט זיין ווערק סציפּיאָנען.

די שיינע ליטעראַטור האָט זיך אין רוים אַנטוויקלט שווערלעך, אָבער דערפאַר האָבן זיך גיך צוגענומען די גריכישע שפּילן און די טעאַטער-פאָרשטעלונגען. גלייך נאָך דער אונטערטעניקונג פון גריכנלאַנד האָט מען אָנגעהויבן אײַנאָרדענען גריכישע שפּילן אין רוים און נאָך דעם אין אַנדערע גרויסע איטאַלישע שטעט.

פון טעאַטראַלע פאָרשטעלונגען האָט די טראַגעדיע אין רוים קיין דערפאָלג ניט געהאַט; דערפאַר איז דאָרטן די קאָמעדיע שטאַרק פּאָפּולער געוואָרן. די ערשטע רוימישע אַווטערס פון קאָמעדיעס פלעגן דאָסראָוו איבערמאַכן גריכישע קאָמעדיעס, אָפּטמאָל פלעגן זיי פון 2—3 גריכישע צונויפשטעלן איין רוימישע קאָמעדיע. דעם סיוזשעט פלעגן זיי צופּאַסן צו א רוימישער אַקטועלער טעמע און איבעראַנדערשן די נעמען פון די פּערזאָנען אַף רוימיש. אָבער אין דער ערשטער העלפט פון II יאָרהונדערט האָבן זיך שוין באַוויזן זעלבשטענדיקע אַווטערס. די סאַמע באַרימטע פון זיי זיינען געווען פּלאַוטוס, א רוימער, און טערענציוס פון די קאַרטאַגענישע קנעכט. סיוזשעטן פאַר די קאָמעדיעס פלעגן גענומען ווערן ניט פון פּאָליטישן לעבן, נאָר פונעם לעבנשטייגער און פון די זיטן פון דער דעמלטיקער רוימישער געזעלשאַפט. אַף די שפּילן און אַף די טעאַטער-פאָרשטעלונגען פלעגן מאַסנווייז קומען צושויער פון אַלע גרופּן פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג.

דאָס פּריסטערטום האָט אויך איבערגענומען די גריכישע מיטוסן און רעליגיעזע קולטן. די רוימישע געטער און געטנס האָט מען אָנגעהויבן רופן מיט גריכישע נעמען. מע פלעגט שיקן אָנפראַגן צום דעלפיער אָראַקול. פאַר די רוימישע געטער האָט מען אָנגעהויבן בויען טעמפּלען לויטן גריכישן מוסטער.

אַף אַזאַ אויפן איז ענדע II יאָרהונדערט פאָרגעקומען ביז א געוויסן גראַד די צונויפגיסונג פון דער גריכישער און דער רוימישער קולטורן. די איינהייטלעכע שקלאַפנבאַזיצערישע מעלוכע איז איצט געוואָרן אַן איינהייטלעכע אויך אין קולטור-הינזיכט.

3. דער קלאסנקאמפ אינ דער רוימישער מעלוכע אינ I יאָרהונדערט פאר אונדזער ערע

128. די פארשארפונג פונ די קלאסנ־ווידערשפרוכנ. צומ סאָפ II יאָרהונדערט איז דאָס איטאַליִשע פויערטומ ענדגילטיק רויִנירט געוואָרנ. רוימ אונ די אנדערע גרויסע שטעט זײַנענ אָנגעפילט געוואָרנ מיט האמויִנימ „פּראָלעטאריער“. צווישנ די „פּראָלעטאריער“ איז געגאנגענ אנ אײַנגעשטיקטע רעוואָלוציִאָנערע יוירונג. זיי פלעגנ זאָגנ, אז כײַעס אונ פייגלענ האָבנ א געלעגער, אונ זיי, וואָס האָבנ מיט זייער בלוט אונטערגעטעניקט אונטער דער מאכט פונ רוימ די גאנצע וועלט, האָבנ ניט ווי דעמ קאָפּ אוועקצולייגנ. צומ אָנהייב פונ די 30־ער יאָרנ איז די לאגע געוואָרנ אזוי אָנגעשטרענגטע, אז עס וואָלט געווענ גענוג א ניט גרויסער שטויס, עס זאָל זיכ אופהייבנ אנ אופשטאנד פונ די „פּראָלעטאריער“. די שקלאפנבאזיצער זײַנענ געשטאנענ צווישנ צוויי פײַערנ. אינ סיציליע האָט זיכ נאָכ ניט אײַנגעשטילט דער אופשטאנד פונ די קנעכט, אונ אינ רוימ אונ אינ איטאַליע האָבנ זיכ געגרייט אופשטאנדנ פונ די רויִנירטע פויערימ.

אינ דער זעלבער צײַט האָבנ זיכ נאָכ ארויסגעוויזנ ווידערשפרוכנ אינ לאגער פונ די שקלאפנבאזיצער גופע. די סאָכרימ, די פאכטער אונ די וווּכערניקעס, וואָס האָבנ געבילדעט א באדײַטנדיקע אונ זייער א רײַכע גרופּע שקלאפנבאזיצער, האָבנ קיינ רעכט ניט געהאט צו פארנעמענ גרויסע מעלוכישע אמטנ. זיי פלעגנ פארשריבנ ווערנ אינ דער צאָל בירגער ניט ווי ערדבאזיצער, נאָר ווי „רײַטער“, ווײַל זיי זײַנענ מעכויעו געווענ אָפּצודינענ זייער מיליטער־דינסט אינ דער קאוואלעריע. אָט די דאָזיקע גרופּע רײַטער האָט איצט אָנגעהויבנ אָפּנ אויסצודריקנ איר אומצופרידנקײַט מיטנ רעגירנ פונ די נאָבילנ.

דאָ האָט זיכ געהאנדלט וועגנ טיילנ זיכ מיטנ רויב פונ די פּראָווינצנ. די רײַטער האָבנ געהאלטנ, אז די פּראָקאָנסולנ ראמענ מיט זייערע רויבערײַענ אזוי רייני אויס בא דער באפעלקערונג אלע האכנאָסעס, אז אפנ כיילעק פונ די רײַטערס פארבלײַבט שוינ קימאט גאָרניט. די פאכטערס פלעגנ אָפּטמאָל מיט מי קאָנענ אופקלײַבנ נאָר די נאָרמע צינזנ, אונ די סאָכרימ האָבנ זיכ געקלאָגט, אז עס איז ניטאָ קיינ קויפער פונ די סכוירעס, וואָס ווערנ געבראכט פונ איטאַליע. אויסער דעמ, האָבנ זיכ די רײַטער געוואָלט דערשלאָגנ דאָס רעכט צו פארנעמענ קאָנסול־אמטנ, קעדיי צו רויבנ די פּראָווינצנ אויכ דורכ פארוואלטנ מיט זיי.

די נאָבילנ האָבנ געגעבנ די רײַטער נאָר איינ האנאָכע, אָבער זי איז אויכ גאָרנישט ניט ווערט געווענ. זיי האָבנ אָרגאניזירט באמ סענאט א באזונדער קאָמיסיע אפ פאנאנדערקלײַבנ די אָנקלאָגעס פונ די פּראָווינציאלנ אפ די מיסברויכנ פונ די פּראָקאָנסולנ. אָבער די דאָזיקע קאָמיסיע איז באשטאנענ נאָר פונ סענאטערס, ד.ה. פונ די זעלביקע נאָבילנ. דעריבער פלעגט די דאָזיקע קאָמיסיע געבנ גערעכט די פּראָקאָנסולנ, אָדער זי פלעגט זיכ באגרענעצנ מיט קליינע שטראָפנ.

די ווידערשפרוכנ צווישנ די נאָבילנ אונ די רײַטערס האָבנ נאָכמער פאר־

שאַרפט דעם קלאַסנקאַמפ אין רוים. דער קאַמפ פון די „פראָלעטאַריער" קעגן די שקלאַפנ־באַזיצער, וואָס האָבן זיי רויִנירט, האָט זיך פאַרקאָמפליצירט דורכ דעם קאַמפ פאַר דער מאַכט צווישן די רײַטער און די נאָבילן. דער קאַמפ האָט געדויערט 100 יאָר און האָט געבראַכט צום פאַלן פון דער סענאַטערישער שקלאַפנבאַזיצערישער רעפובליק.

129. די מיליטערישע און פויערישע פראַגן. אין די 30-ער יאָרן האָבן ניט נאָר די רײַטער, נאָר אויכ די נאָבילן אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז מע דאַרפ אָנעמען וואָסעו̇ע ניט איז מיטלען, כדיי צו ראַטעווען די שקלאַפנבאַזיצערישע אָרדענונג. זיי האָבן, פאַרשטייט זיכ, וויניקער פון אַלץ זיכ געקימערט וועגן די „פראָלעטאַריער". זיי האָט באַומרויִקט אַן אַנדער זאַכ. דאָס פאַרשווינדן פונעם פויערטום האָט אָפגעשוואַכט די רוימישע אַרמיי, ווײַל זי פלעגט דעריקער ווערבירט ווערן פון פויערים. ווי אין די ערשטע צײַטן פון דער רעפובליק, האָט מען נאָכ אויכ אין II יאָרהונדערט געהיט דעם געזעץ, אַז אַ סאָלדאַט קאָן זײַן נאָר אַ פויער, וועלכער קאָן זיכ באַוואָפענען אויפ זײַן אייגענער רעכענונג, אָבער קיין „פראָלעטאַר·ער" האָט מען קיין געווער אין די הענט ניט געגעבן. די אַרמיי איז אָפגעשוואַכט געוואָרן, ווײַל עס האָבן אויסגעפעלט רעקרוטן. און אָן אַן אַרמיי האָט מען ניט געקאָנט האַלטן אין געהאָרכזאַמקײַט די קנעכט און די פראָווינציאַלן.

די נאָבילער האָבן אָבער ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז ווידערופשטעלן דאָס פויערטום קאָן מען נאָר דורכ אומקערן אים זײַנע פריִערדיקע פויערישע באַצירקן, וואָס די נאָבילן האָבן אויפגעקויפט. אָבער אויפ דעם שריט האָבן זיי זיכ ניט געקאָנט אַנטשליסן — זיי האָבן ניט געוואָלט צעשיידן זיכ מיט קיין איינ פאַסעקל אָנגעראַבעוועטע ערד.

דאַן האָבן זיכ פאַר דער רעפאָרם גענומען די רײַטער. זיי האָבן אויכ געוואָלט אײַנהיטן די שקלאַפנבאַזיצערישע מעלוכע און האָבן עס באַשלאָסן צו טאָן אויפן כעזשבן פון די נאָבילן. זיי האָבן זיכ צונויפגערעדט מיט איינעם אַן ערגײַציקן נאָביל, וואָס זײַן מישפּאָכע האָט ניט געהערט צו דעם רעגירנדיקן הײַפל נאָבילן. מע האָט אים גערופן טיבערי גראַקכ, און ער האָט געטרוימט וועגן מאַכט. טיבערי גראַקכ איז אין 133 יאָר דורכגעפירט געוואָרן פאַר אַ פאָלק־טריבון. לויט אַ העסקעם מיט די רײַטער האָט טיבערי גראַקכ פאָרגעלייגט אין דער פאָלקפאַרזאַמלונג אייניקע נײַע געזעצן. די סאַמע וויכטיקסטע פון זיי זײַנען געווען: דער געזעץ וועגן באַטיילן די פראָלעטאַריער מיט ערד און דער געזעץ וועגן דעם גערִיכט איבער די פראָווינציִעלע פראָקאָנסולן.

לויטן ערשטן געזעץ איז ווידערופגעשטעלט געוואָרן דער אַלטער קלאַל, וואָס איז קיינמאָל ניט אָפגעהיט געוואָרן, אַז קיינער טאָר ניט פאַרנעמען מער ווי 500 יוגערס (125 האַ) פונעם געזעלשאַפטלעכן פעלד. דער געזעץ האָט פאָרגעשריבן אָפצונעמען בײַ אַלע ערדבאַזיצער די ערד, וואָס שטײַגט איבער די דאָזיקע נאָרמע און אָנשנײַדן פון איר כאַלאָקים די „פראָלעטאַריער" צו 30 יוגערס ($7\frac{1}{2}$ האַ). לויטן 2־טן געזעץ איז

די סענאטישע קאָמיסיע אפ פאנאנדערקלײַבנ די אנקלאָגעס פונ די פראָווינציאַלנ אפ די פראָקאָנסולנ דערגאנצט געוואָרנ מיט פאָרשטייער פונ די רײַטער אינ א גלײַכער צאָל מיט די סענאטערס. די נאָבילנ האָבנ זיכ געפרווט דורכוואַרפנ די דאָזיקע געזעצנ אונ האָבנ אונטערגעקויפט אנ א דער פאָלק-טריבונ אפ ארויסצוטרעטנ קעגנ טיבעריענ, אָבער טיבערי האָט פאָרגעלייגט דער פאָלק-פארזאמלונג אָפצונעמענ בא זײַנ קעגנער דעם נאָמענ טריבונ, אונ די געזעצנ זײַנענ דורכגעגאנגענ.

פונ זיי איז אָבער גאָרניט ניט ארויסגעקומענ. די נאָבילנ האָבנ געמאכט א פארשווערונג קעגנ טיבערי גראקכנ אונ האָבנ אים געהארגעט, אונ נאָכ זײַנ טויט איז דאָס אויספילנ דעם ערד-געזעצ איבערגעגעבנ געוואָרנ א סענאטישער קאָמיסיע, וואָס האָט מיט אקיוונ געפירט די זאכ העכסט לאנגזאם. דאָס ביסל „פראָלעטאריער", וואָס האָבנ שוינ באוויזנ צו באקומענ ערד, האָבנ ניט געהאט קיינ מיטלענ אפ אײַנאָרדענענ זיכ אונ זײַנענ ווידער געווענ געצווּנגענ צו פארקויפנ זייערע באצירקנ. אונ די רעפאָרמירטע קאָמיסיע פאר מישפעטנ די פראָקאָנסולנ האָט אויכ וויניק געענדערט די לאגע אינ די פראָווינצנ, ווײַל די רײַטער האָבנ אינ איר קיינ מערהייט ניט געהאט. די רעפאָרמעס האָבנ זיכ מיט גאָרנישט ניט געענדיקט, זיי האָבנ נאָר פאנאנדערגעפלאקערט דעם קלאסנקאמפ.

130. דער פרווו פונ קײַוס גראקכ צו פארכאפנ די מאכט. אינ 10 יאָר ארומ נאָכ טיבערי גראקכס טויט איז די סענאטישע רעפובליק שיר ניט אראָפגעשלײַדערט געוואָרנ פונ טיבערי גראקכס יינגערנ ברודער קײַוס גראקכ. קײַוס איז געווענ מער אנטשלאָסענער פונ טיבעריענ אונ קלוגער פונ אים. ער האָט פארשטאנענ, אז אויב מע זאָל צוציענ צו זיכ די רוימישע „פראָלעטאריער", קאָנ מענ פאנאנדערטרײַבנ דעם סענאט אונ ווערנ דער אליינרעגירער פונ רוים. צו דעם דאָזיקנ ציל האָט ער טאקע אָנגעהויבנ שטרעבנ. ער האָט זיכ צונויפגערעדט מיט די רײַטער, אונ יענע האָבנ אים צוגעזאָגט שטיצע.

אינ 121-טנ יאָר האָט מענ קײַוסנ דורכגעפירט אלס פאָלק-טריבונ, אונ באלד האָט ער דורכגעפירט א גאנצע ריי נײַע געזעצנ. ער האָט אָנגעהויבנ דערפונ, וואָס ער האָט פאָרגעלייגט אָפצונעמענ באמ סענאט דאָס רעכט צו פירנ אלע וויכטיקסטע אדמיניסטראטיווע אונ געריכטלעכע ענינים, אונ האָט פאָרגעלייגט צו האלטנ, אז יעדער באשטימונג פונ דער פאָלק-פארזאמלונג איז א געזעצ אונ נייטיקט זיכ ניט אינ דער באשטעטיקונג פונעם סענאט. די געריכטלעכע סענאטישע קאָמיסיע איבער די פראָקאָנסולנ איז אָפגעשאפט געוואָרנ אונ אָנשטאָט איר אונ אָנשטאָט אנדערע סענאטישע קאָמיסיעס זײַנענ געגרינדעט געוואָרנ נײַע געריכטנ אונ אויסשליסלעכ פונ די רײַטער. די „פראָלעטאריער" האָבנ גערנ אָפגעלאָזנ דעם דאָזיקנ טירכעדיקנ איניענ די רײַטער, ווײַל זיי האָט מער פונ אלצ אינטערעסירט ברויט אונ ערד. קײַוס האָט פאָרגעלייגט פאנאנדערצוגעבנ די אומפארמעגלעכע בירגער מעלוכישנ ברויט אפ די סאמע וואָלוולסטע פרײַזנ, קימאט אומזיסט. יעדנ כוידעש האָט מענ אָנגעהויבנ ארויסצוגעבנ יעדנ פראָלעטאריער צו 5 מאָדיעס ברויט

(40 קילאָגראם) אינגאנצנ פאר 10 קאָפּעקעס אפ אונדזער געלט. אויסער דעם, האָט קײַוס אָנגענומענ מיטלענ צו פארגיכערנ דאָס דורכפירנ אינ לעבנ טיבעריוס ערד־געזעצ אונ האָט פארווערט צו קויפנ קליינע פויערישע באצירקנ.

מיט די דאָזיקע מיטלענ האָט קײַוס די פויערים־פראגע ניט געלייזט אונ האָט ליזנ זי ניט געקאָנט, ווײַל ווידערופשטעלנ דאָס קליינע פויערטום איז געווענ אוממעגלעכ — דאָס קליינע פויערטום האָט ניט געקאָנט קאָנקורירנ מיט דער גרויסער קנעכטבאזיצערישער לאנדווירטשאפט. אָבער די רײַטער האָט קײַוס באפרידיקט. ער האָט ארומגעשניטנ די רעכט פונעם סענאט, האָט אוועקגעגעבנ די פאכטערס אפ רויבירונג די נאָרוואָס געגנ־מענע קליינאזיע, האָט אוועקגעגעבנ די רײַטער אינ די הענט דעם קאָנטראָל איבער דער גאנצער מעלוכישער פארוואלטונג. ווענ קײַוס איז אויסגעקליבנ געוואָרנ פאר א טריבונ אפנ צווייטנ יאָר, האָט ער שוינ אָנגעהויבנ פאראָרדענענ, גלײַכ ווי אנ אײַנהערשנדיקער קיניג, פונקט ווי א גריכישער טיראנ. קיינ איינ וויכטיקע זאכ פלעגט ניט דערלייזט ווערנ אָנ זײַנ וויסנ אונ אָנ זײַנ העסקעם. אימ פלעגנ זיכ פאָרשטעלנ געזאנדטע פונ אנדערע מעלוכעס אונ פירנ מיט אימ אונטערהאנדלונגענ. ער האָט געטרוימט צו פארפעסטיקנ פאר זיכ די מאכט אונ דערינ וואָלטנ אימ די רײַטער געווענ געהאָלפנ.

אָבער די נאָבילנ האָבנ געפונענ א מיטל אומצוברענגענ קײַוס גראקכנ. זיי האָבנ אויסגענוצט קײַוס א דורכפאל אינ דער פאָלק־פארזאמלונג. קײַוס האָט געוואָלט צוציענ אפ זײַנ זײַט אויכ די פארבינדעטע אונ האָט פאָרגעלייגט צו געבנ דאָס רעכט פונ רוימישע בירגער אלע פארבינדעטע. דעמלט האָבנ די נאָבילנ אָנגערעדט א צווייטנ טריבונ, ער זאָל ארויסטרעטנ קעגנ דעמ דאָזיקנ פאָרשלאג אונ זאָל דערקלערנ דער פאָלקפארזאמלונג, אז געבנ בירגערשאפט די פארבינדעטע לוינט ניט פאר די רוימישע „פראָלעטאריער", — דאנ וועט דאָכ אויסקומענ געבנ ברויט אויכ די פארבינדעטע „פראָלעטאריער", אונ פאר אלעמענ וועט קיינ ברויט ניט קלעקנ. קײַוס' פאָרשלאג איז דורכגעפאלנ. די פאָלק־פארזאמלונג האָט אויפגעהערט אונטערצושטיצנ קײַוסנ אונ האָט אימ שוינ א דריטנ מאָל ניט אויסגעקליבנ פאר א טריבונ.

דאנ האָט קײַוס באשלאָסנ פארכאפנ די מאכט מיט גוואלד. אָבער די מערהײַט „פראָלעטאריער" האָבנ אימ ניט אונטערגעהאלטנ, אונ ער איז אומגעקומענ אינ שלאכט מיט די נאָבילנ. דער סענאט האָט זיכ ווידער אומגעקערט די מאכט אונ האָט ענדגילטיק אָפּגעשאפט טיבעריוס ערד־געזעצ. דאָכ האָט דער סענאט דאָס פאנאנדערגעבנ ברויט ניט נאָר אײַנגעהיט, נאָר ער האָט אפילע אָנגעהויבנ געבנ ברויט אומזיסט. די סענאטישע רעפּובליק איז דאָס מאָל געבליבנ גאנצ, אָבער פאר אלעמענ אינ רוימ איז געווענ קלאָר, אז איר לאגע האָט זיכ שטארק א טרייסל געטאָנ, אונ אז יעטווידער ערגײַציקער מענטש קאָנ זי מיט דער הילפ פונ „פראָלעטאריער" אראָפּווארפנ.

131. דאָס אָרגאניזירנ אנ ארמיי פונ „פראָלעטאריער". נאָכנ פאלנ פונ קײַוס גראקכ איז די רוימישע מעלוכע ארײַנגעפאלנ אינ גרויס געפאר. קעגנ דער

רוימישער הערשאפט האָט זיכ אופגעהויבנ אנ אופשטאנד אינ דער אפריקאנישער פראָווינצ; אינ א קורצער צײַט האָבנ די אופשטענדלער צעקלאפט די דאָרטיקע רוימישע גארניזאָנענ און האָבנ פארכאפט די פראָווינצ. עס האָבנ אויכ ניט אופגעהערט די אומרוענ אינ שפאניע און די קנעכט-אופשטאנדנ אינ איטאליע. און אפנ צאָפנ, אינ דער איצטיקער לאָמבארדיע, זײַנענ פונ די אלפנ דערשינענ די גערמאנער, די אורעלטערנ פונ די איצטיקע דײַטשנ, דענער און סקאנדינאווער. זיי האָבנ געזוכט נײַע ערטער צו באזעצנ זיכ און האָבנ געוואָלט פארכאפנ דעמ פרוכטבארנ טאָל פונעמ טײַכ פאָ.

אינ די דאָזיקע שווערע אומשטענדנ האָט איינער א געוועזענער קאָמאנדיר פונ דער סציפיאָנישער ארמיי מאריִוס פאָרגעשלאָגנ צו ברעכנ די פריִערדיקע געזעצנ און ווערבירנ אנ ארמיי פונ „פראָלעטארער". מאריִוס איז ארויסגעקומענ פונ פויערימ, ער האָט זיכ אויסגעדינט פונ א סאָלדאט, איז רײַכ געוואָרנ פונ האנדל-ספעקוליאציעס און האָט געקויפט ערד, קעדיי צו האָבנ רעכט צו באלאָטירנ זיכ פאר א קאָנסול. צווישנ די רײַטער איז ער געווענ גוט באקאנט, ער איז געווענ אנ אייגענער מענטש. ער האָט געהאלטנ אינ איינ דערווײַזנ, אז א מיליטער פונ „פראָלעטאריער" האלט קיינ אייגנס ניט טײַער, ווײַל זיי האָבנ גאָרניש ניט, און פאר א באשטימטנ פרײַז וועלנ זיי גיינ אפ אלצ, קעדיי צו פאריכטנ זייערע געשעפטנ און, אויב מע קאָנ, רײַכ צו ווערנ.

די רײַטער האָבנ דורכגעפירט מאריִוסנ פאר א קאָנסול, האָבנדיק אונטערגעקויפט מיט גרויסע מאטאָנעס די ווײלער. מאריִוס האָט אָנגעקליבנ אנ ארמיי פונ „פראָלעטאריער" און אינ פארלויפ פונ 5 יאָר האָט ער דערשטיקט דעמ אופשטאנד אינ אפריקע און האָט פארטריבנ די גערמאנער פונ לאָמבארדיע. צוריקקערנדיק זיכ קיינ רוימ נאָכ די ניצכוינעס, האָט מאריִוס א זעקסטנ מאָל ארויסגעשטעלט זײַנ קאנדידאטור פאר א קאָנסול און האָט זיכ געקליבנ צו פארפעסטיקנ ענדגילטיק די מאכט פאר זיכ, שטיצנדיק זיכ אפ זײַנ מיליטער. די סענאטישע רעפובליק איז געווענ אינ א סאמע גרויזאמער געפאר. מאריִוס סאָלדאטנ האָבנ קיינ שומ אנדערע הערשער אויסער זייער קאָמאנדיר ניט אנערקענט און זײַנענ געווענ גרייט צו גיינ אפ אלצ, קעדיי צו באקומענ ערד און געלט-מיטלענ.

מאריִוס איז אויסגעקליבנ געוואָרנ אלס קאָנסול אפנ 6-טנ יאָר און איז געוואָרנ דער איינפערזאָניקער רעגירער אינ רוימ. עס איז אָנגעקומענ אנ אנטשיידענער מאָמענט אינ דער אנטוויקלונג פונעמ קלאסנקאמפ. דער פאָליטישער קאמפ, אינ דער פאָלק-פארזאמלונג און אינ סענאט, האָט זיכ פארוואנדלט אינ אנ אָפענעמ בירגער-קריג.

132. אָנהייב בירגער־קריגנ. די רײַטער און מאריִוס האָבנ פארגעלייגט צו באלוינענ מאריִוס' סאָלדאטנ מיט גרויסע ערד-באצירקנ צו 25 הא פונעמ „געזעלשאפטלעכנ פעלד" אינ אפריקע, אינ קליינ-אזיע און אינ שפאניע. און דערנאָכ האָבנ זיי פארגעלייגט, קלוימערשט צוליב אײַנאָרדענענ דאָרטנ אזוינע קאָלאָניעס, דעראָבערנ גאליע, ד. ה. דאָס איצטיקע פראנקרײַכ; אינדערעמעסנ, אָבער, האָבנ, פארשטייט זיכ, די רײַטער געשטרעבט אײַנצונעמענ אָט דאָס רײַכע און נאָכ ניט רויִנירטע לאנד, קעדיי צו צערויבנ עס. פארוואלטנ מיטנ טיילנ ערד און דעראָבערנ

גאליע איז איבערגעגעבנ געוואָרנ מאריוסנ. די נאָבילנ האָבנ גאָר אָנ כיישעק אײַנגעשטימט אפ דעמ, ווײַל זייערע לאַטיפונדיעס אינ איטאליע זײַנענ פונעמ נײַעמ געזעצ ניט אָנגערירט געוואָרנ.

אָבער מאריוס און די רײַטער האָבנ פארגעסנ אָנ די „פראָלעטאריער״ פונ רוימ און פונ אנדערע איטאלישע שטעט, וואָס זײַנענ ניט ארײַנגעפאלנ אינ מאריוס׳ ארמיי, און אזוינע זײַנענ געווענ הונדערטער טויזנטער. זיי האָבנ גלײַכ דערמאָנט וועגנ זיכ און האָבנ געפאָדערט, אז עס זאָל אופגעשטעלט ווערנ דער געזעצ פונ קײַוס גראקכ. עס האָט זיכ בא זיי געפונענ אויכ א פירער, דער טריבונ סאטורנינ. וועלכער איז ארויסגעטראָטנ קעגנ מאריוסנ. סאטורנינ האָט צונויפגערופנ „פראָלעטאריער״ פונ גאנצ איטאליע און רוימ און האָט מיט זייער הילפ געוואָלט צעטרײַבנ דעמ סענאט און פאר־כאפנ די מאכט. די „פראָלעטאריער״ האָבנ באפרײַט די קנעכט פונ די טפיסעס, האָבנ זיי באוואָפנט און דערקלערט סאטורנינענ פאר א „קיניג״.

דאנ האָבנ די נאָבילנ און די רײַטער אפ א צײַט פארגעסנ אָנ זייערע רײַסערײַענ און האָבנ זיכ פאראייניקט אפ צעשלאָגנ דעמ אלגעמײַנעמ קלאסנסוינע. מאריוס האָט אפגיכ אָרגאניזירט אָט־ריאדנ פונ דער נאָבילער יוגנט און פונ זײַנע אלטע סאָלדאטנ. אינ דעמ 100־טנ יאָר פאר אונדזער ערע איז אפנ רוימישנ הויפט־פלאצ פארגעקומענ דער ערשטער שלאכט פונ א בירגער־מילכאָמע. די „פראָלעטאריער״ און די קנעכט זײַנענ צעקלאפט געוואָרנ און האָבנ זיכ אונטערגעגעבנ. די צעווילדעוועטע נאָבילנ האָבנ זיי אלעמענ איניינעמ מיט סאטורנינענ געטויט. און מא־ריוס האָט מיט זײַנ איבערגײַנ אפ דער זײַט פונעמ סענאט פארלאָרנ זײַנ ווירקונג און זײַנ רומ. אָבער דער רוימישער זיג פונ די נאָבילנ אינ 100־טנ יאָר איז געווענ בלויז א צײַטווײַליקער. פונ דער צײַט אָנ ביז די 30־ער יאָרנ פונ אונדזער ערע זײַנענ אינ דער רוימישער מעלוכע געגאנגענ אָנופהערלעכע בירגער־מילכאָמעס. די נאָבילנ האָבנ אָנגעהויבנ קעמפנ פאר אײַנהיטנ די ערד און זייער מאכט אינ דער מעלוכע מיט די זעלביקע מיטלענ, וואָס עס האָבנ אָנגעווענדט מאריוס און די רײַטער. זיי האָבנ אָנגעהויבנ פונ צווישנ זיכ ארויסרוקנ דרייסטע און אנטשיידענע מענטשנ אלס קאָנסולנ, פלעגנ זיי געבנ דערלויבעניש אופצוקלײַבנ מיליטער פונ די „פראָלעטאריער״ און מיט דער הילפ פונ אזוינע מיליטער־קאָמאנדירנ (אימפעראטערס) מיט זייערע ארמייענ האָבנ זיי געשטרעבט צו פארניכטנ זייערע קעגנער.

ווענ באלד נאָכ סאטורנינס אומקומ האָט זיכ אָנגעהויבנ אנ אופשטאנד קעגנ דער רוימישער הערשאפט אינ קליינאזיע און גריכנלאנד און גלײַכצײַטיק זײַנענ אויכ אופגעשטאנענ די פארבינדעטע אינ איטאליע, האָט דער סענאט דורכגעפירט אלס א קאָנסול דעמ בארימטנ נאָביל סולא, האָט אימ געגעבנ אנ ערלויבעניש צו ווערבירנ מיליטער פונ די „פראָלעטאריער״, און האָט אימ אוועקגעשיקט קעגנ די אופגעשטאנענע. סולא האָט צעקלאפט די פארבינדעטע און איז אוועקגעשוו־ אינ גריכנלאנד. מיט זײַנ אָפוועזנהײַט האָט זיכ באנוצט מאריוס, האָט אָנגעווערבירט מיליטער אינ דאָרעמ־איטאליע, האָט זיכ צונויפגערעדט מיט אנ אנדער קאָנסול,

צינע, און איז אוועק אפ רוימ. פארנומענ רוימ, האָט מאריוס דערקלערט אויסערנ געזעצ „די פײַנט פונ פאָלק" און האָט צונויפגעשטעלט צעטלענ פונ די נאָבילנ, וואָס האָבנ געדארפט געטויט ווערנ און זייערע גיטער קאָנפיסקירט ווערנ. 5 טעג נאָכאנאנד האָט מענ לויט אָט די צעטלענ געטויט נאָבילנ אינ רוימ און דערנאָכ האָט מענ נאָכ אייניקע וואָכנ געזוכט די אנטלאָפענע רוימער נאָבילנ איבער גאנצ איטאליע. די ערדנ, וואָס מע האָט אָפגענומענ בא די געקעפטע נאָבילנ, זײַנענ צעטיילט געוואָרנ צווישנ מאריוס' סאָלדאטנ; די איבעריקע, די בעסערע ערד האָט מענ געלאָזט אינ עפנטלעכנ פארקויפ און די רײַטער האָבנ עס צעקויפט פאר שפאָט־ביליק. אָט אזוי האָט זיכ אָנגעהויבנ דער איבערגאנג פונ דער ערד פונ די נאָבילנ צו די רײַטער.

באלד נאָכ דעמ דאָזיקנ זיג איז מאריוס געשטאָרבנ. ווענ שפעטער האָט זיכ סולע צוריקגעקערט פונ גריכנלאנד, האָט ער פארנומענ רוימ און באלד נאָכ אימ האָבנ זיכ צוריקגעקערט אויכ די נאָבילנ, און עס האָט זיכ אָנגעהויבנ פונקט אזא מינ האריגע איבער די מאריאנער. סולע האָט אויכ געמאָלדנ צעטלענ פונ „סאָנימ פונ פאָלק", אינ וועלכע עס זײַנענ אײַנגעשלאָסנ געוואָרנ מאריוס אָנהענגער און זײַנע סאָלדאטנ, וואָס האָבנ באקומענ ערד-באצירקנ פונ די נאָבילישע ערדנ — אינ גאנצנ ארומ 5000 מאנ. דערבײַ איז יעדנ בירגער, וועלכער וועט דערהארגענענ א „פאָלק־פײַנט" צוגעזאָגט געוואָרנ א גרויסער געלט־לוינ. די מאריאנער און מאריוס סאָלדאטנ זײַנענ טיילווײַז אויסגעהארגעט געוואָרנ און טיילווײַז זיכ צעלאָפנ. די נאָבילישע ערדנ זײַנענ צוריקגעקערט געוואָרנ די נאָבילנ, און די ערד פונ די מאריאנער איז טיילווײַז צעטיילט געוואָרנ צווישנ סולעס סאָלדאטנ און טיילווײַז אוועקגעלאָזנ געוואָרנ אינ עפנטלעכנ פארקויפ. די דאָזיקע ערד האָבנ אָבער אופגעקויפט ניט די נאָבילנ, וואָס האָבנ דערופ קיינ מיטלענ ניט געהאט, נאָר די רײַטער. די גאנצע אָנפירונג מיט דער רוימישער מעלוכע האָט סולע קאָנצענטרירט אינ זײַנע הענט.

אָבער דאָס איז געווענ דער לעצטער זיג פונ די נאָבילנ. די בירגער־מילכאָמע האָט ניט אופגעהערט. יעדער גרעסערער „אימפעראטער" פלעגט נאָכ יעדער מילכאָמע קומענ מיט זײַנ ארמיי פונ „פראָלעטאריער" קיינ רוימ און פלעגט פאָדערנ באלוינונג פאר זײַנע סאָלדאטנ. דעמ סענאט איז אויסגעקומענ אונטערצווארפנ זיכ, און אויב ער פלעגט זיכ ווערנ, פלעגט דער אימפעראטער לאָזנ אינ גאנג קראפט. די סאָלדאטנ פלעגנ באקומענ ערד טיילווײַז אינ איטאליע און דערהויפט אינ די פראָווינצנ, אזוי אויכ גרויסע געלט־ארויסגאָבנ פונ דער מעלוכע־קאסע. די רעפובליק האָט זיכ געהאלטנ נאָר לויטנ נאָמענ, אָבער מיט איר רעגירט האָט שוינ ניט דער סענאט, נאָר די „אימפעראטערס" און די רײַטער, וואָס זײַנענ געווענ מיט זיי. אויכ די נאָבילנ איז אויסגעקומענ שאָלעמ צו מאכנ מיט דער מאכט פונ די אימפעראטערס, ווײַל ווײַט ניט אלע „פראָלעטאריער" פלעגנ גיינ פאר סאָלדאטנ, און זייער צאָל איז נאָכ אלצ געווענ א באדײַטנדיקע. אויסער דעמ, האָבנ זיכ

ווידער אָנגעהויבנ גרויזאמע אופשטאנדנ פונ די קנעכט. באלד נאָכ סולענ האָט אויסגעבראָכנ א באזונדערס מעכטיקער קנעכט־אופשטאנד, וואָס האָט אוועקגעשטעלט די סענאטישע שקלאפנבאזיצערישע רעפובליק אפנ שוועל פונ אומקום.

133. דער אופשטאנד פונ ספארטאקנ. אינ 83־טנ יאָר פאר אונדזער ערע האָט אינ דער שול פאר די קנעכט־גלאדיאטערס אינ קאפוע איינער פונ די גלאדיאטערס ספארטאק אָנגעהויבנ איבערצײַגנ זײַנע אומגליק־כאווײרים, אז עס איז בעסער צו ריזיקירנ מיטנ לעבנ פאר אומקערנ זיכ די פרײַהײַט, איידער צו פארלירנ דאָס לעבנ אפ דער צירק־ארענע, קעדיי לוסטיק מאכנ די צושויער. צו ספארטאקנ האָבנ זיכ פארייניקט 70 גלאדיאטערס; זיי האָבנ דערהארגעט די וואכ אונ זײַנענ אנטלאָפנ אינ בארג וועזוווי. צו זיי האָבנ זיכ באלד פארייניקט פיל אנדערע אנטלאָפענע קנעכט. ספארטאק האָט פריער געדינט אלס מיליטער־קאָמאנדיר; ער האָט אָרגאניזירט זײַנע כאווײרים אינ מיליטער־אָטריאדנ אונ צעקלאפט א ניט קיינ גרויסנ רוימישנ אָטריאד, וואָס איז ארויסגעשיקט געוואָרנ צו ארעסטירנ די אנטלאָפענע.

דער דאָזיקער זיג האָט געגעבנ ספארטאקנ אונ זײַנע אָטריאדנ געווער אונ האָט נאָכ מער פארגרעסערט דעמ צופלוס פונ אנטלאָפענע צו אימ. אינ א קורצער צײַט האָט שוינ ספארטאק געהאט א 70־טויזנטיקע ארמיי, האָט פארנומענ קאמפאניע אונ אפוליע, האָט דאָרטנ קאָנפיסקירט אלע רעזערוונ אײַזנ אונ קופער אונ האָט זיכ באוואָפנט. דאָרעמ־איטאליע איז געוואָרנ א פרײַע רעפובליק פונ קנעכט.

די רוימער האָבנ ארויסגעשיקט קעגנ ספארטאקנ גרויסע מיליטער-אָטריאדנ, אָבער זיי האָבנ אויכ געליטנ א מאפּאָלע. 300 סאָלדאטנ, וואָס זײַנענ גענומענ געוואָרנ אינ געפענקעניש, האָבנ לויט ספארטאקס באפעל געמוזט קעמפנ איינער קעגנ דעמ צווייטנ פונקט ווי די גלאדיאטערס, ביז וואנענ זיי האָבנ איינער דעמ אנדערנ ניט דערהארגעט. אינ רוימ האָט זיכ אָנגעהויבנ א פאניק. אפ די נײַע קאָנסול־וואלנ האָט זיכ קיינער ניט באשלאָסנ ארויסצושטעלנ זײַנ קאנדידאטור, ווײַל קיינער האָט ניט געהאָפט בײַצוקומענ ספארטאקנ.

אינ דעמ דאָזיקנ אנטשיידענעמ מאָמענט איז צווישנ די קנעכט ניט געווענ קיינ איינשטימיקײַט. די קנעכט האָבנ פארלאנגט נאָר איינס — צוריקקערנ זיכ אהיימ, ווער אפנ מיזרעכ, ווער קיינ אפריקע, ווער קיינ לאָמבארדיע. ספארטאק איז געווענ ווײַטזיכטיקער פונ אלע זײַנע כאווײרימ אונ האָט פארשטאנענ, אז אזא טאקטיק וועט ברענגענ צומ אומקום. ער האָט פארגעלייגט גיינ אפ רוימ, נעמענ אימ אונ באהערשנ גאנצ איטאליע. אָבער אנדערע מיליטער־קאָמאנדירנ ספארטאקס האָבנ עס געהאלטנ פאר א ריזיקע, ווײַל די קנעכט האָבנ ניט געהאט קיינ באלאגערונג־געווער. אפ אזא אופנ, האָט זיכ אויכ צווישנ די רוימישע קנעכט ארויסגעוויזנ דאָס זעלביקע פעלנ פונ א באשטימטער רעוואָליוציאָנערער פראָגראמ, ווי צווישנ די גריכישע קנעכט. די קנעכט האָבנ געוואָלט

אומקערנ זיכ די פרײַהײַט, זײ האָבנ אָבער ניט געוווּסט, וויאַזוי אײַנצוהיטנ זי. דעריבער איז אויכ ספּאַרטאַקס אופשטאַנד דורכגעפאַלנ.

זײַנ קאַנדידאַטור אַלס א קאָנסול אפ קעמפנ מיט ספּאַרטאַקנ האָט ענדלעכ אַרויסגעשטעלט דער גרעסטער גוויר, דער פּאַכטער קראַס. זײַנ אַרמײ האָט ער צונויפגעשטעלט פונ 6 בעסטע לעגיאָנען. נאָכ א לאַנגנ אונ אַקשאָנעסדיקנ קאַמפ איז קראַס בײַגעקומענ ספּאַרטאַקנ. ספּאַרטאַק אונ טויזנטער קנעכט זײַנענ אומגעקומענ אינ שלאַכט. פיפ האָבנ זיכ געראַטעוועט מיט אַנטלויפנ. די איבעריקע 6000 מאַנ זײַנענ גענומענ געוואָרנ אינ געפענקעניש. קראַס האָט צעשטעלט ציילעמס אפ דער לענג פונעמ גאַנצנ וועג פונ קאַפּוע ביז רוים אונ האָט אפ זײ געקרייציקט אָט די 6000 מענטשנ. זייערע טויטע קערפּערס זײַנענ געהאַנגענ אינ פאַרלויפ פונ אייניקע וואָכנ, קעדיי אָנצושרעקנ די קנעכט, וואָס האָבנ געשמאַכט אינ די טפּיסעס.

אָבער אויכ די דאָזיקע בלוט־באָד האָט ניט אָפּגעשראָקנ די קנעכט אונ האָט ניט געקאָנט ראַטעווענ די שקלאַפנבאַזיצערישע אָרדענונג פונ אַנ ענדגילטיקנ אומקום. זי האָט נאָר געלאָזט אָפּעטעמענ די קנעכטבאַזיצער. עס איז געוואָרנ אַזויפיל אַנטלאָפענע קנעכט, אַז מיט זייערע אָנפאַלנ פלעגנ זײ אָנוואַרפנ א שטענדיקע שרעק אפ זייערע אונטערדריקער. אונ אייניקע פונ די אַנטלאָפענע קנעכט, וואָס זײַנענ געווענ באַקענט מיטנ יאַמ־וועזנ, האָבנ פאַרכאַפּט עטלעכע יאַמ־שיפנ, האָבנ זײ באַוואָפנט אונ גענומענ ראַבעווענ די שיפנ מיט ברויט אונ מיט אַנדערע פּראַכטנ, וואָס פלעגנ גײנ קײנ רוים. דער גאַנצער יאַמ־האַנדל איז אינ די 60־ער יאָרנ פונעמ ערשטנ יאָרהונדערט צעשטערט געוואָרנ. אינ רוים האָבנ זיכ אָנגעהויבנ איבערכאַזערנ פאַלנ, ווענ אויס ברויט־מאַנגל פלעגנ מאָרקעמענ איבערײַסנ אינ אַרויסגעבנ ברויט די „פּראָלעטאַריער". דאַנ פלעגנ די „פּראָלעטאַריער" אָנהייבנ זיכ רעגנ אונ דראָענ אָפּצורעכענענ זיכ מיט די נאָבילנ אונ מיטנ סענאַט. אינ אַזא קריטישער צײַט האָבנ סײַ די נאָבילנ אונ סײַ די רײַטער געזוכט א רעטונג נאָר אינ א דיקטאַטור פונ מיליטער־פירער.

134. די רויִנירונג פונעמ נאָבילִיטעט. די אופשטאַנדנ פונ די קנעכט אונ די ערד־קאָנפיסקאַציעס אינ דער צײַט פונ מאַריוּסנ אונ פונ אַנדערע מיליטער־פירער האָבנ רויִנירט די ווירטשאַפט פונ פיל גרויסע נאָבילנ. אינ די 60־ער יאָרנ פונ I יאָרהונדערט, אינ 12 יאָר אַרומ נאָכ סולענ, איז א גרויסער טייל נאָבילנ אַרײַנגעפאַלנ אינ גרויסע כויוועס בא די רײַטער וווּכערניקעס. די נאָבילנ פלעגנ אַנטלײַענ געלט אפ פאַריכטנ זייער ווירטשאַפט. אָבער די געוווינהײַט צו א לוקסוס־לעבנ, זיכ ניט רעכענענדיק מיט געלט, אונ די אומרוענ, וואָס האָבנ זיכ געצויגנ אָנ אופהער, האָט זײ ניט געגעבנ קײנ מעגלעכקײַט אָפּצוצאָלנ די כויוועס. פונקט ווי די פויערימ אינ II יאָרהונדערט, האָבנ די נאָבילנ גענומענ פאַרקויפנ זייערע ערד טיילנווײַז. קויפער זײַנענ דאָסטאָוו געווענ די רײַטער.

די רײַטער האָבנ זיכ ניט באַנוגנט מיטנ אופקויפנ די ערדנ פונ די נאָבילנ, זיי האָבנ זיכ ניט אָפּגעזאָגט אויכ פונ פאַרכאַפּנ מיט גוואַלד.

ערד-רויבערײַ, „פאַרטרײַבנ די שכײנים" — אָט די מיטלענ פונ קריגנ ערד זײַנענ געוואָרנ א געוויינלעכע דערשײַנונג אינ איטאַליע פונ די 60-ער יאָרנ. א פאַכטער אָדער א וווכערניק, וואָס האָט געוואָרפנ אנ אויג אפ דער ערד פונ זײַנ שאָכנ, פלעגט געוויינלעכ באַוואָפּענענ אנ אָטריאַד קנעכט אונ מיט גוואַלד פאַרנעמענ דעם אויסגעקוקטנ באַצירק.

אפ אזא אויפנ איז אינ מיטנ ערשטנ יאָרהונדערט די אַלטע סענאַטישע אַריסטאָקראַטיע רויִנירט געוואָרנ אונ האָט זיכ געפונענ אינ צושטאַנד פונ פולשטענדיקער צעפֿאַלונג. די קליגערע אונ ווײַטזיכטיקערע נאָבילנ האָבנ פאַרשטאַנענ, אז די סענאַטישע רעפּובליק קאָנ מער ניט עקזיסטירנ. אינ די הענט בא די רײַטער האָבנ זיכ איצט קאָנצענטרירט סײַ די ערד סײַ די געלט-רײַכטימער, אונ עס איז געווענ פולקומ קלאָר, אז אויכ די פּאָליטישע מאַכט דאַרפ איבערגײנ צו זיי. דעריבער האָבנ פיל נאָבילנ, וואָס האָבנ נאָכ פאַרהיט זייער ערד אונ וואָס זײַנענ נאָכ ניט געווענ באַלעסטיקט מיט כויוועס, אָנגעהויבנ האַנדלענ צוזאַמענ מיט די רײַטער. אייג אונ דער זעלביקער ציל האָט פאַראייניקט די רײַטער אונ די נאָבילנ, וואָס זײַנענ איבערגעגאַנגענ אפ זייער זײַט: ראַטעווענ די אומקומענדיקע שקלאַפּנבאַזיצערישע אָרדענונג דורכ פאָרמעלנ אײַנשטעלנ א שטענדיקע מיליטערישע דיקטאַטור.

135. דער סאָפ פונ דער סענאַטישער רעפּובליק. דער לעצטער קאַמפ פאַר אײַנשטעלנ א שטענדיקע מיליטערישע דיקטאַטור פונ די שקלאַפּנבאַזיצער איז פאָרגעקומענ אינ פאַרלויפ פונ 30 יאָר — פונ דעמ 60־טנ ביז דעמ 30־טנ פאַר אונדזער ערע. דער דאָזיקער קאַמפ האָט זיכ געפירט לויט א פאַרשטענדיקונג פונ די רײַטער מיט די נאָבילנ, וואָס זײַנענ איבערגעגאַנגענ אפ דער זײַט פונ די רײַטער. די פאַרשטענדיקונג פלעגט געשלאָסנ ווערנ צווישנ די פירער פונ דער אונ יענער גרופּע, דערבײַ פלעגנ פינקטלעכ באַשטימט ווערנ די באַדינגונגענ פונ דער פאַרשטענדיקונג אונ פונ איר ציל.

די ערשטע פאַרשטענדיקונג איז געשלאָסנ געוואָרנ אינ 60־טנ יאָר צווישנ דעמ רײַטער קראַס, וועלכער איז שוינ אונדז באַקאַנט, אונ די נאָבילנ פּאָמפּיי אונ יוליוס צעזאַר. פּאָמפּיי איז געווענ א באַוווסטער קריגפירער, וועלכער האָט נאָרוואָס געגעבנ שווערע קלעפּ די יאַמ־רויבער אונ האָט אפ א געוויסער צײַט געזיכערט די יאַמישע פאַרקערוועגנ. אונ צעזאַר איז געווענ א יונגער פאַרשווענדערישער אונ פאַראָרעמטער נאָביל, וועלכער האָט באַשלאָסנ, קעדיי צו פאַריכטנ זײַנע געשעפטנ, צושטיינ צו די רײַטער.

יעדערער פונ די דרײַ אָנטיילנעמער פונ דער פאַרשטענדיקונג האָט געהיימ געטרוימט וועגנ שאַפנ זיכ אנ אַרמיי, דעראָבערנ אונ צעראַבירנ אוואָסער ניט איז בײַע געגנט אונ דערנאָכ קומענ קיינ רוימ אונ מאַכנ אנ ענדגילטיקע מעלוכע־איבערקערעניש. אָבער וועגנ דעמ דאָזיקנ ענדציל האָט יעדער

אָנטיילנעמער פון דער פאַרשטענדיקונג געשוויגן. מע האָט נאָר אָפּגעמאַכט צו העלפן איינער דעם אַנדערן קריגן אַ קאָנסולאַט, און אַפּ שפּעטער האָט מען אָפּגעמאַכט פריִדלעך „צעטיילן" די מאַכט. קראַס האָט געגעבן געלט אַפּ אונטערקויפן די וויילער; פּאָמפּיי און צעזאַר זײַנען געוואָרן קאָנסולן און האָבן דורכגעפירט קראַס' אויפטראָג, „אײַנצושטילן" די געגנט וויפיניע אין קליין־אַזיע, וועלכע רוים האָט נאָך ניט צעראַבירט. דאָרטן איז קראַס אומגעקומען. און צעזאַר און פּאָמפּיי האָבן נאָך דעם, ווי זיי זײַנען געוואָרן קאָנסולן, ווערבירט זיך אַרמייען און אוועקגעלאָזן זיך פאַרכאַפּן נײַע לענדער. פּאָמפּיי איז אוועק דעראָבערן דאָס סעלעווקידישע קיניגרײַך—דעם מיזרעך־טייל פון קליין־אַזיע—סיריע און פּאַלעסטינע. און צעזאַר איז אוועק דעראָבערן גאַליע (דאָס איצטיקע פראַנקרײַך) און בריטאַניע. דער און יענער האָבן מילכאָמע געהאַלטן אַרום 10 יאָר, האָבן אָנגערויבט אַ ריזיקן רויב און האָבן פאַר זיך אויסגעבילדעט איבערגעגעבענע שלאַכט־אַרמייען.

צעזאַר האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גענ׳אַלן קריגפירער און פאַר אַ זייער געשיקטן פּאָליטיקער. פון גאַליע פלעגט ער אונטערהאַלטן שטענדיקע באַציִונגען מיט רוים, און זײַנע פאַרבינדעטע האָבן פאַר אים געפירט די סאַמע ענערגישע אַגיטאַציע צווישן די „פּראָלעטאַריער", צוזאָגנדיק זיי פונעם נײַעם „אימפּעראַטאָר" אַלערלײַ גליקן. אין 49־טן יאָר האָט זיך צעזאַר צוריקגעקערט קיין איטאַליע, ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט זײַן מיליטער אַפּ רוים און האָט אים אָן ווידערשטאַנד פאַרנומען. די סענאַטאָרן זײַנען אײַנעם מיט פּאָמפּייען אַנטלאָפן קיין גריכנלאַנד, האָבן דאָרטן אָנגעווערבירט אַן אַרמיי, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַער בירגער־קריג. אין 4 יאָר אַרום האָט זיך צעזאַר צוריקגעקערט אין רוים אַלס אַ זיגער, האָבנדיק צעגראָמירט די סענאַטישע אַרמײַ. די פאָלק־פאַרזאַמלונג האָט אים דערקלערט אַלס אַ קאָנסול און אַ דיקטאַטער אָן אַ טערמין. צעזאַר אַליין האָט געוואָלט דערקלערן זיך פאַר אַ קיניג, ער האָט עס אָבער ניט באַוויזן צו טאָן: אין 44־טן יאָר האָט אים דערהאַרגעט אַ פאַרשווערער פון די יונגע נאָבילן.

דאַן האָט זיך געשאַפן אַ צווייטע פאַרשטענדיקונג. צעזאַרס יאָרשים, זײַן איידעם אַנטאָניוס און זײַן אַ דאָפּטירטער זון אָקטאַוויוס, האָבן זיך צונויפגערעדט מיט לעפּידן, דעם רײַכסטן צווישן די רײַטער. זיי האָבן זיך צונויפגערעדט די רעפּובליק ניט אויפשטעלן, ענדגילטיק פאַרניכטן די סענאַטישע פּאַרטיי און צעטיילן דערנאָך צווישן זיך די רוימישע מעלוכע. עס האָט זיך ווידער באַנײַט דער בירגערקריג, און די סענאַטישע פּאַרטיי האָט געליטן אַן ענדגילטיקע מאַפּאָלע. נאָכדעם האָט אָקטאַוויוס זיך צעקריגט מיט אַנטאָניוסן, האָט אים פאַרניכטעט, האָט איינגעוועגס פאַרייניקט עגיפּטע צו רוים און האָט זיך אומגעקערט קיין רוים ווי אַן אומבאַגרענעצטער זיגער. אָט דער לעצטער קאַמף האָט געדויערט 14 יאָר און האָט זיך געענדיקט אין 30־טן יאָר.

אָקטאַוויוס האָט דער לער צעזאַרן פאַר אַ גאָט, האָט

אויסגעבויט לעקאָוועד אים א טעמפּל און אין טעמפּל אויעק
געשטעלט א גרויסן שטאט פּריסטערס. זיך האָט ער אָנגערופן אוג־
גוסט, ד. ה. „הייליקע פּערזאָן". אונטער דעם דאָזיקן נאָמען איז ער באוווסט
אין דער געשיכטע. בא אַלע נאָבילן, וואָס זײַנען געווען פּארמישפּעט אין קאמף
קעגן צעזארן און אין דער לעצטער מילכאָמע, האָט אווגוסט אָפּגענומען די
ערד און צעטיילט זיי צווישן די סאָלדאטן פון זײַן ארמיי. ער האָט אָנגע־
נומען דעם טיטל פּרינצעפּס, ד. ה. „ערשטע פּערזאָן" אין דער
רוימישער מעלוכע. אָבער אווגוסט האָט פאר זיך פּארהיט אפן גאנצן לעבן
אויך דעם נאָמען אימפּעראטער, ד. ה. הויפּט־קאָמאנדיר פון דער
רוימישער ארמיי. דער דאָזיקער טיטל האָט זיך פּארפעסטיקט
פאר אווגוסטן און פאר זײַנע יאָרשים.

אזוי האָט פּארענדיקט איר עקזיסטענץ די סענאטישע רע־
פּובליק. אָנשטאָט איר האָט זיך אונטער דעם נאָמען פון דער
רוימישער אימפּעריע אײַנגעשטעלט א מיליטערישע דיקטא־
טור פון די רוימישע שקלאפנבאזיצער.

4. די צעלייגונג פון דער שקלאפנבאזיצערישער אָרדענונג און דער סאָף פון דער רוימישער אימפּעריע

136. דער מיליטערישער כאראקטער פון דער אימפּעריע. די מאכט
פון די רוימישע אימפּעראטערס איז געווען א מאָנארכישע, דאָס
הייסט אן איינפּערזאָניקע. אָבער די אימפּעראטערס זײַנען ניט געווען
אזוינע ירושע־קיניגן, ווי די פּעאָדאלע קיניגן. פּארשטייט זיך, אז די שקלאפּנ־
באזיצער וואָלטן גאָרניט געהאט קעגן א בעירושעדיקער אימפּעראטערישער מאכט.
אָבער די אימפּעראטערס האָבן זיך געשטיצט ניט נאָר אף די
שקלאפנבאזיצער, נאָר אויך אף זייער אייגענעם מיליטער,
וואָס איז באשטאנען פון „פּראָלעטאריעו". קעדיי אײַנצוהיטן פאר
זיך די מאכט, האָבן די אימפּעראטערס געמוזט נאָכגעבן זייערע סאָלדאטן, ווײַל
די אומצופרידענע סאָלדאטן האָבן זיך געקאָנט צעבונטעווען און אראָפּווארפן דעם
אימפּעראטער פון טראָן.

דעריבער האָט יעדער אימפּעראטער ניט נאָר זיך געס־
טארעט צו שטימען מיט זײַן ארמיי, נאָר ער האָט זיך אויך
געסטארעט צו פּאָפּוליאריזירן צווישן די סאָלדאטן זײַן יור־
רעש. אָפטמאָל פלעגט אפילע דער אימפּעראטער באשטימען אלס א קאָמאנדיר
פון זײַן גווארדיע, פון די אױיגערופענע פּרעטאָריאנער, זײַן זון אָדער אן
אנדער קאָרעוו, ווען ער האָט געוואָלט איבערגעבן די מאכט נאָכן טויט. די
פּרעטאָריאנער זײַנען געשטאנען אין רוים; דאָס זײַנען געווען אָפּגעקליבענע סאָל־
דאטן וועמען די אימפּעראטערס פלעגן צאָלן גרויסע געהאלטן, פון צײַט צו צײַט
געבן פּארשיידענע געשאנקען און פלעגן זיי אויסהאלטן אין די סאמע בעסטע
באדינגונגען. אָבער ניט שטענדיק פלעגט זיך די אימפּעראטערס אײַנגעבן צו

פארזיכערנ דעם טראָנ פאר זייער יורעש. די פּרעטאָריאַנער זײַנען פריִער פאר אַלץ געווענ צוגעבונדנ צו זייערע קאָמאנדירנ, און עס זײַנען געווענ פאַלנ, אז דער קאָמאנדיר פונ די פּרעטאָריאַנער פלעגט מיט זייער הילפ אראָפּוואַרפנ דעם אימפּעראַטער און אַלײנ ווערנ אימפּעראַטער. עס זײַנען געווענ אזוינע פאַלנ, ווענ דאָס מיליטער, וואָס איז געשטאַנענ אינ די פּראָווינצנ, איז ניט געווענ אײַנשטימיק צו אנערקענענ פאר אנ אימפּעראַטער דעם, ווער עס איז דערקלערט געוואָרנ פאר אנ אימפּעראַטער אינ רוים. דאנ פלעגט זיכ אָנהייבנ א באַוואָפנטער קאמפ צווישנ די פּרעטענדענטנ, און אימפּעראַטער פלעגט ווערנ דער, וואָס פלעגט זיגנ.

די אימפּעראַטערס, וואָס פלעגנ אַרופ אַפנ טראָנ מיט אזוינע מיטלענ, זײַנען ניט זעלטנ געווענ אבסאָליוט אומפעייִקע רעגירער. אָבער די שקלאַפנבאַזיצער האָט עס ניט געאַרט. פאר זיי איז געווענ וויכטיק נאָר דאָס, וואָס דער אימפּעראַטער מיט זײַנע סאָלדאַטנ איז געווענ שטענדיק גרייט צו פאַרטיידיקנ זיי פונ קנעכט-אויפשטאנדנ. דער אימפּעראַטער פלעגט אונטערשרײַבנ אוקאַזנ, אָבער די אוקאַזנ פלעגנ צונויפגעשטעלט ווערנ ניט פונעמ אימפּעראַטער, נאָר פונ דער אימפּעראַטאָרישער קאַנצעליאַריע. די דאָזיקע קאַנצעליאַריע איז איצט געוואָרנ דער הויפּטלעכער רעגירונג-אַנשטאַלט. דעם אימפּעראַטערס ראַטגעבער פונ די מער אײַנפלוסרײַכע רײַטער פלעגנ אימ רעקאָמענדירנ קאַנדידאַטנ אַפ מיטגלידער פונ דער דאָזיקער קאַנצעליאַריע. דאָסראָוו פלעגנ אהינ באַשטימט ווערנ דערפאַרענע יוריסטנ, ד. ה. קענער פונ געזעצנ און מינהאָגים פונ אַלע פאַרשיידנאַרטיקע לענדער, וואָס זײַנען אַרײַנ אינ דער אימפּעריע. אינ הע‍סקעמ מיט די אינטערעסנ פונ די שקלאַפנבאַזיצער פלעגנ די יוריסטנ פאַרפאַסנ פּראָיעקטנ פונ נײַע געזעצנ, וואָס דער אימפּעראַטער פלעגט נאָר באַשטעטיקנ מיט זײַנ אונטערשריפט.

137. די רויִנירונג פונ דער אימפּעריע נאָכ די בירגער-מילכאָמעס.

די 100-יאָריקע בירגער-מילכאָמע האָט דערענדיקט די רויִנירונג פונ איטאַליע און פונ די פּראָווינצנ, וואָס האָט זיכ נאָכ אָנגעהויבנ אינ III יאָרהונדערט. ווענ אווגוסט האָט פײַערלעכ דערקלערט, אז ער האָט ענדלעכ געמאַכט א סאָפ צו די מילכאָמעס און האָט אײַנגעשטעלט דעם רוימישנ שאָלעמ — איז דאָס געווענ א בעסאַכמענ-שאָלעמ. נאָר אינ עגיפּעט, וועלכעס איז ווייניק געווענ אָנגערירט פונ די מילכאָמעס און פונ דער עקספּלואַטאַציע פונ די רוימישע רויבער, איז דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבנ געגאַנגענ נישקאָשעדיק. אינ אַלע איבעריקע געגנטנ פונ דער אימפּעריע, איז דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבנ געקומענ צו א פולשטענדיקער צעפאַלונג. דער האַנדל איז אומעטום אָפּגעשטאָרבנ — סאָכרימ זײַנען געווענ פיל, און קויפער ווייניק. די האַנטווערקער האָבנ קוימ-קוימ זיכ נעבעכדיק דורכגעלעבט. די לײַבײגענע פּויערימ פונ די מיזרעכ-פּראָווינצנ האָבנ געקרעכצט אונטערנ לאַסט פונ לײַבשטײַער און פונ פּאַנשטשינע.

גוט האָבנ געלעבט נאָר די רײַכע רוימישע שקלאַפנבאַזיצער. אינ דער צײַט פונ די בירגער-מילכאָמעס האָבנ זיי זיכ אָנגערויבט

גוואַלדיקע רײַכטימער, און איצט פֿלעגנ זײ עס פֿאַרלעבנ אפֿנ סאַמע לוקסוסדיקנ אופֿנ. עס פֿלעגנ זײ שפּײַזנ, אָנטאָנ און לוסטיק מאַכנ טויזנטער קנעכט. אינ די שטעט האָבנ זײ זיכ אויסגעבויט פּראַכטפֿולע הײַזער, לויט די פּלענער פֿונ די סאַמע באַרימטסטע גריכישע קינסטלער און אַרכיטעקטערס. און אינ זײערע לאַטיפֿונדיעס פֿלעגנ איצט די שקלאַפֿנבאַזיצער אײַנאָרדענענ פּאַרקנ און מענאַזשעריעס פֿאַר געיעג, פֿישפֿאַנג-סאַזשלקעס, ריזיקע קינסטלעכע אָזערעס. זײערע ווילעס פֿלעגנ זײ אויכ בויענ אינ גריכישנ סטיל.

אָבער די אַלע לוקסוסדיקע געבײַדעס און דאָס לוקסוסדיקע לעבנ פֿונ די קנעכטבאַזיצער זײַנענ, אַזוי צו זאָגנ, געבויט געווענ אפֿ זאַמד. די רײַכטימער פֿלעגנ פֿאַרלעבט ווערנ און אָנראַבעווענ נײַע איז אינ דער רויִנירטער אימפּעריע ניט געווענ ווו. אַלע לענדער, וואָס מע האָט געקאָנט דעראָבערנ און באַראַבעווענ, זײַנענ שוינ דעראָבערט און צעראַבירט געוואָרנ. ווײַלנדיק ניט ווײַלנדיק איז אויסגעקומענ אַ טראַכט צו טאָנ וועגנ דעמ, אַז מע דאַרף לאָזנ איבערכאַפּנ דעמ אָטעמ די אַלטע פּראָווינצנ, קעדײ זײ זאָלנ זיכ ווידער קאָנענ אויפֿהײבנ און ווידער געבנ „רויב” די שקלאַפֿנבאַזיצער.

138. פּרווונ פֿונ פֿאַרגעזינטערונג-רעפֿאָרמעס. דעריבער האָבנ די אימפּעראַטערס פֿונ I און II יאָרהונדערטנ פֿונ אונדזער ערע זיכ געפּרווט צו רעפֿאָרמירנ דאָס פֿאַרוואַלטנ מיט די פּראָווינצנ. זײ האָבנ דורכגעפֿירט רעפֿאָרמעס, מיט וועלכע זײ האָבנ זיכ געסטאַרעט צו פֿאַרבײַטנ דעמ פֿריִערדיקנ רויבערישנ ווילקיר פֿונ די פּראָקאָנסולנ און פֿונ די פּאַכטערס מיט אַ פֿאַרוואַלטנ אפֿנ גרונט פֿונ באַשטימטע געזעצנ.

אָנשטאָט די פּראָקאָנסולנ האָבנ אינ די פּראָווינצנ אָנגעהויבנ באַשטימט ווערנ קײזערלעכע פּראָקוראַטערס. די פּראָקוראַטערס זײַנענ געווענ אונטערגעוואָרפֿנ דער קײזערלעכער קאַנצעלאַריע און פֿלעגנ אַהינ שיקנ באַריכטנ וועגנ זײער אַדמיניסטרירנ. אויב די אַדמיניסטראַציע פֿונ אַ פּראָקוראַטער האָט זיכ אַרויסגעוויזנ פֿאַר אַ ניט-געלונגענע אָדער אויב עס פֿלעגנ אפֿ אימ אָנקומענ אָנקלאַגעס פֿונ די פּראָווינציאַלנ, פֿלעגט אַזאַ פּראָקוראַטער אַראָפּגענומענ ווערנ און פֿאַרביטנ ווערנ מיט אַנ אַנדערנ. אָנשטאָט די פֿריִערדיקע צינזנ האָבנ די אימפּעראַטערס אַרופֿגעלײגט אפֿ די פּראָווינציאַלנ צווײ באַשטימטע שטײַערנ: אַנ ערד- און קאָפּשטײַער. די גרײס פֿונעמ שטײַער פֿלעגט פֿאַר יעדנ צאָלער באַשטימט ווערנ אינ העסקעמ מיט זײַנ פֿאַרמעגנ און האַכנאָסעס. צוליב דעמ פֿלעגט דורכגעפֿירט ווערנ רעגיסטראַציעס פֿונ דער באַפֿעלקערונג. די אויפֿמאָנונג פֿונ די שטײַערנ איז אָפּגענומענ געוואָרנ בא די פּאַכטערס און איז איבערגעגעבנ געוואָרנ די שטײַערנ-קאַנצעלאַריעס בא די פּראָקוראַטערס. די דאָזיקע סיסטעמ איז לעכאַטכילע אײַנגעפֿירט געוואָרנ נאָר אינ די נײַע פּראָווינצנ, וואָס זײַנענ פֿאַרײניקט געוואָרנ צו רוימ פֿאַר צעזאַרנ און אווגוסטנ — אינ גאַליע, סיריע און עגיפּעט. אָבער אינמיטנ I יאָרהונדערט איז זי פֿאַרשפּרײט געוואָרנ אויכ אפֿ אַלע אַלטע פּראָווינצנ.

אָבער די אַלע רעפֿאָרמעס האָבנ ניט געקאָנט ראַטעווענ די שקלאַפֿנבאַזיצע-

דישע אָרדענונג, ווײַל זיי האָבנ ניט אָנגערירט די יעסוידעס אירע — קנעכטשאפט, אונ די רויבערײַ, וואָס איז דערמיט פארבונדנ. די רויבערײַ איז קלענער געוואָרנ, זי האָט אָבער ניט אופגעהערט. די פראָקוראטערס האָבנ זייערע אפעטיטנ פארקלענערט, אָבער די קאָנפיסקאציעס אונ די אופמאָנונגענ אפ אויסהאלטנ זייער מיליטער האָבנ זיי ווי פריער פאָרגעזעצט. די גרייס פונ די שטײַערנ פלעגנ באַשטימט ווערנ זייער הויכע אזוי, אז קליינע לאנדווירטנ אונ האנטווערקער פלעגנ זיי מיט דער גרעסטער מי אויסצאָלנ אונ האָבנ בעשומויפנ ניט געקאָנט קומענ צו זיכ. די שקלאפנבאזיצער פלעגנ ווײַטער אויסזויגנ דעמ זאפט פונ די פראָווינצנ. דער רוימישער שאָלעמ, וואָס איז דערקלערט געוואָרנ פונ אווגוסטנ, האָט זיכ אויכ ארויסגעוויזנ פאר א ניט פעסטנ. די אימפעראטערס, וואָס האָבנ זיכ געריסנ פארנ טראָנ, האָבנ אינ I יאָרהונדערט כאָרעוו געמאכט עטלעכע מאָל איטאליע בעשאס זייערע מילכאָמעס. אונ צוזאמענ דערמיט איז ווײַטער געגאנגענ אויכ א פארביסענער קלאסנקאמפ. די אופשטאנדנ פונ די קנעכט אונ פונ די פראָווינציאלנ פלעגנ ווײַטער פאָרקומענ אָנ אופהער אונ בלויז די „פראָלעטאריער" אינ רוימ האָבנ די שקלאפנבאזיצער ווי ס'ניט איז געהאלטנ אינ געהאָרכזאמקײַט.

139. די סיסטעמ פונ ארויסגעבענישנ אונ פארווײַלונגענ. קעדיי צו האלטנ די „פראָלעטאריער" אונ פראָווינציאלנ אינ אונטערטעניקײַט, פלעגנ די שקלאפנבאזיצער אינ דער עפאָכע פונ דער אימפעריע אָנווענדנ די פאָריקע מיטלענ, זיי האָבנ זיי נאָר נאָכ מער פארברייטערט אונ פארשטארקט.

„פראָלעטאריער" זײַנענ געווענ אינ רוימ מער ווי אומעטומ. אינ דער צײַט פונ דער אימפעריע איז רוימ געווענ א ריזיקע שטאָט מיט א באפעלקערונג ניט ווייניקער פונ 500.000. די „פראָלעטאריער" פלעגנ זיכ אופקומענ אינ רוימ פונ גאנצ איטאליע אונ אינ רוימ זײַנענ זיי געווענ ניט ווייניקער פונ 200—300 טויזנט. א טייל פונ זיי פלעגט זיכ פארשרײַבנ אינ דער ארמיי, אָבער די גוואלדיקע מערהײַט האָט געלעבט פונ ארויסגעבענישנ פונ דער קייזערלעכער קאסע אונ אפנ כעזשבנ פונ נעדאָוועס פונ די רײַכע שקלאפנבאזיצער.

די אומזיסטע ברויט-ארויסגעבענישנ זײַנענ איצט פארגרעסערט געוואָרנ. דאָס ברויט, וואָס פלעגט ספעציעל צוגעגרייטנ ווערנ פאר דעמ ציל אינ עגיפּעט, סיציליע אונ גאליע, פלעגט אופגעשאָטנ ווערנ אינ ריזיקע אמבארנ, וואָס האָבנ פארנומענ א גרויסנ קווארטאל. אויסער די רעגולערע ברויט-ארויסגעבענישנ, פלעגט מענ אפ יאָנטויווימ אײַנאָרדענענ אומזיסטע מיטיקנ פאר די „פראָלעטאריער". אונ אינ באזונדערס פײַערלעכע פאלנ,—צוליב א טריומפ פונ אנ אימפעראטער אָדער ווענ באמ אימפעראטער פלעגט געבאָרנ ווערנ א זונ,—פלעגט מענ אזוינע מיטיקנ אײַנאָרדענענ טעגלעכ אינ מעשעכ פונ א כוידעש.

די טריומפנ זײַנענ איצט געוואָרנ אנ עמעס מיטל פונ קלאסנ-פארדולעניש. די שטאָט פלעגט באפוצט ווערנ מיט די שענסטע טריומפאלע ארקעס (טויערנ) פאר דעמ ארײַנפאָר פונעמ אימפעראטער אינ רוימ נאָכ דעמ זיג (געמ. 66). בעשאס דער טריומפאלער פראָצעסיע פלעגט מענ ווארפנ דעמ האמוינ זילבערנע אונ גילדענע מאטבייעס. דערנאָכ פלעגנ זיכ אָנהייבנ די פײַערונגענ אונ די יאָנטעוודיקע פארווײַלונגענ. דאָס הויפט-אָרט

האָבנ פארנומענ די ציִרק־שפּילנ. פאר זיי האָט מענ אינ רוים אײַנגעאָרדנט א קאָלאָסאלנ ציִרק אפ 200.000 צושויער. דאָרטנ פלעגנ אײַנגעאָרדנט ווערנ, פונקט ווי פריִער, בלוטיקע ספעקטאקלענ, געשלעגנ פונ די גלאדיִאטערס אונ אינ א גרעסערנ פארנעמ. בעשאס די פאָרשטעלונ־ גענ פלעגט מענ אינ דעמ האמוינ צושויער ווארפנ הילצערנע קײַקעלעכ, לויט וועלכע מע האָט געקאָנט באקומענ קליידונג, געבראָטענע אויפעס אונ אנדערע מאטאָנעס. „ברויט אונ שוישפּיל“ — דאָס איז געווענ דער לאָזונג, וואָס עס האָבנ אײַנגעפלאנצט אינ די רוימישע „פראָלעטאריער“ די שקלאפנ־באזיצער. דער דאָזיקער לאָזונג פלעגט פארדולנ די „פראָלעטאריער“ אונ זיי אָפווענדנ פונ קלאסנקאמפ.

אויסער דעמ, פלעגנ פיל קנעכט־באזיצער, ווי פריִער, אויסהאלטנ אפ זייער כעזשבנ גאנצע האמוינימ קליִענטנ פונ „פראָלעטאריער“. דער קליִענט איז געווענ מעכוייעוו קומענ טעגלעכ צומ פאטראָנ אונ באגריסנ אימ, באדינענ אימ אונ באגלייטנ אימ, וווּהינ ער פלעגט גיינ. דערפאר פלעגט דער קליִענט באקומענ מיטיק אונ א ניט גרויסע סומע געלט.

געמעל 66. דעמ אימפעראטער טיטוסעס טריִומפאלע טויערנ אינ רוים.

די פראָווינציִאלנ האָט מענ זיכ געסטארעט צו האלטנ אינ געהאָרכזאמ־קײַט מיט רעליגיִעזע מיט־לענ. גלײַכ ווי די מיזרעכ־דיקע פעאָדאלע קיניגנ אונ דעס־פאָטנ, האָבנ זיכ די אימפעראטערס דערקלערט פאר געטער. אפ צו בוקנ זיכ פארנ אימפעראטער זײַנע אויסגעבויט געוואָרנ טעמפלענ אונ מיזבייכעס אינ אלע טיילנ פונ דער אימפעריע, אונ אינ ספעציִעלע טעג איז די גאנצע באפעלקערונג געווענ געצווונגענ צו באַ־טייליקנ זיכ אינ ברענגענ קאָרבאָנעס. די מאכט פונ די צעזארנ, פלעגנ זאָגנ די פריסטערס, איז א געטלעכע, אונ יעדער בונט קעגנ זיי איז גלײַכ צו א בונט קעגנ די געטער.

140. דער קלאסנקאמפ אונ די קנעכט־אופשטאנדנ. די ארויסגעבע־נישנ אונ דאָס פארדולנ די „פראָלעטאריער“ דורכ פאָרשטעלונגענ האָבנ ווי סיניט איז געהאָלפנ די שקלאפנבאזיצער אײַנצוהיטנ די רו אינ רוימ. אָבער אויכ אינ רוימ פלעגנ זיכ אָפטמאָל אופהייבנ גרויזאמע אומרוענ, באזונדערס ווענ עס פלעגנ צוליב עפעס א סיבע פארשפעטיקנ די טראנספּאָרטנ מיט ברויט אונ פלעגנ צעשטערנ די רע־גולערע ארויסגעבונג פונעמ ברויט־פאיִק. אָבער אײַנצוהאלטנ די רו אונ די געהאָרכ־

זאמקײַט צווישנ די פּראָווינציאלנ אונ קנעכט פּלעגט זיכ מיט קײנע מיטלענ ניט אײַנגעבנ.

די רוימישע שרײַבער פונ יענער צײַט גיבנ איבער, אז אינ I יאָרהונדערט פּלעגנ אינ פארשײדענע ערטער פונ איטאליע פּאָרקומענ קלײנע קנעכט-אופשטאנדנ עטלעכע מאָל אינ יאָר. אויסער דעמ, האָבנ זיכ פאראָפּטערט די דערמאָרדונגענ פונ די הארנ דורכ זײערע קנעכט. דאָס האָט אָנגעבראכט אזא פּאניק אפּ די קנעכטבאזיצער, אז עס איז ארויסגעגעבנ געוואָרג א געזעצ, וואָס לויט אימ ווערנ געקעפּט ניט נאָר דער קנעכט, וואָס איז באגאנגענ די דערמאָרדונג פונ זײַנ האר, נאָר אויכ אלע איבעריקע קנעכט, וואָס האָבנ זיכ אינ דעמ מאָמענט פונ דערמאָרדונג געפונענ אינ הויז.

אָבער אויכ דער דאָזיקער הענקערשער געזעצ האָט ניט אָפּגעהאלטנ די קנעכט. דערמאָרדונגענ פונ שקלאפנבאזיצער פלעגנ ווײַטער פּאָרקומענ, אונ אפילע אזא פאל, ווענ פאר א דערמאָרדונג פונ א שקלאפנבאזיצער זײַנענ מיט אײנ מאָל געקעפּט געוואָרנ 400 קנעכט, וואָס זײַנענ אינעמ מאָמענט פונ דער דערמאָרדונג געווענ אינ זײַנ הויז, האָט אויכ קײנעמ פונ די קנעכט ניט אָנגעשראָקנ.

די פּראָווינציאלנ פלעגנ אויסנוצנ יעדע פּאסיקע געלעגנהײַט פאר אופשטאנדנ. ווענ עס פלעגט זיכ אָנהײבנ א קאמפּ צווישנ די פּרעטענדענטנ אפּנ קײזערלעכנ טראָנ, פלעגט זיכ באלד אָנהײבנ אנ אופשטאנד דאָס אינ דער דאָס אינ יענער פּראָווינצ. אָפּטמאָל פלעגנ די אופשטאנדנ פונ די פּראָווינציאלנ געווענדט ווערנ ניט נאָר קעגנ די רוימער, נאָר אויכ קעגנ די אײגענע אָרטיקע עקספּלואטאטערס. די קנעכטבאזיצער אונ די פעאָדאלנ אינ די פּראָווינצנ פלעגנ זיכ באנוצנ מיט דער שטיצע פונ די רוימישע שקלאפנבאזיצער—די רימישע מיליטער-אָטריאדנ זײַנענ שטענדיק געווענ גרײט ארויסצוטרעטנ זײ צו שוצ. א באזונדערס גרויזאמער אופשטאנד איז פּאָרגעקומענ אינ די יאָרנ 66—70 אינ יעהודע גלײַכצײטיק קעגנ די רוימער אונ קעגנ די אײגענע עקספּלואטאטערס.

ווי מיר ווײסנ, האָבנ די פּערסישע קיניגנ איבערגעגעבנ יעהודע אפּ רעגירנ דעמ הויפּט-פּריסטער (דעמ קויהענגאָדל) פונעמ יערושאָלאימער טעמפּל (בײסאמיקדעש). די דאָזיקע לאגע איז אויכ פארבליבנ בא דער רוימישער מאכט. דאָס פּריסטערטומ (די קויהאנימ) האָט עקספּלואטירט די ארבעטנדיקע באפעלקערונג פונ יעהודע אפּנ סאמע אכזאָריעסדיקנ אויפנ. די קויהאנימ האָבנ באלײגט די באפעלקערונג מיט שווערע שטײַערנ אונ טשינשנ לעטויוועס דעמ טעמפּל (בײסאמיקדעש). פונ אלע פּראָדוקטנ האָבנ די קויהאנימ געפאָדערט א צענטכײלעק („מײַסער"); יעדנ צענטנ קאָפּ פונעמ פי, יעדנ צענטנ מעסטל טווע, א צענטכײלעק בוימל, ווײַנ אונ אפילע א צענטכײלעק פונ אזוינע געוויקסנ ווי אניס, מענטע אונ קימל. אויסער דעמ, פלעגנ די קויהאנימ פאָדערנ, אז אינ טעמפּל זאָל געבראכט ווערנ יעדער ערשטער גארב פונ פעלד, די ערשטע קערב פרוכטנ, די ערשטלינגענ פונעמ שטוב-פי. אלע יעהו-

דער זײַנענ געװענ געצװוּנגענ אָפּצוהיטנ די צאָלרײַכע געבאָטנ (מיצוואָס) פונעמ געזעצ — װעגנ יאָנטויווימ, טאַנייסימ, טפילעס, װעגנ פארשײדענע מאגישע ריטואלנ. אלע רעליגיעזע אונ מאגישע ריטואלנ פלעגנ באגלייט װערנ מיט קאָרבאָנעס אונ פאר יעטװידער אויװער זײַנ די געבאָטנ פלעגט מענ דארפנ ברענגענ שטראָפ-קארבאָנעס. אלע קאָרבאָנעס זײַנענ אויכ געגאנגענ לעטויװעס דעמ טעמפל. צולעצט, האָבנ די קויהאנימ דערקלערט, אז א יעהודער װערט אומרײנ („טאָמע"), װענ ער ארבעט אפ פרעמדגלויביקע, אונ דערמיט האָבנ זײ געצװוּנגענ די האנטװערקער צו ארבעטנ נאָר אפ יעהודישע באשטעלער. אונ די האָבנ, פארשטײט זיכ, באנוצט זיכ דערמיט אונ פלעגנ אראָפּזעצנ די פרײַזנ.

דעריבער פלעגנ זיכ אינ יעהודע אינ פארלויפ פונעמ גאנצנ ערשטנ יאָרהונדערט אופהײבנ אופשטאנדנ קעגנ די קויהאנימ אונ רײַכע יעהודישע סאָכרימ אונ װוּכערניקעס. צומ שוצ פונ די לעצטע פלעגט שטענדיק ארויסטרעטנ דער רוימישער גארניזאָנ, װאָס איז געשטאנענ אינ יעהודע. דעריבער פלעגנ די ארבעטנדיקע דאָפּלט האסנ די רוימער — סײַ װי רויבער, װאָס פלעגנ צאפנ פונ זײ בלוט, אונ סײַ װי זשאנדארמענ אפ דער װאכ פונ די יעהודישע עקספּלואטאטערס. אינ יעהודע האָט זיכ געבילדעט א פארטײ זעלאָטנ („קאנאָימ"), װאָס האָט געװאָלט אראָפּװארפנ „דעמ יאָכ פונעמ געזעצ (ד. ה. פונ די קויהאנימ) אונ דעמ יאָכ פונ די רוימער". אינ 66-טנ יאָר האָט די דאָזיקע פארטײ אופגעהויבנ אנ אלגעמײנעמ אופשטאנד פונ די ארבעטנדיקע יעהודער קעגנ די קויהאנימ אונ די רוימער. די אופשטענדלער האָבנ פארכאפט יערושאָלאימ אונ דעמ בײסאמיקדעש, האָבנ געקעפט פיל קויהאנימ אונ רײַכע אונ האָבנ אָרגאניזירט א רעװאָלוציאָנערע רעגירונג. דער עקספּלואטאטערישער יעהודישער אויבערשיכט איז אנטלאָפנ אינ סיריע, צו די רוימער. יענע האָבנ געשיקט קעגנ די אופשטענדלער מיליטער, האָבנ אײַנגענומענ יערושאָלאימ אונ דערשטיקט דעמ אופשטאנד, אָבער ערשט נאָכ א העלדישנ 4-יאָריקנ קאמפ פונ די יעהודישע רעװאָלוציאָנערנ.

● **141. דער אופקומ פונעמ קריסטנטומ.** די קנעכט-אופשטאנדנ פלעגנ זיכ שטענדיק ענדיקנ מיט מאפּאָלעס, אונ די „פּראָלעטאריער" האָבנ נאָר אינ רוימ געלעבט אפנ כעזשבנ פונ דער מעלוכע-קאסע אונ פונ די שקלאפנבאזיצער; אינ אנדערע שטעט אונ געגנטנ איז זײ אויסגעקומענ בעטנ נעדאָװעס. אפנ מיזרעכ זײַנענ אויסער קנעכט אונ פּראָלעטאריער געװענ פיל פארשקלאפטע קלײנע פויערימ. די לאגע פונ אָט די אלע רויִנירטע אונ פונ אזוינע מענטשנ, װאָס האָבנ פארלאָרנ די פרײַהײַט, איז געװענ אנ אויסװעגלאָזע. געפינענ א רעװאָלוציאָנערנ אויסװעג האָבנ זײ ניט געקאָנט. זײ זײַנענ געװענ צעשפּליטערט, צעזײט איבער דעמ גאנצנ ריזיקנ שעטעכ פונ דער רוימישער אימפּעריע, האָבנ ניט געהאט אײנער מיטנ צװײטנ קײנ פארבינדונג, האָבנ ניט געהאט קײנ אײגענע אָרגאניזאציע אונ פּראָגראמ. אונ אינ רוימ, װוּ אָט די פארומגליקטע זײַנענ געװענ צונויפגעקליבנ אינ אײנ אָרט אונ אינ א גװאלדיקער צאָל, װוּ זײ װאָלטנ מיט אײנ קלאפ געקאָנט אראָפּװארפנ זײערע פארשקלאפער, זײַנענ זײ גענומענ געװאָרנ אפ מעלוכישער קעסט אונ האָבנ ניט געטראכט װעגנ רעװאָלוציעס.

דעריבער איז גאנצ פארשטענדלעכ, וואָס אַט די אלע פארוואָרלאָזטע מענטשנ האָבנ געזוכט אנ אויסוועג אינ רעליגיע, האָבנ אָנגעהויבנ ווארטנ אפ הילפ פונ געטער. אינ | יאָרהונדערט פונ אונדזער ערע פלעגנ זיכ אינ גריכנלאנד, קליינ-אזיע, סיריע, יעהודע סיסטעמאטיש באוויַזנ „נעוויִים", וואָס פלעגנ זיכ דערקלערנ פאר שליכים פונ עפעס א גאָט אנ אויסלייזער. די דאָזיקע „נעוויִים" זיַינענ, פארשטייט זיכ, געוועזנ שארלאטאנעס אונ אָפנארער, וואָס האָבנ געשטרעבט נאָר אָנלעבנ זיכ אפנ כעזשבנ פונ לייכט-גלויביקע רעליגיעזע מענטשנ.

אלע „נעוויִים" פלעגנ האנדלענ אפ איינ אויפנ. א „נאָווי" פלעגט דערקלערנ, אז עפעס א גאָט — דיאָניס אָדער הערמעס אָדער אפאָלאָנ — זעט די ליידנ פונ די פארומגליקטע אונ וועט אינ דער נאָענטסטער ציַיט אראָפנידערנ אפ דער ערד, קעדיי צו ראטעווענ די וועלט — פארניכטנ דאָס בייז, געבנ א גוט, זאט לעבנ אלע פארומגליקטע. אונ קעדיי צו ראטעווענ זיכ, קעדיי אריַינפאלנ אינ דער צאָל אויסדערווילטע פונ דעמ גאָט דעמ אויסלייזער, דארפ מענ, פלעגנ זאָגנ די „נעוויִים", זיכ גרייטנ צו זיַינ אָנקומ אונ פארגיכערנ דעמ דאָזיקנ אָנקומ. דערצו פלעגנ די „נעוויִים" רעקאָמענדירנ פארשיידנע מאגישע ריטואלנ. יעדער „נאָווי" פלעגט אָרגאניזירנ א געמיינדע פונ זיַינע אָנהענגער אונ לעבנ אפ איר כעזשבנ. אזוינע געמיינדעס האָבנ זיכ גאָר א סאכ געבילדעט אינ קליינ-אזיע אונ אינ סיריע.

אינ דער העלפט פונעמ | יאָרהונדערט פונ אונדזער ערע האָבנ אינ די אזיאטישע פראָווינצנ אונ אינ גריכנלאנד צווישנ די „פראָלעטאריער", קנעכט אונ קליינע האנטווערקער מער ווי אלע געהאט דערפאָלג די „נעוויִים" פונ א נייַעמ גאָט, פונ דעמ יעהודישנ קריסטוס. זייער לערע איז געוועזנ פונקט אזא, ווי די לערע פונ אנדערע נעוויִים. אָבער זיי האָבנ געהאט מער דערפאָלג דערפאר, וויַיל זייער גאָט איז געוועזנ א נייַער, אונ דערפאר, וואָס זיי האָבנ באהויפטעט, אז זייער גאָט איז שוינ געקומענ אפ דער ערד. די קריסטלעכע נעוויִים פלעגנ זאָגנ, אז וויפל מענטשנ ס'האָבנ ניט מיספאלעל געווענ צו די אלטע געטער, האָבנ די געטער זיי ניט געהאָלפנ אונ וועלנ זיי ניט העלפנ. אָבער זייער גאָט, קריסטוס, — דאָס איז א נייַער אנ עמעסער גאָט. ער איז, קלוימערשט, געקומענ אפ דער ערד אינ יעהודע. לויט די רייד פונ איינע נעוויִים איז קריסטוס קלוימערשט גלייַכ אראָפ אפ דער ערד פונ הימל, לויט די רייד פונ אנדערע איז ער קלוימערשט געבוירנ געוואָרנ פונ דער בסולע מאריע. ער האָט קלוימערשט אָנגענומענ דאָס געשטאלט פונ א יעהודישנ טעסלער, פלעגט ארומגיינ איבער יעהודע, היילנ בלינדע, טויבע, הינקעדיקע, קראנקע, וואָס מע קאָנ שוינ ניט אויסהיילנ, פלעגט מאכנ פונ טויט לעבעדיק, פלעגט אפ א וואונדער-אויפנ אָנזעטיקנ די הונגעריקע. די עקספלואטאטערס, די יעהודישע קויהאנים אונ די רוימער האָבנ קלוימערשט קריסטוסנ געכאפט אונ געקרייציקט, אָבער ער איז קלוימערשט אויפגעשטאנענ טכיעסהאמייסים אונ ער דארפ אינ דער סאמע נאָענטסטער ציַיט קומענ אפ דער ערד מישפעטנ די וועלט. דעמלט וועט ער פארניכטנ אלע זינדיקע, אלע רייַכע אונ שטארקע, ער וועט פארניכטנ די איצטיקע ערד אונ וועט באשאפנ א נייַע. ווער עס וועט גלייבנ אינ קריסטוסנ אונ וועט אָפהיטנ זיַינע געבאָטנ, פלעגנ זאָגנ די קריסטלעכע נעוויִים, דער וועט אָנקומענ אינ קיניגרייַכ פונ קריסטוסנ, וועט אייביק לעבנ אינ דעמ וואונדערלעכנ סאָד, וועט עסנ די פרוכטנ פונ „אייביקנ לעבנ" אונ טרינקענ דאָס וואסער פונ „אייביקנ לעבנ": דער דאָזיקער מיטוס וועגנ קריסטוסנ האָט געהאט גרויס דערפאָלג אונ האָט צוגעצויגנ צומ קריסטנטומ פיל אָנהענגער.

די פריידיקער פון קריסטנטום פלעגנ אויכ אָרגאניזירנ געמיינדעס, זיי פלעגנ אויכ אײַנאָרדענענ מאגישע ריטואלנ. ענדע I יאָרהונדערט זײַנענ קריסטלעכע געמיינדעס געווענ אינ אלע וויכטיקסטע שטעט פונ סיריע, קליינ-אזיע אונ גריכנלאנד אונ אפילע אינ רוים. די רוימישע רעגירונג האָט זיכ מיט גרויס כשאד באצויגנ צו די קריסטנ, זיכ פאָרשטעלנדיק, אז דאָס איז א רעוואָליוציאָנערע אָרגאניזאציע פונ קנעכט, וואָס וויל אראָפוואַרפנ די מאכט פונ די אימפעראטערס אונ אוועקשטעלנ אינ דער שפיצ פונ דער אימפעריע זייערנ א קיניג— קריסטוסנ. אָבער די „נעווײִם“ אונ די „לערער“ פונ די קריסטנ פלעגנ בארויִקנ די קנעכט-אייגנטימער. זיי פלעגנ דערקלערנ, אז קריסטוס' קיניגרײַכ —„איז ניט פונ דער וועלט“, אז קריסטוס האָט געלערנט אלעמענ אונטערטעניקנ זיכ די מאכטנ, אונ די קנעכט האָט ער געלערנט צו פאָלגנ זייערע הארנ, אונ אז יעדערער וועד עס גלייבט אינ קריסטוסנ, מעג זײַנ אפילע דער סאמע אכזאָריעסדיקער, פארברעכערישער שקלאפנבאזיצער, וועט ער ארײַנקומענ אינ קיניגרײַכ פונ קריסטוסנ אונ וועט באקומענ אייביק לעבנ. הייסט עס, אז דאָס קריסטנטום האָט פונ סאמע אָנהייב אָפגעווענדט זײַנע אָנהענגער פונ קלאסנקאמפ אונ פונ סאמע אָנהייב איז עס געווענ א קאָנטר-רעוואָליוציאָנערע לערע, וועלכע האָט געלוינט פאר די עקספלואטאטערס. אייביקע רײַכע מענטשנ פלעגנ דאָס פארשטיינ, ארײַנטרעטנ אינ די קריסטלעכע געמיינדעס אונ זיי אויסהאלטנ אפ זייערע מיטלענ.

142. די אינוואזיע פונ די גערמאנער אונ דער קאמפ קעגנ זיי

די רוימישע שקלאפנבאזיצער האָבנ מיט שטאָלצ ליב געהאט איבערצוכאזערנ, אז די פארייניקונג פונ דער גאנצער אוראלטער וועלט אונטער זייער מאכט איז „די סאמע ווילטעטיקע זאכ פונעם שיקזאל“. זיי זײַנענ געווענ זיכער, אז אלע אופשטאנדנ פונ די מיט פארשקלאפונג „באגליקטע“ ארבעטנדיקע אונ קנעכט קעגנ זייער מאכט איז א פוסטע זאכ: עס זײַנענ דאָכ פאראנ פרעטאָריאנער, עס זײַנענ דאָכ פאראנ לעגיאָנערנ, זייערע שווערדנ אונ שפיזנ זײַנענ שארפ, זיי פלעגנ פריִער אויסוואָרצלענ אונ וועלנ שטענדיק אויסוואָרצלענ די ווידערשפעניקע. „רוים איז אייביק“, — פלעגנ זאָגנ די קנעכט-באזיצער. ווענ אינ ענדע I יאָרהונדערט האָט דער רוימישער אימפעראטער טראיאנ אײַנגענומענ פאר דער רוימישער אימפעריע דעם נײַעמ געביט דאקיע, צווישנ דונײַ אונ דעם פרוט, האָבנ די רוימישע שקלאפנבאזיצער ווידער טריִומפירט. אָבער דאָס איז געווענ זייער לעצטער טריִומפ.

אויסער די קנעכט, די „פראָלעטאריער“ אונ רויִנירטע מיזרעכדיקע פויערים, האָט פונעם II יאָרהונדערט אָנ דער שקלאנפנבאזיצערישער אָרדענונג אָנגעהויבנ צו דראָענ נאָכ א שרעקלעכער סוינע. דאָס זײַנענ נעווענ די זעלבע גערמאנער, וואָס האָבנ נאָכ אינ מאריוס צײַטנ זיכ געפרווט דורכשלאָגנ פונ יענער זײַט אלפנ אינ צאָפנ-איטאליע. די גערמאנער האָבנ זיכ געפונענ אינ פעריִאָד פונ דער צעלייגונג פונ דער שטאמ-אָרדענונג. עס איז זיי שוינ ענג געווענ אינ די וועלדער אונ בערג פונ מיטל-איירָאָפע; עס האָט זיי געצויגנ אפ יענער זײַט ריינ, אינ דער פרוכטבארער, גוט קולטיווירטער גאליע אונ קיינ איטאליע, וואָס וועגנ אירע לעגענדארע רײַכטימער האָבנ זיי זיכ אָנגעהערט. צו די בײַגרענעצדיקע גערמאנישע שוואָטימ פלעגנ זיכ שטענדיק ציִ-

ען אנטלאָפענע פונ דער אימפעריע — אנטלאָפענע קנעכט, פארשקלאפטע פויערימ. זיי פלעגנ דערציילנ וועגנ די ריַיכטימער אונ דעמ לוקסוס פונ זייערע פארשקלאפער אונ פלעגנ רופנ די גערמאנער צו פארניכטנ זיי. די קלאסנפיַינט פונ די קנעכט-אייגנטימער האָבנ זיכ פאראייניקט מיטנ אויסערלעכנ פיַינט.

אינוואזיעס פונ די גערמאנער האָבנ אָנגעהויבנ פאָרקומענ נאָכ זינט אווגוסטנ. אווגוסט האָט געפרווט אונטערטעניקנ די ביַיגרענעצדיקע גערמאנישע שוואָטימ, קעדיי צו פאָרענדיקנ מיט די דאָזיקע אינוואזיעס. ער האָט אָבער געליטנ א שרעקלעכע מאפּאָלע. די בעסטע ארמייענ, וואָס ער האָט אפ זיי געשיקט, זיַינענ פונ די גערמאנער צווישנ די בערג אונ וועלדער פארנארט געוואָרנ אינ א פאסטקע אונ זיַינענ אלע ביז איינעמ פארניכטעט געוואָרנ. עס איז קלאָר געווענ, אז אינ די בערג אונ אינ די וועלדער וועלנ די רוימער מיט די גערמאנער גאָרנישט ניט קאָנענ מאכנ.

דאנ איז דער אימפעריע אויסגעקומענ איבערצוגיינ צו פארטיידיקונג. אינ די אלפישע דורכגאנגענ, אזוי אויכ לענגאויס די טיַיכנ ריינ אונ דוניַי איז אויסגעבויט געוואָרנ א גאנצע קייט פעסטונגענ. אינ די שוואכע ערטער זיַינענ די דאָזיקע פעסטונגענ פאראייניקט איינע מיט דער צווייטער מיט הויכע וואלנ אונ רויענ. לעבנ די פעסטונגענ זיַינענ באזעצט געוואָרנ אינ מיליטער-קאָלאָניעס סאָלדאטנ. אייניקע פונ די דאָזיקע קאָלאָניעס האָבנ זיכ שפּעטער פארוואנדלט אינ גרויסע שטעט אונ עקזיסטירנ ביז איצט, צומ ביַישפּיל, קעלנ, טריר אונ סטראסבורג אפנ ריינ, מיַינצ אפנ מיַינ, ווינ אפנ דוניַי.

די דאָזיקע פארפעסטיקטע גרענעצ האָט איַינגעהאלטנ די גערמאנער אינ פארלויפ פונ I אונ II יאָרהונדערטנ. אָבער ענדע II יאָרהונדערט האָט זיכ דער דראנג פונ די גערמאנער מיטאמאָל אומגעהייער פארשטארקט. די מיזרעכדיקע גערמאנער האָבנ אָנגעהויבנ געדרענגט ווערנ פונ די סלאווננ, האָבנ די מיזרעכדיקע גערמאנער אָנגעהויבנ דרענגענ די מיַירעוודיקע גערמאנער, אונ די מיַירעוודיקע גערמאנער האָבנ זיכ גענומענ דורכשלאָגנ אינ דער אימפעריע. אינ דער זעלביקער ציַיט האָבנ דורכ דער אזיאטישער גרענעצ פונ דער אימפעריע גענומענ דורכקליַיבנ זיכ אינ דער אימפעריע די פערסנ אונ די ארמענער. פונ ענדע II יאָרהונדערט איז די רוימישע אימפעריע אריַינגעפאלנ אינ א באלאגערונג-צושטאנד. אָפּגעשוואכט דורכ דעמ רויבערישנ באלעבאטעווענ פונ די שקלאפנבאזיצער, האָט זיכ די אימפעריע קוימ-קוימ פארטיידיקט. די פערסנ אונ גערמאנער האָבנ אינ II יאָרהונדערט אָנגעהויבנ צו פארנעמענ די גרענעצדיקע רוימישע געגנטנ. איצט פלעגנ שוינ די רוימישע סאָלדאטנ טויזנטערוויַיז אריַינפאלנ אינ געפענקעניש אונ עס איז קלאָר געוואָרנ, אז דאָס פאלנ פונ דער אימפעריע איז נאָר א פראגע פונ ציַיט. דער „אייביקער רוימ" האָט זיכ דערנענטערט צומ אומקומ.

143. דער קריזיס פונ דער שקלאפנבאזיצערישער ווירטשאפט אונ דער קאָלאָנאט. דאָס אויפהערנ פונ דער דעראָבערונג אונ דער

באלאגערונג-צושטאנד האָבנ געדינט פאר דעמ לעצטנ שטויס, וואָס האָט שנעל צעשטערט די אפ דורכ אונ דורכ צעפוילטע שקלאפנבאזיצערישע אָרדענונג.

די קנעכט-ווירטשאפט האָט געקאָנט עקזיסטירנ נאָר בא א שטענדיקער ווידערופ-שטעלונג פונ דער קנעכטישער ארבעט-קראפט דורכ פארבײַטנ די פארפײַניקטע קנעכט מיט פרישע. אָבער די דעראָבערונג-מילכאָמעס האָבנ פונעמ II יאָרהונדערט אופגעהערט, עס האָט זיכ אָפגעשטעלט דער מאסנ-צופלוס פונ געפאנגענע, עס האָט זיכ אָפגעשטעלט דער האנדל מיט די קנעכט אונ אויסער דעמ האָט דער באלאגערונג-צושטאנד געבראכט צו אנ ענדגילטיקנ פאלנ פונ דעמ האנדל. עס זײַנענ איבערגעריסנ געוואָרנ די יאמ-טראנספּאָרטירונגענ, פיל סאָכרימ זײַנענ פאר-אָרעמט געוואָרנ, אינ די שטעט האָט זיכ אָנגעהויבנ פארקלענערנ די באפעלקערונג. די רײַכע שקלאפנבאזיצער, וואָס פלעגנ קולטיווירנ סעדער אונ ווײַנגערטנער אָדער וואָס פלעגנ זיכ באשעפטיקנ מיט גרויסער שאָפציכטלערײַ, האָבנ שוינ אינ III יאָר-הונדערט פונ אונדזער ערע ניט געקאָנט קויפנ קײנ ברויט אינ א גענוגנדיקער צאָל אפ ביליקע פרײַזנ פאר זייערע קנעכט. די גאנצע אלטע סיסטעמ פונ לאנדווירטשאפטלעכער שקלאפנבאזיצערישער פראָדוקציע איז פונ אָנהייב III יאָרהונדערט פונ אונדזער ערע געקומענ צו צעפא-לונג אונ האָט געמוזט פארביטנ ווערנ אפ א נײַער.

שוינ אינ II יאָרהונדערט פונ אונדזער ערע האָבנ אייניקע שקלאפנבאזיצער, וואָס האָבנ אָנגעהויבנ פילנ שוועריקײַטנ אינ דערנערנ די קנעכט, אָנגעהויבנ אויסצו-טיילנ פונ צווישנ זייערע קנעכט די מער פלײַסיקע אונ טויגבארע צו ערדארבעט. אזוינע קנעכט פלעגנ זיי געבנ ניט קײנ גרויסע באצירקנ ערד, א פאָר אָקסנ אונ אויסבויענ פאר זיי א הײַזקע. דער קנעכט איז געווענ מעכויעװ צו באארבעטנ דעמ באקומענעמ באציר, שפײַזנ זיכ פונ אימ אונ דעמ האר האָט ער געדארפט צאָלנ נאָר לײַבשטײַער. אינ III יאָרהונדערט האָט דער דאָזיקער מינהעג באקומענ א פארשפרייטונג אומעטומ. די פריִערדיקע לאטיפונדיעס זײַנענ צעקלאפט געוואָרנ אפ קליינע באצירקנ, וואָס עס פלעגנ זיי באארבעטנ קנעכט „וואָס זײַנענ געווענ צוגעשריבנ צו דער ערד“. אומעטומ האָט די פריִערדיקע גרויסע ווײַנגערט-נערײַ, סעדערײַ אונ די גרויסע שאָפציכטלערײַ אָנגעהויבנ פארבײַטנ זיכ מיט קליינע קערנער-ווירטשאפטנ. די ערדארבעט האָט זיכ, אזוי צו זאָגנ, ארונטערגעלאָזנ אפ א שטופע נידעריקער.

די גרויסע ערדבאזיצער האָבנ זיכ ניט באגרענעצט מיט אריבערפירנ די קנעכט אפ ערד. אויסער די קנעכט האָבנ זיי אויכ גענומענ פאנאנדער-געבנ ערד-באצירקנ פאר לײַבשטײַער די „פראָלעטאריער“. דאָס שפײַזנ די פראָלעטאריער אפנ כעזשבנ פונ דער מעלוכע האָט אינ III יאָרהונדערט קימאט אופגעהערט; פארלאָרנ דאָס אומזיסטע ברויט, האָבנ די „פראָלעטאריער“ אָנגעהויבנ אוועקגיינ אינ דאָרפישע ערטער אונ נעמענ באצירקנ ערד פאר לײַב-שטײַער. אונ אינ די בײַגרענעצדיקע געגנטנ פלעגנ די באזיצער

פונ די לאטיפונדיעס אָפּגעבנ אפ אזעלכע באדינגונגענ ערד די גערמאנער.

אָט די גאנצע מאסע נײַע האלב-לײַבײגענע מענטשנ האָט מענ א נאָמענ געגעבנ מיט דעם אלגעמײנעם נאָמענ קאָלאָנס, ד. ה. „ארבעטער אפ דער ערד". די אימפּעראטערס האָבנ, פאר-שטײט זיכ, באלײגט די קאָלאָנס מיט שטײַער אונ, קעדײ צו באוואָרענענ דאָס אָפּצאָלנ די שטײַערנ, האָבנ זײ קאָלאָנס פונ קנעכט פארבאָטנ פארקויפנ אָנ ערד.

144. דער איבערגאנג צו פעאָדאלער אָרדענונג אינ דער אימפּע-ריע פונ III—IV יאָרהונדערטנ. די קאָלאָנס זײַנענ געווענ אזוינע אָפּהענגיקע פויערים, ווי די פויערים אינ די פעאָדאלע ווירט-שאפטנ. איבערגײענדיק צו דעם פעאָדאלנ ווירטשאפט-אויפנ, פלעגנ זיכ די שקלאפנבאזיצער אויכ פארוואנדלענ אינ פעאָ-דאלנ. זײ פלעגנ ווערנ ניט בלויז שקלאפנבאזיצער, נאָר אויכ קלײנע פעאָדאלע הערשער.

אָנהײבנדיק פונעם IV יאָרהונדערט, איז די רוימישע מיליטער-אָרגאניזאציע פול-שטענדיק צעבראָכנ געוואָרנ דורכ דעם קאמפּ מיט די גערמאנער. דער באפעסטיקטער רײנ-גרענעצ איז אינ אײניקע ערטער דורכגעריסנ געוואָרנ אונ דורכ די שפּאלטנ האָבנ אָנגעהויבנ דורכרינענ קײנ גאליע, צאָפנ-איטאליע אונ מאקעדאָניע גערמאנישע אָטריאדנ. זײ פלעגנ מיט גוואלד פארכאפּנ פאר זיכ די ערד אונ באזעצנ זיכ אינ די דאָרפישע געמײנדעס. די שוצ קעגנ די דאָזיקע אָנופהערלעכע אינוואזיעס אונ פארכאפּונגענ האָבנ געמוזט אפ זיכ נעמענ די גרויסע ערדבאזיצער.

זײערע הויפנ פלעגנ זײ ארומפירנ מיט געבויעטע ווענט אונ מיט רויענ אונ פלעגנ פונ זײערע מענטשנ אָרגאניזירנ באוואָפנטע אָטריאדנ. ווענ עס פלעגט קומענ א גערמאנישער אָטריאד, פלעגט זיכ די הויפ-באפעלקערונג באהאלטנ הינטער די פעסטונג-ווענט, אונ די מיליטערישע דרוזשינע פלעגט זיכ פרווונ פארטרײַבנ די גער-מאנער. אמאָל פלעגט זיכ דאָס אײַנגעבנ, אמאָל פלעגט אויסקומענ שאָלעם מאכנ מיט די גערמאנער אונ איבערלאָזנ זײ א טײל ערד. פּראָטעקציע אונ שוצ פלעגנ איצט בא אזעלכע גרויסע ערדבאזיצער זוכנ פיל קלײנע מענטשנ. צו זײ פלעגנ קומענ אנטרונענע פונ די שטעט, וואָס די גערמאנער פלעגנ רויִנירנ,—האנט-ווערקער, רויִנירטע סאָכרים, שטאָטישע קנעכט. די הארנ פלעגנ זײ געבנ שוצ פאר לײַבשטײַער אונ פאר ארבעט, אזוי האָבנ זיכ באוויזנ לײַבײגענע האנטווערקער אונ קלײנע מיליטערישע דינסטלײַט. אונ די גרויסע ערדבאזיצער האָבנ זיכ פארוואנדלט אינ קלײנינקע קיניגנ אינ זײערע באזיצנ. זײ פלעגנ פארטײדיקנ זײערע אונ-טערטאנענ, מישפּעטנ זײ, אופמאָנענ בא זײ טשינש אונ לעבנ פונ זײער מי.

די אימפּעראטערס האָבנ ניט נאָר ניט געשטערט דער פארוואנד-לונג פונ די פריִערדיקע קנעכטבאזיצער אינ פעאָדאלנ, נאָר זײ פלעגנ דאָס אפילע שטיצנ. זײ אלײנ זײַנענ געווענ אינ א העכסט

שווערער לאגע. דער קאַמף אַף צוויי פראָנטן, מיט די גערמאַנער און מיט די פערסן, האָט געצוווּנגען די אימפעראַטערס צו צעטיילן די אימפעריע אַף טײלן. פונעם IV יאָרהונדערט ביז דעם סאָף פון איר עקזיסטענץ איז די די רוימישע אימפעריע געווען צעטיילט אַף 2 טײלן — די מיזרעכדיקע אימפעריע און די מײַרעוודיקע אימפעריע. בא דעם שטענדיקן קריג-צושטאַנד און בא דער צעשטערונג פון אַלע קאָמוניקאַציע-וועגן האָבן די אימפעראַטערס ניט געקאָנט פאַרוואַלטן מיט זייערע געגנטן און אײַנמאָנען די שטײַערן דורך זייערע באַאַמטע. אויסנוצנדיק די פאַרשטאַרקטע ווירקונג פון די אָרטיקע גרויסע ערדבאַזיצער, פלעגן די אימפעראַטערס באַשטעטיקן זייערע נײַע באַזיצרעכט און זיי איבערגעבן דאָס אויפמאָנען די שטײַערן פון זייערע קאָלאָנס און אַנדערע אונטערטאַנער, אַזוי אויך אָנעמען רעקרוטן אין דער אַרמיי.

די שקלאַפנבאַזיצערישע אָרדענונג איז זיך צעפאַלן. עס איז פאַרשוווּנדן די קנעכטשאַפט, עס זײַנען פאַרשוווּנדן די אָפּגעלאָזענע, פאַרקאַפּצנטע פרײַע מענטשן, וואָס פלעגן פאַראַכטן אַרבעט ווי אַ קנעכטישע באַשעפטיקונג. אינוויײניק אין דער צעפאַלנדיקער רוימישער שקלאַפנבאַזיצערישער אימפעריע האָט זיך געהאַלטן אין שאַפן אַ נײַע פעאָדאַלע געזעלשאַפט.

16. די אויסבילדונג פון דער קריסטלעכער מעלוכישער קירכע. ווען עס האָט זיך ענדע II יאָרהונדערט אָנגעהויבן דער קריזיס פון דער רוימישער אימפעריע, האָבן די עקספּלואַטאַטערס געפונען אינעם קריסטנטום אַ זיכער געווער אַף אונטערשטיצן זייער מאַכט.

ענדע II יאָרהונדערט האָט זיך דער סאָציאַלער באַשטאַנד פון די קריסטלעכע געמיינדעס שטאַרק געענדערט. עס זײַנען פון זיי אַוועק פיל „פּראָלעטאַריער" און קנעכט, וואָס האָבן זיך אַנטוישט אין קריסטוסעס „קומען". דערפאַר האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל פאַראַזיטישע עלעמענטן. אין די קריסטלעכע געמיינדעס האָבן זיך באַוויזן פיל רײַכע און הויכגעשטעלטע מענטשן, וואָס האָבן באַוווּסטזיניק געשטרעבט צו פאַרוואַנדלען די קריסטלעכע רעליגיע אין אַ געווער פון זייער הערשאַפט און עקספּלואַטאַציע.

די „פּרעסוויטערס" און „פּאַטערס" פון דער קריסטלעכער „קירך" (ד. ה. געמיינדע) זײַנען איצט געווען קימאַט אויסשליסלעך פון צווישן דעם עקספּלואַטאַטערישן אויבערשיכט. האָבן זיי איצט אויך אַרויסגערוקט אַ נײַע קריסטלעכע אידעאָלאָגיע. יעדער מענטש, פלעגן זיי פּרײדיקן, וועט גלײַך נאָך זײַן טויט באַקומען זײַן עמעסן לוין. ווער עס גלייבט אין קריסטוסן און פילט אויס זײַנע געבאָטן, דער וועט אָנקומען אין גאַניידן צו קריסטוסן און וועט באַקומען אייביק גליק; און ווער עס גלייבט ניט אָדער פילט אויס שלעכט די קריסטלעכע געבאָטן, דער וועט אַרײַנפאַלן אין גענעם, ווו עס וועלן אים שטענדיק מאַטערן ניטגוטע. דאָס לעבן אַף דער וועלט, האָבן זיי געלערנט, איז נאָר אַ צײַטווײַליק; דאָ קומט אויס פיל צו לײַדן, הונגערן, לעבן אין טרערן און אין אָרעמקײַט. אָבער דאָס לעבן אַף יענער וועלט איז אַן אייביקס; ווער עס וועט איבערלײַדן זײַן צײַטווײַליק לעבן ביזן סאָף, דער וועט געראַטעוועט ווערן.

די דאָזיקע נײַע אידעאָלאָגיע איז געווען די פּרײדיקונג פון געהאָרכזאַמקײַט און האַכנאָעדיקײַט. זי האָט גערופן אָפּ-

צוזאָגנ זיכ פונ קלאסנקאמפ, נאָכ מער, זי האָט דערקלערט דעמ קלאסנקאמפ פאר א טויט-זינד. ווענ עס פלעגנ זיכ געפינענ אזעלכע קריסטנ פונ די ארבעטנדיקע, וואָס פלעגנ אָנווײַזנ אפנ לײדיקגײערישנ, פאראזיטישנ לעבנ פונ די רײַכע אונ פלעגנ זאָגנ, אז די רײַכע—דאָס זײַנענ דעמ טײַוולס דינער, פלעגנ די „פרעסוויטערס" אונ די „פאָטערס" שארפ קעגנ דעמ דערווידערנ. רײַכטומ איז ניט פונעמ טײַוול, פלעגנ זײ לערנענ, נאָר פונ גאָט, אונ גאָט גיט דאָס, וועמענ ער וויל. די גאנצע זאכ איז נאָר אינ דעמ, וויאזוי באנוצנ זיכ מיטנ רײַכטומ. רײַכטומ קאָנ זײַנ א „טיר אינ גאנײדנ", אויב דער רײַכער גיט אָפּ א טייל פונ זײַנע מיטלענ אפ אויסצוהאלטנ די קריסטלעכע געמײנדע אונ העלפט דערמיט די אָרעמע מיטגלידער.

אָט די נײַע אידעאָלאָגיע האָט אינ III יאָרהונדערט צוגעצויגנ צומ קריסטנטומ די אויפמערקזאמקײַט פונעמ עקספלואטאטאָרישנ אויבערשיכט פונ דער רוימישער געזעלשאפט. די עקספלואטאטערס האָבנ אײַנגעזעענ, אז מע דארפ דאָס קריסטנטומ שטיצנ אונ פארשפרײטנ. אינ רוימ, אנטיאָכיע, אלעקסאנדריע, ניקײע א. אנד. גרעסטע שטעט האָבנ זיכ צומ קריסטנטומ פארײניקט די רײַכע אונ אדלשטאמיקע לײַט אונ זײ פלעגנ געבנ מיטלענ אפ אויסהאלטנ די געמײנדעס. די אומפארמעגלעכע מיטגלידער פונ די געמײנדעס פלעגט מענ געבנ טעגלעכ אומזיסטע מיטיקנ; אינמיטנ III יאָרהונדערט פלעגט מענ אזוי טעגלעכ שפּײַזנ אינ רוימ העכער 1500 מאנ. אויסער דעמ, פלעגט מענ ארויסגעבנ שטיצע אפנ פאל פונ א קרענק אָדער אנ אומגליק, אזוי אויכ אפ מעקאבער זײַנ. מיט די דאָזיקע גראָשנדיקע נעדאָוועס פלעגנ די אָנפירער פונעמ קריסטנטומ צוציִענ אינ די געמײנדעס צענדליקער טויזנטער אָנהענגער אונ זײ פארדולנ מיט זײער פרײדיקונג וועגנ „ליבע צומ מענטשנ, ווי צו זיכ זעלבסט", וועגנ דעמ נוצ פונ רײַכטומ אינ די הענט פונ די רײַכע אונ מיט מיטוסנ וועגנ יענערוועלטיקנ גליק פונ די קריסטנ אונ וועגנ די לײדנ פונ די ניט-קריסטנ אינ גענעמ. אינ די שווערע צײַטנ פונעמ III יאָרהונדערט, ווענ די לאגע איז געוואָרנ אנ אויסוועגלאָזע, האָט די דאָזיקע פרײדיקונג געהאט דערפאָלג, אונ אינ אָנהײב IV יאָרהונדערט איז דאָס קריסטנטומ געוואָרנ די סאמע פארשפרײטסטע רעליגיע אינ דער אימפעריע.

דער אימפעראטער קאָנסטאנטינ, וואָס האָט רעגירט אינ דעמ 1-טנ פערטל פונעמ IV יאָרהונדערט, האָט די דאָזיקע לאגע דיסקאָנטירט אונ אינ 313-טנ יאָר האָט ער אנערקענט די קריסטלעכע רעליגיע פאר דער הערשנדיקער אינ דער רוימישער אימפעריע. אונ די קריסטלעכע קירכ האָט אנערקענט קאָנסטאנטינענ פאר א „געזאלבטנ פונ קריסטוסנ" אונ פאר דעמ הויפט פונ דער קירכ. אָט אזוי איז די קריסטלעכע קירכ געוואָרנ דאָס אָפיציעלע געווער פונ דער מעלוכע-מאכט. אונ פונ דער רוימישער אימפעריע איז דאָס קריסטנטומ איבערגעגאנגענ צו די גערמאנער אונ די סלאוונ. אומעטומ פלעגנ דעמ קריסטנטומ נעמענ אונטער זײער שוצ די קיניגנ אונ פעאָדאלנ אונ אומעטומ איז דאָס קריסטנטומ געוואָרנ דאָס סאמע אכזאָריעסדיקע, דאָס סאמע פאסקודנע געווער פאר עקספלואטאציע פונ די ארבעטנדיקע.

146. דאָס פאלנ פונ דער רוימישער אימפעריע. ענדע IV יאָרהונדערט האָבנ דורכנ גרענעצ פונ דער אימפעריע זיכ אָנגעהויבנ דורכזאפנ ניט נאָר אײנצלנע ניט קײנ גרויסע אָטריאדנ, נאָר אויכ גאנצע גערמאנישע שוואָטימ. דער שיוועט גאָטנ איז ארײַנגע-

דרונגענ אינ דער אימפעריע פונ הינטער דעמ דונײַ; דער אימפעראטער **איז געװענ גע־צװונגענ** אויסצוטײלנ זײ ערד אפנ באלקאנישנ האלב־אינדזל און **אנערקענענ** זײ פאר זײַנע פארבינדעטע. אונ אינ V יאָרהונדערט האָבנ די גערמאנישע שװאָטימ אָנגעהויבנ אײנער נאָכנ צװײטנ דורכ־רײַסנ זיכ פונ הינטער דעמ רײנ אינ די גרענעצנ פונ דער אימפעריע. זײ האָבנ פארנומענ גאליע, שפאניע, איטאליע און זײַנענ אריבער אפילע קײנ אפריקע.

אינ 476־טנ יאָר האָבנ די גערמאנער אראָפגעװאָרפנ דעמ דעמלטיקנ מײַרעװודיקנ אימפעראטער **ראָמול** אװגוסטול. אפ זײַנ אָרט האָבנ זײ ארופגעזעצט אלס דעמ קאָנונג (קיניג) פונ איטאליע דעמ גערמאנישנ פירער אָדאָאקער.

אָט אזוי זײַנענ אומגעקומענ די שקלאפנבאזיצערישע געזעלשאפטנ. אָבער זײערע קולטור־דערגרײכונגענ זײַנענ ניט אומגעקומענ. זײ זײַנענ, װי מיר װײסנ שוינ, איבערגענומענ געװאָרנ דורכ די הײַנטצײַטיקע אײראָפײִשע פעלקער און זײַנענ ארײַנגעגאנגענ אינ באשטאנד פונ דער הײַנטצײַטיקער קולטור. מענ קאָנ זאָגנ, אז „אָנ דעמ פונדאמענט, װאָס איז פארלײגט געװאָרנ פונ גריכנלאנד און רוימ, װאָלט אויכ ניט געװענ די הײַנטצײַטיקע אײראָפע" (ענגעלס).

פססר, װאָס בויט די אָנקלאסנדיקע סאָציאליסטישע געזעלשאפט, נעמט פונ אָט דער טויזנטיאָריקער קולטור־ירושע פונ דער מענטשהײַט אלדאָס װערטפולע, װאָס קאָנ זײַנ נוצלעכ פארנ קאָמוניזמ.

כראָנאָלאָגישע טאבעלע

כראָנאָלאָגישע טאַבעלע

מעסאָפּאָטאַמיע	עגיפּטע און פֿיניקיע	כינע	גריכנלאַנד	רוים
די יאָרנ ביזנ אָנהייב פונ אונדזער ערע				
5000 — 4000. די עפּאָכע ווענ עס בילדנ זיכ אויס די פעאָדאַלע פירשטנטומס.	5000 — 4000. די עפּאָכע פונ באַזונדערע פעאָדאַלע פירשטנטומס.			
4000 — 3000. די אורעלטסטע פעאָדאַלע קיניגרײַכנ.	4000 — 3300. די עפּאָכע פונ צוויי קיניגרײַכנ.			
	3300. די פאַרייניקונג פונ עגיפּטע.			
2800 — 2500. אנטוויקלונג פונעם האַנדל. אופקום פונעם סאָכרימ-שטאַנד.	2800 — 2500. די פּאַרעס־די בויער פונ די גרעסטע פּיראַמידנ.			
2700 — 2600. פויערימ־אויפשטאַנדנ, איבערקערענישנ אונ רעפאָרמעס.	2800. די ערשטע ידיעות וועגנ די פיניקיישע שטעט. דער האַנדל פונ עגיפּטע מיט [illegible]עבאַל.			
2600 — 2200. דאָס קיניגרײַכ פונ שומער אונ אקאַד.	2500 — 2200. די ערשטע עפּאָכע פונ די פירשטלעכע אומרוענ אונ פויערימ־אויפשטאַנדנ.			
2050—1800. באַווילישע קיניגרײַכ.		2000—1122. די עפּאָכע פונ באַזונדערע פעאָדאַלע פירשטנטומס.		
1950 — 1100. אַסיריע ביז אירע דעראָבערונג־מילכאָמעס.	1800 — 1600. די צווייטע פויערשע מילכאָמע. די סאָציאַלע איבערקערענישנ. די אינוואַזיע פונ די היקסנ אונ די אונטערדריקונג פונ דער רעוואָליוציע.			
1100. דער אָנהייב פונ די ערשטע דעראָבערונג־מילכאָמעס פונ אַסיריע.	1600 — 1200. די מיליטעריש־פעאָדאַלע דעספּאָטיע.		1700 — 1200. די פאַרגריכישע קיניגרײַכנ אפ קר[illegible], אינ מיקענ אונ אַנד. געגנטנ פונ גריכנלאַנד.	

880—668. דער צווייטער פּע־ריאָד דעראָבערונג־מילכאָמעס, די אסירישע מיליטערישע מעלוכע.

606. דער כורבנ פונ דער אסי־רישער מעלוכע.

1375 — 1350. אמענהאָטעפּ־דעמ IV־טנס (עכנאַטאָנס) קאמפּ קעגנ פּריסטערטומ אונ דער בי־צאָכנ פונעמ פּריסטערטומ.

1200 — 668. די יערידע־עפּאָכע. פּאלעסטינע פארלירט סיריע. עגי־פּעט צעפאלט זיכ אפ דער פּריסטע־רישער מעלוכע פונ אויבערשטנ עגיפּעט אונ דעמ קיניגרייכ פונ אונטערשטנ עגיפּעט.

668. אסיריע נעמט איינ עגיפּעט.

1120—220. דאָס פעאָדאלע קי־ניגרייכ טשושאָו.

1500 — 1000. גריכנלאנד נעמט איינ דעמ באלקאנישנ האלב־אינדזל, די אינדזלענ אפנ עגייִשנ יאמ אונ דעמ ברעג פונ קליינ־אזיע.

1000—700. די צעפאלונג פונ דער שטאמ־אָרדענונג. אופקומ פונ די פּאָליסנ.

800—600. די קאָלאָניזירונג אונ אנטוויקלונג פונ מעלאָכעס פאר אָפּזאצ אונ האנדל.

776. דער אָנהייב פונ דער גרי־כישער צייט־ציילונג לויט די אָלימפּיאדעס.

660—500. דער קלאסנקאמפּ אינ די גריכישע פּאָליסנ.

594. סאָלאָנס רעפאָרמעס אינ אטענ.

VIII — VII יאָרהונדערטנ. די צע־פאלונג פונ דער שטאמ־אָרדענונג בא די לאטייִנער אונ דער אופ־קומ פונ די לאטייִנישע שטאָטי־שע געמיינדעס. די גרינדונג פונ רוימ.

יאָרן ביז אָנהייב פון אונדזער ערע

מעסאָפּאָטאַמיע	עגיפּטע און פיניקיע	כינע	גריכנלאַנד	רוים
525—537. דאָס לאַנד ווערט איינגענומען פון פּערסיע.			528—550. פּיסיסטראַטס טיראַניע אין אַטען. דער אָנהייב פון דער שקלאַפנבאַזיצערישער ווירטשאַפט.	
			510. די קליספענישע „דעמאָקראַטישע“ קאָנסטיטוציע אין אַטען.	510. בערעך אין י. 510. אויסבילדונג פון דער רוימישער פּאַטריציישער רעפּובליק.
			479—492. די גריכיש־פּערסישע מילכאָמעס.	V — VI י. ה. דער קאַמף פון די פּאַטריציער קעגן די פּלעבייער.
			431—478. דער אויפבלי פון דער שקלאַפנבאַזיצערישער ווירטשאַפט. די אַטענישע שקלאַפנבאַזיצערישע מעלוכע. דער קולטור־אויפבלי (וויסנשאַפט, ליטעראַטור, קונסט, טעאַטער).	
			404—431. די פּעלאָפּאָנעסער מילכאָמע און דער אויפשטאַנד פון די קנעכט און פון אַטענס פאַרבינדעטע.	266—400. די דעראָבערונג פון איטאַליע. אָנהייב פון דער שקלאַפן־באַזיצערישער ווירטשאַפט.
			370—404. די מילכאָמעס קעגן ספּאַרטע און קעגן פּערסיע.	
			338—370. רויִנירונג פון די האַנטווערקער און פּויערים. פאַרשאַרפונג פון די קלאַסן־ווידערשפּרוכן. אויפשטאַנדן פון די ערדלאָזע און אַרבעטלאָזע. אויפקום פון דער מאָנאַרכיסטישער פּאַרטיי.	

331—332. דאָס לאַנד ווערט איינגענומען פון די גריכן.

220. די אויסבילדונג פון דער ערשטער פעאָדאַלער אימפּעריע.

338. גריכנלאַנד ווערט אונטער־טעניק דעם מאַקעדאָנישן קיניג.

300—334. אַלעקסאַנדערס מאַרש אויפן מיזרעך. די גריכישע קאָלאָני־זאַציע פונעם מיזרעך. די אויסביל־דונג פון די העלעניסטישע קי־ניגרייכן פון די סעלעווקידן (סיריע) און די פּטאָלעמייער (עגיפּטן).

III־טער י. ה. דער אויפבלי פון העלעניסטישן האַנדל און קולטור. די אָרגאַניזירונג פונעם מוזיי אין אַלעקסאַנדריע.

II יה. פאַרשטאַרקונג פונעם קלאַסן־קאַמף אין גרינלאַנד, אומגעזע־מיקע אויפשטאַנדן פון ערדלאָזע.

146—148. רוים נעמט איין מאַקעדאָניע און גריכנלאַנד.

241—264. די ערשטע מילכאָ־מע קעגן קאַרטאַגען. דעראָבע־רונג פון סיציליע.

202—218. די צווייטע מילכאָ־מע קעגן קאַרטאַגען. די אויס־בילדונג פון פּראָווינצן.

180—200. אויפבלי פון דער שקלאַפן־באַזיצערישער ווירט־שאַפט אין דער רוימישער מעלו־כע. רויגירונג פונעם פּריעטום, די אויסבילדונג פון גרויסע לאַנדווירטשאַפטלעכע גיטער. די רויבערישע עקספּלואַטאַציע פון די פּראָווינצן.

132—140. דער שקלאַפן־אויפ־שטאַנד אין סיציליע.

128—131. דער שקלאַפן־אויפ־שטאַנד אין קליינאַזיע.

מעסאָפּאָטאַמיע	עגיפּעט אונ פיניקיע	כינע	גריכנלאַנד	רוים
				131—133. טיבעריוס אונ גראַקכוס רעפאָרמעס.
				130—131. די עפּאָכע פונ בירגער־אומרוענ.
				121—123. קײוס גראַקכוס דיקטאַטור.
				100—105. מאַריוס דיקטאַטור.
				82. סולעס דיקטאַטור.
				81—83. ספּאַרטאַקס אופשטאַנד.
				די 60־ער יאָרנ. דעראָבערונג פונ קלײנ־אַזיע, פּאַלעסטינע אונ סיריע.
				44—60. די דערהײבונג פונ יוליוס צעזאַר. די דעראָבערונג פונ גאַליע. די איבערקערעניש אינ רוים (49). דער בירגער־קריג. צעזאַרס דיקטאַטור (44—45).
				30—43. דער לעצטער בירגער־קריג אונ דאָס אײנשליסנ עגיפּעט אינ דער רוימישער אימפּעריע.
	30. עגיפּעט ווערט אײנגעשלאָסנ אינ דער רוימישער אימפּעריע.			30. אווגוסט, דער ערשטער אימפּעראַטער.

די יאָרנ ביזנ אָנהייב פונ אונדזער ערע

18—23. דער פויערים אופשטאנד פון די „געלע טיורבאנען״.

184—186. דער פויערים־אופשטאנד פון די „רויטברעמיקע״.

בערעך אין 300־טן. צעפאלונג פון דער ערשטער אימפעריע.

I י. ה. פיוווג דורכצופירן געזונטמאכערישע רעפאָרמעס.

II—III. י. ה. די אינוואזיע פון די גערמאנער און פערסן. דער קריזיס פון דער שקלאפנבאזיצערישער ווירטשאפט. דער אופקום פון קאָלאָנס. אָנהייב פון דער פעאָדאליזירונג פון דער רוימישער אימפעריע.

IV י. ה. די צעפאלונג פון דער אימפעריע אפ מיזרעכדיקער און מײַרעוודיקער.

470—476. די גערמאנער פארנעמען די מײַרעוו־אימפעריע.

אינהאלט

I. אריַינפיר

1. וואָס איז אזוינס געשיכטע? (3). 2. קלאַסנקאַמפ אינ דער געשיכטע (4). 3. פונוואַנענ ווייסנ מיר וועגנ דער פאַרגאַנגענהײַט (5). 4. וויאַזוי רעכנט מענ די צײַט אינ דער געשיכטע? (6).

II. די פאַרקלאַסנדיקע געזעלשאַפט

1. די אורעלטסטע יעגערישע קאָמונע.

5. פונוואַנענ דערוויסנ מיר זיכ די געשיכטע פונ דער פאַרקלאַסנדיקער געזעלשאַפט? (9). 6. די אָפּשטאַמונג פונ דעמ מענטשנ (10). 7. מיט וואָס שיידט זיכ דער מענטש אונטער פונ א חיה? (14). 8. די נאַטור אונ דער קלימאַט פונ אייראָפּע אינ דער עפּאָכע ווענ עס האָט זיכ באַוויזנ דער מענטש (16). 9. די געצײַג פונ דעמ אורעלטסטנ מענטשנ (18). 10. דאָס לעבנ פונ די ערשטע מענטשלעכע קאָמונעס (20). 11. נײַע געצײַג אונ פײַער (22). 12. נײַע יעגערײַ־אויפאַנימ אינ סאָפּ פונעמ דריטנ צווישנאײַזיקנ פעריאָד (24). 13. וווינונגענ אונ קליידונג (26). 14. טאָטעמישע געזעלשאַפטנ (27).

2. די שטאַמ־קאָמונע.

15. דער אָנהייב פונ אײַנגעזעסענעמ לעבנ (30). 16. נײַע געצײַג, ערדאַרבעט אונ פיצוכט (32). 17. דער אָנהייב פונ דער שטוביקער האַנטווערקערײַ (36). 18. מוטערלעכע שטאַמענ (37). 19. אַקערישע ערדאַרבעט (39). 20. פאָטערלעכע שטאַמענ (41). 21. פיצוכט־ווירטשאַפט אונ דער אָנהייב פונ אויסטויש (43). 22. פיציכטלערישע פאָטערלעכע שטאַמענ (45). 23. קופערנע אונ בראָנזענע געצײַג (46). 24. דער אופקומ פונ אומגלײַכקײַט (48). 25. פאַטריאַרכאַלע קנעכטשאַפט (50). 26. דאָרפישע געמיינדעס (51).

3. די אנטשטייונג פונ שפּראַכ, קונסט, מאַגיע, רעליגיע אונ שריפט.

27. די אנטשטייונג פונ שפּראַכ (53). 28. די אנטשטייונג פונ רעליגיע (55). 29. מאַגיע אונ קונסט (56). 30. די טאָטעמישע רעליגיע (58). 31. דער קולט פונ גײַסטער אונ אורפאָטערס (60). 32. קישעפמאַכער, שאַמאַנענ, פּריסטערס אונ זייער עקספּלואַטאַטאָרישע ראָליע (63). 33. די אנטשטייונג פונ שריפט (65).

III. אוראַלטער מיזרעכ

1. די אורעלטסטע מעלוכעס אינ די טײַכ־טאָלנ.

34. די טײַכ־טאָלנ פונ מעסאָפּאָטאַמיע, נילוס אונ כואַנ־כע (67). 35. פונוואַנענ ווייסנ מיר די געשיכטע פונעמ אוראַלטנ מיזרעכ (67).

2. מעסאָפּאָטאַמיע.

36. שינאַר, איר באַפעלקערונג אונ נאַטור (68). 37. וואַסער־אײַנריכטונגענ (69). 38. די אויסבילדונג פונ די אורעלטסטע פעאָדאַלע פירשטנטומס (70). 39. די אָרגאַניזאַציע פונ דער פּראָדוקציע אונ די עקספּלואַטאַציע פונעמ פויערטומ (72). 40. די שומעריש־אַקאַדישע פעאָדאַלנ

(75)• 41. די פעאָדאַלע אידעאָלאָגיע (76). 42. דער האַנדל פונ די פעאָדאַלנ אונ דער אופקומ פונעמ סאָכרימ־קלאַס (78). 43. די פויערימ־אופשטאַנדנ אונ די רעפאָרמעס (79)• 44. די פאַרייניקונג פונ שינאַר (81). 45• דאָס קיניגרײַך באָוועל (82)• 46. דער קלאַסנ־כאַראַקטער פונעמ קיניגרײַך באָוועל (84)• 47. די קיניגלעכע פאַנשטשינע (86). 48. די אַסירישע מיליטעריש־פעאָדאַלע דעספּאָטיע (87). 49. די כאַלדייִשע אונ פערסישע קיניגרײַכנ (92). 50. די פעאָדאַלע אָרדענונג פונ יִסראָעל אונ יעהודע (93). 51. די פעאָדאַלע רעליגיע (95). 52. דער קלאַסנ־קאַמפּ אינ יִסראָעל אונ יעהודע (96). 53. די רעליגיע אינ קאַמפּ קעגנ דער פויערשער רעוואָליוציע (97)• 54. די כאַלדייִשע אונ פערסישע קיניגרײַכנ (98). 55• די קולטור פונ באָוועל אונ איר ווירקונג (101).

3. עגיפּעט.

56. די נאַטור פונ עגיפּעט (104)• 57. די וואַסער־אײַנריכטונגענ אונ די פאַרייניקונג פונ עגיפּעט (105). 58• די אָרגאַניזאַציע פונ דעמ קלאַס פעאָדאַלנ (106). 59. די פעאָדאַלע עקספּלואַטאַציע פונעמ פויערטומ (108). 60• די קיניגלעכע אונ פּריוואַטלעכע פאַנשטשינע (110)• 61. דער האַנדל פונ די פּאַרעס (111). 62. פויערשע אופשטאַנדנ (115). 63. די מיליטער־פעאָדאַלע דעספּאָטיע אינ עגיפּעט (116). 64. די נײַע פאַרקנעכטונג פונ די פויערימ (118). 65. די רוישע באַרישע מאַרשנ פונ די פּויערישע פּאַרעס (119)• 66. דער קאַמפּ פונ די פּאַרעס קעגנ פּריסטערטומ אונ דער זיג פונעמ פּריסטערטומ (121). 67• די עגיפּטישע קולטור (123).

4. כינע.

68. דער טאָל כואַנ־כע (125)• 69. די פעאָדאַלע מעלוכע אינעמ טאָל כואַנ־כע (127). 70. די אויסבילדונג פונ דער פעאָדאַלער דעספּאָטיע (אימפּעריע) (128). 71. דער קלאַסנ־כאַראַקטער פונ דער כינעזישער אימפּעריע (130)• 72. די פויערשע אופשטאַנדנ אונ דאָס פאַלנ פונ דער ערשטער אימפּעריע (132).

IV. גריכנלאַנד

1. די אויסבילדונג פונ די שקלאַפנבאַזיצערישע געזעלשאַפטנ.

73. דאָס לאַנד אונ די באַפעלקערונג (135)• 74. די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג פונ די גריכנ אינ דער צײַט פונ דער איבערוואַנדערונג (137). 75• דאָס באַזעצנ זיכ אונ די צעלייגונג פונ דעמ שטאַמ־שטייגער (138)• 76. די גריכישע פּאָליסנ פונ X—VII יאָרהונדערטנ (140). 77. די זינגער אונ האָמערס פּאָעמעס (141). 78• האַנדלשע אונ רויבערישע עקספּעדיציעס אונ נײַע איבערוואַנדערונגענ (143). 79. די אַנטוויקלונג פונ האַנדל אונ האַנטווערקערײַ אפּ אָפּוצ (144). 80• דער קלאַסנקאַמפּ אינ VII — VI יאָרהונדערטנ (145)• 81. דער קלאַסנקאַמפּ אינ VI יאָרהונדערט אינ אַטענ (147)• 82• קליספענס דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציע (150)• 83. דער אָנהייב פונ דער שקלאַפנבאַזיצערישער ווירטשאַפט (151)• 84• ספּאַרטע אונ דער פּעלאָפּאָנעסער פאַרבאַנד (152).

2. די גריכישע שקלאַפנבאַזיצערישע מעלוכעס פונ V יאָרהונדערט.

85. די גריכיש־פּערסישע מילכאָמעס (154). 86. דער אַטענער יאַם־פאַרבאַנד (156). 87. די שקלאַפנבאַזיצערישע פּראָדוקציע אינ גריכנלאַנד (157)• 88. די אַטענישע שקלאַפנבאַזיצערישע מעלוכע (158). 89. די אינדוסטריעלע פּראָדוקציע אינ אַטענ (159)• 90. די לאַנדווירטשאַפט אונ דער האַנדל אינ אַטענ (163)• 91. די אַטענישע שקלאַפנבאַזיצערישע פּראָדוקציע (165)• 92. די אופשטאַנדנ פונ די קנעכט (167). 93. די שקלאַפנבאַזיצערישע אידעאָלאָגיע (168). 94. פרײַדענקער אונ אַטעיִסטנ (169)• 95. די רעליגיע פונ די גריכנ אונ איר פּאָליטישע ראָליע (170). 96. קונסט (173). 97• טעאַטער (175)• 98. די פּעלאָפּאָנעסישע מילכאָמע (179). 99. דאָס פאַלנ פונ דער אַטענישער מעלוכע אונ די אָפּשוואַכונג פונ ספּאַרטע (181)•

3. דאָס פאַלנ פונ די גריכישע שקלאַפנבאַזיצערישע מעלוכעס.

100. די פאַרברייטערונג פונ דער קנעכט־ווירטשאַפט נאָכ די מילכאָמעס (182). 101. די פאַר־שאַרפונג פונ די קלאַסנ־ווידערשפּרוכנ (184). 102. רעוואָליוציאָנערע לאַזונגענ אונ אופ־שטאַנדנ (185). 103. די גרינדונג פונ דער מאַקעדאָנישער פּאַרטיי אונ איר פּראָגראַמ (187). 104. דאָס מאַקעדאָנישע קיניגרײַכ (189). 105. די פאַרייניקונג פונ גריכנלאַנד אונטער דער מאַקעדאָנישער מאַכט (190). 106. די דעראָבערונג פונעמ מיזרעכ אונ די אויסבילדונג פונ העלעניזמ (190). 107. די העלעניסטישע פעאָדאַלע קיניגרײַכנ (191). 108. די נײַע האַנדל־וועגנ אונ נײַע עקאָנאָמישע צענטערס (192). 109. דער קלאַסנקאַמפ אינ די העלעניסטישע קיניג־רײַכנ (194). 110. דער קלאַסנקאַמפ אינ גריכנלאַנד אונ די רוימישע דעראָבערונגענ (197). 111. די העלעניסטישע קולטור (198).

V. רוימ

1. די אויסבילדונג פונ דער רוימישער שקלאַפנבאַזיצערישער מעלוכע.

112. די איטאַלישע געגנט אונ די געמיינדעס אינ VIII — IV יאָרהונדערטנ (201). 113. די צעפאַלונג פונ דער שטאַמ־אָרדענונג בא די לאַטײַנער (203). 114. די רוימישע רעפּובליק (205). 115. קלאַסנקאַמפ אינ רוימ אינ V—IV י. ה. (206). 116. די דעראָבערונג פונ איטאַליע אונ די רוימישע קאָלאָניזאַציע (208). 117. דער אָנהייב פונ דער שקלאַפנבאַזיצערישער ווירט־שאַפט אינ רוימ (210). 118. די דעראָבערונג פונעמ מיטללענדישנ יאַמ (211).

2. דער אויפבלי פונ דער גרויסער רוימישער שקלאַפנבאַזיצערישער מעלוכע.

119. די רוימישע שקלאַפנבאַזיצערישע מעלוכע (216). 120. דער שקלאַפנבאַזיצערישער אויפבנ פונ דער פּראָדוקציע אינ דער רוימישער מעלוכע (217). 121. די שקלאַפנבאַזיצערישע ווירט־שאַפט אונ די רויִנירונג פונעמ פויערטומ אינ איטאַליע (218). 122. קנעכט־אַרבעט אינ די שאַכטעס אונ אינ דער אינדוסטריע (220). 123. די רויבערישע עקספּלואַטאַציע פונ די פּראָ־ווינצנ (222). 124. די סענאַטישע שקלאַפנבאַזיצערישע רעפּובליק (224). 125. דער אופשטאַנד פונ די קנעכט (226). 126. די שקלאַפנבאַזיצערישע אידעאָלאָגיע (228). 127. די גריכישע קול־טור־ווירקונג (228).

3. קלאַסנקאַמפ אינ דער רוימישער מעלוכע אינ I יאָרהונדערט פאַר אונדזער ערע.

128. די פאַרשאַרפונג פונ די קלאַסנ־ווידערשפּרוכנ (230). 129. די מיליטערישע אונ די פויערשע כראַגנ (231). 130. דער פּרווו פונ קײַוס גראַקכ צו פאַרכאַפּנ די מאַכט (232). 131. דאָס אָרגאַניזירנ אַנ אַרמיי פונ „פּראָלעטאַריער“ (233). 132. אָנהייב בירגער־קריג (234). 133. דער אופשטאַנד פונ ספּאַרטאַקנ (237). 134. די רויִנירונג פונעמ נאָבילִיטעט (238). 135. דער סאָפ פונ דער סענאַטישער רעפּובליק (239).

4. די צעלייגונג פונ דער שקלאַפנבאַזיצערישער אָרדענונג אונ דער סאָפ פונ דער רוימישער אימפּעריע.

136. דער מיליטערישער כאַראַקטער פונ דער אימפּעריע (241). 137. די רויִנירונג פונ דער אימפּעריע נאָכ די בירגער־מילכאָמעס (242). 138. פּרווונ פונ פאַרגעזינטערונג־רעפאָרמעס (243). 139. די סיסטעמ פונ אַרויסגעבענישנ אונ פאַרוויִלונגענ (244). 140. דער קלאַסנקאַמפ אונ די קנעכט־אופשטאַנדנ (245). 141. דער אופקומ פונ קריסטנטומ (247). 142. די אינוואַזיע פונ די גערמאַנער אונ דער קאַמפ קעגנ זיי (249). 143. דער קריזיס פונ דער שקלאַפנבאַזיצערישער ווירטשאַפט אונ דער קאָלאָנאַט (251). 144. דער איבערגאַנג צו פעאָדאַלער אָרדענונג אינ דער אימפּעריע פונ III—IV י.ה. (252). 145. די אויסבילדונג פונ דער קריסטלעכער מעלוכישער קירכע (253). 146. דאָס פאַלנ פונ דער רוימישער אימפּעריע (254).

א באמערקטער דרוק-פעלער:

אף דער 2־טער זײַט אין דער 3־טער שורע פון אונטן: אָנשטאָט 16 1/2 דרוק־בויגן דאַרף זײַן 16 3/4 דרוק־בויגן.